STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05010

PORTRETN UN PROFILN

Yitzhak Kahn

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Henry Godfrey & Ginger Schnaper
in honor of
Mr. & Mrs. Joseph Godfrey

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק קאַהאַן

פּאָרטרעטן און פּראָפילן

YITZHAK KAHN

"PORTRETN UN FROFILN"
(PORTRAITS AND PROFILES)

COPYRIGHT 1979 by YITZHAK KAHN
7/42 WILGAH STREET, ST. KILDA, MELBOURNE, VIC. 3183
ALL RIGHTS RESERVED
INCLUDING THE RIGHT OF REPRODUCTION IN ANY FORM

PRINTED BY YORK PRESS PTY. LTD.
1-19 HODDLE STREET, ABBOTSFORD 3067, MELBOURNE, AUSTRALIA

יצחק קאַהאַן

מעלבורן, אויסטראַליע 1979

• הילע און אותיות געצייכנט פון **פאָול פערקאַל**

• די מיניאַטור־געמעלן — **דוד טושינסקי**

• פאָרטרעט־צייכנונג פון מחבר: **פעליקס טושינסקי**

וועלט
ראַט
פאַר יידיש
און יידישער
קולטור

„...די טרערן וואָס גייען שוין קיין מאָל נישט אוועק
בלייבן אין מענטש אויף אייביק״...
(איסאַק באַבעל „די יידישקע״)

א נר־תמיד
פאַר מיין אומפאַרגעסלעכער **חנהן,**
וואָס ליכטיקט אין מיין האַרץ
מיט בענקשאַפט און טיפן צער...



Ozer Tuszynski -

מיין **שמואלן** — מיט ליבשאַפט



דער מחבר יצחק קאהאן

TAILLEUR
TREIGNAC
- CORRÈZE -
DEVI

„דער אמת איז נישט דאָס, וואָס
איז געשען אָדער נישט געשען
אין איינער אָ נאַכט פון די נעכט.
דער אמת איז דאָס וואָס וועט
פאַרבלייבן אין מענטשלעכן זכרון
אויף אייביק״.

זאב זשאבאָטינסקי
(שמשון הגיבור)

„נעמט נישט מיט דאָס אַש
פון די אַלטע מזבחות,
— נאָר דאָס הייליקע פייער״

זשאַן זשאָרעס

אינהאַלט:

	זייט
אַריינפיר־וואָרט	11
געשיכטלעכע מאָטיוון	15
משה מענדעלסאָן און זיין דור	17
שטאָף פאַר אַ גרויסן ידיש־היסטאָרישן ראָמאַן	41
כאַראַקטער, גורל און געשיכטע	56
די קעניגין איזבל	80
יריחו	86
לעכער אינעם קריסטלעכן מיטאָס־שירעם	91
ישראל — אַן עכאָ פון אייביקייט	118
ר׳ יהודה הלוי אין רעטראָספּעקט פון אַ 900 יאָר	122
מיין באַזוך אין ר׳ יהודה הלויס שפּאַניע מיט 900 יאָר שפּעטער	135
ברוך שפּינאָזאַ	146
וועגן פאַרויסגאַנג פון דער וויסנשאַפט	159
אַמעריקע און אויסטראַליע	170
אַ קאַפּיטל געשיכטע פון פאַרשיקטע ידן אין אויסטראַליע	176
דער אויסטראַלישער נאַציאָנאַלער מיטאָס	181
ליטעראַרישע מאָטיוון	
בעלעטריסטיק — מאַי קאָ משמע לן?	189
דער ליטעראַרישער וועג פון באַשעוויס־זינגער	193
בעל־מחשבות און שמואל ניגער	222
ידישע שרייבערס אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער ליטעראַטור	236

דער הומאַניזם פֿון סאָל בעלאָ 260
„די אַנהייבערס" 269
„די באַנקראָטשיקעס" 273
איסאַק (יצחק) באַבעל 277
אָסיפּ (יוסף) מאַנדעלשטאַם 314

מיטן פּנים צו דער וועלט

לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי 333

מיניאַטורן

טשאַרלס דיקענס 358
ניקאָליי וואַסילעוויטש גאָגאָל 362
יאַראָסלאַוו האַשעק 363
היינריך און טאָמאַס מאַן 364
מאַרק טווען 366

אַ נײַ ליכט אויף פּאַסטערנאַקס לעצטע יאָרן 369
שפּריצן פֿון ליטעראַטור און לעבן 373
וועגן ערנעסט העמינגוועי און בערטראַנד ראַסעל 381
פּאַרצייכענונגען פֿון אַ שפּיטאָל־בעטל 386
מיטן פּנים — צו זיך: יידישע קולטור 392
די יידישע ליטעראַטור נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה . . 395

אריינפיר־ווארט

א

ווי דער לייענער וועט זען, טיילט זיך דאָס בוך אויס פון מיינע פריערדיקע מיט דער פאַרשידנאַרטיקייט פון דער טעמאַטיק און באַ־האַנדלונג. קודם, מיט דעם טייל פון געשיכטלעכע מאָטיוון, וועלכער נעמט אַרום אַ ברייטע גאַמע פון היסטאָרישע געשטאַלטן און פון געשעענישן און זאַכן וואָס מאַכן געשיכטע. בעיקר: די מענטשלעכע כוחות און די גרויסע יחידים, וואָס האָבן זייערע־פינגער־צייכנס איבער די אידייען, ראַנגלענישן און דעם פרצוף־פנים פון זייער צייט און תקופה, במילא, איבער די מיילן־שטיינער פון דעם גאַנג אין דער געשיכטע.

וואָס שייך די גרויסע גייסט־מענטשן, ביי וועלכע מיר זוכן אַ תשובה אויף די עקבערנדיקע פראַגן מיט וועלכע זיי פאַרנעמען זיך, דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד, וואָס כ׳האָב געהאָט געלייענט וועגן בערטראַנד ראַסעל. אַ שאָפער האָט אים געפירט ערגעץ אין זיין טעקסי. דער שאָפער האָט געוווּסט וועמען ער האָט ביי זיך, האָט ער אין מיטן פאָרן, פאַמיליאַר, אַ פרעג געטאָן זיין חשובן פּאַסאַזשיר: „וועגן וואָס גייט דאָ אַלץ, בערטיע?״... בערטראַנד ראַסעל האָט זיך לאַנג פאַרטראַכט און נישט געענטפערט אויף דער שאלה.

„עס איז טיפּיש, האָט דער שאָפער אַ זאָג געטאָן צו זיינע חברים, וועלכע ער האָט די מעשה דערציילט. עס זיצט הינטער מיר דער גרעסטער פילאָזאָף אין דער וועלט און קען נישט ענטפערן אויף אַזאַ פּשוטער פראַגע״.

פאַרשטייען מיר פון דעם עפּיזאָד, אַז פאַר בערטראַנד ראַסעל איז די פראַגע נישט געווען קיין פּשוטע, נאָר איינע פון די אויף וועלכע פילאָזאָפן זוכן אַן ענטפער פון די קדמונישע צייטן, וועגן זין און דאָס אַבסאָלוטע פונעם מענטשלעכן לעבן.

ב

אין די געשיכטלעכע מאָטיוון, וועלכע איך האָב אַרויסגעהויבן אין דעם בוך, האָב איך געזוכט דעם קשר צווישן כאַראַקטער, גורל און געשיכטע פון די געשטאַלטן, וואָס זענען געווען רעפּרעזענטאַנטיוו פאַר זייער דור און צייט: די גייסטיקע ראַנגלענישן, וואָס זיי האָבן

דורכגעמאַכט ביז זיי זענען געוואָרן היסטאָרישע פּאָרטרעטן, אָדער פּראָפילן, און ווי אַזוי מיר זעען זיי היינט פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו.

דאָס באַציט זיך נישט נאָר צו דער תּקופה פון דער דייטש־יידישער עמאַנציפּאַציע מיט אירע אַרויסגערוקטע פיגורן (וועלכע איך אַנאַליזיר אין עטלעכע אָפּהאַנדלונגען, וואָס זענען צווישן זיך סוזשעטיש און טיפּאָלאָגיש שטאַרק פאַרבונדן); נאָר אויך צו אַ גאָר ווייטער קדמונישער תּקופה, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דעם יעזוס־מיטאָס, אָדער אויף אַ גאָר אַנדער דימענסיע — דעם פּאָרויסמאַרש פון דער וויסנשאַפט דורך אַלע שטרויכלונגען און רעגרעסיעס. אָבער נאָך אַלע גרויסע דערפינדונגען אין דער טעכנאָלאָגיע און די דערגרייכונגען און אַנטדעקונגען אין אוניווערס, שטייט דער מענטש ווידער פאַר אַ גרויסן ספינקס וואָס איז פול מיט רעטענישן. איך וועל עס בעסער דערקלערן מיט אַביישפּיל פון אַרטור קעסטלערס אַ באַוווסטן בוך, און וועגן אַן אינטערוויו, וואָס האָט געהאַט מיט אים אַ שרייבער־זשורנאַליסט.

ווי באַקאַנט האָט אַרטור קעסטלער, דער טאַלאַנטירטער נאָוועליסט מיט אַ וועלט־נאָמען, זיך פאַרקערעוועט אין די פופציקער יאָרן צו אַן אַנדער זשאַנער — וויסנשאַפט — און איז אויף דעם געביט אויך אויסגעוואַקסן צו אַ גאָר הויכער מדרגה פון אַ וויסנשאַפטלעכן פאָרשער און דענקער און ווי אַזאַ — אויך מיט אַ טאַלאַנטירטער פען.

אין דעם אינטערוויו האָט קעסטלער אַזוי דערציילט וועגן זיך: „אין מיינע צוואַנציקער יאָרן האָב איך באַטראַכט דעם אוניווערס ווי אַן אָפן בוך, וואָס איז פול מיט מאַטעמאַטישע פאָרמולעס . אָבער איצט (ביי זיינע 73 יאָר) זע איך גאָר אַנדערש דעם אוניווערס: עפּעס ווי אַן אומלייענבאַרער שריפט, ווו מען קען נאָר, דאָ און דאָרט, פאַנאַנדערשיפרירן אַ וואָרט, דערקענען אַן אות, אָבער נישט דעם אינהאַלט". ווייל איך דאָ באַמערקן — עס דערמאָנט וועגן דעם אויך דער אינטערוויוער — אַז אַרטור קעסטלער האָט טאַקע פאַרעפנטלעכט אַ ווערק אונטער דעם טיטל „דאָס אומזעאיקע שריפט", וואָס האָט אַזאַ אַלעגאָריש־סימבאָלישן אינהאַלטס־מעטאַפאָר, וועלכן ס'איז כדאי דאָ צו ברענגען:

אַ קאַפּיטאַן פון אַ געוויסער שיף האָט געהאַט ביי זיך אין קעשענע אַ פאַרזיגלטן קאָנווערט מיט אַ באַפעל נישט צו עפענען אים פריער ביז ער וועט זיין היפש ווייט אויף די שבעה ימים. קוקט ער אויס דעם מאָמענט צו דערוויסן זיך דעם אינהאַלט פון דעם סודותדיקן בריוו, וואָס וועט פאַרענדיקן זיין אומזיכערקייט. אָבער ווען ער האָט ענדלעך שוין אויפגעריסן דעם קאָנווערט האָט ער דערזען אַ כתב וואָס מ'קען נישט איבערלייענען, טראָץ די אַלע כעמיקאַלישע

מיטלען וואָס ער האָט אָנגעווענדט. נאָך אַלע באַמיאונגען, האָט ער איינגעזען, אַז דער שריפט וועט שוין קלאָרער נישט ווערן. אפשר דאָ און דאָרט ווערט דייטלעכער אַ וואָרט, אַ פיגור, אָבער דאָס ווערט באַלד אויך צוריק פאַרבלאָסט. זעט ער לסוף דעריבער איין, אַז ער וועט שוין קיין מאָל נישט דערוויסן זיך דעם מיין פון מיסטעריעזן באַפעל, און צי האָט ער אים אויסגעפירט?...

אָבער, גיט צו דער מחבר, כאָטש ער וויסט נישט וואָס דאָרט איז געשטאַנען אָנגעשריבן, שוין די אָנונג גופא פון דעם פאַרזיגלטן באַפעל אין זיין קעשענע, האָט דעם קאַפּיטאַן געמאַכט אַנדערש פירן די שיף, אַנדערש דענקען, ווי אַ קאַפּיטאַן פון אַ לוסט־רייזע שיף, אָדער פון אַ פּיראַטן־שיף. דער אַנדייט פון דער אַלעגאָריע: וועגן דער רעאַליטעט און מיסטעריע פון לעבן און טויט, וואָס געהערן צו די אָנונגען פון מענטשלעכן לעבן און צו דעם שליסל, וואָס די וויסנ־שאַפט זוכט אינעם אוניווערס, הגם דער שריפט לאָזט זיך נישט, ביי אַלע טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען, פאַנאַנדערשיפרירן, אָבער שוין די אָנונג גופא פון דעם מיסטעריעזן לייגט ארויף אויפן מענטש התחייבותן פון גרויסער וויכטיקייט.

אפשר וועט דאָ זיין אויפן אָרט אויך צו דערמאָנען אַן אַקסיאָמע פון באַרימטן דענקער י. ב. האַלדעין, וואָס זאָגט: „רעאַליטעט איז נישט נאָך מער פאַנטאַסטיש ווי מיר מיינען אָדער ווי מיר טראַכטן; נאָר אפילו א סך מער, ווי מיר קענען זיך אַפילו פאָרשטעלן", ביים באַהאַנדלען די געשיכטלעכע געשעענישן פון די ווייטע, קדמונישע תקופות אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ווי אויך די נענטערע צו אונדזער צייט, האָב איך אויך געהאַט אין זינען האַלדעינס זאָג.

ג.

דער נייער טעסטאַמענט און דער יעזוס־מיטאָס גייט דורך אַ גרויסע רעוויזיע דורך ראַדיקאַלע קריסטלעכע טעאָלאָגן אויף עטלעכע קאָנטינענטן. די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין די לעצטע צענדליקער יאָרן און די אַנטדעקטע מגילות פון די ידישע סעקטעס פון יענער קדמונישער תקופה, האָט געוואָרפן אַ פּראָזשעקטאָריש ליכט אויף דעם לעבן און די פירונגען פון די איסייער און איינצייטיק צוגעטראָגן נייע באַווייזן פאַר די קריסטלעכע טעאָלאָגן, וואָס פירן דורך אַ גרינטלעכע רעוויזיע פון ברית החדשה און זיינע מחברים, היסטאָריקער און טעאָלאָגן ווייזן אָן אויף פיל סתירות אין די אַפּאָס־טאָלישע שריפטן און עס קומט לעצטנס פאַר אַ גאָר גרויסע דעבאַטע אין דער קריסטלעכער טעאָלאָגישער וועלט צווישן די אָרטאָדאָקסאַלע און ראַדיקאַלע קריסטלעכע פאָרשערס.

אַט די דעבאַטע און רעוויזיע האָב איך אריינגענומען, אין דער

לענגערער אָפּהאַנדלונג אינעם בוך א״נ „לעכער אינעם קריסטלעכן שירעם״. איבעריק צו זאָגן, אַז פאַר אונדז, יידן, האָט די רעוויזיע אַ וויכטיקע באַדייטונג און נישט נאָר פון געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט. דער יעזוס־מיטאָס האָט אונדזער פאָלק אָפּגעקאָסט אַ סך בלוט און קרבנות און דער א״ג היסטאָרישער משפּט איבער יעזוסן מיט זיין פּראָלאָג און עפּילאָג שטייט טאַקע אין צענטער פון דער גרויסער רעוויזיע, וועלכע איך באַהאַנדל אויף אַ ברייט אַנאַליטישן אופן.

סיי ביים פאָרשן אָט דעם רייכן מאַטעריאַל און ביים באַאַרבעטן אים האָב איך געהאַט פאַרן אויג שלום אַשס קריסטאָלאָגישע ביכער און דעם אופן ווי אַזוי ער באַהאַנדלט דעם יעזוס־מיטאָס און די אַפּאָסטאָלן; און ווי אַזוי קריסטלעכע פאָרשערס זוכן אָפּצוגראָבן דעם פולן אמת און אָפּטיילן די לעגענדאַרע עלעמענטן פון זיין היסטאָרישן קערן. די אָפּהאַנדלונג מיינע, מיט די אַלע שילדערונגען און בילדער פון דער יעזוס־תקופה איז, אין תוך־געגומען, צוגעשפּיצט צו דער הויפּט־פראַגע: זענען די באַשרייבונגען אינעם נייעם טעסטאַמענט געשיכטע אָדער טעאָלאָגיע? איך וויל, אגב, דאָ אויך באַמערקן, אַז זינט איך האָב בעת מיין יוגנט געלייענט ביי פּראָפעסאָר יוסף קלויזנער וועגן נוצרי און זיין אומגעבונג בין איך פאַראינטערעסירט געוואָרן נאָכצופאָלגן די מיינונגען פון די שפּעטערדיקע פאָרשערס וואָס פרעגן לגמרי אָפּ די היסטאָרישע אויטענטישקייט פון די עוואַנ־געלישע שריפטן.

ד

יידישע שרייבערס אין פרעמדע שפּראַכן איז אַ טעמע פאַר אַ באַ־זונדערן גאַנצן בוך. האָב איך, פאַרשטענדלעך, געמוזט זיך באַגרענעצן צו דער צאָל באַהאַנדלטע שרייבערס אפילו פון דער אַנגלאָ־זאַקסישער ליטעראַטור, אָן דער מעגלעכקייט פון אַנדערע ליטעראַטורן, מיט זייערע יידישע שרייבערס. פון דער רוסישער ליטעראַטור האָב איך אָפּגע־קליבן נאָר די צוויי גרויסע סאָוויעטיש־יידישע קינסטלער, איסאַק באַבעל און אָסיפּ מאַנדעלשטאַם. צוליב דעם טראַפּאַרעטן „מאַגנל אין פלאַץ״ (אַן אמת אויך אין אַ בוך) האָב איך לסוף אפילו אַרויסגעלאָזט אַזאַ יידישן שרייבער אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, ווי בערנאַרד מאַלאַמוד, וועלכער פאַרדינט זיכער אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג.

איך האָב ביים אָפּקלייבן די אַרבעטן פאַר דעם בוך געהאַט אין זינען דעם פאַרשידנאַרטיקן יידישן לייענער־עולם, דעריבער אויך אַריינגענומען אייניקע קלענערע און לייכטערע זאַכן, וועלכע איך האָב אויסגעקליבן פון דער גרויסער צאָל מיינע פאַרצייכנטע מיניאַטורן.

אויך אין אָט דעם לייכטערן לייען־מאַטעריאַל זענען פאַרשפּיגלט תוכיקע שפּריצן פון ליטעראַטור און לעבן.

געשיכטלעכע מאטיוון:

— מאָנאָגראַפיעס, פען־פּאָרטרעטן און פּראָפילן —
פון ווייטן און נאָענטן עבר,
— אין אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו —



משה מענדעלסאָן און זיין דור

צו זיין 250טן געבוירנטאָג
(מאָנאָגראַפיע־שטריכן פון זיין גייסטיקן פּאָרטרעט)

א


משה מענדעלסאָן

משה מענדעלסאָן איז געבוירן געוואָרן אין דעסאַו (פּרייסן) דעם 6טן סעפּטעמבער, 1729. זיין פאָ־טער, מענדל חיים, איז געווען אַ שולקלאַפּער, שפּעטער געוואָרן אַ סופר. געווען איז ער אַ שטילער מענטש, אַ גרויסער עניו, אַ מומחה אין זיין עבודת הקודש, פון וועלכער ער האָט זיך מפרנס געווען.

זיין פרוי,ביילע־רחל־שרה — פון אַ יחוסדיקן אָפּשטאַם וואָס האָט אָנגעשלאָגן צו ר׳ משה איסערלעס און צום מהר״ם פון פּאַדואַ. איר משפּחה האָט געהערט צו די ערשטע יידן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דעסאַו, וווּ מ׳האָט יידן דערלויבט צו וווינען ערשט אין 1672.

צווישן די ערשטע משפּחות האָט אויך געהערט די פאַמיליע פון שמחה בונם וואָלף, וועמענס פאָטער איז, אגב, אויך געווען, אַ געוויסע צייט, ראש הקהל פון ווילנע, און צוליב די אומרוען בעת די קאָזאַקן איז ער דורך האַמבורג אָנגעקומען קיין דעסאַו. געווען איז עס דעמאָלט אַ פרומע יידישע שטאָט מיט אַן אייגענער יידישער דרוקעריי, ווו מען פלעגט דרוקן ספרים. מחברים פלעגן אַהין קומען און איינ־שטיין ביי ר׳ בנימין וואָלף אין הויז.

משה מענדעלסאָן האָט גאָר יונג זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן עילוי. צו 6 יאָר שוין געלערנט גמרא מיט תוספות, אויך אַ גוטער בעל קורא געווען. פלעגט אָפּט לייענען די תורה, געדענקענדיק אַ סך פון אויסנ־ווייניק. זיין טאַטע פלעגט אים אויפוועקן פאַרטאָג צום לערנען און אויף דער פּלייצע געטראָגן אים אין בית־המדרש. געווען איז ער דאָך אַ בן זקונים און דעם טאַטן באַצייכנט „דער אַלטער פאָטער". צוליב זיין עלטער איז דער פאָטער אפילו נישט געווען אויף דער חתונה פונעם זון מיט פרומע גוגענהיים.

די ערשטע באַשעפטיקונג פון משה מענדעלסאָן איז געווען ביים העברעיסט שלמה דובנאָ. ער האָט אַרויסגעוויזן גלייך זיין התמדה און ליבשאַפט פאַרן קלאַסישן העברעיש, און זיינע לינגוויסטישע פעאי־קייטן, וואָס ער האָט שפּעטער אויסגענוצט ביים לערנען זיך די אייראָ־פּעישע לשונות.

— דאָס איז אָבער פאָרגעקומען שוין אין בערלין. דערווייל, אין דעסאַו, איז דער אָרטיקער רב ר׳ נפתלי הירש פרענקל געווען זיין רבי, וועלכער האָט איינגעפלאַנצט אינעם געראָטענעם תלמיד ליב־שאַפט צום לערנען און תלמודישע דיסציפּלין. דער רב איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם; געשטאַמט פון בערלין, ווו ער האָט געהאַנדלט מיט צירונג. אָבער זיינע חידושים אויף דעם תלמוד (בבלי און ירושלמי) האָבן אים באַרימט געמאַכט.

ווען ער האָט אָנגענומען די כיסא רבנות אין דעסאַו האָט ער געשטרעבט צו באַווירקן דעם גייסטיקן קלימאַט פון דער שטאָט און אויפשטעלן אַ דור תלמידי־חכמים. געהאַט האָט ער אַ 30 תלמידים און געזאָרגט פאַר זייער קמח און תורה: עסן, נאַכטלעגערס און אָנטועכץ. די תלמידים האָבן אָרויפגעקוקט צו אים מיט גרויס דרך־ארץ און גענאָסן פון זיין דרך אין לערנען, מיט אַ באַשטימטער דיסציפּלין. אַ חוץ זיין אַרבעט אַלס ראש־ישיבה און מרא־דאתרא האָט ער א סך געשריבן. פלעגט אויפשטיין חצות און אַרבעטן אויף זיינע פירושים צום תלמוד.

צו יענער צייט (און אויך שפּעטער) האָבן די גרעסטע למדנים פון פוילן און דייטשלאַנד בעיקר געלערנט תלמוד בבלי, ווייניק אַכט געלייגט אויף תלמוד ירושלמי. הרב פרענקל האָט געמאַכט טעקסט־אויסבעסערונגען אויף אַ מאָדערנעם לינגוויסטישן אופן, פאַרטייטשט די שווערע אַראַמישע ווערטער אויף יידיש און אויף זיין אייגענעם חשבון אָפּגעדרוקט דעם גאַנצן תלמוד בבלי באַגלייט מיט אַלע זיינע מפרשים צום טעקסט (אָן באַנוצן זיך מיט פּילפּול, ווי דער שטייגער אין פוילן און ליטע).

מענדעלסאָנען איז געווען צום האַרצן זיין רבינס נוסח התלמוד און ווען דער רב איז פון דעסאַו אַוועק קיין בערלין, האָט דער תלמיד אים נאָכגעפאָלגט. אין 1743 איז משה מענדעלסאָן אָנגעקומען קיין בערלין.

ב

יידן אין בערלין האָבן געמעגט וווינען ביז אַ 120 משפחות און אַ 150 משרתים. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג דעמאָלט אין בער־לין איז געווען ווייניקער פון 2000 נפשות. עס איז שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן דער אָנקום פון נאָך יידן, סיידן אין טראַנזיט צו אַנדערע

מקומות, און דאָס אויך אויף אַ גאָר קורצער צייט. פּאַראַנטוואָרטלעך זענען געווען די קהילה אָנפירערס, וואָס האָבן אויף דעם שטאַרק אַכטונג געגעבן. דער פּרייסישער הערשער, (פרידריך דער גרויסער) האָט געמאַכט בערלין פאַר דער הויפּטשטאָט פון „אויפגעקלערטן דייטשלאַנד". זיין באַציאונג צו יידן איז פאַרבונדן געווען מיט עקאָ־נאָמישע מאָטיוון, באַשטימטע נאָך פון זיינע פאָרגייערס.

געווען איז דאַן דער אָנהייב פון דער אינדוסטריעלער רעוואָ־לוציע, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דער אויפקלערונג עפּאָכע. די הערשערס האָבן פּריווילעגירט די יידן וואָס זענען דערפאָלגרייך אין זייערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און גרינדן נייע פאַבריקן און האַנדלס־הייזער. אָט דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר האָט גורם געווען עס זאָל זיך שאַפן אַן אויבערשטער יידישער שיכט, אַ פּריווילעגירטער דורך מלכות. דער קאָנטראַסט צווישן רייך און אָרעם איז גוואַלדיק געוואַקסן.

אמת, דאָס איז אויך געשען אין דעסאַו, ווו אַלע זענען געווען אונטער דער השגחה פון די פּריווילעגירטע יחסנים. אָבער אינעם קליינעם דעסאַו, האָבן זיך דאָך אַלע יידן געפילט מער ווי איין משפּחה. דאָס איז שוין אָבער נישט געווען אין בערלין. געווען איז עס נאָך דע־מאָלט אַ פרומע יידישע שטאָט, אַ צענטער פון תורה לערנען מיט אַ ישיבה, וואָס איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דעם באַוווסטן רייכן הויפיד יאָסט ליבערמאַן.

ווען עס איז אָנגעקומען הרב פרענקל, האָט ער ממשיך געווען די טראַדיציע פון די פריערדיקע רבנים, און ווי אין דעסאַו, אַכטונג געגעבן די ישיבה־בחורים זאָלן האָבן אַלץ וואָס מ'דאַרף. משה מענ־דעלסאָנען האָט ער באַזאָרגט אין אַ גוטער היים ביי דעם פרומען ר' חיים באַמבער — קיין בעסערס האָט דאָס איינזאַם, שעמעוודיק יינגל גאָר נישט געקענט חלומען. ער האָט אויך מצליח געווען צו האָבן גרויסע יידישע תלמידי־חכמים אַלס זיינע מדריכים.

איינער פון זיי, ר' ישראל בן משה הלוי — אָנגעזאַפּט מיט תורה און חכמה, האָט אויסגעזען ווי אַ לעגיטימער המשך פון דער רבניש־פילאָזאָפישער סינטעזע, בעת אירע הויכפּונקטן אין מיטלעל־טערלעכן שפּאַניע (און אויך מחוץ) ביזן 16טן יאָרהונדערט. האָט ער טאַקע זיין מתמידישן תלמיד מחנך געווען אין דעם גייסט פון דער שפּאַניש־יידישער טראַדיציע, מיט איר המשך אין איטאַליע (פאַרקער־פערט אין דעם תלמיד־חכם יוסף שלמה דעל־מעדינאַ, אַ תלמיד פון גאַלילעי).

דאַרף מען דאָ באַמערקן, אַז פון סוף 16טן ביזן 18טן יאָרהונ־דערט איז ביי יידן אין איטאַליע געווען אַ פיינטלעכע באַציאונג צו פילאָזאָפיע (אונטערן איינפלוס פון קבלה און אירע פּרעדיקערס).

די קבלהיסטן האָבן אויך געהאַט אַ פיינטלעכן איינשטעל צו וועלטלעך וויסן, בפרט, צו פילאָזאָפישער חקירה.

מענדעלסאָנען איז אָבער די קבלה־וועלט נישט געווען צום האַרצן. אים איז היימלעכער געווען די ראַציאָנעלע וועלט פון רמב״ם. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיין „מורה נבוכים״ און אים געלערנט יומם ולילה. זיין גרויסע התמדה צום לערנען האָט אָפגעשוואַכט זיין קערפּער, גורם געווען אַ דעפאָרמאַציע פון זיין חוט השדרה.

פון דער מיטלעלטערלעכער פילאָזאָפיע האָט ער געזוכט אַ טיר צו דער מאָדערנער פילאָזאָפיע. אין דער ריכטונג האָט ער נאָך אין דעסאַו געמאַכט די ערשטע טריט און אין דער בערלינער סביבה געזוכט צו פאַרטיפן זיין וויסן. צו דעם האָט ער אָבער געדאַרפט האָבן קענטעניש אין שפּראַכן. איז אים אונטערגעקומען, ווי אַ לערער פון פראַנצויזיש און לאַטיין, אברהם קיש, וואָס האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער יחוסדיקער משפחה אין פּראָג. אין בערלין האָט ער געהאַט אַ סך תלמידים, מחמת פראַנצויזיש איז דאָך דעמאָלט פּאַטראָניזירט געוואָרן דורכן „אויפגעקלערטן״ קעניג וואָס האָט געהאַלטן, אַז דער וואָס קען נישט די פראַנצויזישע שפּראַך האָט נישט קיין צוטריט צו דער העכערער קולטור.

אַ צווייטן גוטן לערער האָט מענדעלסאָן געהאַט אין אהרן שלמה גומפּערטץ, אַ יונגער מענטש נאָך, אָבער געווען שוין אויסגעבונדן מיט דער אינטעלעקטועלער וועלט פון יענער צייט. פון באַרוף אַ דאָקטער, אַקטיוו אינעם יידישן לעבן, אין דער קהילה־טעטיקייט — מיט גרויס שטאָלץ האָט ער געטראָגן זיין יידישע ווירדע און אין דעם גייסט משפּיע געווען די תלמידים זיינע.

מענדעלסאָן האָט ביי אים געלערנט פראַנצויזיש, ענגליש, אָבער מער ווי שפּראַכן האָט ער געלערנט פון אים איינגעווירדע, איינזעענדיק די זעלטענע קאָמבינאַציע פון גייסטיקע און עטישע קוואַליטעטן פאַר־קערפּערט אין גומפּערטצן. וויכטיקער נאָך וואָס די אַלע לערערס זענען געווען צוגעבונדן צו דער יידישער טראַדיציע, וואָס איז נישט געווען פאַר זיי קיין מניעה צו וועלטלעך וויסן און חקירה.

צו יענער צייט האָט מענדעלסאָנען שטאַרק פאַראינטריגירט די געשטאַלט פון ברוך שפּינאָזאַ. עס איז אים גייסטיק נאָענט געווען אַ ייד פון אַזאַ פאַרנעם, דערצויגן אין דער טראַדיציע פון דער מיטלעלטער־לעכער פילאָזאָפיע, וועלכער וואָלט אפילו געקענט פאַרבלייבן (לויט מענדעלסאָנס איבערצייגונג) אַן אָרטאָדאָקסישער ייד, ווען ער וואָלט נאָר נישט אָפּגעפרעגט דעם אויטענטישן יודאַיזם. מסתמא אויך געטרוימט צו ווערן אַ צווייטער שפּינאָזאַ, נאָר אויסמיידן זיינע פעלערן, בלייבן לאָיאַל צו דער הלכה־אמונה, אָבער דערביי זוכן דעם אמת מיט אַן אָפענעם קאָפּ, נאָר מיט דעם פולן רעספּעקט פאַר טראַדיציע.

אַ סך יאָרן אײדער די עמאַנציפּאַציע פון ייִדן האָט באַקומען לעגאַליטעט, האָט מענדעלסאָן (אין זיין אינעווייניקסטער גייסטיקער וועלט) באַזייטיקט די פיזישע באַריערס פון געטאָ, געטרוימט צו קענען שאַפן אַן אינטעלעקטועלע בריק צווישן ייִד און קריסט, באַזירט אויף קעגנזייטיקער טאָלעראַנץ צו יעדן איינעמס רעליגיע און איבערצייגונג. ביי אים האָט זיך האַרמאָניש געגומען צונויפגיסן די גייסטיקע ייִדישע ירושה מיט דער פילאָזאָפיע פון זיין צייט און מיט דער האָפענונג אויף דער „אויפקלערונג”, און אַ וועלט־בירגערשאַפט אין אַן אידעאַלער וועלט.

ער האָט מצליח געווען אויך עקאָנאָמיש. פון אָנהייב געאַרבעט ווי אַ פּריוואַטער לערער ביים רייכן זייד־פאַבריקאַנט יצחק בערנהאַרדט. נאָך דעם געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין זיין פאַבריק, וואָס איז פּראָטעזשירט געוואָרן מיט הלוואות פון דער רעגירונג און האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן. דער יונגער מענדעלסאָן איז געוואָרן דירעקטאָר און דורך דער צייט אויך אַן עקספּערט אין דער זייד־אינדוסטריע און פלעגט פאַרברענגען מיט סוחרים און אינטעלעקטואַלן. דאָס זענען געווען די צוויי זייטן פון זיין לעבן, אָבער די בעסטע שעהן זיינע — ווען ער האָט פאַרבראַכט אין דעם קאַפעהויז, דער „מאַנטיק־קלוב”.

צו דעם קלוב האָבן געהערט 37 מיטגלידער און יעדן מאָנטיק זיך טרעפן דאָרט אויף מיטאָג. מענדעלסאָן, אַפּהיטנדיק כשר עסן, האָט נישט געוואָלט ווערן קיין מיטגליד, אָבער פלעגט קומען אַהין צו שמועסן וועגן העכערע תכלית־ענינים.

ביז דעמאָלט האָט ער זיך געפילט א בן־בית נאָר אין דער העברעישער פילאָזאָפיע, איז אים איצט אונטערגעקומען צו לייענען גוסטאַוו ריינבעקס „רעפלעקסן”, ווו ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע און מיט דער נייער פילאָזאָפיע. אַ צופאַל האָט געוואָלט ער זאָל ביי אַ פּאַרטיע שאַך זיך אויך טרעפן מיט לעסינגן (1754). ביידע, אין זעלבן יונגן עלטער (24 יאָר), זענען גלייך פון ערשטן מאָמענט געוואָרן נאָענטע פריינד. הגם יעדער פון זיי — פון אַן אַנדער אָפּשטאַם, דערציאונג, טעמפּעראַמענט, דאָך געהאַט האָבן ביידע געמיינזאַמס דורך זייער קריטישן גייסט און טאָלעראַנץ, וואָס איז געווען אין זייער בלוט. אגב, האָט נאָך לעסינגס אַ ציידע געהאַט אָנגעשריבן אַ דיסערטאַציע פאַר זיין דאָקטאָראַט אד"ט: „טאָלערירן רעליגיעזע סעקטעס” און דאָס אייניקל איז געגאַנגען אין זיידנס דרכים, דעריבער אַזאַ פריינדשאַפט מיט מענדעלסאָנען.

מענדעלסאָנס עלצטער זון, יוסף, דערציילט, ווי אַזוי עס איז צושטאַנדגעקומען דאָס דרוקן זיין טאַטנס באַרימט ווערק „פילאָזאָפישע דיאַלאָגן”. לעסינג האָט געגעבן מענדעלסאָנען דורכצולייענען אַ געוויסן טראַקטאַט. ווען ער האָט דעם מאמר אים אומגע־

קערט, האָט לעסינג אים געפרעגט אַ מיינונג. „זייער גוט", האָט מענדעלסאָן געענטפערט — „אָבער אַזאַ זאַך וואָלט איך אויך געקענט אָנשרייבן". אַ צייט שפּעטער האָט ער איבערגעגעבן לעסינגן זיינס אַ מאַנוסקריפּט, און געבעטן אים איבערצולייענען. ווען ער איז געקומען אָפּנעמען האָט לעסינג אָנשטאָט דעם כתב־יד אים שוין צוריקגעגעבן אַן אָפּגעדרוקטע קאָפּיע פון זיינע „פילאָזאָפישע שמועסן" צו זיין גרויסער איבערראַשונג איז מענדעלסאָן איבערנאַכט פּראַקטיקירט געוואָרן ווי אַ דייטשער שרייבער (1755). אין דער אָפיציעלער „האַמבורגער גאַזעטע" איז געווען אַ מעלדונג וועגן מענדעלסאָנס ווערק.

✶

עס איז דערשינען לעסינגס קאָמעדיע „די יידן". אין דער פּיעסע איז דער ייד פאַרשפּיגלט ווי אַ מענטש מיט קולטור און גוטע מעלות. האָט דאָס אַרויסגערופן אַ פּאָלעמיק קעגן דעם מחבר. הלמאי ער שילדערט אַ יידישן וואַיאַזשאַר וואָס ראַטעוועט אָפּ דאָס לעבן פון אַ קריסטלעכן באַראָן? ווי קען ער באַהויפּטן, אַז גוטע און שלעכטע מענטשן קען מען טרעפן צווישן אַלע פעלקער? צווישן יידן און קריסטן? (לעסינגס מאָדעל איז געווען דער פריער־דערמאָנטער דר. גומפּערטץ).

אַ געוויסער מיכאַליס האָט אין זיין רעצענזיע זייער שאַרף קריטיקירט לעסינגן, באשר ר'האָט אין צו שיינע פאַרבן פאַרגעשטעלט דעם יידן. עס איז זייער שווער צו גלייבן, שרייבט ער, ס'זאָל זיין אַזאַ מענטש ביי יידן; אַ ברייטהאַרציקער, אַ געבילדעטער, מיט אַ נאָבעלן כאַראַקטער און דאָס ביי דעם פאָלק וואָס איז אַזוי פיינטלעך צו קריסטן; אמת, צוליב דער שלעכטער באַהאַנדלונג וואָס ער האָט באַקומען פון די קריסטן, אָבער אויך דאָך צוליב זיין דערציאונג, פּרינציפּן, מאַניערן.

דער רעצענזענט, וואָס האָט אין די יידן געזען כל בייז גיט נאָך צו: ווי קען מען דערוואַרטן ערלעכקייט פון מענטשן, וואָס לעבן פון האַנדל, וואָס גיט חשק און די מעגלעכקייט אָפּצונאַרן? און טאָמער געפינען זיך יאָ אַ פּאָר אויסנאַמען צווישן זיי קענען זיי נאָך נישט פאַרקלענערן די אַלגעמיינע שינאה פון יידן צו די קריסטן. דעריבער, די אומוואַרשיינלעכקייט פון אַזאַ אויספאַנטאַזירטן ייד אין דער פּיעסע.

פון דער רעצענזיע האָט מענדעלסאָן זיך געפילט גאַר שטאַרק געטראָפן. עס האָט דאָך באַשמוצט זיין יידיש־מענטשלעכע ווירדע. האָט ער זיך דורכגערעדט מיט זיינע פריינד, גומפּערטץ און לעסינג און זיי האָבן באַשלאָסן ער זאָל זיין עמפּערונג אויסדרוקן אין אַן עפנטלעכן בריוו צו גומפּערטצן (אונטער זיין אייגענעם נאָמען) און לעסינג וועט עס פאַרעפנטלעכן אין דער „טעאַטראַלישער ביבליאָטעק".

מענדעלסאָן האָט אָנגעשריבן און זאָגט דאָרט צווישן אַנדערן:

„וואָס פאַר אַ דערנידערונג פאַר אַ שווער געפּרוווטן פאָלק, וואָס פאַר אַ גוואַלטיקע פאַראַכטונג! האָט דאָך דער ערב־רב צווישן די קריסטן אונדז תמיד באַטראַכט ווי דער אָפּפאַל פון דער נאַטור, ווי אַ מכה אויף דער מענטשהייט. דאָך פון אַ געלערנט פאָלק האָב איך געקענט דערוואַרטן אַ מער יושרדיקן אורטייל (אויפן גדאַנק קומט דאָס וואָרט: אוישוויץ! — י.ק.). ווי אַזוי קען אַ מענטש, אפילו מיט אַ טראָפּן ערלעכקייט האָבן די חוצפּה צוצונעמען פון אַ גאַנץ פאָלק די מעגלעכקייט צו קענען ווייזן אַפילו אײן ערלעכן מענטש? דערצו נאָך פון אַ פאָלק פון וועלכן עס זענען אַרויסגעקומען אַלע נביאים און די גרעסטע מלאָכים? (אַזוי האָט לעסינג געשריבן אין זיין פּיעסע). וואָס פאַר אַ חרפּה פאַר דער מענטשלעכער ראַסע, און וואָס פאַר אַ חרפּה פאַרן רעצענזענט! נאָך ווייניק וואָס מיר ליידן דורך אַזוי פיל גרויזאַמע אופנים די ביטערסטע שינאה פון די קריסטן, קומט נאָך איינער באַרעכטיקן אַזאַ אכזריותדיקן אורטייל איבער אונדז". דעם בריוו פאַרענדיקט ער, אַז זיי קענען פאַרזעצן די אונטערדריקונג קעגן אונדז, באַגרענעצן אונדזער עקזיסטענץ אָבער זיי „וועלן נישט קענען באַרויבן פון אונדז אונדזער גערעכטיקייט".

היות מענדעלסאָן האָט זיך משער געווען, אַז געשריבן האָט אַ קריסטלעכער טעאָלאָג, פרעגט ער: „גלייבן טאַקע אַט די מענטשן, אַז זיי קענען אַוואַנסירן די קריסטלעכע רעליגיע דורך דערקלערן אַלע נישט־קריסטן פאַר מערדערס?" (מענדעלסאָן האָט געהאַט אַ טעות: דער רעצענזענט פון לעסינגס פּיעסע איז גאָר געווען אַ פּראָ־פעסאָר פון טעאָלאָגיע אין געטינגען).

דורכן „אָפענעם בריוו" האָט זיך נאָך ענגער פאַרקניפּט די אינ־טימע פריינדשאַפט צווישן מענדעלסאָנען און לעסינגן און נאָך זיין טויט האָט מענדעלסאָן געשריבן אַ הספּד, מיט אַ גלענצנדיקער כאַראַק־טעריזאַציע פון זיין פריינד, וואָס איז געווען פאַר אים „פריינד און שופט אין אַלע זאַכן וואָס איך האָב געוואָלט טאָן". מענדעלסאָן האָט ווירק־לעך אים געהאַט אַ סך צו פאַרדאַנקען פאַרן אריינפירן אים אין דער דייטשער ליטעראַטור, ווו ער איז שנעל געשטיגן צו אירע העכסטע שטאַפּלען. ער איז דאָך געווען דער ערשטער דייטשער ייד, וואָס האָט באַקומען פון אַלע קרייזן אָנערקענונג פאַר זיין דייטשער שפּראַך־מייסטערשאַפט און פאַר קענען באַהאַנדלען אויף אַזאַ סטיליסטיש־קלאָרן אופן די טיפסטע פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. דער אָרעמער ישיבה־בחור וואָס האָט ביי זיינע 14 יאָר אָנגעקלאַפּט אין דעם רויזענ־טאַלער טויער פון בערלין (1743), איז מיט אַ 20 יאָר שפּעטער שוין געווען באַרימט מיט זיינע פילאָזאָפישע אַרבעטן און באַקומען פאַר זיי דעם העכסטן פּריז! זיין נאָמען האָט אָפּגעקלונגען אויך מחוץ די גרענעצן פון דייטשלאַנד.

אַ רושם האָבן געמאַכט זיינע „בריוו וועגן שפּירונגען" — אַ טיפֿע אַרבעט וועגן די פּראָבלעמען פֿון עסטעטיק, מיט זיין עטישן צוגאַנג צו שיינקייט. נאָך דעם: זיין ווערק „וועגן דער זיכערקייט אין מעטאַ־פיזישע וויסנשאַפטן" — די אַרבעט האָט טאַקע באַקומען דעם ערשטן פּריז פֿון דער קעניגלעכער אַקאַדעמיע פֿון וויסנשאַפטן אין בערלין און ווען עס איז שפּעטער דערשינען זיין ווערק „פעדאָן" איז שוין זיין נאָמען געווען אויף אַלעמענס ליפּן.

אין „פעדאָן" ברענגט מענדעלסאָן אַרויס זיינע ראיות וועגן דער אומשטערבלעכקייט פֿון דער נשמה. בכדי צו האָבן אַ באַגריף וואָס פֿאַר אַן אָפּקלאַנג דאָס ווערק האָט געהאַט אין לאַנד (און מחוץ), איז גענוג צו זאָגן, אַז מען האָט אים דעמאָלט געקרוינט מיטן טיטל „דער צווייטער סאָקראַטעס" (אויך: „דער יידישער פּלאַטאָ"). דער דערפֿאָלג פֿון „פעדאָן" האָט נישט געהאַט זיינס גלייכן אין דער דעמאָלטיקער דייטשער ליטעראַטור. עס איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן און אין דייטשלאַנד גופא איז גלייך דערשינען איין אויסגאַבע נאָך דער אַנדערער — גאָר נישט קיין אָפּטע דערשיינונג פֿאַר אַ פֿילאָזאָפֿיש ווערק. געלערנטע און פּירשטן האָבן אים געשיקט דאַנק־בריוו, מען האָט דעם מחבר באַזונגען אין פּאָעזיע און אין פּראָזע פֿאַר דעם ביסל טרייסט וואָס ער האָט אַלעמען געבראַכט מיט דעם ווערק.

איז לאָמיר כאַפּן אַ בליק אין וואָס ס'איז טאַקע באַשטאַנען די טרייסט וואָס מ'האָט געפֿונען אין זיין בוך? און וואָס פֿאַר אַ פּראָבלעם האָט ער געלייזט?

עס איז דער פּראָבלעם פֿון טויט. אין דער תקופה פֿון אויפֿקלערונג האָט מען זיך זייער אַ סך אָפּגעגעבן אין דער ליטעראַטור מיט אָט דעם פּראָבלעם: צי ענדיקט זיך אַלץ טאַקע מיטן פיזישן טויט?

אויך מענדעלסאָן האָט אין זיין פעדאָן זיך דערמיט פֿאַרנומען און ער קומט צום פֿאָלגנדיקן אויספֿיר: — עס קען נישט זיין, אַז דער מענטשלעכער גייסט, זאָל גלייך, ווי דער קערפּער, זיך פֿאַרענדיקן מיטן טויט. אויב עס זאָל טאַקע אַזוי זיין, וואָלט דאָך דאָס גאַנצע לעבן געווען נישט מער, ווי אַ טרויעריק לצנים־שפּיל און די מסורה פֿון אונדזערע אָבות — בלויז ליגן און שווינדל.

זוכט דער מחבר צו באַהאַנדלען דעם פּראָבלעם אין דער פֿאָרם פֿון שמועסן, וואָס סאָקראַטעס פֿירט פֿאַר זיין טויט מיט זיינע תלמידים, בפרט, מיט איינעם פֿון זיי — פעדאָן, צו באַווייזן, נישט דורך מעטאַפיזישע הנחות, נאָר דורך עטישע, באַזירט אויף דער אידיי פֿון שלימותדיקייט, פֿון געטלעכקייט, אַז „בעת אונדזער נשמה באַפֿרייט זיך ביים טויט פֿון פֿאַרשטאַרטן קערפּער, עקזיסטירט זי ווייטער און אַנטוויקלט זיך לויט אַנדערע כמו־נאַטירלעכע, אָבער נישט־ערדישע

געזעצן. זי איז דאַן לגמרי נישט פאַרבונדן מיט די געזעצן פון צייט און רוים. פאַר דער נשמה איז דער טויט אַ באַפרייאונג פון אירע שווערע קערפּערלעכע קייטן, — ערשט דעמאָלט איז זי דאָך אומ־שטאַנד, אומגעשטערט, זיך אָפּצוגעבן מיט דעם אַלעם צו וואָס זי האָט אַממיינסטן געגלוסט, בעת זי האָט נאָך געוואַנדערט איבער דער ערד.

דער מחבר פרוווט קלאָר צו מאַכן, אַז די נשמה האָט געגאַרט נאָך „שיינקייט, נאָך גוטע מידות — עס איז דאָך געווען איר שטאַרקסטער ווילן צו קענען דערגרונטעווען דעם אמת; צו דערהייבן זיך פון שטאַפּל צו שטאַפּל צו די העכסטע הויכן, וואָס פירן צום אורקוואַל פון חכמה און וויסן, און ערשט דעמאָלט קען זי דערשפּירן דעם העכסטן ציל פון וועלט־באַשאַף, צום אורבילד פון אמתער שיינקייט און פאַרפולקאָמונג".

אין דעם גייסט גייען אָן די דיאַלאָגן צווישן סאָקראַטעסן און פעדאָן, געשריבן אין אַ וואַרעמער האַרציקער פאָרם און זיי גיבן אַ טרייסט די וואָס וועלן מסכים זיין מיט די אויספירן און טעזיסן פון מחבר.

נישט קיין ווונדער, וואָס דאָס ווערק האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם.

✶

ס'פלעגן צו מענדעלסאָנען אין הויז אַריינקומען פאַרשידענע מענטשן, וואָס האָבן געפירט מיט אים געשפּרעכן אויף רעליגיעזע טעמעס פון אַ פילאָזאָפישן כאַראַקטער און איינער פון זיי איז געווען אַ ציריכער גלח מיטן נאָמען יאָהאַן קאַספּער לאַפאַטער.

מען דאַרף דאָ דערמאָנען, אַז אין יענער צייט האָבן דאָך נאָך פיל קריסטלעכע גייסטלעכע געקוקט אויף יידן, ווי אויף יעזוסעס מערדער און לעסטערער פון זיין געטלעכקייט („קריסטוס־לעסטערערס"). און דאָ איז לאַפאַטער אַריין צו אַ ייד, וואָס איז נישט אַוועק פון זיין אמונה און האָט באַקאַנטשאַפט מיט קריסטלעכע גע־לערנטע און פילאָזאָפן, און ער שרייבט מיט אַזאַ התלהבות אויף אַזאַ אויסשליסלעכער קריסטלעכער טעמע, ווי אומשטערבלעכקייט...

עפּעס האָט דאָ נישט געשטימט פאַרן גלח! האָט ער געמאַכט דעם אויספיר, אַז אין דעם יידן זיצט אַ קריסטלעכע נשמה, וואָס זוכט אַ תיקון. טאָ פאַר וואָס זאָל ער נישט טאָן די מצווה און זי טאַקע אומ־קערן צו איר ריינעם מקור, אונטער די פליגל פון דער קריסטלעכער קירכע? אומר ועושה — גערעדט און געטאָן! דער גלח האָט גענומען און אָנגעשריבן אַן הקדמה צו זיין איבערגעזעצטן בוך (פון פראַנצוי־זיש אין דייטש) פון זשענעווער פילאָזאָף באָנע, וועלכן ער האָט אָנגע־רופן — „באַווייזן לטובת דעם קריסטנטום". אין דער הקדמה האָט

ער זיך געוואָנדן דירעקט צו מענדעלסאָנען: „ער זאָל אָדער עפנטלעך אָפּוואַרפן די באַווייזן פון דעם בוך; אָבער אויב ער געפינט איין, אַז זיי זענען ריכטיקע — „דאַן טאָן, וואָס עס פאַרלאַנגט חכמה, ליבשאַפט צום אמת און צו ערלעכקייט, טאָן דאָס וואָס עס וואָלט געטאָן סאָקראַטעס, אויב ער וואָלט איינגעזען, אז די ראיות פון דעם בוך זענען נישט אָפּצופרעגן". בקיצור: מענדעלסאָן זאָל זיך שמדן...

מען קען זיך פאָרשטעלן, וואָס מענדעלסאָן האָט איבערגעלעבט, ווען ער האָט איבערגעלייענט די „פריינטלעכע" ווענדונג צו אים... די אַרויספאָדערונג האָט אים, זייער שווער געטראָפן! ערשטנס האָט ער איינגעזען, אַז ער געפינט זיך אויך אין דעם זעלבן מצב, ווי זיינע אור־זיידעס אין מיטלעלטער, וועלכע זענען געוואָרן אויפגעצוווּנגען אַריינצוגיין אין עפנטלעכע רעליגיעזע דיספוטן, ווי באַקסערס אויף אַ קאַמפּס־אַרענע און דער ייד האָט דאָך נישט געטאָרט געווינען!

מענדעלסאָן האָט דאָך געמיינט, אַז ס'איז געקומען שוין אַן אַנדער צייט, ווען ער קען פריי פאַרקערן אין די מאָדערנע קריסטלעכע קרייזן און נישט שפּירן זייערע בליקן אויף זיך, ווי אויף דעם ייד מיט דער געלער לאַטע, וואָס מוז לעבן רעכטלאָז און זיין אויסגעשטעלט אויפן חסד פון די קריסטן לגבי אַן „אויסעראָרדנטלעכן שוצייד". אָקאָרשט האָט ער געפירט פילאָזאָפישע געשפּרעכן, פריינדלעכע, מיט דעם גלח און מיט אַמאָל שפּרינגט אַרויס פון אים דער מיסיאָנער, וואָס זוכט צו ראַטעווען אַ זינדיקע, ידישע נשמה...

מענדעלסאָן האָט אָנגענומען די „געוואָרפענע הענטשקע" און איז אַרויס מיט זיין „אָפענעם בריוו צו לאַפאַטער". אין וועלכן ער ווייזט אים פאַרוואָס ער וויל נישט איבערגיין צום קריסטנטום.

אוודאי האָט ער אין זיין „בריוו" געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק מיט זיין שפּראַך, נישט אָנצורירן, חלילה, די קריסטלעכע געפילן פון דעם גלח. ענטפערט ער אים דעליקאַט (יידישלעך) מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע:

— אויב עס וואָלט נישט געווען ביי מיר די טיפע איבערצייגונג, אַז די יידישע אמונה איז אמתדיק — וואָס וואָלט מיך צוגעבונדן צו דער דאָזיקער רעליגיע, וואָס ווערט פאַראַכטעט דורך אַלעמען?

— אויב ווידער כ'וואָלט טאַקע געווען איבערצייגט אין דער אמתדיקייט פון קריסטנטום און איך וואָלט זיך געהאַלטן ביי אַן אַנדער רעליגיע, וואָלט איך דאָך געווען אַ נידעריקער מענטש?!

וואָס שייך דאָס פאָרוואַרפן אָבערגלויבענישן דער יידישער אמונה, אויף דעם ענטפערט אים מענדעלסאָן, אַז ער באַמערקט געוויסע זייטיקע, שפּעטערדיקע, הוספות וואָס פאַרטונקלען אַ ביסל איר גלאַנץ. אָבער וועלכער מענטש, וואָס וויל זיין געטריי דעם אמת, קען זיך באַרימען אַז זיין אמונה איז פריי פון זייטיקע צוגאָבן?...

באַמערקנדיק זיין ווידערווילן צו דעם פאַרסמטן אָטעם פון אָבער־גלויבן און צביעות, וואָס איז דאָ אין דער לופט אין וועלכער מיר אָטעמען, קומט ער צום אויספיר, אַז ער איז שטאַלץ מיטן באַוווסטזיין, „אַז מיין אמונה אונטערשיידט זיך פון אַנדערע אויך דערמיט וואָס זי איז נישט אין סתירה מיט לאָגישע קאַטעגאָריעס״ (לאָגיק איז דע־מאָלט געווען די געטלעכקייט אַליין!) און ער גיט צו סאַרקאַסטיש, אַז די יידישע אמונה האָט נאָך די מעלה, וואָס זי יאָגט זיך נישט נאָך פראָזעליטן (גרים בלע״ז), זי שיקט נישט קיין מיסיאָנערן אין אינ־דיע און קיין גרענלאַנד צו פאַנגען דאָרט נשמות... און ערנסט איז ער מוסיף: „ווען אין מיין דור וואָלט געלעבט אַ קאָנפוציעס אָדער אַ סאָלאָן, וואָלט איך אויפן יסוד פון מיין אמונה געקענט אים ליב האָבן און שעצן, ווי אַ גרויסן מאַן און נישט פרווון איבעררעדן אים ער זאָל אָננעמען מיין אמונה״.

מיט דעם בריוו איז דער שטרייט נאָך נישט געווען פאַרענדיקט. עס האָבן זיך אַריינגעמישט אַנדערע, וואָס זענען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן מענדעלסאָנען. צווישן זיי איז אויך געווען שאַרל באָנע, דער מחבר פון אַט דעם ווערק דורך וועלכן לאַפאַטער האָט געוואָלט איבערצייגן מענדעלסאָנען אין דער אמתדיקייט פון קריסטנטום. לאַ־פאַטער אַליין האָט אפשר שוין חרטה געהאַט, וואָס ער האָט „פאַרקאָכט אַזאַ קאַשע״ קעגן „דעם איידלסטן מענטש פון זיין דור״, אָבער אַנדערע האָבן זיך יאָ אָנגעזעצט. אַ געוויסער יוריסט מיטן נאָמען קעלבעלע איז אַרויס מיט גאָר שאַרפע זלזולים קעגן מענדעלסאָנען, אים פאַרגע־וואָרפן, אַז ער האַלט זיך ביי דער יידישער רעליגיע צוליב מאַטער־יעלע מאָטיוון, מחמת ער ציט זיין חיונה פון יידישע גבירים. די אָנפאַלן האָבן זיך געצויגן בערך צוויי יאָר.

די פני פון דער יידישער קהילה איז נישט געווען צופרידן פון דעם גאַנצן ענין. אָבער די יידישע אָרטאָדאָקסיע האָט זיך געשמאָלצן פאַר נחת, וואָס דער „דעסאַוער אפיקורס״, וואָס שרייבט דייטשע ביכער, חברט זיך מיט גויים, האָט איצט אויסצושטיין פון זיי.

בלתי ספק האָט דער ענין געקאָסט מענדעלסאָנען אַ סך געזונט. קיין גרויסער גיבור איז ער דאָך קיין מאָל נישט געווען, און די גייס־טיקע אָנשטרענגונג און פאַרדרוסן האָבן שטאַרק רואינירט זיין שוואַכן אָרגאַניזם. דעריבער האָט ער, ווייזט אויס, באַשלאָסן שוין נאָך דעם אינצידענט, אין דעם ביסל יאָרן וואָס זענען נאָך אים פאַרבליבן צו לעבן, זאָל ער זיך אָפּגעבן בלויז מיט יידישער פּראָבלעמאַטיק, מיט די קולטור־באַדערפענישן און אויפקלערונג פון זיינע ברידער.

אָבער איידער ער איז צו דעם צוגעטראָטן, האָט ער נאָך אַרויס־געגעבן זיין ווערק „ירושלים״, אין וועלכן ער גיט אַן אַלעגאָרישן ענטפער אַ קריסטלעכן מיסיאָנער. אין ערשטן טייל באַהאַנדלט מענ־

דערלסאָן די ראָל פון מלוכה און קירכע אין דער מענטשלעכער געזעל־שאַפט, ווייזט אָן אויף זייערע פונקציעס און די גרענעצן פון זייער קאָמפּעטענץ. פאַר דער קירכע טאָר נישט עקזיסטירן די בייטש פון אויפצווינגען, פון באַפעלן. דאָס איינציקע געווער פון דער קירכע דאַרף זיין — דאָס וואָרט פון איבערצייגונג, ליבע און טרייסט. ער באַטאָנט, אַז די מלוכה דאַרף זיין אָפּגעטיילט פון דער קירכע, עס דאַרף הערשן טאָלעראַנץ, פרייהייט פון געדאַנק און גלויבן.

אין צווייטן טייל אַנאַליזירט ער דעם אונטערשייד פון יידישן און קריסטלעכן גלויבן. די יידישע רעליגיע איז פון מעשים, פון טאָן און נישט טאָן, בעת די קריסטלעכע רעליגיע באַזירט זיך נאָר אויף גלויבן, און איר שווערגעוויכט זענען די דאָגמעס. ער פאַרטיידיקט די יידישע אמונה, וואָס איז פאַרבונדן מיט די מעשים פון אַקטועלן, פּאַקטישן לעבן און אירע געזעצן און געבאָטן, די תעשהס און לא תעשהס דערהייבן דאָס מענטשלעכע לעבן.

צו אַ מיסיאָנער גיט ער נאָך דעם פאָלגנדיקן ענטפער: — איר לייגט מיר פאָר פייערלעך און פּאַטעטיש כ׳זאָל אָננעמען דעם קריסט־לעכן גלויבן. „אָבער מיין ליבער! זאָל איך דאָס טאַקע טאָן און זיך נישט באַטראַכטן פריער, צי עס וועט מיך טאַקע אַרויספירן פון דער צעמי־שעניש אין וועלכער איך געפין זיך, לויט אייער מיינונג? מיט איראָניע פרעגט ער אים: — אויב ס׳איז טאַקע אמת, אַז מיין הויז און דער גאַנצער בנין האַלט ביים איינפאַלן, וועט עס זיין דאָן קלוג און באַ־טראַכט, אויב איך וועל מיין האָב און גוטס אריבערשלעפּן פון אונ־טערשטן גאָרן פון דעם הויז צו אַ העכערן גאָרן פון זעלבן הויז? צי וועל איך דעמאָלט זיין אין אַ קלענערער סכנה? איר אליין זייט דאָך מודה, אַז דאָס קריסטנטום איז אַרויפגעבויט אויפן יידנטום און אין אַ נויטפאַל — אויב עס וועט איינפאַלן — וועט עס דאָך פאַלן אינ־איינעם אין איין קופע"...

✶

נישט געקוקט אויף זיין אָפּגעשוואַכטן געזונט־צושטאַנד (צוליב דעם לאַפּאַטער־ענין), האָט מענדעלסאָן ווייטער געאַרבעט גאָר אינ־טענסיוו. ווינטער און זומער האָט זיך ביי אים דער טאָג אָנגעהויבן אין דער זעלבער צייט — פינף פאַרטאָג. די ערשטע דריי שעה האָט ער שטודירט, געשריבן, אָדער געגעבן לעקציעס דעם זון. נאָך דעם איז ער אַוועק אין פאַבריק, וווּ ער איז געווען אַ זעקס שעה און דאַן אַוועק־גיין אויף מיטאָג. צום טיש פלעגט ער שטענדיק האָבן אורחים אַפילו ביי אַ געוויינלעכן מיטאָג.

ווי עס ווערט דערציילט, איז זיין עסן באַשטאַנען פון וואַסער מיט צוקער, און זיין באַליבטער אופן פון רעדן (און פון אונטערהאַלטן

זיינע געסט) איז געווען צו שטיין הינטער אַ שטול מיט פּאַרלייגטע הענט. דאָס רעדן ביים עסן איז געווען געוויינטלעך גערעדט וויציק, פול מיט געלעכטער אָבער תּמיד מיט ווירדע. זיינע פּאַרערערס האָבן אים פּאַר־געטערט, אַרויפגעקוקט צו אים, ווי צו אַ הייליקן און אַ גרויסן תּלמיד־חכם — אַ יחיד בדורו!

צווישן זיי זענען געווען פיל נישט־יידן פון הויכן שטאַנד, וואָס האָבן געזוכט אין זיינע ווערק אַ דרך החיים פאַר זייער פּערזענלעכן לעבן אין צייטן פון אַ שווערן פּסיכישן קריזיס. איינע פון זיי איז געווען אַ שוועסטער פון דער פירשטין אין קורלאַנד, מיט לאַנגן נאָמען: שאַרלאָטע עליזאַבעט קאָנסטאַנץ פאָן דער רעקע.

זי איז דורכגעגאַנגען אַ שווערן עמאָציאָנעלן שטורעם, איר היי־ראַט מיט דעם באַראָן פאָן דער רעקע האָט זיך געענדיקט מיט אַ גט און זי האָט זיך ווייטער געלעבט במנוחה. מאַכט זיך, אַז עס שטאַרבט אַוועק איר טאָכטער און קורץ נאָך דעם — איר זון. דאָס האָט גורם געווען זי זאָל ווערן אַ נאַרקאָטיקערין.

זי האָט אויך געזוכט הילף אין ספּיריטואַליזם און איז געווען אונטער דער השפּעה פון אַ מאַגיקער און היפּנאָטיקער, אַלעקסאַנדראָ קאַגליאָסטראָ. גלייכצייטיק איז לאַפאַטער געוואָרן איר גייסטיקער אַפּיטראָפּוס. זי האָט אַרומגערייזט איבער דייטשלאַנד, געוואָרן באַ־איינפלוסט פון פאַרשידענע פּראָמינענטע פיגורן, באַזונדערס, פון אַ געוויסן ניקאָליי, אַ קעמפער פאַר אויפקלערונג, בפרט קעגן יעזו־איטיזם און באַהאַלטענעם קאַטויליציזם.

ווען שאַרלאָטע עליזאַבעט איז אָנגעקומען קיין בערלין און זיך באַקענט מיט מענדעלסאָנען, איז זי גלייך אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין השפּעה. זי האָט אים געגעבן אַ מתּנה אַ שפּילקע, וואָס זי האָט גע־האַט פון לעסינגן, און פאַר מענדעלסאָנען איז דאָך דער נאָמען לעסינג אידענטיפיצירט געוואָרן מיט קדושה. און די שפּילקע — אַ הייליקע „קמיע".

מיט איר איז אויך מיטגעפאָרן, ווי אַ באַגלייטערין, די פרוי סאָפיע בעקער, וואָס איז באַרימט געוואָרן נאָך איר טויט דורך איר בוך „בריוו פון אַ קורלענדערין בעת אַ רייזע איבער דייטשלאַנד".

אַט די פרוי, וואָס האָט אויך דורכגעמאַכט אַ סך אין איר לעבן, איז געקומען קיין בערלין, אויך מיט איר עמאָציאָנעלן און גייסטיקן קרי־זיס פון רעליגיעזן סקעפּטיציזם. זי האָט אין אַ בריוו צו מענדעל־סאָנען אַרויסגעבראַכט אירע ספקות און מחשבות, און ער האָט איר געענטפערט שריפטלעך. עס איז אַוועק צווישן זיי אַ קאָרעספּאָנדענץ, דאָס זענען געווען די סאַמע לעצטע בריוו, וואָס ער האָט נאָך צו וועמען געשריבן.

זי האָט נאָך געהאַט אַן עלטערן ברודער, בערנאַרד, אַ פּרעדיקער,

וואָס האָט געשריבן אין „בערלינער מאָנאַטשריפט״, זיך געהאַלטן פאַר אַן „אומגלויביקן טעאָלאָג״. האָט ער געבעטן דער שוועסטער איבער־צוגעבן מענדעלסאָנען „מיין ברודערלעכן קוש״, זי זאָל אים זאָגן, אַז זיין ליבשאַפט פאַר אים איז גרענעצלאָז און באַטאָנען, אַז די טעאָלאָגן זענען דער צעדרייטסטער סאָרט מענטשן. סאָפיע האָט צו זיין בריוו צוגעגעבן: „דערלויב מיר צו מאַכן אים לייכטער דורך שרייבן אים, אַז דו באַטראַכסט אים פאַר אַן אויסנאַם און שיקסט אים צוריק אַ קוש״.

מענדעלסאָן האָט וויציק געענטפערט: „אויב דיין טייערן ברודער וועט נישט אַרן מיין גרויע באָרד, וועל איך זיכער זיך נישט דערלויבן, אַז זיין שוואַרצער מאַנטל זאָל פאַרווערן מיר צודריקן זיין האַרץ צו מיינעם... אין אַלגעמיין בין איך נישט קעגן דעם קלער, ווו דיין ברו־דער שיינט צו געהערן. יעדע פראָפעסיע האָט דאָך אירע שוואַכע פונקטן און אַמשטאַרקסטן קענטיקט עס זיך ביי דעם קלער...״

ער האָט ציטירט דעם זאָג פון אַן העברעישן שרייבער, אַז וואָס אײדעלער אַ זאַך דאַרף זיין אין איר פערפעקציע, אַלץ שטאַרקער איז ביי איר דער נסיון צו קענען ווערן קאָרומפּירט, און אין איצטיקן מצב איז דער דייטשער קלער לײדער געוואָרן דער אַפּיטרופּוס פון דער גאַנצער קולטור און מאָראַל פון פאָלק...

ברענג איך דאָ דעם בריוו־אויסטויש פון מענדעלסאָנען מיט די פראָמינענטע פיגורן פון דייטשן אַדל און קלער, אַפּצושפּיגלען אי די „האַניק־חדשים״ פון דער אויפקלערונגס־תקופה, אי דעם אָרט, וואָס עס האָט פאַרנומען אין איר, אַט דער קליינוווּקסיקער, האָרבאַטער ייד (מענדעלסאָן), וואָס האָט געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות, נישט נאָר אין גאַס פון עפּעס אַ שיכורן המון־מענטש, נאָר אויך פון דער עליטע, בפרט פון דייטשן קלער.

אינטערעסאַנט איז דער בריוו וואָס סאָפיע האָט געשריבן צו מענדעלסאָנען, אין וועלכן זי עפנט זיך אויף פאַר אים. זי שרייבט:
„דו ביסט דער ערשטער צו וועלכן איך האָב צוטרוי און כיגלויב, אַז דו קענסט מיך פאַרשטיין... איך זיץ דאָ אַליין און מיין געדאַנק איז פאַרנומען מיט אַזוי פיל רעפלעקסן וועגן מענטשלעכן גורל... פּלוצעם דערהער איך אַ „קריסטמעס־קאַראָל״, וואָס קומט פון גאָט. ווי שנעל מיין גאַנצער וועזן האָט זיך געענדערט! איך בין צוריק אַ קינד, און אַלע פריידן וואָס כיהאָב אַמאָל אין דער צייט דורכגעלעבט, ווערן אויפ־געוועקט אין מיר מיט זייערע רעליגיעזע אַסאָציאַציעס... די אימאַזשן באַווייזן זיך פאַר מיר אין אַזעלכע העלע פאַרבן... נישט ווילנדיק הייבן אַן טרערן רינען: זיי זענען נישט מער אמת. אָבער וואָס פאַר אַ רעטעניש בין איך פאַר זיך אַליין?! צי איז מיין שכל נישט אומשטאַנד צו פראָקלאַמירן מיט לאָגיק און געווגנדיקער קלאָרקייט, אַז דאָרט איז נישטאָ מער קיין וואָר?... יאָ, עס זאָגט טאָקע דאָס אַלץ, דאָך פיל איך,

אַז ס'איז דאָ אַ פוסטקייט אין מיין האַרצן... איך קען איצט מער נישט באַגרייפן דעם געדאַנק פון ג אָ ט. איך קען נאָר באַוואונדערן, זיין דערשטוינט און בלייבן שטיל... מיינע תפילות זענען איצט נאָר סענטימענטן אויסגעדריקט בלויז דורך טרערן, מחמת איך געפין נישט קיין שום טעם אין די עפנטלעכע תפילות. איך בלייב קאַלט דערביי... אַזוי זעט אויס מיין נשמה".

אין דעם בריוו בעט זי אַן עצה, ווי אַזוי צו ברענגען אין אָרדענונג איר האַרץ... דער פשוטער שכל הישר זעט איר אויס צו זיין קאַלט, ער קען נישט געבן קיין ענטפער אויף אירע ספקות.

זי דערמאָנט, אגב, דעם דין ביי יידן צו שטעלן זיך דאַווענען אויף מזרח, מיטן פנים צו ירושלים. דאָס באַווייזט איר, ווי שטאַרק די יידישע געזעצגעבער האָבן געקענט די מענטשלעכע נשמה. דער אוניווערס איז אַזוי ריזעדיק גרויס פאַר אונדז, אַז מיר קענען אין אים נישט געפינען גאָט, דעריבער דאַרפן מיר אָנשטעלן אונדזערע אויגן אויף אַ באַשטימטן דעפיניטיוון פונקט, מען זאָל קענען צו אים רעדן.

האָב איך געבראַכט גרעסערע אויסצוגן פון איר בריוו, וואָס פאַרשפיגלט דעם פּראָבלעם פאַרשטאַנד ווערסוס סענטימענט און רעליגיע, וואָס איז דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ פערזענלעכן אופן, אַזוי עקספּרעסיוו און קאָנדענסירט. און דער פּראָבלעם איז כאַראַקטעריסטיש דאָך אויך פאַר אונדזער צייט מיט די ספקות וואָס כאַפּן אַרום נישט קיין רעליגיעזע יידן היינט־צו־טאָג.

וועלן מיר ציטירן זיין ענטפער אויף איר בריוו, וואָס איז אויך אַ וואַרהאַפטיקע ווידוי פון זיין אינערלעכן וועזן. ער גיט איר אַן אינטימען ענטפער וועגן זיין פערזענלעכער פרומקייט און פילאָזאָפיע:

„טייערע סאָפיע! פילאָזאָפיע מיינט צו מאַכן מיך מער גליקלעך, ווי איך וואָלט געווען אָן איר. מיין שכל דאַרף נישט האַנדלען ער זאָל צעשטערן די אומשולדיקע הנאה און פאַרגעניגנס פון לעבן... איך האָב אויסגעקליבן פון די פילאָזאָפישע סיסטעמען אַלץ, וואָס קען מיך מאַכן בעסער, גליקלעכער... כ'וועל בלייבן מיט איר אַזוי לאַנג, ווי זי וועט זיין מיין גוטער באַגלייטער. ווען זי איז פּראַסטיק, אָדער מיט אַ זויערע מינע, לאָז איך זי שטיין און שפּיל זיך בעסער מיט מיינע קינדער... אַ פילאָזאָפיע וואָס מאַכט מיך אומצופרידן, גלייכגילטיק צו זיך און צו אַנדערע מענטשן, אָדער צו דעם סענטימענט פון דאָס שיינע און גוטע אין לעבן, איז נישט מיין פילאָזאָפיע".

ער גייט דאַן איבער צו די קאָנצעפּציעס וועגן רעליגיע און באַטאָנט, אַז די אָנגענעמע סענטימענטן, וואָס זי רופט אַרויס, זענען ס'רוב באַזירט אויף דעם אונטערליגנדיקן אמת, וועלכער איז געוואָרן נאָר פאַרטונקלט דורך פאַלשע צוגאָבן. ווי אַ ביישפּיל ווייזט ער אָן אויף דער קריסטלעכער רעליגיע, וואָס איז געוואָרן היפּער־סענסו־

אַליזירט... אָבער ריכטיקער געזאָגט, קענען דאָך מיר לחלוטין מיטן שכל נישט פאָרשטעלן זיך געטלעכקייט, וואָס זאָל זיין אָנווענדיק אויף אַ געגוגנדיקן, שטאַרקן און לעבעדיקן אופן.

קיין שום אַנטראָפּאָרפאָמיזם (אין דער רעליגיע: פאָרשטעלן גאָט אין אַ מענטשלעכער געשטאַלט, מיט מענטשלעכע געפילן און ליידנ־שאַפטן) קען נישט קאָמוניקירן צו אונדז די התלהבות, וואָס מיר דאַרפן שפּירן אין דער באַנעמונג פון געטלעכקייט... דערפאַר האַלט איך זיך ביי די פּאָפּולערע קאָנצעפּציעס וועגן רעליגיע... איך האָב הנאה פון יעדער רעליגיעזער טראַדיציע, וואָס פירט נישט צו אומטאָלעראַנץ און שינאָה צווישן מענטשן, פונקט ווי מיינע קינדער, פיל איך זיך גליקלעך מיט יעדער צערעמאָניע, וואָס האָט אין זיך דאָס פונדאַמענ־טאַל־וואָרהאַפטיקע און גוטס. איך זוך צו עלימינירן, וויפל איך קען נאָר, דאָס אומוואָרהאַפטיקע. אָבער איך באַזייטיק גאָרנישט ביז איך קען עס נישט פאַרטרעטן מיט עפּעס בעסערס.

ער רעקאָמענדירט איר, זי זאָל לייענען זיין „מאָרגנשטונדן", ווו ער באַהאַנדלט די שוועריקייטן פון באַנעמען געטלעכקייט, און קומט צוריק צו פילאָזאָפיע. ער שרייבט: „דו זאָגסט, אַז דער פילאָזאָף דאַוונט נישט? אמת, אַז נישט אַזוי הויך, אויך נישט אין געזאַנג, נאָר סירוב אין מחשבה. אָבער ווען זיין שעה קומט, איז ער אָנגעסטראָיעט צום דאַווענען און צו געזאַנגען. אויך דער פּשוטער מענטש זינגט נישט, שיינט מיר, בכדי גאָט זאָל אים דערהערן און האָבן הנאָה פון זיינע ניגונים. מיר זינגען צוליב אונדזערטוועגן און דער קלוגסטער מענטש טוט דאָס זעלבע ווי דער נאַרישסטער. האָסטו אַמאָל געלייענט דעם תהילים מיט אַט דער אידיי אין געדאַנק? פיל מזמורים זעען מיר אויס צו זיין פון דעם מין, וואָס מען מוז זיי זינגען מיט דער העכסטער התלהבות אויך דורך די אויפגעקלערטע מענטשן. די מזמורים זענען בכוח צו פאַרזיסן פיל ביטערע שעהן ביי מיר. איך דאַוון און זינג זיי אַזוי אָפט, ווי איך פיל אַ נויטווענדיקייט צו דאַוונען און זינגען".

אין די שורות איז פאַרקערפּערט מענדעלסאָנס אני מאמין וועגן רעליגיע.

פאַראַן ביי מענדעלסאָנען נישט ווייניק משכילישע טענער וועגן דער העכערקייט פון פאַרשטאַנד, אָבער דאָס זענען די ציינזן, וואָס מענדעלסאָן האָט געצאָלט זיין אויפקלערונגס־תקופה, פון וועלכער ער אַליין איז דאָך געווען אַ פּראָדוקט. אָבער דאָס פאַרמינערט נישט זיין אריינדרינגען אין דעם טיפערן מהות פון עכטער רעליגיעזיטעט, וואָס איז לויט אים דאָס קערנדיקסטע ביי אַלע אוניווערסאַלע און פּאָפּולערע רעליגיעס; באַזונדערס די ראָל פון צערעמאָניאַל אין דעם באַנעם פון יודאַיזם, אַט די רעליגיעז־עמאָציאָנעלע איבערלעבונג, וואָס גיט אַזאַ טיפע פרייד קען מען נישט באַקומען פון ריינעם שכל.

מער הומאַניזירן, ווי טעאָלאָגיזירן רעליגיע, איז בפועל ממש דאָס תוכיקע פון מענדעלסאָנס ענטפער צו סאָפיע בעקער.

זי האָט געענטפערט אויף דעם בריוו, אַז זי וועט ארויסנעמען פון אים אַלץ וואָס קען איר ברענגען זעלישע רו און פאַרבעטן אים צו וויזי־טירן די פרוי עליזע פאָן דער רעקע, צו זיין איר גאַסט און דאָס וועט אין איר איצטיקן געזונט־צושטאַנד (זי איז געווען שווער קראַנק) זיין די בעסטע רפואה. ער האָט נישט אָפּגעזאָגט, געקומען צו גאַסט. מיטאָג־צייט איז ער אַוועק צו זיין רעסטאָראַן עסן זיין פשוטן מיטאָג. ער האָט קיינמאָל נישט געגעסן מיט קריסטן צוזאַמען.

ד

אין דער לעצטער פאַזע פון זיין לעבן האָט זיך מענדעלסאָן פאַר־נומען מיט די השכלה־פּראָבלעמען צווישן זיינע אייגענע ברידער. אין 1770 האָט ער אָנגעהויבן איבערזעצן אין דייטש דעם תהילים, און אין 1774 — דעם חומש, וועלכן די אויפגעקלערטע און רייכע דייטשע יידן האָבן געוואָלט האָבן אין דער לאַנדשפּראַך. אין אַ בריוו צו אַ קריסט־לעכן פּריינט (אַדאָלף העניגג) דערקלערט מענדעלסאָן די סיבות פון זיין איצטיקער טעטיקייט. ער שרייבט: „נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת בין איך געקומען צום אויספיר, אַז מיט דעם רעשט ביסל כוחות, וואָס זענען מיר נאָך פאַרבליבן, קען איך נוצן ברענגען מיינע אייגענע קינדער און מיין פאָלק, אויב איך וועל זיי געבן אַ גוטע ביבל־איבער־זעצונג מיט אַ געהעריקן פירוש. דאָס וועט זיין דער ערשטער שריט צום וועג פון אויפקלערונג פון וועלכער מיין פאָלק איז, ליידער, אַזוי דערווייטערט; אַז כיהייב אָן צייטנווייז צו צווייפלען אין דער צוקונפט פון יידישן פאָלק״.

מענדעלסאָן, דער משכיל, האָט געגלויבט, אַז אַלע יידישע צרות וועלן געלייזט ווערן, ווען די יידישע געזעלשאַפט וועט אַרויסגעפירט ווערן (פון איר גייסטיקער געטאָ־אָפּגעזונדערטקייט און אָפּגעשלאָסנ־קייט) צו דער ברייטער וועלט און דאָס קען דערגרייכט ווערן נאָר דורך בילדונג. ער האָט נאָכגעפאָלגט מארטין לוטערס וועג — אין זיין רעפאָרם — איבערזעצן דעם תנ״ך אין דער דייטשער שפּראַך און זיך געשטעלט דערביי צווי צילן: א) געבן די יידן אַ מעגלעכקייט צו לערנען די דייטשע ליטעראַרישע שפּראַך געשריבן מיט יידישע אותיות; ב) דורך אַ גוטער איבערזעצונג, באַגלייט מיט אַ סיסטעמאַ־טישן קלאָרן פירוש, דערמעגלעכן דעם אונטערוואַקסנדיקן יונגן יידישן דור צו באַקענען זיך מיט די קלאַסישע פּאָעטישע שיינקייטן פון דעם ביבל־טעקסט און מיט דער גראַמאַטיקאַלישער אייגנאַרט פון דער העברעישער שפּראַך. מענדעלסאָן האָט דעם תהילים זייער הויך

אָפּגעשאַצט ווי אַ זאַמלונג פון ערשטקלאַסיקע מוסטערן פון לירישער פּאָעזיע.

דערביי האָט ער אָבער נאָך געהאַט אַ דריטע כוונה: — אויס־מעקן פונעם יידישן לעבן דעם פאַרהאַסטן „זשאַרגאָן", וואָס האָט לויט זיין מיינונג צוגעהאָלפן דער מאָראַלישער פאַרווילדונג פון דעם פשוטן המון. צו הילף אין דער אַרבעט האָט ער גענומען די בעסטע־דאַן קענער פון דער העברעישער גראַמאַטיק, ווי שלמה דובנאָ פון פוילן (וועלכער האָט אויך דעם „זשאַרגאָן" באַטראַכט ווי אַ דייטשע שפּראַך, וואָס יידן האָבן פאַרגרייזט און פאַרקריפּלט). ער האָט אָנגעשריבן דעם „ביאור" — אַ פּירוש צו דעם חומש־טעקסט. ער האָט אויך צוגעצויגן דעם שרייבער און סטיליסט פון דער העברעישער שפּראַך, נפתלי הערץ וועסעלי (ווייזל) און דעם לערער הערץ האָמבערג.

אין 1778 איז אין אַמסטערדאַם דערשינען דאָס ערשטע פּראָבע־העפט און אין 1783 איז שוין דער גאַנצער פּראָיעקט געווען פאַר־ענדיקט: אַלע חומשים אין העברעישן אָריגינאַל און מיט דער דייטשער איבערזעצונג.

ה

אין 1770ער יאָרן זענען קיין בערלין אָנגעקומען פיל באַגאַבטע יידן, און בערלין איז גיך געוואָרן דער צענטער פון השכלה, פון וועל־כער מענדעלסאָן איז באַטראַכט געוואָרן דער מדריך, דער לערער און וועגווייזער.

די בערלינער רבנים האָבן זיך פּאָזיטיוו באַצויגן צו מענדעלסאָנס פּראָיעקט, אָבער די אָרטאָדאָקסישע רבנים פון לאַנד האָבן מיט חשד געקוקט אויף מענדעלסאָנס אויסגאַבע, עס באַטראַכט פאַר אַ חילול השם! אַ קלייניקייט, אויסנוצן תורה־משה בכדי די יוגנט זאָל גיכער זיך אויסלערנען די דייטשע שפּראַך און דורך דעם באַקענען די שאַ־פונגען פון די אומות־העולם — דאָס וועט דאָך פירן צו ביטול תורה!

קעגן דער תורה פון משה דעסאַו זענען אַרויסגעטראָטן דריי קאַנאָנען פון דער דעמאָלטיקער רבנישער וועלט: דער האַמבורגער רב ר' רפאל כהן; דער פּראָגער רב ר' יחזקאל לאַנדוי און דער פראַנקפורטער רב ר' פּנחס הורוויץ (אגב, זענען די אַלע רבנים געקומען פון פוילן). עס איז אויסגעבראָכן דער גרויסער קולטור־קאַמף קעגן די „בערלינטשיקעס", וואָס האָבן די הייליקע ספרים פאַרגויאישט אויף דייטש. די רדיפות זענען אין ערטער דערגאַנגען צו פאַרברענען עפנטלעך דעם „טריף־פסול". דאָס האָט געבראַכט צו אַ קעגן־רעאַקציע מצד די משכילים, וועלכע האָבן מיט ציין און נעגל געקעמפט צו פאַרשפּרייטן די אויסגאַבע און מאַכן זי פּאָפּולער פאַר די וועלכע זענען שוין „געכאַפּט געוואָרן אין דער מעשה" (השכלה).

בערלין, ווי דער צענטער פון דער מערב־אייראָפּעישער יידישער „אויפקלערונג", האָט געהאַט השפּעה אויף דער ראַדיקאַל־געשטימ־טער יוגנט, וואָס האָט זיך געריסן קיין בערלין צו געניסן פון דעם מאָדערנעם אייראָפּעישן גייסט. איינצלנע משכילים זענען נאָך געווען אין די גאָר פריערדיקע יאָרן — אפילו אין 1740־ער יאָרן זענען שוין געווען: ישראל זאַמאָשטש, אברהם קיש, אהרן גומפּערטץ (מענדעל־סאָנס לערער בעת זיין יוגנט), מאַרקוס אליעזר בלאָך, מאַרקוס הערץ און אַנדערע.

מאַרקוס הערץ, אגב, האָט דורכגעמאַכט אויך אַ זייער אינטערעסאַנטע קאַריערע. ער איז אויך געווען אַ סופרס זון, דערצויגן אין בערלין, אין בית־המדרש, צו 15 יאָר איז ער אַוועק קיין קעניגסבערג און אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ געשעפט. צו 19 יאָר אַריין אין אוניווער־סיטעט און גלייך געוואָרן קאַנטס באַליבטסטער תלמיד. שטודירט מעדיצין און שפּעטער געוואָרן דער הויפּט־דאָקטאָר פון „בערלינער יידישן שפּיטאָל".

ער האָט זיין מעדיציניש פּראַקטיק פאַרבונדן מיט פּסיכאָ־לאָגישע און פיזיאָלאָגישע פאָרשונגען, איינצייטיק געגעבן לעקציעס וועגן פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט, און די לעקציעס האָבן געהאַט אַזאַ אָפּקלאַנג אַז ס'האָט צו זיי צוגעצויגן די קעניגלעכע פאַמיליע. צווישן זיינע „סטודענטן" זענען געווען דער יוסטיץ־מיניסטער, דער מיניס־טער פאַר קולטור און דערציאונג (באַראָן קאַרל פון זעדליטץ) און נאָך אַנדערע מיניסטאָרן.

דער קעניג פרידריך ווילהעלם דער צווייטער האָט אים פאַר די לעקציעס באַערט מיטן טיטל: פּראָפעסאָר. מאַרקוס הערץ האָט חתונה געהאַט מיט דער ספרדישער טאָכטער הענריעטע לעמאָס, וואָס האָט געמאַכט זייער היים פאַר אַ צענטער און קולטור־סאַלאָן. זיין גאַנץ לעבן לאָיאַל צום יודאַיזם: מענדעלסאָנס פריינד האָבן אויך אים געהאָלפן גרינדן אין בערלין אַ יידישע פריישולע — די ערשטע יידישע פאָלקס־שול, ווו מען האָט אַ חוץ תלמוד געלערנט אויך וועלטלעכע לימודים.

מענדעלסאָן, זייענדיק איינגעטאָן בלב ונפש אין דער אינעווייי־ניקסטער קולטור־רעפאָרם, האָט גלייכצייטיק נאָך געדאַרפט פירן דעם קאַמף קעגן יידישער רעכטלאָזיקייט און רדיפות אין פאַרשידענע פּראָ־ווינצן. ער האָט באַוויזן זיין פריינט, מאַרקוס הערץ, איבערצוזעצן אויף דייטש די היסטאָרישע ווענדונג פון מנשה בן ישראל אין 17־טן יאָרהונדערט, וואָס האָט באַווירקט די עפנטלעכע ענגלישע מיינונג לטובת די יידן, אריינצולאָזן זיי אין לאַנד, מבטל מאַכן די פאָראורטיילן קעגן זיי און זיי לאָזן זיך אַנטוויקלען, דורך טאָלעראַנץ, כאָטש צו אַ קליינעם יידישן ישוב.

מענדעלסאָן האָט צו דער איבערזעצונג נאָך אָנגעשריבן אַן אַריינפיר, אין וועלכן ער גרייפט שטאַרק אָן די שינאה קעגן יידן, וואָס באַקומט אין יעדער עפּאָכע אַן אַנדער אויסרייד און בילבול. ער האָט זיך אויסגעטיילט אויך מיט זיין שטאַרקער פּובליציסטישער פּעדער, וואָס איז געווען גאָר אַנדערש פון זיין רואיקן פילאָזאָפישן סטיל אין זיינע ווערק.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, ווי אַזוי געטע, יאַקאָבי און פיל אַנדערע דייטשע גדולים האָבן געשריבן וועגן מענדעלסאָנען:

יאַקאָבי רעדט וועגן מענדעלסאָנען, ווי „אַ היפּאָקריט־יידל". דערביי באַנוצט ער זיך אויפן אַדרעס פון בערלינער יידן מיט אַזעלכע פאַראַכטנדיקע עפּיטעטן, ווי „די גאַנצע בערלינער קליקע" און „פּרר־מער שווינדל" אָדער „רבנישע לעקציעס". אויך דער גרויסער געטע שרייבט אַזוי צו יאַקאָבין וועגן מענדעלסאָנס מאָרגנשטונדן: „ווי מיינסטו וועגן די יידישע טריקן מיט וועלכע עס באַנוצט זיך דער נייער סאָקראַטעס? ווי קלוג ער שטעלט פאַר שפּינאָזען און לעסינגן? אָ, דו אָרעמער קריסט, ווי שלעכט דו וועסט ביי אים אָפּשניידן... ביסטו גרייט צו אַ קאָנטראַ־אַטאַקע?"... אַזוי האָבן זיי זיך דערלויבט אַרויסצוברענגען זייערע אַנטי־יידישע געפילן מיט וועלכע זיי האָבן באַפאַרבט זייער אָפּשאַצונג וועגן מענדעלסאָנען.

כאַראַקטעריסטיש איז דאָך פאַר יענער תקופה, וואָס אויך די א"ג פריידענקער האָבן אַרויסגעבראַכט זייערע פאַראורטיילן קעגן די יידן. נעמען מיר אַזאַ פאַל, ווי אויגוסט העניגגס און זיין אַרויסטריט קעגן דער יידישער רעליגיע. ער האָט זיך פאַררופן אויפן אַלטן טעס־טאַמענט צו באַווייזן, אַז די אַלע באַגאַנגענע גרויזאַמקייטן, ווי עס דער־ציילט די ביבל, שטימט אויך מיטן (היינטיקן) כאַראַקטער פון יידישן פאָלק, יידן האָבן קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין טאָלעראַנץ, און דער כאַראַקטער פון די יידן האָט זיך נישט געענדערט, „אַזוי ווי אין מדבר, אַזוי זענען זיי איצט".

אמת, זיי (די יידן), קענען טאַקע איצט נישט ווייזן זייער אמתן פּרצוף אַזוי אָפן ווי אַמאָל „אָבער דאָס וואָס מען קען זען אין זיי איז גענוג פאַר אַ שאַרפער השערה! זיי באַטראַכטן זיך פאַר אַן אתה בחרתנו פאָלק, ווייל זיי ווייסן... ווי אַזוי רייך צו ווערן".

די ציטאַטן שפּיגלען בולט אָפּ די „אויפקלערערס", אָט די זעלבע וואָס זענען אַרויס אין קאַמף קעגן פאַראורטיילן, אָבער די פאַראור־טיילן קעגן יידן איז ביי זיי געבליבן טאַבו!

מענדעלסאָן איז געווען אַן עדות פון דעם און ער אַליין האָט אונ־טערגעשטראָכן, אַז אין דער נאַטור פון פאַראורטיילן ליגט: אויב עס בלייבט נאָר אפילו איין ברעקעלע, ווערט עס ווי אַ קערנדל, פון וועלכן עס שפּראָצט פלוצעם אַרויס אויף אַ נייעם באָדן דער ווילדגעוויקס.

דעריבער מוז מען זיך קעגנשטעלן יעדן פּאַראָרטייל, אים אויסרייסן מיטן וואָרצל!

מענדעלסאָן אַפּעלירט צו דער וועלט צו טאָלערירן געדאַנקען און אמונות פון אַנדערש־גלויביקע מענטשן, און ער ווענדט זיך אויך צו די יידישע מנהיגים, זיי זאָלן זיין טאָלעראַנט, אַרויסווייזן ביישפּילן פון ליבשאַפט איינער צום צווייטן: „ווייזט אַרויס ליבשאַפט, בכדי מען זאָל אַרויסווייזן אויך ליבשאַפט צו אייך". זיין אומאויפהערלעכער רוף צו קעגנזייטיקער טאָלעראַנץ איז געווען געווענדט צו די יידן און צו די קריסטן.

דער אָפּשלוס פון זיין בוך „ירושלים" האָט געבעטן דער וועלט אַנצווווענדן גערעכטיקייט לגבי דעם יידישן פאָלק, וואָס ווערט פאַר־פאָלגט נאָר דערפאַר, מחמת ער טוט גלייבן, טראַכטן און לעבן אַנ־דערש, ווי די נישט־יידן. פלאַמיק רופט ער אויס: „הערשער פון דער וועלט: געטרויט נישט יענע בעלי־עצהס, וואָס ווילן אייך פירן מיט גלאַטינקע ריידעלעך אויף די שעדלעכע וועגן... פלאַסטערט אויס אַ וועג פאַר די שפּעטערדיקע גליקלעכע דורות, וואָס וועלן זיך דער־הייבן צו יענער הייך פון קולטור, צו יענער אַלגעמיינער מענטש־לעכער טאָלעראַנץ, וואָס אונדזער פאַרנונפט בענקט נאָך איר... זאָל יעדער קענען רופן צו גאָט אויף זיין אייגענעם שטייגער, ווי פון זיינע אָבות, און זוכן פאַר זיך אויסלייז, ישועות ונחמות, דאָרט וווּ ער קען עס געפינען". ער פאַרענדיקט פאַטעטיש: — האָב ליב דעם אמת, האָב ליב דעם שלום!"

אָט דער פלאַמיקער רוף נאָך יושר און אמת איז דאָך געווען אין איינקלאַנג מיט דער לערע פון די ראַציאָנאַליסטן און פרייִדענקער, וואָס האָט שפּעטער דערפירט צו דער פּראָקלאַמירונג פון מענטשלעכע רעכט פאַר אַלעמען. עס האָט באַטייט אויך: רעכט פאַר יידן.

ז

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל איז געשען אין יענער צייט מיט דעם רייכן באַנקיר און פּרנס, משה חלפן. ער האָט איבערגעלאָזט אַ ריזיקן פאַרמעגן (250 טויזנט טהאַלער) פאַר זיינע קינדער, אָבער מיט איין באַדינג, אַז ווער פון זיי עס וועט אָפּטרעטן פון דער יידישער אמונה צו אַן אַנדערער, טאָר פון דעם נישט געניסן, נישט פון קאַפּי־טאַל און נישט פון די פּראָצענטער.

נאָך זיין טויט האָבן זיך געשמדט צוויי פון זיינע טעכטער, זיי האָבן אָבער פאַרלאַנגט זייער חלק ירושה. דער פּרייסישער געריכט האָט אָנערקענט די גילטיקייט פון דער צוואה. די טעכטער האָבן זיך ווייטער פּראָצעסירט און געבראַכט פאַר אַן עקספּערט דעם פּראָ־פעסאָר טישען, וועלכער האָט דערקלערט, אַז דאָס איבערגיין צום

קריסטנטום איז ווי בלייבן מיט דער ייִדישער רעליגיע, במילא קומט זיי די ירושה. עס האָבן נישט געהאָלפן די קעגן־טענות און דער ענין האָט זיך לסוף פאַרענדיקט מיט אַ פשרה. אָבער ווען ייִדן האָבן פאַר־לאַנגט אַ גלייכן סטאַטוס האָט מען עס אָפּגעוואָרפן צוליב זייער רעלי־גיע! אויב ייִדן ווילן ווערן אינטעגרירט אין דער קריסטלעכער מלוכה האָבן זיי נאָר איין ברירה: שמד!

האָבן ייִדישע זין און טעכטער געפאָלגט די עצה און זיך געשמדט. דער זון פון דעם בערלינער רב (מיכל חסיד) האָט זיך געשמדט צוזאַמען מיט זיינע צוויי זין און באַקומען דעם טיטל „פאָן זאַנפעלס". זיין עלטערער זון איז גאָר איבערגעגאַנגען צום רוימישן קאַטאָליציזם, געוואָרן זייער באַרימט אין דער דייטשער ליטעראַטור און פּאָליטיק. דער יונגערער זון, פראַנץ אַנטאָן, איז געוואָרן אַ הויפראַט. ביידע זין און די אייניקלעך פון רב, האָבן געמאַכט פּאָליטישע קאַריערעס ביי דער אימפּעראַטאָרין מאַריאַ טערעזע.

אַנדערע זין און טעכטער, פון זייער פרומע היימען, האָבן ביים אָפּרייסן זיך פון דער אמונה פון זייערע אָבות זיך געוואָרפן אין די אָרעמס פון פריידענקערישן ראַציאָנאַליזם (דער עיקר: די מענער) און צום סענטימענטאַלן ראָמאַנטיזם (בעיקר: די פרויען).

ערשט אין אַ שפּעטערדיקן דור האָבן די ייִדישע אינטעלעקטואַלן איינגעזען, ווער פריער, ווער שפּעטער, אַז די ייִדן זענען געוואָרן עפּעס ווי אַריינגענאַרט אין דער דייטשער געזעלשאַפט „דורך היפּאָ־קריטישע ווערטער און מעשים" (ווי ראַכעל לעווין האָט זיך אויסגע־געדריקט — זע די עסיי וועגן איר), פּשוט: „פאַרנאַרט, באַשווינדלט, באַרויבט דורך אַ געהיימען פאַרבאַנד צווישן דער מלוכה און געזעל־שאַפט — צוזאַמען האָבן זיי אויסקאָמבינירט צוצונעמען פון די ייִדן די עלעמענטאַרע ציווילע רעכט און סאָציאַלע גלייכהייט". די צרה אָבער איז דעמאָלט באַשטאַנען אויך אין דעם, וואָס די ייִדן גופא האָט געפעלט נישט נאָר דער כוח, נאָר אויך דער ווילן צו קעמפן פאַר זייערע „צוגעגנבעטע נאַטירלעכע רעכט" וואָס איז זיי געקומען ווי מענטשן פון יעדן שטאַנד און רעליגיע.

יעדער ייִד האָט אינדיווידועל געזוכט צו שטייגן אין די „הויכע פענצטער" און אין די „הויכקייטן" אריינגעפאַלן אין די הענט פון די שונאים. זיי האָבן זיך געפרייט ביים כאַפּן אַן איזאָלירטן ייִד. ווי אַזאַ, איז ער דאָך געווען אַן אַבסטראַקטער ייִד, אַן אָפּגעזונדערטער פונעם ייִדישן כלל. די טראַגעדיע פון די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער פון ייִדישן שטאַם איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זיי, אָט די ייִדן, האָבן די ייִדישע פראַגע באַטראַכט ווי זייערס אַ פּערזענלעכן פּראָבלעם, וואָס איז נישט פאַרבונדן מיטן ייִדישן כלל.

ערשט אַ סך שפּעטער — טיפער אינעם 19טן יאָרהונדערט —

איז עמאַנציפּאַציע געוואָרן אַ יידישער כלל־ענין, באַגלייט מיט אַ פּאָ־ליטישן קאַמף פאַר יידישע רעכט. אָבער די תקופה פון מענדעלסאָן און זיין דור איז נאָך צו דעם נישט געהאַט דערגאַנגען.

ער און זיין דור זענען נאָך אָבער געווען צוגעבונדן צום רעלי־גיעזן לעבנס־שטייגער און צו יידישע טראַדיציעס. אַזוי האָט זיך אויך נוהג געווען דייוויד פרידלענדער. אין זיין שטוב פלעגן אין די שבתים און יום־טובים קומען יידישע יונגעלייט, דיסקוטירן מיט אים די יידישע דינים און מינהגים, וואָס זענען געוואָרן אויסגעחוזקט פון די בערלינער „אויפגעקלערטע" יידן.

אין מענדעלסאָנס הויז זענען אויך אָפט פאָרגעקומען יידישע מסיבות, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון זיין לעבן. און אַלע וואָס זענען צו אים אריינגעקומען האָבן נישט געהאַט קיין ווערטער פאַר זיין אידעאַלן פאַמיליען־לעבן. זיין פרוי פרומעט און די קינדער האָבן דאָך געמאַכט אַזאַ גוטן איינדרוק.

די קינדער האָבן חתונה געהאַט זייער יונג. ברײַנדל איז נאָר אַלט געווען 18 יאָר צו דער חתונה, איר שוועסטער רייקל — 17 יאָר. די יינגסטע טאָכטער יענטע איז נאָר אַלט געווען צען יאָר ווען איר פאָטער איז געשטאָרבן. די חתונות זייערע זענען געווען יידיש־טראַ־דיציאָנעלע און מענדעלסאָן האָט געגלויבט, אַז זיינע טעכטער פילן זיך גליקלעך מיט זייערע יידישע מענער.

אָבער נאָך זיין טויט איז פון ברײַנדל געוואָרן דאָראָטעע (שלעגל) און פון יענטע — הענריעטע. אַ חוץ דעם עלצטן זון יוסף און אַ טאָכ־טער האָבן אַלע זיינע קינדער פאַרלאָזן די אמונה פון זייערע אָבות און זייערע יידישע פאַרבינדונגען.

דאָס געהער אָבער שוין צו אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד.

ז

ווען מיר באַטראַכטן די דערשיינונג מענדעלסאָן און זיין דור, קענטיקט זיך, אַז די דאָזיקע עפּאָכע איז געווען אַ טיפּיש־אַנטי־היס־טאָרישע! עס האָט זי געפעלט אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיוו, אַ חוש פאַר דער געשיכטלעכער עוואָלוציע, צו קענען באַלייכטן דעם גאַנג פון היסטאָרישן יידנטום וויסנשאַפטלעך און קלאָר.

מענדעלסאָן און זיין דור האָבן אַלץ געטאָן בכדי אַרויסצושטויסן די אומגאַנגס־שפּראַך פון די יידישע מאַסן. זיי האָבן יידיש (אָדער יידיש־דייטש) פאַרביטן אויף אַ ריינעם ליטעראַרישן דייטש, וואָס האָט צוגעהאָלפן דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע.

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל איז געווען אין בערלין: הרב פּרענ־קעל האָט פאָרגעלייגט, אַז ווען יידן דאַרפן אָפּגעבן אַ שבועה אין

געריכט זאָלן זיי באַנוצן דעם „ידיש־דייטשן אידיאָם״. די מאָטיוון זענען געווען לאָגישע.

אָבער מענדעלסאָן, אין זיין משכיליש־פּאַרביסענער שינאה קעגן „זשאַרגאָן״, איז אַרויס קעגן דעם, דערקלערנדיק, אַז ער דערוואַרט זייער גוטע רעזולטאַטן, ווען יידן וועלן באַנוצן אַ ריינעם דייטש וואָס איז „געוואָרן מאָדערנע פאַר מיינע ברידער זינט אַ געוויסע צייט״.

בעת מענדעלסאָן האָט באַטראַכט ידיש „ווי אַ פאַרקריפּלטן און גרייזיקן דייטש״, האָט ער נישט פאַרויסגעזען, אַז עס וועט קומען אַזאַ געלערנטער, ווי הומבאָלד און אויפוויזן, אַז קיין שום פאָלק איז נישט אומשטאַנד צו באַלעבן און באַפרוכפערן אַ פרעמדע שפּראַך מיט זיין אייגענעם גייסט. סיידן ער אַרבעט איבער די דאָזיקע שפּראַך אין אַ גאַנץ אַנדער פאָרם, אין אַזאַ וואָס פאַרשפּיגלט די נשמה פון דעם פאָלק. דאָס איז דאָך פאַרגעקומען מיט דעם פּראָצעס פון ידיש לשון אין משך פון פיל יאָרהונדערטער. אָבער דאָס געהערט אויך שוין צו אַן אַנדער פּרשה.

ח

מיט מענדעלסאָנס נאָמען איז פאַרבונדן די גאַנצע קולטור־רעוואָלוציע אינעם יידישן לעבן. הגם ער גופא האָט נאָך אָפּגעהיט תרי״ג מצוות, זיך באַצויגן מיט גרויס יראת הכבוד צו די רבנים פון זיין צייט, אָבער די שפּעטערדיקע דייטש־יידישע דורות האָבן זיך שוין אַנדערש געפירט, און אויפגעגעבן זייער נאַציאָנאַלע אידענטיטעט פאַרן פרייז פון בירגער־רעכט.

מענדעלסאָנען האָט גאָר ווייניק געאַרט, וואָס ער האָט נישט קיין בירגערלעכע רעכט. ער האָט נאָר גענומען אַ צופעליקן אינטערעס אין דעם גאַנצן ענין, געווען צופרידן מיט דעם „אויפקלערערישן״ אַבסאָלוטיזם פון פרידריך דעם צווייטן, אונטער וועמען די יידן האָבן געקענט פריי אַנגיין מיט זייער רעליגיעזן לעבן, און „אונטער וועמענס הערשאַפט סיהאָט געבליט קונסט, וויסנשאַפט און פרייהייט צו דענקען״ (מענדעלסאָן). דאָס וויכטיקסטע פאַר אים איז געווען צו פאַרטיידיקן יודאַיזם און ער האָט דאָס געטאָן מיט גרויס טאַלאַנט.

ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1786, זייענדיק אַלט נאָר זיבן און פופציק יאָר. אין דער תקופה איז ער געווען דער ערשטער דייטשער ייד אויף דער אייראָפּעישער, אינטעלעקטועלער סצענע, אין וועלכער עס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן פילאָזאָפן און קינסטלער, וויסנשאַפטלער און טעאָלאָגן. זייענדיק אַ מענטש מיט אַ סך מידות אין זיינע פערזענלעכע פירונגען, און אַ בן־בית אין די גייסטיקע געצעלטן פון אייראָפּעישן געדאַנק פונעם 18טן יאָרהונדערט, איז ער איינצייטיק געבליבן טיף פאַרוואָרצלט אין דער טראַדיציאָנעלער ידישקייט.

שטאָף פאַר אַ גרויסן יידיש־היסטאָרישן ראָמאַן

(די יידישע עמאַנציפּאַציע־דראַמע אין דייטשלאַנד)

א

די טעמע פון אַ גרויסן יידיש־היסטאָרישן ראָמאַן דאַרף אַרומ־נעמען די תקופה פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע אין דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויפן שוועל פון ניינצנטן יאָרהונדערט און האָט באַגלייט דריי דורות יידן אין דייטשלאַנד, וואָס זענען אַוועק אויף דעם פאַרפּירערישן שליאַך פון נאַציאָנאַלער אויפלייזונג פאַרן פּרייז פון עמאַנציפּאַציע. ס'איז מיט אַ צייט צוריק אויסגעפאַלן דער 200־סטער געבוירן־טאָג פון ראַכעל לעווין (איינצייטיק היינריך היינעס 175סטער געבוירן־טאָג), וואָס איז געווען, מ'קאָן זאָגן, די באַגאַבטסטע יידישע פרוי פון דייטשישן יידנטום, און האָט פאַרקערפּערט מיט איר לעבנס־גאַנג נישט נאָר איר דור, נאָר אויך שפּעטערדיקע דורות, וואָס זענען אַוועק פון זייער יידישן שטאַם אין דייטשלאַנד — און אין פיל אַנדערע לענדער. זי וועט אין דעם היסטאָרישן ראָמאַן פיגורירן ווי איינע פון די הויפּט־פּערסאָנאַזשן — צוזאַמען מיט אַ גאַנצער פּלעי־יאַדע זין און טעכטער פון יידישן פאָלק, וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן זייער גרויסע גייסטיקע ירושה. (זע מיין ראַכעל לעווין מאָנאָגראַפיע).

דער סוזשעט פון דעם ראָמאַן — וואָס דאַרף לויט מיין מיינונג זיין אויך אַ סצענאַר פאַר אַ גרויסן יידיש־היסטאָרישן פילם — הייבט זיך אָן מיט דעם בילד, ווי אַ פאַרצניאַריקער יינגל, אַ קינד פון דעם אָרעמען דעסאַוער סופר, מנחם־מענדל, קומט אָן קיין בערלין.

מיר זעען אים אָנקלאַפּן אין דעם רויזענטאַלן טויער, דער טויער, דורך וועלכן אַ ייד פון רעכטלאָזן געטאָ האָט דעמאָלט געקענט אַריינ־קימען אין בערלין, און שפּעטער, דעם ווייטערדיקן לעבנסוועג פון אַ קינד פון יידישער רעכטלאָזיקייט, וואָס האָט דורך זיין אייזערנעם ווילן און געניאַליטעט דערגרייכט די מדרגה פונעם וועלט־באַרימטן פילאָזאָף משה מענדעלסאָן, געקרוינט מיטן טיטל: „דער סאָקראַטעס פון בערלין".

מיר זעען און שפּירן זיין פריינדשאַפט מיט אפרים לעסינג, וואָס האָט אָנגעהויבן די נייע תקופה און געבראַכט צו אַ דערנענטערונג

העגריעטע הערץ

צווישן דער יידישער און דייטשי־שער אינטעליגענץ, צו דער אַנט־שטייאונג פון די יידישע קונסט־סאַלאָנען, אָנגעפירט דורך די יידישע טעכטער: העגריעטע הערץ (וועמענס שיינקייט איז געווען אַ שם־דבר), ראַכעל לעווין און די טעכטער פון משה מענדעלסאָן.

איידער מיר גייען ווייטער אָן מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם סוזשעט און זיינע הויפּט־פּערסאָנאַזשן, דאַרפן אין דעם סצענאַר אַריינגע־נומען ווערן רעטראָספּעקטיווע ביל־דער פון בערך טויזנט יאָר יידיש לעבן אין שכנות, זייט ביי זייט מיט דייטשן. כאָטש זיי האָבן געלעבט איינע נעבן די אַנדערע, זענען זיי פאַרבליבן צווישן זיך פרעמדע. די געטאָ־וועלט האָט נישט נאָר גע־שאַפן פיזישע באַריערן, וואָס זענען געווען דער אויסדרוק פון יידישער רעכטלאָזיקייט, נאָר אויך גייסטיקע מחיצות, וואָס האָבן אָפּגעטיילט צוויי פרעמדע וועלטן.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן פון פינצטערן מיטלעלטער ביז דער א״ג נייער צייט, ביז עס איז געקומען די עפּאָכע פון „אויפקלערונג״ (אין 18טן יאָרהונדערט) און די טויזנטיעריקע פרעמדע שכנים האָבן זיך אָנגעהויבן קעגנזייטיק צו אַנטדעקן און נענטער זיך צו באַקענען .

צו ערשט איז עס פאָרגעקומען אין די סאַלאָנען פון דער אינטע־לעקטועלער עליטע. מיט די סאַלאָנען האָבן אָנגעפירט די הויך־גע־בילדעטע יונגע יידישע פרויען, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ גרויסן איינ־פלוס אויף דער קונסט און קולטור פון יענער צייט, ווייט איבער די גרענעצן פון די דייטשישע מלוכהלעך.

דאָס בילד פון די יידישע קונסט־סאַלאָנען דאַרף איינגערעמט ווערן מיט דעם הינטערגרונט פון די אָפּגעשלאָסענע געטאָס, וואָס האָבן אונטער דער ווירקונג פון די קאָסמאָפּאָליטישע אידייען פון דער אויפקלער־באַוועגונג, און פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די אידעאַלן פון „קולטור און הומאַניזם״.

אונטער דעם גאָר שיינעם מאַנטל איז טאַקע געגאַנגען די נאַציאָ־נאַלע אויפלייזונג פון דייטשישן יידנטום דורך אַ מאַסיווער אסימילאַ־ציע־ און שמד־באַוועגונג. די אויסגעבענקטע בירגער־רעכט פאַר יידן

זענען דורכן קריסטנטום געשטעלט געוואָרן אונטער אַ באַדינג צו באַ־קומען עס נאָר ווי יחידים, אָבער נישט ווי אַ נאַציע.

עס דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז קריסטנטום איז אין יענער תקופה געווען אַ סינאָנים פון אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע און אַנטיסעמיטיזם איז געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון קריסטנטום. ביידע, זייענדיק פאַרקניפּט און פאַרבונדן דורכן היסטאָרישן עבר — פון מיטלעלטער אויפן רעליגיעזן באָדן און פון עקאָנאָמישער קאָנקורענץ שוין אין דער נייער צייט.

דייטשישע דערציאונג האָט דעריבער באַטייט — קריסטלעכע דערציאונג, און עמאַנציפּאַציע — עמאַנציפּאַציע פון ייִדישקייט... מיט דעם גייסט איז טאַקע אָנגעשטעקט געוואָרן, אין דער תקופה פון דער ערשטער עמאַנציפּאַציע, די עליטע פון דער ייִדישער אינטעליגענץ.

די אויפגעקלערטע טעכטער פון די ייִדישע באַנקירן און סוח־רים האָבן געזען אין ייִדנטום אַ פאַרגליווערטן ריטועלן קולט, אַלטפרענקישע שטרענגע טראַדיציעס, וואָס האָבן נישט אַפּעלירט צו זייער האַרץ און פאַנטאַזיע.

זיי זענען געווען הימל־ווייט פון דער ייִדישער רעליגיע, פון ייִדישן גייסט און פון ייִדישע טראַדיציעס, פאַרשיכורט פון דעם פרילינגס־רויש אין דער נייער צייט, זענען זיי אַרונטערגעפאַלן אונ־טער דעם כישוף פון ראָמאַנטיזם און באַלד ביי דער ערשטער דער־נענטערונג מיט דער דייטשישער קולטור, זענען זיי אָפּגעפאַלן פון ייִדנטום.

ב

די שמד־עפּידעמיע...

די שמד־עפּידעמיע אין דייטשלאַנד איז געקומען פון סאַמע אויבן. זי האָט זיך אָנגעהויבן פון די ייִדישקעס אין די סאַלאָנען און ערשט שפּעטער האָט זי ארומגעכאַפּט די מיטעלע ביז די נידעריקסטע שיכטן. דערווייל, אויפן עקראַן זעען מיר קודם די הויפּט־פּערסאָנאַזשן: הענריעטע הערץ, ראַכעל לעווין און די טעכטער פון משה מענדעלסאָן — די שפּיצן פון דער העכסטער ייִדישער געזעלשאַפט, פון וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע ריי צום טויף־אַקט... דאָס איז דער ערשטער דור, וואָס האָט פאַרלאָזט די געטאָ־מויערן און גע־זוכט פּטור צו ווערן פון היסטאָרישע זכרונות.

הענריעטע הערץ איז געווען אַ טאָכטער פון אַן אָנגעזעענעם האַמ־בורגער דאָקטער פון ספרדישן אָפּשטאַם, דע־לעמאָס. איר אויסערגע־

ווײַנלעכע שײנקײט, איר הויכע קולטור און קענטעניש פון אײראָפּעאישע שפּראַכן — איז באַרימט געװוען איבער גאַנץ אײראָפּע.

זי האָט זײער יונג חתונה (צו 16 יאָר) מיט מענדעלסאָנס אַ תּל־מיד, מיט דעם יונגן דאָקטער און פילאָזאָף מאַרקוס הערץ און נאָך דער חתונה איז זײער הויז געװאָרן אַ זאַמלפּונקט פאַר דער אַריסטאָ־קראַטישער געזעלשאַפט. זײער צוזאַמענלעבן איז אָבער נישט זײער גליקלעך... מאַרקוס הערץ — װײַט פון ראָמאַנטיזם, איז געװוען אַרײַנ־געטאָן אין דער פילאָזאָפיע פון ראַציאָנאַליזם און האָט געהערט צו אַ גאָר אַנדער װעלט. װי זײַן יונגע פרוי הענריעטע, װאָס איז דעמאָלט אין צװאַנציקער פון אַ נײַ־געשאַפענעם קרײַז „טוגענד־בונד״, צו װעלכן עס געהערט אויך דער פּרעדיקער שלײַערמאַכער. ער דרשנט כּסדר, אַז װען אַ ייד װיל װערן אַ דײַטש מוז ער קודם כּל װערן אַ קריסט... הענריעטע איז, װײַזט אויס, מיט אים מסכּים, און אויך מיט זײַן נײַער „תּורה״ פון פאַרבינדן קריסטלעכע ראָמאַנטיק מיט פרײַע געשלעכט־לעכע באַציאונגען...

אין הענריעטעס סאַלאָן זענען מיר די סאַמע עליטע פון דער אײ־ראָפּעאישער געזעלשאַפט, די אַריסטאָקראַטישסטע פאַרשטײער פון פראַנקרײַך און דײַטשלאַנד זענען אירע שטאַם־געסט. עס איז געװוען ממש אַ זכיה צו פאַרקערן אין איר געזעלשאַפט און אירע פאַרערערס האָבן געהערט צו בײדע געשלעכטער: — פּרינצן, דיפּלאָמאַטן, רעלי־גיעזע פּרעדיקער און פרײדענקער, װאָס האָבן אין איר סאַלאָן דורכ־געלופטערט די ליטעראַרישע און קינסטלערישע שטרעמונגען פון יענ־נער צײַט און ועל כּולם — שמד צום קריסטנטום, װאָס איז דאָרט אָנערקענט געװאָרן װי אַ סאָציאַלע נויטװענדיקײט פאַר די געבילדעטע שיכטן. אָט דער געדאַנק איז אײַנגעהאַמערט געװאָרן אין דער יידישער געזעלשאַפט, װאָס האָט פון דעם געמאַכט די געהעריקע אויספירן...

הענריעטע הערץ האָט זיך נישט געשמדט גלײַך נאָכן טויט פון איר מאַן (1804), נאָר אָפּגעװאַרט מיט דעם טויף־אַקט ביז נאָך איר מוטערס טויט. אַ באַװײַז, אַז כּיבוד אם איז פאַר איר יאָ געװוען אַן ערנסטער ענין, מיט װעלכן זי האָט זיך שטאַרק גערעכנט...

װען זי האָט זיך געשמדט אויפן לוטעראַנישן גלויבן, איז זי פאַר־בליבן שוין אַ לוטעראַנערין ביזן סוף פון איר לעבן. און ס׳איז מערק־װירדיק, אַז דאָס איז נישט געשען מיט מענדעלסאָנס עלטערער טאָכ־טער, דאָראָטעע, װאָס האָט זיך צוערשט געטויפט אויף אַ לוטעראַנערין און שפּעטער צוזאַמען מיט איר מאַן פרידריך שלעגעל אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן, בעת פריער האָט זי געהאַלטן, אַז קאַטוילישקײט איז צו פיל ענלעך צום יודאַאיזם...

דאָראָטעעס מיסיאָנערישער אײפער צו „ראַטעװען נשמות״ און דעם אויסערגעװײנלעכן קאַמף, װאָס זי האָט געפירט מיט איר גע־

וועזענעם ייִדישן מאַן, שמעון דייוויד פּייט, וועלכער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן זי זאָל אָפּשמדן זייערע צוויי זין — פאַרמאָגט אַ גאַר־שטאַרקן טראַגיש־דראַמאַטישן עלעמענט אין דעם היסטאָרישן סצענאַר. שוין אין איר זאָג צום מאַן: „נישטאָ אַזאַ כוח אין דער וועלט וואָס זאָל מיך קענען אָפּשטעלן", **איז דער עסענץ פון דער דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישן מענדעלסאָנס מיסיאָנערישער טאָכטער און איר געוועזענעם ייִדישן מאַן...**

איך וואָלט אין דעם סוזשעט אַריינגענומען אַן אויספאַנטאַזירטן שמועס צווישן פאָטער און טאָכטער, בעת זי איז אַוועקגעגאַנגען פון איר פאָטערס אמונה צו דינען אַ פרעמדן גאָט... עס קומט פאָר צווישן זיי דער פאָלגנדיקער דראַמאַטישער דיאַלאָג:

מענדעלסאָן: דו ווייסט דאָך, אַז צו מיר האָט אַ ציריכער גלח און פּרעדיקער, לאַפאַטער, זיך עפנטלעך געוואָנדן איך זאָל דערקלערן ווי אַזוי אַ מענטש מיט אייראָפּעאישער בילדונג, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פילאָזאָפיע און ליטעראַטור קאָן זיך האַלטן ביי אַזאַ אַבערגלויבערישער אמונה ווי די ייִדישע?

דאָראָטעע: ער איז פולשטענדיק גערעכט. מיך וווּנדערט אויך, ווי אַזוי דו קענסט ווייטער גלויבן אין אַזאַ אַלטפרענקישער רעליגיע, וואָס פּאַסט פאַר אַן אָפּגעשטאַנענעם פינצטערן המון.

מענדעלסאָן: ווי קאָנסטו גלויבן, אַז יעזוס איז גאָט זון? — אויב משיח איז ווירקלעך געקומען, פאַרוואָס איז נאָך דאָ אַזוי פיל רשעות אויף דער וועלט? די וואָס האָבן אַנומלט געברענט ייִדישע ספרים וועלן מאָרגן ברענען מענטשן... איך האָב געגלייבט, אַז דו וועסט פאַרבלייבן ביי דער אמונה פון דיינע אָבות... און די ייִדישע אמונה האָט דאָך נישט נאָר אירע גרויסע מאָראַלישע ווערטן, נאָר אויך אָט די מעלה, וואָס זי לויערט נישט צו כאַפּן נשמות... יאָ, איך גלויב, אַז יעדער ייִד, אין וואָס פאַר אַ צייט ער זאָל נישט האָבן געבוירן געוואָרן — שטאַרבט ער אַ ייִד, אַפילו ווען ער האָט אין דער צווישנצייט פאַרלייקנט זיין ייִדישע אמונה...

דאָראָטעע: ניין, איך וועל נישט שטאַרבן אַלס ייִדישקע. איך וועל איבערלאָזן אַ צוואָה מען זאָל אויף מיין מצבה אויסקריצן אַזאַ אויפֿשריפט: „האָסט מיך אויסגעקויפט גאָט, האַר פון אמת"...

דער אַלטער פאָטער שווייגט אַ פאַרקלעמטער פון זיין טאָכטערס לעצטע ווערטער. ער פאַרטראַכט זיך און דערמאָנט זיך, ווען זיינע קינדער זענען נאָך קליין געווען: די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן פלעגן קומען צו אים. באַטראַכט אים פאַר דעם גלענצנדיקסטן טרעגער פון אייראָפּעישער קולטור און אין דער זעלבער צייט פלעגן זיינע מיידלעך קומען צו לויפן מיט אַ געוויין, אַז אין גאַס האָט מען זיי נאָכגעשריען אַ זידלוואָרט: „ייִדישקעס"; „ייִדישקעס"... ער האָט אויך גע־

פּרוּווט אויפוויזן זיינע קינדער, אַז די „רעליגיע פון ליבע" איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין לויטער שנאה, האָט ער מיט דעם געקענט זיי איבערצייגן צו בלייבן ביי דער אמונה פון זייערע אָבות? האָט דאָך אים די עלטסטע טאָכטער נישט אויפגעהערט צו פרעגן: —

איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס איך דאַרף ירשענען די רעליגיע פון מיינע עלטערן? פאַרוואָס נישט אויסקלייבן אַזאַ רעליגיע, וואָס וועט פאַר מיר זיין בעסער?... „האָבן זיך מיינע טעכטער טאָקע אָפּגעריסן פון שורש, אָבער די זין — זיי וועלן כאָטש נישט אַוועקגיין"...

משה מענדעלסאָן האָט געמאַכט אַ טעות אויך אין באַצוג צו זיינע זין. דער עלטערער זון איז פאַרבליבן ביי דער אמונה פון זיין פאָטער. אָבער דער יינגערער, אברהם, הגם ער און זיין פרוי האָבן נישט אויס־געביטן פאַר זיך דאָס רענדל... איז עס נאָר געווען מחמת כיבוד אב, נאָר צוליבן כבוד פון זיין גרויסן פאָטער, און צוליב דעם טאָקע האָט ער זיך, לכתחילה, אויך אַ ביסל געוואַקלט בנוגע אָפּשמדן זיינע קינדער.

פאַר מענדעלסאָנס טעכטער איז דאָס געווען אַ לייכטע זאַך. זיי האָבן קיין יידישע דערציאונג נישט געהאַט. געווען זענען זיי אויס־געבונדן מיט דער אייראָפּעאישער קולטור, געקענט גוט אַלע ווערק פון די נייעסטע פראַנצויזישע און דייטשישע שרייבערס און פּאָעטן, אָבער גאָר נישט געוווּסט, אַז ס'איז געווען ביי יידן אַ יהודה הלוי און אַנדערע יידישע גרויסע פּאָעטן און גייסט־מענטשן.

די זין פון משה מענדעלסאָן האָבן שוין יאָ געהאַט אַ יידישע דערציאונג, אָבער דער שטראָם פון דער „אויפקלערונגס־באַוועגונג" האָט פאַרפּלייצט מיט אַזעלכע הויכע קלינגענדיקע פראַזן, וואָס זענען געווען גוטע פאַרפירערישע פייערלעך צו שמד און טאָטאַלער אַסימילאַציע.

אברהם מענדעלסאָנס שוואָגער, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ שטאַרק אַסימילירטער משפּחה, האָט גאָר לייכט געביטן דאָס רענדל... ער איז אויך צוגעשטאַנען צו זיין שוואָגער, אַז אויב ער וויל עס נישט טאָן פאַר זיך אַליין, אָבער זיינע קינדער דאַרף ער אַריינ־פירן אונטער די פליגל פון קריסטלעכן אויסלייזער... האָט ער געשריבן צו אברהם מענדעלסאָן בזה הלשון:

„דו זאָגסט, אַז דו האָסט אַ חוב לגבי דעם אָנדענק פון דיין פאָ־טער, אָבער צי טוסטו דען שלעכט, ווען דו גיסט דיינע קינדער אַ רע־ליגיע, וואָס דו אַליין האַלטסט, אַז זי וועט זיין בעסער פאַר זיי?... מען קען בלייבן געטריי אַ רעליגיע, וואָס ווערט גערודפט און זי אַפילו אָנבינדן די קינדער... אויב מען האַלט, אַז די רעליגיע איז די איינ־ציקע, וואָס ראַטעוועט די נשמה. אָבער אויב דו האַלטסט נישט פון דעם, וואָלט געווען אַ באַרבאַרישקייט זיך אַזוי צו פירן לגבי די קינדער"...

אברהם מענדעלסאָן האָט זיך געלאָזט איבערצייגן... עס איז פאַר־בליבן אַ כאַראַקטעריסטישער דאָקומענט פון זיינס אַ שריפט צו דער קאָנפירמאַציע פון זיין עלטסטער טאָכטער — די קאָמפּאָזיטאָרין פאַני הענזעל — אין וועלכן ער דערקלערט איר וואָס עס האָט אים באַוויגן צו געבן איר אַ נייע רעליגיע... עס איז אַ מין ווידוי־בריוו, וואָס דעקט־אויף די פאַרגיפטיקונג פון די שמד־באַצילן, וועלכע האָבן געווירקט ווי אַ ראַק אין דייטשישן יידנטום. ער שרייבט: „...מיר, דיין מוטער און איך, זענען דערצויגן געוואָרן פון אונדזערע יידישע עלטערן אין דעם יידישן גלויבן און מיר האָבן נישט געביטן די פאָרעם. אייך, דיך און דיינע ברידער, האָבן מיר דערצויגן אין קריסטנטום, ווייל דאָס איז געוואָרן די פאָרעם פון די סאַמע ציוויליזירטסטע מענטשן...״

אין דעם בריוו רעדט זיך נאָך ווייטער, „אַז היינט הערשט די „קריסטלעכע פאָרעם״, אָט די וואָס דיין רעליגיע־לערער האָט פאַר דיר אַרויסגעבראַכט״.

האָבן מיר אין די שורות אַ היסטאָרישן דאָקומענט וואָס פאַר אַ דערציאונג די יידישע „אויפגעקלערטע״ קאָסמאָפּאָליטן האָבן געגעבן זייערע קינדער. עס בעט זיך ממש צו געבן אַ קעפּל: וועגן 2000 יאָר פּראָבלעמאַטישן קריסטנטום — „די פאָרעם פון די סאַמע ציוויליזירטסטע מענטשן״, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אוישוויץ...

וואָס פאַר אַ שרעקלעכן טעות די מענדעלסאָנס משפחה (און שפּע־טערדיקע דורות נאָך זיי) האָבן געמאַכט, מיינענדיק, אַז מיט „טויף־וואַסער״ וועלן זיי באַפרייען זייערע קינדער פון יידישן גורל... עס האָט נישט געהאָלפן אַפילו דאָס אַדאָפּטירן צום נאָמען מענדעלסאָן דעם נאָמען באַרטאָלדי, וואָס קלינגט מער גויאיש... (פריער האָט אברהמס שוואָגער, נאָכן שמדן זיך, אָנגענומען דעם נאָמען באַרטאָלדי).

ג

אין 1819 האָבן דייטשישע אַנטיסעמיטישע פּראָפעסאָרן פאַרעפנט־לעכט גיפטיקע פּאַמפלעטן קעגן יידן. זיי האָבן געשריבן מען זאָל די יידן נישט לאָזן זיך פאַרמערן. די מענער — קאַסטרירן און זייערע פרויען און טעכטער שיקן אין שאַנד־הייזער... די פּראָפעסאָרן פריס און ריס (פון היידעלבערגער און בערלינער אוניווערסיטעטן) האָבן אָנגעשטעקט מיט זייער אַנטיסעמיטישן גיפט זייערע אינטעלעק־טועלע נאָכפאָלגערס (און גיפט־מישערס) ווי שטעקער, טרעטשקע, מאַר, דיורינג (דער לעצטער איז שוין דערגאַנגען צו אַזאַ משוגעת־אַנטיסעמיטיזם, אַגיטירנדיק, יידן זאָלן צוריק ווערן פאַריער).

אין זעלבן יאָר זענען פאָרגעקומען פּאָגראָמען קעגן יידן אין פיל דייטשישע פּראָווינץ־שטעט, ווו אַ סך יידן זענען דערמאָרדעט געוואָרן,

לודוויק בערנע

ווייערע הייזער צעראַבירט, סינאַגאָגעס — פאַרברענט, ספר־תורהס — געשענדעט. די שאַנד־מעשים זענען נישט באַגאַנגען געוואָרן דורך אַן אומוויסנדיקן המון. עס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט סטודענטן, וואָס האָבן געלערנט אַנטי־יידישע העצע ביי זייערע פּראָפעסאָרן.

אָבער אין די ערשטע יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט האָט דער קעסל פון אַסימילאַציע און שמד אַמשטאַרקסטן זיך געקאָכט אין דעם דייטשישן שול־וועזן, וווּהין די יידישע יוגנט האָט געשטראָמט צוליב קאַריערע. דאָס וואָס ביי די העכערע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט איז געגאַנגען אין נאָמען פון „ליבשאַפט צו דייטשישער קולטור", איז ביי די נידעריקסטע שיכטן שוין געווען פאַרבונדן מיט פּראַזאַישע תכלית־מאָטיוון...

מיר וועלן איצט כאַפּן אַ בליק אין דעם סאַלאָן פון הענריעטע הערץ, ווו עס קומט פאָר אַ צוגעטראַכטער שמועס וועגן אַסימילאַציע, שמד און די יידישע יוגנט פון דער מיטעלער און העכערער שול. עס נעמען אָנטייל:

דער היסטאָריקער יאָסט, לודוויק בערנע, היינריך היינע, גייגער, ש. ד. לוצאַטו, בעטינדאַ פאָן אַרניס, לעאָפּאָלד צונץ, שלייערמאַכער און אַנדערע שטאָם־געסט.

יאָסט: מיינע יידישע סטודענטן זענען אַלע ערב־שמד. איר דאַרפט זען ווי זיי ווערן אויסגעחוזקט פון די קריסטלעכע סטודענטן. עס איז אַ חרפּה און אַ בושה זיך צוצוקוקן ווי די יידישע יוגנט דערנידעריקט זיך אַליין ביים זוכן געפעלן צו ווערן דעם שכנישן אַרום.

בערנע: איך אָבסערוויר אויך די יידישע סטודענטן, וואָס קומען פון די פיינסטע פאַמיליעס. איר האָט געמעגט זען ווי פלייסיק אָט די יונגעלייט באַהאַלטן אויס, אַז זייער אורפאָטער האָט צוגעהונקען (געמיינט יעקב אָבינו...) איך האָב קיין איין מאָל נישט געטראָפן, אַז צוויי יידן זאָלן אויף אַן עפנטלעכן אופן זיין צוזאַמען, שפּאַצירן, צי רעדן אַפילו צווישן זיך.

היינע: איך האָב היינט געטראַכט וועגן נאַפּאָלעאָנען. פאַרוואָס


היינריך היינע

האָט ער געהאַט אַזאַ שלימזלדיקן געאָגראַפיע־לערער? אַ בעסערער לערער וואָלט אים געלערנט וואָס פאַר אַ שווערע פרעסט און זאַווע־רוכעס עס בושעווען אין רוסלאַנד ווינטער. ווען ער וואָלט וועגן דעם פריער געוווּסט, וואָלט ער דאָך אי־בערגעוואַרט די פרעסט און געווו־נען דעם קריג. יידן וואָלטן דעמאָלט אומעטום באַקומען בירגער־רעכט אָן באַצאָלן דערפאַר דעם פּרייז פון טויף־צעטל...

שלייערמאַכער: נישט צוליב ביר־גער־רעכט דאַרפט איר אָננעמען קריסטנטום, נאָר צוליב ראַטעווען אייערע נשמות. יעזוסעס געטלעכער גאַנג אויפן גאָלגאָטאַ־וועג איז אַ מאָנונג און דערמאָנונג פאַר די פאַרבלאָנדזשעטע יידן...

בערנע: יידן זענען פון דעם שטאָף פון וועלכן עס ווערן געמאַכט געטער... גאָלגאָטאַ איז נישט דאָס איינציקע אָרט וווּ אַ יידישער גאָט האָט געבלוטיקט צוליב ראַטעווען די וועלט.

שלייערמאַכער: קריסטנטום איז היינט די רעליגיע פון דער אייראָפּעאישער קולטור, די רעליגיע פון מענטשלעכן האַרץ. איר דאַרפט זיך אַסימילירן מיט דער קריסטלעכער קולטור, זיך פאַרבינדן מיט דער וועלט און אַרויסגיין פון אייער רעליגיעזן גייסטיקן געטאָ.

היינע: זע נאָר ווי דער פּאַסטאָר האָט זיך צעדרשנט! ער מיינט, אַז ער געפינט זיך אין קירכע (ער ווענדט זיך צום פּאַסטאָר): קריסטנ־טום — אַ רעליגיע פון מענטשלעכן האַרץ, פון ליבע, פון דערליי־זונג!... וויפל שנאה האָט איר געזייט אין נאָמען פון אָט דער ליבע... איר האָט אָפּגעשלאָסן פאַר אונדז די גרויסע וועלט מיט געטאָ־ווענט, מיר זאָלן זיין איזאָלירט, ווי מיר וואָלטן געווען מצורעים... איר האָט צוגענומען ביי אונדז די לופט צו אָטעמען...

שלייערמאַכער: די קריסטלעכע וועלט האָט אייך איזאָלירט צוליב אייער טובה וועגן. מען זאָל אייך קיין שלעכטס נישט טאָן. צו באַשיצן אייך פון איבערפאַלן. ווי אומדאַנקבאַר איר זייט!...

בערנע (ער נעמט אַרויס אַ העפט און הייבט אָן לייענען): איך האָב דאָך טאַקע וועגן דעם געשריבן און געגעבן אָנערקענונג די קריסטלעכע מושלים, וואָס זיי האָבן אַזוי געזאָרגט פאַר יידן... אין מיין פראַנק־

פורט האָט מען צוליב „זאָרג" פאַר די יידן געלאָזט נאָר איין גאַס — די יודענגאַס. זונטיק, נאָך פיר בייטאָג, האָבן יידן נישט געטאָרט זיין אויסערן געטאָ — די שיכורים זאָלן זיי נישט פאַרטשעפּען... זיי טאָרן נישט חתונה האָבן פאַר פינף און צוואַנציק יאָר, זייערע קינדער זאָלן זיין שטאַרק און געזונט... נישט געטאָרט גיין אויפן גאַס — נישט פאַרברענט ווערן פון דער שטאַרקער זון...

(שלייערמאַכער גייט האַסטיק אַרויס פון סאַלאָן אַן אויפגערעגטער). עס פאָלגט אים נאָך מיט איר איראָנישן בליק די טאַלענטירטע בערלינער שרייבערין בעטינדא פאָן אַרניס. אירע נאָענטסטע, דער מאַן, דער ברודער, זענען געווען ביטערע אַנטיסעמיטן און זי האָט זיך מיט זיי געאַמפּערט, פאַרטיידיקט יידן, הומאַניש און אָביעקטיוו.

בעטינדאַ: איר רעדט אַלע וועגן יידן, ווי וועגן אַ רעליגיעזער גרופּע און נישט וועגן אַ פאָלק. דאָס איז נישט קיין היסטאָריאָזאָפישער צוגאַנג צום אַספּעקט פון דעם יידישן פאָלק. אמת, די רעליגיע איז טיף איינגעקריצט אין דער פּסיכישער סטרוקטור פון יידישן פאָלק — און דאָס איז זייער ווילן צו בלייבן לעבן ווי אַן אומאָפּהענגיקע גרופּע. רעליגיע האָט זיי פאַרזיכערט קיום אין גלות. וואָס שייך דער קריסטלעכער הערשנדיקער רעליגיע — זי האָט די יידן געגעבן אַ טראַגישע לעקציע, אויפגערייצט דעם המון קעגן זיי — דער מענטשהייטס עלטסטער שבט.

לוצאַטו: עס האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אז דאָס עלטסטע פאָלק אין דער וועלט־געשיכטע, וואָס האָט אויסגעהאַלטן די גרעסטע שטורעמס, קען נישט ביישטיין דעם פּריליגג־ווינטל פון איין יאָרהונדערט מיט זיינע „אויפקלערערס" און עמאַנציפּאַציסטן. מען פוצט זיך מ'זאָל אויסזען וואָס מער קריסטלעך... מען מאַלפּעוועט נאָך די שכנים, אונדזערע סינאַגאָגעס זענען קאָפּירט ווי פּראָטעסטאַנטישע טעמפּלען. די דערציאונג, פון וויגל ביזן טויט — אַלץ ווי ביי די גויים, אַבי געפעלן צו ווערן די שכנים.

גאַנז: מיר דאַרפן גיין מיטן פּראָגרעס פון דער צייט. די אויפקלער־באַוועגונג וועט ברענגען דעם מענטש צו אמתער שלימות. פאַרגעסט נישט, אַז מיר לעבן היינט אין אַ נייער צייט פון ראַציאָנאַליסטישן געדאַנק, וואָס פירט צו דעם, אַז מיר זאָלן אַלע ווערן וועלט־בירגער. מיטן כוח פון שכל וועלן באַזייטיקט ווערן אַלע פעלערן פון דער פאַרגאַנגענהייט. זי איז שוין סיי ווי טויט אין באַגראָבן אויף אייביק און מיט איר אויך אונדזער נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט.

לוצאַטו: אַ נייעם אָפּגאָט האָט איר אָנגעהויבן דינען: דעם שכל! ער קען טאַקע רעכענען און וועגן און מאַכן חשבונות. איך פיר אָבער נישט קיין חשבונות. איך האָב אַ האַרץ, וואָס איז ביי מיר פיל מער ווערט, ווי מיין טייערער שכל. ביי איך, אויפן אָרט פון געפיל, פאַר־

שמואל דוד לוצאַטו

נעמט דעם אויבן־אָן דער געדאַנק. וואָס פאַר אַן איינרעדעניש עס איז אייער האָפענונג אויף דעם פּראָ־גרעס וואָס די ציוויליזאַציע וועט ברענגען. דער פּראָגרעס וועט גיין נאָר אין דער טעכניק און אין מאַ־שינעריע, אָבער נישט אינעם מענטש גופא. זיין האַרץ ווערט נישט בעסער נאָר ערגער.

צונץ: איך בין מסכים מיט דעם געדאַנק פון גאַנצן, אַז אונדזער נאַ־ציאָנאַלע באַזונדערקייט איז איצט טויט. מיר זענען אַריינגעצויגן גע־וואָרן אין דער מערב־קולטור, וואָס האָט אונדז אָוועקגעפירט פון נאַ־ציאָנאַלן צום הומאַניש־אוני־ווערסאַלן, צו אַלגעמיין מענטשלעכע מאַטיוון.

לוצאַטו: דאָס האָט שוין געטראָפן אין פריערדיקע תקופות פון דער ידישער געשיכטע. מיר ווייסן ווי אַזוי אין אַלטן ארץ־ישראל האָבן שטאַרק געווירקט די פאַרמען פון דער פיניקישער קולטור און שפּע־טער — פון דער אַשור־בבלישער קולטור. און נאָך אין שפּעטער־דיקע תקופות האָט די גריכיש־רוימישע קולטור דאָמינירט אין אַלעק־סאַנדריע און אין גאַנץ פאָדער־אַזיע. נאָך דעם — בעתן אַראַבישן רענעסאַנס — די אַראַבישע קולטור. די אַלע זענען געגאַנגען אונטער דער פאָן פון אַלגעמיין־מענטשלעכע מאַטיוון, וואָס זענען פאַקטיש געווען אַ דעקמאַנטל פאַר אַסימילאַציע־תכלית... דאָס באַציט זיך אויך צו דער היינטיקער מערב־קולטור, וואָס פאַרפלייצט אונדז מיט איר שטראָם. עס איז אייער זיך־אָפּנאַרעריי, אַז די מערב־קולטור האָט נישט קיין נאַציאָנאַלע פאַרב. זי איז אַ פראַנצויזישע, אַ דייטשישע, לויט שפּראַך, שול, ליטעראַטור, מינהגים פון דער הערשנדיקער נאַציע אין דעם לאַנד. דאָס טוט איר איצט מיט שפּלותדיקער אליין־דערני־דערונג ווען איר פאַרוואַרפט די אוצרות פון דער אייגענער ידישער קולטור צוליב דער דייטשישער".

ד

אין 1819 איז געגרינדעט געוואָרן דער „פאַראיין פאַר קולטור און וויסנשאַפט". דער ציל פון קולטור־פאַראיין איז געווען צו באַלייכטן דעם היסטאָרישן יודאַאיזם דורך מאָדערנער וויסנשאַפט און סינ־

טעזירן ייִדישקייט מיט אייראָפּעאישקייט. דער טיכטיקסטער מיט־גליד פון דעם פאַראיין איז געווען מאָזעס מאָזער, וואָס איז דורך היינען באַטראַכט געוואָרן ווי אַ לעבעדיקער עפּילאָג צו לעסינגס נתן דער חכם („נאַטאַן דער ווייזע”). ער איז געווען די נשמה פון פאַראיין, ווע־מענס הויפּט־ציל איז געווען צו באַקעמפן די שמד־עפּידעמיע צווישן דער ייִדישער יוגנט דורך ייִדישער וויסנשאַפט, ווי אַ מעטאָד צו פאַרשן ייִדישע געשיכטע.

דער פאַראיין פאַר ייִדישער וויסנשאַפט האָט אַריינגעשריבן אַ גרויס קאַפּיטל אין דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפּיע. ער האָט גאָר גרויסע פאַרדינסטן אין דער פאָרשונג פון פאַרשידענע תקופות פון דער ייִדי־שער געשיכטע. אָבער די וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן האָבן אויך זייערע שאָטן־זייטן. זיי לאָזן אונדז זען די ביימער, אָבער זיי פאַרשטעלן דעם וואַלד ווי אַ גאַנצן. די היסטאָריקער און וויסנשאַפטלעכע פאָרשער פון די ייִדישע קולטור־אוצרות האָבן נישט אריינגענומען אין חשבון דאָס פולע אייגנאַרטיקע פאָלקס־לעבן, וואָס איז כולל: רעליגיע, פילאָזאָפיע, עטיק, פּאָליטיק, עקאָנאָמיע.

זיי האָבן אין יענער צייט נישט געקאָנט נאָך וויסנשאַפטלעך באַ־לייכטן דעם לעבעדיקן נאַציאָנאַלן וועלט־באַנעם פון היסטאָרישן ייִדנ־טום און פון יהדות. זיי האָבן נישט געקענט באַנעמען דעם פאָלקס־דופק, וואָס האָט אונטער דעם לבוש פון רעליגיע געקלאַפּט מיט אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן פּולס און לעבנס־שטייגער. ייִדישע געשיכטע איז פאַר זיי געווען די געשיכטע פון רעליגיעזן ספר און נישט פון לעבעדיקן פאָלק, וואָס האָט אין גלות נאָכן אונטערגאַנג פון זיין מלוכה פאַרביטן די טעריטאָריעלע עלעמענטן אויף נאַציאָנאַל־גייסטיקע.

זיי האָבן אויך נישט באַנומען, אַז יודאאיזם אין זיין היסטאָרי־שער אַנטוויקלונג האָט ארומגענומען אי נאַציאָנאַלע, אי אוניווערסאַלע עלעמענטן, מיט דעם אונטערשייד, אַז ווען דער פאָלקס־אָרגאַניזם איז געווען געזונט האָבן די אוניווערסאַלע עלעמענטן פאַרנומען אַ צענט־ראַלן אָרט, אָבער אין צייטן פון גרויסע סכנות פאַר דער נאַציע, ווען די לעבעדיקע טרעגער פון די אוניווערסאַלע אידייען זענען געשטאַנען פאַר דער געפאַר פון אונטערגאַנג, האָט די פאָלקישע אינטעליגענץ אָוועקגעשטעלט אין סאַמע פאָדערגרונט קיום האומה. אָט די פּראָצעסן האָבן זיך איבערגעחזרט אין פאַרשידענע צייטן פונעם ייִדיש־היסטאָ־רישן וועג, סיי אין זיין אייגן לאַנד ווי אָט אין דער צעשפּרייטונג נאָכן חורבן.

דער פאַראיין פאַר ייִדישער וויסנשאַפט האָט נישט באַוויזן צו פאַרקלענערן דעם שטראָם פון שמד ביי דער ייִדישער יוגנט אין דייטשלאַנד. עס האָט זיך געשמדט אפילו אויך דער פאָרזיצער פון פאַראיין (לעאָפּאָלד גאַנז) בכדי צו באַקומען אַ פּראָפעסאָרשאַפט.

די יידישע עמאַנציפּאַציע אין דייטשלאַנד האָט פאַרשאָטן דעם אַלטן קוואַל, צעבראָכן די פּאַס און דער ווײַן האָט זיך צעגאָסן. עס איז מערקווירדיק: די יידישע אַסימילאַטאָרן, וואָס זענען געשטאַנען „צווישן די קברים פון די אָבות און די וויגן פון די קינדער", האָבן אין דעם פּעריאָד פון דער ערשטער עמאַנציפּאַציע נישט ארויסגעגעבן קיין איין גרויסן שרייבער (היינע און בערנע געהערן צו דעם צווייטן פּעריאָד פון דער דייטשישער עמאַנציפּאַציע).

זייערע קינדער און אייניקלעך איז שוין אין גאַנצן פרעמד געווען די גרויסע גייסטיקע יידישע ירושה און ווען זיי זענען געוואָרן הויכע לייט — יוסטיץ־ראַטן, קאָמערץ־ראַטן, באַנקירן, פּרינצן, באַראָנען — האָבן זיי אוודאי געוואָלט פאַרגעסן, פּטור ווערן פון אומאַנגענעמע זכרונות, אַז זיי „שטאַמען פון באָבעס וואָס האָבן נאָך אויפן מאַרק געהאַנדלט מיט ציבעלעס"...

ה

דער פּראָלאָג און עפּילאָג...

דער סוזשעט פון דעם גרויסן היסטאָרישן יידישן ראָמאַן אין דייטש־לאַנד, הייבט זיך אָן מיט דעם פּראָלאָג פון די רייכע יידן אין בערלין, ברעסלוי, קעניגסבערג, מיט די גרויסע יידישע פּאָדראַטשיקעס, וואָס האָבן מיט זייערע צושטעלונגען אין דער זיבן־יאָריקער מלחמה (1763—1756) אָנגעזאַמלט גרויסע פאַרמעגנס. זיי האָבן געשטיצט דורך פינאַנציעלע אָפּעראַציעס פרידריך דעם גרויסן צו פירן דעם קריג. און זיי האָבן אָנגעהויבן צו לערנען זייערע טעכטער שפּראַכן, בעיקר פראַנצויזיש, צוליב געשעפטלעכע טעמים. די טעכטער האָבן זייערע קענטענישן אויסגענוצט אויף צו פירן גאַלאַנטע געשפּרעכן מיט אָפיצירן און הויף־קאַוואַלירן, וואָס פלעגן קומען צו זייערע פאָטערס צוליב געשעפטלעכע ענינים.

שפּעטער האָבן אָט די געבילדעטע יידישע טעכטער זיך באַקענט אין אָריגינאַל מיט די פראַנצויזישע קלאַסיקערס, מיט די „אויפקלע־רערס", וואָס האָבן געפּרעדיקט באַפרייאונג און בירגערלעכע גלייכ־באַרעכטיקונג פאַר אַלע „וועלטבירגערס"...

אין סוזשעט זעען מיר אויך די פאַרשידענע קרייץ־וועגן פון מערב־ און מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, ווּהין די „אויפקלערונגס"־עפּאָכע מיט איר קריזיס האָט זיך איבערגעטראָגן אין דער צווייטער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט. אָבער דער קולטור־קריזיס איז דאָרט אַנדערש אַוועק. ווייל נאָך איידער אָט דער קריזיס איז צוגע־קומען צו די פּאָלקישע טיפענישן, האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָגראָמען

אין די 80ער יאָרן. צום גליק האָבן דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום צוגעשפּילט די נישט אויסגעשעפּטע רעזערוון פון נאַציאָנאַלער ענערגיע. אַדאַנק דער דאָזיקער ענערגיע האָט דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום באַוויזן אריבערצושפּאַנען דעם קולטור־קריזיס און איז געבליבן לעבן ווי אַ נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו.

די אַנטוויקלונג פון די צוויי שטראָמען ביים סוף 19טן י״ה אין מזרח־אייראָפּע — דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער און דער נאַציאָנאַלער — וואָס האָבן זיך שפּעטער צונויפגעפלאָכטן אין פאַרשידענע קאָמבינאַציעס — האָבן באַקומען פאַרמען, וואָס דאָס מערב־אייראָפּעישע יידנטום האָט נישט געקענט. אין מערב איז די יידישע נשמה געוואָרן צעריסן צווישן דער א״ג אייראָפּעאישער קולטור און יידיש־רעליגיעזער, און פון דער יידישער שעפערישקייט און פון יידישן זשעני, האָט נאָר גענאָסן דייטשלאַנד, אָבער נישט דאָס יידישע פאָלק.

אוודאי זענען געווען אויסנאָמען און זיי דאַרפן אַריינגעפלאָכטן ווערן אין סוזשעט. אָט איז משה העס (1812—1875), וואָס איז נאָך צוואַנציק יאָר אָפּגעפרעמדקייט צוריקגעקומען צו זיין פאָלק. עס דאַרף אַרויסגעבראַכט ווערן פון זיין בוך „רוים און ירושלים״ (1862) — טאַקע אין אָט דעם היסטאָרישן ראָמאַן — זיין וויזיאָנערישער אריינבליק אין דעם גורל פון דייטשישן יידנטום און זיין נאַציאָנאַלע אויפפאַסונג פונעם היסטאָרישן ייד. ער שרייבט:

ווי לאַנג אַ ייד וועט לייקענען זיין נאַציע און זיך נישט איינשטעלן אָפן אַרויסצוווייזן זיין אַחדות מיט דעם געפּלאָגטן און פאַראַכטעטן פאָלק, וועט אויך זיין (דעם יחידס) לאַגע ווערן ערגער און שווערער.

טוט אָן טויזנטער מאַסקעס, בייט אייערע נעמען, אייער אמונה און זיטן, שמוגלט זיך דורך אַ וועלט פאַרשטעלטערהייט מיזאָל אין אייך נישט דערקענען דעם ייד — סיוועט נישט העלפן! און יעדעס מאָל ווען מען וועט באַליידיקן דעם יידישן נאָמען וועט דאָס אייך אַ סך מער קרענקען איידער דעם ערלעכן מאַן, וואָס דערקענט אָפן זיין פאַמיליע און שטעלט זיך איין פאַר זיין כבוד״.

ראַכעל לעווין האָט אויף דער עלטער ערלעך זיך אַליין אַנאַליזירט. נאָכן שמד איז זי נישט נאָר געבליבן אַ יידישקע, נאָר אויך שטאַרקער דערשפּירט איר צוגעבונדנקייט צו אירע יידישע וואָרצלען. זי האָט איינגעזען, אַז די וואָס האָבן געוואָלט זיך אַסימילירן , האָבן צו יענער צייט עס געקענט טאָן נאָר דעמאָלט, ווען זיי האָבן זיך אַפּיליאירט מיטן אַנטיסעמיטיזם, און דער וואָס האָט עס נישט געקענט טאָן האָט געמוזט ווערן אַ בונטאַר. דערפאַר טאַקע האָט ראַכעל לעווין וועגן זיך אַליין געזאָגט: „איך בין נאָך אַלעמען אַ בונטאַר״.

און ראַכעל לעווין ווערט באַטראַכט ווי די גרעסטע פרוי וואָס דאָס דייטשישע יידנטום האָט אַרויסגעגעבן פון זיך. אירס אַ וואָרט האָט

געקענט אַרויפזעצן און אַראָפּוואַרפן געקרוינטע געטער. זי האָט פאַר־מאָגט אַן אויסערגעוויינלעכן מאַגנעטיזם צו מענטשן, זיי באַאיינפלוסט ביים לעבן און אויך נאָך איר טויט. היינע האָט זי כאַראַקטעריזירט ווי די באַגאַבטסטע פרוי אין דער וועלט. איר טיפע ערלעכקייט לגבי אירע בלאַנדזשענישן און זוכענישן צום וועג פון אמת, ווען זי האָט געזען ווי משומדים זענען געוואָרן זשוליקעס, פאַרלייקענענדיק זייער אָפּ־שטאַם, ווי זיי זונדערן זיך אָפּ פון די וואָס האָבן עס נישט געטאָן, האָט זי פאַרקערט — נאָך שטאַרקער באַטאָנט איר יידישע אַנגעהע־ריקייט און מיט פּאַטאָס אויסגערופן: — „דאָס וואָס האָט מיר אַלע יאָרן אויסגעזען די גרעסטע שאַנדע וואָלט איך איצט נישט אָפּגעגעבן פאַר קיין שום פּרייז״.

ו

דער עפּילאָג

ס׳דאַרף אויך אריין אַן עפּילאָג וועגן משה מענדעלסאָנס אייניקל, וואָס איז געוואָרן דורך זיין פאָטער אָפּגעשמדט און באַקומען דעם לאַנגן נאָמען: יאַקאָב לודוויק מענדעלסאָן־באַרטאָלדי. מיר געדענקען ווי די נאַציס האָבן געטאָן אַלץ אין דער וועלט צו פאַרווישן זיין נאָמען. צווישן 1933 און 1945 זענען זיינע קאָמפּאָזיציעס נישט געשפּילט גע־וואָרן צוליב זיין יידישן אָפּשטאַם. אָבער דאָס וואָס איז געשען נאָך 1945, איז נישט ווייניקער חרפּהדיק פאַר דעם אופן פון באַהאַנדלען אָט דעם גרויסן דייטשן קאָמפּאָזיטאָר. נישט נאָר וואָס זיין מוזיק האָט מען זעלטן געשפּילט, אפילו זיין קבר איז פאַרוואָרלאָזט געוואָרן צווישן דעם ווילדגראָז, וואָס איז אָנגעוואַקסן אַרום די פאַמיליע־קברים פון די מענדעלסאָנס (אויפן קריסטלעכן בית־עולם אין בערלין).

דער עפּילאָג פון דעם היסטאָרישן ראָמאַן דאַרף אָפּשפּיגלען אָבער נישט בלויז דעם אָדער אַנדערן יחיד, נאָר דעם גורל פון גאַנצן דייטשן יידנטום און זיין ירידה — זיין גייסטיקן אונטערגאַנג — נאָך פאַר דער היטלער־תקופה!

עס איז אַ ברייטע קאַנווע פאַר אַ גרויסן יידישן קינסטלער, וואָס האָט פאַר זיך אַ רייכן היסטאָרישן מאַטעריאַל צו באַלייכטן מיט בעלעטריסטישע פאַרבן די פולע דראַמע און אירע אַנטיילנעמער. צווישן זיי פאַרנעמט גאַר אַ באַזונדערן אָרט די פּערזענלעכקייט פון ראַכעל לעווין, וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ ווייטער אין אַן אויסגע־טיילטער מאָנאָגראַפיע־אַרבעט.

כאַראַקטער, גורל און געשיכטע

(ווען ראַכעל לעווין איז אַנטלאָפן פון ייִדישער גורלדיקייט און געשיכטע)

א

דער ייִדישער דימענטן־הענדלער מאַרקוס לעווין איז שוין געווען „אין די פּעדערן" ווען ס'איז געבוירן געוואָרן זיין עלטסטע טאָכטער ראַכעל. דאָס איז געווען אין יאָר 1771. אין בערלין האָבן דאַן געוווינט זייער ווייניק ייִדן, מחמת דאָס רעכט צו לעבן דאָרט האָבן נאָר געהאַט די פּריווילעגירטע ייִדישע פאַמיליעס, וועלכע זענען געווען איינגעטיילט אין זעקס קאַטעגאָריעס: צו דער ערשטער קאַטע־גאָריע האָבן געהערט די ייִדן, וועלכע האָבן געהאַט דאָס פולע רעכט פון באַוועגונג. זיי האָבן געמעגט באַזיצן הייזער און אין קאָמערציעלע ענינים האָבן זיי געהאַט גלייכהייט מיט די קריסטלעכע סוחרים און זייערע קינדער האָבן געהאַט דאָס רעכט צו ירשענען די פּריווילעגיעס פון זייערע עלטערן.

צו דער צווייטער קאַטעגאָריע האָבן געהערט די א"ג „שוציידן". זיי האָבן שוין געהאַט ווייניקער פּריווילעגיעס אין פאַרגלייך מיט דער ערשטער קאַטעגאָריע, אָבער נאָך אַלץ מער פון די וואָס זענען געווען אויף אַ נידעריקערן שטאַפּל. אַזוי ביז דער זעקסטער קאַטעגאָריע, צו וועלכער עס האָבן געהערט נאָר פּריוואַטע אָנגעשטעלטע, זיי האָבן גע־קענט בלייבן אין בערלין נאָר אַזוי לאַנג ווי זיי זענען געווען דאָרט באַשעפטיקט.

מאַרקוס לעווין, וועלכער האָט געהערט צו דער העכסטער קאַ־טעגאָריע פּריווילעגירטע ייִדן, האָט געהאַט אָבער דאָס רעכט נאָר צו וווינען אין די געגנטן וואָס זענען געווען דערלויבט פאַר ייִדן, ווי די נייע פרידנשטראַסע, די קלויסטערשטראַסע און אַרום די קירכעס פון אַלט בערלין און אומגעגנט. ער האָט געפירט אַ טראַדיציאָנעל־ייִדישע שטוב לויטן אָרטאָדאָקסישן שטייגער, אָפּגעהיט אַלע דינים פון ייִדיש־קייט און פלעגט שבת און יום־טוב גיין דאַווענען אין דער נייער סינאַ־גאָגע, ווו ער האָט געהאַט אַ „שטאָט" ביי דער מזרח־וואַנט. ער האָט אַ סך געהאָלפן פינאַנציעל ביים בויען די סינאַגאָגע, וואָס האָט גע־דאַרפט פאַרטרעטן די פיר באַזונדערע בתי־מדרשים, וואָס האָבן

ראַכעל לעווין

עקזיסטירט אין בערלין איינגעטיילט אין באַזונדערע שטאַנדן פון די פּריווילעגירטע יידן.

די נייע סינאַגאָגע האָט געגעבן אַ וויזועלן אויסדרוק פאַר דער גאַנצקייט פון כלל־ישראל. ס'האָבן אין איר געדאַווענט אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג און זי איז געווען געבויט לויטן מוס־טער פון דער באַרימטער פּאָרטו־געזישער סינאַגאָגע אין אַמסטער־דאַם. אויסנווייניק האָט זי אויסגע־זען, להבדיל, ווי אַ קירכע, מיט הויכע שמאָלע פענצטער. איבער דער טיר איז געווען אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות אַ פּסוק אין העברעאיש פון נביא ישעיה. קיין אַנדערע שריפט איז נישט געווען און אויך נישט קיין שום אָרנאַמענ־טיק. אָבער אַז מען האָט געעפנט די טיר האָט מען אינעווייניק דערזען די פּרעכטיקע אויסגראַווירונגען, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט זייער שיינקייט. עס זענען געווען איידעלע שניצערייען פון האָלץ און פיל דעקאָראַטיווע בלומענטעפּ. גאָר באַזונדערס האָט זיך אויסגע־טיילט דער שיין־געשניצטער אָרון־קודש אין וועלכן עס זענען געווען אַ הונדערט ספר־תורות מיט אַ זיידענעם פּרוכת פאַרנט. דאָס איז געווען אַ מתנה פון קעניג פרידריך ווילהעלם דער ערשטער. דער זיידענער געוועב איז געווען אויסגעהאַפטן מיט דער קעניגלעכער קרוין און דעם פּרוכת פלעגט מען אויפהענגען נאָר בעת פייערונגען פאַר מלכות און אויך אויף יום־טובים, ווען די גאַנצע פּני האָט זיך פאַר־זאַמלט אין דער שיינער סינאַגאָגע, מחמת אין געוויינטלעכע שבתים פלעגט אויך פאַרקומען אַ מנין אין רבס הויז, שוין אָפּגערעדט פון די וואָכנטעג, ווען די פּרנסים פלעגן זיך וועלן טרעפן מיטן רב דורכ־צושמועסן זיך וועגן קהילה־ענינים.

צו יענער צייט איז די קהילה אין בערלין געווען נאָך אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישע, דורכגעדרונגען מיטן כאַראַקטער פון טראַדיציאָ־נעלער יידישקייט און די רבנים האָבן נאָך געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף די יידן אין בערלין. באַזונדערס האָט זיך אויסגעטיילט הרב נפתלי הירש פרענקל וואָס האָט געשטאַמט פון דעסאַו און מען פלעגט אים

טאָקע רופן אויפן נאָמען פון זיין געבוירן־שטאָט. צום רב פלעגט זיך אויך ארייַנכאַפּן אויף לענגערע שמועסן משה מענדעלסאָן ווען דער רב האָט שטאַרק מקרב געווען, ווען ער איז ווי אַ יינגל אָנגעקומען אין בערלין.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען משה מענדעלסאָן (מען האָט אים אויך גערופן משה דעסאַוער, לויט דער שטאָט פון וואַנען ער האָט געשטאַמט) איז געוואָרן זייער באַרימט דורך זיינע פילאָזאָפישע שאַפונגען, בעיקר וועגן מיימאָנידעסעס (רמב"מס) פילאָזאָפיע, פלעגט ער נאָך אַלץ אָנהאַלטן זיין אינטימען קאָנטאַקט נישט נאָר מיטן רב נאָר אויך מיט די פּרנסים פון דער קהילה.

בכדי מחזק צו זיין די מאָראַלישע אויפפירונג פון דער יידישער יוגנט, האָט דער רב צוגערעדט מענדעלסאָנען אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט אין העברעאיש („קוהלת מוסר"). מאַרקוס לעווין האָט געהאָלפן פינאַנציעל אויסצוהאַלטן די אויסגאַבע און ער פלעגט זי פאַרלייענען פּרייטיק־צו־נאַכטס זיצנדיק ביים שבתדיקן טיש צוזאַמען מיט זיינע בני־בית און אורחים.

אין 1790 איז מאַרקוס געשטאָרבן איבערלאָזנדיק אַן אלמנה מיט פיר קינדער. די עלטסטע טאָכטער ראַכעל איז דאַן אַלט געווען ביי 19 יאָר. זי האָט נישט באַקומען קיין וועלטלעכע בילדונג און אויך נישט קיין יידישע. ביי אַנדערע רייכע יידישע משפחות האָבן שוין די טעכטער געקענט פראַנצויזיש, וואָס איז נויטיק געווען פאַר די געשעפטן פון זייערע עלטערן, אָבער מאַרקוס לעווין האָט פון דעם נישט געהאַלטן. ער האָט נאָר די צוויי זין געלאָזט לערנען ביי אַ גוטן מלמד, אָבער קיין סך האָבן זיי זיך סיי ווי נישט אויסגעלערנט. מחמת דעם פּלוצימדיקן טויט פון טאַטן האָבן זיי איבערגענומען דעם פאָטערס געשעפטן. זיי האָבן געצאָלט אַ געוויסע סומע דער מאַמען מיט די שוועסטערס, וועלכע זיי האָבן געוואָלט ווי אַמשנעלסטן חתונה מאַכן עס זאָל זיי אַראָפּגיין אַ זאָרג פון קאָפּ. דאָס איז זיי אָבער נאָר געלונגען מיט דער יינגערער שוועסטער. אַלע זייערע פּרוּוון חתונה צו מאַכן ראַכעלן האָבן זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל.

די נאַטור האָט ראַכעלן נישט באַשאָנקען מיט שיינקייט. זי איז געווען פון אַ נידעריקן וווקס, מיט קליינע הענט און פיס, און איר פּנים האָט געהאַט אַ שטאַרקע דיספּראָפּאָרציע צווישן אויבערשטן און אונטערשטן טייל. זי האָט עפּעס נישט געהאַט קיין שום חן. צו דעם איז זי געווען אַ שטאַרק פאַרעקשנטע. זי האָט זיך אַרויסגעצויגן פונעם הויז פון די ברידער, וואָס זענען איר דערגאַנגען די יאָרן און האָט זיך איינגעאָרנט אין אַ דאַך־שטיבל. געלעבט האָט זי דורך באַקומען פון דער מאַמען אַ טייל פון איר פּענסיע און נאָך איר מאַמעס טויט איז זי אין גאַנצן פאַרבליבן אויפן חסד פון אירע ברידער.

זי האָט זיך אָנגעהויבן לערנען פראַנצויזיש, וואָס איז אין יענער צייט געווען די אייראָפּעאישע שפּראַך. זי האָט גלייכצייטיק אַ סך גע־אַרבעט איבער זיך, געלייענט אַ סך און פּערפעקט באַהערשט די דייטשע שפּראַך. דער צענטראַלער פּאַרלאַנג אין איר לעבן איז געווען צו פאַרווישן איר יידישן אָפּשטאַם. זי האָט פיינט געהאַט יידישע מנהגים נאָך פון קינדערווייז. זייענדיק נאָך גאָר אַ יינג מיידל איז זי געפאָרן אויף אַ חתונה צו אירע קרובים אויף דער פּראָווינץ, אין ברעסלאַו. עס איז געווען איר ערשטע נסיעה און אויך צום ערשטן מאָל, ווי זי האָט געזען א יידישע חתונה לויטן יידישן טראַדיציאָנעלן שטייגער. האָט זי דאַן אין אַ בריוו צו אירע ברידער געשריבן מיט יידישע אותיות און אין דעם יידיש־דייטש פון יענער צייט, אַז זי האָט זיך געשעמט מיט דעם וואָס זי האָט געזען.

זי האָט זיך אויך געשעמט מיט איר יידישן געבורט און זי האָט וועגן דעם געשריבן צו איר יוגנט־פריינד דוד פייט. זי האָט זיך פאַר אים אַראָפּגערעדט פון האַרצן און זיך באַקלאָגט אויף דער קללה פון איר יידישן אָפּשטאַם. עס איז געוואָרן פאַר איר אַ פערזענלעכער אומגליק, וואָס האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַן אינפעריאָרי־טעט־קאָמפּלעקס. עס האָט זי פאַרפאָלגט אָט די „פאַסקודנע רעאַלי־טעט" פון איר געבורט און זי האָט געזוכט אַלערליי מיטלען ווי אַזוי זיך פון דעם צו ראַטעווען. ווען זי איז אַלט געווען 21 יאָר האָט זי אין איר טאָגבוך פאַרצייכנט, אַז הגם זי וועט „בלוטיקן צום טויט" צוליב דער חרפּה פון איר געבורט, אָבער „איך וועל קיין מאָל נישט זיין איבערצייגט, אַז איך בין אַ שלומיאל, אַ יידישקע".

אָבער דיווירקלעכקייט האָט צו איר גערעדט אין רעאַלע טער־מינען, זאָגנדיק צו איר, אַז זי איז פאַרמשפּט צו בלייבן אַ יידישקע קעגן איר ווילן און זי קען זיך פון דעם נישט באַפרייען „געהיים און שטיל". יידישע מיידלעך האָבן צו יענער צייט ס'רוב נישט חתונה געהאַט בלויז צוליב זייערע נדנים גופא. זיי האָבן פאַרמאָגט אויך די מאַכט פון שיינקייט, וואָס האָט פאַר זיי געעפנט די טויערן פון דער געזעלשאַפט.

ראַכעלן האָבן געפעלט ביידע זאַכן. דאָס האָט באַטייט, אַז זי איז געבליבן אָן די כלי־זין מיט וועלכע זי קען אָנהייבן איר גרויסן גע־ראַנגל אָנערקענט צו ווערן און באַקומען אַן עטאַבלירטע פּאָזיציע פון זיכערקייט און עקזיסטענץ. די וועלט איז געווען פיינטלעך צו איר צוליב איר אָפּשטאַם. פון איר פאָטערס היים האָט זי נישט איינגעזאַפּט אין זיך קיין שום שמץ פון יידישקייט. זי האָט נישט געגלויבט אין דעם גאָט פון אירע אָבות, אָבער אויך נישט אין קריסטנטום. אָבער קעגן איר ווילן איז געשען אין איר לעבן אַן אויסטערלישע זאַך: דווקא ווייל זי האָט אַזוי שטאַרק געגאַרט צו אַנטלויפן פון יידן דורך

אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע וועגן, האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אַלע אירע וועגן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין שליאַך, אויף וועלכן עס האָבן געטראָטן די יידישע פּאַריערס. איר גאַנץ לעבן איז געוואָרן אַ סימבאָלישער טייל פון דער יידישער געשיכטע אין דייטש־לאַנד, פון דער יידישער גורלדיקייט, וואָס האָט באַגלייט אויך די אַנטלויפערס.

ב

ראַכעל לעווין האָט ארויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכן ליטעראַ־רישן און קינסטלערישן געשמאַק מיט וועלכן זי האָט צוגעצויגן צו איר דאַכשטיבל („סאַלאָן־מאַנסאַרדע") די עליטע פון דער דייטשער געזעלשאַפט. אין איר סאַלאָן זענען זיך צוזאַמענגעקומען מענטשן פון פאַרשידענעם אָפּשטאַם און סאָציאַלן סטאַטוס. עס איז געוואָרן אַ זאַמלפונקט אויך פאַר די וואָס האָבן זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דער געזעלשאַפט. אָבער קיינער פון די אַנוועזנדיקע האָט נישט באַ־מערקט דאָס וואָס האָט זי געפּייניקט, איר „מיאוסער" אָפּשטאַם. מיט דעם פּערזענלעכן פּראָבלעם איז זי געבליבן אַליין. עס האָט נישט אָפּגעלאָזט, ווי אַ צאָן־ווייטיק, אויך אין אירע עקסטאַז־מאָמענטן, ווען זי האָט אַרויסגעוויזן איר זעלטענעם טאַלאַנט משפּיע צו זיין דעם אַרום מיט אירע געדאַנקען און גייסטרייכע שמועסן. ראַכעל איז געווען אין צענטער פון געמישטע סאָציאַלע גרופּעס, צווישן וועלכע עס האָט אויסגעזען, אויבנאויפיק, אַז ס'איז שוין פאַרשוווּנדן די שנאה צו די יידן וואָס ווילן זיך אַסימילירן. אָבער אין דערווירקלעכקייט האָבן יידן זיך געקענט נאָר אַסימילירן מיט דער אַבסטראַקטער אויפקלערונג און נישט מיט אירע רעפּרעזענטאַנטן.

די אָנגעזעענסטע פּאַטראָנען פון דער אויפקלערונג זענען געווען נישט־אויסבאַהאַלטענע יידן־פיינט. ריכטיק האָט ערגעץ באַמערקט פּראָפעסאָר הערצבערגער, אַז וואָלטער איז געווען דער פּאַקטישער דערפינדער און אונטערהאַלטער פונעם מאָדערנעם ראַסיסטישן אַנטי־סעמיטיזם. ער האָט גאָרנישט געזוכט אויסצומיידן זיין אַנטיפּאַטיע צו יידן. אַוודאי, זייענדיק אַן אומגלויביקער האָט ער נישט געקענט באַזירן זיינע אַנטי־יידישע געפילן אויף טראַדיציאָנעלע קריסטלעכע מאָטיוון. דעריבער האָט ער, אַזוי צו זאָגן, סעקולאַריזירט דעם אַנ־טיסעמיטיזם און אַט די ירושה איז איבערגעגאַנגען צו די שפּעטערדיקע דורות. אויך די באַוווּסטע דענקערס דידעראָ און האָלבאַך האָבן געטיילט וואָלטערס מיינונג וועגן יידן. אַן אויסנאַם זענען געווען מי־ראַבאָ און מאָנטעסקיע, וועלכע האָבן געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו יידן.

ראַכעל האָט זיך אָנגעשטעקט מיט אָט דער יידן־פּיינטלעכער אַטמאָספער פון די „אויפקלערערס״. זי און איר גענעראַציע בכלל האָבן געוווּסט נאָר איין זאַך: דער יידישער עבר טויט זיך קלאָמערן אין זייערע לעבנס, ווי אַ קאָלעקטיוו, אָבער אָראָפּוואַרפן פון זיך אָט דעם עבר קענען זיי נאָר ווי יחידים און דאָס האָבן זיי אינדיווידועל געפּרווּווט טאָן. הענריעטע הערץ האָט אין איר בוך „יוגנט־דעראי־נערונגען״ דערציילט, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען איר וועג צו אַסי־מילאַציע: צו ערשט — אַראָפּוואַרפן פון זיך אַלע יידישע טראַדיציעס און נאָך דעם — שמד.

דאָס איז געווען דער וועג אויך פון משה מענדעלסאָנס טעכ־טער און פון די שוועסטערס מאַריאַנע; פון די שוועסטערס איציק און פון סאַראַ מאיר — צו דערמאָנען נאָר עטלעכע נעמען פון דער גרויסער צאָל געשמדטע יידישקעס, וועלכע זענען אַריין אין דער „הויכער געזעלשאַפט״. יודאַאיזם איז פאַר זיי געווען אַ פיזישער מום, ווי עס איז אַ קורצערער פוס פאַר אַ לאָמען. ראַכעל האָט אויך געהאַט די זעלבע מיינונג, אָבער זי האָט זיך געפונען אין אַן ערגערער לאַגע פון אירע חברטעס, מחמת זיי האָבן פאַרמאָגט געלט און שיינקייט. זיי האָבן דערפאַר חתונה געהאַט מיט באַראָנען און פירשטן און גע־טראָגן די נעמען פון זייערע מענער: „פאָן אַרנשטיין״, „פאָן אייבענ־בערג״, „פאָן עסקעלעס״. זיי האָבן געפירט סאַלאָנען פאַר די הויכע קרייזן. ראַכעל, נישט האָבנדיק קיין שאַנס צו דערגרייכן אַזאַ פּאָזי־ציע ווי אירע חברטעס, האָט געזוכט אַ קאָמפּענסאַציע אין דעם, וואָס מ׳האָט געלויבט איר באַגאַבטקייט. צווישן אירע לויבערס זענען גע־ווען די באַדייטנדיקסטע נעמען פון יענער צייט: ווילהעלם פאָן בורגס־דאָרף, גוסטאַוו ברינקמאַן (שוועדישער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין) און פיל אַנדערע וואָס האָבן פאַרקערט אין איר קרייז. אָבער קיינער פון אירע באַוווּנדערערס — זייער צאָל איז געווען אַ לעגיאָן — האָט זיך אין איר נישט פאַרליבט, טראָץ דעם וואָס זי האָט פאַרמאָגט אַזאַ שטאַרקן פערזענלעכן מאַגנעטיזם. איר שאַרפזין, איר לעבעדיקע פרישקייט, איר אָריגינאַליטעט האָט באַצויבערט דעם קרייז פון אירע פאַרערערס, אָבער קיין איינער פון זיי האָט מיט איר זיך נישט פאַרבונדן.

זי האָט געקענט שפּילן די ראָל וואָס מען האָט דערוואַרט פון איר אין דעם געגעבענעם מאָמענט. זי איז תמיד געווען אין איר נאַטירלעכן עלעמענט און זיך באַמיט, אַז יעדער פון אירע סאַלאָן־געסט זאָל אַלע מאָל זאָגן פונקט דאָס קלוגסטע און פאַסיקסטע פאַר דעם מאָמענט. דאָס זענען געווען די הויכפּונקטן פון איר באַרימטקייט, ווען זי האָט פאַרמאָגט אין זיך אַזאַ כישוף צו באַאיינדרוקן די באַזו־כערס פון איר „סאַלאָן־מאַנסאַרדע״, צווישן וועלכע עס זענען געווען

מענטשן פון דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע, אַריינרעכענענדיק דעם קרוינפּרינץ מיט זיין געליבטער (פּאָלינע וויזעל), פירשט ראַדזיוויל, פירשט טילי, שוין אָפּגערעדט פון די אַקטריסעס, שרייבערס, פּובּ־ליציסטן, וואָס זענען געווען פון אירע שטאַם־געסט. יעדער וואָס האָט נאָר געהאַט אַן אָרט און סטאַטוס אין דער געזעלשאַפט; אָדער די וואָס האָבן זיך צו אירע קאָנווענציאָנעלקייטן אויסגעדרייט מיט דער פלייצע, זענען צו איר געקומען, ווי צו אַן אַזיל.

אָבער ביי דער זייט פון איר עפנטלעכן לעבן, האָט זי געהאַט גאָר אַן אַנדער פּערזענלעך לעבן, וואָס זי האָט אויסבאַהאַלטן פון איר קרייז. נאָר פאַר אירע ברידער פלעגט זי אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן, זיך אויפעפענען פאַר זיי און באַוויינען איר קלאָגעדיק לעבן, איר אינערלעכע רעאַליטעט, אין וועלכער זי האָט נאָר באַשולדיקט איר יידישן אָפּשטאַם. אין דער טיפעניש פון האַרצן איז געווען אַ גלייכ־גילטיקייט צו אירע געסט, דאָך האָט זי מורא געהאַט צו פאַרלירן אַפילו איינעם פון זיי. „אויב איך וועל דיך פאַרלירן, האָט זי געשריבן צו גוסטאַוו פאָן ברינקמאַן, וועל איך פאַרלירן אַ גרויסן טייל פון זיך אַליין, וועלכן דו קענסט, ווי קיין אַנדערער אין דער וועלט, און דאָס דאַרף אָנערקענט ווערן. אַנדערש איז עס טויט".

אָבער גוסטאַוו ברינקמאַן איז דורך קוריאָזיטעט געלאָפן פון איין פרוי צו אַ צווייטער און ווען איינע איז געוואָרן פאַר אים אַ יאָך פלעגט ער אַנטלויפן קיין אויסלאַנד צו ראַטעווען זיך פון איר. אַ חוץ זיינע „לינקע ליבעס" האָט ער ליב געהאַט צו פיליאָסאָפירן וועגן די באַקאַנטע פרויען צווישן וועלכע עס איז אויך געווען ראַכעל. זי האָט שפּעטער ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם כאַראַקטער פון זיינע בריוו צו איר, באַמערקנדיק, אַז „געליבטע שרייבן געוויינטלעך בריוו צוליב ליבע־געפילן, אָבער ער טוט עס צוליב בריוו־שרייבן גופא".

פאַר ראַכעלן איז שרייבן בריוו געווען אַן אויסדרוק אָפּצודעקן אַ שטיקל פאַרהאַנג פון איר נשמה. זי האָט געגלויבט, אַז מענטשן וועלן דורך אירע בריוו זי בעסער דערקענען און אָפּשאַצן איר געניאַ־ליטעט. זי האָט במשך פון איר לעבן אָנגעשריבן טויזנטער בריוו. וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אירע טאָגביכער, איבערגעלאָזט אַ דאָקו־מענט פון איר מאַגנעטישער פּערזענלעכקייט און פון אירע אָנגע־ווענדטע מיטלען אַריינצורייסן זיך אין דער געזעלשאַפט, פון וועלכער זי איז לכתחילה געוואָרן אויסגעשלאָסן.

פון אַלע אירע יידישע באַקאַנטע איז זי געווען די איינציקע, וואָס איז נאָך אַלץ נישט געווען פאַרהייראַט צו אַן אַדלמאַן און נישט געהאַט דעם טיטל „פאָן". איין מאָל, ווען זי איז געווען אויף אַ פאָר־שטעלונג אין טעאַטער, האָט זיך איר בליק געטראָפן מיט קאַרל פאָן פינקעלשטיין, וועלכער האָט די גאַנצע צייט פון דער פאָרשטעלונג

נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר. זיי האָבן זיך באַקענט. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און זי איז געוואָרן זיין כלה, אָן דעם וויסן פון זיין פאַמיליע.

ער איז געווען אַ פירשט, אַ זון פון אַ פרייסישן מיניסטער, וואָס האָט געהערט צום הויכן פרייסישן אַדל. נישט קיין וואונדער וואָס ראַכעל האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט זעענדיק אַ שאַנס צו ווערן פירשטין פינקעלשטיין. זי האָט אים נישט ליב באַקומען ווי אַ ספּעציפישער אינדיווידועלער מענטש, נאָר דורך אים פּטור צו ווערן פון איר חרפּהדיקן אָפּשטאַם, פאַרווישן מיט דעם אַלע אירע יידישע חסרונות און זיין גלייך מיט אַלע אירע יידישע באַקאַנטע וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט דייטשע אַדלליט און זענען איין מאָל פאַר אַלעמאָל באַפרייט געוואָרן פון דער פאַרשאָלטענער גורלדיקייט.

קאַרל פאָן פינקעלשטיין איז געוואָרן אַן אַריינגייער אין ראַכעלס קרייז, ווו אַלע קלאַסן האָבן זיך געקענט טרעפן און עס איז געווען אַזוי נאַטירלעך, אַז יעדער איינער איז נאָר אַ יחיד מיט זיינע פּערזענלעכע קוואַליטעטן — אויב ער האָט נאָר אַזעלכע פאַרמאָגט.

אָבער פינקעלשטיין ווי אַ יחיד איז געווען אַ גאָרנישט. אָן זיין טיטל פון אַן אַדלמאַן האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס זיך פאָרצושטעלן. אין דעם קרייז איז זיין טיטל נישט גענומען געוואָרן אין אַכט, האָט ער זיך רעפּרעזענטירט מיט זיין נישטיקייט. אַ צעמישטער איז ער פון ראַכעלס קרייז אַוועק. געקומען פון אַ קאָנסערוואַטיווער פאַמיליע, ווו קיינער האָט נישט געקענט האָבן אַן אייגענעם ווילן, און ווען אַ יחיד האָט — דורך הייראַט — פאַרלאָזט אַזאַ פאַמיליע־נעסט איז ער גלייך אַריין אין אַן ענלעכער פאַמיליע־איינהייט, ווו יעדער האָט פאַרלוירן זיין אינדיווידואַליטעט. דורך אַ צופאַל איז פינקעלשטיין אַריינגעפאַלן אין ראַכעלס קרייז, ווו ער האָט זיך געפילט אַ פרעמדער. ווען ער איז געפאָרן אַהיים, האָט ער איר געשריבן, אַז ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד זיינע עלטערן און שוועסטערס, וועלכע זענען קעגן שידוך — נעמען אַ יידיש מיידל, דערצו נאָך אָן אַ נדן.

ראַכעל האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן זיי. זי האָט געמיינט, אַז זי קען אים אַריבערציען אויף איר זייט. זי איז געווען יונג און נאָך אומדערפאַרן אין לעבן... זי האָט דאָך אַזוי שטאַרק געוואָלט דעם שידוך, ווערן פירשטין פינקעלשטיין און אויס ראַכעל לעווין — די יידישקע.

פינקעלשטיין איז געקומען צו איר ווי אַ רעפּרעזענטאַנט פון דער וועלט, פון וועלכער זי איז געווען אויסגעשלאָסן. דעריבער האָט זי אַזוי לאַנג געקעמפט צו האָבן אים פאַר זיך ביז ער האָט אָפן אַוועקגעלייגט אַלע קאָרטן אויפן טיש און דערקלערט זיין אומבאַ־

האַלפנקייט זיך קעגנצושטעלן דעם ווילן פון זיין פאַמיליע. איר כלה־שאַפט מיט פינקעלשטיינען האָט זיך געצויגן פיר יאָר. דורך דער צייט האָט ער געשריבן סטעראַטיפּישע בריוו, שפּייזנדיק זי מיט האָפענונגען, בעת זי האָט געוואַרט אויף אַ דעפיניטיווער פאַרבינדונג. זי איז געווען צו נאַאיוו עס צו דערוואַרטן פון איינעם, וועמענס לעבן איז געווען פאַרויס באַשטימט דורך געבורט און שטאַנד. אַ געוויסן פרי־מאָרגן איז ער געקומען צו איר און דערקלערט: ס'איז פאַרענדיקט

אין איר טאָגבוך האָט ראַכעל פאַרשריבן דעם פאַרלויף פון זייער לעצטן צוזאַמענטרעף:

„נעכטן אינדערפרי, דעם 20טן מאַי, 1811, איז פינקעלשטיין געקומען מיך זען. ער האָט זיך וועגן קיינעם נישט נאָכגעפרעגט, אַפילו נישט וואָס איך מאַך. ער האָט מיר אויסגעזען דער זעלבער ווי שטענדיק. ער איז געזעסן אַזוי רואיק, איידל און צופרידן, ווי ער וואָלט אַריין אין טעמפּל פון חכמה און גליק... פּלוצלונג האָט ער אַ זאָג געטאָן: 'איך וואָלט געוואָלט דו זאָלסט זען מיין פרוי. וויסן צי זי געפעלט דיר'.

— איך בין געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט, מיין גאַנצע נשמה איז געווען, כולו רציחה... דו מערדער! טרערן זענען מיר געקומען אין די אויגן. איך האָב זיך נישט אויפגעהויבן און איך האָב געטראַכט, ער האָט מיך אויסגענוצט. ער מיך! גאָט זאָל אים פאַרגעבן. זאָל ער זיך אַליין פאַרגעבן... איך וועל עס אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן... איך האָב צוזאַמענגענומען אַלע מיינע באַשולדיקונגען קעגן אים, דורכגעטראַכט דעם קורס פון מיין לעבן... פאַרווונדעט און מיט אַ צאָרנדיק האַרץ האָב איך אַ סך געלערנט. מיט מיר איז אַ סך געשען... אָבער פון יעדער פלאַם קום איך אַרויס אַ נישט געשעדיקטע..." ראַכעל האָט אויסגעהאַלטן דעם קלאַפּ און פינקעלשטיין איז אַ פּאָר חדשים שפּעטער פּלוצלונג געשטאָרבן.

פינקעלשטיין איז פאַרשוווּנדן פון איר האָריזאָנט און איר לעבן איז ווייטער אָנגעגאַנגען. מען שטאַרבט נישט פון דעם וואָס מען איז אומגליקלעך, אָבער די דורכגעמאַכטע טרויעריקע דערפאַרונגען ווערן נישט אָפּגעמעקט. זיי בלייבן ערגעץ שטעקן פאַררוקט אין אַ ווינקל, בעת די צייט פליסט מיט איר טעגלעכן ריטעם. מען פירט זיך, ווי אַלע אַנדערע מענטשן, נאָר מיט אַ גרעסערער מידקייט, „מידקייט איז אַ מיטל קעגן משוגעת", האָט זי פאַרצייכנט אין איר טאָגבוך.

ראַכעל איז ווידער פאַרבליבן אָן אַ היים אין דער וועלט. זי האָט אין איר דאַכשטיבל אויף דער יעגערשטראַסע ווידער אויפגענומען געסט פון אַלע סאָציאַלע שיכטן פון דעמאָלטיקן בערלין און קלאָר געזען אירע שאַנסן זייענדיק סאָציאַל אָן אויסגעוויינקסטע. נאָר אין געוויסע מאָמענטן איז זי געווען צופרידן, וואָס דווקא זי, אַ יידישקע,

האָט געקענט שאַפן אַרום זיך אַזאַ קרייז, ווו פּרינצן און אַמבאַסאַ־דאָרן, פּירשטן און אַקטריסעס האָבן געזוכט צו זיין פון אירע שטאַם־געסט. בעת פאַר יעדן איינעם פון זיי האָט זי געגלאַנצט מיט איר קולטיווירטער פּערזענלעכקייט, האָט זי צו איר יוגנט־פריינד (פּייט) געשריבן: „איך בין די זעלבע ווי איך בין געווען. וועסט מיך קיין מאָל נישט טרעפן אַ געענדערטע אַפילו ווען דו וועסט מיך געפינען אין אַ משוגעים־הויז".

ראַכעל האָט תמיד געהאַט אַ באַדערפעניש צו דערציילן פאַר אַ נאָענטן מענטשן דעם אמת וועגן זיך. זי האָט זיך פאַרטרויט וועגן איר דורכגעפאַלענער ליבע צו אירס אַ גוטער באַקאַנטער, רעבעקאַ פרידלענדער, וועלכע איז געווען אַ טאָכטער פון אַן אָנגעזעענער יידי־שער פאַמיליע אין בערלין און געשטאַמט פון דער זעלבער מיליע ווי ראַכעל. געווען איז זי סעפּאַרירט פון איר מאַן, זיך פאַרנומען מיט שרייבן שלעכטע ראָמאַנען, אונטער אַ פּסעוודאָנים. רעבעקאַ איז געווען אין דער זעלבער סיטואַציע ווי ראַכעל. זי איז געווען פאַר־ליבט אין פּירשט עגלאָפטיין, זיך געשמדט צוליב אים, אָבער ער האָט נישט געהאַט בדעה חתונה צו האָבן מיט דער געשמדטער יידישקע. אַלע אירע מיטלען צו האָבן אים האָבן איר נישט געהאָלפן, האָט זי באַשלאָסן אויסצונוצן איר איבערלעבונג פאַר אַ סוזשעט פון אַ ראָמאַן און דערמיט אַרויסטראָגן אין דער עפנטלעכקייט איר ליבע־עפּיזאָד.

דער דערשינענער ראָמאַן („אַ בילד פון אַ דייטשן סאַלאָן") האָט נישט נאָר קאָמפּראָמיטירט ביידע צדדים, נאָר אויך דעם גאַנצן קרייז פון אירע באַקאַנטע, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען ראַכעל. די ביידע יידישקעס זענען צווישן זיך אַ לענגערע צייט געווען זייער נאָענט. במשך פון פינף יאָר האָט ראַכעל צו איר געשריבן בערך אַ 150 בריוו, אין וועלכע זי האָט זיך אינטים אַראָפּגערעדט פון האַרצן... רעבעקאַ האָט עס אויסגענוצט אין איר ראָמאַן, וואָס האָט, פאַרשטענדלעך, ראַכעלן זייער געקרענקט. די פאַרשיפרירטע נעמען אין ראָמאַן זענען געווען צו דערקענען פאַר די וואָס האָבן געקענט די אויטענטישקייט.

אין איר טאָגבוך האָט ראַכעל פאַרצייכנט, אַז רעבעקאַ „איז נאָך אַ גרעסערער שוטה, ווי איך האָב געמיינט". זי האָט איבערגעריסן מיט איר דערפאַר אַלע באַציאונגען, אָבער אין תוך גענומען איז אין ראַכעלס נאַטור פרעמד געווען דער שטריך פאַרשלאָסנקייט. זי האָט תמיד געשפּירט די באַדערפעניש זיך אויפצועפענען פאַר עמעצן. זי האָט גאָרנישט באַהאַלטן וועגן זיך. דאָס וואָס זי האָט געשריבן צו רע־בעקאַן, האָט זי צייטנווייז געשריבן אויך צו אַנדערע מיט דעם אונ־טערשייד, וואָס ביז איצט האָט זי פאַר אין מענטש זיך נישט פאַר־טרויט אַלצדינג.

דער ווילן צום לעבן און די טעגלעכע לעבנס־רוטין העלפט, אַז אַן אומגליקלעכע דערפאַרונג זאָל פאַרשווינדן פון טעגלעכן אויבער־פלאַך, אָבער עס ווערט נישט פאַרווישט. דאָס וואָס פאַרשווינדט פון טאָג פליט אריין ביינאַכט אין קאָשמאַר־חלומות, ווי עס ווילדעוועט אומגעשטערט. דאָס האָט דאַן דורכגעלעבט ראַכעל. זי איז צוליב דעם אַוועק פון בערלין, באַקלאָגנדיק זיך אויף איר „טריילאָזן פינצטערן גורל". אין איר טאָגבוך האָט זי נאָך ביי דעם צוגעגעבן, אַז זי קען נישט לענגער אויסהאַלטן די חרפּה און דעם ווייטיק, וואָס „די אַלע וועלכע איך האָב געליבט האָבן מיך שלעכט באַהאַנדלט".

דאָס איז נישט געווען אינגאַנצן ריכטיק, מחמת זי איז געווען דאַן זייער רעספּעקטירט פון אַלע אירע פריינד, וועלכע האָבן געלויבט איר הויכע אינטעליגענץ, איר חוש פאַר עסטעטיק און קונסט. אָבער מיט די אַלע סופּערלאַטיוון האָט זי נישט דערגרייכט איר לעבנסציל: שאַפן זיך אַ פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט, וואָס זאָל מאַכן פאַרגעסן איר ייִדישן אָפּשטאַם. זי האָט כסדר געזוכט איבערצורייסן אַלע פאַרבינ־דונגען מיטן יודאַאיזם און דורך דעם דערגרייכן אַ סטאַטוס אין דער געזעלשאַפט. דערווייל האָט זי דורכגעמאַכט אירע ווייטערדיקע ליבע־עפּיזאָדן מיט מענטשן פון דער הויכער געזעלשאַפט.

איינער איז געווען מיט פרידריך גענץ, וועלכער איז אין זיינע יוגנט־יאָרן געווען אַ ראַדיקאַל, אַן ענטוזיאַסט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אָבער שפּעטער האָט ער דאָס אַלץ אַוועקגעוואָרפן צוליב דער נייער רעאַליטעט, אָנערקענענדיק אין זאַך: מאַכט! היות מעטער־ניך האָט נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה רעפּרעזענטירט מאַכט אין אייראָפּע, איז גענץ געוואָרן זיין ראַטגעבער און פאַרערער.

ראַכעלס ליבע מיט גענצן איז קיינמאָל נישט געוואָרן רעאַלי־זירט. ער איז אַוועק קיין אויסלאַנד, געפּירט מיט איר אַ קאָרעספּאָנ־דענץ וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן טיפן עלטער. ער האָט זי רעספּעקט־טירט, אפשר ליב געהאַט אויך, אָבער וועגן חתונה האָבן מיט איר האָט ער נישט געטראַכט.

ראַכעל האָט זיך באַקענט און זיך גלייך פאַרליבט אין דעם עלע־גאַנטן סעקרעטאַר פון דער שפּאַנישער אַמבאַסאַדע אין בערלין, דאָן ראַפאַעל. זי האָט אים אריינגעצויגן אין איר קרייז, וואָס האָט נאָר געקענט חוזק מאַכן פון אים. ער האָט זיך אין איר קרייז געשפּירט אַזוי אומזיכער, ווי פינקעלשטיין. אָבער ראַכעל האָט זיך אָנגעהאָנגען אין אים, ווי אין דער לעצטער האָפענונג. צו דעם איז זי טאַקע געווען פאַרליבט אין אים איבער די אויערן. פאַר אים איז ראַכעל נישט געווען קיין ייִדישקע און זי האָט זיך פאַר אים נישט געדאַרפט באַרעכטיקן. זי האָט געגלויבט, אַז ער וועט נישט האָבן אַזעלכע פאַראורטיילן ווי

אַנדערע. זי וועט חתונה האָבן מיט אים און טראָגן דעם נאָמען פון אַן אַדלמאַן, וואָס איז געווען אַזאַ נאַטירלעכע דערפאָרונג ביי אַזוי פיל פון אירע יידישע פריינד.

דאַן ראַפאַעל האָט נישט געהאַט קיין אַנטי־יידישע פאָראור־טיילן. ער האָט אָבער געמיינט, אַז זי לעבט מיט יעדן מאַן, וואָס קומט אַריין צו איר, און דעריבער נישט געטראַכט צו פאַרבינדן זיך מיט איר. עס האָט ראַכעלן גענומען אַ לענגערע צייט ביז זי האָט דערזען איר טעות. אין איר טאָגבוך האָט זי פאַרנאָטירט איר טרויעריקן מזל: „גאָט האָט באַשאַנקען מיין נשמה, וואָס די נאַטור און אומשטענדן האָבן נישט געגעבן מיין פנים".

אָבער דאַן ראַפאַעל האָט נישט געוואָלט איר נשמה. ער האָט געהאַט גענוג זיין אייגענע, דעריבער איז ער פון איר אַוועק. ראַכעל האָט לאַנג נאָך געלעבט מיט זיין אָנדענק אפילו ווען ער איז געווען ווייט פון איר. ווידער און ווידער איבערגעלייענט זיינע בריוו, זוכנדיק אין זיי כאָטש אַ שטראַל פון האָפענונג.

זיך אַנטוישט אין דעם שפּאַנישן אַדלמאַן און אין גאַנצן, דורכ־געפאַלן מיט אַזוי פיל ליבע־עפּיזאָדן, פון וועלכע עס האָט זיך אָנגע־זאַמלט אַזוי פיל טרויעריקע דערפאַרונגען אין איר לעבן, און די יאָרן רוקן זיך דערווייל... מילא, יוגנט האָט די מעלה וואָס זי האָט צייט און קען וואַרטן, אָבער ווען די עלטער רוקט זיך אָן... שרייבט זי אין איר טאָגבוך וועגן דעם געמיט־צושטאַנד: „נעכטן האָב איך געהאַט אַ מאָדנע שטימונג: די לינדן־ביימער, די גאַס, די הייזער, די מענטשן, אַלץ האָט מיר אויסגעזען שרעקלעך פרעמד. קיין זאַך האָט נישט געהאַט קיין פנים... אָבער אַט די רעאַליטעט האָט אָפּגעטראָטן פאַר מיין נשמה, וואָס איז נאָך אַלץ נישט אויסגעלייזדיקט פון לעבן אַ טעמפּל וואָס וואַקלט זיך. דער צוזאַמענברוך איז זיכער און ער וועט מיט זיך אַלץ מיטשלעפּן..."

איידער מען קוקט זיך אַרום איז די יוגנט אַוועק. ראַכעל האָט שוין געהאַלטן ביי איר 40טן לעבנסיאָר און נאָך אַלץ גאָרנישט באַוויזן. געוואָלט אַנטלויפן פון יודאַאיזם און געבליבן ביי דעם הענגען אין דער לופטן. געוואָלט חתונה האָבן מיט דעם און מיט יענעם פון דער געזעלשאַפט, און קיינער האָט זי נישט געוואָלט נעמען. געוואָלט זיין רייך, לעבן אין ווילטאָג און געוואָרן כסדר אָרעמער; געגאַרט צו דער־גרייכן אַ פּאָזיציע, זיין עפּעס אין דער וועלט מען זאָל זיך מיט איר רעכענען, האָט זיך פון אַלץ אויסגעלאָזט אַ פוסטער חלום. אַלע מעגלעכקייטן וואָס זי האָט געהאַט אין דער יוגנט זענען דורכגעפאַלן און געבליבן איז זי מיט דערינערונגען פון אירע דורכגעפאַלענע ליבעס... די וועלט שטייט אין אָפּאָזיציע צו איר!

ג׳

פלוצעם האָבן זיך אויף ראַכעל לעווינס האַריזאָנט באַוויזן צוויי נייע מענטשן: מאַרוויץ און וואַרנהאַגען. מאַרוויץ איז געווען אַן אַדל־מאַן פון הויכן אריסטאָקראַטישן יחוס. ער האָט געהאַט אַ קאָנסערוואַ־טיוון צוגאַנג צו געשיכטע און ער האָט ראַכעלן געלערנט, אַז רעאַ־ליטעט איז נישט וואָס שאַנס שטעלט פלוצלונג צו דעם מענטשן אויף זיין לעבנסוועג. אים איז שטאַרק נישט געפאַלן געוואָרן ראַכעלס רייסן זיך צו דער געזעלשאַפט, צו וועלכער זי האָט נישט געהערט און פאַר וועלכער ער האָט נאָר געהאַט טיפע פאַראַכטונג. ער האָט אָנער־קענט די רעאַליטעט פון ירושה, פון טראַדיציע, וואָס ווערט דורך דעם גאַנג פון דורות אויפסנייע באַשטעטיקט. ער האָט ראַכעלן געלערנט, אַז עס עקזיסטירן ליניעס וואָס פירן פון באַוואוסטן צום אומבאַוואוסטן; פון דער קעגנוואַרט צו דער פאַרגאַנגענהייט. די ליניעס זענען ווי פעדעם, ווען זיי ציען זיך צוריק ווערן זיי נאָך מער אויסגעפיינערט, מער אומזעעוודיק, אָבער נאָר דורך זיי קען די געשיכטלעכע רעאַליטעט באַגרייפט ווערן.

מאַרוויץ האָט ראַכעלן געוויזן די אַלע דאָקטרינעס פון אַן אונ־טערגייענדיקער וועלט — פון זיין אריסטאָקראַטישער אַדלוועלט. ער האָט ראַכעלן נישט באַטראַכט ווי אַן איינצלפאַל. ער האָט איר אויפ־געוויזן, אַז זי איז נישט דער ערשטער ייד און אויך נישט דער לעצ־טער, וואָס זוכט אריינצוגיין אין אַ נייער רעאַליטעט דורך אריינ־רייסן זיך אין אַ פרעמדער טעריטאָריע. איינצלנע פאַלן האָבן זיך איינ־געגעבן, אָבער זיי האָבן נישט קיין שייכות צום כלל, וואָס קען זיך נישט אַסימילירן אין אַ פרעמדער וועלט, דערצו נאָך אַ וועלט וואָס קרישלט זיך... ער האָט דאָס אַלץ אריינגערעדט אין ראַכעלן, אָבער פאַר איר איז פון דעם אַלעם קלאָר געוואָרן נאָר איין זאַך: זי קען זיינע אָנוויזונגען נישט אָנווענדן לגבי איר פערזענלעכן לעבן. זי האָט אינדיווידועל געקעמפט קעגן איר איזאָלאַציע, געשטעלט אַ ווידער־שטאַנד די פינקעלשטיינס, די געגנצס און די אַלע איבעריקע פון אַ גע־זעלשאַפט, וועמענס יסודות זענען פאַרבליבן פרעמד צו איר, מחמת זי איז אַ יידישקע.

פון דער צווייטער זייט האָט זי געזען, אַז דער זעלבער אַלעק־סאַנדער פאָן מאַרוויץ, וואָס געהערט יאָ צו דער וועלט, צו דער געזעלשאַפט, ווייזט פאַר דעם גאָר אַרויס זיין פאַראַכטונג. ער וואָס איז צוליב זיין געבורט געשטאַנען אויף אַ הויכן שטאַפל פון סאָציאַלן לייטער, און געווען באַזאָרגט מיט עשירות און איינפלוס, האָט געוויזן דורך אַ ביישפיל פון זיין פאַרצווייפלונג, אַז דאָס אַלץ איז ווערטלאָז.

בעת ראַכעל האָט כסדר געדאַרפט זוכן צו פאַרענטפערן זיך

„פאַר טויזנטער יאָרן פון נאַרישקייטן", האָט מאַרוויץ איר אָנגעוויזן אויף אַזעלכע דערשיינונגען ביי אַלע פעלקער. דער עיקר האָט ער כסדר פאר איר באַטאָנט די ווערטלאָזיקייט פון די הויכע קרייזן צו וועלכע זי רייסט זיך.

ראַכעל האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זיינע רייד, אָבער זיי האָבן נישט באַווירקט איר גאַנצע איינשטעלונג, וואָס האָט פאַר־קערפּערט דעם מהות פון די דייטשע יידן פון איר קרייז.

גראָד אין יענער צייט זענען אָנגעגאַנגען גרויסע וויכוחים וועגן דער שיטה פון ווילהעלם דאָהם. ער האָט באַהאַנדלט דעם ידישן פּראָבלעם גאָר פון אַן אַנדער קוקווינקל. זיין טעזע איז געווען, אַז די יידן זייענדיק במשך פון דורות אויסגעשלאָסן פון דער קולטור און געשיכטע פון די לענדער אין וועלכע זיי האָבן געוווינט, זענען פאַר־בליבן אין די אויגן פון זייערע גאַסטגעבערס אויף אַ נידעריקער שטופע פון ציוויליזאַציע. זייער סאָציאַלער און פּאָליטישער מצב איז פאַרבליבן אומגעענדערט דורך לאַנגע יאָרהונדערטער. אומעטום ווו זיי האָבן געלעבט זענען זיי פאַרבליבן, אין בעסטן פאַל, נאָר טאָלע־רירט, אָבער אין אַלגעמיין כסדר פאַרפאָלגט און אונטערדריקט.

איז וואָס האָט געפאָדערט אָט דער הומאַניסט ווילהעלם דאָהם? ער האָט געפאָדערט טאָלעראַנץ פאר יידן, מחמת עס איז א חרפה פאר דער מענטשלעכער ווירדע צו דערלאָזן עס זאָל ווייטער אָנהאַלטן אַזאַ צושטאַנד פון אומגערעכטיקייט לגבי יידן, וואָס דאָס קריסטלעכע אייראָפּע איז באַגאַנגען און באַגייט ווייטער אָן בושה. ער האָט אַפּע־לירט אין נאָמען פון הומאַניזם זיך אָנצונעמען פאַר די אונטערדריקטע. ער האָט אָנגעוויזן, אַז עס דאַרף פאַר געוויסנהאַפטיקע מענטשן פון דער אויפקלערונג זיין אַ שאַנדע, וואָס צווישן זיי געפינען זיך מענטשן אָן רעכט. דער ייד — האָט ער געטענהט — מער נאָך ווי ער איז אַ ייד — איז דאָך אַ מענטשלעך וועזן. דעריבער איז די לייזונג פון דער יידישער פראַגע די אויפגאַבע פון הומאַניזם. ס'איז אים אויך געווען דערווידער די איינשטעלונג פון די יידן, וואָס פּרווון אַריינצוגיין אין דער געזעלשאַפט ווי יחידים, ווי אויסנאַם־יידן, און יעדער אַנטיסעמיט האָט זיך זיינע אויסנאַם־יידן וועלכע ער פּראָטעזשירט.

אָט דאָס טאַקע האָט זיך דאָך אָפּגעשפּיגלט אין ראַכעלס קרייז. און פיל פון אירע פריינד זענען אויך געווען אָנגעלאָדן מיט שאַרפע פאַר־אורטיילן קעגן יידן, אָבער ראַכעלן האָבן זיי באַטראַכט פאַר איינע פון די „אויסנאַם־יידן". אין איר סאַלאָן האָט מען דיסקוטירט ווילהעלם דאָהמס אַרויסזאָגונגען, אויך די געדאַנקען וועלכע עס האָט אַרויס־געבראַכט יאָהאַן גאָטפריד הערדער.

הערדער איז דאַן געווען דער ערשטער שרייבער און דענקער,

וועלכער האָט געזוכט צו אידענטיפיצירן זיינע יידישע מיטצייטלערס מיט זייער געשיכטע — מיט זייער אַלטן טעסטאַמענט בפרט. ער האָט געוואָלט באַנעמען יידישע געשיכטע, ווי יידן אַליין האָבן עס אינטערפּרעטירט דורך לאַנגע דורות, אַז דאָס איז די געשיכטע פון אַן אויסדערוויילט פאָלק. הערדער האָט עס אַזוי פאָרמולירט: וואָס איז אַ מענטש אָן זיין געשיכטע? איז דאָך די געשיכטע פון יעדער פּערזענלעכקייט אַ סך עלטער ווי דער יחיד און זי הייבט זיך אָן אַ סך פריער ווי פון זיין אינדיווידועלן לעבן. דער יחיד קען שטיצן אָדער פאַרניכטן די עלעמענטן פון זיין ירושה.

הערדער האָט באַטראַכט די יידישע צעשפּרייטקייט ווי דעם ערשטן שריט און די הויפּט־סיבה פון זייער איינפלוס אויף דער מענטשהייט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זייער ספּעציפישן צוגאַנג ביים קלאָ־מערן זיך אין זייער עבר. דער פּרוּוו אַריינצונעמען די פאַרגאַנגענהייט אין דער איצטיקייט. אויך זייער קלאָגן אויף דעם חורבן ירושלים, וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן מיט אַזוי פיל יאָרהונדערטער צוריק האָט געדאַרפט באַשטעטיקן זיין טעזע וועגן יידן. די יידישע האָפע־נונג אויף משיחן, פונקט ווי זייער גאַנצע רעליגיע, האָט הערדער נישט באַטראַכט ווי אַ קוואַל פון פאַראורטיילן, ווי עס איז געווען אָנ־גענומען ביי זיינע מיטצייטלערס. אָבער דעם אויספיר וואָס ער האָט געמאַכט איז געווען אַן אייגנאַרטיקער: — היות די יידישע געשיכטע אין גלות איז בעיקר אָנגעבונדן צו דער רעליגיע און צו פּאַלעסטינע, און ווייל די יידן האַלטן זיך ביי זייער געשיכטע, וועלן זיי דעריבער אומעטום פאַרבלייבן פרעמדע, פאַרבלייבן אַ פאָלק פון פּאַלעסטינע. דאָס מיינט: אַן אַזיאַטיש פאָלק אויף אונדזער אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

אמת, ביים אונטערשטרייכן זייער קאָלעקטיווע היסטאָרישע פרעמדקייט האָט הערדער נישט געזוכט צו פאַרמינערן זייער גלייכ־הייט, ווי יחידים, מיט אַלע מענטשלעכע רעכט. ער האָט נישט אויס־געשלאָסן אַסימילאַציע בכדי צו קענען מאַכן פון די יידן נאָרמאַלע מענטשלעכע וועזנס. ער האָט דערביי געמאַכט „אַ קניטש מיט אַ שלייף" בנוגע דעם אַלטן טעסטאַמענט. „איינער פון די עלטסטע דאָקומענטן פון דער מענטשלעכער ראַסע", אָבער דאָס האָט שוין מער נישט קיין שום שייכות צו די היינטיקע יידן, וואָס זענען מיטגלידער פון אַן אונטערדריקטן „אומקולטורעלן פאָלק", וועלכן מען דאַרף איצט אַרונטערנעמען אונטער די פליגל פון הומאַניזם. דאָס לעצטע האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דער טעזע פון די אַפּאָסטאָלן פון דער אויפקלערונג, אַז בעסער וואָלט געווען ווען די יידן עקזיסטירן בכלל נישט, אָבער אַז מיר האָבן שוין יאָ דעם „אומגליק" און זיי עקזיס־

טירן, דאַרף מען זיי לכל הפּחות אויסמענטשלען, זיי זאָלן ווערן אויפ־געקלערטע מענטשן.

אַרום הערדערס געדאַנקען־גאַנג האָט זיך געפירט אַ הייסע דיס־קוסיע צווישן די דייטשע יידן, וואָס האָבן מסכים געווען מיט הער־דערן, אַז זיי געהערן צו אַן אינפעריאָריטעט־גרופּע, אָבער שולדיק אין דעם, האָבן אייניקע אָנגעוויזן, איז דאָס קריסטנטום מיט זיין פינצ־טערער געשיכטע, וואָס האָט די יידן קאָרומפּירט. פאַר אָט די יידן איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז אויב די גאַנצע יידישע געשיכטע איז אין לעצטן סך־הכל אַ פּראָדוקט פון געטאָ, דאַרף מען דאָך זיך ווייטער אין איר נישט קלאַמערן און האַלטן זיך ביים יודאַאיזם. אַזוי אַרום האָבן אָט די דייטשע יידן געגעבן זייער הסכמה אויף די טעאָריעס פון דער עמאַנציפּאַציע און אויפקלערונג.

די ליבעראַלע אויפקלערערס האָבן געגעבן די יידן אַזאַ פאַר־ניכטנדיקע אַטראַקציע: אויב איר וועט זיך אָפּזאָגן פון אייער רעלי־גיעזער אָנגעהעריקייט וועט איר דאָך קענען געניסן פון אַלע מעג־לעכקייטן און פון ווילזיין. איר וועט גלייך זיין מיט אַלע מענטשן און מער נישט באַטראַכט ווערן ווי יידן.

דאָס וואָס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, אַז אַסימילאַציע און שמד האָט נישט פאַרהיט צו אידענטיפיצירן היינען און מאַרקסן אַלס יידן און אַפילו ד׳איזראַעלי און בערגסאָן זענען ביי די גויים פאַר־רעכנט געוואָרן פאַר יידן — דאָס איז שוין אַ קאַפּיטל פאַר זיך און האָט נישט קיין שייכות צו ראַכעלס צייטן און צו איר גענעראַציע, וואָס האָט פאַרן פּרייז פון אַסימילאַציע און שמד געזוכט אַ צוטריט צו דער א״ג געזעלשאַפט.

אמת, יחידים איז יאָ געלונגען זיך אַרויסצורוקן אויבנאָן און שטייגן צו דער העכסטער ספערע פון דער געזעלשאַפט. אויף דעם וועג איז אויך געגאַנגען ראַכעל — די יידישקעס מיט זייערע סאַלאָנען זענען דאָך געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין שמד, אַלס מיטל צו באַפרייען זיך פון זייער יידישן גורל. ראַכעל האָט אָבער איינגעזען — ערשט שפּעטער — אַז ווען איינער אַקצעפּטירט דעם קריסטנטום דאַרף ער גלייכצייטיק אויך אַקצעפּטירן די גאַנצע שינאה קעגן יידן. קריסטנטום און אַנטיסעמיטיזם זענען אין פאַרלויף פון דער געשיכטע געווען אַ סיאַמער צווילינג. שמד און אַסימילאַציע האָבן אין ראַכעלס צייטן געפאָדערט, אַז מען זאָל גלייכצייטיק זיך אַסימי־לירן מיטן אַנטיסעמיטיזם און אַרויסווייזן פאַראַכטונג צום אייגענעם אָפּשטאַם. די געשיכטע פון די יידישע משומדים האָט עס — מיט קליינע אויסנאַמען — טרויעריק באַשטעטיקט. אָבער דאָס איז אַ דיג־רעסיע פון ראַכעלס פערזענלעכער געשיכטע.

ד

איך האָב פריער דערמאָנט, אַז מאַרוויץ און וואַרנהאַגען האָבן זיך באַוויזן אין ראַכעלס קרייז אין איין און דער זעלבער צייט. ראַכעל איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַרן אַלטערנאַטיוו: מיט וועמען פון זיי זאָל זי זיך פאַרבינדן? מאַרוויץ איז געווען אַ פּרייסישער אַריס־טאָקראַט. זיין וועלט איז געווען פון אַדל און יונקערטום. וואַרנהאַגען האָט נישט געהאַט די פּריווילעגיעס פון געבורט. ער איז געווען אַ לי־בעראַל, אַ קינד פון דער אויפקלערונג און איז געווען קעגנעריש צום אַדל ווי אַ קלאַס. ראַכעל, וואָס האָט כסדר זיך געריסן צו אַט דעם קלאַס, און געטראָפן פאַר זיך פאַרמאַכטע טירן, האָט איצט, אין דעם עלטער, זיך דעצידירט אויף וואַרנהאַגען. מיט אים האָט זי זיך געפילט מער „אינדערהיים" ווי מיט מאַרוויצעס וועלט, ווי גלאַנציק און „איידל" עס האָט אויסגעזען אויבנאויפיק. זי האָט דעריבער איר לעבן פאַר־בונדן מיט וואַרנהאַגען. ער איז געווען פערצן יאָר יינגער פאַר איר.

אויגוסט וואַרנהאַגען איז געבוירן געוואָרן אין 1785, אין רהיינ־לאַנד. זיין פאָטער — אַ קאַטאָליק, אָבער אָן שום שייכות צו דער קירכע. די מוטער — אַ פּראָטעסטאַנטין, האָט דעם זון דערצויגן אַלס פּריידענקער. זיין פאָטער האָט געצויגן חיונה פון אַ מעדיצינישער פּראַקטיק, ער פלעגט אַרומוואַנדערן פון איין שטאָט אין אַ צווייטער און נאָך זיין טויט געלאָזן אַן אָרעמע פאַמיליע. דער זון אויגוסט איז דאַן אַלט געווען 16 יאָר און האָט שטודירט מעדיצין, אָבער קיין מאָל נישט פאַרענדיקט. ער האָט געפּרוווט שרייבן פּאָעמעס, אָבער צו גאָרנישט דערגאַנגען. יונג אויסגעוואָרצלט, אָן אַ היים, אָן טאַ־לאַנט, אָבער מיט אַ סך אַמביציע וואָס מער צו זען, לערנען און אויפ־כאַפּן ברעקלעך דאָ און דאָרט און קיינמאָל נישט דערגיין צו עפּעס אַ גאַנצער זאַך.

ראַכעל איז געווען פאַר אים די גאַנצע האָפענונג. זי האָט אים געגעבן אירע טאָגביכער, אירע בריוו פון אַלע אירע געליבטע און פון פריינד, וואָס זי האָט דערהאַלטן און אָפּגעהיט. גלייך עטלעכע מאָנאַטן נאָך זייער דערנעענטערן זיך, האָט ער זיך באַרימט, אַז ער האָט אירע דריי טויזנט בריוו. נאָך וויכטיקער: אירע פאַרצייכענונגען וועגן געטען.

ראַכעל האָט פאַרגעטערט דעם גרויסן פּאָעט. זי האָט נאָך בעת איר יוגנט געלייענט זיין „ווילהעלם מייסטער" און מיט אירע פריינד אַ סך דיסקוטירט וועמען ער האָט געמיינט. געטעס ווערק האָבן אויף איר געהאַט אַ גוואַלדיקע ווירקונג און זי האָט זיי פאַרשטאַנען בעסער, ווי געציילטע מענטשן אין דער וועלט האָבן עס באַוויזן. איר שאַרפער ליטעראַרישער חוש האָט איר געלערנט צו זען אין זיין שאַפן די שיי־

כות צווישן גליק און אומגליק. קיין שום זאַך האָט נישט געקענט זיין פּאַר איר אַזוי אינסטרוקטיוו, ווי דער געדאַנק, אַז אין לעבן האָט יעדער געשעעניש אַ זין, וואָס פאַרלאַנגט טיפע אַריינדרינגונג און באַנעמונג. דאָס איז געווען פאַר איר אַ טרייסט אין איר פּערזענלעכן לעבן, באַווירקט זי זאָל זיך נישט איינברעכן אונטער דעם דרוק פון די צעשטערנדיקע עלעמענטן.

פאַר איר איז געווען נויטיק אויסצונוצן דעם ביישפּיל פון עמעצנס אַ לעבן (למשל, די אומגליקלעכקייט פון מאַריאַנען אין ערשטן בוך פון געטעס „ווילהעלם מייסטער") צו לערנען פון אים, אַז ליבע און מורא, האָפענונג און פאַרצווייפלונג, גליק און אומגליק זענען נישט סתם עפּעס בלינדע עלעמענטן צו שרעקן דעם מענטש, זיי האָבן זייער אָרט און זין, און ביי א געוויסן פונקט זענען זיי ממשיך פון אַ ספּעציפישן עבר צו אַ ספּעציפישער צוקונפט, וואָס איז נויטיק צו באַנעמען.

אָן געטען האָט ראַכעל געזען איר לעבן פון אויסנווייניק. דורך אים — פון אינעווייניק. געטע האָט איר אַריינגעפירט אין דער דייטשער געשיכטע, וויזנדיק דעם קשר און טראַנזיט פון אַ יחיד מיט אַלע מענטשלעכע וועזנס. זי האָט פון אים געלערנט, אַז מענטשלעכע דערפאַרונג קאָן ווערן גענעראַליזירט אָן פעלשונג און אין די פּאַראַלגעמיינערונגען ווערט אינדיווידואַליטעט פּרעזענטירט. גורלדיק, פאַר דער אייביקייט. „פון אים האָב איך זיך דערוווסט אין וואָס פאַר אַ גיהנום ער האָט אַריינגעקוקט". נאָכן דורכלייענען זיין „פּרעליוד צו פאַוסט" האָט זי ביי זיך פאַרנאָטירט: „מיין פריינד האָט אויך דאָס מאָל עס אויסגעדריקט פאַר מיר". מחמת דעם וואָס זי האָט אַזוי גרינטלעך פאַרשטאַנען געטען, האָט זי זיך אַליין אויך בעסער פאַרשטאַנען. אין אירע נאָטיצן האָט זי באַמערקט: — מיינע פּערזענלעכע ליידן און פריידן, מיין וויסן וואָלט געשטאָרבן מיט מיר. אָבער די פּערזן וועלן נישט שטאַרבן. זיי וועלן מיך מיטנעמען מיט זיך אין דער צוקונפט „און אַזוי חזרט זיך דאָס כסדר איבער: די וואָס קומען נאָך אונדז, נישט וויכטיק ווי זיי זעען אויס, וועלן לערנען פון דעם וואָס מיר האָבן געוווּסט. דער ריטעם וועט אונדז אָנועקפירן צו די וואָס וועלן קומען נאָך אונדז".

וואַרנהאַגען וואָס האָט באַקומען אין זיין רשות ראַכעלס בריוו מיט די פאַרנאָטירונגען אין אירע טאָגביכער האָט אָפּגעשאַצט זייער באַדייטונג, ספּעציעל אירע נאָטיצן וועגן געטעס ווערק. ער האָט אַלץ צוזאַמענגענומען, אַליין צוגעגעבן געוויסע ענטפערס אויף אירע פראַגעס און דאָס אַוועקגעשיקט צו אַ פאַרלעגער ער זאָל דאָס ארויסגעבן אין א קליינעם באַנד. דער פאַרלעגער, קאָטטאַ, האָט דעם מאַנוסקריפּט צוגעשיקט צו געטען גופא ער זאָל זאָגן מבינות. געטע האָט

זיך זייער גוט אָפּגערופן, אַפילו געשיקט ראַכעלן אַ בריוו, ווו ער האָט געלויבט איר ליטעראַרישן געשמאַק און באַנעמונג פון זיין שאַפן.

ראַכעל האָט זיך שוין געהאַט פּערזענלעך איין מאָל געטראָפן מיט געטען און עס איז איר אונטערגעקומען אַ צווייטע געלעגנהייט.

זי איז געווען אין האַמבורג, צופעליק, און זיך דערוווּסט, אַז איר באַליבטער פּאָעט איז אויך דאָ אין שטאָט. האָט זי געשריבן אַ קורץ בריוועלע צו אים, צי ער וואָלט באַוויליקט זי צו זען. געטע האָט איר אויפן בריוועלע נישט געענטפערט, נאָר אומגעריכט געקומען זי זען.

אין איר טאָגבוך האָט ראַכעל פאַרצייכנט געטעס אומגעריכטן באַזוך, ווען ער האָט זי געטראָפן נישט אָנגעטאָנערהייט. זי שרייבט: „איך האָב אים אַריינגעלאָזט און געבעטן וואַרטן ביז איך וועל עפּעס אַרויפכאַפּן אויף זיך, קוים באַוויזן אָנצוטאָן אַ ספּודניצע און אַזוי פּאַר אים זיך באַוויזן, נישט וועלנדיק אים לאָזן לענגער וואַרטן אויף מיר אַפילו אַ מינוט, בכלל איז ער געווען אַן אויסערגעוויינלעכער פּרינץ, אויך זייער אַ גוטער מענטש... ער איז גלייך אַוועק — — איך בין געווען צופרידן. אַזוי פיל יאָרן האָב איך אים פאַרגעטערט און ווען כ׳האָב אים אפילו געזען נאָר אויף אַ מאָמענט... ערשט נאָך זיין אַוועקגיין האָב איך זיך פיין אָנגעטאָן, ווי איך וואָלט געוואָלט פאַר אַלץ פאַרגיטיקן״.

אין דער פאַרצייכענונג איז דאָ אַזאַ מענטשלעכע פיינקייט און באַשיידנקייט פון ראַכעלן, וואָס האָט נישט געלייגט קיין אַכט זיך אויסצופּוצן פאַר געטען, מחמת זי האָט נישט געוואָלט „ער זאָל איין מינוט וואַרטן לענגער אויף מיר״.

געטעס וויזיט צו ראַכעלן איז פאַר וואַרנהאַגען געווען פון גרויס נוצן. עס האָט אים געגעבן האָפענונגען אַז ער וועט קענען מיט ראַ־כעלס נאָמען אַרויסשווימען אויף ברייטע וואַסערן און שטייגן אין די הויכע פענצטער. ראַכעל ווידער, אין איר עלטער, פילנדיק, אַז די שמאָלע באַזע וואָס איז איר געבליבן קען זיך אויך אַרויסגליטשן פון אונטער אירע פיס, אויב זי וועט אָפּוואַרפן וואַרענהאַגענען, איז אין דעם איצטיקן מצב איר געווען לייכטער צו ווערן צוגעצויגן צו אַ מענטשן, וואָס האָט אויך נאָך גאַרנישט געהאַט און דאַרף ערשט אָנהייבן זיין לעבן און פאַרשאַפן זיך אַ נאָמען.

וואַרענהאַגען איז פאַקטיש געווען נאָך אין אַן ערגערער לאַגע פון איר: אָרעם, אומבאַקאַנט, אָן אַ נאָמען — ער האָט איר גאָרנישט געקאָנט געבן. די איינציקע פראַגע פאַר איר איז געווען: וועט ער מצליח זיין? זי איז נישט געגאַנגען זיך אָדער אים איבערצייגן, אַז זי ליבט אים. אויב ביז איצט האָט זי אַרויפגעקוקט צו די וואָס זאָלן זי אויפהייבן צו זייער הייך, ווו זיי האָבן זיך געפונען לויט געבורט

און ראַנגע, האָט זי איצט געשטעלט אַלץ אין קאָן צו קענען מיטנעמען מיט זיך איינעם, וועלכער איז נאָך דערוויל אין דער נידער, אָבער ער האָט אַ שאַנס — אויפן וועג אַרויף. עס איז געווען נאָך אַ סיבה: זי איז שוין געווען צופיל אַנגאַזשירט מיט אים זי זאָל זיך איצט קענען צוריקציען און זי האָט דאָך אויך געהאַט צרות מיט אירע ברידער וואָס האָבן געהאַט צו איר כסדר טענות. דורך פאַרבינדן זיך מיט וואַרענהאַגען האָט זי געזען דעם איינציקן אויסוועג פטור צו ווערן פון די דאָזיקע טענות.

געווען איז עס אין דער צייט פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, בעת ער האָט אָפּגעהאַלטן נצחונות אויף אַלע פראָנטן. ווען ער האָט געפירט דעם קריג מיט עסטרייך, האָט וואַרענהאַגען וואָלונטירט אין דער אַרמיי זוכנדיק מזל צו אַ פּערזענלעכער קאַריערע. און עס האָט אים טאַקע צוגעשפּילט וואָס ער איז געוואָרן נאָענט באַפריינדעט מיט זיין פּולקאָווניק, בעת ער איז קראַנק געוואָרן. וואַרענהאַגען האָט אים געהיילט און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך דערנענטערט צו מענטשן מיט איינפלוסן און פאַרבינדונגען, וואָס האָבן זיך שפּע־טער אַרויסגעוויזן צו זיין זייער נוצלעך פאַר אים. ער איז געוואָרן דעם פּולקאָווניקס אַדיוטאַנט און דערלידיקט פאַר אים אַלע ענינים. מיט איין וואָרט: ער איז געווען אויפן וועג צו אַ קאַריערע. צו דעם האָט ער פּלוצעם „אויסגעפונען", אַז זיין פאַמיליע שטאַמט גאָר פון אַדל, פון אַ געוויסן פאָן ענזע, וועלכן מען האָט גערופן וואַרענהאַגען. שווער צו זאָגן צי ראַכעל האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיין „אַנטדעקונג", אָבער עס איז איר געווען ניחא...

וואַרענהאַגען האָט דורך דער צייט פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות דערגרייכט אַ הויכע פּאָזיציע, געוואָרן אַ מין פּאָליטישער זשורנאַליסט, פאַרבונדן מיט די העכסטע קרייזן, וואָס האָבן דאַן געמאַכט געשיכטע. ראַכעל איז געווען די פרוי פון אַ שרייבער, וועלכער איז געגאַנגען כסדר באַרג־אַרויף און לסוף געוואָרן דייטשער אַמבאַסאַדאָר.

„די יידן קענען אַלץ דערגרייכן", האָט ווילהעלם פאָן הומבאָלדט געשריבן, ווען ער האָט געהערט, אַז וואַרענהאַגען האָט חתונה געהאַט מיט „דער קליינער פרוי לעווין". עס איז נישט געווען ראַכעלס שולד, איר פאַרלאַנג צו דערגרייכן אַ ראַנגע, ווערן אַ פּרינצעסין און באַ־זיצן סאָציאַלע גלייכהייט מיט די וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק נישט צו זיין פון יידישן אָפּשטאַם.

די יידן אויפן שוועל פון 19טן יאָרהונדערט, ווען זיי האָבן גע־וואָלט שפּילן אַ ראָל אין דער געזעלשאַפט, האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי צו שפּילן די ראָל פון „פּאַרוועניוס פאַר עקסעלאַנס". זייענדיק מחוץ דער געזעלשאַפט צוליב זייער אָפּשטאַם, האָבן זיי אויף אַן אַנדער אופן נישט געקענט שטייגן אויפן סאָציאַלן לייטער. פון

אייגענעם ווילן וויל דאָך קיינער זיך נישט געפינען אויפן נידעריקסטן שטאַפּל...

ה

בעת די מלחמות פון 1813 האָבן זיך געשאַפן פּאַרסמטע באַציאונגען צווישן יידן און נישט־יידן. סאָציאַלע און קלאַסן־פאַראורטיילן האָבן זיך פאַרמירט אויף נייע ליניעס. דאָס זענען געווען די יאָרן פון רע־אַקציע וואָס האָט זיך ברייט צעגאָסן איבער פּרייסן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די פּרייסישע יידן האָבן ארויסגעוויזן אַזאַ היפּער־פּאַטריאָטיזם בעתן קריג מיט פראַנקרייך. זיי האָבן אָקאָרשט באַקומען בירגער־רעכט (1812) און דערפאַר געוואָלט וויזן, אַז זיי האָבן זיך עס כשר פאַרדינט... די יידן האָבן זיך באַשטייערט מער ווי די דייטשן. די יידישע פרויען האָבן געקליבן געלט און מלבושים פאַר די פאַר־ווונדעטע דייטשע זעלנער.

עס איז געווען די ערשטע מלחמה, אין וועלכער יידן האָבן גע־קעמפט אויף דער דייטשער זייט, זיך אידענטיפיצירט מיטן דייטשן פּאַטריאָטיזם און די יידישע פרויען זענען געווען מער אַקטיוו ווי די קריסטלעכע. אויך ראַכעל איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אייפער־דיקן פּאַטריאָטיזם. זי האָט שוין אין יענער צייט געהאַט אויפגעגעבן אירע האָפענונגען אויף גראַנדיעזקייט. עס איז שוין געווען קלאָר פאַר איר, ווי ווייניק די הייראַט מיט וואַרענהאַגען (1814) האָט איר גע־בראַכט נוצן. עס האָט איר געגעבן אַ סאָציאַלן מינימום, און דאָס איז געווען דער אַבסאָלוטער מאַקסימום וואָס זי האָט דאַן געקענט דער־גרייכן. זי האָט זיך נישט געלאָזט אַליין אָפּנאַרן און זיך טאַקע געפרעגט: קען איינער אַוועקגיין אינגאַנצן פון דעם וואָס ער איז ווירקלעך?

עס איז פאַר איר געווען נויטיק זי זאָל אַוועקגיין פון דעם אָרט, ווו אַלע האָבן געקענט איר אָפּשטאַם. מען האָט נישט געקענט געבוירן ווערן אַ צווייט מאָל. די וואַנדערונגען האָבן איר געגעבן זעלישע מנוחה נאָר אויף אַ קורצער צייט. זי האָט דערשפּירט, אַז אַ מענטש קען נישט לייכט אַראָפּוואַרפן פון זיך זיין הויט אַן ווונדן. נאָך שטאַר־קער האָט זי עס דערשפּירט ווען עס איז דערשינען גראַטענאַוערס בראָשור („קעגן די יידן") — דאָס ערשטע מאָדערנע יידן־העצערישע בוך, וואָס איז דערשינען אין מיטן פראָצעס פון דער פאַרויסגייענ־דיקער אַסימילאַציע און שמד־דעזערציע.

די בראָשור האָט זיך נישט פאַרנומען מיט רעליגיעזע פראַגן. עס איז געווען אַ באַשולדיקונג קעגן יידן „נישט וועגן דעם אָדער יענעם ייד, נישט וועגן יידישן יחיד, נאָר וועגן יידן אין אַלגעמיין, וועגן יידן אומעטום". דער מחבר האָט נישט געמאַכט קיין אונטער־

שייד צווישן די געשמדטע יידן און אַנדערע יידן. די אַטאַקע איז גע־גאַנגען אויך קעגן די יידן, וואָס ווייזן אויסערלעך נישט אַרויס קיינע אונטערשיידן — „צו באַווייזן זייער קולטור... עסן עפנטלעך חזיר אום שבת... זיי זענען די זעלבע טיפּישע יידן ווי די מיט די לאַנגע קאַפּאָ־טעס". אַט די טאָטאַלע אַטאַקע קעגן אַלע יידן האָט צעפלאַקערט אַ גוואַלדיקע אַנטיסעמיטישע העצע איבערן לאַנד, וואָס האָט דערפירט צו פּאָגראָמען (1819).

ראַכעל האָט דאָס שטאַרק איבערגעלעבט, געשפּירט ווי זי ווערט נאָר טאָלערירט אין דער אַנוועזנהייט פון איר מאַן, כאָטש זי איז שוין די פרוי פון אַ דייטשן דיפּלאָמאַט, געהאַט פולע פּרייסישע בירגער־שאַפט, דאָך האָט זי דעם פלעק פון איר 'מיאוסן געבורט' נישט געקענט אָפּוואַשן... זי האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס אַלץ וואָס זי האָט באַקומען איז געווען נאָר אַ פּסעוודאָ־רעאַליטעט פון אַ מאַסקאַראַד. זי איז טאַקע ענדלעך פּטור געוואָרן צו זיין ראַכעל לעווין, וואָס איז נישט גע־וואָרן סאָציאַל אַקצעפּטירט, אָבער זי האָט איצט שוין נישט געוואָלט זיין פרידעריקאַ וואַרנהאַגען. זי איז געווען צו ערלעך צו קענען מאַכן פון זיך אַ שווינדלערישע זיך־אידענטיפיקאַציע: „מיין גאַנץ לעבן האָב איך באַטראַכט זיך אַלס ראַכעל און נישט עפּעס אַנדערש".

זי, וואָס האָט געטיילט דעם גורל פון די פּרייסישע „אויסנאַם־יידן" און געזוכט גלייכהייט דורך אַסימילאַציע און שמד (זי האָט זיך געשמדט אין 1814), לעבנדיק מיטן געדאַנק, אַז „איך בין נישט ענלעך צו זיי", האָט איצט מער שוין נישט געהאַט אַט די אילוזיע! בערלין אין אָנהייב פון די 1820ער יאָרן איז שוין געווען ווייט פון דעם גרויסן ליבעראַלן שוווּנגביים אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט.

נאָך די פּאָגראָמען איבער דער פּרייסישער פּראָווינץ, זעענדיק די פּאַקטישע העסלעכע רעאַליטעט, איז ראַכעל געקומען צו דער מסקנא, אַז מען קען פון יידישן גורלדיקייט נישט אַנטלויפן. זי האָט איינגעזען, אַז אַלצדינג וואָס זי האָט זיך אונטערגענומען איר גאַנץ לעבן צו באַקעמפן, איז געווען נישט מער ווי קאָסמעטיק, בפרט אין 1831, בעת עס איז אויסגעבראָכן די גרויסע כאָליערע־עפּידעמיע באַגלייט מיט דער העצע, אַז יידן האָבן פאַרסמט די ברונעמער... דאָס האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף ראַכעלן, אַז זי האָט דעמאָנסטראַטיוו געוואָגט זיך אַרויסצושטעלן פאַר דער געזעלשאַפט ווי אַ יידישקע און מיט דעם האָט זי געזוכט צו ליקווידירן איר פּערזענלעכן באַנק־ראָט פון די פריערדיקע יאָרן. ביים סוף פון איר לעבן שרייבט זי אין די בריוו צו אירע ברידער גאַנצע שורות מיט העברעאישע אותיות, צו ווייזן די גרויסע טראַנספאָרמאַציע וואָס זי האָט דורכגעמאַכט; איר ליידנשאַפטלעכן פּראָטעסט קעגן די פאָראורטיילן פון דער קריסט־לעכער געזעלשאַפט לגבי יידן, מאַכנדיק זיי פאַר פּאַריער.

ראַכעל איז אין סאָלידאַריטעט מיט די יידן פאַרבליבן אַ יידיש־קע און אַ פאַריערין און דערפאַר האָט זי געפונען אַזאַ הויכן אָרט אין דער געשיכטע פון אייראָפּעאישן הומאַניזם.זי האָט געהאַט די מעג־לעכקייט, אויף דער עלטער, צו זען וואָס איז אַרויסגעקומען פון די אַלע יידן־אַסימילאַטאָרן, און פון די געשמדטע יידן, וועלכע זענען אַוועק צו אַ פרעמדן פאָלק צוליב דער היפּאָקריטישקייט פון דער קריסט־לעכער געזעלשאַפט, וואָס האָט, כלומרשט, געזאָלט זיי באַהאַנדלען אַנדערש... זי האָט געזען די יידן וואָס האָבן, ווי מיט צוואַנגען, גע־פּרוווט טאָן אַלץ, וואָס זאָל זיי מאַכן פאַר נישט־יידן — און דאָס האָט זיי לסוף נישט געהאָלפן...

ראַכעל, וואָס האָט פריער אַליין געטיילט די מיינונג פון איר מיליע לגבי איר אָפּשטאַם, האָט איצט צו זיך געזאָגט, אַז זי דאַרף זיין שטאָלץ מיט איר יידישן געבורט, זיין פאַרבונדן מיט דעם פאָלק „וועמענס אומגליקן און חסרונות דו קענסט בעסער פון אַנדערע. דאַרפסט אים נישט פאַרלאָזן און נישט מורא האָבן, ווען מענטשן וועלן זאָגן: דו האָסט נאָך אַלץ אין זיך עפּעס פון יידישקייט". ראַכעל האָט געזוכט ווי אַזוי צו העלפן די יידן: „איך וואָלט זיי געוואָלט דינען, עפּעס טאָן פאַר די צעשפּרייטע, פאַרנאַכלעסיקטע". זי האָט נאָכגע־פאָלגט מיט איר „פאַרוווּנדעטער און היילנדיקער נשמה" די מאָדערנע יידן־שנאה וואָס האָט זיך צעגאָסן איבער פּרייסן. זי, „די פּליטה פון מצרים", וואָס האָט איר גאַנץ לעבן געזוכט ביים דייטשן פאָלק הילף, ליבע און אַ פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט, צאָלנדיק דערפאַר דעם העכסטן פּרייז — נעגאַציע און פאַראַכטונג פאַר איר שטאַם — האָט ביים סוף פון איר לעבן דערזען ווי פאַלש דאָס אַלץ איז געווען. זי האָט אָנגענומען די אַפירמאַציע פון יודאַאיזם און דערמיט געראַ־טעוועט „דעם אימאַזש פון איר נשמה".

ו

ראַכעלס לעבנס־געשיכטע איז די געשיכטע פון אַ גרויסן באַנק־ראָט און פון אַ גרויסן בונטאַרישן גייסט. זי פאַרקערפּערט די גע־שיכטע פון די יידן אין דייטשלאַנד בעת דער ערשטער עמאַנציפּאַציע און פאַרשפּיגלט די טראַנספאָרמאַציע פון דעם דייטשן געטאָ־ייד, וואָס האָט געזוכט צו ווערן אַ דייטש דורך אָראָפּשינדן פון זיך די זיבעטע הויט. יענער גענעראַציע האָט געפעלט אַ נאַציאָנאַלער יידישער באַ־וווסטזיין, צו וועלכן עס איז ביים סוף פון איר לעבן דערגאַנגען ראַכעל. זי, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַלע עטאַפּן פון דער דייטשער אַסי־מילאַציע, האָט ענדלעך איינגעזען, אַז די יידישע אָנגעהעריקייט דאַרף באַטראַכט ווערן „ווי עפּעס וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן אין מיין נשמה, אין מיין פילן און באַוווּסטזיין און קען נישט ווערן אָפּגעמעקט דורך דעם

פּרווו, וואָס איך און אַלע אַנדערע האָבן געמאַכט אַראָפּצוּוואַרפן עס פון זיך״. ליגנדיק אויפן טויטן־בעט האָט זי זיך מתוודה געווען און דערמיט אַנערקענט, אַז מען קען נישט אַנטלויפן פון יידישן גורל, כאַראַקטער און געשיכטע.

ביבליאָגראַפיע

ק. דזשענינגס „ראַכעל לעווין, איר לעבן און אירע בריוו״.

ראַכעלס קאָרעספּאָנדענץ, איר טאָגבוך און וואַרנהאַגענס מאַנוסקריפּט־קאָלעקציע.

א. בעדרא „ראַכעל וואַרנהאַגען״, 1900.

געאָרג בראַנדעס „ראַכעל, בעטינדאַ און שאַרלאָטע סטיגליץ״, 1896.

מערי הארגרייוו „איינינקע דייטשע פרויען און זייערע סאַלאָנען״ (ראָמאַנטישע סאַלאָנען פון יידישקעס).

אַנאַ ארענדט „ראַכעל וואַרנהאַגען״ (דאָס לעבן פון א יידישקע), 1957.

די יאַרביכער פון לעאָ בעקס אינסטיטוט־פּובליקאַציעס.

דוד טושינסקי: „אַ יידיש מיידל אין געטאָ״

די קעניגין איזבל

(וועגן שמואל איזבאַנס היסטאָרישן ראָמאַן)

א

די קאַנווע פון היסטאָרישן ראָמאַן גיט גרויסע מעגלעכקייטן דעם קינסטלער־ראָמאַניסט, וואָס זוכט דורך דעם פּייער און דער שיין פון ווייטע האָריזאָנטן דורכצולייכטן מיט אייגענע ליכטער אַ קדמונישע ווייטע אָדער אַ נעענטערע תקופה און טראַנספאָרמירן פּערסאָנאַזשן, געראַנגלען און פּראָבלעמען פון איין תקופה אין אַ צווייטער ביז היינטצייטיקייט.

די אויסגעפורעמטע ליניעס פון אַן אַמאָליקער עפּאָכע זענען גוטע מאָדעלן צו פורעמען און פּסיכאָלאָגיש באַגרינדן די האַנדלונגען פון ווייטע געשטאַלטן און געשעענישן, וואָס אָטעמען מיטביידע לונגען די היסטאָרישע לופט פון יענער צייט און קענען אויך אויסטייטשן דעם היינט אין ליכט פון נעכטן. פאַר דעם זוכנדיקן, אומרואיקן יחיד איז דער היסטאָרישער ראָמאַן אַ קאָנפראָנטאַציע פון הווה מיטן עבר; דורך דער פּריזמע פון אַנאַלאָגיעס און אַסאָציאַציעס — אָפּגראָבן זיינע אינדיווידועלע און סאָציאַלע וואָרצלען.

אין דער קינסטלערישער רעסטאַווראַציע פון אַ ווייטער תקופה מיט איר לעגענדע און וואָר, וויזיע און סימבאָליק, ווערן געעפנט טירן צו דער אינעווייניקסטער וועלט פון אויטענטיש־סטיליזירטע און אויסגעדאַכטע העלדן, וועמענס האַרצקלאַפּ מיר פילן אין זייערע דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע קאַמפן. מיר ווערן אריינגעצויגן אין דער אַטמאָספער פון די געשעענישן, וואָס פאַרקייטלען זיך מיט די פּערסאָנאַזשן און וואַקסן אַרויס צוזאַמען פון דעם גייסטיקן און פּאָליטישן צייטקלימאַט מיט זיינע אָנרעגונגען פון אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. זיי רעדן צו אונדז נישט בלויז וועגן דעם אַמאָל, נאָר אויך וועגן היינט, וועגן דער מענטשלעכער נאַטור וואָס האָט זיך אַזוי ווייניק געביטן אין לויף פון דער צייט — די זעלבע פונדאַמענטאַלע טרייבקראַפט פון כאַראַקטער און גורל, פון ליבע און שינאה, אַמביציע און מאַכטגלוסט, אידעאַליזם און עגאָאיזם — אָט די אַלע אייביקע אַטריבוטן פון מענטשלעכן לעבן אין אַלע צייטן, ציוויליזאַציעס און קולטורן.

✶

שמואל איזבאַן האָט אין זיין היסטאָרישן ראָמאַן די קעניגין איזבל בעלעטריסטיש רעקאָנסטרואירט די אַחאָב־איזבל־תּקופה פון מלכות־ישראל. פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט בכיוון אָנגערופן דאָס ווערק אויפן נאָמען פון דער פאַקטישער הערשערין אין לאַנד, וועלכע האָט מיט אַזאַ דעספּאָטיזם אָנגעפירט מיט דער מלוכה, בעת איר מאַן דער קעניג אַחאָב איז נאָר פאָרמעל געזעסן אויפן טראָן.

דער מחבר צייכנט די קעניגין איזבל מיט שטאַרקע פאַרבן — די מאַגנעטישע אייגנשאַפטן פון איר שיינקייט, קלוגשאַפט, איר שאַרפע צונג — דאָס אַלץ מיט וואָס אַ פרוי פון דער פרעמד האָט זיך געקענט דעראָבערן אַזאַ פּאָזיציע אינעם לאַנד ישראל און פאַרוואַנדלען דעם קעניג און זיינע עצה־געבער אין געהאָרכיקע קנעכט.

איזבל, די טאָכטער פון צידונישן קעניג און כהן אתבעל, איז דערצויגן געוואָרן אין דעם גייסט פון דער פעניקישער קולטור און געצנדינערישע קולטן, וועלכע זי פלאַנצט איבער אין לאַנד פון ישראל. צייכנט איזבאַן די באַוווסטע קולטן פון יענער צייט אין די שטעט אַרום דעם מיטללענדישן ים: די געהייליקטע פרויען צו איש־טאַר, די טעמפּל־פּראָסטיטוציע, די קינדער־קרבנות אין די פייערן פון מזבח און די פאַרשייטע טענץ דערביי אַרום מזבח. בכדי צוצו־געבן בראָקאַטפאַרבן צו דעם מאַקאַברישן בילד און צו איזבלס אָפּ־שטאַם, שילדערט ער איר מוטער, רפיחה, וואָס האָט אומגעבראַכט יעדן מאַן מיט וועמען זי האָט געלעבט און שפּעטער געוואַשן אירע זינד מיט קרבנות פאַר אירע געטער.

ווייסן מיר פון דער געשיכטע וועגן דעם גרויסן קולטורקאַמף וואָס איז אָנגעגאַנגען אין לאַנד צווישן די אָנהענגערס פון יהוה און די אָנהענגערס פון בעל־קולט. אין תנ״ך ווערט דערציילט זייער אויס־פירלעך פון די לאַנג־דויערנדיקע געראַנגלען צווישן דיביידע קולטן מיט זייערע פּראָטאַגאָניסטן, און ווי אַזוי אליהו האָט זיך אָפּגערעכנט מיט די בעל־נביאים... כדאי צו דערמאָנען, אַז בערדיטשעווסקי און טשערניכאָווסקי האָבן אָפּגעפרעגט די אָביעקטיווקייט פון תנ״ך בנוגע די אמתע און פאַלשע נביאים. האָט דאָך בערדיטשעווסקי אין זיין פּלאָמיקער פּראָזע און טשערניכאָווסקי אין זיין באַוווסטן לידער־ציקל „מחזיוני נביאי השקר״, פאַרגעשטעלט אין אַן אַנדער ליכט די פילאָ־זאָפיע פון לעבנס־געניס ביי די נביאים, וועלכע די מחברים פון תנ״ך — לויט זייער אויסטייטש — האָבן טענדענציעז באַצייכנט ווי „נביאי השקר״ און נישט דערלאָזט זייער אמתע שטים זאָל צו אונדז דערגיין.

ש. איזבאַן ברייטערט אויס בעלעטריסטיש דעם תנ״ך־טעקסט אויף פאַרשידענע פלאַכן. ער פאַרוועבט אין דער ברייטער קאַנווע פון

ראָמאַן די פעניקישע קולטן, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק אַפּעלירט צו די אינסטינקטן און תאוות פון פרימיטיוון מענטש. בעל־פעור האָט געהייסן געניסן פון די פאַרגעניגנס פון לעבן, דעם ווילן פון גוף פאַרהייליקט ווי די תפילה צום הימל; פאַר וואָס זשע זאָלן מענטשן אַנטלויפן פון לוסט און פאַרגעניגן? דער מחבר האָט מיט פאַרנעם געשטאַלטיקט די פילאָסאָפיע פון לעבנס־לוסט, פון תאווהדיקער עולם־הזהדיקייט, געפרײדיקט דורך די פריסטערס פון די טעמפּלען. עשתורת, די געטין פון פרוכטבאַרקייט, האָט אין אירע טעמפּלען געהאַט נאַקעטע אָפּבילדער מיטן אַנדייט, אַז צניעות און בושה האָבן נאָר די נזירים אויסגעטראַכט.

זוכט דער מחבר צו געבן אַ פּסיכאָלאָגישע באַגרינדונג פון די האַנדלונגען פון די תנכיש־אויטענטישע און אויסגעדאַכטע פיגורן, באַזונדערס פון דער אינעווייניקסטער צעריסנקייט אין דער נשמה פון זיינע צוויי הויפּטהעלדן, דעם קעניג אַחאַב, און דעם הויפּטשלאַכטמאַן, איתמר. נאָר איזבל איז זיכער אין זיך („קיין שטורעם האָט נישט געקענט פאַריאָגן איר זיכערקייט״), זיכער אין דער אַלמעכטיקייט פון אירע געטער צו באַשיצן דאָס לאַנד („צי איז נאָך נישט געקומען דער טאָג, אַז אַלע מענער אין ישראל זאָלן איינזען, אַז בעל איז דער האַר אין מיין לאַנד?״). זי באַטראַכט דעם קאַמף פון אליהוס אַנהענגערס (די דעמאָלטיקע נאַציאָנאַלע יידישע אינטעליגענץ) קעגן אירע געטער־קולטן ממש ווי אַ מלוכה־פאַרשווערונג

אַחאַבס טראַגעדיע ליגט אין זיין נשמה, וואָס געפינט זיך צווישן צוויי פייערן. ווי ינאי המלך, איז ער אויך זיכער, אַז דער פאַרגעניגן פון תאווה קומט אויך פון גאָט. דאָס לעבן ליגט נישט בלויז טיף אין גייסט, נאָר אויך אין פלייש... די סענסועלע גלוסטן און קולטן פון איזבלס געטער זענען אים צום האַרצן. ער וויל זיך אָבער אויך נישט אָפּזאָגן פון גאָט, יהוה, און באַנעמט נישט די אוממעגלעכקייט פון אַזאַ דואַליזם. די מפּלה וואָס איזבלס נביאים האָבן געליטן בעת זייער קאָנפראָנטאַציע מיט אליהון, און די קעניגין וואָס פאַרלאַנגט אליהוס קאָפּ — דאָס אַלץ איז צוגעשפּיצט צו פּאָליטישע חשבונות — דורך טעראָר, פאַרזיכערן די הערשאַפט אירע אין לאַנד. ווי יעדער הערשנדיקער טיראַן איז זי געווען פאַרגלייבט, אַז אַזוי לאַנג ווי זי לעבט וועט דער טראָן פון אַחאַבס הויז שטיין פעסט.

אליהו ווידער האָט אונטערגעשאַצט איר מאַכט אין זיין פאַרמעסט מיט איר: „פאַר דעם נביא — באַמערקט טרעפלעך דער מחבר — וואָס קוקט אויף איר פון באַרג חורב, קען איזבל אויסזען ווינציקער ווי אַ מילב. אָבער די מילב האָט געבראַכט אין לאַנד אַזוי פיל טרויער, שנאה, יאוש וואָס קען פאַרלענדן אַ פאָלק״. ווי היינצייטיק דאָס קלינגט!

די טיראַנישע איזבל־געשטאַלט איז אין תנ״ך געצייכנט מיט אַ פעסטער קינסטלערישער האַנט. אירע אַמביציעס און מאַכטגלוסטן האָבן מיט אַ דעמאָנישן כוח געצויגן זי צו די שווידערלעכסטע גוואַלד־אַקטן, וואָס ווערן אַזוי קרעפטיק אַרויסגעבראַכט אין תנ״ך. איזבאַן האָט די איזבל־פיגור איבערגעגאָסן אין אַ בעלעטריסטישער בראָנדז־סקולפּטור לויט די תנכישע אויסגעפורעמטע ליניעס, אָבער פּסיכאָלאָגיש פּאָרטיפּט און אויסגעטייטשט אין אַ יידיש־קרעפטיקער פּראָזע. מיר זעען זי אין בלוט און פלייש, ווי אַן היינטצייטיקן טיראַן פון אונדזער גענעראַציע: „ווו זי שטעלט אַ טראָט זייט זי גלוט, איפּער און בלוט״.

אויך די אַחאָב־פיגור, אין איר גאַנצער טראַגישקייט, איז בולט אַרויסגעבראַכט. דער אָנמאַכטיקער קעניג און דער קנעכט ביי זיין איזבל — אין איין פּערזאָן. זיין ווערן צופרידנשטעלן יידע קולטן (דערפּאַר דער וואָרטשפּיל פון שפּאַלטן זיין נאָמען: „אַחאָב — אָח לשמים, אָב לעבודה־זרה״) און זיינע גריזשנדיקע ספקות: — פאַר וואָס דאַרף צוליב איזבלס כהנים קומען אַן אומגליק אויף אַ גאַנץ פאָלק? גייט ער טאַקע אַרום אַ דערשלאָגענער מחמת דער טריקעניש אין לאַנד, וואָס איז געקומען ווי אַ שטראָף פון גאָט. אַן עלנטער וואַנדערט דער קעניג אַוועק צו אליהון אין מדבר, ער זאָל אָפּרופן די קללה אויפן לאַנד. אַחאָב, דער זיגער אין מלחמות, באַשיצט מיט טורעמס און פעסטונגען קעגן שונאים, מוז קומען צו דער דערקענטעניש, אַז „פאַר דעם מלך פון ישראל איז ווינציק צו געווינען מלחמות. ער מוז זיך פאַרענטפערן פאַר גאָט און פאַר די נזירים״.

דער פּראָבלעם פון מאַכט, זינד און גייסט; פון מאַכט און גערעכטיקייט, פאַרנעמט ביי אַלע פעלקער אַ צענטראַלן אָרט אין זייער געשיכטע. אָבער ביי קיין איין פאָלק איז דאָס נישט געשטעלט געוואָרן אַזוי אויף דער שאַרף פון מעסער, ווי די נביאים האָבן עס געטאָן אין מלכות ישראל און יהודה. די גרעסטע וועלטקינסטלערס האָבן געזוכט צו געבן אַ היסטאָרישן באַנעם פון דעם אַלצייטלעכן פּראָבלעם: מאַכט. שעקספּיר, טאָלסטאָי — אָנצורופן נאָך אַ פּאָר — האָבן עס געשטאַלטיקט אין פאַרשידענע פאָרמען און אַספּעקטן.

אַחאָב ווייסט, אַז מאַכט און גערעכטיקייט גייען ווייט נישט אָפּט האַנט־ביי־האַנט... ער זוכט נאָר אַ פאַרענטפערונג, אַז „אויב דו האַלטסט זי נישט אויף דער שאַרף פון שווערד וועסטו זי פאַרלירן״. אַזוי האָט אויך ינאי המלך געטראַכט (לויט משה שמירס ראָמאַן). אָבער שמעון בן שטח האָט אים געוואָרנט, אַז „גערעכטיקייט איז העכער און פריער ווי מאַכט״. אויך אבשלום טענהט צו אים, אַז „אַ הערשער מוז זיין דער בעל־חשבון פון זיין גאַנצן פאָלק״.

צווישן די פּערסאָנאַזשן אינעם ראָמאַן פאַרנעמט אויך אַ צענט־ראַלן פּונקט דער הויפּטשלאַכטמאַן פון אַחאָבס חיילות, איתמר בן־

צוער. זיין ליבע צו דער פרעמדער אַשורישער טאָכטער, תורתנה — די טענצערין פון דער קעניגין איזבל, וואָס לערנט די קדשות פון די פאַגאַנישע קולטן טאַנצן פאַרן מזבח — רופט ארויס פסיכישע קורצ־שלוסן אין דער נשמה פון דעם נזיר איתמר. ער, דער אַנהענגער פון יהוה־קולט גייט ארום מיט אַ צעפייניקטן געוויסן מחמת תורתנהס זינד. איין קול זאָגט צו אים: „רייניק זיך פון די גלוסטונגען” ווער נישט צוליב איר אַ שקלאַף צו דער תאווה, און אַ צווייט קול רופט אים צו געניסן, פאָלגן דעם באַגער פון גוף... נאָך דער באַגאַנגענער זינד איז ער, דער מאָראַליש־צעפייניקטער, פאַרווונדיקטער מענטש, צע־שלאָגן אין זיין פנימיותדיקער מלחמה צווישן דעם רעליגיעזן און דעם זינדיקן. דער מחבר דערפירט צו דעם דראַמאַטישן הויכפּונקט איתמרס נשמה־קאָנפליקט, ווען ער מוז איינגעמען די פעסטונג פון דער שטאָט אָפק פאַר דעם טייערסטן פרייז — דער צעשמעטערטער קאָפּ פון זיין געליבטער תורתנה.

שמואל איזבאַן האָט אין ראָמאַן אַרומגענומען מיט בעלעטריסטיש פלייש און בלוט אַ סך קאָנפליקטן פון דרויסנדיקע און אינעווייניק־סטע מלחמות. איבעריק צו באַטאָנען, אַז זיי האָבן אַ היינטצייטיקן אונטערשלאָק אָרום די אַלצייטיקע פּראָבלעמען פון מאַכט און מלח־מות. דער מחבר קאָנפראָנטירט צייטפראַגעס דורך דער פּריזמע פון ווייטן אַמאָל. פון איין זייט, די שטחים פון בלוטדאָרשטיקן נאַציאָנאַ־ליזם דורכן מויל פון אַחיעזרן, אַז „בלוט רייניקט דאָס פאָלק און מאַכט אים שטאַרק”; פון דער צווייטער זייט, די שטים פון אָהליאָב, וואָס וואָרנט, אַז „דאָס געפעכט פון שווערד ווערט תמיד דערטרונקען אין בלוט, און דאָס אומגליק איז נישט ווייטער פון דעם נצחון”.

דער מחבר שילדערט אַ סך גוואַלדאַקטן און גרויזאַמקייטן מיט דעם מאַקאַברישן געמעל פון דער תנ״ך־געשיכטע אַרום דעם ווייגאָרטן פון נבות. די אינטריגעס און פאַלשקייטן פאַר גאָלד און מאַכט, אָנ־הייבנדיק פון העכסטן ריכטער אין שומרון ביז צו די נידעריקסטע הויפלייט און קנעכט, דערגייען צום העכסטן קולמינאַציע־פּונקט אין איזבאַנס מייסטערדיקן געמעל פון דעם „משפט־צדק” און יוסטיץ־מאָרד איבער נבותן. דער מחבר האָט אויסגעברייטערט דאָס תנכישע בילד מיט גרויספאַרנעמיקע שילדערונגען, וואָס גיבן צו דימענסיעס צו אליהוס אומשטערבלעכן אויסגעשריי צו אַחאָבן און צו אַלע שפּע־טערדיקע אַחאָבס: הרצחת גם ירשת?

איזבאַן האָט די באַוווסטע היסטאָרישע העלדן געצייכנט רעאַ־ליסטיש און סימבאָליש. ער באַנוצט אויך תנכישע נעמען פאַר די אויס־פאַנטאַזירטע געשטאַלטן. זיי וואַקסן אַרויס פון בוך. ער פורעמט אינ־טריגעס און קאָנפליקטן אין דער צעריסענער יידישער מלוכה — ישראל און יהודה און זייערע דיפּלאָמאַטישע פאַקטן מיט די

שכנותדיקע מלוכות (מואב, אדום און פלישתים). ער פּאַרוועבט אין דער היסטאָרישער קאַנווע נישט בלויז די העלזעעוודיקע זאַכן, נאָר אויך די טונקעלע ווייזעס פון אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע שטרע־בונגען וואָס האָבן געשטאַלטיקט דעם כאַראַקטער פון פאָלק און זיין גורל.

אין דעם גרויסן שלל טיפּן פון דעם ראָמאַן, וואַקסן נישט נאָר די האַנדלונגען אַרויס פון זייערע נאַטורן, אויך זייער לשון שפּיגלט אָפּ די ספּעציפישקייט פון זייער מהות. דער כוח פון פיינטשאַפט און פאַלשקייט און דער כוח פון גערעכטיקייט קומען אין צוזאַמענשטויס אויף דעם באָדן פון מאַכט און רעכט. דער אַטראָפּירטער מאָראַלישער מצב אין שומרון האָט פאַרשטאַרקט די באַוועגונג פון נזירים, וואָס זענען אַוועק אין מדבר מיט זייער אָנפירער יונדב בן רכם, דערשפּירנדיק מיט זייער עטישן געפיל דעם אָנקום פון פיזישן צוזאַמענבראָך אין לאַנד.

שמואל איזבאַן האָט בעלעטריסטיש געשטאַלטיקט די קאָנפליקטן פון הויכע עטישע אידעאַלן מיט זייער מאָראַלישן אימפּולס און די אומרעכט פון די מאַכטיקע, וואָס האָבן געגלייבט, אז „דער אמת רעדט בלויז דורך דער שפּיז פון קריגסמאַן". מיר זעען דעם לערער יצער בן־רעואל וואָס ליכטיקט אין זיין אַסקעטישער לעבנס־פירונג, גלייבנ־דיק אין שכר פאַר יעדער גוטער טואונג; און אויך די טיפּן פון שווינדל און געמיינקייט, ווי דער אויפזעער, עקוב, וואָס לאַכט זיך אויס פון געזעץ און גערעכטיקייט און שטאַרבט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל אויף דער וועלט.

דער ראָמאַן די קעניגין איזבל איז אַ גרויסער בנין. אי אַרכי־טעקטאָניש — אין שפּראַך מיט איר תנכישן ריטעם — אי אין די אויספורעמונגען פון די אויטענטישע און אויסגעדאַכטע פּערסאָנאַזשן, פון די פּראָבלעמען, קאָנפליקטן און דעם לעבנס־ריטעם פון דער קדמונישער וועלט. די פרישקייט וואָס מען שפּירט ביים לייענען — די לעבעדיקע רעאַליסטישע אַטמאָספער פון אַ טאָג־טעגלעכן לעבן מיט די אַלע זיינע פּרטים, לייזן זיך אויף אין דער קאָמפּאָזיציע פון אַ גוט דערציילטער געשיכטע. אויך די דיגרעסיעס, זשעסטן און פּסי־כאָלאָגישע דערקלערונגען האָבן אין זיך בלוט און פלייש און זענען סימעטריש אַריינגעוועבט אין סוזשעט.

איניקע שילדערונגען, גלייב איך, וואָלטן מער פאַרשטאַרקט די קינסטלערישע אַטמאָספער, ווען זיי וואָלטן געווען מער קאָנדענ־סירט. א ביסל נישט־דערערדקייט ביזן סוף (אינעם זינען פון בעלעט־ריסטישער בצימצומדיקייט) גיט מער צו קינסטלערישע וואָג און עקספּרעסיע, ווי צו פיל באַרעדעוודיקייט. אָבער צום שבח פון מחבר,

וויל איך צוגעבן, איז אין דעם ראָמאַן, בדרך כלל, איינגעהאַלטן געוואָרן די סימעטרישקייט אין דעם נאַראַטיוו ווי אין דעם תנכישן ריטעם.

שמואל איזבאַנס קינסטלערישע דערגרייכונג, אין דעם גרויסן היסטאָרישן ראָמאַן, באַשטייט בעיקר אין זיין אינטואיטיווער העל־זעעוודיקייט פון נשמה־לאַנדשאַפטן און שטייגערישע פּייזאַזשן מיט זייער וויטאַליטעט און דינאַמיק אין דער ייִדישער, ווי אין דער אַלגע־מיינער געשיכטע פון יענער צייט; אין דער דורכלייכטונג פון דער אַנטיקער וועלט מיט אירע אמתן און פאַרפלאַנטערטע קנוילן און ריסן.

וואָס איז אמת אין אַ היסטאָרישן ראָמאַן? — אַן ענטפער אויף דער פראַגע וועל איך אויסבאָרגן ביי איינעם פון די העלדן אין זשאַ־באָטינסקיס ראָמאַן שמשון הגיבור.

„דער אמת איז — זאָגט לוי מאַכבאַנאַ — נישט דאָס וואָס איז געשען אָדער נישט געשען אין איינער אַ נאַכט פון די נעכט. דער אמת איז דאָס וואָס וועט פאַרבלייבן אין מענטשלעכן זכרון אויף אייביק".

שמואל איזבאַן האָט מיט זיין גייסטיקן אויג באַוויזן אַריינצו־דרינגען אין אָט די אמתן פון די וואָס האָבן ביים לעבן טאַקע באַ־קומען כבוד און עשירות דורך חניפה און אָפּנאַרעריי אָבער ווען זיי זענען געשטאָרבן — זענען זיי, אָפּגעשטאָרבן אין גאַנצן, אָפּגעמעקט געוואָרן פון זכרון. בעת די שטים פון געפּלאָגטן, אמתן נביא קלינגט אָפּ דורך אַלע דורות!

ב

„יריחו"

אַ ראָמאַן פון דער קדמונישער וועלט

„אין תנ"ך איז דאָך פון דער מעשה געבליבן נאָר אַ וווּנק, אַ פּרט. די מעשה איז דאָך געווען גרעסער, דער פּלאַץ פון דער צייט איז געווען גרעסער ווי דער פונק, וואָס איז פאַרזיגלט אין ספר. דאַרף מען מיט דער אייגענער פאַנטאַזיע, מיט דער אינ־טואיציע, מיט געפיל — צו יענער צייט, צו יענעם פּלאַץ, ארויס־כישופן מער דאָס גאַנצע, דאָס פולע".

דוד איגנאַטאָוו

ווען שמואל איזבאַן האָט קאָנסטרואירט זיין היסטאָרישן ראָמאַן „די קעניגין איזבל", האָט ער נאָך געהאַט פון וואַנען צו נעמען רוי־מאַטעריאַלן פאַר זיין בנין. די בערך זיבן קאַפּיטלען פון דעם ספר

מלכים האָבן אים צוגעשטעלט אַ געוויסן סכום ליים און ציגל פון מלכות ישראל אין יענער תקופה.

אַנדערש איז אָבער געווען זיין מצב ביים פּאָרטראַכטן אַ ראָמאַן פון יריחו אין יהושוע'ס צייטן. אין תנ"ך איז וועגן דער געשיכטע מיט די מרגלים און רחב הזונה — און וועגן איינגעמען די פעסטונג יריחו — פּאַרפּיקסירט געוואָרן אַ נוסח אויף אַ גאַר בצימצומדיקן אופן. אין ספר יהושוע איז נאָר אַריין אַ פּונק פון יענעם פּלאַם, און איזבאַן האָט זיך דאָ געמוזט מער אונטערגאַרטלען מיט שעפערישער פאַנטאַזיע און אינטואיציע, ווי אין זיין איזבל־ראָמאַן.

איז טאַקע צו באַוווּנדערן ווי אַזוי ער האָט רעסטאַוורירט אַזאַ קדמונישע וועלט דורך אַן עקזאָטיש־פאַרביקע קאָמפּאָזיציע. פון דער לופט געשאַפן אַ וועלט און איר באַפעלקערט מיט לעבעדיקע מענטשן פון אַלע שיכטן — פון קעניג ביז צום נידעריקסטן קנעכט, זיי אריינגענומען אין אַ סיפור המעשה, וואָס איז אַנגעלאָדן מיט אַזוי פיל שפּאַנונג דורכן גאַנצן ווערק. אַז מען לייענט די געמעלן פון שטייגערישן לעבן אין יריחו, טראַכט מען צי דער מחבר האָט זיי אפשר געזען דורך אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, מחמת עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אַז זיי זענען לרוב גענומען פון זיין שעפערישער פאַנטאַזיע, די פּאַלאַצן, הייזער, גאַסן און זייערע באַוווינער מיט דער גאַנצער אור־אַלטער ציוויליזאַציע, וואָס שפּרודלען מיט אַזוי פיל לעבן אין דעם ראָמאַן. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס זעלבע לאָזט זיך זאָגן וועגן אַנדערע היסטאָרישע ראָמאַנען פון אור־ווייטע תקופות, פון די קינסטלער וואָס האָבן געשאַפן „אַ יש מאין", אָבער מיר באַהאַנדלען איצט איזבאַנס יריחו־ראָמאַן און וועגן אים ווילן מיר זיך אָפּשטעלן.

אין צענטער פון דער קאָמפּאָזיציע געפינט זיך די פּרוי רחב. איזבאַן האָט די תנכישע רחב הזונה אויפגעהויבן צו אַ העכערן סטאַטוס. זי איז נישט קיין געוויינלעכע קורטיזאַנקע פון נידעריקן שטאַנד, נאָר אַ פּאַרצייטיקע סאַלאָן־פרוי — די שענסטע שפּיל־פרוי אין יריחו, מיט אַ וועלט־נאָמען, באַוווּסט אין די ווייטסטע מעטראָפּאָליעס. איר סאַלאָן — אַ גאַסט־הויז פאַר די מעכטיקסטע און אָנגעזעענסטע, נישט נאָר אין יריחו, נאָר אויך פון אַנדערע מזרח־שטעט. זי איז צאַרט און ליבלעך, איר האַרץ איז ריין, אָבער פול מיט גליענדיקער נקמה־לוסט. איר ברענענדיקע שנאה איז צו די פאַרדאַרבענע און נידערטרעכטיקע מענער פון יריחו — קעניגלעכע הויפּלייט, פירשטן — וואָס האָבן אומגעבראַכט איר געליבטן, וויסט געמאַכט דאָס הויז פון איר פאָטער און איר שלעכטס געטאָן. דאָס איז נויטיק געווען פאַרן קינסטלער צו דערקלערן פּסיכאָלאָגיש איר גרייטקייט צו העלפן

יהושוע׳ס אויסשפּירערס אין דער פעסטונג־שטאָט. סתם אַזוי וואָלט זי דאָך נישט ריזיקירט מיט איר לעבן און אויסבאַהאַלטן זיי.

דער מחבר האָט באַלעבט נישט נאָר די רחב־געשטאַלט און איר באַהויכט מיט סאָפּיסטיצירטקייט, נאָר אויך אויפגעלעבט די רייכע גאַלעריע פּערסאָנאַזשן, פּריסטערס, הויכע שטאָט־האַרן, קעניגלעכע ראַטגעבער, שלאַכטמענער, צינז־האַרן און דאָס פּראָסטע פאָלק, וואָס זענען פאַרפלאָכטן אין סוזשעט. יעדער פון זיי, לויט זיין סטאַטוס אין דער היעראַרכיע פון דער מעטראָפּאָליע, געצייכנט אויף דעם הינטער־גרונט פון דער אַנטיקער אוראַלטער ציוויליזאַציע מיט איר ספּעצי־פישער שטייגערישקייט און די קולטן, צו וועלכע זיי האָבן געדינט (די לבנה־געטין תנית, אַ שטייגער).

איזבאַן פאָלגט נאָך לגבי די מרגלים דעם תנכישן טעקסט. פון די קאַרגע פּסוקים שפּינט ער אויס אַ ריזיקן מאָזאַיק־לייוונט מיט פאַר־ביקע געמעלן אַרום די פאַנטאַסטישע אויסשפּירונגען פון די מרגלים כלב און פנחס. דער שרייבער שאַפט אַ רעאַליסטישע אַטמאָספער אַרום די פּערסאָנאַזשן פון סוזשעט, אַז דער לייענער זאָל שפּירן דעם לעבעדיקן אָטעם פון די מענטשן, פון די זאַכן אַרום זיי, און דעם גאַנג פון די געשעענישן פּסיכאָלאָגיש באַגרינדעט. די צענטראַלע פיגורן אין ראָמאַן זענען כלב און רחב — צוויי פאַרשידענע וועלטן האָבן זיך באַגעגנט און זיך דערנענטערט מיט אַן אינערלעכן מאַגנעטיזם. רחב אַ גראַדליניקע, גאַנץ אין איר צויבער און זינד. אַנדערש איז כלב — דער אויסשפּירער פון די בני־ישראל, וואָס האָט זיך בעת זיין שלי־חות פאַרפלאָנטערט אין דער נעץ פון אַ פרוי. דאָס איז נישט ניי און וואָלט נישט געשאַפן קיין קאָמפּליקאַציעס, ווען ער וואָלט זיך נישט געראַנגלט מיט זיינע געפילן. און די אינעווייניקסטע מלחמה מיט זיינע געפילן האָט איזבאַן געפורעמט דורך כלב׳ס ליפּן אין אַ סך שורות. מיר וועלן ציטירן נאָר איינע: „די דאָזיקע צאַרטע פרוי איז שטאַרקער פון אַלע שלאַכטמענער, וואָס האָבן זיך געראַנגלט מיט מיר אין מלחמות״.

שמואל איזבאַן האָט אים דורכגעלויכטן אין אַלע זיינע געמיט־צושטאַנדן און דערביי ארויסגעהויבן די אַלצייטיקע פראַגן פון באַגערן, מאָראַל און זינד. מיר האָבן זיך מיט די פּראָבלעמען שוין באַגעגנט אין איזבאַנס „די קעניגין איזבל״ און זיי גאַנץ אויספירלעך באַהאַנדלט. וועלן מיר דעריבער שטעלן דאָ אַ פּונקט, און בלויז צוגעבן, אַז פּונקט ווי איתמר פאַרלירט זיין געליבטע (תורתנה) בעת דעם קריג, אַזוי אויך כלב נאָכן איינגעמען יריחו. דער הויפּט־קאָמאַנדיר יהושוע, נעמט רחב׳ן פאַר זיך און כלב בלייבט לסוף איינער אליין מיט זיינע ספקות און ריסן. און דאָס נישט נאָר לגבי דער פרוי און קערפּערלעכער לוסט, נאָר אויך לגבי די רעכט (מאָראַלישע) פון אַ זיגער אין אַן אָקופּיר־

טער שטאָט (יריחו). כלב׳ס קאָנפליקט מיט גדיאל׳ן ער זאָל נישט באַרויבן די באַזיגטע, האָט דאָך אַן היינטצייטיקן אויסקלאַנג פאַרן לייענער.

האָבן מיר אין יריחו־ראָמאַן רעאַליזם און סימבאָליק, באַהויכט מיט מאָדערנע פּסיכאָלאָגישע אויסטייטשונגען פון טאָג־טעגלעכן שטייגער, ווי פאַר די גרויסע געשעענישן, וואָס זענען געוואָרן אַ ווענד־פונקט אין פאָלקישן גאַנג פון די בני־ישראל.

ביים שילדערן דעם מיליטערישן צוזאַמענברוך פון דער פעסטונג־שטאָט יריחו, האָט דער שרייבער געזוכט צו ראַציאָנאַליזירן דאָס איבערנאַטירלעכע פון דעם תנכישן טעקסט. דאָס שאַלן פון די שופרות האָבן אַליין נישט איינגעוואָרפן די ווענט פון יריחו, נאָר באַגלייט די גוטע קריגס־טעכניק פון דער מיליטערישער אָנפירונג, וואָס האָט אין דעם אָנגריף אויף דער פעסטונג אויסגענוצט יעדן מין געווער פון יענער תקופה: שטויסהערנער, פיילן, ביקסן, שווערדן און אַנדערע כלי־זין מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט ביידע קעמפערישע לאַגערן. די שלאַכטמענער פון ישראל האָבן אָבער געהאַט דעם גרויסן איבערגעוויכט אַ דאַנק זייער גלענצנדיקער סטראַטעגיע און גוטן שפּיאָנאַזש־דינסט, וואָס זיי האָבן באַקומען דורך די צוויי אויסשפּירער.

איזבאַן שילדערט די באַזיגטע אַרמיי פון יריחו (בעת די שלאַכטן) מיט געצוימטקייט און פּסיכאָלאָגישער פאַרשטענדעניש פאַר דער שטאָלצער האַלטונג פון די כנענישע שלאַכטמענער („זייערע אויסגעשרייען פאַרן טויט האָבן געקלונגען ווי באַגייסטערטע תפילה־שפּרוכן און נישט ווי אַ געיאָמער פון אונטערגאַנג”). ער צייכנט דעם הערשער פון כנען, וואָס האָט דורך מאַכט און גאָלד זיך אויפגעהויבן העכער פון די געטער, אָבער אויך די צוויי כוחות און די הילף פון אַ טויזנט געפּאַנצערטע וועכטערס האָבן אים נישט געקענט באַשיצן פון אומקום. דער אויסדערווײלטער, דער דערהויבענער קעניג־גאָט איז לסוף געבליבן ליגן אין שטויב מיט חרפּה באַדעקט...

לייכטער איז שמואל איזבאַנען אָנגעקומען צו שילדערן די בני־ישראל־שבטים אין מדבר. דאָ האָט ער שוין געהאַט פון וואַנען צו שעפּן געווענדיק מאַטעריאַל פאַר דער מדבר־פּאַנאָראַמע און געקענט די שבטים געשטאַלטיקן אויף אַ רעאַליסטישן הינטערגרונט און באַווייזן, ווי אַזוי זיי האָבן געקענט בייקומען שטאַרקערע פון זיי פעלקער (מואב, אַשורים און די אַנדערע, וואָס זענען באַזיגט געוואָרן דורך די בני־ישראל).

די געשטאַלט פון יהושוע בן נון איז געצייכנט מיט פּסיכאָלאָגישער אַריינדרינגונג („צאַרט צו מענטשן אין פרידן און גרויזאַם אין מלחמה”). די צייכענונג איז גוט דורכגעלויכטן, אַז מיר זאָלן זען אין אים דעם קריגסמאַן און דעם מענטש, און די ראַנגלענישן וואָס אַ פּי־

רער פון אַ פֿאָלק (אַ „דערצאָרנט שקלאַפֿן־פֿאָלק"...) האָט אויסצו־שטיין. דער קינסטלער איז געטריי דעם תנ"ך־נאַראַטיוו, אָבער ער באַמערקט אַליין, אַז „יעדער מעשה קען אַנדערש דערציילט ווערן דורך צוויי פּאָר ליפּן"...

אָבער אויך אין זיין „יריחו" האָט איזבאַן נישט תמיד אָפּגעהיט זיינע כאַראַקטערן צו זיין אַ ביסל שפּאָרזאַמער מיט רייד. ער האָט דערפֿאַר דעם לייענער פֿאַרגיטיקט מיט נאַשוואַרג פֿון חכמה'דיקע שפּרוכן, פֿאַרגלייכונגען, אייביקע אמתן און מעטאַפֿאָרן וועגן דער מענטשלעכער נאַטור, פּחד און גבורה, גרויסקייט און קליינקייט אין מענטשלעכע פּירונגען. דער שרייבער פֿאַרמאָגט אין זיינע געמעלן און פֿאַרביקע שילדערונגען אַזאַ קערנדיקן יידיש לשון, וואָס פֿינקלט מיט זיין שפּראַך־אוצר און אָטעמט מיט דער תנכישער לופֿט.

וויל איך דאָ מסיים זיין מיט די ווערטער פֿון אַנדרעי זשיד וועגן זיין שאַפֿונגס־פּראָצעס, וואָס רופֿט זיך איבער מיט איזבאַנס היסטאָרישע ווערק און מיט אַנדערע קינסטלערישע שאַפֿונגען.

אַנדרעי זשיד זאָגט: „איך האָב פֿאַרטראַכט צו שרייבן אַן אויס־פֿאַנטאַזירטע געשיכטע פֿון מענטש... צו באַווייזן, אַז די געשיכטע פֿון מענטש האָט געקענט זיין אַנדערש... דאָך וואָלט אַלץ איינס דער הומאַ־ניזם פֿון דער מענטשהייט פֿאַרבליבן דער זעלבער"...



אַ געמעל פֿון דוד טושינסקי

לעבער אינעם קריסטלעכן מיטאָס־שירעם

(די גרויסע דעבאַטע אין דער טעאָלאָגישער קריסטלעכער וועלט)

א

כמעט ביז אונדזער צייט זענען די קריסטלעכע עוואַנגעליעס גע־האַלטן געוואָרן דורך גלויביקע קריסטן — קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן און אַנדערע — פאַר די עכטע היסטאָרישע אמתן וועגן וועלכע עס קענען גאָר נישט זיין קיינע ספקות.

מארקס עוואַנגעליע (דאַטירט: דעם 71 יאָר פון דער היינטי־קער ערא); מתתיהום (80 יאָר); לוקאַסעס (85); יוחנן־דזשאָנס (100) מיט אַלע זייערע באַשרייבונגען פון יעזוסעס לעבן און טויט, באַזונ־דערס, פון זיין געטלעכקייט („גאָטס זון”), זיין אויפשטיין תחית־המתים — דאָס אַלץ איז אין דער קריסטלעכער וועלט באַטראַכט געוואָרן נישט נאָר פאַר קודש קדשים, נאָר אויך פאַר געשיכטלעכער כראָניק, פאַר־צייכנט פון זיינע תלמידים און מיטצייטלערס, וואָס האָבן פּינקטלעך פאַרשריבן געטריי אַזוי ווי עס איז דעמאָלט געשען.

באַזונדערס האָט זיך אויסגעטיילט די באַשרייבונג פון דעם היסטאָ־רישן יעזוס־משפט און פון דעם טויט־אורטייל וואָס דער סנהדרין מיטן כהן גדול האָבן ארויסגעטראָגן אין יענער נאַכט קעגן אים, און די געשיכטלעכע רעזולטאַטן פון יענער נאַכט...

עס האָבן נישט געהאָלפן די באַווייזן פון דער מסכתא סנהדרין, אַז אַ באַשולדיקונגס־אַקט און אַ טויט־אורטייל האָבן נאָר געמעגט באַ־האַנדלט ווערן ביי טאָגליכט, אַז די באַשרייבונג אין די עוואַנגעליעס איז געצילט געווען אָפּצורעכענען זיך מיטן יידישן פאָלק פאַר זיין נישט אָנערקענען יעזוסעס געטלעכקייט. די יידישע טענות האָבן אָבער אין דער קריסטלעכער וועלט אָנגעטראָפן אויף טויבע אויערן כמעט ביז אונדזער צייט.

ערשט גאָר לעצטנס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן ווערק פון קריסטלעכע טעאָלאָגן, וואָס גייען צו צום יעזוס־מיטאָס מיט אַ רעוויזיע

פון די אָנגענומענע עוואַנגעלישע שילדערונגען סיי וועגן דעם היס־טאָרישן משפט און אויך וועגן יעזוסעס געטלעכקייט.

די קאַרדינאַלע פראַגעס וואָס אָט די ווערק שטעלן זענען: צי איז יעזוס שולדיק געווען אין העצן קעגן רוים? אַ צווייטע פראַגע: צי איז נישט באַגאַנגען געוואָרן אַ היסטאָרישע פעלשונג (איינגעהילט אין אַ הייליק מאַנטעלע פון די אַפּאָסטאָלן) אין די עוואַנגעליעס אין זייער באַשרייבונג פון דעם סנהדרין משפט?

ב

עס זענען אין די לעצטע יאָרן דערשינען ביכער וועגן היסטאָרישע פּראָצעסן. דער רעדאַקטאָר פון דער סעריע י. פּ. קעניאָן האָט באַשלאָסן אָפּצוגעבן אַ גאַנצן באַנד דעם משפט איבער יעזוסן. אַזאַ בוך איז נישט לאַנג צוריק דערשינען פון פּראָפעסאָר ס. ג. פּ. ברענדאָן, וואָס איז דעקאַן פון טעאָלאָגישן פאַקולטעט ביים מאַנטשעסטער אוניווערסיטעט. ער איז לעקטאָר פון פאַרגלייכלעכער רעליגיע, במילא באַרופן צו דעם. ברענדאָנס בוך אָטעמט מיט טיפער ערודיציע פון דער תקופה אין וועלכער יעזוס האָט געלעבט, און בכלל פון דער פּאָליטישער פערמענטאַציע און רעזולטאַטן.

ער שטיצט זיך אויף די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען און אַנטדעקונגען וואָס ס'זענען געמאַכט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן בנוגע די סעקטעס, וואָס האָבן אין יענער עפּאָכע געווירקט אין יודעא, די רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישע טעטיקייט, וואָס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען קעגן רוים, און זיין טעזע איז: יעזוס איז אין דעם אַלעם געווען שטאַרק אַנגאַזשירט. די אַפּאָסטאָלן האָבן עס גוט געוווּסט, אָבער צוליב פּאָליטישע אויסרעכענונגען — וועלכע מיר באַהאַנדלען ווייטער — האָבן זיי פאַרטושט זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין זייערע טענדענציעז־געצילטע עוואַנגעליעס, וואָס זענען בכלל נישט קיין געשיכטלעכע נאָר אַ טעאָלאָגישע רעפּרעזענטירונג פון געשעענישן און פאַקטן.

איידער מיר וועלן אַנאַליזירן ברייטער זיין בוך איז נויטיק אָנצוּווייזן, אַז אויך אַנדערע פאָרשער פון דעם יעזוס־מיטאָס האָבן אַנאַליזירט דעם אור־קריסטנטום אין ליכט פון דער פּאָליטישער געשיכטע אין יהודה; און אין דער ראָם פון דער היסטאָרישער סביבה, מיט אירע רעליגיעזע, פּאָליטישע און סאָציאַלע אידייען איז אריינגעשטעלט געוואָרן דאָס בילד פון קריסטנטום און זיין יעזוס־מיטאָס. איך וועל דערמאָנען דעם שרייבער קאַלין קראָסס וואָס האָט אויף אַ גלענצנדיקן אופן אַנאַליזירט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס אידייען, זייער וויטאַליטעט אין יהודה — צו יענער צייט — דער אָממיינסטן צע־

ברויזטער קיבוץ אויף דער ערד, אין וועלכן עס האָבן זיך צוזאַמענ־געשטויסן פּאָליטישע, רעליגיעזע פערמענטירונגען און קאַמפן. זיין צענטראַלע פראַגע מיט וועלכער ער פאַרנעמט זיך אין זיין ווערק איז:
— ווער איז דאָך געווען יעזוס ?

איך וויל אויך באַמערקן אויף די אַנטדעקטע מגילות אין טויטן ים (1947), וואָס האָבן געוואָרפן א שיין אויף די יידישע סעקטעס (פּאַר, בעת, און נאָך יעזוסעס לעבן) פון וועלכע עס איז ארויסגעוואַקסן דאָס קריסטנטום, בעיקר פון דער סעקטע: איסייער. די אויסגעגראָבענע מגילות באַוויזן, אַז די אידייען פון די קריסטלעכע עוואַנגעליעס און פיל מימרות וועלכע זיי שרייבן צו יעזוסן זענען געווען גאַנגבאַר ביי אָט דער סעקטע. אין יענער פּאָליטישער טרייסלעניש, ווען די פּרושים האָבן געזוכט אַן ענטפער און מיטלען ווי אזוי צו ראַטעווען די נאַציע האָבן די איסייער געשטעלט אַלץ — נישט אויפן קיום האומה, נאָר אויפן יחיד, ראַטעווען זיין נשמה. זיי האָבן געטרוימט פון אַ גייסטיק־מיסטישן משיח, וועלכער וועט אויסלייזן דעם יחיד און דאָס שפּיגלט זיך דאָך אָפּ אין די קריסטלעכע „לאָגיעס", אין דער „באַרג־דרשה" פון לוקאַסן.

די אויסגראָבונגען אין מסדה האָבן באַוויזן, אַז דאָרטן זענען געווען פיל איסייער — קעמפער־העלדן מיט זייער גרויסער מסירת־נפשדיקייט פאַר זייער גלויבן. זיי האָבן אויסגעקליבן בעסער צו נעמען זיך דאָס לעבן איידער אריינצופאַלן אין די הענט פון די רוימישע געצנדינער. דאָס איז דאָך אַן איבעררוף מיט דער באַוווסטער מאַר־טירערשאַפט פון די ערשטע קריסטן. קאָלין קראָסס מאַכט אויך אַ פאַר־גלייך צווישן דעם יודאַיזם פונעם ערשטן יאָרהונדערט צום סאָציאַ־ליזם פון יאָר 1850.

קאַרל מאַרקס און זיינע נאָכפאָלגערס האָבן דאָך נישט געקענט פאַרויסזען, למשל, די רויטע גוואַרדיע אין כינע. און די פּאַרציייטישע חכמי ישראל האָבן אוודאי נישט געקענט פאַרויסזען די שפּאַנישע אינקוויזיציע. אָבער געשיכטלעך גענומען איז די אינקוויזיציע אַ רעזול־טאַט פון אַ לאַנגער קייט געשעענישן פון וועלכע דער ערשטער רינג (אין שייכות צו יידן) איז געווען: די קרייציקונג פון יעזוסן. די שולד איז געוואָרן (צוליב דער טענדענץ פון זיינע אַפּאָסטאָלן) ארויפגעלייגט אויף יידן — אויף אַלע דורות יידן.

ג

אין יעזוסעס צייט האָט יודעא זיך געפונען ביי דער פּעריפעריע פונעם נייעם אויסקריסטאַליזירטן רוימיש־אימפּעריאַלן סיסטעם. דאָך איז דאָס לאַנד געווען זייער גוט באַקאַנט און עס ווערט געשאַצט,

אַז אין יודעאַ האָבן דעמאָלט געלעבט אַ זיבן פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין דער רוימישער אימפעריע.

יידן זענען שוין דאַך דעמאָלט געווען צעשפּרייט איבער אירע אַלע טיילן און עס זענען געווען שוין יידישע ישובים אויך מחוץ דער גריכיש־רוימישער ציוויליזאַציע (למשל אין איראַק). איבערגעגעבענע יידן פלעגן פון דער דיאַספּאָראַ דאַך קומען איין מאָל אַ יאָר — עולה רגל זיין קיין ירושלים. יודעא האָט דעמאָלט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ גוט־פּראָספּערירנדיק לאַנד מיט אַ רייכער אַגריקולטור־ווירטשאַפט. אַ חוץ דעם איז דאָס לאַנד געווען אַ טרעפּפּונקט פון אַזיאַטישע און איראָפּעישע אידייען.

אויב מען זאָל זוכן אַן אַנאַלאָגיע אין אונדזער צייט פון דעם סטאַטוס פון יידן דעמאָלט, קען מען עס פאַרגלייכן מיט די קאַטאָליקן היינט־צו־טאָג אין ענגלאַנד, מיט דעם אונטערשייד, וואָס אינעם אָפּי־ציעלן זשאַרגאָן פון די רוימער זענען יידן באַצייכנט געוואָרן אַלס אַטעאיסטן. דערפאַר זענען זיי געווען באַפרייט פון די מלוכהשע רעלי־גיעזע צערעמאָניאַלן, ווי עס זענען די קאַטאָליקן היינט אין ענגלאַנד ביי די מיליטערישע קירכע־פּאַראַדן.

מחוץ יהודה איז זייער שטאַרק געווען דער איינפלוס פון יידן אין אַלעקסאַנדריע (ווו זיי זענען געווען אַ פינפטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג) און שטאַרק אָנגעזען אין דעם צווישן־פעלקערלעכן האַנדל אויפן מיטללענדישן ים.

אויך אין רוים איז געווען דעמאָלט אַ בליענדיקער יידישער קיבוץ, וואָס האָט פון זיך ארויסגעגעבן פיל דאָקטוירים (אַ גרויסע נאָכפראַגע געווען אויף דאָקטוירים). בכלל זענען יידן געווען שטאַרק אָנזעעוודיק אומעטום ווו זיי האָבן געוווינט. דאָס איינציקע וואָס זיי האָבן זיכער געוואָלט אויסמיידן איז געווען: אַ קאַמף קעגן רוים. אינטערעסאַנט: יידן זענען געווען באַפרייט פון צוואַנג־מיליטער מחמת עס איז דאַך אָפט געווען פאַרבונדן מיט געצנדינערישע צערעמאָניאַלן. אַזאַ טאָלעראַנץ איז געווען.

כדאי דאָ אויך צו באַמערקן, אַז קריסטלעכע טעאָלאָגן שאַצן זייער הויך דעם רעליגיעזן קוואַל פון יודעאַ — אַ לאַנד פון רעליגיעזע גאונים! די פּרושים ווערן באַצייכנט— דורך די ליבעראַלע טעאָלאָגן — ווי די דערפינדערס און די טיפסטע רעליגיעזע דענקערס אין דער וועלט־געשיכטע.

דאָס וואָס רוים האָט דערגרייכט אין פּאָליטישער שטאַטלעכקייט, די גריכן — אין פילאָזאָפיע, האָבן יידן — אין רעליגיע. זענען דאַך די היינטיקע דריי וועלט־רעליגיעס — יודאַיזם, קריסטנטום, איסלאַם — פון איין מקור. (געלייענט נישט לאַנג אַזאַ מין שטאָך קעגן יידן: „ווי משונהדיק עס איז געווען פון גאָט אויסצוווילן די יידן״).

ד

דער יידישער עטישער מאָנאָטעאיזם האָט ארויסגערופן אַ גוואַל־דיקן אינטערעס אין דער היידנישער וועלט. געווען דעמאָלט אַ שטאַר־קער דראַנג צו דער יידישער אמונה. אמת, עס האָט געפעלט דער געטער־קולט וואָס איז זיי (די היידן) געווען דאָך אַזוי נאָענט, אָבער די אַטראַקציע פון יודאיזם, די ריינקייט פון יידישן פאַמיליע־לעבן, האָט געהאַט אַ באַזונדער מאַגנעטישע קראַפט אויף היידנישע פרויען, וואָס האָבן אַ דאַנק דער יידישער אמונה איינגעזען די אוממאָראַלישקייט פון דער א״ג הייליקער פּראָסטיטוציע.

מיידלעך פלעגן זיך זאַמלען אין די טעמפּלען און זיך סעקסועל איבערגעבן דעם ערשטן געטראָפענעם מאַנצביל. די געלט־באַלוינונג מנדב זיין פאַר דער געטין אויף וועמענס נאָמען דער טעמפּל איז געווען. דער שטרענגער אַנזאָג ביי יידן (ספר דברים) קעגן „מתנת זונה״ האָט אַפּעלירט שטאַרק צו די אינטעליגענטנערע היידנישע פרויען (און זיי האָבן דאָך נישט געהאַט דעם פּראָבלעם פון ברית מילה), וואָס האָבן אָנגענומען די יידישע אמונה, וועלכע האָט זיך מיט אַזאַ סטיכישער קראַפט ממש ארייגעריסן אין דער געצנדינע־רישער וועלט.

דער יידישער שבת קודש פאַר העכערע גייסטיקע ענינים האָט אויך צוגעצויגן. און עס וואָלטן מסתמא אויך מענער אין גרעסערע צאָלן זיך מגייר געווען, ווען זיי וואָלטן נישט געהאַט צוליב דעם אַזוי פיל שווערקייטן (מילה און פיל אַנדערע דינים, דער קאָדעקס פון עסן כשר) און שווער איז דאָך אויך געווען פאַר רוימער זיך אָפּזאָגן פון האָמאָסעקסואַליזם און פון זנות (אַ שווערקייט — שוין בייביידע געשלעכטער).

נויטיק אָנצוווייזן, אַז ביי די געבילדעטע שיכטן איז שוין דע־מאָלט נישט גענומען געוואָרן ערנסט די מיטאָלאָגיע פון די געטער. אויך די לערעס פון די סטאָיקער און פון די עפּיקורעאַנער האָבן שוין געהאַט פארלוירן זייער אַטראַקציע און די יידישע אמונה האָט דעמאָלט מער צוגעצויגן צו זיך די היידן פון דער רוימישער אימפּעריע.

אַטראַקטיוו איז אויך געווען דעמאָלט דער בית המקדש, דער גרעסטער מקום קדוש אין דער וועלט, וואָס איז באַוווּנדערט געוואָרן צוליב זיין שיינקייט און פּאַרנעם — בעת הורדוס האָט אים איבער־געבויט — וואָס האָט נישט געהאַט קיין גלייכן צו זיך אין דער וועלט.

עס האָט אינטריגירט דער יידישער אומגעזעענער גאָט פון וועלכן עס איז גאָר נישטאָ קיין אָפּבילד — אפילו אין קדשי קדשים, גאָר אַ ליידיקער צימער, אָן אַ שום סטאַטוע — וואָס איז פאַר זיי געווען אומבאַגרייפלעך, אָבער רעספּעקטירט.

כאַראַקטעריסטיש: די רוימישע לעגיאָנערן ביים דורכמאַרשירן דעם פּלאַץ פון בית המקדש פלעגן זייערע פענער דאַרפן איבערלאָזן ווייט פון חצר נישט צו באַליידיקן דעם יידישן גאָט דורך זייערע פּאַ־גאַניסטישע עמבלעמען. ביי די רוימער איז דערביי געווען אַ טאָפּלטע באַציאונג: פאַראַכטונג און מורא. אָבער זיי האָבן אָפגעהיט נישט צו דערצערנען די יידן. און ווען פּאָנטיוס פּילאַטוס האָט איין מאָל יאָ גע־בראַכן אָט די טראַדיציע זענען גלייך אויסגעבראָכן בלוטיקע אומרוען. אויך שפּעטער ווען אימפּעראַטאָר קאַליגולאַ האָט געפאָדערט אריינצו־שטעלן אַ סטאַטוע פון אים אין בית־המקדש האָט זיך צעפלאַקערט אַ פייער! און אים איז דאָך געגאַנגען אַנצולערנען די יידן, ווייזן זיי אַ רוימישן בראַוואַדאַ. אָבער בדרך כלל, קעגן זייער אייגענעם ווילן, זענען די רוימער געווען באַאיינדרוקט פון בית המקדש, און דער הויך־אינטעלעקטועלער גייסט פון די פּרושים האָט ארויסגערופן אַן אינטערעס אין די רוימישע קרייזן.

די פּרושים האָבן אין יעזוסעס צייטן געהאַט אונטער זייער קאָנט־ראָל דעם יידישן חינוך און האָבן מיט זייער לערע און אינטערפּרע־טאַציע פון דער תורה אדורכגעדרינגען די גאַנצע יידישע אמונה: דער בית המדרש, דער בית התפילה איז געווען זייער זאַמלפּונקט און כוח. די קעגנערישע פּאַרטיי — די צדוקים האָבן דעמאָלט געהאַט די אָנפי־רונג פון בית המקדש, געהאַט זייער כהן גדול און באַהערשט אויך דעם סנהדרין. לגבי רוים האָבן זיי געפירט אַ זייער מילדן קורס, גע־זוכט אויסצומיידן וועלכע ס'איז פּראַוואָקאַציע וואָס קען ארויסרופן אַ רוימישע אינטערווענץ. עס איז טאַקע געווען אָט די אַפּיזמענט־פּאָליטיק קעגן וועלכער עס האָבן אזוי זיך געבונטעוועט די זעלאָטן.

אין זייער אַגיטאַציע איז געווען גאַנגבאַר אַזאַ אַרגומענט: — אויב מיר זענען אזא אתה בחרתנו פאָלק פאַרוואָס דערלאָזט גאָט מיר זאָלן לעבן אונטערן רוימישן יאָך? זיי, די געצנדינער זאָלן הערשן איבער אונדז? ניין, מיר וועלן אַראָפּוואַרפן זייער הערשאַפט און באַ־פרייען דאָס לאַנד פון געצנדינערישן רוים און גאָט וועט אונדז העלפן.

אין גליל איז געווען דער צענטער פון די בונטאַרישע זעלאָטן און יעזוס איז אויפגעבראַכט געוואָרן אין דעם קאָכיקן פּאָליטישן קעסל פון גליל. דעריבער קוקן אהין די קריסטלעכע טעאָלאָגן און וויסנ־שאַפטלער, וואָס זענען סקעפּטיש צו די קאַנאָניזירטע יעזוס־באַשריי־בונגען און האַלטן, אַז ער איז אויך געווען אַ רעוואָלוציאָנער קעגן רוים און איז ווייט נישט געווען אזוי הימלדיק, ווי עס שטעלן אים פאָר די עוואַנגעליעס.

זיי נעמען אָן די טעזע, אַז ער האָט געהערט צו דער פּאַרטיי פון די פּרושים, וואָס האָבן אויך געהאַלטן, אַז פאַר אַ גערעכטן ציל מעג

מען באַנוצן גוואַלדטאַטן. גלויבט טאַקע פּראָפעסאָר ברענדאַן, אַז יעזוס איז נישט געפאַלן אַ קרבן צוליב דער שינאה פון די יידן, נאָר צוליב זיין אַגיטאַציע קעגן רוים, וואָס די עוואַנגעליעס האָבן בכיוון — צוליב דער מורא פאַר דעם יונגן קריסטלעכן קיבוץ אין רוים — אַריבער־געפירט אויף גאָר אַנדערע דימענסיעס, אויף „אַ לערע נישט פון דער וועלט", נאָר פון אַ הימלישער קעניגרייך.

פּראָפעסאָר ברענדאַן שרייבט, אַז מאַרק — דער ערשטער וואָס האָט אין זיין עוואַנגעליע געשילדערט — מעשה באַריכט — דעם משפּט איבער יעזוסן, האָט עס אַזוי צוגעשניטן עס זאָל חלילה נישט ברענגען קיין שאָדן די קריסטן אין רוים. דעריבער האָט ער פאַר־שוויגן דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פון יעזוסעס טעטיקייט, פון זיין רעבעליע קעגן רוים און פון זיין פּאָליטישער אַנגאַזשירטקייט אין דער רוימיש־יידישער פּאָליטיק פון יענער צייט. מאַרק האָט געשאַפן פון אים אַ טעאָלאָגישן פּאָרטרעט, אַז ער איז ווי „דער זון פון גאָט" גע־שטאַנען העכער פון די ערדיש־וועלטלעכע זאַכן און ער איז געוואָרן אַ קרבן פאַר דעם חטא הקדמוני (פון אדם און חוה) בכדי צו ווערן דער געטלעכער רעטער פון דער וועלט און מענטשהייט.

אַ געלונגענעם פּאָליטישן שאַכצוג האָט מאַרק אויך געמאַכט וואָס ער האָט צוגעשריבן יעזוסעס עקזעקוציע דער יידישער רשעות און דערמיט באַפרייט דעם רוימישן גובערנאַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס פון יעטוועדער שולד; דורך דעם געמאַכט דאָס יידישע פאָלק פאַר דעם שעיר לעזאזל מיט די באַקאַנטע נאָכפאָלגן... אָט די היסטאָרישע פעל־שונג איז דאָך אָנגעגאַנגען איבער דער וועלט דורך די אַלע יאָרן! און ערשט אין 1965 האָט די רוימיש־קאַטוילישע קירכע פאָרמעל אָראָפּ־גענומען די אחריות פון יעזוסעס קרייציקונג פון די שפּעטערדיקע יידישע דורות, אָבער נישט פון סנהדרין, וואָס זאָל אים האָבן פאַרמשפּט.

פּראָפעסאָר ברענדאַן ברענגט אין זיין ווערק אַ גאַנצן קאַטאַלאָג מיט סתירות און אַבסורדן (אויך פון צווייפלהאַפטע פאַרבינדונגען אין שייכות מיט דער עקזעקוציע) וואָס מאַרק און די אַנדערע עוואַנגע־ליסטן האָבן געמאַכט אין זייערע שריפטן. ער דערמאָנט דעם באַ־קאַנטן פאַקט, אַז פון די פילצאָליקע עקזעקוציעס, וואָס די רוימער האָבן דורכגעפירט דורך קרייציקונג — אונטערצודריקן די בונטן קעגן רוים — איז די יעזוס־עקזעקוציע דאָך געווען נאָר איינע פון אַ גאַנצער קייט אַנדערע אין יענער צייט. ברענדאַן גיט נישט אָבער קיין ענט־פער אויף דער פראַגע: פאַרוואָס איז נאָר יעזוס געוואָרן ארויסגעהויבן אין דער געשיכטע פון די מאַרטירערס? און פאַרוואָס איז ער געוואָרן דער גרינדער פון אַ נייער רעליגיע און נישט קיין אַנדערער פון די גע־קרייציקטע? די פראַגע בלייבט אַ נישט פאַרענטפערטע.

ה

די אויסגראַבונגען ביי קומראַן און די געפונענע מגילות דערציילן זייער אַ סך פון דער איסייאישער סעקטע, וואָס איז אַנטשטאַנען בערך אַ הונדערט יאָר פאַר יעזוסן. פיל געבאָטן פון זייער לערע זענען קרוביש מיט די קריסטלעכע עוואַנגעליעס. זיי האָבן אויך נישט חתונה געהאַט, און די ערשטע קריסטן (בפרט שאול־פּאָול) האָבן דאָך געפּרעדיקט די העכערקייט פון נישט חתונה־האָבן איבער אַ פאַרהייראַט פאַמיליע־לעבן. די איסייער האָבן זיך באַנוצט מיט טבילה, ווי אַ צערעמאָניאַל, און זיך אָפּגעהאַלטן פון אַ סעקסועלן לעבן, וואָס איז דאָך געווען קעגן דעם דרך פון יידישקייט, וועלכע האָט אין דער ראָם פון מאַן־און־ווייב סאַנקציאָנירט אַ רעגולערן געשלעכטלעכן לעבן.

נעמענדיק אין אַכט די ענלעכקייט אין פיל מינהגים ביי די ערשטע קריסטן מיט די פון די איסייאישע און קומראַנישע סעקטעס, האַלטן דעריבער די קריסטאָלאָגישע רעוויזאָרן, אַז יעזוס איז געווען אויך אַ תלמיד פון די שיטהס און ער זאָל האָבן מיט זייערע אָנהענגער געלעבט ביי די ברעגעס פון טויטן ים.

זיי פרעגן אויך אַזאַ שאלה: פאַר וואָס האָבן עפּעס די עוואַנגעליעס לחלוטין פאַרשוויגן יעזוסעס לעבן איידער ער איז געוואָרן אַן עפנטלעכער פּרעדיקער? (בערך ביי זיינע 30 יאָר). און אַ צווייטע באַך הארבערע קשיאַ: אינעם נייעם טעסטאַמענט ווערן אַלע יידישע גייסטיקע באַוועגונגען און רעליגיעזע שיטות דערמאַנט, נאָר גראָד נישט דיביידע סעקטעס (די איסייאישע און קומראַנישע) מיט וועלכע זיי זענען דאָך געווען אַמנאָענטסטן? איז אפשר האָבן טאַקע די ערשטע קריסטן געהאַט אַ גרונט צו פאַרשווייגן זיי? אפשר האָבן זיי גאָר מורא געהאַט פאַר די קומראַנער? צי איז נישט אַמאָל אויסגעבראַכן אַ מחלוקה צווישן זיי?

און אַזוי ציענדיק די ריכטליניע שווימט ארויס די פראַגע: איז קריסטנטום אַמאָל נישט קיין תולדה, אַ קינד פון דער קומראַנער סעקטע? צי האָבן די עוואַנגעליע מחברים געוואָלט מען זאָל נישט וויסן פון דעם? טאַקע צוליב די אַ־שאלות אין די היינטיקע קריסטלעךטעאָלאָגישע קרייזן איז ביי זיי דאָ אַזאַ שטאַרקע פאַראינטערעסירונג מיט די אַרכעאָלאָגישע אויסגראַבונגען אין ישראל, גלויבנדיק, אַז ס'קענען נאָך אַרויסשפּרינגען אַזעלכע סורפּריזן, וואָס וועלן איבערשטייגן אַלץ וואָס איז איצט באַקאַנט.

וואָס שייך יעזוסעס לעבן איז פּראָפעסאָר ברענדאָן זייער קריטיש צו די קאָנאָניזירטע באַשרייבונגען אין די עוואַנגעליעס, מחמת זיי האָבן געצילט צו שרייבן נאָר וועגן אַ געטלעך וועזן אין זיין ערדישן לעבן. מיר ווייסן, אַז ער האָט געלעבט אין אַ געגנט וואָס איז געווען פול מיט

זעלאָטן און אַז זיין לערע האָט ער פאַרשפּרייט נאָר צווישן יידן. ער האָט אויסגעמיטן צו פּרעדיקן אין די גריכיש־רוימישע שטעט פון יודעאַ, בפרט נאָך אין דער אָפיציעלער הויפּטשטאָט דעמאָלט, אין קסריה, ווו ס'איז געווען די רעזידענץ פון דעם גובערנאַטאָר איבער יודעאַ, פּאָנטיוס פּילאַטוס.

לויט די עוואַנגעליעס איז ער (פּילאַטוס) געקומען קיין ירושלים נאָר אויף אַ צופעליקן וויזיט און דעמאָלט זאָל האָבן פאַרגעקומען דער משפּט איבער יעזוסן. פרעגט פּראָפעסאָר בראַנדאָן, אויב זיין טויט איז לויט די עוואַנגעליעס געווען דער הויכפּונקט פון געטלעכן פּלאַן צוליב דער רעטונג פון דער מענטשהייט, און אויב אַ פאַרויס באַשטימטער פּלאַן, איז פאַר וואָס זאָל מען באַשולדיקן מענטשן אין זיין קרייציקונג? האָבן זיי דען געקענט עפּעס ענדערן? און איבערגייענדיק צו די משפּטים איבער אים — איינער דורכן סנהדרין, דער צווייטער דורך פּילאַטן — איז דאָ ווידער די זעלבע קשיא: אויב לויט די עוואַנגעליעס זענען זיי געווען אַ טייל פונעם געטלעכן פּלאַן, פאַרוואָס די טענות און די באַשולדיקונג זייערע קעגן סנהדרין און כהן גדול קאַיאַפאַס? זיי זענען דאָך נאָר געווען די אויספירערס פון דעם געטלעכן פּלאַן?

בכלל זענען דאָך די עוואַנגעליעס געשריבן געוואָרן מיט אַזוי פיל צענדליקער יאָרן שפּעטער נאָך די משפּטים און נאָכן חורבן, האָבן זיי געדענקט, ממש ווערטלעך, גענוי וואָס איז אַלץ פאַרגעקומען און גערעדט געוואָרן?

זעט עס נישט אויס ווי אַ טענדענציעזער צוגעשניטענער פּלאַן מיט דער כוונה פון אָפּרעכענען זיך מיט די יידן?

די באַריכטן פון יעזוסעס קרייציקונג זענען געמאַכט געוואָרן מחוץ יודעאַ, אין פיר גריכיש־רעדנדיקע ישובים, און זיי פאַרשווייגן לחלוטין די פּאָליטישע געשעענישן וואָס האָבן געברויזט אין לאַנד, בפרט אין גליל — אין יעזוסעס טעריטאָריע, ווו די זעלאָטן האָבן דורכגעפירט סאַבאָטאַזש־אַקטן קעגן דער רוימישער מאַכט. איז דאָס עפּעס אַ „צו־פאַל" וואָס די עוואַנגעליעס דערמאָנען עס נישט? צי איז דאָס נישט קיין רעזולטאַט, וואָס יעזוס איז געווען פאַרבונדן מיט זיי? פּראָפעסאָר בראַנדאָן לאָזט אין זיין ווערק נישט לייכט אָפּ די קיצלדיקע פראַגן. ער שטעלט זיך אַ סך אָפּ אויף די אַקציעס פון די זעלאָטן און פאַר־גלייכט זיי מיט די סאַבאָטאַזש־אַקטן אין קריג קעגן היטלעריזם. דער גרויסער יידישער היסטאָריקער יאָזעפיוס פלאַוויוס, אַ מיטצייטלער דאַן פון די געשעענישן און אַ שאַרפער קעגנער פון די זעלאָטן, באַשרייבט זייער אויסערגעוויינלעכן מסירת נפש און גבורה:

„דורך יעדער פאָרם פון פייניקן זיי, זייערע קערפּערס שוידערלעך צעממיטעט, געצוווּנגען זיי צו זאָגן, אַז צעזאַר איז גאָט, האָבן זיי עקש־נותדיק געשוויגן און נישט געוואָלט אַרויסברענגען עס אויף זייערע

ליפּן. זיי האָבן זיך אַלע געהאַלטן אַנטשלאָסן און טריאומפירט איבער זייערע פיזישע יסורים פון זייערע גופים דורך דער גבורה פון זייערע עקזאַלטירטע נשמות. די רוימישע צושויערס האָבן געקוקט מיט איבערראַשונג אויף דער האַלטונג פון זייערע קינדער אין צאַרטן עלטער. קיינער פון זיי האָט זיך אויך נישט אונטערגעגעבן צו רופן: צעזאַר איז גאָט. די גייסטיקע גבורה פון זייער העלדישקייט איז געווען שטאַרקער פון דער שוואַכקייט פון זייערע קערפּערס" (**יאָזעפיוס פלאַוויוס — „יידישע מלחמות"**).

די טאַקטיק פון די זעלאָטן פאַרן חורבן בית שני ווערט פאַרגליכן (דורך ברענדאַן) צו דער העלדישקייט פון די יידישע זעלנער אין ישראל בעת די מלחמות אין אונדזער צייט, און די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען נעבן טויטן ים האָבן ארויסגעבראַכט נישט נאָר דעם הערויִזם, נאָר אויך דעם רעליגיעזן גייסט פון די זעלאָטן. די געפונענע מגילות אין קומראַן **גיבן אַ בילד אי פון די טיפע שפּאַנונגען דעמאָלט אין לאַנד, אי פון דעם רעליגיעזן לעבן, און אויך פון דער פאַרבינדונג צווישן** קומראַן **און** מסדה.

וואָס שייך יאָזעפיוסעס באַשרייבונגען פון די זעלאָטן ווערט געהאַלטן (אינטערעסאַנט: אויך דורך די קריסטלעכע טעאָלאָגן, וואָס פירן אדורך די רעוויזיע אין דער איינשטעלונג צו יעזוסן), אַז דער יידישער גרויסער היסטאָריקער איז געווען זייער טענדענציעז לגבי זיי און דאָס צוליב צוויי טעמים: זיין געשיכטע האָט ער דאָך געשריבן פאַר אַ נישט יידישן לייענער, וועלכער האָט די זעלאָטן באַטראַכט פאַר מערדערס צוליב זייער טעראָר־טעטיקייט. האָט ער דעריבער מיט זיין שילדערונג געזוכט צו מילדערן דעם צאָרן בכלל קעגן די יידן — און דאָ קומען מיר צום צווייטן טעם — און פאַרשטעלן די יידן, דאָס יידישע פאָלק, ווי אַ קרבן פון אַט די פאַרצווייפלטע פאַנאַטיקערס, וואָס האָבן דעם פאָלק אַנגעוואָרפן אַן אויפשטאַנד קעגן רוים, בעת די ריכטיקע פירער פון פאָלק זענען געווען לאָיאַל; און צו וואָס האָבן זייער דערפירט דאָס פאָלק? צו אַ גרויסן חורבן אין וועלכן זיי זענען אויך אומגעקומען צוזאַמען מיטן פאָלק.

געווען נאַטירלעך אויך אַ פּערזענלעכע סיבה ביי יאָזעפיוסן: — באַרעכטיקן זיין דעזערציע בעתן איבערלויפן צום לאַגער פון שונא. זיכער האָט יאָזעפיוס נישט פאַרמאָגט די אמונה פון די זעלאָטן און זייער איבערגעגעבנקייט צו דעם גאָט פון ישראל. האָט ער געוואָלט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט דעם רעליגיעזן עלעמענט זייערן און זיי סתם פאַרשטעלן ווי געזעצלאָזע, הפקרדיקע, פאַרצווייפלטע ברואים. אָבער ער האָט אויך געמוזט צוגעבן, אַז זייער פירער אין גליל, יודאַס **האָט גערופן די יידן צו רעוואָלטירן, מחמת זיך אונטערגעבן דעם יאָך פון צעזאַרן האָט באַטייט: אומלאָיאַלקייט צום יידישן גאָט.**

יודאַס איז געכאַפּט געוואָרן דורך די רוימער צוזאַמען מיט זיינע צוויי זין און זענען געקרייציקט געוואָרן. און דאָס איז דאָך געווען דער גורל, וואָס האָט דערוואַרט יעדן איינעם פון די געכאַפּטע זע־לאָטן. עס איז אויך באַקאַנט, אַז נאָך דעם ערשטן דורכפאַל זענען די איבערגעבליבענע אַוועק אין מדבר און פון דאָרטן אָנגעפירט מיט פּאַרטיזאַנער־אַקציעס קעגן די רוימער און קעגן די יידישע קאָלאַ־באָראַטאָרן מיט רוים. (אויפן געדאַנק קומען כסדר געשיכטלעכע אַנאַלאָגיעס).

ברענדאָן אַקצענטירט אויך דעם סאָציאַלן אַספּעקט אין דעם קאַמף פון די זעלאָטן, געווענדעט קעגן דער אַריסטאָקראַטיע (דער זייל פון די צדוקים פּאַרטיי), וואָס האָט געשטיצט די רוימישע הער־שאַפט און דעם גינסטיקן פאַר איר סאָציאַלן סדר.

ו

עס איז געווען אויך אַ מיסטישער עלעמענט אין די זעלאָטישע קאַמפן: די האָפנונג אויף אַ יידישן משיח וואָס וועט באַפרייען די יידן פון רוימישער קנעכטשאַפט. דער יידישער מאַנאַטעאיזם האָט דאָך נישט געקענט דערלאָזן צו האָבן אַן אריינמישונג אין דער געטלעכ־קייט. דער סימבאָל אחד האָט אויסגעשלאָסן אין יעטוועדער פאָרם די עקזיסטענץ פון נאָך אַ וועזן וואָס איז געטלעך. דעריבער האָט משיח גע־דאַרפט זיין נאָר אַ שליח פון גאָט. ער וועט באַווייזן נסים, אָבער אַליין וועט ער נישט זיין געטלעך.

איז דאָ אויפן אָרט צו דערמאָנען, אַז אין יעזוסעס צייטן האָבן זיך פיל דערקלערט פאַר יידישע משיחים און האָבן פאַרענדיקט זייער לעבן אויפן קרייץ (די רוימישע פאָרם פון עקזעקוציעס). עס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן די צאָל פּרעטענדענטן, וואָס האָבן זיך פּראָק־לאַמירט פאַר אויסלייזערס. אין דער הויך־קאָניוקטור אויף משיחן איז אויך אָנגעגאַנגען אַ וויכוח וועגן זיין פונקציע. איין שיטה איז געווען, אַז ער וועט נאָר אויסלייזן די יידן. אַן אַנדערע — אויסלייזן די גאַנצע וועלט, אַ דריטע — ער וועט ברענגען אַן ענדע צו דער וועלט. און עס שרייבט אַ קריסטלעכער פאָרשער פון יענער צייט זייער פיל וועגן די שוועריקייטן וואָס דער יידישער משיחיזם האָט גורם געווען דעם רוימישן אָקופּאַנט פון יודעאַ.

דער באַרימטער ציצעראָ, אַ מיטצייטלער פון יעזוסן, האָט אין זיינע כתבים אויך די יידן באַצייכנט פאַר „אַ טומלדיק פאָלק". ער איז אַ געוויסע צייט געווען רוימישער פּראָקוראַטאָר אין שכנות מיט יהודה און געהאַט אַן אַנטיפּאַטיע צו די יידן.

א חוץ דעם אויסקוק אויף דעם מיסטישן משיח, האָבן די זעלאָטן זיך באַטראַכט פאַר די יורשים פון די מכבייער און געגלויבט, אַז

זיי וועלן האָבן דעם זעלבן נצחון ווי פריער די מכבייער, וואָס האָבן מנצח געווען דעם שטאַרקערן שונא דורך זייערע פּאַרטיזאַנער־קאַמפן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לענגער אויף די זעלאָטן, מחמת זיי זענען דער הינטערגרונט און די ראַם אין וועלכער די היינטיקע קריסטלעכע פאַרשער־רעוויזאָרן שטעלן אַריין יעזוסן.

ז

אין דער געשילדערטער רעוואָלוציאָנערער פּערמענטאַציע — אַם־שטאַרקסטן אין גליל — איז דורכגעגאַנגען יעזוסעס קינדהייט און יוגנט. ער איז באַווירקט געוואָרן פון דעם פּאָליטישן קלימאַט מיט דעם פיבער איבערן לאַנד, בפרט טאַקע אין גליל, ווו ער האָט דאָך דעמאָלט געלעבט.

אגב איז נויטיק צו באַמערקן, אַז רוים האָט אין דער צייט געהאַט די ערגסטע פּראָקוראַטאָרן איבער די פאַרנומענע געביטן. זיי זענען, לרוב, אויך אַזוי באַצייכנט אין דער רוימישער געשיכטע. די רוימער האָבן באַשטימט ווער עס זאָל זיין דער כהן גדול און דאָס גופא איז געווען אַ שטאַרקע באַליידיקונג און דערנידערונג פאַר די יידן. דער רוימישער אימפּעראַטאָר טיבעריוס האָט באַשטימט פּילאַטוסן פאַר דעם גובערנאַטאָר איבער יודעאַ און זיין הויפּט־קוואַרטיר איז געווען אַ 60 מייל פון ירושלים (קסריה). ער האָט זיך געריכט אויף אומרוען אין ירושלים פאַר פּסח און איז דעריבער אהין געקומען צו זיין אויפן פּלאַץ. מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט זיין פּראָוואָצירן די יידן מיט פאַראַדירן די רוימישע פענער נעבן בית־המקדש, וואָס איז געווען קעגן דער איינגעשטעלטער טראַדיציע אין ירושלים.

פּילאַטוס האָט געוואָלט ווייזן זיין תקיפות דורך אָפּשאַפן אָט די קאָנצעסיע, אָבער די יידן האָבן עס נישט דורכגעלאָזט, געשיקט אַ דע־לעגאַציע און געפּועלט עס צו באַזייטיקן. עס זענען אונטער זיין הער־שאַפט פאָרגעקומען נאָך אַנדערע קאָנפליקטן און סיי יאָזעפיוס און סיי פילאָ שטעלן זיך אָפּ אין זייערע שריפטן אויף די פאַרערגערטע רוימיש־יידישע באַציאונגען בעת ער איז געווען פּראָקוראַטאָר איבער יודעאַ.

צו יענער צייט האָט רוים שוין געהערט וועגן דער באַוועגונג פון קריסטן־יידן, וואָס איז אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. דערווייל איז צוליב טיבעריאָס טויט ארויף אויפן רוימישן טראָן גאַיוס. ער איז מער פּאָפּולער אונטערן נאָמען קאַליגולאַ — דער סאַמע ערגסטער פון די רוימישע אימפּעראַטאָרן! זיין משוגעת־מעגאַלאָמאַניע איז געווען אַ שם־דבר, זיינע אכזריותדיקע מעשים — גרויזאַם.

ער האָט גענומען זיין געטלעכע ראָל זייער ערנסט. ס'איז געוואָרן

ביי אים אַן אבצעסיע און עס האָט ארויסגערופן פּאָליטישע אויפרייסן. געווען אַ קאָנפליקט ווידער מיט די יידן, וואָס האָבן צעשטערט אַ מזבח אין אַ שטעטל (דזשאַמניאַ) פאַר דעם קולט פון אימפּעראַטאָרן. און ווי אַן ענטפער אויף דעם, דער באַפעל אריינצושטעלן זיין בילד אין בית המקדש. יידן האָבן זיך קעגנגעשטעלט. איז געקומען זיין לעגאַט פון סיריע (פּעטראָנוס) מיט אַ מיליטערישער עקספּעדיציע דורכצוזעצן דעם באַפעל מיט כוח. עס וואָלט זיך דער אינצידענט פאַרענדיקט זייער טרויעריק, ווען קאַליגולא וואָלט דעמאָלט נישט אומגעקומען דורך אַן אַטענטאַט. פאַר יידן איז דאָס געווען אַן אצבע אלוהים און עס האָט ווידער צוגעגעבן קוראַזש די זעלאָטן. אַ באַוויז, אַז מען וועט זיי העלפן מן השמים אין דעם קאַמף.

אָט דער עפּיזאָד איז נאָך פאַרגעקומען אין דער צייט, ווען די קריסטלעכע קירכע איז נאָך געווען אין די וויקעלעך. די יידן־קריסטן האָבן דעמאָלט, ווי די אַנדערע יידן, געהאַלטן זייער הייליק דעם בית המקדש און ביי דעם אינצידענט איז געווען אַ סכנה פון אַ מלחמה־אויסברוך אין יהודה

פּראָפעסאָר ברענדאָן שטעלט זיך אָפּ אויפן פאַקט, וואָס די עוואַנגעליע־מחברים האָבן אויסגעמיטן צו דערמאָנען מיט אַ וואָרט וועגן די שטימונגען און וועגן דער האַלטונג פון די יידן־קריסטן לגבי דער געפאַר צו פאַרשוועכן דעם בית המקדש מיט דעם אימפּעראַטאָרס פּאָרטרעט. זיין אויספיר איז: זיי (די עוואַנגעליע שרייבער) איז דאָך געגאַנגען אין לעבן צו באַווייזן, אַז דער קריסטלעכער קיבוץ אין ירושלים האָט זיך נישט געמישט אין די אַלע זאַכן און שולדיק זענען נאָר געווען די יידן, און אַז די קעגנערשאַפט צום קריסטנטום איז אויך געווען נאָר פון די יידן, און אויב דער בית המקדש איז חרוב גע־וואָרן, איז עס דאָך געווען דערפאַר, וואָס די יידן האָבן אָפּגעוואָרפן יעזוסן.

די מחברים פון די עוואַנגעליעס האָבן נאָר געהאַט אין זינען אין זייערע שילדערונגען, ווי אַזוי צו זיין אָפּאָלאָגעטיש צו רוים בכדי זייער קיבוץ דאָרט זאָל נישט ליידן. ברענדאָן האַלט זיך טאַקע ביי דער ריכטליניע בעת ער אַנטוויקלט זיין קאָנצעפּציע וועגן דעם משפט איבער יעזוסן און ס'איז גאָר אין אַנדער ליכט ביי אים ווי ס'ווערט באַ־לויכטן אין די עוואַנגעליעס. ער פאָלגט נאָך כראָנאָלאָגיש דעם גאַנג פון די געשעענישן.

נאָך קאַליגולאַן איז קלאַדיוס ארויף אויפן טראָן. עס האָט אים צו דעם געהאָלפן דער יידישן פּרינץ אַגריפּאַ (אַן אייניקל פון הורדוס דעם גרויסן, אָט דער וועלכער האָט איבערגעבויט דעם בית־המקדש צו אַ פּראַכט, באַוואונדערט אויך אין דער נישט יידישער וועלט), ווי אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט ווערט אגריפּאַ באַשטימט דורך

קלאַדיוסן אַלס קעניג פון יהודה. אַ דאַנק זיין פרומקייט געווינט ער די סימפּאַטיע פון פאָלק.

אין די „אַקטן" פון די אַפּאָסטאָלן ווערט אַגריפּאַ פאַרגעשטעלט ווי אַ העצער קעגן די קריסטן, אַז ער זאָל גאָר האָבן מיט אַ שווערד דערהרגעט יעקב־דזשעימסן און אַרעסטירט פּיטערן. אַגריפּאַס הערשאַפט האָט אָנגעהאַלטן נאָר פיר יאָר און צוליב דער יונגקייט פון אַגריפּאַ דעם צווייטן האָט קלאַדיוס צוריק איבערגענומען די הערשאַפט איבער יודעאַ.

ברענדאָן פאָלגט נאָך יאָזעפיוסעס באַשרייבונגען פון די צוזאַמענשטויסן צווישן די יידישע ווידערשטאַנדלערס מיט דער רוימישער מאַכט. ער רופט אָן די נעמען פון עטלעכע פירערס זייערע (אגב, אַלע זענען זיי בעלי מופתים, און צוגעזאָגט זייערע אָנהענגערס אַ נס פון גאולה). וויפל די רוימער האָבן נישט אומגעבראַכט זייערע קאַדרען, האָבן זיך גלייך באַוויזן אַנדערע אויף זייער אָרט. די אַגיטאַציע פון די זעלאָטן האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ גינסטיקן באָדן צוליב אַ ריי אינצידענטן, פּראָוואָצירנדיקע דורך די רוימער (לדוגמא: פאַרשוועכט און פאַרברענט אַ ספר תורה).

ח

ווי אַזוי האָבן רעאַגירט אויף דעם די יידן־קריסטן? די „אַקטן" דערציילן נישט און זיי פאַרשווייגן אויך וועגן יעזוסעס ברודער יעקב, דעם פירער פון דער קירכע אין ירושלים, וואָס איז, באשר, לויט אַן אורטייל פון סנהדרין געוואָרן אומגעבראַכט. דער באַשולדיקער קעגן אים איז געווען דער כהן גדול אנאַנוס.

ערשט אין דער שפּעטערדיקער קריסטלעכער טראַדיציע ווערט יעקב/דזשעימס באַצייכנט ווי אַ מאַרטירער פאַר זיין אמונה. אָבער דאָס פאַרשווייגן אין די „אַקטן" זיין מאַרטירערשאַפט זעט אויס מער ווי מאָדנע. עס איז פאַרבונדן מיט אַ מיסטעריע, באַמערקט ברענדאָן, אָט דער גאַנצער ענין יעקב/דזשעימס.

אין אַ לענגערער אָפּהאַנדלונג וועגן זיין ראָל ביי די אורשפּרינגלעכע קריסטן און פון זיינע באַציאונגען מיט די יידן וואָס האָבן נישט געהערט צו דער סעקטע, קומט דער מחבר צום אויספיר, אַז די ירושלימער קריסטלעכער סעקטע איז געווען פולשטענדיק אינטעגרירט — דורך ראַסע און אמונה — מיט דעם ציל פון פאָלק אַראָפּצוואַרפן דעם רוימישן יאָך. אָבער די קריסטלעכע שרייבערס האָבן דאָך געשריבן שוין נאָכן חורבן ווען די קריסטלעכע קירכע אין ירושלים האָט שוין נישט עקזיסטירט און זיי האָבן אפנים געהאַלטן פאַר באַקוועמער צו פאַרשווייגן אין גאַנצן דעם אַספּעקט פון דעם אורשפּרינגלעכן

יידישן קריסטנטום איז וועלכן יעקב איז געווען דער הויפּטפירער פון דער ירושלימער קירכע.

נאָך אויסטערלישער זעט אויס — באַמערקט ברענדאָן — אַז נאָך זיין מאַרטירער־טויט איז אַלס פירער באַשטימט געוואָרן אַ פּלי־מעניק פון יעזוסן. עס זעט אויס, אַז די אַפּאָסטאָלן האָבן געוואָלט עפּעס פאַרדעקן — אַט דאָס וואָס איז פאַר זיי געווען אומבאַקוועם אין די שטורמישע צייטן, ערב און בעת דעם יידישן אויפשטאַנד קעגן רוים.

ברענדאָן פירט דורך זיין ריכטליניע מיט אַ טיפערן אַנאַליז וועגן דער ראָל פון די ירושלימער קריסטן — אַ פּאָליטישע און סאָציאַלע — בעת די געשעענישן.

ט

דער אויפשטאַנד קעגן רוים (66—70) האָט זיך אָנגעהויבן דערמיט וואָס די כהנים פון דער נידעריקער ראַנגע האָבן אָפּגעזאָגט מקריב צו זיין דעם טעגלעכן קרבן פאַרן געזונט פון אימפּעראַטאָר און פאַר די איינוווינער פון רוים.

נויטיק צו דערמאָנען, אַז דער קרבן איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ סימבאָל פון דער יידישער אונטערטעניקייט און לאָיאַלקייט צו רוים און די ירושלימער אריסטאָקראַטיע האָט זייער שטאַרק אָפּגעהיט אַט די לאָיאַליטעט.

נעמענדיק אָבער אין אַכט די נאָענטע פאַרבינדונג צווישן די כהנים פון נידעריקן ראַנג מיט די יידן־קריסטן אין ירושלים, מיינט ברענדאָן, אַז זיי האָבן סימפּאַטיזירט מיט זייער האַנדלונג; און אוודאי האָבן עס אונטערגעשטיצט די זעלאָטן — די שאַרפסטע קעגנערס פון דער ירושלימער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט צוליב פּאָליטישע צילן געלאָזט דערנידעריקן די עבודה אין בית המקדש מיט ברענגען דעם קרבן פאַר דעם רוימישן הערשער איבער יודעאַ.

האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די מלחמה, ריכטיקער, דער אויפ־שטאַנד, מחמת די רוימישע שטראָף־עקספּעדיציע איז ערשט אָנגעקו־מען אין לאַנד דריי חדשים נאָך דער מרידה קעגן רוים.

עס זענען געקומען די לעגיאָנערן פון סיריע אונטער דער אָנפי־רונג פון צעסטיוס גאַלוס און ער האָט אויך אָנגעפירט מיט די לעגיאָ־נערן און אַרמייען פון אַנדערע ערטער.

ירושלים איז געוואָרן באַלאַגערט. קעגן די לעגיאָנערן זענען געווען נאָר אומאָרגאַניזירטע אומבאַוואָפנטע כוחות, וועלכע האָבן קעגן די רוימישע לעגיאָנערן אויסגעזען פאַרשפּילט גלייך אין אָנהייב. אָבער צוליב עד־היום־נישט־אויפגעקלערטע סיבות, אויף וועלכע מאָדערנע

היסטאָריקער שטייען פאַר אַ רעטעניש, האָט גאָר גאַלוס באַפוילן זיינע לעגיאָנערן זאָלן זיך צוריקציען פון ירושלים. די באַלאַגערטע יידן זענען פון טיפער פאַרצווייפלונג אריבער צו אַן עקזאַלטירטער פרייד, אַטאַקירנדיק די רוימער, ווען זייער צוריקציען זיך איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זייער פולשטענדיקער אויסראָטונג.

קיין גרעסערן באַווייז פון דער געטלעכער השגחה צו העלפן זיי אין דער מלחמה קעגן רוים — האָט גאָר נישט געקאָנט געמאָלט זיין! און נישט נאָר פאַר די זעלאָטן נאָר אויך פאַר די מעסיקע עלעמענטן, וואָס זענען שוין איצט צוגעשטאַנען צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־מלחמה.

אויך די יידן־קריסטן, גלויבט ברענדאָן, זענען געווען מלא שימחה, מחמת עס האָבן זיך באַשטעטיקט זייערע אַפּאָקאַליפּטישע האָפנונגען, אַז משיח־יעזוס וועט אויפשטעלן מלכות ישראל. אַ שפּעטער־געשעע־פענע לעגענדע האָט דעם ענין פאַרטושט און דערציילט גאָר, אַז די ירושלימער קריסטן האָבן זיך געראַטעוועט פון דער שטאָט איידער זי איז אין קריג חרוב געוואָרן. דאָס, זאָגט ברענדאָן, איז פון אַ שפּע־טערדיקער פאַבריקאַציע, וואָס איז אַ סתירה צו דעם פעסט־געשטעלטן פאַקט, אַז די ירושלימער קירכע איז אָפּגעווישט געוואָרן בעת דער פאַרניכטונג פון דער שטאָט. אירע מיטגלידער, גלויבט ברענדאָן, זענען מסתמא אויך געווען צווישן די וואָס זענען אריינ־געשפּרונגען אין די ברענענדיקע פלאַמען פון בית המקדש. דער פאַקט פון זייער פאַרשווינדונג איז אַ דאָקומענטאַציע פון דעם פאַראייניקטן פראָנט פון די ירושלימער יידן־קריסטן מיט זייערע יידישע ברידער. צוזאַמען זענען זיי אומגעקומען אין די פאַרביסענע שלאַכטן מיט די רוימער.

מען האָט צו לאַנג, זאָגט ברענדאָן, פאַרזען אָט דעם קריסטלעכן אורשפּרינג מיט זיין טראַגישן סוף בעתן פאַלן פון ירושלים. דער נייער טעסטאַמענט מיידט בכלל אויס צו דערציילן וואָס פאַר אַן איינ־דרוק דאָס האָט געמאַכט אויף די קריסטן נישט פונעם יידישן אָפּ־שטאַם. אַנשטאָט שרייבן געשיכטע האָבן זיינע מחברים געשריבן טעאָלאָגיע, געזוכט צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז די געשעענישן אין יודעאַ און דער חורבן ירושלים האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צו זיי.

עס איז אָבער באַוווּסט, אַז שוין אַ צענדליק יאָר פאַרן חורבן בית שני האָבן שוין די־נישט יידישע קריסטן זיך געפונען אין אַ שווערן מצב צוליב דער יידישער בונטאַרישקייט קעגן רוים. עס זענען געווען קריסטלעכע קיבוצים אין סיריע, אין קליין־אַזיע, אין גריכנלאַנד, איטאַליע, ציפּערן, רוים, און פּאַול איז געווען (לויט די „אַקטן") דער פאַרשפּרייטער פון דער נייער אמונה אין די אויבנדערמאָנטע ערטער.

דאָס קריסטנטום האָט צוגעצויגן צו זיך אָנהענגערס אין דער רוימי־שער אימפּעריע דעמאָלט, מחמת די יידישע אמונה האָט צוליב איר שטרענגן ריטואַל, בפרט מילה, געקענט צוציען נאָר אַ גאָר קליינע צאָל גרים. פּאָול האָט אָבער געמאַכט זייער לייכט זיין נייע אמונה פאַר די היידן. אַ טייל פון זייערע קולטן האָבן זיי דאָך שוין געטראָפן אין קריסטנטום. האָט ער דעריבער לייכטער „פאַרקויפט״ יעזוסן צו די געצנדינער.

פּראָפעסאָר ברענדאָן און אַנדערע קריסטאָלאָגן וווּנדערן זיך, וואָס אין די „אַקטן״ און אין פּאָולס „עפּיסטאָלס״ איז נישט דערמאָנט די פאַרשפּרייטונג פון דער נייער קירכע אין עגיפּטן, בפרט אין אַלעק־סאַנדריע — די צווייטע גרעסטע שטאָט דעמאָלט פון דער רוימישער אימפּעריע. די השערה איז דאָס די קירכע אין אַלעקסאַנדריע האָט זיך נישט אויסגעפורעמט לויט פּאָולס ריכטליניע. דעריבער האָט ער זי לגמרי פאַרשוויגן. די אַלע קירכע־טעכטער האָבן דאָך געהאַלטן ירושלים פאַר דער מוטער־קירכע אין זין פון אויטאָריטעט און טראַדיציע. זיי האָבן זיך באַשטייערט פאַר איר און געוווּסט, אַז זייערע קירכעס האָבן באַקומען אַן אַנדער אמונה־נוסח — לויט פּאָולס דירעקטיוו, צו קענען עס לייכטער פאַרקויפן די היידן — ווי די קירכע אין ירושלים, וואָס האָט זיך געהאַלטן אַזוי נאָענט פון איר יידישן מקור. אָבער שטייערן האָבן זיי (די היידן־קריסטן) געמוזט איר צאָלן.

באַוווּסט איז, אַז די ירושלימער קירכע איז נישט געווען צופרידן פון דעם אופן, ווי די קירכעס פירן זיך מחוץ לארץ. האָט זי געשיקט שליחים צו די ניי־באַקערטע כדי צו שאַפן אַן איינהייטלעכע ריכט־ליניע פון אַלע קירכע־טעכטער, זיי זאָלן זיין אין דעם גייסט פון ירושלים. אָבער דער יידישער בונט קעגן רוים האָט דאָך באַדראָאַט צו ווערן אָפּגעשניטן פון דער מוטער־קירכע, און אין 66טן יאָר (אַנ־הייב פון אויפשטאַנד) איז טאַקע געוואָרן איבערגעריסן די קאָמוני־קאַציע צווישן זיי. מיט דעם גאַנג פון קריג איז אויך געשטיגן די שינאה צו יידן און נאָכן אויסראָטן דעם רוימישן גאַרניזאָן פון יודעאַ האָט זיך ממש ווילד צעפלאַקערט דער שרעקלעכסטער האַס קעגן די יידן. די רוימישע לעגיאָנען האָבן זיך נישט געקענט שענקען וואָס אין דעם קליינעם לאַנד האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַזאַ ווידערשטאַנד, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט אין קיין שום אַנדער לאַנד.

פאַר די קריסטן איבער דער רוימישער אימפּעריע האָט זיך דעמאָלט געשאַפן אַן אומרואיקע לאַגע, אַ באַדראָענדיקע פאַר זייער קיום צוליב די פאַרבינדונגען מיט דער יידישער אמונה. נישט די רוימישע מאַכט־אָרגאַנען און נישט די איינוווינער האָבן געקענט אונטערשיידן צווישן די יידן־קריסטן און די נישט־יידן קריסטן וואָס האָבן געגלויבט, אַז דער יידישער משיח איז שוין געקומען און ער

איז געקרייציקט געוואָרן דורכן רוימישן פּראָקוראַטאָר פאַר העצן קעגן רוים.

מען קען זיך דעריבער פאָרשטעלן, וואָס עס האָבן איבערגע־לעבט די נישט־יידישע קריסטן בעת דער יידיש־רוימישער פאַרבי־סענער מלחמה (66—70). יעזוסעס עקזעקוציע, די באַשולדיקונג קעגן אים — איז דאָך פאַר זיי געווען פּאָליטיש — דינאַמיט! און דאָס האָט דאָך נישט געהאַט קיין שייכות צו רעליגיע. דער אויפשטאַנד אין יודעאַ און דער טראַגישער פינאַל מיטן חורבן ירושלים און בית המקדש — אזוי פּאָפּולער אין דער רוימישער אימפּעריע, האָט דאָך די סכנה פאַר די קריסטן פילפאַך פאַרגרעסערט. האָבן זיי זיך דערמאָנט, אַז פּאָול איז דאָך ארויסגעטראָטן קעגן די יידישע ריטועלע דינים און קעגן קרבנות מקריב צו זיין אין בית המקדש, און איצט האָט דער חורבן בית המקדש זיין דאָקטרינע סאַנקציאָנירט, אַז דער ברית אברהם מיטן גאָט פון ישראל איז פאַרעלטערט; אויך, אַז דורכן חורבן זענען זיי דאָך באַפרייט געוואָרן פון דער דאָמינירנ־דיקער ירושלימער קירכע און איר פאַרבינדונג מיט דער יידישער אמונה. דעריבער האָבן זיי אין הסכם מיט דער ריכטליניע פון פּאולס פּרעדיקן געזוכט אין גאַנצן איבערצורייסן מיט דעם יידישן מקור און אָפּשטאַם.

ווי האָבן זיך די רוימער בכלל באַצויגן דעמאָלט צום קריסטנטום? דער רוימישער היסטאָריקער טאַציטוס האָט פאַר זיינע לייענער עס אַזוי פאָרמולירט: „קריסטוס, דער גרינדער אויף דעם נאָמען, האָט באַקומען טויטשטראָף דורכן פּראָקוראַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס. פאַר אַ געוויסער צייט איז אָט דער צעשטערערישער פאַראורטייל (קריסט־לעכער) אָפּגעשטעלט געוואָרן, אָבער צוריק אַרויפגעשוווּמען נישט נאָר אין יודעאַ, די היים פון דער קראַנקייט, נאָר אויך אין דער מעט־ראָפּאָליע, ווו אַלע שרעקלעכע און חרפּהדיקע זאַכן ווערן גלייך אויפ־געכאַפּט און גייען אריין אין דער מאָדע".

אַזאַ פאַראַכטנדיקע אָפּשאַצונג וועגן קריסטנטום האָט געמאַכט דעמאָלט אַזאַ הויך־געבילדעטער רוימער, אַ קרוב למלכות. געווען איז דאָס אַ 80 יאָר נאָך יעזוסעס קרייציקונג (בערך אָנהייב דעם 2טן יאָרהונדערט). פאַרשטייט זיך, אַז פאַר די קריסטן איז אַזאַ באַ־צייכענונג פון הערשנדיקן קלאַס אין רוים לגבי יעזוסן און זיין לערע געווען ממש: וויטריאָל! בפרט, ווען ער איז געוואָרן פאַראורטיילט און אומגעבראַכט דורך אַ רוימישן גובערנאַטאָר אין יודעאַ, דאָס לאַנד פון די בונטאָווטשיקעס קעגן רוים.

פאַר די קריסטן האָט זיך דעריבער אוועקגעשטעלט מיט דער גאַנצער שאַרף די פראַגע: ווי אַזוי באַזייטיקט מען די סכנה? דעם ענטפער אויף דעם געפינט מען שוין אין די עוואַנגעליעס, וואָס האָבן

געשטעלט זיך פאַר אַ ציל צו געבן אַן אַנדער אינטערפּרעטאַציע פון יעזוסן און זיין שליחות. עס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון יעדן באַזונדערן לאַנד, ווו ס'געפינט זיך נאָר אַ קריסטלעכער קיבוץ, אָדער ווו מען דאַרף אים ערשט שאַפן.

נאָכן יאָר 70 זענען אַלע געווען מחוץ יודעא, וואָס איז געלעגן אַ חרובע. מען האָט דעריבער געקענט איצט געבן אַן אַנדער ריכטונג דער קריסטלעכער לערע, שוין אָפּגעריסן לחלוטין פון איר יידישן מקור און אינטערפּרעטירונג. די פּאַרשערס פון די עוואַנגעליעס קענען דעריבער אין דעם געפינען אַ שליסל צו די ענדערונגען און פון די ספּעציפישע באַדינגונגען פון יעדן באַזונדערן קריסטלעכן קיבוץ, ווו אַט די שריפטן זענען געמאַכט געוואָרן. און עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די מחברים פון די עוואַנגעליעס ווי אַזוי זיי האָבן געזוכט עס צו „פּאַרקויפן" פאַר אַ „בעסטסעלער".

מאַרקס עוואַנגעליע איז אַ פּראָדוקט פון דעם קריסטלעכן קיבוץ אין רוים. עס איז דער ערשטער פון דעם מין און איז שפּעטער נאָכגעפאָלגט געוואָרן דורך מתיתן, לוקאַסן, און דזשאָנען. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף יעדן פון זיי באַזונדער לויט דער כאַראַקטעריזאַציע וואָס עס גיט פּראָפעסאָר בראַנדאָן.

מאַרק האָט געגעבן אַן אוניקאַלע טראַנספאָרמאַציע פון יעזוסן צוגעפּאַסט צו די נויטן פון די קריסטן אין רוים. קודם דערציילט ער פון די צוועלף אַפּאָסטאָלן וועלכע יעזוס האָט באַשטימט „זיי זאָלן מיט אים קענען זיין און אויך ווערן דעלעגירט (אין די לענדער) צו פאַרשפּרייטן די עוואַנגעליע, און אויך קענען פאַרטרייבן שדים". מאַרק האָט יעדן איינעם אָנגערופן ביים נאָמען, אָבער דעם נאָמען פון שמעונען מיט זיין טיטל קאַנאַנאַיִס, וואָס מיינט אין אַראַמיש: זעלאָט, האָט מאַרק שוין אין גריכיש נישט אָנגעגעבן. דאָס וואָלט דאָך געוויזן, אַז צווישן די אַפּאָסטאָלן זענען געווען זעלאָטן — די בונטאַרן קעגן רוים! אַלצדינג האָט ער פון אַראַמיש איבערגעזעצט אויף גריכיש, יידישע מינהגים, נעמען, נאָר בלויז קאַנאַנאַיִס געלאָזן אין אַראַמיש, בכדי אויסצומיידן אַן אומבאַקוועמע לאַגע פאַר די קריסטן.

פון דעם דרינגען די קריסטאָלאָגן, אַז ער האָט געשריבן זיין עוואַנגעליע בערך דעם יאָר 70, ווען די זעלאָטן זענען געווען נאָך אַ „הייסע קאַרטאָפל" פאַר רוים. פּראָפעסאָר בראַנדאָן באַהאַנדלט אויספירלעך יעזוסעס זאָג צו די פּרושים: צעזאַרן געבן דאָס וואָס קומט צעזאַרן, און גאָט — דאָס וואָס צו גאָט...

דער זאָג איז לאַנגע צייטן דיסקוטירט געוואָרן אין די קריסטלעכע וועלט. מאַרק האָט דאָך אָפּגעשאַצט ווי וויכטיק עס איז פאַר די קריסטן אין רוים צו דערקלערן, אַז יעזוס האָט די יידן געהייסן צאָלן דאָס וואָס קומט רוים. און געמאַכט האָט עס מאַרק אויף אַזאַ

טענדענציעזן אופן, פאַרצושטעלן ווי אַזוי די פרושים מיט די הורדוס־יאנער האָבן יעזוסן געוואָלט כאַפּן אויף דער ווענטקע צו קאָמפּראָמיטירן אים פאַר דער רוימישער מאַכט.

מאַרק שרייבט: „זיי (די יידישע פירער) האָבן געשיקט צו אים אייניקע פרושים און הורדוסיאַנער צו כאַפּן אים אין די רייד״. די ציטאַטע זאָגט גענוג וועגן מאַרקס כוונות ביים שרייבן, און איינצייטיק צו פאַרזיכערן זיינע אָנהענגערס, ווי אַזוי יעזוס האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דער פאַסטקע. מאַרק באַשרייבט אויך אַן אַנדער אינצידענט אין שייכות מיטן בית המקדש: „דער פרוכת פון בית המקדש איז צעריסן געוואָרן אין צווייען פון אויבן ביז אַראָפּ, דאָס זאָל האָבן פּאַרגעקומען ווען יעזוס איז געקרייציקט געוואָרן. ווען דער רוימישער קאָמאַנדיר („צענטוריאָן״) האָט געזען וואָס עס איז געשען האָט ער געזאָגט: זיכער איז דער מענטש (דער געקרייציקטער) דער זון פון גאָט״.

לאָמיר ביי דעם מאַכן אַ שטיקל דיגרעסיע צו יאָזעפיוסעס שילדערונגען פון דעם טריומף־מאַרש איבער די גאַסן פון רוים (נאָכן חורבן) ווען מען האָט אויף דער גרויסער פּראָצעסיע געטראָגן די כלים פון בית המקדש.

פאַר די קריסטלעכע צושויערס, וואָס האָבן עס צום ערשטן מאָל געזען, האָט דאָס געמוזט זיין אַ שטאַרקע עמאָציאָנעלע איבערלעבונג צוליב די רעמיניסצענצן פון זייער משיח, פון דעם זעלבן יידישן אָפּשטאַם, פון די זעלבע יידן, וועלכע מען האָט איצט געפירט ווי שקלאַפן פון רוים. מאַרק האָט אפנים מיט זיין באַשרייבונג וועגן פרוכת פון קדשי קדשים, וואָס איז מסתמא געווען הייליק ביי די קריסטן און זיי דערמאָנט פון דעם הייליקן לאַנד — געצילט צו ווייזן, אַז דווקא אַ רוימער האָט דורך דעם דערקענט יעזוסעס געטלעכקייט וואָס די יידן האָבן אָפּגעוואָרפן. עס האָט געדאַרפט מוטיקן די קריסטן אין רוים, אַז זיי פאַרגעטערן נישט קיין ייד וואָס האָט מוריד געווען קעגן רוים און איז דערפאַר געקרייציקט געוואָרן. פאַרקערט, די מעשה מיטן פרוכת באַווייזט, אַז גאָט האָט דורך רוים דערפילט זיין רצון. לויט מאַרקס עוואַנגעליע האָט דאָך יעזוס פאַראויסגעזאָגט דאָס אַלץ וואָס איז געשען שפּעטער אין יודעאַ און, אַז מיט זיין טויט איז (לויט פּאָולן) איבערגעריסן געוואָרן דער אַלטער ברית אברהם מיט די יידן און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער נייער, דער „ברית החדשה״.

בעת מאַרק האָט געשריבן איז שוין די מוטער־קירכע געלעגן אין חורבות. זי האָט בכלל באַקומען אין מאַרקס שילדערונגען אַן אומסימפּאַטישע באַלייכטונג. באשר, זי איז געווען נאַציאָנאַליסטיש און דעריבער האָבן יעזוסעס תלמידים אים נישט פאַרשטאַנען: איינער האָט אים פאַרראַטן (יודאַש), אַ צווייטער—אים פאַרלייקנט (פּיטער) און זיין אייגענע פאַמיליע האָט באַטראַכט אים פאַר חסר דעה.

אָט די באַלייכטונג איז געווען שוין אַן אויסגערעכנטע, אָפּצורייסן יעזוסן פון זיין מקור, הגם אַ געבוירענער ייד, אָבער נישט געהאַט מער קיין שייכות צום פאָלק וואָס האָט אים פאַרלייקנט און דערפירט צו זיין קרייציקונג, און אפילו אויפגעצוווּנגען דעם וואַקלדיקן פּראָקוראַטאָר דורכצופירן די עקזעקוציע — קעגן זיין ווילן! מיט דעם האָט מאַרק שוין געגעבן זיין ריכטליניע פאַר די שפּעטערדיקע עוואַנגעליעס פון מתית און לוקאַס.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די קריסטן אין מאַרקס צייט זענען געשטאַנען זייער נאָענט צו די געשעענישן אין יודעאַ און איר נאָכפאָלגנדיקער קאַטאַסטראָפע. דעריבער האָט ער צוגעשניטן זיין עוואַנגעליע אויף אַן אופן וואָס זאָל דעם קריסטלעכן קיבוץ אין רוים פאַרלייכטערן זיין דעמאָלטיקן קאָמפּליצירטן מצב. די איבעריקע עוואַנגעליעס, אין שפּעטערדיקע דאַטעס, זענען שוין נאָכגעגאַנגען אין זיינע פוסטריט.

•

וויפל מאַרק האָט זיך אָבער נישט באַמיט צו „פאַרקויפן" יעזוסן אין אַ טעאָלאָגישער ראַם, מיט אַ לערע „נישט פון דער וועלט", איז אָבער דאָך פאַרבליבן דער פאַרעקשנטער פאַקט, אַז זיין קרייציקונג איז געווען צוליב זיין אַנטי־רוימישער טעטיקייט. דאָס איז געווען ווי אַ ביין אין האַלדז פון די עוואַנגעליסטן. ווייסן מיר דאָך, באַמערקט ברענדאָן, אַז דאָס איז געווען די סיבה פון די פאַרפאָלגונגען קעגן קריסטן אַזוי לאַנג ביז עס האָט קאָנסטאַנטין מיט זיין „עדיקט פון מילאַן (313) פּראָקלאַמירט דעם נצחון פון דער קירכע איבער דער רוימישער אימפּעריע.

ביז דעמאָלט, בפרט אין די ערשטע צענדליקער יאָרן, האָט דער יידישער אָפּשטאַם פון דער קירכע געווירקט ווי אַ פלעק פון וועלכן די קריסטן האָבן זיך נישט געקענט באַפרייען. האָבנדיק אין זינען ספּעציעל די ערנסטע סיטואַציע (צוליב דעם „פלעק") פון דער רוימישער קירכע, זענען די אַפּאָסטאָלן געגאַנגען אין „דער לענג און ברייט" צו ווייזן, אַז דאָס האָבן די יידן געגעבן די ווערסיע פון יעזוסעס אַנטי־מלוכהשקייט קעגן רוים בכדי צו פאַרשוואַרצן זיין פּנים, בעת ער איז דאָך פאַקטיש געווען פּראָ־רוימיש און אַ פּאַציפיסט.

די קאָנצעפּציע איז געווען גינסטיק אין יענער צייט פאַר דער קירכע און עס איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג אין די „אַקטן" און אומעטום, ווו זיי האָבן נאָר געקענט. און אַזוי איז עס איבערגעגאַנגען פון דור צו דור ביז אונדזער צייט. ערשט איצט קומט פאַר די רעוויזיע פון יעזוסעס טעאָלאָגישן פּאָרטרעט און די סיבות וואָס האָבן

גורם געווען די עוואַנגעליעס זאָלן עס איבערטראָגן פון פּאָליטישן אויפן רעליגיעזן געביט.

די עוואַנגעליע־מחברים האָבן דאָך מיט א כוונה דעם שווער־פּונקט אריבערגעטראָגן אויף דעם משפט פון סנהדרין. די ערשטע קשיאַ: האָט דער סנהדרין אין יענער צייט געהאַט דאָס רעכט ארויס־צוטראָגן אַ טויט־אורטייל? הגם די עוואַנגעליסטן האָבן אָט דעם סנהדרין־אורטייל געמאַכט פאַר דעם ווינקלשטיין פון זיין טויט, איז דאָך גע־ווען דער פּראָקוראַטאָר (פּילאַטוס), וואָס האָט באַפוילן זיין עקזעקוציע, אויסגעפירט דורך רוימישע זעלנער.

אַ צווייטער פאַקט: לויט דזשאָנס עוואַנגעליע האָבן די יידן ביים איבערגעבן יעזוסן צו פּילאַטוסן געזאָגט: „עס איז נישט געזעצלעך פאַר אונדז צו קענען פאַרמשפּטן אַ מענטשן צום טויט". זיי האָבן געקענט אים נאָר פאַראורטיילן פאַר זיין חילול השם, אָבער אויך נישט געהאַט די מאַכט עס דורכצופירן, האָבן זיי געוואָלט באַווירקן דעם פּראָקוראַטאָר ער זאָל עס טאָן, און פון חילול השם געענדערט אויף אַנטימלוכהשקייט.

פּראָפעסאָר ברענדאָן אַנאַליזירט דעם משפט אין ליכט פון דזשאָנס שילדערונג און ווייזט אָן אויף פיל סתירות. ערשטנס, אין פראַגן פון לעבן און טויט האָט דער פּראָקוראַטאָר געהאַט דאָס לעצטע וואָרט. יאָזעפיוס זאָגט עס בפירוש. צווייטנס, דער סנהדרין דעמאָלט אין זיין צדוקיש־אַריסטאָקראַטישן צוזאַמענשטעל האָט דאָך אין יעזוסן נישט געזען קיין רעליגיעזן הערעטיקער, נאָר אַ סאָציאַל־פּאָליטישן אַ באַדראָאונג אויף זייערע פּאָזיציעס. זיינע אַקטיוויטעטן פאַר פסח, זיין אָנגריף אויף דעם „עסטאַבלישמענט" פון בית המקדש (די עוואַנ־געלישע געשיכטע וועגן זיין פאַרטרייבן די געלט־טוישערס) האָט דאָך זיי איבערצייגט, אַז ער איז שעדלעך פאַר דער רו אין לאַנד, און די רוימער וועלן זיי האַלטן פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך. די אויספאָר־שונג וואָס זיי האָבן געפירט אין דער נאַכט פון זיין אַרעסט, האָט גע־האַט פאַר אַ ציל איבערצוגעבן אים אין די הענט פון פּילאַטוסן ווי אַ בונטאַר קעגן רוים. אַ פאַקט, אַז פּילאַטוס האָט דאָך אים באַטיטלט „דער קעניג פון די יידן".

מאַרקס עוואַנגעליע — דער ערשטער באַריכט פון יעזוסעס משפּט און זיין עקזעקוציע, האָט עס פאַרגעשטעלט, ווי אַ לאַנג באַשלאָסענע פאַרשווערונג פון די יידישע פירערס צו ליקווידירן אים, ביז זיי האָבן עס ענדלעך דערגרייכט. זיין נאַראַטיוו און אינטערפּרעטאַציע איז דאָך געווען באַשטימט פאַר זיינע מיטגלויביקע קריסטן אין רוים. נאָך דעם אומקום פון דער מוטער־קירכע אין ירושלים איז די רוי־מישע דאָך געוואָרן די צענטראַלע אינסטאַנץ פאַר די קריסטלעכע קירכעס אומעטום, ווו זיי זענען אַנטשטאַנען. מאַרקס עוואַנגעליע איז

צירקולירט געוואָרן אין די ווייטסטע מקומות און אומעטום געהאַט אַ ווירקונג. אין די שפּעטערדיקע יאָרן זענען ערשט געמאַכט געוואָרן אויסבעסערונגען אין די אַנדערע וואַנגעליעס פון מתית, לוקאַס און דזשאָן. דאָס איז שוין געווען ביים סוף פונעם יאָרהונדערט. עס איז נישט באַוווּסט צי די לעצטע האָבן אויך געהאַט אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער טראַדיציע פון די ירושלימער קריסטן, ווי מאַרק און ער האָט עס דאָך באַנוצט אין זיין נאַראַטיוו פון משפּט.

מתיתעס באַריכט איז אין גאַנצן אידענטיש מיט מאַרקס, אָבער לוקאַס האָט נאָך צוגעגעבן אַן עפּיזאָד וואָס איז נישטאָ ביי מאַרקן. ער מיידט אויס, אַז יעזוס זאָל האָבן געדראָט חרוב צו מאַכן דעם בית המקדש און דאָס איז דאָך געווען דער הויפּטפּונקט אין דער ירושלימער טראַדיציע. היות פון אַלע וואַנגעליעס האָט זיך אויסגעפורעמט דער נייער טעסטאַמענט, דאַרפן זיי אַלע אריינגיין אין דעם נאַראַטיוו פון דעם היסטאָרישן משפּט איבער יעזוסן. וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אַ ווייל אויף די פאַרשידענע צוגאָבן:

ביי מתיתן איז עס אין אַ פּאַבל פון א מלך, וועלכער האָט פאַרבעטן געסט צו דער חתונה פון זיין זון. איז נישט נאָר וואָס זיי האָבן אָפּגעוואָרפן די פאַרבעטונג, נאָר געוואָלט נאָך הרגענען זיינע באַדינערס. האָט דער קעניג אַ פאַרצאָרנטער פאַרברענט זייער שטאָט א.א.וו. דער מוסר השכל לגבי די יידן איז קלאָר. ער גיט נאָך צו, אַז אויף דעם באַנקעט האָבן פאַרנומען אַנדערע דעם פּלאַץ (אַנשטאָט די יידן — די גויים/היידן).

מתית, אַ ייד/קריסט האָט זיין נוסח געשריבן פאַר יידן־קריסטן אין אַלעקסאַנדריע. ער האָט מאַרקס נאַראַטיוו געדיכטער באַפּאַרבט, באַזונדערס אין דעם עפּיזאָד וועגן דעם באַראַבאַסן. ער באַשרייבט עס אַזוי: דער גובערנאַטאָר האָט זיך נוהג געווען פאַר א סעודה צו באַפרייען אַן אַרעסטאַנט, וועלכן דער המון האָט פאַרלאַנגט. האָט פּילאַטוס געזאָגט צום המון: וועמען פאַרלאַנגט איר איך זאָל באַפרייען באַראַבאַסן צי יעזוסן, וועמען מען רופט משיח? ער האָט געוווּסט, אַז נאָר צוליב קנאה־שנאה האָבן זיי יעזוסן אים איבערגעגעבן.

אויסער דעם: בעת ער איז נאָך געזעסן אויפן ריכטער־בענקל האָט אים זיין ווייב צוגעשיקט אַ צעטעלע ער זאָל נישט האָבן צו טאָן מיט אָט דעם רעכטפאַרטיקן מאַן. זי האָט שוין היינט פון אים געגנוג געליטן אין חלום. איצט האָבן די הויפּט־כהנים מיט דער פּני פון שטאָט (ירושלים) באַווירקט דעם המון צו פאַרלאַנגען באַראַבאַסן און אומברענגען יעזוסן. אָבער דער גובערנאַטאָר (נישט זייענדיק צופרידן) האָט ווידער געזאָגט: וועלכן פון די צוויי זאָל איך פאַר אייערטוועגן באַפרייען? האָבן זיי געענטפערט: באַראַבאַסן! האָט פּילאַטוס געזאָגט צו זיי: וואָס זאָל איך טאָן מיט יעזוסן? — זאָל ער ווערן געקריי־

ציקט, האָבן זיי אַלע געענטפערט. ווען ער האָט שוין איינגעזען, אַז ער קען גאָרנישט געווינען און ס'קענען נאָך אויסברעכן אומרוען, האָט ער גענומען וואַסער, אָפּגעוואַשן זיך די הענט פאַרן המון און גע־זאָגט: איך בין אומשולדיק אין דעם מאַנס בלוט. איר זאָלט עס אליין זען. דער גאַנצער המון האָט געענטפערט: זאָל זיין בלוט פאַלן אויף אונדז און אויף אונדזערע קינדער... פילאַטוס האָט באַפרייט באַראַבאַסן און פלאָגנדיק יעזוסן, אים איבערגעגעבן צו קרייציקן.

איך האָב בכיוון געבראַכט אָט די פולע שוידערלעכע באַשריי־בונג, וואָס איז אַזוי צוגעשפּיצט געוואָרן עס זאָל צעפלאַקערן די פאַנ־טאַזיע פון די קריסטן. וויפל יידיש בלוט איז צוליב דעם פאַרגאָסן געוואָרן דורך די אַלע יאָרן! וויפל שינאה און בלוטדאָרשטיקייט האָבן אָט די ווערטער געזייט און געוואָרן אַ פּרעטעקסט פאַר די אינקווי־זיציעס און פּאָגראָמען!

דאָס מאַקאַברישע פון דער באַשרייבונג מיט איר פּראָוואָצירנ־דיקן נוסח איז נאָך מער ווייטיקדיק, וואָס זי איז פאַרפאַסט געוואָרן פון מתיתן, וועמענס עוואַנגעליע איז, אין תוך, די אַממיינסטנס יידישע פון די אַלע אַנדערע. און ער האָט אַזוי פאַרגעשטעלט די יידן אַלס יעזוסעס מערדער! ער האָט אויך איבערגעשטיגן די אַנדערע עוואַנ־געליע־מחברים אין דער באַמיאונג ריינצוּוואַשן פּילאַטוסן.

אָט דער „קליינער" צוגאָב: יידן זאָלן האָבן אַליין געזאָגט, אַז זיין בלוט זאָל פאַלן „אויף אונדז און אויף אונדזערע קינדער", האָט דאָך געגעבן דעם טשאַרטער פון נייעם טעסטאַמענט אויף די שפּע־טערדיקע טראַגישע יאָרן פאַרן יידישן פאָלק.

פּראָפעסאָר ברענדאָן און אַלע אַנדערע קריסטאָלאָגן וואָס רעווידירן אין זייערע ווערק דעם נייעם טעסטאַמענט־נאַראַטיוו פון דעם היס־טאָרישן משפּט, שטעלן זיך שטאַרק אָפּ אויף דער אַזוי אָפענער טענ־דענץ ריינצוּוואַשן פּילאַטוסן, אים פאַרשטעלן עפּעס ווי אַ לעמעשקע! ער, אין וועמענס הענט עס ליגט דאָס לעבן און טויט פון זיינע אונ־טערטאַנען אין דעם אָקופּירטן לאַנד, דינגט זיך מיט די יידן וואָס האָבן זיך אַנגעזעצט אויפן אומשולדיקן יעזוס. און ער איז נעבעך געווען אַזוי אומבאַהאָלפן קעגן המון, אַז ער האָט באַפרייט דעם קרימינעלן באַנדיט און בונטאָווטשיק־באַראַבאַס און געקרייציקט יעזוסן...

ב

זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעוויזיע פון נייעם טעסטאַמענט דורך די היינטצייטיקע קריסטאָלאָגן, זענען דערשינען אַ ריי ווערק מיט אַ גרינטלעכן אַנאַליז פון יענער צייט, אין ליכט פון דער היסטאָריאָ־

װאָפּיע און לעצטע אױסגראָבונגען. זײ זוכן אױך אַנדערע מקורות — אַ חוץ די קריסטלעכע — װעגן דעם ערשטן יאָרהונדערט. און אױב זײ זענען געװען, פֿאַר װאָס זענען זײ פֿאַרשװונדן געװאָרן? צי האָט נישט אַמאָל אַ געניטע האַנט זײ פֿאַרניכטעט, װײל זײ האָבן נישט געשטימט מיט דעם נאַראַטיװ פֿון נײעם טעסטאַמענט?

אינטריגירנדיק איז אױך די מעשה מיט יאָזעפֿיוס פֿלאַװיוס. ער, דער גרױסער ײדישער היסטאָריקער פֿון יענער צײט, אַ מיטצײטלער פֿון דער גאַנצער יעזוס־געשיכטע; באַזונדערס, װען זײן געשיכטע איז עד היום פֿאַרבליבן דער הױפּט־מקור פֿון די ײדיש־רױמישע באַציאונגען אין אָט דער תּקופֿה. פֿון אים, מער װי פֿון אַנדערע, האָט מען דאָך געקענט דערװאַרטן אַ באַשרײבונג פֿון יעזוסן, פֿון זײן היס־טאָרישן משפּט. איז װאָס װײזט זיך ארױס? אין דעם 18טן באַנד פֿון זײנע — ײדישע אַלטערטימלעכקײטן איז דאָ אַ זאַץ װעגן יעזוסן, װאָס אױב יאָזעפֿיוס זאָל אים האָבן געשריבן האָט ער אַלײן געדאַרפֿט װערן אַ קריסט. מיר װײסן, אַז ער איז דאָס נישט געװאָרן. דעריבער איז געקומען דער אױספֿיר בײ די רעװיזאָרן פֿונעם נײעם טעסטאַמענט, אַז אַ פֿרומער קריסט האָט עס שפּעטער אַרײנגעשטעלט אין יאָזעפֿיוסעס געשיכטע. די פֿראַגע איז נאָר צי דער גאַנצער זאַץ אָדער דער קריסט־לעכער טײל זײנער איז געװאָרן פֿאַבריצירט?

אַלע זענען בײ דער מײנונג, אַז מען קען די שטעלע אין יאָזע־פֿיוסעס בוך נישט אָננעמען פֿאַר אױטענטיש. אגב, איז נאָך אין די אַלטע צײטן ארױסגעקומען דער בישאָף פֿון קסריה עיוזעביוס און אָנ־געװיזן אױף דעם. עס איז װאָרשײנלעך, אַז דאָס װאָס יאָזעפֿיוס זאָל יאָ האָבן געשריבן װעגן יעזוסן איז נישט געפֿאַלן געװאָרן די קריסטן און דעריבער איז ער „קאָרעגירט" געװאָרן אין זײן היינטיקן נוסח. דאָס זאָל האָבן נאָך געשען אין דער צײט פֿון דעם דערמאָנטן בישאָף.

עס איז געװען דאָך גאָר אױפֿפֿאַלנדיק, אַז יאָזעפֿיוס, װאָס איז געגאַנגען אין זײן געשיכטע באַװײזן די רױמער, אַז דער ײדישער קריג קעגן רױם, װאָס איז דורך די בעלי מופֿתים אינספּירירט גע־װאָרן מיט זײערע משיחישע אײנרעדעניש, זאָל נאָך דער אָפּשאַצונג גאָר גײן גלאָריפֿיצירן (װי עס שטײט אין זײן טעקסט) יעזוסן, דעם בעל מופֿת! דער פֿאַקט, אַז קריסטלעכע שרײבערס האָבן אים „אױס־געבעסערט" בכדי צו האָבן אין אים אַ מיטצײטלערישן עד־ראיה פֿון יעזוסעס משיחיזם און תּחית המתים, האָט אױך אַ באַדײטונג אין אַן אַנדער צוזאַמענהאַנג.

אין דער פֿאָרשונג צי עס איז פֿאַרבליבן כראָניק פֿון יעזוסעס משפּט, איז ארױסגעשװומען די מעגלעכקײט פֿון אַן אָפֿיציעלן רױמישן באַריכט. עס איז באַװוּסט, אַז אין װיכטיקע ענינים פֿון יורידישן כאַ־ראַקטער פֿלעגן די גובערנאַטאָרן איבערשיקן באַריכטן צו די אימ־

פּעריאָלע העכסטע געריכטן אין רוים. קוקן די קריסטאָלאָגן אויף אַן אויסטערלישן פאַקט, וואָס אַזאַ באַריכט ווערט ערשט „באַשטעטיקט״ דורכן אימפּעראַטאָר מאַקסימים (311), ווי אַ באַשטאַנדטייל פון זיין פּאָליטיק צו רודפן די קריסטן. ער זאָל האָבן — לויט בישאָפּ עיוזע־ביוסן—געפעלשט פּילאַטוסעס מעמוארן, וועלכע ער האָט געלאָזט ציר־קולירן אפילו צו שולקינדער זיי זאָלן עס לערנען און געדענקען: „יעדן טאָג זאָלן זיי איינחזרן די נעמען פון פּילאַטוס און יעזוסן פון די געפעלשטע מעמוארן בכדי אונדז צו דערנידעריקן״.

דאָס שרייבט דער דערמאָנטער בישאָפּ, וועלכער האָט דורך דעם געזוכט צו דיסקרעדיטירן דעם אָנדענק פון אימפּעראַטאָר מאַקסימים. און ווי באַקאַנט איז ער געוואָרן באַזייטיקט דורך קאָנסטאַנטין — דער ערשטער קריסטלעכער אימפּעראַטאָר פון רוים.

פון אָט דער גאַנצער געשיכטע איז נאָר איינס קלאָר: אויב פּילאַטוס וואָלט יאָ טאַקע אָנגעשריבן אַ גינסטיקן באַריכט וועגן יעזוסן וואָלטן דאָך די קריסטן מיט צופרידנקייט עס פאַרעפנטלעכט, בפרט ווען זיי האָבן באַקומען די מאַכט און איינפלוסן אין רוימישן שטאַט. דערי־בער איז די השערה, אַז דער באַריכט פון פּילאַטוסן איז געווען אַ דורכ־אויס נעגאַטיווער און דערפאַר האָבן אים די קריסטן פאַרניכטעט. וואַר־שיינלעך ערשט אין 4טן יאָרהונדערט, ווען די קירכע איז שוין געוואָרן אַ טריומפירנדיקער כוח און וועלטמאַכט, האָבן דעמאָלט די קריסטן געשאַפן אַ ריי לעגענדעס וועגן פּילאַטוסעס סוף. לויט איין ווערסיע איז פּילאַטוס אין האַרצן גאָר געווען אַ באַהאַלטענער קריסט און זיין ווייב פּראָלאַ איז געוואָרן קאַנאָניזירט אַלס הייליקע...

ד

אין די ראַמען פון אָט דער לענגערער אָפּהאַנדלונג האָב איך נאָך ווייט נישט אויסגענוצט מיין אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל פון קריטיק.

ספּעציעל שטעלן זיך די קריטיקער אָפּ אויף דזשאָנס עוואַנגעליע, וואָס טראָגט גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער, ווי פון זיינע פאַרגייערס. ער איז געווען שוין דער לעצטער פון די מחברים און אוודאי גוט געוווּסט מיט וואָס עס האָט זיך פאַרענדיקט דער יידיש־רוימישער קריג, גיט ער אין זיין נאַראַטיוו אַן אָפּזאָץ וועגן יעזוסן פון אַזאַ פּאָליטישן כאַ־ראַקטער. איך ציטיר: „...זענען זיך צונויפגעקומען די פּרושים מיטן כהן גדול אויף אַ באַראַטונג און געזאָגט: אויב מיר זאָלן (יעזוסן) ווייטער אזוי לאָזן וועט יעדער איינער אין אים גלויבן און די רוי־מער וועלן קומען און פאַרניכטן ביידע: „אונדזער פאָלק און אונדזער הייליקן אָרט. וואָס זאָלן מיר טאָן?״

פון דעם זאַץ איז קלאָר דאָס דזשאָן האָט יאָ געוווּסט, אַז יעזוסעס

אַקטיוויטעטן זענען פון אַ פּאָליטישער סכנה פאַרן פאָלק און לאַנד. ער גיט דאָך אפילו נישט קיין אַנדייט אויף איין אַספּעקט פון אַ רע־ליגיעזן כאַראַקטער, וואָס יעזוס זאָל האָבן געלערנט און געטאָן! און די מורא פון די ידישע פירערס איז געווען, אַז זיין טעטיקייט פון אויפ־רייצן קעגן רוים זאָל נישט דערפירן צו אַן אויפשטאַנד וואָס וועט ברענגען אַ חורבן פאַרן פאָלק און לאַנד.

אויף דער הנחה באַזירט זיך די גרויסע רעוויזיע וואָס גייט אַן אין די ראַדיקאַלע טעאָלאָגיש־קריסטלעכע קרייזן אָפּצוטיילן מיטאָס און לעגענדע פון דער היסטאָרישער וואָר. פאַר אונדז ידן איז די רע־וויזיע זיכער אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג, און זייער אַ וויכטיקע פון יעדן אַספּעקט, וועגן אַ משפט, אַזאַ גיגאַנטיש־היסטאָרישער, אויף וועלכן די קריסטלעכע וועלט האָט דורך די 2000 יאָר אויפגעבויט דעם ידישן פאָלק אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק און פאַראורטיילט אים אויף אַזאַ שוידערלעכן אופן!

✶

די לייענער פון מיין אָפּהאַנדלונג וועלכע ווילן פאָרשן און פאַר־טיפן זייערע ידיעות וועגן דער אַ־גורלדיקער היסטאָרישער תקופה מיט אַלע אירע געשעענישן און קאָנסעקווענצן; באַזונדערס דעם אור־קריסטנ־טום אין ליכט פון דער רעוויזיע, וואָס עס פירן דורך די ראַדיקאַלע טעאָלאָגן אין די לעצטע יאָרן, רעקאָמענדיר איך צו לייענען די פאָלגנ־דיקע ווערק אויף וועלכע עס שטיצט זיך מיין אַרבעט.

ביבליאָגראַפיע

קאַלין קראַס „ווער איז געווען יעזוס?"

י. מ. ראָבערטסאָן „דער היסטאָרישער יעזוס?"

פּאול ווינטער „וועגן יעזוסעס משפּט"

ה. י. שאָנפילד „די פּסחדיקע אינטריגע"

געזאַ ווערמעס „יעזוס דער ייד"

ס. ג. פ. ברענדאָן „דאָס פאַלן פון ירושלים און די קריסטלעכע קירכע"

יאָעל קאַרמייקל „יעזוסעס טויט"

חיים כהן „דער משפּט און טויט פון יעזוסן"

עריך פאָן דעניקענס „ניסים פון די געטער"

בײשאָפּ דזשאָן ראָבינסאָנס „אָבער דאָס קען איך נישט גלייבן"
און „ערלעך צו גאָט"

„ישראל — אַן עכאָ פון אייביקייט"

ד"ר אברהם יהושע העשל טיילט זיך אויס אין זיינע שריפטן מיט דעם טיפערן אַטעם פון זיין מחשבה אין די אַרומנעמענדיקע יידישע ספירות און ספערן. נאָך מיט יאָרן צוריק האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג זיין גרויס־פאַרטיפטע אָפּהאַנדלונג אין די ייוואָ־בלעטער וועגן דער „מזרח־אייראָפּעאישער תקופה אין דער יידישער געשיכטע". די אַנאַלאָגיע וואָס ער האָט דורכגעפירט צווישן דעם ספרדישן און אַשכנזישן יידנטום איז געווען באַגרינדעט און אילוסטרירט מיט בקיאות און אַנאַליטישער שלימותדיקייט.

ד"ר א. י. העשלס בוך „ישראל — אַן עכאָ פון אייביקייט" איז אויך געשריבן מיט אַ טיפערן אָטעם און פאַרנעם וועגן דער אומפאַרענדיקטער דראַמע פון ירושלים־של־מעלה. א. י. העשל איז געווען פּראָפעסאָר פון עטיקס און מיסטיציזם אין יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק. נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס אין דעם בוך זענען די עלעמענטן פאַרטראַטן אויף אַ גאַנץ אַנזעעוודיקן אופן אַרום דער סימבאָליק פון הר־סיני, הר־מוריה, די עקדה, די לוחות, און בכלל אַרום דער אַלעגאָריזירונג פון תנ"ך.

ער האָט אויף אַ גלאַנצפולן אופן באַהאַנדלט די אויסשטראַלונג פון ירושלים־של־מעלה אין דער יידישער, ווי אין דער אַלגעמיינער וועלט־געשיכטע, מאַניפעסטירנדיק פאַר דער וועלט די אומשטערבלעכקייט פון ווערטער, וואָס שטיצן זיך אויף אַ מאָראַלישער סובסטאַנץ. אַ קליין פאָלק, פאַרפאָלגט און צעשפּרייט איבער אַלע וועלט־טיילן, האָט בשום אופן נישט געוואָלט אויפגעבן זיין טרוים צו געוווינען אויטענטישקייט, צאָלנדיק מיט שווערע, מאַרטיראָלאָגישע צינזן פאַר זיין זעלבסטשטענדיקער אידענטיטעט. מיר ווייסן, אַז אין די אַלטע יידישע ספרים האָט מען געזוכט אַן ענטפער פאַרוואָס יידן זענען אַזוי פאַרפאָלגט געוואָרן און דער מחבר פון „שבט יהודה" האָט זיך אויסגעדריקט, אַז יידן און יידישקייט זענען ווי אַ לייכטנדיקער פאַקל, וואָס ברענט זיך אויס אין פייער, אָבער באַלייכט דעם וועג פאַר אַנדערע. אָט דאָס ליכט אַנטפּלעקט זיך אין דער יידישער געשיכטע.

ד"ר העשל אַנאַליזירט יידישע געשיכטע דורך אַן אַנדער דימענסיע, ריכטיקער — דורך אַ פּאָר דימענסיעס. יידישע אויטענטישקייט

(יודאַיזם) האָט זיך מאַניפעסטירט נישט ווי סתם אַן אַמאַלגאַם פון נאַציאָנאַלע קאָנצעפּציעס, מאָראַל און ריטועלע חוקים, נאָר ווי אַ צענט־ראַלע אידיי פון יידישער דערקענטעניש און יידישן דענקען נישט צו זען די וועלט דורך איין פּערספּעקטיוו אין דער אויסמעסטונג פון רעאַליטעט. ווי אַ תורת־חיים איז יידישקייט פון איין זייט געווען פאַרבונדן מיט די רעאַלע לעבנס־תנאים פון דער געגעבענער תקופה און פון דער צווייטער זייט האָט יידישקייט געלעבט מיט דער אינ־טואיטיווער וויזיע פון אַ צוקונפט באַהויכט דורך נביאישע זעאונגען און בטחון. דער הויפּט־כוח איז געלעגן אין דער קוואַליטעט פון אַט דעם פּראָפעטישן בטחון אין דעם באחרית הימים.

אַ יחיד, אַ פּשיטאַ שוין אַ פאָלק, קען נישט לעבן אָן אַ צוקונפט־פּערספּעקטיוו, פּונקט ווי ער קען נישט לעבן אָן אַן עבר. דער צוזאָג פון אַ צוקונפט האָט ערשט געגעבן אַ זין דער יידיש־געשיכטלעכער דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער וועלטבינע, אין פאַר־שידענע דימענסיעס און פאַזעס, באַגלייט פון פאַרצווייפלונג און בטחון. די ביידע עלעמענטן האָבן געאַנקערט אינעם זכרון פון יידישער געשיכטע. אַ מענטש קען פאַרגעסן. געשיכטע געדענקט. אין דעם זכרון פון גע־שיכטע קומט פאָר דער צוזאַמענטרעף פון אייביקן מיטן צייטווייליקן. הגם דאָס צייטווייליקע (פון דער קעגנוואַרט) וואַרפט זעלטן אַ טיפערער שיין אויפן היסטאָרישן זין פון אַט דעם צוזאַמענטרעף, ווייזט עס אָבער, אַז געשיכטע איז עפּעס נישט סתם אַ קייט פון אומפאַרבונדענע פאַסירונגען. ווער עס דרינגט אַריין טיפער, דערזעט אין זיי דימענ־סיעס מיט אַ באַהאַלטענער קראַפט, וואָס באַוועגן זיך שווייגנדיק, מיט אַ שטילן עכאָ פון דערמאָנונג.

אַט דעם עכאָ פון דערמאָנונג אין דער אייביקייט, זעט דער מחבר אין דער געשיכטע פון עם ישראל, אָנהייבנדיק פון זיין פּרעליוד אין אַלטן עבר ביז היינט צו טאָג. ער אַנאַליזירט די צוויי פּערספּעק־טיוון און דימענסיעס — די ראַציאָנעלע און פּראָפעטישע — וואָס האָבן באַגלייט אונדזער געשיכטע אין פאַרשידענע תקופות. די ראַ־ציאָנעלע — האָט אין איר היסטאָריש־רעאַליסטישן צוגאַנג באַטאָנט די קאָנקרעטקייט פון זאַכן, פון ווערטן און פון מענטשלעכער אויפ־פירונג. משיחיזם, גאולה, האָט באַדייט פּאָליטישע באַפרייאונג, אַראָפּ־וואַרפן פון זיך דעם פרעמדן יאָך דורך פּאָליטישן קאַמף און סטראַ־טעגישער טאַקטיק.

די פּראָפעטישע, אָדער אַפּאָקאַליפּטישע פּערספּעקטיוו, האָט דעפי־נירט די משיחישע גאולה־אידיי ווי אַ ראַדיקאַלע טראַנספאָרמאַציע פון דער וועלט, פון דער מענטשלעכער נאַטור און חיה. זי האָט באַטראַכט געשיכטלעכע מאָמענטן און געשעענישן, ווי אומבאַשרייבלעך־פּאַ־ראַדאָקסאַלע, אין ניסימדיקע טראַנסצענדענטאַלע טערמינען. קלאָר

אַז אין זייערע פאַרשידנאַרטיקע דימענסיעס, האָט די ערשטע גזעזען די וועלט פון דער ערדיש־רעאַליסטישער זייט, די צווייטע — פון אַ הימלישער הויך. ביידע פערספעקטיוון האָבן אין געוויסע צייט־אָפּשניטן זיך באַגעגנט און זיך געגעבן שלום. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די גייסטיקע פּערספעקטיוו אָן דער פּאָליטישער איז — בלינד. די פּאָליטישע אָן דער גייסטיקער איז — טויב.

פון די צענטראַלע פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען, גייט דער מחבר אַריבער צו דעם אַקטועלן ישראל־פּראָבלעם. ער שטעלט זיך אָפּ אויף „די היסטאָרישע רעכט" און גיט אויף דער מאָנונג אַזאַ דעפיניציע: „עס וואָלט די גאַנצע וועלט־מאַפּע געדאַרפט איבערגעמאַכט ווערן (ביים אָנווענדן דעם פּרינציפּ פון „היסטאָרישע רעכט" — י. ק.) און עס וואָלט געוועזן יענער כאַאָס". ער גיט אָבער באַלד צו: — שטייט דען אָבער אַזאַ פראַגע פאַר דער וועלט? פאָדערן דען די אַראַבער צוריקקערן זיך קיין אַנדאַלוזיע און שפּאַניע? ניין, ווייל פאַר זיי הענגט נישט אָפּ זייער צוקונפט פון באַזעצן זיך צוריק אין זייערע אַמאָליקע ווינקלענדער. עס איז נישט פאַר זיי אַ פראַגע פון לעבן און טויט, ווי עס איז פאַר די ייִדן. מיט רעכט ווייזט אָן ד"ר העשל, אַז די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע איז פול מיט פעלקער־וואַנדערונגען פון איין לאַנד אין אַ צווייטן, געצוווּנגען אָדער פרייוויליק, וווּ זיי האָבן געפונען אַ נייעם באַדן אין וועלכן זיי האָבן געשלאָגן טיפע וואָרצלען און פאַר־לאָרן די זכרונות פון די פריערדיקע היימען. אָן אויסנאַם — איז דאָס ייִדישע פאָלק, וואָס האָט קיינמאָל נישט אויפגעגעבן ציון אין זיין ליטורגיע און האָפענונגען. אַלע אַנדערע פעלקער וואָס האָבן דער־אָבערט ציון (די רוימער, ביזאַנטיגער, אַראַבער, קורדן, מאַנגאָלן, מאַמ־ליקס, טאַרטאַרן, טערקן) האָבן געענדיקט מיט אַ דורכפאַל יעדן פּרווו פון זייער ציוויליזאַציע. פון די אַלע אינוואַזיעס איז דאָרט קיין פאָלק נישט געשאַפן געוואָרן, ווי ס'איז געשען מיטן ייִדישן פאָלק.

די פּלוגתא וועגן דעם „תנ"ך־טשאַרטער" האָט שוין אַ היפּשע ליטעראַטור און ד"ר העשל קען שוין זיכער דאָ גאָרנישט מחדש זיין פון דער פּראָבלעמאַטישער זייט. עס איז אָבער יאָ אויפן אָרט צו באַ־מערקן דאָ, אַז גראָד ישראלים־אינטעלעקטואַלן האָבן אין אַ לענגערן וויכוח אַרום „די היסטאָרישע רעכט" שטאַרק אָפּגעפרעגט אָט די היס־טאָרישע מאָנונג. כ'וועל נאָר אָנרופן איין נאָמען, ד"ר שמעון שמיר (פּראָפעסאָר אין תל־אביבער אוניווערסיטעט פאַר ענינים פון מיטעלן מזרח און אַפריקע) — איינער פון די וואָס באַטראַכטן די היסטאָרישע רעכט פון די ייִדן און פון די אַראַבער „ווי אַ גוראַנגל צווישן צוויי גערעכטיקייטן", וואָס קלאַמערן זיך אין איין באָדן — און ביידע האָבן גאָר וואָגיקע טענות...

אין די ראַמען פון דער אָפּשאַצונג גייט נישט אַריין די פּאָלי־

טישע זייט פון דעם ישראל־אַראַבישן פּראָבלעם, וואָס איז אַזוי בלוי־טיק־אַקטועל נישט נאָר אין דער יידישער וועלט, נאָר אין דער וועלט־פּאָליטיק בכלל. אין ד״ר העשלס בוך קומען נישט צום אויסדרוק די אַקטועלע פּאָליטישע פּראָבלעמען ארום מדינת ישראל, נאָר די אייביקייטס־פראַגן פון העברען תכלית. דער מחבר האָט אין צענטער פון ווערק אַוועקגעשטעלט די עטישע און מיסטישע ווערטן פון ירושלים־של־מעלה אין אַ קאָנפראָנטאַציע מיט אומבאַשרייבלעכע באַרבאַריזמען פון אויפגעשטאַנענע מאָנסטערס.

די וועלט לעבט דורך אַ גרויסן מאָראַלישן קריזיס — אַ מאַסן־דעהומאַניזאַציע—פון וועלכער זי קען נישט קומען צו זיך. ער ברענגט אַ גלענצנדיקע אילוסטראַציע פון די היטלעריסטישע יאָרן נאָך פאַרן קריג, מיט דעם מאָדערנעם פּענאָמען פון אונדזער צייט — די יידישע פּליטים פאַר וועלכע די טויערן פון אַלע קאָנטינענטן זענען פאַר־קלאַפּט געוואָרן. געעפנט האָט מען נאָר: — די טויערן פון די אויס־ראָטונגס־לאַגערן... ער דערמאָנט דעם דורכפאַל פון דער עוויאַנער קאָנפערענץ און באַמערקט דערביי דאָס אומבאַגרייפלעך־טראַגישע פון יענער צייט: — דאָס אָפּזאָגן אַזיל־רעכט די פאַרפאָלגטע צוליב פּאָליטישע און רעליגיעזע סיבות. ענלעכס, באַטאָנט דער מחבר, איז נישט באַקאַנט אין דער געשיכטע! אַפילו אין דעם פינצטערן מיטל־עלטער האָבן די יידן פון שפּאַניע באַקומען אַ מקום מיקלט אין דער מוסלמאַנישער אימפּעריע, אין האָלאַנד. די פאַרפאָלגטע הוגענאָטן פון פראַנקרייך האָבן געהאַט פאר זיך אויך אָפענע טויערן אין די קאָ־לאָניעס פון דער נייער וועלט. דאָ זעט זיך אַזוי בולט, ווי ווייט די וועלט איז געוואָרן צוריקגעשטאַנען, באַרבאַריש, אין פאַרגלייך צום מיטלעלטער.

דער מאָראַלישער קריזיס איז אויך אין דער יידישער וועלט, און ד״ר העשל באַהאַנדלט דעם גייסטיקן קריזיס דורך אַ ריי ביי־שפּילן, אָנווייזנדיק, אַז דער קריזיס פון יידישקייט איז טיפער, ווי עס מיינט אונדזער אָרטאָדאָקסיע. אפילו ווען אַלע וואָלטן שוין יאָ אָפּגעהיט די תרי״ג מצוות, וואָלט דאָך אויך געשטאַנען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט דאָס פּראָבלעם פון היינט־צייטיקער עטיק: „קענען דען מנהגים, צערעמאָניאַלן זיין בכוח קעגנצווווירקן די אַלגעמיינע דעהו־מאַניזאַציע?״ און אַז מען לערנט שוין אין בית־המדרש און מען רעדט עברית און מען היט אָפּ טראַדיציעס מיט אַלע דינים — קען דאָס פאַרטרעטן דאָס מאַסיווע אָפּטויטן פון הארץ?״ — — — — — — —

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט בלויז אויף די הויפּט־פּרקים פון ד״ר העשלס ווערק, וואָס איז מלא וגדיש מיט ציטאַטן פון תנ״ך, און פאַרטיפטער מחשבה.

ר׳ יהודה הלוי —
אין רעטראָספּעקט פון אַ 900 יאָר

א

אין דער יידישער קולטור־וועלט האָט מען לעצטנס אָפּגעצייכנט דעם 900־יאָריקן געבוירן־טאָג פונעם באַרימטן נאַציאָנאַלן דיכטער און דענקער יהודה הלוי. פאַרשטענדלעך, אַז קיין גענויע מעטריקע־דאַטע פון זיין געבורט איז נישטאָ, מען איז זיך משער, אַז דאָס איז געווען צווישן 1075 און 1085. נישט נאָר די דאַטע פון זיין געבורט שטייט אונטער אַ פראַגע־צייכן, אויך וועגן דער שטאָט זענען פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען. עס איז געווען אָנגענומען טאָלעדאָ, האָבן אַנדערע גאָר אָנגעוויזן אויף טודעלע, איינע פון די שטעט וואָס האָבן דאַן געהערט צו דער סאַראַגאָסאָ מדינה.

די שטאָט און זיין געבורט־דאַטע איז אָבער פון אַ קלענערער וויכטיקייט אין פאַרגלייך צו אַנדערע ביאָגראַפישע פאַקטאָרן, ווי זיין דערציאונג: אין תלמוד, אין וועלטלעכער ליטעראַטור און וויסנשאַפט; די קולטור־אַטמאָספער פון זיין יוגנט אין זיין היימשטאָט און זיינע רייזעס איבער קאַסטיליע מיט איר הויפּט־שטאָט טאָלעדאָ (דעריבער נעמט זיך וואָס אייניקע פון זיינע לידער האָט יהודה הלוי באַצייכנט אַלס קאַסטיליאַנער).

אַ גרויסער טייל פון זיינע לידער באַזינגען די גוטע מעלות פון געוויסע פּערזאָנען, און דאָס איז טאַקע געווען דער מנהג אין יענע צייטן, אויסקלייבן אַ פּערזאָן און אים באַערן מיט אַ ליד ספּעציעל געשריבן לכבוד אים. געוויינלעך פלעגן אַזעלכע לידער געלייענט ווערן אין די קרייזן ווו דער פּערזאָן איז יאָ געווען — טייל מאָל נישט — אַנוועזנד ביים לייענען, אָבער ער איז געווען באַקאַנט אין דעם קרייז.

איינער פון די וועמען יהודה הלוי האָט געווידמעט זיינס אַ גרעסער ליד און אויסגערעכנט אַלע זיינע גרויסע מעלות, איז געווען דער דיכטער משה אבן עזרא, וועלכן יהודה הלוי האָט דאַן געזוכט צו באַקענען. ווי דער מנהג איז געווען, איז ווי אַן ענטפער געקומען אַ באַגייסטערט ליד מצד משה אבן עזרא פאַר הלוין, מיט אַ פאַרבעטונג

צו קומען קיין גראַנאַדע. יהודה הלוי האָט עס אויסגענוצט און איז אין גראַנאַדע איינגעשטאַנען ביי דער אבן־עזרא־משפחה, וואָס איז באַשטאַנען פון פיר ברידער: משה, יצחק, יהודה און יוסף. זיי זענען געווען זייער פאַרמעגלעך און געהאַט גוטע פאַרבינדונגען מיט די אַראַבישע מושלים.

יהודה הלוי האָט פון משה אבן עזרא געלערנט בעסער צו באַהערשן די טעכניק פון ליד, וואָס איז טאַקע נאָך דעם באַזוך געוואָרן ביי אים קינסטלעריש מער רייפער. ער האָט אָנגעהויבן אַרומפאָרן איבער די שכנותדיקע ישובים: קאָרדאָווע, סעווילע און אַנדערע שטעט, ווו ער האָט זיך נעענטער באַקענט מיט די אָרטיקע ליטעראַרישע קרייזן. ער האָט די נייע פריינד — אין פאָרם פון בריוו — געווידמעט לידער. פון דעם זענען אַנטשטאַנען זיינע ציקלען פריינדשאַפט־לידער (שירי ידידות), ליבע־לידער, וויין־לידער, בלומען־לידער.

אַזוי זענען דורכגעגאַנגען יהודה הלויס גליקלעכסטע יוגנט־יאָרן אין דער שיינער אַנדאַלוזע. זיי האָבן זיך אָבער געענדיקט מיטן אָנקומען פון די אַלמאָראַווידן, פון וועלכע די יידן האָבן דאַן געהאַט אַ סך אויסצושטיין. און וועגן די שווערע נסיונות דערציילט אונדז משה אבן עזרא אין זיינס אַ ליד.

יהודה הלוי איז פון זיי אַנטלאָפן אין די קריסטלעכע געגנטן, דער עיקר אין טאָלעדאָ. אין יענער צייט זענען גראָד די קריסטלעכע קעניגן געווען די פּראָטעזשירערס פון די געפּלאָגטע יידן. עס איז מעגלעך, אז זיי האָבן דורך די יידן געזוכט בעסערע מעגלעכקייטן צו קענען באַהערשן די ניי־דערוואָרבענע געביטן. יידן האָבן זיך דעריבער באַזעצט אין קאַסטיליע ווו אַ באַדייטנדיקער טייל האָט פאַרנומען גאַנץ וויכטיקע אַמטן אין קעניגלעכן הויף.

בעת אָט די געשעענישן איז יהודה הלוי אַלט געווען 20 יאָר. אין דעם יונגן בחור האָט זיי גורם געווען אַ גייסטיקן איבערברוך. ס'האָט זיך געענדערט לחלוטין זיין גייסטיקער האָריזאָנט און די טעמאַטיק זיינע איז פאַרטיפט געוואָרן. ער איז ערנסטער געוואָרן, מער רעליגיעז, און זיין ליד איז באַהויכט געוואָרן מיטן תנ"ך־נוסח. פון באַרוף זייענדיק אַ דאָקטער, קלאָגט ער זיך פאַר זיינע פריינד, וואָס ער מוז אַ גאַנצן טאָג באַשעפטיקן זיך מיט מעדיצין וואָס באַשווערט אים דאָס לעבן.

צו יענער צייט איז אין די קריסטלעכע ראַיאָנען געוואָרן מער אומרואיק ווי אין די אַראַבישע, דעריבער קערט ער זיך צוריק אום קיין קאָרדאָווע, אונטער דער הערשאַפט פון די אַראַבער, טרעפט זיך דאָרט מיט זיינע פריינד, פאַרברענגט מיט זיי, אָבער ער קען שוין מער נישט איינזיצן אויף אַן אָרט און וואַנדערט וויטער אין די

אַרומיקע געגנטן. אָבער ענדלעך האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין קאָרדאָווע, ווו ער האָט געהאַט פריינדשאַפטלעכע באַציאונגען מיט די געלערנטע יידן און דיכטער פון זיין דור.

יהודה הלוי שרייבט דאָן אַ סך און זיין טעמאַטיק לאָזט זיך קוואַ־ליפיצירן אויף מאָטיוון פון אמונה, פילאָזאָפיע, עטיק און משיחיזם. צוליב דעם טראַגישן יידישן גורל אין יענע יאָרן, זענען משיח־שטי־מונגען שטאַרק פאַרשפרייט. אַ געוויסער משה דראַי דערקלערט זיך אַלס משיח (1130) און צוזאַמען מיט אַנדערע יידן ווערט אויך יהודה הלוי פאַרכאַפּט פון די משיח־שטימונגען, ער מאַכט דורך צוזאַמען מיט זיי די שפּעטערדיקע אַנטוישונג, ווען דער צוזאָג פון דעם משיח צו באַפרייען די יידן פון פרעמדן יאָך, ווייזט זיך אַרויס פאַר פאַלש.

פון הויכקייט, אַז מען פאַלט איז דער קלאַפּ זייער אַ שטאַרקער. יהודה הלוי האָט דערזען ווי ס'האָט אַרומגעכאַפּט די יידן שפלות־שטימונגען און צעפאַלונג, דאָס פירט אים צו פאַרטיפן זיך איבער דעם מהות פון ייד־זיין, צו פאַרטיידיקן די יידישע אמונה פון אירע אויסלאַכערס און פאַרפאַלגערס און פון דער־דאַן־הערשנדיקער גאָוהדיקער פילאָזאָפיע. יהודה הלוי שרייבט אָן זיין באַרימט ווערק דער כוזרי, אין וועלכן ער פאַרטיידיקט מיט דער שטאַרקסטער אַרגומענטאַציע דעם יידישן כבוד.

דורך אָט דעם ווערק האָט ער געזוכט צו וועקן דעם יידישן נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין און געפיל. אין יענער צייט פון יאוש און ירידה ביי יידן איז דאָס געווען ממש אַ לעבנס־נויטווענדיקייט פאַר זיינע יידישע מיטצייטלער וועלכע ער האָט געמונטערט און גערופן זיך נישט מייאש צו זיין. און פונקט ווי די יידישע דיכטער נאָכן חורבן בית שלישי האָבן אין זייער שאַפן ארויסגעהויבן זייערע טענות צום רבש״ע פאַר וואָס ער האָט פאַרלאָזן זיין פאָלק בעת דעם היטלער־חורבן, זענען די זעלבע טענות אויך אַרויסגערוקט געוואָרן דורך יהודה הלוי צום באַשעפער. אָבער גלייכצייטיק ברענגט ער אויך טרייסט צו די יידן, אַז נישט אייביק וועט זיין אַזוי שלעכט און זיי וועלן נאָך זוכה זיין צו געניסן פון אַ סך פרייד און גליק.

מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז יהודה הלוי איז געווען דער ערשטער וואָס האָט, אַזוי צו זאָגן, פאַרן יידישן קיום אין גלות געגעבן אַן אידעאָלאָגיש־טעאָרעטישע באַגרינדונג. ער דערקלערט עס אויף אַ פשוטן אופן: יעדעס פאָלק וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד איז אומגעקומען. אָבער נישט דאָס יידישע פאָלק, מחמת זיין קיום שטיצט זיך נישט אויף מאַטעריעלע גיטער, נאָר אויף אַ גייס־טיקן פּרינציפּ. ווו די יידן זאָלן נאָר נישט לעבן, צו וועלכן דור זיי זאָלן נישט געהערן, זענען זיי פאַרבונדן מיט דער זעלבער היסטאָרישער דערפאַרונג.

ער זוכט אויך צו דערקלערן אויף אַ פּשוטן אופן די סיבה פאַר וואָס דאָס יידישע פאָלק קומט אויס צו ליידן מער פון אַנדערע. יהודה הלוי האָט מיט זיין געפיל און באַוווסטזיין באַשטראַלט דעם קיום פון פאָלק — פון ייד־זיין — מיט אַ גייסטיקן נערוו, וואָס פאַרבינדט דורות יידן דורך אַ מיסטעריעזן יסוד, וואָס מען קען מיט לאָגיק און מיט די געוויינלעכע חושים נישט באַנעמען, אָבער מיר שפּירן, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ געהיימער בונד, וואָס ציט זיך פון אברהם אבינו אַן עד סוף כל הדורות. נאָך איידער אַ ייד ווערט געבוירן אויף דער וועלט, האָט ער שוין געהאַט פאַרבינדונגען מיט פיל אַנדערע דורות און מיט אַ סך פריערדיקע ערטער.

דאָס ווערט אונטערגעשטראָכן פאַרן כוזרי דורכן „חבר״, דורך וועלכן דער מחבר ברענגט ארויס זיין פאָלקס־באַוווּסטזיין דורך אַ מין מעטאַפיזישער סובסטאַנץ, דערקלערנדיק, אַז אַלץ וואָס האָט גע־טראָפן מיט יידישן פאָלק פון יציאת מצרים ביז אים, האָט ער עס אַליין דורכגעמאַכט (דאָס ווינקט זיך איבער מיט דעם וואָס מיר הערן היינט זאָגן אַ וועלטלעכן ייד, אַז אַלע יידישע דורות זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני, און זיי זענען אויך געווען אין אוישוויץ מיט אַ דריי טויזנט יאָר שפּעטער).

יהודה הלוי האָט געזוכט צו געבן אַ יידישן באַוווסטזיין דער יידישער רעאַליטעט, און, ווי דערמאָנט, איז ער געווען דער ערשטער באַגרינדער פון אָט דעם באַוווסטזיין מיט אַ ניין הונדערט יאָר צוריק. ער האָט באַטאָנט, אַז יידן זענען נישט בלויז געבונדן דורך איין רעליגיע, נאָר אויך דורך איין נאַציאָנאַלער קולטור און דורך איין געשיכטלעכער דערפאַרונג. דאָס אַלץ צוזאַמען מאַכט זיי פאַר אַ באַזונדער פּסיכאָלאָגיש־אייגנאַרטיקן קאָלעקטיוו, וואָס האָט באַ־קומען אַ יידיש־מעטאַפיזישן זין. דורך אָט דער פאָרמולירטער דער־קענטעניש־פילאָזאָפיע, אויפן יסוד פון א בשותפותדיקן געפיל (פּער־צעפּציע) און דורך אינטואיציע — דורך וויזיע צוזאַמען מיט דער פּער־צעפּציע, וואָס עס גיבן אונדז די חושים, זעען מיר דאָס פולע בילד, — נישט די באַזונדערע אותיות, נאָר דאָס גאַנצע וואָרט; נישט דאָס האָלץ, נאָר דעם טיש.

אין אַ היינטיקער ענגלישער טערמינאָלאָגיע וואָלט מען עס באַ־צייכנט: „קאָמאָן סענס״, דורך וועלכן עס ווערן צענטראַליזירט אַלע אונדזערע עמפּינדונגען און פון זיי פורעמט זיך אויס אַ נייער אייגנאַרטיקער געפיל. די אוממיטלבאַרע דערקענטעניש מאַכט פון פילהייטן אַן איינהייט. מחמת דאָס וואָס עס גיט אונדז אינטואיציע (חוש הנסתר) קען נישט געטיילט ווערן.

מיט אָט דער אויפפאַסונג האָט יהודה הלוי באַוויזן צו זיין איי־

נער פון די פאַרגייערס פון אונדזערע היינטצייטיקע דענקערס, וואָס בויען אויף דעם יסוד פון אינטואיטיווער התגלות.

וואָס שייך דעם פרייען ווילן (בחירת חפשית) קען דער מענטש אויסקלייבן זיין האַנדלונג, וואָרום אויב דער מענטש זאָל עס נישט קענען טאָן, וואָלט דאָך נישט געווען קיין חילוק צווישן צדיק און רשע, ווייל ביידע וואָלטן דאָך געטאָן דאָס וואָס איז פאַר זיי פריער באַשטימט געוואָרן, און דעריבער וואָלט מען נאָך מער געדאַרפט רחמנות האָבן אויפן רשע ווי אויפן צדיק, מחמת ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פון באַשעפער צו זיין א רשע. אויך אַט די אויפפאַסונג פּאַסט זיך גוט אריין אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע וועגן פרייען ווילן און דעטערמיניזם — דער מענטש איז פריי אין זיין אויסוואַל, אָבער אין דער זעלבער צייט איז ער שטרענג געבונדן צו די נויטוועדיקייטן (דעטערמיניזם). אמת, אז מיר האָבן נישט די פעאיקייט דאָס לעצטע צו דערקענען, דעריבער זעען מיר בלויז די פרייהייט און נישט די נויטוועדיקייט (אויך שפּינאָזע האָט געזאָגט, אַז ווען דער שטיין וואָס מיר וואַרפן וואָלט געקענט דענקען, וואָלטן מיר באַטראַכט זיין שפּרונג פאַר אַ פרייער האַנדלונג).

עס ליגט אין דעם מענטשנס נאַטור זיך צו באַטראַכטן פריי אין זיין האַנדלונג. אין דעם איז דאָ די אילוזיע פון פרייהייט. מיר זענען אי פריי, זאָגט יהודה הלוי, אי דעטערמינירט אין אונדזערע האַנדלונגען (און אין דעם גלויבט דאָך אַנרי בערגסאָן). דער אונטערשייד צווישן יהודה הלוי און די מאָדערנע דענקערס באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט זיינע פילאָזאָפישע באַגריפן נישט סיסטעמאַטיזירט בכדי עס ווי געהעריק צו באַגרינדן.

פאַרשטייען מיר דאָך אונטער פילאָזאָפיע פאַרענדיקטע סיס־טעמען און דאָס האָט יהודה הלוי נישט באַוויזן. זיינע פילאָזאָפישע באַ־גריפן זענען צעוואָרפן איבערן ווערק און קומען אַרויס נאָר ווי זייטיקע באַמערקונגען.

דער כוזרי איז איינס פון די מערקווירדיקסטע ווערק פון דער יידישער מיטלעלטערלעכער ליטעראַטור, בעת דער שפּאַניש־אַראַבישער תקופה. יידן אין שפּאַניע האָבן געשפּילט אַ הויפּטראָל אין אַט דער תקופה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן בערך אַ פינף הונדערט יאָר. זיי האָבן באַרייכערט די גייסטיקע שאַפונגען פון דער שפּאַניש־אַראַבישער קול־טור דורך אַריינפירן אין איר די גרויסע גריכישע דענקער, פּלאַטאָ און אַריסטאָטעל. יידן האָבן זייערע פילאָזאָפישע שאַפונגען איבערגע־זעצט אין אַראַבישן לשון — בכלל זענען אין יענער צייט ס׳רוב די איבערזעצערס פון אַנדערע לשונות געווען נאָר יידן — און זיי האָבן גאָר שטאַרק משפּיע געווען די אויסשפּרייטונג פון דער אַראַבישער קולטור־ספערע. יידן האָבן טאַקע אַ סך צושטייער געגעבן דער אַראַ־

בישער קולטור, אָבער אויך פון איר געגנומען, בעיקר פון איר פּאָעזיע. דאָס האָבן דאָך די יידישע פּאָעטן געלערנט פון דער אַראַבישער פּאָעזיע די טעכנישע כללים פון מעטריק און גראַמען, אַדאַפּטירט אויך די טעמאַטיק (און דאָס עראָטישע — רעליגיעז באַפאַרבט).

אָבער גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער איז יהודה הלויס ספר הכוזרי.

אין דעם אַריינפיר צום כוזרי שרייבט ער: „מ'האָט מיך געפרעגט וואָס פאַר אַ טענות און ענטפערס האָב איך קעגן די וואָס פאַרלייקענען אונדזער דת; סיי די וואָס ציען זיך נאָך דער פילאָסאָפיע; סיי פון די אַפּיקורסים ביי יידן און אויך פון די וואָס גלייבן אין אַנדערע רעליגיעס. וויל איך זאָגן, אַז כ'האָב זיך דערמאָנט אין עפּעס, וואָס כ'האָב געהערט נישט לאַנג צוריק אַרום די טענות וואָס דער „חבר" (געמיינט דאָ: אַ קאָלעגע פון אונדזערע תלמידי חכמים — י.ק.) האָט אַרויסגעבראַכט מיט וואָסערע פיר הונדערט יאָר צוריק פאַר דעם מלך פון די כוזרים וועגן דער אמונה אונדזערער. און זיינע אַרגומענטן האָבן משפיע געווען דעם קעניג ער זאָל אָננעמען דעם יידישן דת, און די זאַך איז באַוווּסט, מחמת ס'איז פאַרשריבן אין די היסטאָריע־ביכער וועגן דער כוזרים־מלוכה" (באַמערקונג: די מלוכה פון די כוזרים, וואָס האָט זיך געצויגן אויף דעם שטח צווישן די טייכן וואָלגע און דאָן, זאָל משמעות האָבן אין יאָר 740 אָנגענומען די יידישע אמונה דורך אַ פייערלעכן אַקט, לויט א כוזריש־יידישער מסורה).

יהודה הלוי האָט דראַמאַטיזירט אין כוזרי, ווי אַזוי דאָס איז געשען: דער מלך האָט געהאַט חלומות, ווען ס'פלעגט קומען א מלאך און געזאָגט צו אים, אַז זיינע מעשים זענען נישט באַוויליקט אין גאָטס אויגן, כאָטש ער היט פרום אָפּ אַלע מצוות פון דער כוזרים־אמונה.

האָט דער מלך אָנגעהויבן פאָרשן די אַלע אמונהס און דעות, ביז אין סוף האָט ער זיך מגייר געווען און מיט אים אויך אַ סך פון כוזרים פאָלק.

אָבער פריער האָט ער געשיקט רופן די פאָרשטייערס פון די דריי מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס און אַ פילאָזאָף זיי זאָלן פאַר אים מסביר זיין זייערע מיינונגען וועגן גאָטהייט, אמונה, און נאָכן באַקענען זיך מיט זייערע טענות וועט ער דעמאָלט ערשט באַשליסן וועלכע פון זיין איז די ריכטיקסטע.

צו ערשט האָט ער אויסגעהערט דעם פילאָסאָף, נאָך דעם — דעם קריסטלעכן פאָרשטייער און דעם איסלאַמישן. לסוף — מחמת די פריערדיקע דערקלערונגען האָבן אים נישט באַפרידיקט — דעם יידישן תלמיד־חכם („חבר") מיטן נאָמען אשנגארי.

ער האָט פאַרן מלך אַרויסגעבראַכט, מיט פיל ראיות, די עיקרים פון דער יידישער אמונה, געשטיצט אויף ציטירונגען פון תנ"ך, הלכה,

אגדתאָ. דורך זיי אויך באַוויזן די קדושה און דעם הויכן אָרט וואָס ארץ ישראל פאַרנעמט אינעם ידישן באַוווסטזיין — איבער אַלע אַנדערע לענדער, דעריבער איז אַזאַ גרויסע מצווה עולה צו זיין אין דעם הייליקן ידישן לאַנד.

רופט זיך צו אים אָפּ דער מלך, אויב אַזוי טוסטו זינדיקן קעגן אַזאַ הייליקער מצווה, וואָס דיין תורה איז דיך מחייב, ביזסט נישט עולה אַהין צו מאַכן דאָרט דיין היים און לעבן אין דעם לאַנד צו וועלכן דו בענקסט אַזוי שטאַרק.

ענטפערט דער חבר: דו האָסט געטראָפן אין סאַמע פּינטעלע פון מיין חרפּה. האָסט געמאַכט מיך כ׳זאָל זיך שעמען...

אַזוי האָט יהודה הלוי אריינגעלייגט אין מויל פון „חבר" זיינע אייגענע מחשבות וועגן פאָלק ישראל און זיין אמונה; אויך די טענות, וואָס ער האָט ארויסגערוקט קעגן דער פילאָסאָפיע און קעגן די צוויי אַנדערע אמונות.

נאַטירלעך, איז אוממעגלעך מיר דאָ איבערצוגעבן אפילו אַ טייל פון די אַלע אַרגומענטן, מחשבות און שלאַגנדיקע טענות פון יהודה הלוי לגבי דעם קריסטנטום, איסלאַם און וועגן פילאָסאָפיע.

איך וויל נאָר באַמערקן, אַז דער שולד־געפיל וואָס עס קענטיקט זיך דאָ אַזוי בולט פאַר זיין נישט עולה זיין אין הייליקן לאַנד — האָט אפּנים יאָרן לאַנג געגורטעוועט אין דעם דיכטערס נשמה ביז ער האָט דעצידירט פאַר יעדן פּרייז, אפילו ביי דער גרויסער סכנות נפשות אין יענער צייט, מקיים צו זיין דעם באַגער פון זיין האַרצן. ער איז לסוף אוועקגעפאָרן צום לאַנד, וועלכן ער האָט אַזוי הויך־דיכטעריש באַזונגען און דאָרט געטראָפן זיין טראַגישן טויט. וועט אפשר זיין דאָ דער פּאַסיקסטער אָרט צו ברענגען זיין שיר ערב זיין אָפּפאָר קיין ארץ ישראל.

הציקתנו תשוקתי לאל חי

עס האָט מיך געפּייניקט מיין לעכצונג צו דעם לעבעדיקן גאָט,
צו באַזוכן דאָס אָרט פון די טראָנען פון מיינע געזאַלבטע,
אַזוי אַז עס האָט מיך נישט געלאָזט קושן
מיין הויזגעזינד און מיינע פריינד און קרובים,
און איך וועל נישט באַוויינען דעם גאָרטן וואָס איך האָב פאַרפלאַנצט
און באַוואַסערט, און מיינע פלאַנצן האָבן באַגליקט
און איך וועל נישט געדענקען יהודהן און עזריאלן,
אָט די צוויי טייערע בלומען, די בעסטע פון מיינע בלומען,
און יצחקן וועמען איך האָב פאַררעכנט פאַר אַ זון מיינעם,
אַרויסגאַב פון מיין זוניכט און גוטע תבואה פון מיינע חדשים,

און כיהאָב כמעט פאַרגעסן דאָס געבעטהויז
אין וועמענס לימודים כיפלעג געפינען מיין רו
און די פּראַכט פון מיינע יום־טובים און דעם כבוד פון מיינע
פסח־סדרים . . .
כיהאָב אויסגעביטן אויף דעם שאָטן פון וואַלדקוסטן
מיינע ציטרוסביימער
און אויף אַ צווייגן־צודעק — די זיכערקייט פון מיינע ריגלען . . .
נישט מער באַטרעט איך שוועל און דיל.
איך האָב געמאַכט מיינע וועגן אינעם האַרץ פון ימען,
ביז איך וועל געפינען דעם פוסבענקל פון מיין גאָטס געשטעל,
און דאָרטן וועל איך אויסגיסן מיין נשמה און מיינע ווערטער

(פאַרייִדישט דורך אברהם רעגעלסאָן).

יהודה הלוי האָט דעם כוזרי געשריבן אין אַראַביש און עס האָט אָפּגעלאָזט אַ רושם נאָר אויף די שפּעטערדיקע דורות, אָבער נישט אין דער צייט פון זיין דערשיינען. מען דאַרף וויסן, אַז דאָס ספּרדישע יידנטום האָט אין יהודה הלויס תקופה דורכגעלעבט אַן אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס צוליבן אופן ווי די יידישע אמונה איז דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן פון דעם גאַנצן נישט־יידישן אַרום. האָט דאָך דער מלך פון די כוזרים לכתחילה גאָר נישט גערופן אפילו קיין שום יידישן געלערנטן אויסצופרעגן זיך וועגן דער יידישער אמונה. ווי האָט זיך דער מלך אויסגעדריקט: „דאָס וואָס מען זעט יידן אין זייער שפלות, אין זייער קליינער צאָל און דאָס וואָס זיי ווערן דורך אַלעמען פאַראַכטעט” (פון דעם נעמט זיך דער אַראַבישער טיטל פון כוזרי: „דאָס בוך פון באַווייזן צום שוץ פון אַ דערנידעריקטער אמונה”).

דער מצב פון די יידן אין יענער צייט איז גוט באַקאַנט. די שווערד פון די צלם־טרעגער האָט אויך דערגרייכט אין די איסלאַמישע לענדער. דאָס איז געקומען פון כלפּי חוץ. און אינעווייניק — אַ שרעקלעכע צעטומלעניש: גזרות, שמד, אנוסים, פאַלשע משיחים. יידישע געלערנטע אין נאַטור־וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע גייען איבער צום קריסטנטום אָדער צו איסלאַם. יאָהאַן אבינדיאָט פון טאָלעדאָ (ער האָט געהאָלפן איבערזעצן אין לאַטיין איבן גבירלס „מקור חיים”) נעמט אָן דאָס קריסטנטום, אַזוי אויך שמואל אבן עבאַס, אַ טיפער מאַטעמאַטיקער און פילאָזאָף. און דער זון פון אבן עזרא, אברהם, פאַרלאָזט אויך דעם גלויבן פון זיינע אָבות און גייט איבער צום איסלאַם.

פון דער אַנדערער זייט, גייט אָן אַן אינטענסיווע תנ״ך־פאָרשונג, אויך די פאָרשונגען פון דער העברעישער שפּראַך און אַ סיסטעמאַטיזירונג פון הלכות אין תלמוד. אָבער איינצ־ייטיק גייט אויך אָן דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע, אַפּיקורסות, סקעפּטיציזם און סתם הפקרות.

צום רומל זענען אויך דאָך דאָ די קאַראַימער, אַסטראָלאָגן און איבער אַלעם — אַנאַרכיע און כאַאָס!

מען דאַרף אויך דערמאָנען, אַז ביים סוף פון 11טן און אָנהייב דעם 12טן יאָרהונדערט האָט זיך פּרעכטיק פאַנאַנדערגעבליט די אַראַ־ביש־גריכישע קולטור און ציוויליזאַציע, בעת דאָס קריסטנטום האָט זיך געפונען אין די טיפסטע מיטלעלטערלעכע פינצטערנישן. יהודה הלוי איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער גריכישער פילאָזאָפיע („זאָל צו דיר נישט רעדן די גריכישע חכמה, ווייל זי גוט נישט קיין פּרוכטן נאָר בלומען"). זיין אַרגומענט איז געווען, אַז דער גאָט פון אברהם איז אַזוי נאָענט, בעת דער גאָט פון אַריסטאָטעל איז אַזוי ווייט. דעם ערשטן קען מען מיטן האַרצן דערגרייכן, דעם צווייטן נאָר מיטן שכל באַגרייפן. דעריבער האָט ער גערופן נישט צו ווערן פאַרבלענדט פון דער גריכישער שיינקייט. ער האָט אָנגעוויזן אויף נאָך אַ וועזנטלעכן חילוק צווישן אַריסטאָטעלס גאָט און אברהמס — וואָס האָט געשאַפן די קרבנות־גרייטקייט פאַר אַ העכערן אמת.

די מלחמות צווישן די קריסטלעכע און אַראַבישע לענדער האָבן חרוב געמאַכט יידישע קהילות („זיי פירן מלחמות און מיר האָבן די מפלה", האָט יהודה הלוי געשריבן). און דער דיכטער פרעגט אַ פאַר־צווייפלטער: „האָבן מיר דען אַן אָרט אין מזרח און אין מערב ווו מיר קענען זיכער לעבן?"

בעת זיינע יוגנט־לידער זענען געווען אָנגעזאַפּט מיט פרייד און לוסט, זענען זיינע שפּעטערדיקע שירים שוין אָנגעלאָדן מיט צער און טרויער. מיט אַ שטאַרקן רעליגיעזן געפיל זענען דורכגעדרינגען זיינע פּרעכטיקע תפילות־געזאַנגען, וואָס זענען פּערל פון אונדזער נאַציאָ־נאַלער רעליגיעזער פּאָעזיע. יהודה הלוי איז געווען דער באַזינגער פון די נאַציאָנאַלע ליידן. און דאָס באַזינגען דעם פאָלקס־צער פאַרבינדט זיך ביי אים מיט די געזאַנגען פון טרוים און האָפענונג — „ריין און געלייטערט וועסטו באַלד דערוואַכן צו אַ ניי גליקלעך לעבן". דער דיכטער קוקט מיט האָפענונגען צו ציון, ווו דאָס פאָלק וועט קומען אַן אויסגעלייזט צו דעם אַלטן לאַנד פון די אָבות און דאָרט אָנהייבן זיין באַנייט לעבן.

„ציון" איז פאַר זיין פּאָעטישן גייסט געווען פיל מער ווי דאָס לאַנד פון די אָבות. די הרי יהודה פאַרקערפּערן אין זיין פּאָעזיע דאָס שענסטע און דערהויבנסטע פון זיין אייגענער און פון דער פאָלקס־נשמה. זיין בענקען און שטרעבן צו ציון האָט אָנגעפילט מיט פּאָעטישן גאָלד זיינע ציון־לידער און פּאָעמעס. און זיי געהערן צו די העכ־לעכסטע שאַפונגען פון דער מיטלעלטערלעכער יידישער פּאָעזיע.

געשריבן האָט ער אָט די דאָזיקע לידער אויף זיין וועג קיין ירושלים. עס איז גוט באַקאַנט זיין ליד „מיין האַרץ איז אין מזרח

און איך בין אין מערב דעם ווייטן״. ווען דער דיכטער וואָרט שוין אויף דער שעה ער זאָל קענען באַטרעטן די וויסטע שטיינער פון ציון. ער באַזינגט ירושלים („צו דיר, אָ, הייליקע מעכטיקע שטאָט, צו דיר, שטאָלץ און קרוין פון דער וועלט. טוט גלוסטן מיין האַרץ פונעם מערב דעם ווייטן״). ער האָט עטלעכע צענדליק לידער און געזאַנגען באַצירט מיט איין גרונט־געפיל — מיט דער ציון־עפּאָפּיע. דאָס איז געווען דער שיינער און ליכטיקער אידעאַל מיט וועלכן ער האָט גע־לעבט פאַרן לאָזן זיך אויף זיין ריזיקאַלישער רייזע קיין ירושלים.

דער דיכטער דערציילט ווי די נאָענטע מענטשן זיינע האָבן אים אָפּגערעדט צו מאַכן אָט די וויטע געפערלעכע נסיעה, אויף די שטאַרק־סכנהדיקע וועגן פון יענער צייט. ער האָט זיך אָבער בשום אופן נישט געלאָזט באַווירקן דורך קיינעם און זיך נשמהדיק געגרייט צו איר.

עס זענען געווען מסתמא פאַרשידענע סיבות, וואָס האָבן אים באַווירקט צו דעם. מעגלעך, אַז דער טויט פון זיין פרוי האָט צע־שטערט די גאָט־געבענטשטע שלווה, וואָס האָט געהערשט אין זיין הויז. האָט ער געזוכט אַ טרייסט אין זיין אייניקל, זיין איינציקער טאָכ־טערס אַ זון, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אונטער זיין השגחה. ער האָט אָבער נישט געקענט געפינען קיין זעלישע רו. דעריבער האָט ער אויף אַ ים־רייזע (מיט די שטאַרקע שטורעמס אויפן ים) געהאָפט, דורך דעם אויפברויז פון דער נאַטור־סטיכיע, צו קענען געפינען אַ באַרואיקונג פאַר זיין דערשלאָגענעם געמיט.

ער פאַרלאָזט זיין עשירותדיקע היים און צעשיידט זיך מיט זיין געליבטער טאָכטער, מיטן אייניקל און געטרייע תלמידים זיינע. שוין זייענדיק אויפן שיף זינגט ער זיין האַרציקע תפילה צו גאָט, מיט אַ בקשה צום מערב־ווינט ער זאָל אים ברענגען בשלום צום געווינטשטן לאַנד. מיר וועלן ציטירן דאָס פּרעכטיקע ים־ליד (אין ביאַליקס איבערזעצונג אויף ייִדיש).

„כיהאָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כיהאָב פאַרלאָזט מיין אייגן הויז;
כיהאָב דעם ים זיך איבערגעגעבן —
טראָג מיך ים צום מוטערס שויס.
און דו, מערב־ווינט געטרייער,
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מיין האַרץ מיט אָדלער־פליגל
זוכט שוין לאַנג צו אים אַ וועג.
ברענג מיך אַהין בשלום,
נאָכדעם פלי זיך דיר צוריק.
גריסן זאָלסטו אַלע ליבסטע
און דערצייל זיי פון מיין גליק״.

זיינע וווּנדערלעכע ים־לידער, ווו ער באַזינגט די רו און שטיל־קייט פון ים, איז זיכער כדאַי צו ציטירן. ווען מיר נאָר נעמען די לעצטע סטראָפע פון אַ ליד (אין ביאַליקס איבערזעצונג):

„...ווי שאָף צעשפּרייט די קליינע כוואַליעס
שטיל וויגן זיך אין לייכטן דרימל. —
עס ציטערן אין ים די שטערן —
וועד איז דאָ ים, און ווער איז הימל?
צוויי ימען שלאָפן זיך צוזאַמען
צונויפגעלייגט ווי גלייכע ברידער;
איין דריטער ים אין מיטן שלאָפט נישט:
מיין האַרץ מיט זיינע לידער".

דער ים איז נישט שטענדיק רואיק. ער קען אויפשטורעמען און ווערן שרעקלעך דערצאָרנט. דער דיכטער קוקט אויף דער רואי־קייט פון די מאַטראָסן, בעת אַלע אויף דער שיף האָט אַרומגעכאַפּט אַ טויט־פּחד. אויך ער בלייבט רואיק. עס שפּיגלט זיך אָפּ די נאַטור־סטיכיע אין זיינס אַ ליד, פון וועלכן מיר ציטירן:

„אַנגעברוגזט האָט דער ים זיך
און געקנייטשט זיך און געקרומט,
און אָט לויפן שוין אַנטקעגן
ווילד און בייז מיט ווייסן שוים
כוואַליעס־לייבן, כוואַליעס־שלאַנגען
אויסגעוואַקסן פון דעם תהום;
אָט האָט זיך אַ טאָל געעפנט,
אָט שטייט־אויף אַ הויכער באַרג —
פלאַטער, זעגל, בויג זיך, מאַסטבוים!
דו, מיין האַרץ, בלייב פעסט און שטאַרק!
האָסט אַ גרויסן גאָט אין הימל,
ימים שפּאַלט ער מיט זיין האַנט;
אויף זיין פליגל מיט זיין שטורעם
טראָגט ער דיך צום ליבן לאַנד".

(יידיש: ביאַליק).

אָנגעקומען קיין מצרים, אין אַלעקסאַנדריע, און זיך געטראָפן מיט זיין פריינד אבן עזרא. די פריינד און פאַרערער אָרדענען איין פאַר אים יום־טובים. ער ווערט אויך פאַרבעטן צום פירשט שמואל בן חנניה. די פּרעכטיקע נאַטור אין מצרים ווערט באַזונגען דורך יהודה הלוי אין שיינע פּערזן, ווו ער באַצירט די פעלדער ביים נילוס מיט די ליכטיקסטע קאָלירטע פאַרבן. אויך די יידישע קהילות פון מצרים האָבן דעם דיכטער אויפגענומען בכבוד גדול, געבעטן ער זאָל מיט

זיי פאַרבלייבן, אָבער ער האָט עס אָפּגעוואָרפן. טאָקע געווען אַנט־ציקט פון מצרימס ווייס־בליענדיקע גערטנער און זייערע גאָלדענע זאַנגען. אָבער זיין האַרץ איז אין ציון.

פון אַלעקסאַנדריע פאָרט ער קיין קאַיר און פירט פון דאָרט אַ בריוו־אויסטויש מיט אבן הומאַני. דערמאָנען מיר דאָ די קאָרעס־פּאָנדענץ, וואָס ווייזט, אַז אפילו אין זיינע עלטערע יאָרן איז יהודה הלוי נאָך אַלץ פאַרבליבן מיט אַ יונגער נשמה. ער באַזינגט נאָך אַלץ די שיינע (מצרישע) מיידלעך, וועלכע ער האָט געזען אַרויסקוקן דורך די פענצטער.

פון קאַיר פאָרט ער קיין ארץ־ישראל און וואָס נענטער ער קומט אָן צו אירע ברעגעס, אַלץ אומגעדולדיקער און שטאַרקער זיין בענק־שאַפט צום הייליקן לאַנד. זיין גרויסן פּאַטאָס גיסט ער אריין אין די אומשטערבלעכע פערזן פון דעם באַרימטן פּיוט, וואָס ווערט געלייענט אום תשעה באב „ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך״. דער דיכטער פרעגט דער מוטער ציון: —

„צי בענקסטו אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע בענקען?
ווילסטו אויך, ווי זיי פון דיר, אַ ליבן גרוס באַקומען?
דאָ האָסטו אים! אַ גרוס פון נאָענטע און ווייטע!
אין האַרצן דורות לאַנג געוואָרעמט טראָגט אים
פון אַלע עקן וועלט, דורך ימים און מדבריות,
צו דיר אין שויס אַן עלנט קינד דיינס — איינער
פון די, וואָס זאַפּן אָן, ווי טוי פון חרמון,
די פרעמדע בערג מיט ברענענדיקע טרערן,
און שטאַרבן אין דער פרעמד פאַרליבטע און פאַרבענקטע.

מיך ציט צו דיר, מיין האַרץ גייט אויס נאָך דיינע ערטער
ווו די אָבות האָבן זיך באַגעגנט מיט מלאכים,
ווו די שכינה האָט גערוט, ווו דיין באַשעפער
האָט דיינע טויערן די הייליקע געעפנט . . .

כיוויל, אַ גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַל ליכט,
נאָר איין שטראַל ליכט פון יענעם מאָרגנשטערן,
וואָס דאַרף, וואָס מוז אַ מאָל נאָך העל און ליכטיק
זיך אָנצינדן אויף ציונס בלויען הימל.
באַנייען און באַפרישן זיך מיט יוגנט.
געננג, איין זיסן חלום לאָז מיר זען נאָך
און אויסגיין מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן״ . . .

(יידיש: ביאליק).

איך האָב נאָר געגעבן דאָ אַ קיצור פון אָט דער לענגערער פּאָ־עמע, וואָס וואַרפט אַ שיין אויף יהודה הלוים ברענענדיקע תשוקה צו זען כאָטש די חורבות פון זיין טרוים. צוליב דעם האָט ער איינגע־שטעלט זיין לעבן ביים לאָזן זיך אויף דער געפערלעכער נסיעה צום לאַנד, ווו עס האָבן דעמאָלט געוועלטיקט די פאַנאַטישע צלם־טרעגער, וועלכע האָבן געזייט טויט און פאַרניכטונג אויף אַלע וועגן און שטעגן, ווו זייער פוס האָט באַטראָטן.

אין דער לעצטער פּאָעמע (וואָס איז איבערגעזעצט כמעט אויף אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן) האָט דער דיכטער אריינגעגעבן דעם גאַנצן פלאַם פון זיין נשמה. מיט איר האָט זיך פאַרענדיקט זיין פּאָעטישער שאַפן, וואָס האָט זיך איבערגעריסן נאָך זיין ציון־עפּאָפּייע. און ווען ער איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל האָבן זיך פאַר זיינע אויגן אַנט־פּלעקט די שוידערלעכע פאַרוויסטונגען פון דעם לאַנד. זיין פּאָעטיש ליד האָט זיך איבערגעריסן, ווען ער האָט דערזען דאָס טרויעריק־רעאַלע פון זיין שיינעם חלום מיט זיינע האָפענונגען און טרוימען. דאָס אָרעמע פאַרוויסט לאַנד, וואָס ער האָט געטראָפן האָט אַ סוף געמאַכט פון דיכטער.

✶

עס זענען דאָ פאַרשידענע ווערסיעס ווי אַזוי עס האָט זיך פאַר־ענדיקט יהודה הלוים לעבן. אַ פאָלקס־לעגענדע דערציילט, אַז ווען דער דיכטער איז געגאַנגען צום „כותל" מיט זיין געזאַנג פון דער פּאָעמע „ציון הלא תשאלי", איז ער דערשטאָכן געוואָרן דורך אַ מו־סלמענישן רייטער, וועלכער האָט אים דערמאָרדעט מיט זיין שפּיז. אַן אַנדער ווערסיע דערציילט, אַז ער איז צעטראָטן געוואָרן דורך דעם פערד פון אַ רייטער.

אומגעבראַכט איז אָבער נאָר געוואָרן דאָס קערפּערלעכע פון דעם גרויסן דיכטער, אָבער נישט זיין פּאָעטישע גרויסע דיכטונג, איינע פון די שענסטע אין די פּאָעטישע שאַפונגען פון פאָלק ישראל.

די פאַרשידנאַרטיקע מאָטיוון פון זיין שאַפן ברענגען צום אויס־דרוק צוויי פאַזעס פון זיין אינערלעכן מצב־רוח. די לוסטיקע יוגנט־פאַזע איז פאַרקערפּערט אין די עראָטישע צאַרטע מאָטיוון; אין אימאַזשן פון לירישער ליבע־גלוסט, הייראַט און וויין־לידער, אַדורכגעדרונגען מיט ליידנשאַפטלעכע ווערטער און אויך פון סתם ווערטער־שפּילן, וועלכע טראָגן זיך אויף שפּילעוודיקע איינפאַלן, און באַהויכט מיט צאַרטקייט און לעבנסלוסט.

„אונדזער תורה, באַמערקט דער דיכטער, איז צעטיילט צווישן יראה, אהבה און שמחה. מיט יעדן פון זיי קענסטו זיך דערנענטערן צו גאָט, דער תענית ברענגט דיך נישט נענטער צו גאָט, ווי די שמחה

פון דעם שבת און יום־טוב. און אויב די שמחה ווערט פאַרוואַנדלט אין ניגון, טאַנץ, איז זי אַן עבודה פון צדקות און געטלעכקייט. משה רבינוס תורה מיינט נישט די לאַסט פון אַסקעטיזם, און אַ שמחה של מצווה קען ברענגען צו געטלעכער אינספּיראַציע". אָט די ווערטער פאַרשפּיגלען אַ לעבנסוועג, אַ נוסח, וועלכער רופט זיך איבער מיטן חסידיזם, וואָס איז געוואָרן אַ פאָלקס־באַוועגונג מיט פיל הונדערטער יאָרן שפּעטער. דאָס מיינט, אַז יהודה הלוי איז געווען, אין דעם זין — דער פאָרגייער פון בעל־שם־טובס שיטה.

אין אַנבליק פון דעם וואָס איז געשען אין אונדזער תקופה שיינט מיט אַ באַזונדער גלאַנץ אַרויס פאַר אונדז יהודה הלויס פּאָעזיע און פילאָזאָפיע.

ב

מיין באַזוך אין ר׳ יהודה הלויס שפּאַניע מיט 900 יאָר שפּעטער

איך בין פון פּאַריז געפלויגן קיין שפּאַניע אין דער באַגלייטונג פון אַ שטיק יידישער געשיכטע. זי איז מיט מיר מיטגעגאַנגען אויף אַלע מיינע עקסקורסיעס איבערן לאַנד.

פון יהודה הלויס שפּאַניע טיילט אונדז אָפּ בערך אַ 900 יאָר און אַזאַ דיסטאַנץ קומט דאָך צום אויסדרוק נישט נאָר אין צייט, נאָר אויך אין פיל אַנדערע דימענסיעס פון אונדזער געשיכטע. איז דאָך דער בליענדיקער שאַפערישער, גייסטיקער יידישער צענטער פון שפּאַניע איבערגעטראָגן געוואָרן שפּעטער קיין מזרח־איירופּע, פוילן, ווו ער האָט אין משך פון הונדערטער יאָרן אויפגעשטעלט זיינע געצעלטן. און היינט, נאָכן חורבן שפּילט זיך אָפּ די דראַמע פונעם יידישן קיום אין ישראל און אין דער מערב־וועלט. די גייסטיקע יידישע מאַפּע טראָגט זיך איבער קאָנטינענטן, ווי דער וועג פון פאָלק דורך יאָרטויזנטער.

מיט די מחשבות, אויף אַ הויך פון עטלעכע דרייסיק טויזנט פוס, דערנענטער איך זיך צו די שפּאַנישע ברעגעס. וואָס מיר קענען פון דער גאָלדענער תקופה אין שפּאַניע. פון יענער צייט זענען צו אונדז דערגאַנגען נאָר די אויסגעקלויבענע נעמען פון די גרויסע יידישע משוררים, פילאָזאָפן, טיפע יידישע דענקערס, שטאַטסמענער. וואָס איז אָבער געווען מיטן יידישן עמך־פאָלק? האָבן זיי, די גדולי הדור אויך מיטגעריסן מיט זיך דאָס שפּאַנישע יידנטום ? האָבן זיי משפּיע געווען זיין לעבן, זיין שטייגערישקייט. ווי עס איז געשען אין מזרח־איירופּע ?

קומען אין געדאַנק פאַרגלייכונגען מיטן פוילישן יידנטום איי־
דער די האַק פון מערדער האָט זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזט...

דער עראָפּלאַן דערנענטערט זיך צו מאַדריד, די הייניקע שפּאַ־
נישע קרוינשטאָט. אַמאָל זענען געווען גאָר אַנדערע מעטראָפּאָליעס
אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד און אומעטום האָט זיך דעמאָלט אַזוי
צעבליט דער יידישער זשעני. אויפן געדאַנק קומט דער גרויסער
גייסטיקער ריז, דער רמב״ם, וואָס פיגורירט אין דער נישט יידישער
וועלט אונטערן נאָמען: מיימאָנידעס. דערמאָנט זיך מיר פון מיין
יוגנט, ווען כ׳פלעג נאָך מעיין זיין אין די פרומע ספרים און ווען איך
האָב געגומען אין האַנט אריין דעם מורה נבוכים האָט אים דער טאַטע
ארויסגענומען פון מיין האַנט זאָגנדיק: בינסט נאָך צו יונג משיג
צו זיין דעם רמבמס טיפסטן ספר. מען לערנט אים, ווען מען איז שוין
עלטער. טראַכט איך פון קאָרדאָווע, ווו כ׳וועל זוכן זיינע שפּורן.
צי וועל איך זיי דאָרט געפינען היינט?

✡

פליענדיק אַזוי הויך קומט מיר אויפן געדאַנק, אַז דאָס האָט
דאָך דער רמב״ם מיט זיינע ספרים אונטערגעשפּאַרט דעם יידישן הימל
מיט דער אייביקייט פון עם ישראל — אַן עם עולם צווישן אַזוי פיל
אומות העולם. אַליין אַ זון פון אַ געיאָגט פאָלק, געפּלאָגט דורך די
פעלקער וואָס האָבן איינגעשפּאַנט זייערע געטער צו רודפן די יידן
מיט פייער און שווערד. אַ זון פון אַ וואַנדערנדיקן פאָלק, נע־ונד איבער
דער וועלט, קיין מאָל נישט געווען זיכער מיט זיין לעבן (אויסער דורך
געציילטע ציטן אין זיין געשיכטע) און זיי, די שונאים לעבן אויף
אייגענע טעריטאָריעס, פאַרזיכערטע. דאָך זענען זיי אונטערגעגאַנגען
און דאָס יידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט זיינע מיטצייטלער־פעל־
קער, נישט געיאָגטע און געפּלאָגטע פון אַזוי פיל שונאים.

ווי דער גורל פון זיין פאָלק — אַזוי אויך פון זיין גרויסן זון —
דעם רמב״ם — וועלכער וואַנדערט אַרום פון עקסטן מערב־אייראָפּע
אַזש ביזן עקסטן מזרח־אייראָפּע. ער שאָנעוועט נישט זיינע כוחות,
וועלכע ער גיט אַוועק מחזק צו זיין דעם פאָלק, אויפצוהאַלטן זיין
אמונה, זיין האָפענונג אויף אויסלייזונג, אויף משיחן, כאָטש ער
פאַרזאַמט זיך אַזוי, דאָך אים יעדן טאָג אָפּוואַרטן און גלויבן אין
זיין קומען. אַליין אַ באַרימטער דאָקטער, תמיד פאַריאָגט אין דער
אַרבעט און אַפילו נאָך אַ שווערן אויסמאַטערנדיקן אַרבעטסטאָג, ליגנ־
דיק אין בעט אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער, נעמט ער אויף קראַנקע
ביי זיך אין שטוב, וועלכע ער העלפט מיט אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך.

אָבער מער ווי מעדיצינישע הילף, שפּירט ער, איז דאָך נאָך נויטי־
קער די גייסטיקע הילף, צו היילן די נשמה פון פאָלק דורך אויס־

טייטשן און מחזק זיין די תורה הקדושה, וואָס קען אויפהאַלטן דאָס חיות פון פאָלק אין דער אַרומיקער פיינטלעכער וועלט אין וועלכער עס קומט אים אויס צו לעבן.

לאָמיר פאַרצייכענען די צייט:

עס איז דער צוועלפטער יאָרהונדערט. אַ חוץ די גרויסע פיזישע סכנות לויערן אויפן פאָלק גייסטיקע: א) די קאַראַימער, וואָס וואַרפן אָפּ און באַקעמפן דעם תלמוד, וואָס האָט אויסגעטייטשט און צוגע־פּאַסט יידישקייט צו די געענדערטע באַדינגונגען, אין וועלכע דאָס פאָלק קומט אויס צו לעבן; ב) די גריכישע פילאָזאָפיע, וואָס האָט אין יענער צייט אריינגעבראַכט אַזאַ צעמישונג אין די מוחות פון די דעמאָלטיקע יידישע אינטעלעקטואַלן, אַזוי פיל ספקות ארויסגע־רופן אין דער יידישקייט־פילאָזאָפיע על פי תורת משה; און די דראָ־ענדיקע סכנות פאַרן קיום פון פאָלק גיבן אים נישט קיין מנוחה. אַנטקעגצווווירקן זיי מיט גייסטיקע געווער — שרייבט ער זיין משנה תורה, זיין היד החזקה — אַ גאַנצע ענציקלאָפּעדיע פון אינטערפּרע־טאַציע אין דעם תלמודישן אויסטייטש פון הלכה.

אין זיין הקדמה צו די ספרים זאָגט ער, אַז ער וויל העלפן די אַלע וואָס האָבן נישט די צייט און קיין מעגלעכקייט דורכצולערנען און דורכשווימען דעם ים התלמוד — זיי זאָלן פון זיין משנה תורה לער־נען דעם דרך החיים דורך הלכה און אמונה אין דעם באַשעפער (כ׳גיב נאָר דעם תמצית פון זיין הקדמה אין אַ פרייער פאַריידישונג). עס דערמאָנט זיך, ווי דער רב צעיר (פּראָפעסאָר טשערנאָוויטש) האָט די אויפטועט פון רמב״ם אָפּגעשאַצט זייער הויך. זיין גיגאַנטישער פאַר־מעסט זיך קעגנצושטעלן די גייסטיקע שונאים פון אונדזער פאָלק, וואָס האָבן באַדראָט זיין המשך. אָבער די סכנה איז געקומען אויך פון אינעווייניק, פון די אייגענע ברידער, די קאַראַימער, וועלכע מען האָט געמוזט זיך אַנטקעגנשטעלן מיט דער גאַנצער גייסטיקער קראַפט. האָט דאָך פריער קעגן זיי זיך פאַרמאָסטן אַזאַ גייסטיקער ריז, ווי ר׳ סעדיה גאון און שפּעטער, ווי עס באַמערקט רב צעיר, האָבן די רבנישע יידן געקענט מנצח זיין די קאַראַימער נאָר אַ דאַנק די גרויסע אויפטועו פון רמב״ם.

איצט וועל איך אין שפּאַניע, אין זיין קאָרדאָווע, זוכן סמנים פון זיין לעבן און ווירקן אין דער דאָזיקער יידישער שטאָט פון תורה און דעת און פון גרויסע יידישע שררים.

✶

מיט קאָרדאָווע איז דאָך אויך פאַרבונדן דער נאָמען פון חסדאי אבן שפּרוט, דער הויכער ראַטגעבער ביים כאַליף אבדו־ר־ראַכמאַן, וועלכער האָט זיך נישט געקענט באַגיין אָן אים אין די וויכטיקסטע

מלוכה־ענינים. זיין דיפּלאָמאַטישער טאַלאַנט איז געווען א שם דבר און ער פלעגט דעלעגירט ווערן דורכן כאליף צו פאַרשידענע רעגירונגען אויף די וויכטיקסטע שליחותן. ער פלעגט פאַרמיטלען אין צווישן־מלוכהשע ענינים. דערוועקט זיך אַ פאַרגלייך מיט דר. קיסינדזשער און אויפן געדאַנק קומט גלייך אַן אַנדער גרויסער ידישער שטאַטסמאַן ר׳ שמואל הנגיד. אויך פאַרנומען דעם זעלבן אַמט טאַקע ווי קיסינדזשער. אָבער וואָס פאַר אַ פאַרגלייך צווישן זיי! ר׳ שמואל הנגיד, דער נשיא פון שפּאַנישע יידן איז דאָך געשטאַנען מיט בײדע פיס אינעם ידישן גייס־טיקן לעבן.

ר׳ שמואל הנגיד האָט געבויט ישיבות און מיט שטאָלץ געטראָגן זיין גייסטיקע ירושה. אַ חוץ שטאַטסמאַן — אויך אַ פּאָעט געווען. דער ערשטער פּאָעט אין אייראָפּע, וואָס האָט אויף וועלטלעכע טעמעס געשאַפן און איינציייטיק — אַ טיף רעליגיעזער ייד. אזוי זענען דאָך געווען די גרויסע ידישע גייסט־מענטשן אין שפּאַניע, ווי די ביידע אבן עזראָס. אברהם וואָס זוכט צו פאַרבונדן דאָס אייגענע נאַציאָנאַלע מיטן אוניווערסאַלן, דאָס רעליגיעזע מיטן וועלטלעכן, און געווען איז ער באַשאַנקען מיט אַזאַ שאַרפן קאָפּ און מיט אַן ענציקלאָפּעדישער ערודיציע.

אזוי אויך דער הויך־געבילדעטער משה אבן עזרא — און די רשימה פון אָט די גייסטמענטשן, פון תורה און חכמה, קען מען אויס־ברייטערן אויף די יידן פון יענער צייט, וואָס האָבן גע׳שמט מיט זייער טיפן וויסן אין שפּראַכן און ליטעראַטור, אין לאָגיק און געאָמעטריע — און אין וואָס נישט? אָט זיי האָבן דאָך אין שפּאַניע געשאַפן דעם קולטור־רענעסאַנס פון אייראָפּע — אַ 300 יאָר פאַר דעם רענעסאַנס אין איטאַליע.

✶

איך געפין זיך שוין אין מאַדריד, דאָס האַרץ פון דער מאָדערנער שפּאַניע. די שיינע געשעפטן אין שטאָט מיט די אויסגעפּוצטע שויפענצטער טיילן זיך נישט אויס פון אַנדערע לענדער. די קאָמוניקאַציע מיט די אויטאָבוסן און מעטראָ אַרבעט גוט און צום טוריסט פון אויסלאַנד איז מען פריינדלעך, העפלעך.

איך גיי מיט אַנדערע טוריסטן אין דעם באַוווסטן קונסטמוזיי „דע פּראַטאָ״. כ׳בין געווען דאָרט עטלעכע מאָל, שווער געווען זיך אָפּצורייסן פון די גרויסע מייסטערס, וואָס זענען דורך זייערע ווערק געבליבן אומשטערבלעך. מען ווערט צעחושט פון אזוי פיל מאָלע־רישע, עסטעטישע און וויזיאָנערישע שיינקייטן. איך האָב עס דורכ־געלעבט אין מאָסקווע, אין דער „טרעטיאַקאָווסקער גאַלעריע״. טעג פלעג איך זיין דאָרטן, ארומגיין איבער די 52 זאַלן מיט די אויפגע־

זאַמלטע קונסט־אוצרות. געווען אויך אין פּושקינס מוזיי, געגאַנגען זען קונסט־אויסשטעלונגען אין אַנדערע גאַלעריעס; אַזוי אויך אין רוים, פּאַריז און איצט אין מאַדריד, ווו יעדע קירכע איז נישט נאָר אַ געבעט־הויז, נאָר אויך אַ מוזיי פון סקולפּטור און מאַלעריי־קונסט. דאָס ארומגיין איבער די קונסט־גאַלעריעס איז פאַר אַ טוריסט, פון יעדן לאַנד, אַ טיפע איבערלעבונג.

אָבער ווי אַ יידישער שרייבער וויל איך זען יידן, יידיש לעבן אין שפּאַניע, שפּורן פונעם אַמאָליקן שפּאַנישן יידנטום און פון די היינטיקע לעבעדיקע יידן אין מאַדריד. געלייענט, אַז עס לעבן איצט אַ ניין טויזנט יידן איבערן לאַנד, בעיקר אין מאַדריד. בין איך אַוועק אין דער סינאַגאָגע, אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, טרעפן זיך מיטן אָרטיקן ראַביי. אין אָפיס געטראָפן זיך מיט אַ היימישן ייד, פון פּוילן הייסט עס, געקומען אין מאַדריד אין שליחות פון ישראל. ער וואַרט אויך אויפן ראַביי.

אין מיין שמועס מיטן ראַביי דערוויס איך זיך, אַז מ'בויט איצט אַ נייעם סינאַגאָגע־בנין, אַ גרעסערן ווי דער. עס איז נישט לאַנג צוריק געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין און הרב עובדיה יוסף פון תל־אביב האָט דאָס בייגעוווינט ווי אַ גאַסט. פרעג איך צי ס'איז אַראָפּ־גענומען שוין געוואָרן דער חרם פון די אַמאָליקע רבנים, נאָכן גירוש שפּאַניע (1492), נישט צו בויען אין דעם לאַנד מער קיין יידיש לעבן? מיין שאלה בלייבט הענגען, אַ טעלעפאָן רייסט איבער אונדזער שמועסן. דער ראַביי בעט מיך צו קומען א צווייטן מאָל, וואָס איז שוין נישט צושטאַנדגעקומען.

צווישן די רעקלאַמעס פון די געשעפטן וואַרפן זיך אין די אויגן אַזעלכע קלינגענדיקע, יידישע פירמעס ווי מנורה, מזל, שלום און ענ־לעכע. די אייגנטימער, ס'רוב נאָר ספרדישע יידן, איינגעזעסענע, און אויך אַ צופלוס פון אַלזשיר־געקומענע יידן. איך האָב זיי געזען אויך אין פּאַריז, זיי זענען פאַראַן אין אַנדערע שטעט פון פראַנקרייך, אָבער בעיקר אין פּאַריז, ווו זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין קוואַרטאַלן, ווו עס האָבן פריער געוווינט פּוילישע יידן (דאָס פּלעצל בעלוויל א״א). מיט אייניקע פון זיי האָב איך גערעדט אין מאַדריד (אין ענגליש) און ווי אַן אויסטראַלישער יידישער שרייבער בין איך פאַר זיי געווען אַ שטיק עקזאָטיק.

אין טאָלעדאָ

מיט אַ גרופּע טוריסטן פון אַלע עקן וועלט בין איך געפאָרן אויף אַ עקסקורסיע קיין טאָלעדאָ. די שטאָט האָט פאַר מיר, דעם ייד — דער איינציקער אין דער גרופּע — אַ באַזונדער סענטימענט. עס איז

דאָך דאָרט געשטאַנען דאָס וויגעלע פון ר׳ יהודה הלוי. ער איז דאָרט געוועזן מיט אַ 900 יאָר צוריק און איצט קומט אַ ייִד פון פוילן — אויסטראַליע, צו זוכן דאָרט זיינע שפורן, און בכלל פון אַט דער אַמאָ־ליקער גרויסער און באַרימטער עיר (ואם) פון דער יידישער שפּאַניע; פון יענער גאָלדענער תקופה ווען זי האָט דאָך געהאַט די העגעמאָניע איבער די יידישע ישובים.

די יידן זענען דעמאָלט געווען פּראָפּאָרציאָנעל אַ גאַנץ באַדייטנ־דיקער און אָנגעזעענער טייל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין שפּאַניע. דער קירכלעכער פּאַרלאַמענט איז געווען אין קריסט־לעכן טאָלעדאָ און דער קירכען־סינאָד האָט מיט אייפער פאַרשפּרייט די קאַטוילישע רעליגיע. אינעם קריסטלעכן קאַטאַלאָניע זענען די יידן נאָר געווען דעמאָלט טאָלערירט און פאַרנומען זייער אָרט צווישן די פאַרמעגלעכערע שיכטן. געהאַט אייגענע נחלאות, זייער שיינע ווינ־גערטנער און אויך דעמאָלט געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט. געווען איז דאָס אַלץ פאַר די צייטן פון די קרייצצוגן. פון דער געשיכטע האָבן מיר געלערנט, אַז דער פראַנצויזיש־דייטשער ידישער צענטער האָט זיך שוין געפונען אין זיין עקליפּס, און ווי דער גאַנג פון דער יידישער געשיכטע — ביים אונטערגיין אויף איין אָרט, שיינט אויף די יידישן זון אויף אַ צווייטן.

גיי איך אַזוי מיט דער עקסקורסיע איבער טאָלעדאָ און מיינע מחשבות זענען העט־העט ווייט אין דער געשיכטע, די קאַמפן צווישן די מוסלמענער און קריסטן. די יידן זענען אויף דער זייט פון די ערשטע. אין דער מוסלמאַנישער אַרמיי איז דאָ אַ באַזונדער יידישע אָפּטיילונג, אַ מין יידישער לעגיאָן. די מוסלמאַנער האַלטן אָפּ אַ גרויסן נצחון און צוזאמען מיט זיי ווערן אויך יידן די באַלעבאַטים פון טאָלעדאָ און פרייען זיך מיטן זיג איבער די קריסטן.

עס קומט אין זכרון אַן עפּיזאָד פון דובנאָווס געשיכטע, ווען אַ יידישע פּרוי ווערט באַשטראָפט דורך די קאַטויליש־גייסטלעכע פאַר דערלויבן מל צו זיין איר זון. מען האָט איר אָפּגעשניטן דעם נאָז, איר פאַרמעגן קאָנפיסקירט, זי „זאָל באַווייִנען איר פאַרברעך״. נישט דעריבער קיין ווונדער וואָס די יידן האָבן דעמאָלט אַזוי געקלעפּט צו די מוסלמאַנער מיט וועלכע מ׳לעבט דעמאָלט בשלום, אין טאָלעראַנץ איינע צו די אַנדערע. עס בליט די יידיש־אַראַבישע קולטור, וואָס שטייט דאָך פיל העכער דעמאָלט ווי די קולטור פון קריסטלעכן איראָפּע.

איז געווען דאָס אַלץ אַמאָל, און איצט — מיט אַ 900 יאָר שפּע־טער גיי איך איבער די שמאָלינקע גאַסן פון טאָלעדאָ, ווו עס איז פאַר־בליבן דער אַלטער סטיל פון די גאַסן, געסלעך און ליקלס. עס איז גוט פאַר די ביזנעס פון טוריזם, אָבער אויך די טענדענץ היינט איבער

אַלע וועלטטיילן איינצוהאַלטן, פּרעזערווירן די אַלטע און אַלטער־טימלעכע בנינים, די געגנטן מיט זייער אייגנטימלעכן כאַראַקטער און סטיל. נישט דערלאָזן צו פאַרוואַנדלען זיי אין די אָן־כאַראַקטער שטאָל־און־גלאָז־בנינים.

מיר זענען אין געגנטן, ווו מען זעט נישט די ברייטע אַלייען מיט פּאַלמעס, וואָס באַגלייטן די הויכשטייגנדיקע מויערן פון מאַדריד און אַנדערע גרויסע שטעט פון דער מאָדערנער שפּאַניע. די מאָדערנע קאָמוניקאַציע ווערט דאָ נישט ארייגעלאָזן. ווי קענען דען דורך די שמאָלע געסלעך און ליקלס אַדורכפאָרן אויטאָמאָבילן? איך באַטראַכט די מיט־אייזן־געשמידטע ברייטע טירן, די קליינינקע פירקאַנטיקע פענצטערלעך, מסתמא אַ חוץ סטיל — אויך צו באַשיצן זיך אין צייטן פון אומרוען און מלחמות.

אין די אַלטע גוטע צייטן איז יהודה הלוי ארומגעפאָרן איבער די שטעט אין שפּאַניע, באַזונגען די שיינקייטן פון לאַנד, פון אירע פרויען, בלומען, פּרעכטיקע לאַנדשאַפטן און נאַטור־פּייזאַזשן, זיי פאַראייביקט אין זיינע שיינע לידער. די שפּאַנישע זון האָט דאָן אזוי ליבלעך געשיינט און געוואַרעמט אים און זיין מוזע. ווען עס זענען אָנגעקומען די טרויעריקע צייטן פאַר יידן איז דער לוסטיקער באַזינגער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם מקונן, דעם באַקלאָגער איבער דעם יידישן גורל.

אין זיינע טרויער־לידער דערציילט זיך וועגן די פאַנאַטישע רעליגיעזע רדיפות צו צווינגען דעם יידישן פאָלק אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. יידן ווערן אוועקגעשטעלט פאַר דער ברירה: — „שמד אָדער אומקום על קידוש השם"! אַ סך פון אונדז, שרייבט ער, האָבן געקענט דאָך באַפרייען זיך פון די יידישע לידן דורך אין וואָרט — „אָבער זיי טוען עס נישט"! טרייסט ער אונדז, וואָס די יידישע ליידן וועלן דערפאַר באַלוינט ווערן מיט דער געטלעכער שליחות. ער דערמאָנט די קריסטלעכע פעלקער פון דער וועלט, אַז דאָס האָבן זיי צוליב זייערע בלינדע רעליגיעזע רדיפות געמאַכט פון גאָטס שיינער וועלט — אַ גרויסן גיהנום.

כאַראַקטעריסטיש, אַז אים האָט נישט געשראָקן די פּלאָג פון אַסימילאַציע, וואָס איז דאָך דעמאָלט געווען זייער גרויס אין שפּאַניע, אפשר פיל שטאַרקער ווי אין אונדזער צייט. די אַסימילאַציע האָט אָפּגעריסן שטיקער פון פאָלק, אָבער יהודה הלוי איז פול מיט בטחון: „יידיש פאָלק וועט בלייבן!" אפילו לגבי די וואָס האָבן זיך אַסימילירט מיטן אַרומיקן לעבן, אפשר איז אין דעם אויך געווען די כוונה פון באַשעפער, די אומות העולם זאָלן זיך אָנזאַפּן מיטן יידישן גייסט. ער איז בטוח אינעם קיום פון פאָלק, אפילו ווען טיילן רייסן זיך אָפּ פון אים. ער גיט אַ פאַרגלייך מיט אַ קערנדל ווייץ, אַ פאַרזייטן אין

דער ערד. עס זאַפּט אַריין אין זיך די זאַפטן פון באָדן, מישט זיך אויס מיט די סובסטאַנצן פונעם אַרום און פון דעם צעפּאַלענעם קערנדל וואַקסט אויס אַ נייער געוויקס (פריי ציטירט פון „כוזרי", קאַפּיטל כ—כ"ה).

ווייזט אויס, אַז כ'בין געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין זיך, אין מיינע מחשבות, אַז כ'האָב גאָרנישט באַמערקט ווי כ'האָב פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט מיין טוריסטן־גרופּע, און מ'זוכט מיך שוין אַרום. כ'האָב פון דעם נישט קיין שום עגמת נפש. איך האָב דערווייל אַריינגעזאַפּט איינדרוקן, וועלכע מען וועט שפּעטער אין האָטעל דאַרפן אויסטאַרטירן, פאַרציכענען די אָבסערוואַציעס ביים אַריינקוקן אין די הייפן, ביים דורכגיין די ליקלס.

אָט זענען די הייפן אַנדערש ווי ביי אונדז, אָפט, פּירקאַנטיקע, אַריינגעפּרעסט צווישן פיר ווענט. איך באַטראַכט די שיינע בלומען־גאָרטנס, באַקאַנט אונטערן נאָמען „פּאַטיאָס". ס'זענען דאָ פיל פון זיי אין דעם אַרום. די בנינים אין גאָטישן סטיל, אין באַראָקישן, דער־מאָנען אונדז אין דעם נוסח, דעם סטיל פון יענער צייט מיט זיין רעלי־גיעזער אַלוזיע.

ענדלעך צוריק מיט מיין גרופּע. מיר גייען זען אַ באַרימטן קלויסטער־מוזיי, די קאַטעדרע — ס'איז דאָ וואָס צו זען! מען לאָזט אונדז נישט לאַנג זיין דאָרט, דער „גייד" אײַלט זיך, דאָס איז די צרה מיט די פּראָפעסיאָנעלע אַרומפירערס — אומעטום דאָס זעלבע!

מיר זענען אַריין אין דער אַמאָליקער אַזוי באַרימטער יידישער געגנט פון טאָלעדאָ, די „דזשודעריאַ". געווען דאָרט די שול פון די באַוווּסטע איבערזעצערס, פון העברעיש, אַראַביש און לאַטיין. דאָרט האָט זיך אויך קונה־שם געווען דער יידישער דענקער אין טאָ־לעדאָ אברהם אבן דואר. געווען דעמאָלט דאָרט אַ גרויסע ישיבה. דער מעצענאַט יוסף אבן שושן האָט זי געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט, זיך אַ סך געלאָזט קאָסטן בכדי אויסצובויען די שענסטע שול.

יאָ, דאָס אַלץ איז געווען אין די גוטע צייטן, ווען די קרוינשטאָט פון קאַסטיליע, טאָלעדאָ, האָט זיך געגרויסט מיט אירע גרויסע יידישע גייסטמענטשן פון „תורה און סחורה". עס איז אויפגעקומען דער נייער טיפּ רב, וואָס רופט זיך דורך מיט דעם מאָדערנעם ראַביי פון אונדזער צייט, אין דער נייער וועלט — דער הויך־געבילדעטער רב, וועלכער איז אויך אַ וויסנשאַפטלער מיט אַ טיטל און דיפּלאָמען, אַ בקי אין רעליגיעזע און וועלטלעכע קענטעניש.

דאָס איז געווען די רוחניותדיקע זייט פון יידישן טאָלעדאָ. עס איז אויך געווען אַ גשמיותדיקע — מכל טוב! אויף דעם פּראָספּע־רירנדיקן מאַרקפּלאַץ, אויף דער „פּלאַזאַ לאַ דזשידעריאַ" האָט מען

געבראַכט פּערסישע דיוואַנעס, זיידנס פון דמשק, פּערל פון אינדיע, פּערפום פון אַראַביע; פון קאַשמיר — די בעסטע שטאָפן, און פון ציילאָן די שמעקעדיקסטע בשמים.

מיר זענען אריין אין א יידישער סינאַגאָגע־בנין וואָס האָט דורך די יאָרהונדערטער דורכגעמאַכט אַזוי פיל גילגולים. דער נאָמען אירער זאָגט עס: „סינאַגאָגאַ דעל טראַנזיטאָ". פון אַ יידישן מקום־קדוש וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלויסטער, אין אַ קאַטוילישער קאַפּליצע. שוין נישטאָ היינט קיין צלמים און כ'קען פון „גייד" נישט דערגיין קיין טאָלק, ווען האָט מען טאַקע אַראָפּגענומען אַלע קאַטוילישע סימבאָלן און בילדער און עס פאַרוואַנדלט אין אַן אַטראַקציע פאַר טוריסטן צו גיין זען אָט די עקזאָטיק. אויף די ווענט זענען נאָך פאַרבליבן פסוקים אויף העברעיש. זיי דערמאָנען אונדז, וואָס דאָ איז געווען אַמאָל. אָט די פסוקים האָט נישט דער וואַנדאַליזם און דער דויער פון יאָרהונדערטער געקענט פאַרווישן. קוק איך אויף די פסוקים און טראַכט: פונקט ווי איך גיי היינט זוכן די שפורן פון אַמאָליקן שפּאַנישן יידנטום וועט אין יאָרהונדערטער אַרום אַ יידישער אוראייניקל פאָרן קיין פוילן צו זען אויב עס געפינען זיך נאָך ערגעץ פאַרבליבענע שפורן פון פוילישן יידנטום. און דער געדאַנק איז פון מיר שוין נישט אָפּ־געטראָטן די גאַנצע צייט פון מיין זיין אין שפּאַניע. עס איז געווען פאַרבונדן מיט מיינע געפילן ביים צוריקפאָרן פון מאָסקווע. איך בין געפאָרן קיין תל־אביב דורך בוקאַרעשט. איך האָב געקענט אָפּטרעטן אין פוילן און מען האָט מיך צוגערעדט צו דעם. אָבער איך האָב עס ביי זיך נישט געקענט פועלן צו טאָן. פון מיין משפּחה האָב איך אין פוילן פאַרלוירן אַ פאַר הונדערט נפשות, טאַקע ווי אין פּסוק שטייט: אנשים ונשים וטף. גיין אויף דער פּוילישער ערד ווו יעדער שפּאַן קען זיין אַ קבר פון אומגעבראַכטע יידן, אפשר טאַקע פון מיינע נאָענטסטע און טייערסטע — פאָרן קיין פוילן, זיך צוזען ווי אויף די חורבות פונעם פוילישן יידנטום, פון אַ טויזנט יידישע שטעט און שטעטלעך מיט זייער יידיש האָב און גוטס — איצט געירשנט דורך די פּאָליאַקן, אונדזערע גוטע שכנים... איז וואָס וועל איך איצט זען? די שיינע נייע געביידעס פון וואַרשע? דאָס נייע „פאָלקס־פוילן", וואָס האָט פון די לעצטע נישט דערברענטע רעשטלעך פוילישע יידן, נייע יידישע פליטים געמאַכט?...

האָט מען מיר געזאָגט: גייסט צו עמאָציאָנעל און נישט ראַציאָ־נעל צו געשעענע פאַקטן. ריכטיק, טאַקע עמאָציאָנעל, אָבער עמאָציעס שפּילן דאָך אינעם מענטשלעכן לעבן בכלל אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ראָל. און פאַר אונדזער דור — דער לעצטער פון פוילישן יידנטום, דער נאָך־לעבעדיקער דערמאָנער — און מאָנער — פון פאַרברענטן יידישן פוילן, מיט זיין גייסט און לעבנס־ריטעם, וואָס האָט גענערט

די יידישע קיבוצים איבער דער וועלט — ווער עס קען איבער דעם אַלעם אַריבערגיין לייכט און הנאה האָבן פון דעם נייעם אויפגעבויטן פוילן — זאָל פאָרן און הנאה האָבן. אָבער איך קען די ערד דאָרט מער נישט באַטרעטן! בין איך נישט קיין מוסר זאָגער פאַר קיינעם. עס איז אַ פראַגע פון געוויסן און געשמאַק...

דאָס זענען געווען טאַקע מיינע רעיונות בעת כ'בין געשטאַנען אין דער טויטער שטילקייט פון דער „סינאַגאָגא דעל טראַנזיטאָ" און די־אַ־שטילקייט האָט צו מיר גערעדט, געשריגן, און אַ סך דער־ציילט. אָט איז נישט לאַנג צוריק, בערך אַ הונדערט יאָר, ווען דער שפּאַנישער געזעצגעבערישער ראַט (דער „קאָרטאָס") האָט גע־פירט אַ דעבאַטע וועגן רעליגיעזער פרייהייט. אַ געוויסער שפּאַני־שער פּראָפעסאָר, אַ מיטגליד פון „קאָרטאָס" האָט פאַרטיידיקט די יידן, אַפּעלירט צו געבן זיי פרייהייט און רעליגיעזער טאָלעראַנץ. האָט אַן אַנדער דעפּוטאַט, פראַנציסקא מאַטעאָ גאַגא צוזאַמען מיט אַנדערע אַרויסגעטראָטן שאַרף קעגן, און דערביי צוגעגעבן, אַז די יידן דאַרפן וויסן דאָס זיי גייען ארום אויף דער וועלט מיט א קללה. אַן אַנדער דעפּוטאַט האָט יידן געוואָרנט נישט צו אָרגאַניזירן זיך ווי אַ פאָלק און נישט חלומען פון אומקערן זיך צוריק אין הייליקן לאַנד, מחמת צוליב זייער קרייציקן יעזוסן זענען זיי באַשטראָפט געוואָרן צו זיין נע־ונד ביז זיי וועלן אָנהייבן גלייבן אין דעם משיח, אין דעם זון פון גאָט...

געווען איז עס אין יאָר 1869.

דער „גייד" האָט אפנים מיך געהאַט אויפן אויג וואָס איך ווער אים אָפּט פאַרפאַלן און פאַרטראַכט, ערגעץ אין אַנדערע וועלטן. ער האָט ביים דערקלערן די טוריסטן וועגן דער געשיכטע פון יידן אין שייכות מיט דער סינאַגאָגע פון מיר נישט אַראָפּגענומען די אויגן. ווען מיר האָבן פאַרלאָזט די סינאַגאָגע האָט ער פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס און טאַקע וועגן ישראל. דערציילט ער מיר, אַז ווען די מדינה איז געשאַפן געוואָרן איז עס פאַר זיין פרומען קאַטוילישן פעטער געווען אַ גרויסער „שאָק"! „וואָס וועט זיין מיט דער קללה"? — האָט ער נישט אויפגעהערט צו בורטשען. דער 'גייד' האָט מיך אויס־געפרעגט וועגן יידן איבער דער וועלט, וועגן ישראל, געזעסן נעבן מיר אין אויטאָבוס און אזוי רעדנדיק זענען מיר געקומען צוריק אין מאַדריד.

✶

עס איז דער לעצטער טאָג פון מיין זיין אין שפּאַניע. מאָרגן פלי איך אָפּ פון מאַדריד קיין לאָנדאָן. מיין האָטעל איז אין אַ שטילער

געגנט און עס איז זייער אָנגענעם צו שפּאַצירן אונטער דער וואַרעמער ליבער זון, כאָטש עס איז שוין נאָוועמבער.

די שטאָט גרייט זיך עפּעס צו אַ יום־טוב. די באַלקאָנען ווערן דעקאָרירט מיט טעפּיכער און די טראָטואַרן באַשפּריצט מיט געוויסע בשמים. ס'איז ערב יומטובדיק אין די גאַסן און דער שפּאַנישער פֿאָלקסמענטש האָט ליב יום־טובים (און ווער נישט?). נאָך דער אַרבעט זע איך זיי — מענער און פֿרויען אריינקומען אין „באַר" פֿון האָטעל. מען טרינקט עפּעס אַ משקה, מ'איז פֿריילעך, אַ לייכטער געמיט און מ'וויל עס זאָל זיין — חי געלעבט!

דערמאָן איך זיך, אַז כ'האָב געלייענט ביי העמינגוועין ווי אַזוי ער כאַראַקטעריזירט דעם שפּאַנישן מענטש — און ווער האָט נאָך אַזוי געקענט שפּאַניע, ווי העמינגוועי? — שרייבט ער: „דער שפּאַניער ווייסט, אַז דער טויט איז דאָך אומפֿאַרמיידלעך, דאַרף מען לעבן מיטן היינטיקן טאָג. דאָס איז זיין רעליגיע. און אַז דאָס לעבן איז אַזוי קורץ, דאַרף מען באַצייטנס נאָך אריינכאַפּן וואָס מ'קען נאָר. לעבט ער טאָקע נאָר מיטן געגעבענעם טאָג, נישט אָפּלייגנדיק אויף מאָרגן". מען ווייסט דאָך נישט צי עס וועט נאָך זיין אַ מאָרגן...

דאָס קענטיקט זיך טאָקע בעת איך אָבסערוויר די שפּאַנישע פּאָרלעך — יונגע און אַלטע צוזאַמען מיט די קינדער — און עס קומען גאַנצע פֿאַמיליעס נאָך דער אַרבעט אויף אַ פּאָר שעה אין די „באַרס".

ווען איך בין אויף צו מאָרגנס אין דער פֿרי געקומען אויפֿן פֿליפֿלאַץ אַפּצופֿליען, האָב איך זיך דערוווסט פֿון אַ שטרייק, אַ פּלוצלונג־אויסגעבראָכענעם און מיר האָבן נישט אויף עטלעכע טעג קיין עראָפּלאַנען צו פֿליען.

די פּאַסאַזשירן האָבן טענות, פֿאַר וואָס האָט מען זיי נישט צו וויסן געגעבן וועגן שטרייק באַצייטנס איידער מ'איז געפֿאָרן צום עראָדראָם? — אָבער גיי שריי חי וקים! מען הערט נאָך אַזאַ ענטפֿער: — דאָס האָט איר אייער דעמאָקראַטיע. אין פֿראַנקאָס צייטן זענען קיין שטרייקן נישט פֿאָרגעקומען. איצט האָבן מיר דעמאָקראַטיע און — יעדן טאָג אַן אַנדער שטרייק.

מיר זעען איין, אַז מיר וועלן ביי זיי נישט געווינען און באַשליסן נישט אומקערן זיך צוריק אין די האָטעלן נאָר פֿאָרן מיט דער באַן קיין ליסבאָן אָדער פּאַריז און פֿון דאָרטן כאַפּן אַן עראָפּלאַן קיין לאָנדאָן. אין פּאַריז בין איך דאָך אָקאָרשט געוועזן. באַשליס איך צו פֿאָרן מיט דער באַן קיין ליסבאָן, אַ רייזע נישט אַזאַ לאַנגע אין שטח, אָבער מיט דער שפּאַנישער באַן פֿאָרט מען נישט אַזוי שנעל. וואָס, איר האָט קיין צייט נישט?...

ברוך שפּינאָזאַ

(צו זיין 300טער יאָרצייט: 1677—1977)

א

ברוך שפּינאָזאַ

קורץ איז געווען דאָס לעבן פון ברוך שפּינאָזאַ (1632 — 1677) און אין דעם פאַרהעלטנישמעסיקן קורצן לעבנסשפּאַן האָט ער געשאַפן גאונישע ווערק, וואָס האָבן אים גע־קרוינט פאַר איינעם פון די גרעסטע דענקער און פילאָזאָפן אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

ער איז געווען אַ קינד פון ספרדישן ידנטום און ביז 1492 (דאָס יאָר פון גירוש שפּאַניע) זענען זיינע אורזיידעס געזעסן אויף דער שפּאַנישער ערד, אינעם שטעטל עספּינאָזאַ דע לאָס מאָנטעיראָס (פון דעם שטאַמט זיין פאַמיליע־נאָמען). נאָכן גירוש האָט די משפחה זיינע געלעבט אין פּאָרטוגאַל (ווי מאַראַנען) און ביים סוף פון 16טן יאָרהונדערט זיך אַוועקגעלאָזט קיין האָלאַנד און זיך איינגעאָרדנט אין אַמסטערדאַם. ברוכס פאָטער, מיכאל שפּינאָזאַ, האָט זיין זון געגעבן אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג אין דער תלמוד־תורה ווו ער האָט זיך געלערנט ביזן יאָר 1652.

לערך אין יענער צייט ווערט ער אַריינגעצויגן אין אַ סעקטע פון פרייע ביבל־פאָרשער. באַטייליקט זיך אין זייערע דיסקוסיעס אויף אַן אַקטיוון אופן. מען האָט זיך דאָרט דערקענט אויף דעם יונגן גאוינישן קאָפּ און איינער פון דער סעקטע, אַ געוויסער יאַריג יעלעס, ווערט שפּעטער זיין ערשטער מעצענאַט.

אין 1654 איז געשטאָרבן זיין פאָטער, וואָס איז געווען אַן אָנגע־

זעענער פּרנס אין דער קהילה. כל־זמן זיין פאָטער האָט געלעבט, האָט ברוך געפירט זיך טראַדיציאָנעל ייִדיש, בכדי נישט מצער זיין דעם טאַטן. ער האָט אַפילו אַ גאַנץ יאָר געזאָגט קדיש אין שול נאָכן פאָטערס טויט, אָבער נאָכדעם האָט ער זיך דערווייטערט פון דעם טראַדיציאָנעלן שטייגער און אויפגעהערט פּאַקטיש צו זיין אַ מיטגליד פון דער קהילה. עס איז פאַרצייכנט, אַז זיין לעצטער באַזוך אין דער שול איז געווען שבת חנוכה, דעצעמבער 1655.

די פריגייסטער אין אַמסטערדאַם פון יענער צייט פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן אין דער אַקאַרשט געעפנטער שול פאַר לאַטיין, גריכיש און אַנדערע לשונות. שפינאָזאַ איז דאָרט אויך געווען אַ תלמיד און שפּעטער, דעם לערערס געהילף. דעם 27טן יולי 1656 איז אין דער גרויסער שול אין אַמסטערדאַם אויף אים אויסגערופן געוואָרן דער גרויסער חרם (מיט אַ חודש פריער — אַ קלענער חרם, אַלס וואָרנונג).

דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו ברענגט ציטאַטן פון דעם טעקסט פון חרם און מיר ציטירן דאָ:

„מיר שטויסן זיך אָפּ און פאַרשעלטן ברוך ד' עספּינאָזאַ פאַרן פּנים פון די דאָזיקע הייליקע ספרים און די תרי"ג מצוות, וואָס זענען פאַראַן אין זיי"... „זאָל ער זיין פאַרשאָלטן בייטאָג און ביינאַכט, ביים לייגן זיך און ביים אויפשטיין, ביים אַריינגיין און ביים אַרויסגיין. זאָלן אים טרעפן אַלע שרעקלעכע קללות, וואָס זענען אַריינגעשריבן אין דער תורה!"... „מיר באַפעלן, אַז קיינער זאָל נישט קומען אין זיין געזעלשאַפט, זאָל נישט האָבן קיין מגע ומשא מיט אים, נישט בעל פּה און נישט בכתב, זאָל אים נישט טאָן קיין שום טובה, זאָל זיך נישט געפינען מיט אים אונטער איין דאַך אָדער אויף אַ מהלך פון פיר איילן פון אים און זאָל נישט לייענען קיין איינעם פון זיינע חיבורים".

ווען מיר איצט, נאָך די קורצע ביאָגראַפישע שטריכן מעיין זיין אין זיינע ווערק, צוליב וועלכע מען האָט אים אַריינגעלייגט אין חרם.

די שפינאָזאַ־מפרשים — דורך די עטלעכע הונדערט יאָר, זינט זיין טויט, איז זייער צאָל גאָר שטאַרק אויסגעוואַקסן — האָבן אַרויסגעהויבן די מעטאַפיזיק פון פּאַנטעיזם אַלס די ריכטליניע און פּאַן, אויף וועלכן שפינאָזאַ האָט געצייכנט זיין פילאָזאָפישן וועלט־באַנעם.

אויף דעם פּאַן פון פּאַנטעיזם האָט שפינאָזאַ געצייכנט און צעמענטירט אַלע זיינע עטישע, רעליגיעזע, פּאָליטישע און קאָסמישע אידייען. אין זעקס קורצע ווערטער מיינט עס: אַלץ איז גאָט, גאָט אין אַלץ. אין אַ געוויסן זין איז זיין פילאָזאָפיע דורכגעדרונגען מיט מיסטיציזם, אויף וויפל דאָס מיינט אַ באַהעפטונג מיט דער אוניווערסאַלער געטלעכער קראַפט.

שפינאָזאַ האָט תופס געווען דעם אוניווערס אין אַ געזעצמעסי־

קייט. די נאַטור־געזעצן זענען שטענדיק און אומעטום די זעלבע. דאָס וואָס געשעט פאַר אונדזערע אויגן, איז נישט מער ווי אַ צייטווייליקער בליק, אַ מאָמענטאַלע אָריענטאַציע אינעם לאַבירינט פונעם אייביקן, אומענדלעכן זיין. די פאַרגאַנגענהייט, די קעגנוואַרט און אַלץ און אַלע, וואָס זענען אין זיי איינגעשלאָסן, געהערן צו צייט־אויסגעשפרייטקייט, וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און קיין סוף. אַלע דערשיינונגען פון דער באַלעבטער און אומבאַלעבטער נאַטור זענען ווי געזעצן און פאַראָר־דענונגען דורך וועלכע אַלע זאַכן קומען פאָר פאַרן און אויך נאָכן ענדערן זיך פון איין פאָרם אויף אַ צווייטער.

די נאַטור אין זין פון אַלוועלט איז אַן איינהייטלעכע און באַוויזט זיך פאַרן מענטש אין צוויי פאָרמען: אין אַ פיזישער פאָרם — אין שטח; און אין אַ גייסטיקער — אין דענקען. דאָס קען אילוסטרירט ווערן מיט אַ ביישפּיל פון אונדזער צייט. אַז אַלע עלעקטראָנען און פּראָטאָנען (עלעקטרישע אָנרעגונגען) זענען דאָס פונדאַמענטאַלע, וואָס מען ווייסט פון דער פיזישער וועלט.

שפּינאָזאַ פאַרמאָגט אין זיינע פילאָזאָפישע ווערק אַזעלכע טער־מינען, ווי: סובסטאַנץ, אַטריבוטן, מאָדוסן. סובסטאַנץ מיינט — דער עצם זיין; מאָדוסן — די פאָרמען פון זיין. דער טערמין סובסטאַנץ איז ביי אים כולל: נאַטור אָדער גאָט, וואָס זענען ביי אים, ווי סינאָנימען. אַלץ אין דער נאַטור, ווי אַ גאַנצע — איינגעשלאָסן דעם מענטש איז נישט קיין יצירה פון גאָט אָדער נאַטור, נאָר אַ טייל פון אים. דער מענטש און אַלץ אַרום אים זענען בלויז פעדעמלעך אין דעם אייביקן געוועב פון געטלעכקייט אָדער נאַטור.

אינטערעסאַנט זענען די אויסצוגן פון אַ רעדע, וואָס איינער פון זיינע לעצטע מפרשים, ס. אַלעקסאַנדער, האָט געהאַלטן אויף אַ פייע־רונג לכבוד שפּינאָזאַס 300טן געבוירנטאָג. איך ציטיר: „איך וועל אייך דערקלערן לויט מיינע פעאיקייטן די שטופן, דורך וועלכע שפּי־נאָזאַ פירט אונדז פון אָנהייב פון זיין פילאָזאָפיע ביזן סוף פון זיין מיסטישער פאַרגעטערונג און דאַך אין די ראַמען פון אַ וויסנשאַפט־לעכן מעטאָד. ער (שפּינאָזאַ) הייבט אָן מיט גאָט ווי אַ פילאָזאָפיש באַגריף פאַר דער טאָטאַליטעט פון אַלע זאַכן און ער פאַרענדיקט מיט ליבע צו אים. אָבער ס׳איז דורכאויס איין און דער זעלבער גאָט, נאָר אין משך פון דער אַנטוויקלונג פונעם באַגריף, ווערט דער פריערדי־קער קאַלטער (באַגריף) אַלץ מער וואַרעמער... עס ווערט די רעלי־גיעזע עמאָציע״.

שפּינאָזאַ־פאָרשער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט שטודירן זיין דערקענטעניש־לערע, נעמען זי אויף ווי אַ טייל פון זיין מעטאַ־פיזיק, וואָס העלפט צו פאַרשטיין זיין עטישע לערע, דורך דער פריזמע פון עמאָציעס: דער מענטש, האַלט שפּינאָזאַ, האָט נישט קיין פרייען

ווילן. אַלע זיינע האַנדלונגען זענען דעטערמינירט. אָבער נאָר יענע, צו וועלכע מיר באַציען זיך פּאָזיטיוו, זעען אונדז אויס צו זיין פריי. מיט אַנדערע ווערטער: ס'איז אַן אילוזיע דער געדאַנק, ווען מיר טראַכטן, אַז מיר זענען אַבסאָלוט פריי אין אונדזערע האַנדלונגען, בעת פּאַקטיש שטאַמען זיי אַרויס נישט פון קיין שום פרייען ווילן, נאָר פון אַ נאַטירלעכן גאַנג אָדער פון אַ פונדאַמענטאַלן אימפּולס. אָבער טראָץ דעם, וואָס דער מענטש באַזיצט נישט קיין פרייען ווילן, איז אים דאָך געלונגען צו באַפרייען זיך פון שקלאַפעריי, דערגרייכן פולע פרייהייט. אַפילו אַזאַ באַגריף ווי שיינקייט, וואָס מיר נעמען אויף ווי אַ קוואַליטעט, איז עס פּאַקטיש נאָר דער איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אויף דעם באַאָבאַכטער. אין אַן אַנדער שטימונג קען דאָס, וואָס מיר האָבן געהאַלטן פאַר שיין, זיך אַרויסווייזן פאַר מיאוס, אַזוי אויך פאַרקערט. זאַכן קענען אויסזען שיין פון דער ווייטנס און זיין מיאוס פון דער נאָענט.

וואָס שייך עמאָציעס, איז דער מענטש אַ שקלאַף צו זיי. ער ליידט פון שרעק, פאָראורטיילן, אייפערזוכט, מחמת ער איז פאַרשקלאַפט צו זיינע אינסטינקטן, אימפּולסן, ווי צו די קאָנווענציאָנעלע מיינונגען מיט זייערע פאָראורטיילן. דער מענטש טיילט זיך אויס פון דער חיה, ווי אַ דענקענדיק וועזן, וואָס קען ראַציאָנאַליזירן אידייען. ער קען איבערגיין פון אַ נישט־קלאָרן באַנעם צו אַ האַרמאָנישן און זיך פילן פריי.

אָט איז אַ ציטאַט: „מען קען לייכט זען דעם אונטערשייד צווישן אַ מענטש, וואָס האַנדלט אויסשליסלעך לויט זיינע געפילן און מיינונגען און אַ מענטש וואָס ווערט געפירט פון זיין שכל. דער ערשטער טוט אָפּט זאַכן, וועלכע ער אַליין באַגרייפט נישט, בעת דער צווייטער איז דער באַלעבאָס איבער זיינע האַנדלונגען און ווייסט וואָס פאַר אים איז וויכטיק. דער ערשטער איז אַ שקלאַף. דער צווייטער איז אַ פרייער מענטש".

שפּינאָזאַ שטעלט זיך אָפּ אויף אינטואיציע. ער איז פּאַקטיש דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די אינטואיטיווע דערקענטעניש. אמת, רמזים געפינט מען שוין ביי סאָקראַטעסן און פּלאַטאָנען, וועלכער האָט עס שוין אויך ברייטער באַהאַנדלט, אָבער שפּינאָזאַ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזוכט צו דערקלערן עס ראַציאָנעל און זי אַוועקשטעלן איבערן שכל.

פיל געדאַנקען פון שפּינאָזאָס לערע זענען נישט ניי. אָבער פאַר אים זענען זיי נישט באַהאַנדלט געוואָרן מיט אַזאַ קלאָרער טיפקייט פון אַרגומענטאַציע, וואָס קען נאָר אַרויסרופן גרויס התפעלות פאַרן מחבר. דער מאָניסטישער ספּיריטואַליזם, באַטאָנען אַלע שפּינאָזאַ־פאָרשער, טיילט אויס זיין פילאָזאָפיע פון אַלע אַנדערע ביז אים. ער האָט דאָך אַזוי פיל איינגעשטעלט אויף דער הנחה, אַז אַן־איינציק־

אייביקער, אַבסאָלוט־אומענדלעכער און אַבסאָלוט־שלימותדיקער גאָט פּילט אויס דעם אוניווערס אָדער שליסט איין אין זיך דעם וועלטאַל.

עס איז באַרימט זיין זאָג: גאָט אָדער נאַטור, דורך וועלכע ער האָט אַרומגענומען יעדע באַוועגונג, יעדע געשטאַלטיקונג, וואָס קען נאָר באַגרייפט ווערן דורך אונדזערע חושים. אַ טייל איז אַן אַטריבוט (אָדער מאָדוס) פון איינער און דער זעלבער סובסטאַנץ, די אייביק־זייענדיקע און אַלץ־אַרומנעמענדיקע גאָטהייט.

דער גאַנצער פילאָזאָפישער סיסטעם פון שפינאָזאַן איז באַוווסט א״נ „עטיק״, וואָס דאַרף פאַרקערפּערן די השלימה (פאַרפולקאָמונג) פון דער נשמה. אָבער נישט זיין „עטיק״, נאָר זיין ווערק „דער טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט״ האָט אַרויסגערופן דעם שטורעם קעגן מחבר אין דער יידישער סביבה און אין דער געלערנטער וועלט בכלל. עס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ „שיטה פון אַפּיקורסות״, וואָס גייט שטורעמען דעם גאַנצן געבוי פון טעאָלאָגיע. דער מחבר פון דעם ווערק האָט מורא געהאַט פאַר דער רוגזה פון דער קירכע און האָט זיין נאָמען אויסבאַהאַלטן. עס האָט זיך אָפּגערופן אַ לעגיאָן פון שונ־אים, וואָס האָבן אַטאַקירט דעם מחבר אויף אַזוי פיל, אַז ער האָט בעת זיין לעבן מורא געהאַט אַריינצוגעבן אין דרוק זיין ווערק „עטיק״ (וואָס איז דערשינען ערשט נאָך זיין טויט). קומען מיר איצט טאַקע צו דער „אַפּיקורסישער שיטה״ צוליב וועלכער שפינאָזאַ איז אַריינ־געלייגט געוואָרן אין חרם.

ווי שוין דערמאָנט איז דער חרם אויסגערופן געוואָרן אין יאָר 1656. דאָס מיינט פיר יאָר איידער עס איז דערשינען זיין ווערק „טעאָ־לאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט״ (1660). אָבער דער יונגער ברוך האָט זיינע אידייען שוין געהאַט פּראָפּאַגירט צווישן די יונגע יידן פון דער אַמסטערדאַמער קהילה. די פירער פון דער קהילה מיט די אָנגעזעענע רבנישע אויטאָריטעטן, ווי ר׳ מנשה בן ישראל און ר׳ שאול מאָר־טיירא האָבן זיך דערשראָקן פאַר זיינע אַפּיקורסישע געדאַנקען, וואָס ער האָט פאַרשפּרייט צווישן דער יוגנט און אויך דעם ביישפיל, וואָס ער ווייזט זיי דורך עובר זיין אויף די דינים פון יידישקייט בפרהסיה.

ב

תנ״ך־קריטיק

שפינאָזאַ האָט דער ערשטער אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק (וואָס איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן שפּעטער דורך וויסנשאַפטלעכע ביבל־קריטיקער), אַז תורת משה באַשטייט פון באַזונדערע פראַגמענטן „און איז שפּעטער געוואָרן רעדאַגירט. ער האָט פראָקלאַמירט דעם פשוטן אמת, וואָס איז אָבער פאַר דעם מאמין אַ שרעקלעכער אמת, אַז עס

קען נישט געמאָלט זיין, אַז דעם חומש, אָדער תורת משה זאָל האָבן אָנגעשריבן משה רבנו" (דובנאָוו).

וואַרשיינלעך האָט ער דאָס אַרויסגעבראַכט בעל־פה פאַר די יידי־שע יונגעלייט עטלעכע יאָר פריער איידער עס איז דערשינען אין שריפט. מסתמא איז ער דערפאַר שטאַרק געטאַדלט געוואָרן און כדי צו פאַרטיידיקן זיך, האָט ער פאַרן גרויסן חרם געשיקט אַן „אַפּאָלאָ־גיע" צום וועד פון דער קהילה, וועמענס אינהאַלט איז אומבאַקאַנט, אָבער עס איז אָנגענומען, אַז זי איז אַריין אין זיין שפּעטער דערשי־נענעם „טראַקטאַט" אין וועלכן ער גיט זיין אַנאַליז איבערן תנ"ך און דער עוואַנגעליע.

און מען מוז צוגעבן, אַז דער מחבר ווייזט אַרויס אַ בפירושן סוב־יעקטיוון צוגאַנג וועגן די פּרושים און אַן איינזייטיקייט אין דער אָפּשאַ־צונג פון אַלטן און נייעם טעסטאַמענט. קריסטנטום ווערט דורך אים אומגעהויער אידעאַליזירט אויף אַן אומהיסטאָרישן אופן.

ווי געזאָגט, ווייסן מיר נישט דעם גענויעם אינהאַלט פון זיין „אַפּאָלאָגיע", אָבער עס איז מעגלעך, אַז זיינע שאַרפע רייד (אין טראַקטאַט) וועגן יידישן פאָלק און די נביאים און זיין שטאַרקן אָפּאָ־טעאיזירן דעם נייעם טעסטאַמענט איז געווען דער לעצטער שטויס צום באַרימטן חרם.

שפּינאָזאַ, הגם זיינע ביאָגראַפן באַצייכענען אים ווי דער איינזאַמער פילאָזאָף פון אַמסטערדאַם, איז פאַקטיש געווען שטאַרק אַנגאַזשירט אין סאַמע ברען פון דעמאָלטיקן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, זיך געמישט מיט די קריסטלעכע סעקטעס, אָנטיילגענומען אין דעם קאַמף צווישן דער מלוכה און דער קירכע. מען דאַרף דאָ אויך אונ־טערשטרייכן דעם פאַרביטערטן קאַמף וואָס איז דאַן לאַנג אָנגע־גאַנגען צווישן די פאַרשיידענע סעקטעס און די פאַרפאָלגונגען קעגן אַפּיקורסים דעמאָלט אין לאַנד.

די יידישע מנהיגים אין אַמסטערדאַם האָבן מורא געהאַט אימת־מוות פאַר דעם אופן ווי אזוי ס'וועט רעאַגירן די האָלענדישע רעאַקציע קעגן אַ יידישן אַפּיקורס, וועלכער רייסט אַרונטער די יסודות פון דער ביבל, וואָס איז פאַרהייליקט ביי דער קריסטלעכער ווי אין דער יידי־שער אמונה. און באַזונדערס דערפאַר וואָס האָלאַנד האָט דאָך אַרויסגע־וויזן אַזאַ גאַסטפריינדלעכקייט צו יידן, בעת אין די קאַטוילישע לענדער האָט געבושעוועט די אינקוויזיציע.

איך ווייס, אַז די לייענער וועלן מיך נישט חושד זיין אין פאַרטיי־דיקן דעם אַקט פון חרם. אָבער איך האַלט פון זען אים מיט היס־טאָרישע אויגן און פאַרשטיין די אומבאַקוועמע לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך צו יענער צייט געפונען די יידישע קהילה אין אַמסטערדאַם.

עס איז אינטערעסאַנט דאַ צו באַמערקן, אַז אויך קריסטלעכע פאַרשערס (למשל, דר. וויל דוראַנט) קומען צום אויספיר, אַז נעמענדיק אין אַכט די צייט, האָט די יידישע קהילה נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי צו איזאָלירן אים דורך אַ חרם.

פון דער צווייטער זייט — און ס'איז דאַ אַ צווייטע זייט — האָט דער חרם אויף אוריאל אַקאָסטאַ און אויף שפינאָזאַן געגעבן אַ פתחון פה די ליבעראַלע קריסטן אַנצוווייזן אויף די יידן, אַז זיי זענען אויך נישט בעסער דאָרט, ווו זיי האָבן נאָר אַ ביסעלע מאַכט. והאַ ראיה!

דובנאָוו שטרייכט אונטער, אַז שפינאָזאַ איז נאָך פריער אַליין „פאַקטיש אַרויסגעטראָטן פון דער יידישער קהילה. ער האָט זיך דער־ווייטערט פון זיינע פאָלקסברידער און האָט פאַרקערט אין דער קריסט־לעכער געזעלשאַפט, האָט גערן באַזוכט די פאַרזאַמלונגען פון רעפאָר־מיסטישע סעקטאַנטן, וואָס האָבן געשטרעבט זיך צו דערנענטערן צו דער לכתחילהדיקער לערנונג פון דער עוואַנגעליע" (דובנאָוו, ב. ו', ז' 192).

עס איז דאַ אַן אינטערעסאַנטע דאָקומענטאַציע פון יענער צייט (1665), וואָס באַווייזט, אַז די קהילה־מנהיגים האָבן יאָ געהאַט אַ גרונט פאַר זייער מורא, אַז ער שטעלט אין סכנה, מיט זיינע כפירה־אידייען, די יידן אין האָלאַנד. שפינאָזאַ האָט שוין דעמאָלט לאַנג געוווינט אין אַ סביבה, ווייט פון יידן, אין דער פאַרשטאָט פון האַאַג, וואָאַרבורג. זיין דעמאָלטיקער הויזווירט האָט צוגעשטעלט אַ פעטיציע לטובת אַ געוויסן ליבעראַלן קאַנדידאַט. האָבן די קריסטלעכע קאָנסערוואַטיוו־אָרטאָדאָקסאַלע קרייזן באַצייכנט די פעטיציע פון הויזווירט, ווי „די אַרבעט פון אַ געוויסן שפינאָזאַ, אַ ייד פון געבורט, וועלכער איז אַן אַטעאיסט, אַן אומצופרידענער, אַן אָפּשפּעטער און אַ שלעכטער אונ־טערטאַן פון דער רעפובליק, ווי עס וועלן אויך דערויף עדות זאָגן אַ סך גלחים און געלערנטע".

ווי מיר זעען, האָט מען אפילו ניין יאָר נאָכן חרם נישט פאַרגעסן זיין אָפּשטאַם און זיין יידישקייט.

ווי יעדער בשר ודם, איז אויך שפינאָזאַ, אָט דער גייסטיקער ריז, נישט געווען פריי פון מענטשלעכע שוואַכקייטן, פון דעם וואָס מען קען באַצייכענען: נקמה און פאַראורטיילן. דאָס קענטיקט זיך אין גע־וויסע שטעלן פון זיין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט", געדרוקט פיר יאָר נאָכן חרם. עס האָט נאָך פרידריך ניטשע באַמערקט, אַז ער (שפינאָזאַ) האָט זיין פאָלק נישט געקענט מוחל זיין דעם חרם.

אָבער נישט זיין ביבל־קריטיק, וואָס איז שפּעטער נאָכגעפאָלגט גע־וואָרן דורך אַ גאַנצער פּלעיאַדע קריטיקער, נאָר דער אַנגריף קעגן דער יידישער רעליגיע, דאָס אָפּפרעגן דעם זין פון דער ווייטערדיקער יידי־שער עקזיסטענץ בכלל, האָט געשאַפן דעם איינדרוק — נישט נאָר

צווישן יידן — אַז ער רעכנט זיך אָפּ מיטן חרם־אויסרוף... אָבער אין תּוך גענומען האָט ער דאָך נאָך פאַרן חרם אין אַמסטערדאַמער געטאָ דערקלערט, אַז דורך דעם נוצרי רעדט גאָט אַליין און אַז די יידישע תּורה איז נאָר געווען אַ קאָדעקס פאַר דער יידישער מלוכה און זי האָט פאַרלוירן איר קראַפט און אויטאָריטעט ווען די מלוכה האָט אויפגע־הערט צו עקזיסטירן.

עס האָט ווער שוין באַמערקט, אַז אַזאַ טעאָלאָגישער צוגאַנג האָט נישט ווייניק גרויסע יידן דערפירט צום שוועל — אַנדערע איבער דער שוועל — פון קריסטנטום. דאָס איז דער שאָטן, וואָס פאַלט אויף גרויסע מענטשן וועלכע האָבן דאָך אויך זייערע מענטש־לעכע שוואַכקייטן...

איך דערמאָן זיך אין באָריס פּאַסטערנאַקס „דר. זשיוואַגאָ", אין די שטעלן ווו ער גיט אַן „עצה טובה" דעם יידישן פאָלק... דאָס רופט זיך איבער מיט די ענלעכע שטעלן פון שפּינאָזאַס „טראַקטאַט". אַזוי שרייבט מען, ווען עס פעלט אין זיך דער יסודותדיקער נאַציאָנאַלער געפיל. דאָס האָט געפעלט שפּינאָזאַן, פּונקט ווי פּאַסטערנאַקן און פיל ענלעכע.

מיר דאַרפן דעריבער זען און באַטראַכטן יענעם חרם פון אַ היס־טאָרישער פּערספּעקטיוו, אינעם קלימאַט פון יענער צייט, אינעם אַנ־בליק פון פּחד פאַרן גורל פון פאָלק, זען דעם קאַמפּס־פעלד און די צוויי צדדים מיט דעם הינטערגרונט פון דער אינקוויזיציע און אויטאָ־דאַ־פעּ: פון איין זייט — די קהילה מיט די יידישע מנהיגים, וואָס זאָרגן און טראָגן אַחריות פאַרן קיום פון פאָלק; פון דער צווייטער זייט — אַ יונגער גייסטיקער ריז קוים פיר און צוואַנציק יאָר אַלט, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן, מחמת ער זעט אַ העכערע אַחריות אין זיין קרעדאָ פאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפט בכלל.

דורך די יאָרהונדערטער וואָס טיילן אונדז אָפּ פון זיין צייט, האָט זיך שטאַרק געענדערט דער קלימאַט און דער גייסטיקער האָרי־זאָנט. דעריבער איז אין באַזונדערע דאַטעס (1932 און 1956) — די ערשטע דאַטע — 300 יאָר פון זיין געבורט און די צווייטע פונעם חרם־יאָר — גערופן געוואָרן אַראָפּצונעמען דעם חרם אויף שפּי־נאָזאַן (אגב, האָט עס דר. קלויזנער נאָך פריער געטאָן אויף דער איי־גענער האַנט... שפּעטער איז עס געקומען אויף אַן אָרגאַניזירטן געזעלשאַפטלעכן אופן).

אינטערעסאַנט וועט דאָ זיין צו ברענגען די מיינונג פון דעם קריסטלעכן טעאָלאָג איוועריך, וועלכער שרייבט אַזוי וועגן שפּינאָ־זאָס יידישקייט: „קיינער קען נישט לייקענען די לעצטע דריי ביכער פון „עטיק" אַן אַ טיפער איבערצייגונג און אַן אַ טיף דורכדרינגענדיקן געפיל, אַז שפּינאָזאַ, דער מענטש און ייד, האָט זיך דאָ אָפּגעטיילט פונעם

פילאָזאָף, פונעם אַבסטראַקטן דענקער... דער גייסט פון יידישן פאָלק האָט אים באַזיגט... אַזוי האָט שפינאָזאָ דער ייד, מעגלעך, נישט וויסנ־דיק אַפילו אַליין, געירשנט דעם גייסט פון די יידישע נביאים און מיט דעם גייסט האָט ער אָנגעפילט זיין עטישן סיסטעם, אין די לעצטע ביכער זיינע פון 'עטיק' ".

נישט נאָר בעת ער האָט געלעבט אין דער יידישער סביבה (ביז זיין 24טן יאָר), אויך נאָכן איבעררייסן מיט איר און מיט יידן האָט זיין פסיכיק געוואָרצלט אינעם יידישן פאָלק. אין זיין קאָרעספאָנדענץ באַמערקט ער וועגן דעם ייד מיטן נאָמען פידוס (דער געטרייער) און זיין מאַרטירער־טויט על קידוש השם. און אויך אַז יידן פאַרמאָגן מער מאַרטירער, ווי וועלכעס איז אַנדער פאָלק, וואָס האָבן אויסגעהויכט די נשמה, זינגענדיק אינמיטן די פלאַמען: „דיר, אָ גאָט, גיב איך מיין גייסט".

אַגב, שפינאָזאָ האָט איבערגעזעצט דעם תנ"ך אויף האָלענדיש און אָנגעשריבן אַ גראַמאַטיק פאַר דער העברעישער שפראַך. גערעכט איז אייוועריך, אַז דער ייד אין אים איז געבליבן.

ג.

קומען מיר צוריק צו שפינאָזאָס פילאָזאָפישן סיסטעם, אויף וועלכן עס האָבן געאַרבעט אַזוי פיל מפרשים און ער איז נאָך אַלץ נישט אַזוי געענוי פאַרשטענדלעך. מעגלעך, אַז מ'קען נישט אַלץ דערקלערן אויף אַ פאַרשטענדלעכן אופן, מחמת זיינע ווערטער־טערמינען קענען ווערן פאַרשידן אויסגעטייטשט. פרווט מען זיי פאַרשטיין, אַזוי ווי מען האָט זיי געניצט און פאַרשטאַנען אין שפינאָזאָס צייטן.

אָבער קודם, וואָס איז דאָס אַזוינס פילאָזאָפיע בכלל? און וואָס זוכט זי? עמאַנועל קאַנט האָט אין זיין „קריטיק פון ריינעם שכל" געגעבן דעפיניציעס, וועלכע קענען באַטראַכט ווערן ווי דער עיקר העיקרים פון פילאָזאָפיע, רעליגיע און פון דער מענטשלעכער מחשבה בכלל: 1) וואָס קען איך וויסן? 2)וואָס זאָל איך טאָן? 3) אויף וואָס זאָל איך האָפן?

מען קען דעפינירן דעם זין פון פילאָזאָפיע אַוועקצונעמען פונעם מענטש דאָס געפיל פון זיין איזאָלירטקייט און צופעליקייט אין דער נאַטור. צו דערוועקן אינעם מענטש דעם וויסן פון זיין אייביקער שייכות צו דער אייביקייט. אונדזער גאַנצער טראַכטן און קיום געהערט צום אַבסאָלוטן. און דער מענטש איז נישט קיין אויסנאַם אין דער נאַטור, נאָר אַ נאַטירלעכער פועל־יוצא פון אַן איינהייטלעכער וועלט; און אַז דעם מענטשנס קורץ לעבן איז אַ רינגעלע אין דער אומענדלע־כער קייט פון דער אוניווערסאַלער עקזיסטענץ, וואָס איז אייביק אין

דויער. עס באַציט זיך צום זײַן ווי אַ גאַנצקייט, ווי צו זײַנע באַזונדערע טײלן, װעלכע זענען אײַנגעשלאָסן אין דער אײביקייט.

דאָס ברענגט אונדז צו שפּינאָזאַן און זײַנע אידייען: װעגן דעם גאַנג צו מענטשלעכער שלימות, באַפרייאונג און גליק. ער האָט אונדז געלערנט אַלצדינג צו דערקענען — אויך זיך אַליין — נאָר אין שייכות מיט אונדזער עקזיסטענץ, מיט אונדזערע מעשים. הגם אונדזער דערקענטעניש איז סוביעקטיװ און באַגרענעצט מחמת דער שׂכל דערגרייכט נישט צו דער „אַבסאָלוטער דערקענטעניש" פון זאַכן, דאָך טוט ער אָבער אַלץ אין װאָס מיר נויטיקן זיך פאַר אונדזער קיום. ער האָט פאָרמולירט אַ פילאָזאָפישע סכעמע װעגן דער רעאַליטעט, װאָס װערט, מיט קלײנע שינויים, אויך עד־היום אָנערקענט פאַר ריכ־טיק, מחמת זי איז מער אויסגעהאַלטן און שטימט מער מיט די פאַקטן פון דערפאַרונג, ווי וועלכע עס איז אַנדערע פילאָזאָפישע סכעמע. אין דעם שטעקט זײַן געניאַליטעט.

שפּינאָזאַ איז געװען אַ נאַטוראַליסט. די נאַטור איז געװען זײַן אויסגאַנגס־פּונקט. ער איז אויך געווען אַ מיסטיקער, דעריבער — זײַן פּאַנטעאיזם. ער האָט געפונען אין זײַן קאָסמאָלאָגישער סכעמע אַן אינערלעכע האַרמאָניע, וואָס האָט ארומגענומען נאַטוראַליזם און מיסטיציזם, טעאָרעטישע און פּראַקטישע ענינים, אַזוי אויך פאַרשי־דענע געדאַנקען. שפּינאָזאָס מיסטיציזם איז געווען מיסטעריעלאָז, מחמת װען דער מענטש װאָלט נאָר געהאַט אַן אויג, וואָס וואָלט געקאָנט אַרומנעמען די אַבסאָלוטקייט, װאָלט דער עבר, הווה און עתיד זיך צונויפגעגאָסן אין אַ מין קרישטאָל - ריינעם און דורכזיכטיקן זײַן.

דורך די אַלע שפּינאָזאַ־פאָרשונגען, װוּ עס רעדט זיך אַזוי פיל מיט אַזעלכע שװערע װערטער־באַגריפן פון סובסטאַנץ, אַטריבוט, מאָדוס, אַפעקציע, סיבה, רעאַליטעט א. א. װ. קענטיקט זיך דער אויס־פיר, אַז װאָס מער מען שטודירט שפּינאָזאַן, אַלץ מער װערט מען נתפּעל פון זײַן געניאַליטעט, ווי אַזוי ער האָט אויף אַזאַ געניאַלן אופן אַרויסגעבראַכט די גראַנדיעזע עטיק אין אַ דעטערמיניסטישער װעלט; אויך ווי טיף ער האָט געקענט באַגרייפן די קראַפט און דעם פּראָבלעם פון עמאָציעס.

גלויבט דער פאָרשער דר. בראָאַד, אַז דער הויפּט־צוועק פון שפּי־נאָזאָס פאָרשונגען איז געװען אַן עטישער און אַלע שפּינאָזאַ־פאָר־שער זענען מסכּים, אַז זײַן פילאָזאָפישע סכעמע איז אַ גאַנצע און אויסגעהאַלטענע פון אָנהויב ביזן סוף. אמת, זײַן פילאָזאָפיע באַזירט זיך אויף געדאַנקען, װאָס זענען פאַר אים נאָך געװאָרן אַרויסגעבראַכט דורך אַנדערע, צװישן זיי אויך דורך פריערדיקע יידישע דענקער פון

מיטל־עלטער. זיין גרעניאַלע עובדה איז אָבער געווען צו שאַפן פון אַט דעם בוי־מאַטעריאַל אַ סאָלידן און אייגענעם פילאָזאָפישן בנין. ער האָט מיט זיינע אידייען פיל באַרייכערט דאָס אייראָפּעאישע דענקען. און ריכטיק האָט באַמערקט ערנעסט רענאַן, וואָס האָט צוגעשיקט צו דער אַנטהילונג פון שפינאָזאַ־דענקמאָל אין האַאַג (1882) פאָלגנדיקן בריוו: „פון זיין גראַניטענעם פיעדעסטאַל אַראָפּ וועט דער דאָזיקער מענטש ווייזן אַלע מענטשן דעם וועג צו גליקזעליקייט, וואָס ער האָט געפונען. אין אַן אַנדערער צוקונפט, ווען אַ געבילדעטער וואַנדערער וועט פאַרבייגיין דעם דאָזיקן דענקמאָל, וועט ער אין האַרצן זיך זאָגן: ’דאָ איז אפשר אַנטשטאַנען די ריכטיקסטע גאָט־וויזיע, וואָס אַ מענטש האָט ווען־נישט־איז געהאַט’ ”.

כאַראַקטעריסטיש איז וואָס שפינאָזאַס ערשטער ביאָגראַף, לוקאַס, וועלכער האָט אים גאַר גוט געקענט, שרייבט אין זיין ביאָגראַפיע: „זיין טויט איז פאַר אים (שפינאָזען) געווען אַן אויסלייז און אַ רעטונג פון אַ שטורעם, וואָס זיינע שונאים האָבן זיך געגרייט אויפצוהייבן קעגן אים. זיי האָבן אַלץ געטאָן בכדי דאָס פאָלק זאָל אים האַסן, מחמת ער האָט אָנגעוויזן דעם אונטערשייד צווישן אמתער פרומקייט און היפּאָקריזיע, און ווי אַזוי צו באַפרייען זיך פון אָבערגלויבנס. אָבער נישט נאָר וואָס ער איז באַרימט געוואָרן נאָך ביים לעבן, נאָר אויך צוליב די אומשטענדן פון זיין טויט, וואָס איז פאַר אים געווען גאָר נישט קיין קליינער גליק אין יענער צייט, קומט אים שבחים. און געגאַנגען איז ער צום טויט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מוטיקע אויגן, ווי ער וואָלט צופרידן געווען זיך מקריב צו זיין אפילו פאַר זיינע שונאים, זיין נאָמען זאָל נישט ווערן פאַראומרייניקט דורך אומברענגען אים”.

פון די ווערטער און זייערע אַלוזיעס קען מען זען, אַז ער וואָלט מסתמא געהאַט אַ טראַגישן סוף, ווען זיין טויט וואָלט זיך נישט מקדים געווען אויף אַ נאַטירלעכן אופן אײדער ער איז אַריין אין די הענט פון זיינע שונאים. פאַראורטיילט האָבן דאָך נישט נאָר די רעליגיעזע קרייזן און זייערע אויטאָריטעטן, נאָר אויך די וועלטלעכע הערשער פון האָלאַנד און אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן געזען אין שפינאָזען אַן אַטעאיסט, אַ כופר בעיקר און אַרכי־הערעטיקער. אַליין א חוטא און איז נאָך דערצו המחטיא את הרבים.

כדאי צו באַמערקן אַז אויך נאָך זיין טויט, אין יענעם יאָרהונדערט, וואָס ווערט באַצייכנט אַלס ראַציאָנעלער, באַגלייט מיט דעם רעוואָלט קעגן טראַדיציע, קעגן אויטאָריטעט און קעגן אַנדערע קאַנאָנירטע הייליקייטן—קעגן „עסטאַבלישמענט” איז דאָך אַרויסגעטראָטן די רעפאָרמאַציע, דער רענעסאַנס, וואָס האָט דעמאָלט אָנגעצייכנט דעם בונטאַרישן גייסט פון דער נייער צייט, פון א נייער תקופה אין אייראָפּע

— אָבער טראָץ דעם אַלעם, איז דאָך נאָך דער שוואַרצער שאָטן פון מיטלעלטער געלעגן איבער דער וועלט און פאַרדעקט דעם האָרי־זאָנט מיט זיין נאַכט־חושכדיקייט. און עס האָט גענומען נאָך גאָר אַ לאַנגע צייט ביז דער גייסטיקער האָריזאָנט איז אָפּגערייניקט געוואָרן דורך די גרויסע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען און עקספּע־רימענטן אין קאָסמאָס.

שפּינאָזע האָט מיט זיין דורכדרינגלעכן אויג דערזען, אין דער פולער טיף, די באַדייטונג פאַרן מענטש אַט די אַנטדעקונגען און עקס־פּערימענטן אין דער נאַטורוויסנשאַפט, אַסטראָנאָמיע און אַנדערע וויסנשאַפטלעכע צווייגן, פאַר וועלכע מאַטעמאַטיק איז געווען דער יסוד און די קרוין — דער „יעיל״־שליסל צו די אַלע אויפדעקונגען. דעריבער האָט שפּינאָזע זיין פילאָזאָפישן הויפּטווערק — די עטיק — באַגרינדעט און אילוסטרירט מיט פּרעציזע מאַטעמאַטישע פאָר־מולעס. דורך דעם מעטאָד האָט זיין פילאָזאָפיע זיך אַריינגעפּאַסט אין די נייעסטע וויסנשאַפט־סיסטעמען פון זיין תקופה. עס האָט באַקומען די פינגער־צייכנס פון זיין גרויסן געניאַלן גייסט אין אַ גרויסער צייט.

ד

דער יידישער איבערזעצער פון די עטיק (פון לאַטיינישן אָריגי־נאַל) שמואל ווינער ברענגט אין זיין אַריינפיר אָפּרופן וועגן דעם פילאָ־זאָפישן ווערק פון שפּינאָזען מצד וועלט־באַרימטע נעמען פון דער פילאָזאָפיע, ליטעראַטור און קונסט. אין די אַרויסזאָגונגען קומט צום אויסדרוק די באַציאונג צו דער פּערזענלעכקייט פון ברוך שפּינאָזע.

איך ציטיר: „אַ מוח וואָס האָט אַזוי אַנטשיידן געקוקט אויף מיר און וועלכער האָט דערצו געהאַט נאָך אַזאַ גרויסע ווירקונג אויף מיין גאַנצן אַרט דענקען — איז געווען שפּינאָזע״ (יאָהאַן וואָלפגאַנג געטע). איך האָב אין אַן אַנדער אָפּהאַנדלונג דערמאָנט משה מענדעלסאָנס באַציאונג צו זיין גרויסן פאָרגייער. דאָ וויל איך נאָר צוגעבן זיינע ווערטער פון יראת הכבוד פאַר דעם גרעסטן יידישן פילאָזאָף, ביי וועלכן „מ׳האָט מיט רעכט באַוווּנדערט די חריפות מיט וועלכע שפּי־נאָזע פירט די גרונט־אידייען פון זיין סיסטעם און פאַרבינדט זיי ביז די מינדסטע דעטאַלן מיט געאָמעטרישער פעסטקייט״.

כאַראַקטעריסטיש איז די באַצייכענונג וועגן שפּינאָזען פון גאָט־האָלד אפרים לעסינג, אַז „ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער פילאָזאָפיע, ווי די פילאָזאָפיע פון שפּינאָזען״ און אַזאַ בר־סמכא אין דער פילאָזאָפיע ווי געאָרג ווילהעלם העגעל, אַט דער גרויסער פילאָזאָף אין דייטש־לאַנד מיט זיינע צוויי און צוואַנציק פאַרעפנטלעכטע בענד וועגן זיין פילאָזאָפישן סיסטעם באַטאָנט אויך, אַז „שפּינאָזע איז דער צענטראַלער

פונקט פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע — שפינאָזאָאיזם — אָדער קיין פילאָזאָפיע".

פון דער וועלט־ליטעראַטור האָבן זיך אָפּגערופן אַזעלכע נעמען ווי היינריך היינע, אַנאַטאָל פראַנס: „ער (שפינאָזע) איז איינער פון די גרעסטע העלדן פון דער מענטשהייט. ער האָט אוועקגענומען פון די מענטשן די נאַריש־פּוסטע מיינונג פאַרן טויט און די אומזיסטע האָפענונג צו ווערן אומשטערבלעך, געבנדיק זיי דאָס געפיל און דער־ווייזנדיק זיי, אַז זיי זענען אייביק".

גאָר פּאָעטיש האָט זיך היינע צעזונגען וועגן שפינאָזען: „ביים לייענען אים ווערן מיר מיט אַזאַ געפיל אָדורכגענומען, ווי ביים אָנ־בליק פון דער גרויסער נאַטור אין איר העכסטער באַלעבטער רואי־קייט. מיר זעען פאַר זיך אַ וואַלד פון צום הימל־גרייכנדיקע געדאַנ־קען, וואָס די סאַמע העכסטע בליענדיקע צווייגן זיינע וויגן זיך אַזוי ווי כוואַליעס אויפן ים, בעת זייערע אומבאַוועגלעכע שטאַמען זענען איינגעוואָרצלט אין דער אייביקער ערד — פון שפינאָזעס ווערק ווייעט די לופט פון דער צוקונפט".

און דער גרעסטער ליטעראַטור־קריטיקער געאָרג בראַנדעס רעדט וועגן שפינאָזען מיט אַזאַ התלהבות! „שפינאָזע! אַ וואָרעמקייט צעגיסט זיך איבערן קערפּער, אַזוי אָפּט מ'דערמאָנט זיך וועגן אים און מ'פאַרטיפט זיך אין אים. ווער ס'האָט אים אין דער יוגנט גע־לייענט, דער האָט זיין גייסט געטובלט אין אַ ברענענדיקן, לייטערנ־דיקן פייער. שפינאָזע איז דער הייליקער פונעם דענקען, ווי שעלי פון דער פּאָעזיע".

לאָז איך אָדורך די אַרויסזאָגונגען פון דר. חיים זשיטלאָווסקי און פון פיל אַנדערע בר־סמכאס אין דער פילאָזאָפיע, מחמת די ציי־טירטע גיבן שוין אַ גענוגנדיק בילד ווי אַזוי די גרויסע גייסט־מענטשן פון אַלערליי פעלקער האָבן אַרויפגעקוקט צו די פילאָזאָפישע אויפטוען פון שפינאָזען. די יידיש־לייענערס וואָס ווילן מער זיך פאַר־טיפן אין שפינאָזעס פילאָזאָפישער שיטה, אָפּגעשאַצט אין אַ קרי־טיש ליכט, רעקאָמענדיר איך צו לייענען דעם לעצט־דערשינענעם בוך פון שלמה סוסקאָוויטש א"נ „ליכט און שאָטן אין ספינאָזעס לעבן און שאַפן. דער מחבר האָט וועגן שפינאָזען געשריבן באַלערנדיקע אָפּ־האַנדלונגען אין זשורנאַל „דווקא". ער, סוסקאָוויטש, איז ווייט פון שפי־נאָזאָס שאַרפע קעגנערס, אָבער ער געהערט אויך נישט צו די, וואָס באַטראַכטן זיין פילאָזאָפישע שיטה „ווי דער לעצטער אַקט פון געט־לעכער התגלות".

וועגן פּאַרויסגאַנג פון דער וויסנשאַפט

(באַטראַכטונגען וועגן געשיכטלעכע מיילשטיינער)

א

בערך מיט אַ עטלעכע יאָר צוריק איז אָפּגעצייכנט געוואָרן די 500־יאָריקע דאַטע זינט דער געבורט פון דעם באַרימטן אַסטראָנאָם ני־קאָליי קאָפּערניק. לכבוד דער היסטאָרישער דאַטע איז אַן אַמערי־קאַנער סאַטעליט אָנגערופן געוואָרן מיט זיין נאָמען און ספּעציעלע פּאָסט־מאַרקעס זענען דערשינען מיט זיין בילד אין אַ ריי לענדער.

אָט די וועלט־אָנערקענונג וואָלט זיכער איבערראַשט קאָפּער־ניקן, ווען ער וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר און געזען דעם יום־טוב, וואָס מען מאַכט מיט אים — אַ זאַך וואָס ער וואָלט צום ווייניקסטן דערוואַרט צו זען. בעת זיין לעבן איז דאָך אָנגעגאַנגען די גרויסע קאָנטראָווערסיע אַרום דער וויסנשאַפטלעכער שיטה וועגן דער זון, פּלאַנעטן און שטערן, אַז זיי דרייען זיך אַרום דער ערד, וועלכע באַ־וועגט זיך נישט, אָבער זי איז דער צענטער פון קאָסמאָס. די דאָזיקע טעאָריע, האָט ער דערקלערט, איז אַ פאַלשע און די ערד איז נישט דער „פּיפּעק" פון די וועלט־רוימען.

זיינע מיטצייטלער זענען נישט געווען איינשטימיק מיט זיין „אַפּיקורסות" און ער האָט נישט פאַרעפנטלעכט זיין טעאָריע ביז ער איז שוין געלעגן אויפן טויטן־בעט (1543). זיין בוך, וואָס ער האָט אָנגערופן „רעוואָלוציעס אין די הימלישע ספערעס", איז געדרוקט געוואָרן נאָר אין טויזנט עקזעמפּלאַרן און איז געווען, ווי אַרטור קעסטלער האָט אויסגעפאָרשט — אַ ווייניק־פאַרקויפטער בוך במשך פון יאָרהונדערטער. דאָס זאָגט קעסטלער, ווייזט, ווי אַזוי אַ בוך, וואָס האָט געמאַכט געשיכטע, האָט געהאַט אַזאַ קלאָגעדיקע פאַרשפּריי־טונג. די הויפּט־סיבה פון דעם איז געווען, וואָס דאָס בוך האָט זיך זייער שלעכט געלייענט. ערשט שפּעטער, ווען דער דייטשער מאַטע־מאַטיקער און אַסטראָנאָם יאָהאַן קעפּלער (1571—1630) האָט אין אַ בע־סערער פאָרם באַגרינדעט קאָפּערניקס לערע און נאָך שפּעטער, ווען עס איז געקומען אייזיק ניוטאָן (אין 17טן יאָרהונדערט) און האָט מיט דער טעאָריע אָנועקגעלייגט דעם יסוד פאַר זיין לערע וועגן דער

גראַוויטאַציע אינעם אוניווערס — איז קאָפּערניקס שיטה באַקרעפּ־טיקט געוואָרן וויסנשאַפטלעך

איז דאָ אויפן אָרט צו באַמערקן, אַז קאָפּערניק האָט זיין ווערק געשריבן בעת ער איז געווען אין קאַטעדראַל פון פרוידענבערג (דייטשלאַנד) אַלס קאַנאָן" און די קירכע־לייט זענען, פאַרשטייט זיך, געווען פון זיינע שאַרפסטע קעגנער. אין 1539 האָט מאַרטין לוטער באַשולדיקט אים: „דער שוטה האָט די קונסט פון אַסטראָנאָמיע אי־בערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ. אָבער די הייליקע שריפטן דערציילן און ווייזן אַן אַנדער לעקציע, ווי אַזוי יהושוע האָט באַפוילן, אַז די זון זאָל בלייבן אומבאַוועגלעך שטיין און די נישט די ערד".

ב

אַפילו אין 16טן יאָרהונדערט האָט די רוימיש־קאַטוילישע קיר־כע באַקעמפט קאָפּערניקס מיינונג וועגן אוניווערס, אַז „ס'איז נאַריש און אַן אַבסורד און פילאָזאָפיש פאַלש און בכלל אַפּיקורסיש אַזאַ טעאָריע".

וויל איך אין די ווייטערדיקע נאָטיצן מיינע זיך אָפּשטעלן אויף דעם וויסנשאַפטלעכן ווערק פון אַרטור קעסטלער „די לונאַטיקערס", ווו ער באַהאַנדלט די שרייבער און ווערק פון אַ הויכער וויסנשאַפט־לעכער רעפּוטאַציע, וואָס האָבן געמאַכט געשיכטע. דורך דער באַ־האַנדלונג וועלן מיר קענען בולטער זען די ראָל און דעם איינפלוס פון גייסטיקע ריזן אויפן גאַנג פון געשיכטע, הגם בשעתם האָט מען זיי נישט דערשאַצט און נישט געקענט איינזען, אַז זיי מאַכן געשיכטע.

קעסטלערס בוך פאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט דער וויסנ־שאַפטלעכער רעוואָלוציע, אָבער מען קען די אַנאַלאָגיע אויך אָנווענדן צו דער פּאָליטיש־סאָציאַלער וועלט, די רעוואָלוציעס אין דעם יאָר־הונדערט און די ראָל פון יחידים אין די עפּאָכע־מאַכנדיקע געשעענישן.

ג

די גרויסקייט פון מענטשלעכן זשעני האָט זיך מאַניפעסטירט אין צוויי באַדייטנדיקע שטראָמען: אין די וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונ־גען („די וויסנשאַפטלעכע רעוואָלוציעס") און אין דער גרויסער קינסט־לערישער יצירה.

אין דער מערב־ספּערע ביים מיטללענדישן ים איז פאָרגעקומען די אַנטוויקלונג און דער גאַנג פון דער אייראָפּעאישער קולטור און ציוויליזאַציע. פּיטאַגאָרע ווערט געהאַלטן פאַר דעם גרינדער אָדער דערפינדער פון זיי, מחמת ער איז געשטאַנען ביים שיידוועג, ווו עס

איז דעצידירט געוואָרן אין וועלכער ריכטונג דער וועג זאָל גיין, בעת עס איז נאָך דעמאָלט געשטאַנען אונטער אַ פראַגע־צייכן די צוקונפט־אָריענטאַציע פון דער גריכיש־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע.

ס'איז שוין ניט איין מאָל אָוועקגעשטעלט געוואָרן די שפּעקולאַטיווע קשיה: וואָס וואָלט געווען אויב פּיטאַגאָרע וואָלט גאָר געבוירן געוואָרן אין כינע, צי וואָלט פון דאָרטן אויך געקענט קומען די וויסנ־שאַפטלעכע רעוואָלוציע? דעמאָלט וואָלט דאָך אייראָפּע געוואָרן דער קאָנטינענט פון די טיי־טרינקענדיקע מאַנדאַרינס און כינע דער פּאַר־פּאָסטן פון די נייע אידייען. פאַרשטענדלעך, אַז די שפּעקולאַטיווע פראַגע איז פאַרבונדן מיט דער ראָל פון די גרויסע יחידים אויפן גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע, און וואָס פאַר אַן איינפלוס האָט אויף איר: ראַסע, גייסט, טעמפּעראַמענט און קלימאַט? וויפל וואָג פאַרמאָגן אָט די אַלע פאַקטאָרן ביים אויספורעמען דעם מענטשלעכן זשעני אויף די פילצאָליקע געביטן פון דער אינטעלעקטועלער און קינסטלערישער ספערע?

מען האָט נישט איין מאָל געפרעגט: ווען עס וואָלטן נישט געבוירן געוואָרן די גרויסע וועלט־דעראָבערערס אַלעקסאַנדער מוקדון אָדער גענגיס כאַן, צי וואָלטן אַנדערע אויך באַוויזן דורכצופירן די זעלבע דעראָבערונגען און ברענגען אויף די שפּיצן פון זייערע באַגנעטן די זעלבע העלענישע און מאָנגאָלישע עקספּאַנסיע? לאָמיר עס אי־לוסטרירן מיט אַזאַ ביישפּיל: אויב די גרויסע וועלט־דעראָבערער דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי די לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסטן פון דער גע־שיכטע, דאַן זענען דאָך זייערע דעציזיעס די טרייב־קראַפט אין וועל־כער ריכטונג די רייזע זאָל זיך פאַרקערעווען. צי איז דאָס טאַקע אַזוי?

ווי געזאָגט, איז דאָס אַ שפּעקולאַטיווע קשיה, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרענטפערן. אָבער אַז מיר רעדן שוין אין טערמינען פון אַ רייזע, וואָס די מענטשלעכע געשיכטע האָט דורכגעמאַכט אין לויף פון די לעצטע עטלעכע טויזנט יאָר, זענען דאָך די נעמען פּלאַטאָ, אַריס־טאָטעל, יוקליד, אַרכימעדעס — מיילן־צייכנס פון דער רייזע, וואָס גייט שוין אויף דעם באַשטימטן וועג, אָנגעצייכנט פון פּיטאַגאָרען. ביז אים זענען פילאָזאָפיע און רעליגיע געווען אַ סיאַמער צווילינג, נישט צו צעשיידן; און געבוירן פון דער בענקשאַפט „צו כאַפּן אַ בליק אויף אייביקייט דורכן פענצטער פון צייט" (קעסטלער). די פּריסטער זענען געווען די ערשטע אַסטראָנאָמען און די מעדיקער זענען געווען אי דאָקטוירים, אי נביאים. אַזוי לאַנג נאָך ווי אין מיטלעלטער זע־נען די מאָנאַסטירן געווען די אָאַזיסן פון לערנען און פאָרשן, בעת אַרום זיי איז געווען אַ טרוקענער מדבר פון אַמעראַצעס.

אוודאי קען מען אויך אויפווייזן, אַז די מאָנאַכן זענען לרוב נישט געווען די סטימולן פון פאָרשערישן און שעפערישן געדאַנק,

זיי זענען געווען נאָר „די שומרים פון איסגעטריקנטע ברונעמער״ אָבער דער פאַקט איז, אַז רעליגיע און פילאָזאָפיע האָבן דאַן געהויזט צוזאַמען אונטער איין דאַך. אין מיטלעלטער איז בכלל נישט אָנגעווענדט געוואָרן פלוטאַרכס באַמערקונג וועגן פיטאַגאָרען, אַז „די מעדיטירונגען וועגן דעם אייביקן איז דער ציל פון דער פילאָזאָפיע, און די מיסטעריעס געהערן צום גבול פון רעליגיע״. דאָס איז ביז קעפּלערן אויך נישט פּראַקטיצירט געוואָרן. ערשט ער האָט אָפּגעטיילט אַסטראָנאָמיע פון טעאָלאָגיע און זי פאַרבונדן מיט פיזיק. און דאָס איז נאָך איינע פון קעפּלערס גרויסע פאַרדינסטן.

(ביים דערמאָנען די מיטלעלטערלעכע מאָנאַסטירן, איז כדאי צו באַמערקן, אַז די מאָנאַכינס האָבן אַזוי שטאַרק געפילט די אָנוועזנהייט פון גאָט און זיין השגחה, אַז זיי פלעגן ביים באָדן זיך נישט אויסטאָן די העמדער. כאָטש קיינער האָט זיי נישט געזען, אָבער גאָט — יאָ... מילא, אויפן מיטלעלטער פרעגן מיר שוין נישט קיין קשיות. אָבער דאָס זאָל נאָך געשען אין היינטיקן יאָרהונדערט און ביי קליינע מיידלעך אפילו — בין איך דערשטוינט געווען צו לייענען אין בוך פון דער אַמעריקאַנער שרייבערין אַ. עדוואַרדס — „וויוויען לי, אַ ביאָגראַפיע״ — ווו זי דערציילט, אַז ביי 6 יאָר איז די קליינטשיקע וויוויען אריינגעגעבן געוואָרן אין אַ קאָנווענט־שול און דאָרט האָט זי געמוזט זיך באָדן אין אַ וואַנע אין העמד און די קליינע מיידעלעך האָבן זיך נישט געטאָרט וויזן, חלילה, נאַקעטערהייט איינע פאַר דער אַנדערער. זיי האָבן נישט געטאָרט טראָגן לאַקירטע שיכלעך, טאָמער קענען זיי רעפלעקטירן די קינדערישע אונטערהייזלעך. דאָס אַלץ רעדט זיך וועגן די 1920ער יאָרן).

לויט קעסטלערן איז פון קאָפּערניקן ביז ניוטאָנען פאָרגעקומען די גרעסטע ענדערונגען אין דער מענטשלעכער געשיכטע. ער נעמט אָן דאָס יאָר 1600 אַלס שיידליניע. אין לויף פון די פינף דורות, וואָס האָבן אָפּגעטיילט זיי, זענען פאָרגעקומען די גרעסטע שינויים אין דער ספערע פון מענטשלעכן גייסט.

קאָפּערניק (געבוירן 1473) איז געשטאַנען האַלבוועג צווישן דער טראַנספאָרמאַציע פון דער אַלטער אין דער נייער וועלט. זיין בוך אָבער האָט געהאַט דעם שטאַרקסטן איינפלוס אויף דער געשיכטע. מיט רעכט ווערט ער באַטראַכט, ווי דער פאָטער פון אַסטראָנאָמיע. ער און שפּעטער קעפּלער, האָבן אַנטדעקט דיווירקלעכע נאַטור פון סאָלאַרן קאָסמישן סיסטעם.

קאָפּערניק האָט מיט דעם איין לאַקאָנישן זאַץ: „די זון דרייט זיך נישט אַרום דער ערד, נאָר די ערד דרייט זיך אַרום דער זון״ — אונטערגעשטראָכן, אַז די ערד איז נישט דער צענטער פון אוניווערס,

נאָר אין טערמינען פון פיזישן שטח בלויז אַן אומבאַדייטנדיקער טיילכל אין די קאָסמישע רוימען. פאַרשטענדלעך, אַז דורך דער אַנט־דעקונג האָט די קריסטלעכע רעליגיעזע קאָסמאָלאָגיע פאַרלוירן איר יסוד. איר גאַנצע קאָנצעפּציע פון דער וועלט איז געוואָרן אונטער־געגראָבן.

עס איז אויך געענדערט געוואָרן דער בליק אויפן אוניווערס, וואָס איז געווען ראָמאַנטיש פאַרשלייערט אין די שאַפונגען פון דאַנטע און מילטאָן. די רעאַלע דרויסנדיקע וועלט האָט זיך באַוויזן אַ קאַלטע, הארבע, קאַלירלאָזע און טויט־שווייגנדיקע (און אין אונדזער צייט האָט זי אָנגענומען די פאָרמען פון מאַטעמאַטיש־קאָמפּיוטירטע באַוועגונגען און מעכאַנישער רעגולירטקייט). לאָמיר דאָ דערמאָנען, אַז דער „פאַרוויסנשאַפטלעכער איירָאפּעער" האָט געלעבט אין אַן אָפּגעשלאָסענעם אוניווערס מיט גרענעצן אין וועלט־רוים, סך־הכל אַ פּאָר מיליאָן מייל אין דיאַמעטער און אַ פּאָר טויזנט יאָר פון עקזיסטענץ. פאַר אים איז שטח, ווי אַ באַגריף, נישט געווען אַן אַבסטראַקטע קאָנצעפּציע, נאָר ממש אַן אַנגעהעריקייט צו מאַטעריעלע קערפּערס אין דריי דימענסיעס: אין דער לענג, ברייט און טיף. דער מין ליידיקער שטח איז געווען לחלוטין אומדענקבאַר און אַזוי איז אויך געווען דער באַגריף צייט, ווי אַ געוויסע דויער פון געשעענישן. די קאָסמאָס־בינע איז געווען אַן אומבאַוועגלעכע, אַ מין סטאַטישע פון אָנהייב ביזן סוף. עס זענען גאָר נישט געקומען אין באַטראַכט די ענדערונגען אין דער נאַטור, אין די מינים און פלאַנצן.

אינטערעסאַנט איז קעסטלערס פּראָפיל־פּאָרטרעט פון קאָפּער־ניקן. ער צייכנט אים ווי אַ מענטש וואָס האָט אַליין מורא געהאַט פאַר דער קאָפּערניקישער רעוואָלוציע און אַט די מורא האָט פּאַראַליזירט זיין אַרבעט און פאַרקריפּלט זיין לעבן. גאַנץ מעגלעך, אַז ער האָט מורא געהאַט פאַר די רעליגיעזע רדיפות אויף אים צוליב זיין אַפּיקורסישן געדאַנק וועגן אוניווערס. אַז די שרעק איז נישט געווען אָן אַ גרונט, באַווייזט דער פאַקט, וואָס זיין ווערק איז — 73 יאָר נאָכן פאַרעפנטלעכן — געוואָרן אַרויפגעשטעלט אויף דעם פאַרווערטן אינדעקס.

דער באַרימטער משפט איבער גאַלילייִ איז דאָך אויך שוין פאַר־געקומען בערך 100 יאָר נאָך קאָפּערניקס טויט. אַלזאָ, די מורא פאַר דער אינקוויזיציע איז געווען אַ באַרעכטיקטע און האָט זיך איבער־גערופן מיט דעם באַוווסטן זאָג זיינעם, אַז דאָס גיסן ריינע וואַסער אין אַ ברונעם פול מיט בלאָטע — וועט בלויז צערודערן די בלאָטע און די פרישע ריינע וואַסער וועט פאַרלוירן גיין אין ניוועץ. קאָ־פּערניק גופא האָט צו זיין ווערק (וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע דורך אַ הינטערטיר) צוגעשריבן אַזאַ באַמערקונג: „ביטע, נעמט עס

נישט ערנסט. עס האָט נאָר געמיינט צו זיין אַן אונטערהאַלטונג פאַר מאַטעמאַטיקער״.

די קאָפּערניק־רעוואָלוציע אין דער וויסנשאַפט האָט זיך פאַרשפּרייט זייער לאַנגזאַם, מחמת עס האָבן איר געפעלט (לויט קעסטלערן) די הויפּט־מעלות פון אַ נביא: די אָנונג פון אַ גרויסער שליחות, באַגלייט מיט קוראַזש, ענטוזיאַזם אין זיין טיפער איבערצייגונג, און אויך אָריגינעלקייט פון זיין וויזיע. לויט קעסטלערס אַנאַליז איז קאָפּערניק נישט געווען קיין אָריגינעלער דענקער, נאָר אַ גוטער קריסטאַליזאַטאָר, און דאָס האָט אים פאַרשאַפט פיל מער אין זיין דויערנדיקער באַרימטקייט און אַ שטאַרקערן איינפלוס אויף געשיכטע, ווי עס האָבן באַקומען די איניציאַטאָרן גופא פון נייע אידייען און געדאַנקען.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט ווי שלעכט עס איז פאַרשפּרייט געוואָרן זיין ווערק במשך פון יאָרהונדערטער (סך הכל 4 אויפלאַגעס), וואָס פאַר אַ פאַרגלייך צו אַנדערע אַסטראָנאָמישע ביכער, ווי למשל דזשאָן האָליוואָדס סאַקראָבאָסטאָ, וואָס איז אַרויס אין 59 אויפלאַגעס! אָבער טראָץ דעם אַלעם האָט קאָפּערניקס ווערק געהאַט אַזאַ שטאַרקן איינפלוס אויף דעם מענטשלעכן געדאַנק, באַגלייט מיט די שפּעטערדיקע עפּאָכע־מאַכנדיקע געשעענישן, וואָס האָבן מרעיש עולם געווען: די דערפינדונג פון דער דרוקמאַשין; קאָלומבוסעס אַנטדעקונג פון אַ נייער וועלט הינטער די ימים; העגרי דעם VIII אָפּרייסן זיך פון רוים און די רעליגיעזע שפּאַלטונג; די דערשיינונג פון דעם גרויסן הומאַניסט פון ראָטערדאַם — עראַזמוס און נאָך אַנדערע דערשיינונגען, וואָס האָבן באַגלייט די רעפאָרמאַציע־תקופה, ווי די אויסברייטערונג פון דער קאָמוניקאַציע־באַוועגונג — אַזאַ וויכטיקע געשעעניש, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צו דער איזאָלירטקייט פון די באַזונדערע וועלט־טיילן

קעסטלער פירט דורך אַ פאַרגלייך צווישן קאָפּערניקן און יאָהאַן קעפלער. דער ערשטער — אַן אומפּריינדלעכער מענטש; דער צווייטער — אַ נוח לבריות אין בעסטן זין פונעם וואָרט. קעפלער (געבוירן 1571) האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין ווערק „די נייע אַסטראָנאָמיע״, וואָס איז געווען ממש אַ רעוואָלוציע פון די וועגן און שטעגן פון מענטשלעכן געדאַנק און זיין שעפערישקייט.

אַז מען וויל קען מען פיל אַנטדעקונגען, דערשיינונגען און זאַכן צושרייבן, ווי צופאַלן, פונקט ווי קריסטאָפער קאָלומבוס האָט דערציילט פון זיינע בלאָנדזשענישן בעת זיין רייזע, וואָס האָבן אים געפירט צו דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע.

פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס גלייבן באמונה שלימה, אַז אין דער מענטשלעכער געשיכטע איז פאַרבאָרגן אַ געוויסער באַהאַלטענער געזעץ פון גראַוויטאַציע. מען קען טאַקע מיטן פינגער נישט אָנווייזן

אויף דעם, אָבער עס איז דאָ און עס באַווירקט דעם גאַנג פון פעל־קער און געשיכטע. איז דאָך די דערשיינונג גראַוויטאַציע, אויך אַי־נעם פיזישן זין, נאָר אַ וואָרט פון אַן אומגעזעענעם, אומבאַקאַנטן כוח, וואָס ווירקט פון אַ געוויסער דיסטאַנץ אויף זאַכן, פאַרוואָס זאָל עס נישט זיין מעגלעך אין שייכות צו דער מענטשלעכער געשיכטע?

מיר קענען זיך דאָ נישט לענגער אָפּשטעלן אויף דעם וויכוח אַרום גראַוויטאַציע אין דער געשיכטע, מחמת מיר ווילן איבערגיין צו אַנדערע דערשיינונגען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אונדזער טעמע. ווילן מיר דאָ דערמאָנען, אַז דער 17טער יאָרהונדערט ווערט אין דער געשיכטס־פילאָזאָפיע אָנגערופן די עראָ פון פאַרשטאַנד, מחמת די גרעסטע פילאָזאָפן האָבן אין דער עפּאָכע געזוכט אַריינצוברענגען מאַטעמאַטישע באַווייזן אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן וויסן — איינשליסנדיק אויך פילאָזאָפיע. שפּינאָזע און לייבניץ האָבן זייערע פילאָזאָפישע אַרגומענטן פאַרבונדן מיט מאַטעמאַטישע פאָרמולעס, דורך וועלכע זיי האָבן באַהאַנדלט און אַנאַליזירט גייסט און מאַטעריע. אין די ראַמען פון מענטשלעכן וויסן איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער בנין פון רעאַליטעט, אַ טעאָריע פון דעם נאַטור־סדר און דעם פּלאַץ פון מענטש אין אָט דעם סדר. זיי האָבן געזוכט אויך צו געבן אַ גע־וויסן ענטפער וועגן וועלט־באַשאַף און מיט דעם, די עקזיסטענץ פון אַ געטלעך וועזן. טאַקע אין דעם יאָרהונדערט איז פאָרגעקומען דער ריס צווישן וויסנשאַפט און רעליגיע.

ביזן רענעסאַנס זענען קונסט און פילאָזאָפיע, דערפינדונג און האַנט־ווערק, אַסטראָנאָמיע און הומאַניזם נישט געווען צעטיילט אין באַ־זונדערע ספּעציאַליטעטן. איינער האָט געקענט זיין אַ וויסנשאַפטלער און אַ מאַנאַך. פּאַקטיש זענען דאָך די פּראָטעסטאַנטישע אוניווער־זיטעטן אין וויטענבערג און אין אַנדערע שטעט געווען די שטודיר־אַרסענאַלן פון נייע אידייען און אַנטדעקונגען, וואָס זענען נישט געווען אין סתירה צו דעם רעליגיעזן גייסט פון די מאָנאַסטירן. די באַנוץ־שפּראַך איז געווען לאַטיין, מחמת דייטש איז דעמאָלט נישט געווען געהאַלטן פאַר אַ שפּראַך וואָס איז גוט פאַר געלערנטע, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס לוטער האָט שוין געהאַט די ביבל איבערגעזעצט אויף דייטש. די געלערנטע האָבן אָבער דאָך געקוקט אויף דער דייטשער שפּראַך ווי אויף אַ זשאַרגאָן פאַרן המון (פּונקט ווי די משכילים אויף יידיש לשון).

די צעטיילונג אויף באַזונדערע ספּעציאַליסטן האָבן זיך אָנגע־הויבן בעתן רענעסאַנס. קונסט האָט דאַן פאַרלוירן איר מיטאָס און וויסנשאַפט — די מיסטישע אינספּיראַציע מיט וועלכער זי איז פריער געוואָרן באַהויכט. רעליגיע, וואָס האָט פריער צוגעשטעלט אַ דער־קלערונג וועגן אַלץ וואָס איז געשען, דורך אַן איבערנאַטירלעכער

סיבה, האָט נישט געקענט באַפרידיקן מער דעם מענטש, וואָס האָט שוין געהאַט אַ קאָנצעפּציע פון דער נייער פילאָזאָפיע. די קאַטוילישע קירכע האָט זיך דערשראָקן פאַר די שפּאַלטן אין אירע רעליגיעזע מויערן דורך דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קלאַפּן על חטא אויף זיינע חטאים, לייקענענדיק אין דער געטלעכקייט פון יעזוסן, טראָץ דעם וואָס ער איז אַ זיבן יאָר געזעסן אין טורמע בכדי ער זאָל תשובה טאָן.

עס איז אַ טעות צו מיינען, באַטאָנט קעסטלער, אַז דער פּראָצעס פון עוואָלוציע איז כסדר געגאַנגען באַרג אַרויף פון שטאַפּל צו שטאַפּל און יעדע עפּאָכע האָט צוגעגעבן אַ נייעם רינג צו דער קייט פון דעם עברדיקן וויסן, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור. פאַק־טיש איז דאָס אַזוי נישט צוגעגאַנגען. דער מענטשלעכער פאָרשריט איז נישט געגאַנגען המשכדיק, ווי אַן אָרגאַנישער פּראָצעס. פּראָגרעס און רעגרעס האָבן אין גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע געהאַט זייערע פּעריאָדן און תקופות. און וואָלט טאַקע פּראָגרעס געווען אַ סיסטעמאַטישער, כסדרדיקער פּראָצעס פון המשכדיקייט, וואָלט גאָר אַנדערש צוגעגאַנגען מיט אַ סך זאַכן און געזעלשאַפטלעכע דערשיי־נונגען. קעסטלער גיט אַזעלכע אילוסטראַציעס: אין 15טן יאָרהונדערט האָט מען געוווּסט ווינציקער וועגן געאָמעטריע, ווי אין פּאָרצייטישן גריכנלאַנד. אויך די טעאָריע וועגן צאָלן און אַנאַליטישער געאָמעטריע האָט געדאַרפט אַנטדעקט ווערן מיט אַ סך דורות פריער, ווי עס איז פאַקטיש פאָרגעקומען. און אַז די סאָציאַלע און פּאָליטישע געשיכטע גייט נישט תמיד פאָרויס, האָבן מיר אַזאַ טראַגישע דערפאַרונג באַ־קומען אין די היטלער־יאָרן. אויך אין אַנדערע תקופות האָט די גע־שיכטע פאַרצייכנט אַ טיפן רעגרעס, הגם נישט אין אַזאַ שווידערלעכן מאַסשטאַב ווי אין דער צייט פון אוישוויץ...

עס איז תמיד אָנגעגאַנגען אַ געראַנגל פאַר קיום צווישן קאָנקו־רירנדיקע טעאָריעס און אידעאָלאָגיעס — אין יעדן צווייג פון דער מענטש־לעכער מחשבה — אין גאַנג פון דער געשיכטע. אָט האָבן מיר ווידער אויס־געבאָרגט פון ביאָלאָגיע דעם טערמין פּראָגרעסיוו („אינטעלעקטועלער פּראָגרעס”), ווי עס וואָלט פאַקטיש געווען אַ גראַדליניקע קייט פון המשכדיקייט. אין דער ביאָלאָגישער עוואָלוציע זענען געווען מאָמענטן פון אַן עקספּלאָזיווער צעצווייגטקייט אין אַלע ריכטונגען, וואָס האָבן גורם געווען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער ביז־דעמאָלטיקער דאָמי־נירנדיקער טענדענץ־ריכטונג. דאָס זעלבע קומט אויך פאָר אין דער עוואָלוציע פון מענטשלעכן געדאַנק בעת קריטישע געשיכטלעכע פּעריאָדן. אָט איז נאָך דער עראַ פון הומאַניזם און טאָלעראַנץ אין די צייטן פון עראַזמוס געקומען די עראַ פון שרעקלעכן פאַנאַטיזם און שחיטות צוליב גאָט...

פון דעם געזאָגטן קענטיקט זיך דער דואַליזם ביים מענטש. פון איין זייט — זיין גרויסקייט, זיין זשעני אין קינסטלערישע שאַפונגען און אין וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען. פון דער צווייטער זייט — דער חיהשער אינסטינקט אינעם מענטש, זיין אומזיניקער בלינדער דראַנג צו זיך־פאַרניכטונג.

איך האָב אויבן דערמאָנט גאַליליייס משפט. די אינקוויזיציע האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע אויסצוגעפינען צי זיין ווערק („דער דיאַלאָג מיט די גרויסע וועלט־סיסטעמען") איז אַפּיקורסיש. די אויספאָרשונג האָט זיך אָנגעהויבן אין 1632. דעם ערשטן יאָר האָט די קאָמיסיע אים צורו געלאָזט. נאָך דעם האָט מען אים גערופן ער זאָל געבן דערקלערונגען, נישט זאָגנדיק אים אפילו אין וואָס מען באַשולדיקט אים. ער אַליין דאַרף טרעפן נאָך וואָס האָט מען אים ארויסגערופן. (נישט בחינם האָט אַרטור קעסטלער געהאַט באַטאָנט, אַז די ען־קאַ־ווע־דע האָט גרינטלעך שטודירט די מעטאָדן פון דער אינקוויזיציע און אָנגעווענדן דעם זעלבן סיסטעם אין די סטאַלין־יאָרן. די הנחה פון דער אינקוויזיציע (און נ.ק.וו.ד.) איז געווען, אז דער ארויסגערופענער איז אַפּריאָרי שולדיק. זאָל ער באַווייזן זיין אומשולד (זאָל ער נאָר פּרוּוון...).

די מעטאָדן זענען געווען: פיזישער און מאָראַלישער טעראָר און... פריינדלעכע פאַרזיכערונגען. איינער פון די ניין אינקוויזיטאָרן איז געווען דער קאַרדינאַל ראָבערט בעלאַרמין, אַן אָנגעזעענער קריסטלעכער טעאָלאָג מיט וועמען מען האָט זיך גערעכנט אין זיין צייט נישט ווייניקער ווי מיטן פויפּסט. ער האָט נישט געהערט צו די אַסקעטישע טעאָלאָגן. פאַרקערט, ווי פיל אַנדערע דעמאָלטיקע טעאָלאָגן איז ער געווען אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון מוזיק, פון קונסט. מיט איין וואָרט: אַן עסטעט און קירכע־פּרינץ. געווען אַליין אַ וויסנשאַפטלער און אין זיינע יונגערע יאָרן געגעבן לעקציעס וועגן אַסטראָנאָמיע. אגב איז ער אויך איינער פון די ניין אינקוויזיטאָרן וואָס האָבן פאַרמשפּט צו פאַרברענען דזשאָרדאַנאָ ברונאָן אויפן „בלומען סקוועך" אין רוים (1600).

דער משפּט איבער גאַליליי האָט זיך געצויגן לאַנגע יאָרן. די אינקוויזיציע האָבן געוואָלט האָבן פון אים דעם ספּעקטאַקל פון „עפנטלעך זיך מודה זיין אין זיינע טעותים". אין אָנהייב האָבן זיי געמיינט, אז זיי האַלטן מיט אים שוין אויף אַ דרך און אַ ליאַדע טאָג וועט ער אַרויסקומען מיט זיין ווידוי. האָט ער זיי אָבער נישט געוואָלט געבן אַזאַ לייכטן ביסן און לאַנג אָפּגעשלעפּט (נ.ק.וו.ד. האָט פון דעם אויך עפּעס געלערנט נישט צו דערלאָזן עס זאָל זיך פאַרשלעפּן אין דער לאַנגער באַנק אריין...). קאַרדינאַל באַרבעריני האָט געפּרוּווט מאַכן אַ פשרה. ער זאָל קאָפּערניקס שיטה דערקלערן נאָר

ווי אַ היפּאָטעזע און נישט ווי אַ וויסנשאַפטלעכע דאָקטרינע, וועט דעמאָלט די אינקוויזיציע אים נישט פאַראורטיילן פאַר אַפּיקורסות.

די העץ־קאַמפּאַניע קעגן אים איז געגאַנגען אויף דער פולער פּאַרע. און אַקטיווער צד זענען אויך געווען די יעזואיטישע אָרדנס, וואָס האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט אים, מחמת גאַלילײ האָט זײ געהאַט פריער שטאַרק אָנגעגריפן. האָט זיך געשאַפן אַ געמיינזאַמער בלאָק צווישן דער אינקוויזיציע און יעזואיטן. אין דער קאַמפּאַניע איז שוין פאַר איין וועגס אַטאַקירט געוואָרן גאַלילייס טעלעסקאָפּ־דער־פינדונג, וואָס איז פון אַ שפּילצייג — מיט אַ 20 יאָר פריער — דורך אים געוואָרן אַ וויסנשאַפטלעכער אינסטרומענט. עס איז דאָ כדאי צו באַמערקן, אַז פּונקט ווי אין אונדזערע צייטן רעדט מען וועגן „פליענדיקע טעצעלעך" האָט מען אין גאַלילייס צייטן אַזוי גערעדט וועגן מיסטעריעז־אַטמאָספערישע אָפּטישע אילוזיעס, וואָס זענען עפּעס געווען אומבאַגרייפלעך אין זייערע רעפלעקסן פון באַלייכטונגען. די וויסנשאַפט האָט דעמאָלט נישט געקענט מאַכן באַגרינדעטע קלאָרע אויספירן וועגן זײ.

אויך די לבנות פון יופּיטער זענען דעמאָלט פאַר די סקעפּטישע וויסנשאַפטלער געווען — זאָגט קעסטלער — ווי היינט איז די עקסטראַ־חושימדיקע אינטואיציע. עפּעס וואָס זײ האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען, צוליב דער מורא, טאָמער איז עס נישט און זײ וועלן זיך אויסשטעלן צום נאַר. קעסטלער גלויבט יאָ אין אינטואיטיווע שפּירונגען און ער האַלט, אַז יאָהאַן קעפּלער האָט זײ פאַרמאָגט אין זיינע געלונגענע וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן. זײ האָבן אים טאַקע אַרויסגעהאָלפן אין אַ סך פאַלן. די אינטואיטיווע שפּירונגען אין עקספּערימענטן זענען בבחינת פון אַן אַלטן שלאָסער־מעכאַניק ביים גיין עפּענען אַ קאָמפּליצירטן שלאָס מיט אַ געווייינלעכן שטיקל דראָט. ער ווערט דערביי דאָך נישט געפירט אַזוי דורך לאָגיק, ווי דורך אַן אומבאַוווסטזיניקן איבערבלייב פון זיינע פילמאָליקע דערפאַרונגען פריער ביים עפענען שווערע שלעסער. עס פירט זיין האַנט אָט די געניטקייט און חכמה וואָס לאָגיק קען אים דאָ נישט געבן.

אינטערעסאַנט איז קעפּלערס נביאות וועגן פליען אין די הימלישע ספערן: „מיר וועלן באַהערשן אַמאָל די קונסט פון פליען. עס וועלן נישט פעלן קיין פּיאָנערן וואָס וועלן נאָך אָנהייבן אַ צווישן־פּלאַנעטאַרע רייזע". קעפּלער האָט פאַרטיידיקט מיט זיין געניאַליטעט גאַלילייען. ער האָט אויך אויפגעקלערט דעם פּרינציפּ פון טראָגן ברילן אין זיין בוך וועגן אָפּטיק (1604). כאָטש ברילן נוצט מען שוין פון „תרחס צייטן", האָט מען אָבער קיין טעאָרעטישע דערקלערונג, ווי אַזוי זײ ווירקן אויף ווייטזיכטיקע און קורצזיכטיקע נישט געהאַט. ער האָט ערשט אויפגעקלערט דעם פּראָצעס פון דער ראיה און ווי אַזוי

ליכטשטראַלן ווערן דורך די לענסעס געבראָכן און דער אימאַזש קומט אַריין אין דער רעטינא. אַזוי אַרום איז קעפלער דער טעאָרע־טישער באַגרינדער פון ברילן און אויך פון פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, די „קאמערא אָבסקורא״.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם וויסנשאַפטלעכן פּאַרויס־מאַרש אין די לעצטע הונדערטער יאָרן. מען קען זאָגן, אַז אייניקע אַנטדעקונגען אין דער וויסנשאַפט רופן זיך איבער מיט אידייען און קאָנצעפּציעס, וואָס קומען צו דער געזעלשאַפט דורך אַ פראַנטאַוועער טיר אָדער דורך אַ הינטערטיר. דער געראַנגל צווישן די פאַרשידענע טעאָריעס אין אידעאָלאָגיעס אין דער מענטשלעכער געשיכטע קען פאַרגליכן ווערן צו דער ביאָלאָגיע אין געוויסע געשיכטלעכע אָפּ־שניטן. אין ביאָלאָגיע זענען באַקאַנט די אָרגאַנען וואָס האָבן פאַר־לוירן זייער צוועקמעסיקייט, אָבער זיי גייען ווייטער מיט מיטן אָרגאַניזם (למשל, די בלינדע קישקע). און די מאָדערנע וויסנשאַפט ווייסט זייער גוט וועגן די „אפּענדיקס״ און אומנויטיקע מאַלפּע־עקן. אַזוי איז אויך אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע אי־דייען, וואָס האָבן שוין פאַרלוירן זייער זין, אָבער זיי שלעפּן זיך נאָך מיט. נישט קיין צופאַל וואָס מיר האָבן פאַרן געזעלשאַפטלעכן לעבן אויסגעבאָרגט טערמינען פון ביאָלאָגיע. ווי פּרוכטיקע און סטעריל און נאָך פיל אַנדערע, וואָס מיר באַנוצן לגבי געזעלשאַפט־לעכע פּראָצעסן.



דוד טושינסקי: „דער וויסנשאַפטלער נעמט אַרום די וועלט״

אַמעריקע און אויסטראַליע

(צו זייער 200־יאָריקן יובל)

א

ביידע לענדער (און קאָנטינענטן) האָבן צווישן זיך אַ סך געמיינ־זאַמס. זיי האָבן דורכגעמאַכט ענלעכע פּראָצעסן אין זייער קאָלאָניאַלן פּעריאָד און אויך שפּעטער, בעת זייער אומאָפּהענגיקייט.

אַוודאי זענען פאַראַן אַ סך אונטערשיידן, למשל, אויסטראַליע האָט נישט הינטער זיך אַמעריקעס היסטאָרישן הינטערגרונט פון דער שוואַרצער שקלאַפעריי, אָדער פון דעם פּיראַטן־סיסטעם אין די עלי־זאַבעטישע צייטן. זי האָט נישט די געשיכטע פון די „פּילגרים־פּאָטערס", אויך נישט די טראַדיציעס פונעם אַמעריקאַנער בירגער־קריג און פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנערער פּערמענטאַציע. נישט די פילאָזאָפיע פון מענטשן־רעכט און אויך נישט דעם קאַמף פאַר פרייהייט און עמאַנציפּאַציע. איך קען נאָך צוגעבן, אַז זי האָט אויך נישט די „מאָרמאָנען"־סעקטעס און נאָך אַנדערע אונטערשיידן, וואָס טיילן אויס ביידע לענדער אין זייער בראשית און אַנטוויקלונג אין לויף פון די לעצטע צוויי הונדערט יאָר.

אָבער טראָץ די אַלע אונטערשיידן איז דאָ פיל בשותפותדיקע שטריכן אין דעם וועג — ריכטיקער — אין דעם שפּרונג (אָדער קפיצת הדרך) וואָס די ביידע קאָנטינענטן האָבן דורכגעמאַכט אין אַזאַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט פון אַ געשיכטלעכן אָפּשניט.

ווען מיר נעמען צאַלמעסיק דעם וווקס פון דער באַפעלקערונג אין אַמעריקע, זעען מיר, אַז אין לויף פון 200 יאָר איז עס געשטיגן 90 מאָל אַזוי פיל (אין 1776 זענען געווען נאָר צוויי און אַ האַלב מיליאָן מענטשן).

ווידער אין אויסטראַליע איז די באַפעלקערונג (די ווייסע) אויס־געוואַקסן — זינט דער ערשטער שיף מיט פאַרשיקטע, פון די בערך טויזנט נפשות (1788) ביז פערצן מיליאָן (לעת עתה), און עס פעלט נאָך בערך אַ צען יאָר צו דעם קיילעכדיקן ציפער פון 200 יאָר (1988) ווייסער אויסטראַליע.

לאָמיר אויך דאָ דערמאָנען, אַז אויף דעם אויסטראַלישן שטח פון אַ דריי מיליאָן קוואַדראַט מייל, איז געווען אַ מענטשלעכע ליידי־

קייט מיט אַ קנאַפּע 200 הונדערט יאָר צוריק (מען שאַצט די אַבאָ־רידזשינישע באַפעלקערונג דעמאָלט צו אַ 300 טויזנט נפשות איבער דעם גאַנצן קאָנטינענט). אַ לאַנד וואָס איז געווען געאָלאָגיש אַזוי אַלט, האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט געבליבן שטיין סטאַטיש, אָן אַנט־וויקלונג, אפשר אַ מיליאָן יאָר.

מ׳קען זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי די ערשטע קאָלאָניסטן האָבן זיך געפילט אויף דעם ליידיקן קאָנטינענט פון מענטשן, און אַזעלכע פרעמ־דע חיות, פייגל, פלאַנצן. זיי האָבן זיך געטראָפן מיטביימער, וועלכע זיי האָבן פריער קיינמאָל נישט געזען, און די ביימער אין בוש זענען געווען, ווי די שטערן אין הימל, אָבער זיי האָבן נישט געלויכטן אויפן געמיט, נאָר פאַרקערט — געדריקט ווי אַ שוואַרצער וואָלקן. דאָס לאַנד, ריזעדיק, ביזאַר, מיט פעלדזן־קייטן, וואָס זענען געוואָרן סימ־באָלן, אָפּגעזונדערט, און אַזוי ווייט פון דער אַלטער וועלט.

די ערשטע קאַפּיטלען פון דער אויסטראַלישער געשיכטע פאַר־מאָגן אַ סך פעסימיסטישע טענער לגבי דעם לאַנד און זיין צוקונפט. היינט, ווען מיר קוקן אויף זיי פון אַ ווייטער היסטאָרישער פערספּעק־טיוו, זעען מיר קוראַזש, אויסדויער, נצחון איבער די דורכפאַלן, נויט, בעסטיאַלישקייט. געשעענישן פון פּיאָנערישן בראשית, זעען היינט אויס אַנדערש, בעת מען קען זיי אָפּשאַצן אין אַ היסטאָרישער רעם. ווען מיר זאָלן קענען אַריינגיין אין דער הויט פון יענע פּיאָנערן, וועלכע האָבן געלעבט אין באַדינגונגען, ווי עס באַשרייבט, למשל, אַ מרס. ווהייט (אין איר בוך „וועגן גייען נישט דורך״), ווען זי שילדערט דאָס לעבן פון אַ שטאַטיש־דערצויגענער פרוי, וועלכע גייט אַוועק מיט איר מאַן און פיר־יאָריק קינד אין אָט דעם פאַרוואָר־פענעם ווינקל פון דער וועלט, וואָס פירט דורך אַ באַרגיקן זאַמדיקן לאַנד. דאָרט דאַרפן זיי אַנפירן מיט אַ פּי־סטאַציע אויף אַ שטח פון אַ מיליאָן אַקער לאַנד! לייענט איר אַזאַ געשיכטלעכן בוך, וואָס איז כמעט דאָקומענטאַריש אין דער באַשרייבונג פונעם רעאַלן לעבן, אָן ראָמאַנטישע באַפּוצונגען איבער דער דערדריקנדיקער איינזאַמקייט, אָן סענטימענטאַלקייט איז איר פּרעציזער שילדערונג פון די מדבר־דיקע זאַמד־שטורעמס, פון די טריקענישן און אומדערטרעגלעכע טראָ־פּיקאַלישע היצן — אַ חמימה פון וועלכע אַפילו די פייגל פאַלן אַוועק טויטע.

זי שילדערט אַ בילד, וואָס האָט אין זיך די עלעמענטן פון אַ שטאַרקער דראַמע; אַ פאַרנאַכט, ווען די זון לאָזט זיך אַראָפּ איבערן האָריזאָנט, ווי אַ מעשענער אָנגעגליטער באַלעם, אַן ענגענדיקער, וואָס האָט דאָס וואַסער אַזוי אָנגעגליט, אַז מען האָט עס בייטאָג נישט געקענט טרינקען נאָר וואַרטן אויף ביינאַכט עס זאָל זיך אָפּקילן אַביסל. און דאָס וואַסער האָט געהאַט אַזוי פיל זאַלץ, אַז עס האָט

נישט דערלאָזט עס זאָלן וואַקסן פלאַנצן אין גאָרטן. שוין אָפּגערעדט פון דעם „קאָמפּאָט" — די טויט־שלאַנגען, וואָס האָבן געלויערט, די „דינגאָס" וואָס האָבן פאַרצוקט די שעפּסן, און די זלידנע פליגן און די מאָסקיטאָס, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויפן קערפּער.

נישט איין מאָל, שרייבט זי, האָט זי געוואָלט נעמען פאַרנאַכט אַ שווערן האַמער אין האַנט און אַ זעץ טאָן אין דער זון... צו בלייבן וווינען אין די וויסטעניששן, באַזונדערס, ווען עס זענען געבוירן געוואָרן קינדער, און קיין דאָקטער האָט מען נישט געקראָגן אויף הונדערטער מיילן (דער „פליענדיקער דאָקטער" אינעם הינטערלאַנד, געהערט שוין צו אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל אין דער אויסטראַלישער געשיכטע) — אין ליכט פון דעם, קען מען ערשט באַגרייפן וויפל אויסדויער און מוט די פּיאָנערישע קאָלאָניסטן האָבן געדאַרפט פאַרמאָגן אין יענער צייט.

עס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון א בילד פון איר שיל־דערונג, ווען אירס אַ יינגעלע האָט באַקומען שטאַרקע קאַנוווּלסן, און גע־ווען איז זי דאַן אין די הויכע חדשים. אין אַזאַ צושטאַנד האָט זי זיך אַ גאַנצן טאָג געראַנגלט צו דערהאַלטן דאָס קינד ביים לעבן אין אַ גליענדיקער הויכער טעמפּעראַטור. ערשט פאַרנאַכט, ווען ס'איז געוואָרן עטוואָס קילער, האָט זי אים אָוועקגעפירט צו אַ דאָקטער — אַ וויַיטע נסיעה, אויך אויף אַן אָנגעגליטן זאַמד נאָך פון דער ביי־טאָגיקער זון.

זי דערציילט אויך אַן עפּיזאָד, ווען איר פינף־יאָריק יינגעלע האָט אָוועקגעוואַנדערט פון שטוב צענדליקער מייַלן, און ווען מען האָט אים ענדלעך געפונען, האָט ער דערציילט, וואָס ער האָט אַלץ דורכגעמאַכט אין דער פינצטערער נאַכט. דאָס זענען נאָר אַ פּאָר עפּיזאָדן — שפּריצן פונעם טעגלעכן לעבן, פון דער פּיאָנערישער תקופה אין אויסטראַליע.

✶

אַן ענלעכער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין אַמעריקע בעת אירע פּיאָנערישע יאָרן, מיט דעם אונטערשייד, וואָס מיט 200 יאָר צוריק איז אין אמעריקע שוין געווען דאַן אַ נעץ פון קאָלאָניעס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון אַטלאַנטישן ברעג ביזן פּאַציפיק, און אַפילו ביז דעם אַרקטיק אָקעאַן. די זייער קליינע באַפעלקערונג איז געווען צעשפּרייט איבערן ברייטן קאָנטינענט מיט זיינע גרויסע שטחים לאַנד. ווי אַזוי פון אַ גאָר געוויינטלעכער אַגראַרישער געזעלשאַפט איז געוואָרן די וועלט־גרעסטע טעכנאָלאָגיש־אַנטוויקלטע ציוויליזאַציע מיט איר סאָ־פיסטיצירטקייט — ווי אַזוי דאָס אַלץ איז געשען אין אַזאַ קורצן געשיכטלעכן שפּאַן — דאָס איז אַ קאַפּיטל מיט וועלכן מיר קענען.

נאַטירלעך, זיך דאָ נישט פאַרנעמען. מען קען נאָר באַמערקן, אַז די א״ג „גרינדונגס־פאָטערס״ פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט זיך דאָס מסתמא נישט געחלומט, עס זאָל קומען צו אַזאַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין דער קוואַנטיטעט און קוואַליטעט פון לעבן.

אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז דער פּראָצעס אָפּגע־שפּיגלט געוואָרן דורך קינסטלער און סאָציאָלאָגן. מיר וועלן דער־מאָנען דאָ נאָר דעם שרייבער דאַניעל י. בורסטין, וועלכער האָט אין זיינע פאַרטיפטע אַנאַליזן באַהאַנדלט די טראַנספאָרמאַציע, וואָס אַמע־ריקע האָט דורכגעמאַכט סאָציאַל־פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, ביז עס איז געוואָרן דאָס, וואָס מיר קענען היינט אונטערן נאָמען: פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

איך גלויב, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָט אויסטראַליע דורכ־געמאַכט אַן ענלעכן פּראָצעס אין דער טעכנאָלאָגישער אַנטוויקלונג, ווי אין דער אויספורעמונג פון נאַציאָנאַליזם. אַפילו אין די ליטעראַ־טורן פוןביידע קאָנטינענטן זענען דאָ געמיינזאַמע שטריכן. למשל, אין די ווערק פון הענרי לאָוסאָן, מערי גילמאָר, אָדער אָ׳דאָוד, קען מען געפינען בשותּפותדיקע עלעמענטן מיט די ווערק פון וואָלט וויטמען.

אָוודאי זענען אויך פאַראַן אונטערשיידן אינעם צוגאַנג צום נייעם לעבן אין לאַנד און צו ערדישקייט־דעטאַלן בכלל, צו וועלכע אויסט־ראַלישע שרייבערס גייען צו מער אוממיטלבאַר און מער פּראָזאַאישער. כאַראַקטעריסטיש: עס האָט גענומען אַ הונדערט יאָר ביז די אַמערי־קאַנער שרייבערס האָבן אויפגעהערט נאָכגיין די ליטעראַרישע מאָדעס פון ענגלאַנד און ווערן אומאָפּהענגיק. עס איז אַ פאַקט, אַז ביז 1865, האָבן אַמעריקאַנער שרייבערס אימיטירט דאַנינן, אַרנאָלדן, טעניסאָנען, וואָרדסוואָרטהן און אַנדערע. אין אויסטראַליע, האָט עס נישט גענומען אַזוי לאַנג.

אפשר איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט, וואָס אויסטראַליע איז געווען אַזוי ווייט און איזאָלירט פון די וועלט־צענטערס. דאָס איז טאַקע געווען אַ גרויסער מינוס אויף פיל געביטן, אָבער גראָד אין דער ליטעראַטור, האָט זיך עס אַרויסגעוויזן פאַר אַ מעלה. עס האָט געהאָלפן דעם אויפשפּראָץ פון אַ קאָלאָניאַל פאָלק, וואָס האָט געלעבט אויף אַ קאָלאָסאַלן שטח, ווייט און איזאָלירט פון די אַנטוויקלטע אַנגלאָ־זאַקסישע ישובים. מען האָט זיך געדאַרפט אַליין שטעלן אויף די אייגענע פיס און נישט לעבן בלויז מיט דער אימפּאָרטירטער ליטעראַטור, נאָר שאַפן אויך אַן אייגענע, וואָס אַקצעפּטירט איינפלוסן, אָבער נישט אימיטירונג...

די אַמעריקאַנער שרייבערס, וועלכע האָבן ליטעראַריש ענדלעך דעריאָגט די „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט״, זענען געווען כמו־

וועג־ווייזערס פאַר אויסטראַלישע שרייבערס, ווי זאָגנדיק צו זיי: — איר קענט נאָר ווערן אינטערעסאַנט ווען איר וועט שרייבן, ווי אויסטראַלישע שרייבערס, דאַן וועט איר באַקומען וויטאַליטעט, פרישקייט און קראַפט. געפינט נאָר אין זיך די כוחות, איר זאָלט דערקענט ווערן אינדיווידועל, ווי אויסטראַליאַנער. נאָר ווי אַזעלכע וועט איר קענען ווערן אוניווערסאַלע שרייבערס, דורך אייער ספּעציפישקייט.

און פונקט ווי אין אַמעריקע, זינט וואַלט וויטמאַן איז געוואָרן דער וועגווייזער, איז די פּאָעזיע געוואָרן טעמאַטיש, טעכניש און מעטאָדיש־אַמעריקאַניש, אַזוי איז אויך געשען אין אויסטראַליע. זינט לאָוסאָן און זיין גרופּע איז ארויף אויף דער בינע און די ליטעראַטור איז געוואָרן אויסטראַליש.

דער מוסר־השכל פון דעם געזאָגטן, פאַר יידישע שרייבערס, ליגט ממש אויף דער האַנט. איך וועל דעריבער שטעלן דאָ אַ פּונקט און איבערגיין צו אַן ענין, וואָס האָט דירעקט צו טאָן מיט די יידישע צוגרייטונגען דאָהי (אין אויסטראַליע) צו די יובל־פייערונגען פון „200 יאָר אויסטראַליע״.

ב

יידן האָבן, פּראָפּאָרציאָנעל, געגעבן אַ גאָר גרויסןביישטייער אין דער אַנטוויקלונג פון אויסטראַליע. נישט לאַנג צוריק איז דערשינען דאָס גרויסע דאָקומענטירט בוך „דער אויסטראַלישער בראשית״, געשריבן פון ראַביי דזשאָן ליוויי און דר. דזשאָרדזש בענדזשאַמין. עס נעמט אַרום די ערשטע 50 יאָר פון די אויסטראַלישע קאָלאָניעס און די ראָל וואָס יידן האָבן געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון לאַנד אין אָט די פּיאָנערישע יאָרן. דאָס איז אַ גאָר וויכטיק ווערק, וואָס באַווייזט דאָקומענטאַריש אַ ריי יידן פאַרשיקטע פון ענגלאַנד (כמעט אַלע צוליב קליינע גנבות אויף נישטיקע סומעס, פאַר וועלכע מען האָט אין ענגלאַנד בעת יענער צייט געגעבן אַזש טויט־שטראָף, אויסגעטוישט אויף קאַטאָרגע). פון אָט די יידן, נאַטירלעך, נאָר פון אייניקע פאַמיליעס, זענען אַרויסגעקומען גאָר באַדייטנדיקע אויפטוען און דערגרייכונגען אויפן קאָמערציעלן און קולטורעלן געביט. אַנדערע אויך אין פּאָליטישן לעבן.

און טאַקע דער אינטערעסאַנטער קאַפּיטל נעמט נאָר אַרום דעם ערשטן האַלבן יאָרהונדערט פון די אויסטראַלישע קאָלאָניעס. אָבער נאָך וויכטיקער, פון אַלע אַספּעקטן, איז דאָך דער יידישער צושטייער צו דער אויסטראַלישער אַנטוויקלונג אין די לעצטע 100 יאָר. דאָס דאַרף ווערן אויסגעפאָרשט און גוט באַאַרבעט פון דער יידישער זייט, און ווערן ווי געהעריק צוגעגרייט אין בוך־פאָרם אין ענגליש און אין יידיש.

דאָס איז אַ גאָר פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, וואָס דאַרף געטאָן ווערן דורך אַ נאַציאָנאַלן ייִד, וואָס האָט אַן אַנדער צוגאַנג צו ייִדישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, צו ייִדישער דערציאונג און צום ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן בכלל, וואָס באַשטייט דאָך נישט בלויז פון סינאַגאָגעס...

לויט אַלע סימנים גייען מיר לעצטנס אַדורך אַ פעריאָד פון אַ וואַקסנדיקער שטאַלץ לגבי נאַציאָנאַלע קולטורן. אויך דאָס דאַרף קומען צום אויסדרוק לגבי אונדזער ייִדישער קולטור, ביים אָפּצײַכענען דעם 200־יאָריקן אויסטראַלישן יובל. אין דעם אויבנדערמאָנטן בוך פון אויסטראַלישן בראשית, ווערט פאַרצייכנט, וואָס פאַר אַן אָנטייל ייִדן (אָדער פון ייִדישן אָפּשטאַם) האָבן גענומען, בעתן ערשטן קאָלאָניאַלן פעריאָד, אין עקספּאָרט און אימפּאָרט קיין אויסטראַליע: רוי־שטאָפן, אַגראַר־פּראָדוקטן, דער אָנטייל אין וואָל־פּראָדוקציע; אַזוי אויך אין אימפּאָרט פון אויסגעאַרבעטע זאַכן, אין וועלכע ייִדישע סוחרים האָבן זיך ארויסגערוקט גאָר אויבן־אָן. קאָמערציעל איז דעמאָלט שוין געווען אַ צוויי־זייטיקער פאַרקער, אָבער אין קולטורעלן זין נאָר איינזייטיק, מחמת די קאָלאָניעס האָבן נישט געהאַט וואָס צו עקספּאָרטירן...

זינט דעם צווייטן וועלט־קריג, האָבן אויסטראַלישע קינסטלערס און שרייבערס דערגרייכט אַ וועלט־רעפּוטאַציע און הויכע פּאָפּולאַריטעט. ווערק פון אַ ריי אויסטראַלישע שרייבערס זענען געוואָרן „בעסט־סעלערס״ אויף דעם ביכער־מאַרק פון פיל לענדער און קאָנטינענטן. אויסטראַליע האָט איצט שוין וואָס צו עקספּאָרטירן פון איר ליטעראַטור און קונסט.

ווען איך האָב לעצטנס שטודירט די אויסטראַלישע ליטעראַטור און אַנאַליזירט אירע וויכטיקסטע שרייבערס, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק די נויטיקייט פון אַ באַזונדער גרעסערער אַרבעט וועגן ייִדישער טעמאַטיק און פון ייִדישע טיפּן אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. מיר לעבן מיט אונדזערע נישט־ייִדישע שכנים אין אויסטראַליע, זינט איר אַנטשטייאונג. ווי אַזוי זעען מיר אויס אין די אויגן פון אַ נישט־ייִדישן אויסטראַלישן שרייבער? ווי אַזוי קוקט ער אויפן ייִדישן אַסימילאַטאָר? וועלכע זענען די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע ייִדישע טיפּן אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור? און ווי אַזוי האָבן אויסטראַלישע ייִדן־שרייבערס געשילדערט דאָס אימיגראַנטישע ייִדישלעבן ?

דאָס זענען נאָר אַנדייטנדיקע פּראָיעקטן, וועלכע דאַרפן אַרייַנגיין אין פּלאַן פון די צוגרייטונגען צו דעם 200־יאָריקן יובילײ פון אויסטראַליע, וואָס דאַרפן ערנסט דורכגעטראַכט ווערן, איידער מיר טרעטן צו צו קאָנקרעטע מעשים.

אַ קאַפּיטל געשיכטע פון פאַרשיקטע יידן אין אויסטראַליע

(אַ יידישער „בושרענדזשער" אויף דער תליה)

דער נאָמען „בושרענדזשער" קלינגט אַ ביסל עקזאָטיש און ראָמאַנטיש, אָבער נישט פאַר די, וועלכע זענען געוואָרן באַפאַלן און באַרויבט פון די „בושרענדזשערס" (וואַלד־גזלנים), וואָס זענען געווײנלעך שוין געשטאַנען אויסערן געזעץ, ווען די פּאָליציי האָט זיך מיט זיי נישט געקענט אַן עצה געבן.

אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט האָבן קאָטאָרזשניקעס, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין אויסטראַליע אויף צוואַנג־אַרבעט אָפּצוקומען זייער שטראָף פאַר באַגאַנגענע פאַרברעכנס אין ענגלאַנד, זיך אַרויסגעריסן און זיך אויסבאַהאַלטן אין בוש (אורוואַלד). זיי האָבן טעראָריזירט די פרייע קאָלאָניסטן, וועלכע זענען באַרויבט געוואָרן אין די דערפער און שטעטלעך און אויף די וועגן.

זייער צאָל איז געווען אַזוי גרויס אין די 1820ער יאָרן, אַז אין איין יאָר האָט די פּאָליציי געכאַפּט מער ווי 100 „בושרענדזשערס". וואָס מער מען האָט זיי געכאַפּט, אַלץ שטאַרקער האָבן זיי זיך געמערט. עס האָט גענומען צענטליקער יאָרן ביז זיי זענען אָפּגערייניקט געוואָרן דורך דער פּאָליציי אויף אַ מאַסיוון אופן.

אין דער אויסטראַלישער קאָלאָניאַלער ליטעראַטור זענען דאָ קאָלירפולע שילדערונגען, פאַקטועלע און בעלעטריזירטע, פון אָט די רויבער־באַנדעס אויף די וועגן און שטעגן פון לאַנד. אָבער קיינער האָט נישט פאַרדינט קיין גרעסערע דראַמאַטישע רעפּוטאַציע, ווי דער יידישער „בושרענדזשער" אין ניו סאַוט ווילס מיטן נאָמען עדוואַרד דייוויס. (נעד קעלי — איז אַ באַזונדער אוניקאַלער קאַפּיטל).

מיר האָבן אין אָט דער געשיכטע אַ יידישע פאַמיליע: עלטערן, זין און טעכטער מיט זייערע באַזונדערע גורלס, בפרט, — מיט דריי גלידער פון דער פאַמיליע.

וועלן מיר אָנהייבן מיט דעם 16־יאָריקן בחור עדוואַרד דייוויס, וואָס האָט באַגנבעט אין לאָנדאָן זאַכן און געלט — צוזאַמען פאַר 7 שילינג. מען האָט אים געכאַפּט און פאַרמישפּט אין אַ לאָנדאָנער גע־

ריכט אויף זיבן יאָר פאַרשיקונג אויף שווערער אַרבעט. אין געריכט האָט ער (צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, ווי מיר וועלן באַלד זען), אָנגעגעבן אַן אַנדער נאָמען (דזשאַרדזש ווילקינסאָן). אָבער דער ריכ־טער האָט געוווּסט זיין אייגנטלעכן נאָמען און אין די אַקטן איז אונ־טער דעם פיקטיוון אָנגעגעבן זיין ריכטיקער נאָמען. אויך די נעמען פון זיינע טאַטע־מאַמע מיט אַלע פּרטים. ער איז אָנגעקומען קיין אױ־סטראַליע אין 1833 צוזאַמען מיט אַ 200 קאַטאַרזשניקעס און אויך מיט פרייע קאָלאָניסטן. אויף דער שיף איז געווען מיט אים נאָך איין ייד רפאל גאַביי, אַ קעשענע־גנב פון פראָפעסיע, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַ שווערן אורטייל, אָבער ער האָט זיך אין אויסטראַליע אויפגעפירט אַזוי לייטיש, אַז מען האָט אים פאַרקלענערט די שטראָף און נאָך אַ פּאָר יאָר שקלאַפעריי איז ער געוואָרן אַ פרייער מענטש. (געוויינלעך פלעגט מען זיי צוערשט אַרויסלאָזן אויף פּאַראָל, צו זען די אויפפירונג).

אַנדערש איז צוגעגאַנגען מיט דעם יונגן דייווים. ער איז געקומען מיט אַ יחוס־אָבות... זיין טאַטע מיכאל דייווים איז מיט אַ דריי יאָר פריער געוואָרן פאַרשיקט צוליב שווינדלערייען (דעריבער האָט דער זון זיך אָנגעגעבן מיט אַ פאַלשן נאָמען) און געהאַט אויך אַן אורטייל פון 7 יאָר קאַטאָרגע. און געווען איז ער אַ מענטש מיט בילדונג (לויט יענער צייט) געאַרבעט אין אַן אַדוואָקאַטס ביוראָ און אויך דער זון זיינער איז געווען אָנגעשטעלט ביי אַן אַדוואָקאַט. (אגב, צוזאַמען מיט זיין טאַטן איז דאַן אויך פאַרשיקט געוואָרן נאָך אַ ברודער. אין רע־גיסטער איז געשטאַנען: „רעליגיעזער ייד, ער קען לייענען און שרייבן").

אין דער פאַמיליע זענען געווען פיר יינגלעך און פיר מיידלעך — יעדער פון זיי האָט אַ געשיכטע, אָבער מיר וועלן זיך קודם פאַר־נעמען מיט עדוואַרדן, וואָס האָט אין אויסטראַליע געמאַכט זיך אַ שם ווי „דער ידישער בושרענדזשער". ער האָט אין אויסטראַליע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם „אַדאָפּטירטן" נאָמען נאָך דעם ווי ער האָט איינגעזען, אַז דאָס האָט אים גאָר נישט געהאָלפן...

באַלד אין זיין ערשטן יאָר אין אויסטראַליע האָט דער יונגער עדוואַרד דייווים אָפּגעריכט. האָט ער באַקומען דערפאַר אַ צוגאָב: נאָך אַ יאָר צוואַנג־אַרבעט. מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער איז ער אַנטלאָפן פון דער אַרבעט. מען האָט אים געכאַפּט און ער האָט באַקומען אַ צו־לייג — נאָך אַ יאָר. ווען די געשיכטע האָט זיך אַ דריטן מאָל איבער־געחזרט, איז ער פאַרשיקט געוואָרן אויף שקלאַפעריי צו אַ פאַר־מער. דאָס איז געווען אַ סך שווערער, ווי די אַרבעט אויף די וועגן, געשמידט אין קייטן. איז ער אויך פון פאַרם אַנטלאָפן צוויי מאָל און געוואָרן דער אָנפירער פון אַ באַנדע אַנטלאָפענע קאַטאַרזשניקעס, וואָס

האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין בוש. די באַנדע האָט „גאַסטראַלירט" אויף די וועגן — פאַר דייוויסן אַ גוט באַקאַנטע טעריטאָריע פון די דערפאַרונגען בעת זיין אַנטלויפן.

די אָרגאַניזירטע באַנדע „בושרענדזשערס" האָט אויסגעפירט אַ ריי רויבערייען און פּאָליציי האָט זי נישט געקענט כאַפּן. דער אַנ־פירער — דייוויס — איז באַוווּסט געוואָרן איבערן לאַנד אונטער זיין ידישן אַפּשטאַם. עס האָבן קורסירט פאַרשידענע מעשיות וועגן זיינע אַנפאַלן, אַז ער באַרויבט נאָר רייכע און שיצט די אָרעמע. איין מעשה האָט אויך געהאַט אַ ראָמאַנטישע פּאַדשעווקע: אַ געוויסע איזאַבעלאַ, וואָס איז געוואָרן באַפאַלן און באַרויבט פון דער באַנדע, איז געוועזן אַן אשת־חיל. זי האָט אירס נאָך אָפּגענומען און מיט אַ צוגאָב זיך פאַרליבט אין דייוויסן. געבראַכט דער באַנדע שפּייז און געווער, גע־וואָרן אַן אָפּטע באַזוכערין אין זיינע אויסבאַהעלטענישן אין בוש. דייוויס האָט אין זיינע רויבערייען באַהאַנדלט אַלע גלייך: ייד און קריסט. ווען ער איז באַפאַלן אַ געוויסן העברי קאָהען, אַן אייגנטימער פון אַ ווייַך־ און ביר־שענק זענען דאָרט געווען עטלעכע צענדליק מענטשן. ער האָט זיי מיט אַ ברייטער האַנט געטיילט משקה מיט צובייס און די אַנוועזנדיקע פּי־טרייבערס און קאַטאַרזשניקעס (אויף „פּאַראָל) האָבן זיך מחיה געווען פון זיין „ברייטער האַנט". די באַנדע האָט אויך צום אַנפאַל נישט דערלייגט...

אַזעלכע איבערפאַלן האָבן זיך איבערגעחזרט מיט דערפאָלג אין פאַרשידענע ערטער און דער „רום" פון דער זיבן־פּערזאַניקער בוש־רענדזשער־באַנדע האָט זיך צעטראָגן איבערן לאַנד מיט גרויס פּירסום פאַרן יידישן אַנפירער. ווי דער באָס האָט ער די „שוואַרצע אַר־בעט" נישט געטאָן און דאָס איבערגעלאָזט פאַר זיינע מענטשן. גע־מיטלעך און דזשענטלמעניש פלעגט ער זיך דורכשמועסן מיט די באַרויבטע, ווי עס איז שפּעטער דערקלערט געוואָרן אין געריכט.

געוויינטלעך פלעגן די באַרויבטע נישט פּרווון מלחמה האַלטן מיט דער באַוואָפנטער באַנדע און צו קיין מאָרד פלעגט נישט דער־גיין. אָבער איין מאָל האָבן די בושרענדזשעס דערמאָרדעט איינעם אַלס נקמה־אַקט, וואָס ער איז גלייך ביים אַנפאַל געפאָרן צו דער פּאָליציי. דאָס מאָל האָט די פּאָליציי זיי נישט געכאַפּט. אָבער סוף גנב לתליה האָט אויך נישט אויסגעמיטן די באַנדע מיט דעם ייד בראש. דער משפט האָט אָפּגעקלונגען איבערן לאַנד און דער געריכט־זאַל איז בעתן פּראָצעס געווען איבערפולט. די יידישע געמיינדע אין סידנעי האָט צוגעשטעלט אַן אַדוואָקאַט צו פאַרטיידיקן דעם ייד דייוויס, בכדי צו פאַרהיטן דעם יידישן נאָמען פון דער דראָענדיקער תליה (צוליבן באַגאַנגענעם מאָרד). אַן עפנטלעכע עקזעקוציע פון אַ יידן איז פאַר די ראשי־הקהל געווען אַזאַ חרפה, וואָס איז זיי געגאַנגען אין לעבן אויס־

צומיידן. עס איז זיי אָבער נישט געלונגען. די גאַנצע באַנדע איז פאַר־משפּט געוואָרן צום טויט „אויפן געוויינלעכן אופן״...

היות די פאַרמשפּטע האָבן געהערט צו פאַרשידענע רעליגיעס זענען געוואָרן זייערע גייסטלעכע. קיין רב האָבן יידן אין סידני דעמאָלט נאָך נישט געהאַט, איז געקומען דער בעל־קורא ביי־צווינען די עקזעקוציע. בערך טויזנט מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן תליה־הויף צו זען דעם פינאַל פון דער דראַמע. די פאַרמשפּטע האָבן אויפן הויף דערזען די צוגעגרייטע אָרונס און די תליה מיט שטריק. די צייטונגען האָבן באַשריבן, ווי אַזוי זיי האָבן זיך מתוודה געווען, געוויינט, זיך געקלאַפּט על־חטא אויף די זינד.

מען ווייסט נישט צי זיין פאַמיליע איז דעמאָלט געווען אויפן תליה־הויף, ווען דייוויס האָט געזוכט זייערע פּנימער צווישן המון. אָבער דאָס, וואָס ער איז נישט געקומען צו קבורה צוזאַמען מיט די אַנדערע (אין דעם געמיינזאַמען קבר פאַר קרימינעלע), איז וואַרשיינלעך געווען אַ דאַנק די באַמיאונגען פון זיין פאַמיליע.

ווען מיר איצט לאָזן דעם יונגן דייוויס אין זיין רו און זיך באַ־געגענען מיט די אַנדערע גלידער פון דער פאַמיליע זיינער. זיין פאָ־טער און זיין ברודער, וועלכע זענען געקומען אַ דריי יאָר פאַר אים אַלס קאַטאָרזשניקעס, זענען שוין דורך דער צייט געוואָרן באַפרייט. זיי האָבן געמאַכט פאַרשידענע געשעפטן און פאַרדינט אַ סך, געלעבט אין האָבאַרט פיל יאָרן, ווי אייגנטימער פון אַ וויין־ און ביר־געשעפט. געווען איז אין האָבאַרט אַ יידישע געמיינדע מיט אַ סינאַגאָגע, ווו דער פאָטער האָט געהאַט אַ „שטאָט״, וועלכע מען האָט ביי אים צוגע־נומען שפּעטער צוליב אַ רכילות־קאַמפּאַניע, וואָס ער האָט געפירט אַ צייט קעגן אַ יידן, אַ מיטגליד פון דער קאָנגרעגאַציע.

זיין זון דזשאָן איז נאָך זיין באַפרייאונג געוואָרן אַ פּאָליציאַנט אין מעלבורן. שפּעטער אַ צייטונגס־רעפּאָרטער, אַן אַקטיאָר און אַ שותף צו אַ טעאַטער. ער האָט זיך איבערגעוואָרפן לייכט אויף פאַר־שידענע פּרנסות און מצליח געווען. בשעת דער עקזעקוציע פון זיין ברודער עדוואַרד איז ער געווען דער הויפּט־פּאָליציאַנט אין מעלבורן, וואָס איז דאַן געווען אַן אָקאַרשט־געגרינדעטע שטאָט מיט געציילטע איינוווינער.

צוליב דער צעפּויקטער עקזעקוציע איז ער אַוועק פון מעלבורן קיין האָבאַרט, געוואָרן דאָרט אַן אַרויסגעבער פון אַ צייטונג און זיך אויך אָפּגעגעבן מיט זיין אַלטער ליבע — טעאַטער. ער האָט אויך געוואָלט ווערן אַ מיטגליד אין דער אָרטיקער סינאַגאָגע, אָבער צוליב דער רכילות פון זיין טאַטן (אויף אַ יידן, וואָס האָט באַקומען צוליב אַ בילבול דריי מאָנאַטן צוואַנג־אַרבעט), האָט ער אויך נישט געקענט באַקומען אַ באַלעבאַטישע „שטאָט״. סיידן גאָר הינטן, רעזערווירט

פאַר די קרימינעלע (מען האָט אַ לאָנדאָנער רב געפרעגט אַ שאלה צי מען קען זיי געבן עליות און מצרף זיין צו אַ מנין? זיין ענטפער: צום מנין — יאָ, אָבער קיין עליה — נישט).

ביים סוף פון זיין לעבן איז דער דזשאָן דייוויס געווען אַ מיטגליד פון דעם פאַרלאַמענט אין האָבאַרט („האַוז אָף אַסעמבלי") און אַן אייגנ־טימער פון דער איינציקער טאָג־צייטונג אין האָבאַרט, אָנגעפירט פון זיינע צוויי זין. זיין לעבנס־געשיכטע, ווי זיין טאַטנס, איז געווען זייער קאָלירפול — אַ מאַטעריאַל פאַר „פיקשן". ער איז געשטאָרבן אַ יאָר פאַר זיין פאָטער (1872) און געקומען צו קבורה ווי אַן אָנגליקאַנער. זיין טאַטע האָט ביי זיינע 80 יאָר (געשטאָרבן איז ער צו 85) אַליין אַרויסגעגעבן אַ קליינע בראָשור מיט יידישע תפילות — דער ערשטער סידור געדרוקט אין אויסטראַליע! זיין איניקל דזשאָרדזש דייוויס איז שוין געווען דער „ספיקער" פון טאַסמאַניער פאַרלאַמענט און זיין ברוסט איז געווען באַהאָנגען מיט די אויסצייכענונגען פון „סט. מיכאַל" און „סט. דזשאָרדזש".

אַזוי אַרום זעען מיר, ווי דער פלימעניק פונעם יידישן בושרענ־דזשער איז שוין אַריין אין די הויכע פענצטער צווישן דער אויסטראַ־לישער עליטע, וואָס האָט געגאַרט צו האָבן אפילו אַן אויסטראַ־לישן — „לאָרדן־הויז" (ווען אַזאַ פאָרשלאָג איז אַריינגעטראָגן גע־וואָרן אין דעם פאַרלאַמענט פון נ.ס.וו., האָט מען דעם פאָרשלאָג־געבער דאָן געפרעגט: — פון די קאַטאָרזשניקעס ווילסטו עס שאַפן?...).

אָבער וואָס איך בין אויסן געווען איז צו ווייזן די באַזונדערע גורלס פון די פאַרשיקטע אויף קאַטאָרגע־אַרבעט אין אויסטראַליע, פאַרשפיגלט אין דער סקיצירטער דאָ געשיכטע פון דער דייוויס־פאַ־מיליע. און מען דאַרף דאָ באַמערקן, אַז איבער אַ האַלב יאָרהונדערט נאָך דער תליה איבער די אויבנדערמאָנטע בושרענדזשערס האָט מען נאָך אין די אויסטראַלישע קאָלאָניעס אַ סך געשריבן און זיך אָנדער־ציילט פון דעם „דזשו־באַי בושרענדזשער" עדוואַרד דייוויס — דער „באַרימטער" בושרענדזשער מיט וועלכן עס האָט געקלונגען דאָס לאַנד בשעתו.

דער אויסטראַלישער נאַציאָנאַלער מיטאָס...

(דער „בושרענדזשער" נעד קעלי)

די לעגענדע וועגן אַן אויסטראַלישן גנב און מערדער, וועלכער איז פאַר זיינע „מעשים טובים" געוואָרן פאַרמשפּט צו דער תליה מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, איז אַן אינטערעסאַנטער פּייזאַזש פון דער אויסטראַלישער ראָמאַנטיק. מיר האָבן אין דער געשיכטע אַ בולטן באַווייז, ווי אַזוי עס וואַקסט אויס אַ לעגענדע, וואָס האָט צוגעפּוצט די ווירקלעכקייט און זי פאַרוואַנדלט אין אַ מיטאָס פאַר די נאָכקומענדיקע דורות. און מיר האָבן דאָ אַ בילד פון אַ העלד, וואָס איז געוואָרן אַוועקגעשטעלט מחוץ דעם געזעץ במשך פון יאָרן, ביז די פּאָליציי האָט אים געכאַפּט און זיין עקזעקוציע איז פאָרגעקומען אין מעלבורן דעם עלפטן נאָוועמבער, 1880.

געוויינלעך מאַכט מען וועגן תליות, וואָס זענען פאָרגעקומען אין לויף פון תקופות און דורות, נישט קיין „גרויסן צימעס". אָבער נעד קעלי געהערט צו די אויסנאַמען, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין לעגענדעס און עס וועבן זיך פאַרשידענע מעשיות אַרום זייערע נעמען אויף אַ לעגענדאַרער קאַנווע.

נעד קעליס אימאַזש רופט זיך איבער מיט דעם באַרימטן ראָבין הוד, וואָס פלעגט באַרויבן די רייכע און עס צעטיילן צווישן די אָרעמע. זיין בונטאַרישקייט קעגן די רייכע בעלי־גופים האָט אויסגעדריקט זיין מרידה קעגן דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט מיט איר אומיושרדיקן סדר־העולם.

וועגן נעד קעלי ווייסט מען, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַרויבן די אָרעמע (עס וואָלט דאָך אים נישט געלוינט דער עסק...) און דער רויב פון די פאַרמעגלעכע האָט ער נאָר געטיילט מיט זיין אייגענער משפּחה, אָדער נאָענטע מיטאַרבעטער פון דער „בראַנזשע". טאָ פון וואַנען שטאַמט די געוועבטע לעגענדע אַרום זיין פּערזאָן? עס איז פאַרבונדן מיט זיין אָפּשטאַם פון אַן אירלענדישער משפּחה, וועמענס אָבות זענען במשך פון יאָרהונדערטער אונטערדריקט געוואָרן אין זייער אַלטער היים, מחמת אַרויסגערופענע בונטן באַגלייט מיט אַ היפּשן יחוס־בריוו פון אונטערצינדן פּריצישע הויפן אין אירלאַנד.

עס זענען באַוווּסט די טעמפּעראַמענטפולע און שטורמישע איר־

לענדער (דזשיימס קווין, בערנעס, שעררימס און אַנדערע), וואָס האָבן מרעיש־עולם געווען מיט זייערע מעשים און זענען אַריין אין דער געשיכטע פון אירלאַנד מיט אויסגעקלונגענע נעמען לדור דורות. דער עמיגראַציע־שטראָם פון די אירלענדער אין די מעבר־לים לענדער (צוליב סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיבות) איז געווען אומגעהויער אין דער לעצטער תקופה. דער שטראָם האָט אויך דערגרייכט צו דער ווייטער אויסטראַליע, ווו די אירלענדישע אימיגראַציע האָט געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל אין דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטישע רעכט און בפרט דאָס אָננעמען זיך פאַר דער קריוודע פון דעם א. ג. „אַנדערדאָג". אָט די אירלענדישע משפחות, וואָס האָבן געוווינט אין דער געגנט פון נעד קעלי, האָבן יאָרן־לאַנג אים אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי, וועלכע האָט אים אַרומגעזוכט פאַר אַ ריי אָנפאַלן.

בכלל האָט ער געהערט צו אַ „יחוסדיקער" משפחה פון פערד־גנבים און פון געגנבעטע בהמות, וואָס מען האָט געקוילעט און איינגעזאַלצן... דער יונגער קעלי האָט זיין „קאַריערע" אָנגעהויבן זייער פרי. צו פערצן יאָר איז ער שוין געזעסן אין טורמע פאַר גנבענען אַ פערד. נאָכן אָפּזיצן אַ קורצטערמיניקע שטראָף, האָט ער גלייך נאָכן באַפרייען זיך גענומען מיט מער אימפּעט צו זיין „פּראָפעסיע". און ביי 15 יאָר איז ער שוין אַן אָפּטער „גאַסט" אין תפיסה (פאַר זיינע אָנפאַלן אין בוש און אויף די וועגן פון וויקטאָריע). פּאָליציי קען זיך מיט אים נישט קיין עצה געבן און ער ווערט — נאָך אַ ריי בלוטיקע אָנפאַלן — אַוועקגעשטעלט מחוץ דעם געזעץ. דאָס איז אָבער אין יענער צייט נישט געווען קיין אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג. אין 1860ער יאָרן האָבן נישט געפעלט אויפן אויסטראַלישן קאָנטינענט קיין יונגע רעבעלן, ס'רוב אַנטלאָפענע קאָטאָרזשניקעס, אפילו געבוירענע שוין אין לאַנד, וואָס זענען געשטאַנען אין קאָנפליקט מיטן געזעץ. זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכן קוראַזש און אַ קאַמפּס־כאַראַקטער פון אַ הויכן קאַליבער. זייער רעבעליע איז געווען אַ מין אַרויספאָדערונג צו דער געזעלשאַפט. דער ליידנשאַפטלעכער האָס, אָפט, אַ מין ראָמאַנטיש באַהויכטער, איז טיילמאָל געווען פאַרבונדן מיט דעם געראַנגל פאַר ערד.

דערמאָן איך דאָס, בכדי צו פאַרשטיין, ווי אַזוי עס האָט זיך געשאַפן דער מיטאָס אַרום נעד קעלי, וואָס איז געקומען פון אַ שיכט ערד־הונגעריקע אירלענדער, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין אויסטראַליע באַלד נאָכן גרויסן גאָלד־פיבער אויף דעם קאָנטינענט. זיין טאַטע, דער „רויטער קעלי", איז געהאַט געוואָרן פאַרמשפּט אויף 15 יאָר פאַר פרוּוון דערשיסן אַן אירלענדישן פריץ.

ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבן, איז די אלמנה זיינע געוואָרן אַ באַקאַנטע פיגור אין דער געגנט. די ערשטע איינדרוקן פון זיין קינד־

הייט זענען געווען פאַרבונדן מיט געגנבעטע אָקסן, וועמענס פליייש ער האָט געגעסן. ער האָט אויך געהאָט דערינערונגען פון געגנבעטע פערד, וועלכע ער האָט נאָך אין זיינע פריסטע יאָרן צוגעהאָלפן אַוועק־פירן און אויסבאַהאַלטן. ביי זיין מאַמען איז געווען אַ גאַסט־הויז פאַר דורכוואַנדערערס: פערד־גנבים, ערדלאָזע פויערים, „פּי־שערערס און סתם אַוואַנטוריסטן, וואָס האָבן געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט דורך אַ געטריבענעם אומרו. די אכסניא איז גלייכצייטיק געווען אַ מקום־מקלט פאַר פּאַרטיזאַנער — זייער צאָל אַ לעגיאָן — ערדלאָזע פויע־רים, וואָס האָבן געפירט אַ ספּאָראַדישן קריג מיט ערד־באַזיצערס, וועלכע זענען געווען מער בריהס פון זיי אין באַקומען שטחים ערד.

אויפוואַקסנדיק אין אַזאַ סביבה מיט דעם אַראָמאַט פון די מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט וועגן די אירלענדישע רעוואָלטן מיט זייער ראָמאַנטישער באַפליגלטקייט, באַגלייט מיט די אימפּולסן פון אירלענדישן טעמפּעראַמענט, האָט דער יונגער קעלי אַריינגעזאַפּט אין זיך די לאַנגיאָריקע שינאה, וואָס האָט געהערשט צווישן דער פאַמיליע קעלי און דער פּאָליציי. די כאַטע פון זיין מאַמען איז געווען די הויפּט־קוואַרטיר פון קרימינאַליסטן און אָפט איז איינער פון דער פאַמיליע געווען פאַרמישט אין אַן אָנפאַל. זיין שוואָגער, אַן אָפּטער טורמע־„גאַסט” און אַ מסור, אַזוי אויך זיין פעטער, וועלכער האָט געמסרט דעם אָנפאַלער אויף דער פּאָליציי — הענרי דזשאָנסאָן, וואָס איז געווען דער „מדריך” פון יונגן נעד קעלי (דזשאָנסאָן האָט געשאָסן אויף דער פּאָליציי, וועלכע האָט אים אָפּגעשטעלט ביים רייטן אויף אַ פערד, פרעגנדיק אים צי ער האָט אַ קבלה אויפן פערד...).

נעד קעלי האָט זיך אויסגעטיילט פון דער „נעטער גזועלשאַפט” מיט זיין געוואַגטן זאָרגלאָזן קוראַזש ביים דורכפירן אַ שטיקל „אַר־בעט”” ער האָט געקענט זיך שטיל אַריינגנבענען אין אַ שטעטל, וואָס איז נאָך געווען האַלב פאַרשלאָפן, טרעפנדיק די פּאָליציי ווייט פון זייער געווער און זיך דאַן אָפּרעכענען מיט זיי פאַר אַלע צייטן.

דערנידעריקט פונעם אָנפאַל אויף זיי מיט זיין איזדיעקעווען זיך איבער זייער ווירדע, האָבן זיי באַשטימט אַ פּרייז פאַר זיין קאָפּ, פריינד זאָלן אים אַרויסגעבן. ער ווידער, האָט זיך אַרויסגעדרייט פון זיי פיל יאָרן און טעראָריזירט די וועגן אין וויקטאָריע מיט אָפטע אָנ־פאַלן. אַ פּאָליציי־אינספּעקטאָר פון זיין צייט האָט באַצייכנט זיין גע־שיקטקייט און דרייסטקייט מיט אַ סך סופּערלאַטיוון, אַז ער האָט פאַרמאָגט „דינגאָ”־אויגן, וואָס פאַרהיטן אים געכאַפּט צו ווערן („דינגאָ” איז אַן אויסטראַלישער „בייטיוו”הונט — אַ געמיש פון וואָלף און הונט).

ס'האָבן אין אויסטראַליע נישט געפעלט קיין דרייסטע „בושרענ־דזשערס” אין 19טן יאָרהונדערט. עס איז באַקאַנט דער נאָמען פון

בען האַל, וועלכער האָט אויך פאַרמאָגט אַ דרייסטן זאָרגלאָזן כאַראַק־טער אין זיינע געוואָגטע אָנפאַלן. אָבער אַלץ נישט פון אַזאַ „קוואַלי־טעט״, ווי נעד קעלי, וועלכער איז געוואָרן אַ שם־דבר! ער איז נאָך ביים לעבן געוואָרן אַ לעגענדע, וואָס האָט אַפּעלירט. זיין אימאַזש אין די לעגענדאַרע פאַרבן האָט אויסגעדריקט דעם נאָן־קאָנפאָרמיזם, וואָס איז דערדריקט געוואָרן אין דעם לאַנד. פון איין זייט איז געווען דאָס בילד פון אַ שטאָט וואָס היט אָפּ דאָס געזעץ און פירט זיך אויף ליי־טיש, און פון דער צווייטער — אַ געזעצלאָזע באַנדע פון נעד קעליס שניט, וואָס „פייפט אויף דער וועלט״ און שטעלט זיך אַנטקעגן דעם יוסטן באַלעבאַטישן קאָנפאָרמיזם, דאָס זענען געווען די קערנער, פון וועלכע עס האָט אויפגעשפּראָצט דער מיטאָס פון נעד קעלי.

ווי אַ צוגאָב־ליכט האָבן קורסירט די לעגענדעס, ווי אַזוי ער צעטיילט דאָס באַרויבטע צווישן די אָרעמע. און טאָמער האָט ווירקלעך געטראָפן אַ פאַל, ווי עס גיט איבער רעוועריענד בענסאָן, פון אַ מאַמען מיט אַ קראַנק קינד, וואָס האָט אויסגעזען האָפענונגסלאָז און אַ דאָק־טער איז נישט געווען נאָענט, האָט עס נעד קעלי איינגעוויקלט אין זיין מאַנטל און זיך געלאָזט גאַלאָפּ אויפן פערד, האַלטנדיק אין איין האַנט דאָס קינד און מיט דער צווייטער די לייצעס, און אַזוי איז ער געריטן דורך אַ שטורמישער נאַכט ביז ער האָט געבראַכט דאָס קינד צו אַ דאָקטער און עס איז געוואָרן אָפּגעראַטעוועט. אַזאַ הומאַני־טאַרער פאַל איז צעקלונגען געוואָרן איבער גאַנץ וויקטאָריע און צו־געגעבן געדיכטע פאַרבן צום מיטאָס, וואָס איז גאָר שטאַרק אויסגע־וואַקסן נאָך זיין טויט.

שטעלט זיך די פראַגע: ווי אַזוי קען אַ פאָלק מאַכן פאַר אַ נאַציאָ־נאַלן העלד איינעם פון די בלוטיקסטע קרימינאַליסטן, וואָס האָט טע־ראָריזירט די קאָלאָניסטן פון דער אַרומיקער געגנט? און נישט נאָר וואָס זיי האָבן געציטערט פאַר אים, אויך די פּאָליציי האָט דאָך מורא גע־האַט פאַר אים און זיין באַנדע אימת־מוות? איז דער תירוץ אַזאַ. אַז אַ פאָלק זוכט אַ נאַציאָנאַלן מיטאָס און קען אים נישט געפינען אין זיין היסטאָרישער רעאַליטעט, שאַפט עס לעגענדעס, וועלכע הינקען וואָס אָן אמת צו אויףביידע פיס; באשר, זיין ברעכן די געזעצן פון לאַנד האָט אינספּירירט צו באַנייען דעם גייסט פון יורעקאַ („יורעקאַ״ איז אַ סימבאָל אין אויסטראַליע פון דעם קאַמף פון די גאָלדגרעבערס פאַר דעמאָקראַטיזירן די געזעצן אין לאַנד). אָבער וואָס פאַר אַ מאָטיוון און תירוצים מען זאָל נישט געפינען, אַ פאַקט איז, אַז דער נאָמען נעד קעלי איז מער באַוווּסט, ווי וועלכער ס׳איז אַנדערער מענטש אין אויסטראַליע. ער ווערט דערמאָנט ווי אַ סימבאָל פון פאַרצווייפלטן קוראַזש.

ער איז געהאָנגען געוואָרן בערך מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, און

גלייך נאָכן הענגען אים האָבן זיינע פריינד געשאַפן אַ מיסטיק וועגן נעד קעלי צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ לעגענדאַרן העלד פון דער אויסטראַלישער ראָמאַנטיק. פאַרן פאַרציען דעם שטריק אַרום זיין האַלדז, זאָל ער האָבן געזאָגט: „אַזוי איז דאָס לעבן" (אַ טיטל, וואָס דער שרייבער טאָם קאָלין האָט שפּעטער באַנוצט פאַר זיין באַוווּסטן בוך אונטער דעם נאָמען, אין וועלכן ער האָט, אגב, פאַרקערפּערט אויך נאַציאָנאַלע מיסטיק).

דאָ אויפן אָרט איז אויך כדאַי צו דערמאָנען דאַגלעס סטיוּאַרטס דראַמע וועגן נעד קעלי (1943), אין וועלכער עס קומט נישט צום אויסדרוק די טענדענץ צו פאַרוואַנדלען דעם אונטערוועלט־העלד אין אַן אויסטראַלישן ראָבין הוד. עס קענטיקט זיך אין דער ריכט־ליניע פון דער דראַמע, אַז דער מחבר וואָלט נישט אויפגעהויבן קיין פינגער צו ראַטעווען נעד קעלי פון דער תליה. עס איז אָבער יאָ דאָ אין דער דראַמע אַ פאַראורטיילונג פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז שולדיק אין דעם מצב פון די נעד קעליס, מחמת זי (די געזעלשאַפט) האָט גאָרנישט געטאָן פאַר זיי נישט צו ווערן דאָס, וואָס זיי זענען געוואָרן.

אָבער קיין שום ווערק איז נישט בכוח אָוועקצונעמען דעם מיטאָס, וואָס איז אָנגעהאָנגען געוואָרן אויף נעד קעלין — דעם העלד!

דער „בושרענדזשער" נעד קעלי



ליטעראַרישע מאָטיוון



בעלעטריסטיק — מאי קאַ משמע לן?

בעלעטריסטיק איז נישט קיין קאָנטראַסט צו רעאַליטעט. עס איז אַ ליטעראַרישער באַזונדער וועג צו רעאַליטעט. דער טאַלאַנט צו זען דאָס לעבן אין דער טיף און עס אַרויסברענגען מיט די פּילזייטיקע קענצייכנס פון וואָרט — מיט זיין פאַרב, קלאַנג, בילד און סימבאָל; אין אַ טעקסטור, וואָס גלאַנצט, ווי פּאָעזיע.

אַ גוטער בעלעטריסט זוכט צו געבן זיין שטאָף מיט דעם אמת אין דער פּאַדשעווקע. אָבער קודם דאַרף ער זען, אַז דאָס וואָרט און זאַץ זאָלן צופרידנשטעלן זיין אייגענעם געוויסן. קאָנקרעטיזירן די וויזיע, די עקספּרעסיע, די לאַנדשאַפט, די ערטער, די רעד־ווענדונגען — די טעקסטור זאָל האָבן א ציל, נישט נאָר די געשיכטע, נאָר אויך אין דער באַשרייבונג.

דער פּראָזע־קינסטלער דאַרף, פּונקט ווי די נאַטור, באַנייען זיך יעדן טאָג. ער דאַרף תמיד זיין אין פּראָצעס פון אַן אינעווייניקסטער באַנייט ווערן, בכדי צו קענען אויפנעמען שעפּעריש די באַנייאונג און חידושים פון נאַטור און לעבן.

אין די שמאָלע ראַמען פון אַ בוך נעמען מיר אַריין קוים אַ הונ־דערטסטל פון אונדזער לעבן, ניין און ניינציק פּראָצענט בלייבט מחוץ פון בוך. עס ווערט אָבער פּרעזערווירט אין אונדזער זכרון, ווי אַ באַ־דייטונגספולער באַגאַזש. מען דאַרף געדענקען, אַז דער מוח איז נישט אין שטאַנד אַלץ צו באַנעמען, בפרט אַזאַ זאַך, ווי די קאָמפּליצירטע פאַרשידנקייט פון לעבן. דעריבער איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפ־גאַבן פון קונסט — פון יעדער קונסט — דער אָפּקלייב, די אַראַנזשי־רונג און אָרגאַניזירונג פון די באַזונדערע אינצידענטן און כאַראַק־טערן, צו האָבן אַ קאָנטראָל איבער זיי. עס זאָל געבן די אילוזיע פון אַ באַשטימטן סדר אין דעם אויסגוס־שטראָם פון פּאַסירונגען, וואָס מיר רופן: דערפאַרונג.

עס איז שוין נישט איין מאָל באַטאָנט געוואָרן, אַז יעדער שעפּערישער מענטש פאַרמאָגט אין זיך אַ געוויסע דואַליטעט אין זיין לעבן. פון איין זייט איז ער, ווי יעדער מענטש, וואָס האָט זיין פּער־זענלעכן לעבן. פון דער צווייטער זייט דאַרף ער זיין אין זיין שעפּע־רישן פּראָצעס אומפּערזענלעך. ערשט אינעם גאַנג פון זיין לעבן און שאַפן, פורעמט זיך ביי אים אויס אַ סינטעז פון זיינע סתירותדיקע אימ־פולסן, און גראַד ביי געניאַלע מענטשן גייט דער פּראָצעס נישט צו אַזוי פשוט.

ריכטיק האָט באַמערקט די פרוי פון דעם דראַמאַטורג סטרינד־

בערג, אַז זשעני און מענטש זענען צוויי באַזונדערע פּערזאָנען. זיי זענען אַ מין טאָפּל־געשטאַלט. איינער פאָלגט נאָך און אַנאַליזירט דעם אַנדערן. דאָך איז, אין אַ געוויסער מאָס, פאַראַן אַן אינטימקייט צווישן מחבר און זיינע כאַראַקטערן. דאָסטאָיעווסקי, למשל, איז אין אַליאָשאַ קאַראַמאַזאָוו, אין דימיטרי, ראַסקאָלניקאָוו, סטאַווראָגין און אין נאָך אַנדערע פון זיינע כאַראַקטערן.

עס איז באַוווּסט, אַז ער איז געווען אַ פאַרברענטער רולעטקע־שפּילער, וואָרשיינלעך אויך אַן עפּילעפּטיקער און צו דעם זיין פרע־דיקן דעם פּאַן־סלאַוויזם, וועלכן ער האָט צוגעשריבן אַזאַ הויך־משיחישע אידיי. אַ געוויסע צייט איז ער דאָך געווען אויך אַ רעוואָ־לוציאָנער, און נאָך איינער פון די שווידערלעכסטע דערפאַרונגען, וואָס אַ מענטש קען דורכלעבן, איז ער געוואָרן אַ פאַרטיידיקער פון דער אויטאָקראַטישער מאַכט.

אָבער דאָסטאָיעווסקי האָט געקענט אריינדרינגען אינעם סאַמע תוך פונעם מענטש. ער האָט דערשפּירט, וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אונטער דער הויט אין די סאַמע טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה. האָט ער טאַקע מיט זיינע העלדן געהאַט אַ געוויסע גייסטיקע קרובהשאַפט.

אין יעדער ליטעראַטור און קונסט באַוויזט זיך, פון צייט צו צייט, אַזאַ טאַלאַנט, וואָס אַנטפּלעקט מער, ווי וועלכער עס איז אַנדע־רער קינסטלער. געוויסע אייגנשאַפטן, וואָס וואַקסן אויס צו אַ סימבאָל. הגם אויך אַנדערע האָבן געשריבן אויף דער זעלבער טעמע. אָבער ביי אים איז עס מאַניפעסטירט געוואָרן שטאַרקער, לעבעדיקער און אייגנאַרטיקער. די פּערפעקציע פון די צוגעקליבענע פאַרבן און דעטאַלן, וועלכע האָבן אַזאַ אויטענטישן באַריר, זענען קאָנסטרואירט געוואָרן אויף אַן אופן, וואָס מאַכט עס פאַר אַ קונסט־שאַפונג.

פּערפעקציע איז אָבער שווער צו געפינען. אין די בעסטע ווערק קען מען געפינען גרעסערע אָדער קלענערע לעכער. מען דאַרף זוכן אין שפּליטערן און פראַגמענטן דאָס, וואָס עס קען באַלעבן דעם גוף און די נשמה.

אין אַ געוויסן זין איז איטלעכע שורה פון אַ שרייבער, אומאָפּ־הענגיק פון דער טעמאַטיק, — אַ מאָנאָלאָג. דער מחבר קען אריינגעבן אין דער אַקציע און אין דער געשטאַלט די ביאָגראַפיע פון זיין צייט און פון זיך גופא (אין אַ בעלעטריסטישער מאַסקע). דאָס צוגעגעבענע פון זיין שעפערישער פאַנטאַזיע גיט אַריין קינסטלעריש בלוט אין דער פאַקטועלקייט, בכדי עס זאָל קענען אַריינדרינגען אין דמיון און געמיט.

אויך דער רעאַליסטישער אָדער נאַטוראַליסטישער שרייבער שטיצט זיך נישט בלויז אויף אָבסערוואַציע פון רעאַלע פאַקטן. באַ־שרייבן רעאַל מיינט נישט צו געבן די וואָרע באַגלויבלעכקייט פונעם

געזעענעם. דער קינסטלער זוכט צו פּאַראײניקן, שאַפן אַן אַמאַלגאַם פון הינטערגרונט, סוזשעט, כאַראַקטעריזאַציע. ער גאַרט עס זאָל זײַן געטרײַ זײַן אײגענער עסטעטישער און מאָראַלישער װיזיע פון אַ לעבנס־סטיל, אין װעלכן ער גיט אַרײַן אַן אײגענעם בילד פון אַ געװיסער טיף, און דאָס באַטײַט די װאָרע באַגלױבלעכקײט פון געזעענעם. דער שרײַבער דאַרף זיך אָבער אױסהיטן פון איבערלאָדן מיט אַדיעקטיװן, מעטאַפאָרן, פון װעלכע דער לײענער קען זיך דערפילן אַרײַנגעשפּאַרט אין אַ לופטלאָזן װינקל, אין װעלכן עס איז שװער צו אָטעמען.

אױסמײַדן שטאַרקע טענער. דער שטילער טאָן קאַרבט זיך אײַן טיפער אין געמיט, מיט דער שטילקײט פון זײַן קלאַנג און אָפּקלאַנג. מיר איז אױסגעקומען צו לײענען אַ סך דערצײלונגען פון קלײנע לעבנס, פון עלנטע מענטשן, פון אײנזאַמע אױך אין דער קאָמפּאַניע מיט אַנדערע מענטשן. דאָס טרױעריקע לעבן פון אײנזאַמקײט, פון אַלײנ־קײט, פון נישט העלדישער דערהױבנקײט און שטילקײט טײלט זיך אױס פון דעם ליאַרעמדיקן אַרום. און בײַם לײענען האָב איך דער־שפּירט, װי עס גײט אַרום אַ חלום, אַ װיזיע אין זאַכן. און די דאָזיקע דערצײלונגען פאַרשפּיגלען אַ װעלט, װאָס איז גאַנץ אין איר צעריסנ־קײט, אַ דערצײלן, װאָס האָט אין זיך דעם כּוח צו שטײן און דאַרף נישט װערן אונטערגעשפּאַרט מיט קוליסעס . . .

אַן אױסטראַלישער שרײַבער פון קורצע דערצײלונגען האָט זײַן אַרט שרײַבן אַזױ דערקלערט: — מײַנע קורצע דערצײלונגען זענען פּונקט, װי איך װאָלט אַ שײן געטאָן מיט אַ לאַמטערנע אױף אַ זאַך אין אַ פֿינצטערן צימער. דער שרײַבער, װאָס רוקט פונאַנדער די פּאָר־האַנגען אינעם צימער, דערזעט שױן אױך אַנדערע זאַכן, ער שאַפט שױן אַ גרױס װערק, און װען ער קוקט אַרױס דורכן פענצטער איבער די רחבֿותדיקע פעלדער, דאַן שאַפט ער שױן אַ גרױסן ראָמאַן.

באַבעל פּלעגט אין זײַנע דערצײלונגען זוכן צו באַגרענעצן זיך צו אַ טוץ זײַטלעך. צוליב דעם פּלעגט ער שטאַרק מקפּיד זײַן אױף אױסקלײַבן די װערטער, װעלכע זאָלן אין זיך האָבן באַדײַטונג און זײַן פּשוט און שײן. ער האָט רעספּעקטירט דעם לײענער, געקליבן אים און געפֿורעמט אים אין זײַן אימאַזש. דער לײענער האָט געלעבט אין זײַן נשמה, דער נאַראַטיװ האָט בײַ אים געדאַרפט זײַן דיסקרעט אַראַנזשירט, אַמאָל באַגלײט מיט איראָניע אָדער לײַכטן הומאָר — אַ הומאַניזירטע טראַגי־קאָמעדיע פון מענטשלעכן לעבן, אָבער קײן מאָל נישט ציניש, גיכער טראַגיש אין זײַן אױסקלאַנג. ער האָט דעם מענטשלעכן גײַסט אַנטפּלעקט דורך דעם אינדיװידועלן כאַראַקטער, װעלכן ער האָט באַלױכטן מיט אַזאַ אײגנאַרטיקע אינטימיטעט. דאָס אַרט װעלכן ער באַשרײַבט מאַכט דיך פילן די לופט פון דעם פּלאַץ, דעם אָטעם פונעם לעבן.

מען קען שרייבן קליינע געשיכטעס, רעפּאָרטאַזשן, מיניאַטורן, וואָס פאַרמאָגן געמיט, אַטמאָספער, איבערלעבונג, מחשבה. עס רעדט אַרויס פון די זייטלעך די בילדלעכקייט און די בעלעטריסטישע אויטענטישקייט.

דער פּייזאַזש, די צייט, די סביבה, דאָס אויסטיילן דאָס אייביקע פון פאַרבייגייענדיקן, באַגלייט מיט אַ קאָפּעטשקע אומעט, מיט דער דינ־קייט פון אַן אומעטיקן שמייכל. עס ווערט דיר דאַן אַ שאָד, וואָס דער שרייבער האָט עס אַזוי שטאַרק מקצר געווען, צו פרי אָפּגעהאַקט. אָבער דאָס וואָס ער האָט דיר געגעבן אַזוי אוממיטלבאַר, קלינגט אָפּ אין געמיט, עס האָט אַ בליץ געטאָן מיט שטימונג, מיט אַ געפיל, וואָס גייט דיר נאָך לאַנג נאָכן פאַרמאַכן דאָס בוך.

טיילמאָל געפינסטו אין דער קורצער דערציילונג צו פיל סענטי־מענטאַלקייט און מעלאָדראַמע, פון וועלכע דער מחבר האָט זיך נישט אויסגעהיט אין זיין שרייבן. קומען מיר צוריק צו דעם פּרינציפּ פון קענען אַרויסלאָזן זאַכן. דאָס איז אַ געזעץ אין פיל געביטן: אין דראַ־מע, אין טעלעוויזיע און אַפילו אין איבערשטעלן דעם שוי־פענצטער. מען דאַרף געדענקען תמיד צו קענען ציען די אויפמערקזאַמקייט פון לייענער, פון צושויער, צו דער צענטראַלער אידיי און צום הויפּט־כאַראַקטער.

איך טרעף אַן שרייבער, וואָס זענען רייך אין וואַריאַציעס פון ברוטאַלן ביז צום עלעגאַנטן. אָבער אין די אַלע וואַריאַציעס איז פאַראַן עכטע אויטענטישקייט. מען דערציילט פון מאַרסעל פּרוסט, אַז ער האָט בעת זיין גסיסה, אין אַ פרייער מינוט, געבעטן מען זאָל אים איבער־לייענען די שטעלע פון זיינס אַ בוך, ווו ער באַשרייבט די גסיסה־מאָמענטן פון זיין העלד. ער האָט די דערפאַרונג פון זיינע אייגענע גסיסה־מאָמענטן געוואָלט אויסנוצן צו קאָנטראָלירן די אויטענטיש־קייט פון זיין שילדערונג. אָט דער פאַל ווייזט בולט, ווי אַזוי אַ קינסט־לער באַציט זיך צו זיין שאַפן עס זאָל זיין אויטענטיש, ווי נאָר מעגלעך.

דערביי זוכט דער שרייבער איינצורעמען זיין העלד אין פיל בילדער־ראַמען: אין דעם רעמל פון זיין פּריוואַטן לעבן; אינעם ראַם פון זיין פאָלקס־לעבן און אין דער ראַם פון זיין צייט מיט געשעע־נישן אין אוניווערסאַלן מאַסשטאַב. עס איז אויך דאָ די אָביעקטיווע קוואַליטעט, ווי רעלאַטיוו עס זאָל נישט זיין איר אויסטייטשונג. זיין אינטערפּרעטאַציע און באַהאַנדלונג מעג זיין קאָנטראָווערסאַל, מחמת ליטעראַטור אַן קאָנטראָווערסיע פון מיינונגען און גלויבנס וואָלט געווען קראַנק. ווי וואָלט אויסגעזען די וועלט, ווען אַלץ וואָלט געווען אוני־פאָרמירט לויטן נוסח פון הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג?...

עס איז גענוג בלויז אַוועקצושטעלן די פראַגע צו וויסן גלייך דעם איינציקן ענטפער.

דער ליטעראַרישער וועג פון באַשעוויס-זינגער

(פון בית-דין שטיבל אויף קראָכמאַלנע ביז דער נאָבעל-פּרעמיע)

א



יצחק באַשעוויס-זינגער

דאָס יאָר 1978 וועט אַריינגיין אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור אונטערן צייכן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָנערקענונג פאַר דעם שרייבער יצחק באַשעוויס-זינגער. אָבער איינצייטיק — פאַר דעם לשון יידיש אין וועלכן ער שרייבט זיינע ווערק און פאַר דער יידישער ליטעראַטור און קולטור צו וועלכע ער געהערט, ווי אַ יידישער שרייבער.

עס איז געקומען צו אונדז ווי אַן אומדערוואַרטעטע בשורה, הגם זיין גרויסער דערפאָלג אויפן ליטעראַרישן וועלט-מאַרק, אין די לעצטע יאָרן, האָט מרמז געווען, אַז ער קען זיין אַ קאַנדידאַט אויף דער פּרעמיע. לפי דעתי האָט די אָנערקענונג פאַר באַשעוויסן נישט געדאַרפט זיין פאַר אונדז קיין סורפּריז, נעמענדיק אין אַכט די צאָל לשונות אין וועלכע ער איז איבערגעזעצט געוואָרן, די מיליאָנען לייענער בכל פּינות העולם פאַר זיינע ביכער, די סופּערלאַטיוון, וואָס די רעצענזענטן האָבן אים געגעבן — און וואַרשיינלעך זענען זיי דאָך געווען די ליטעראַרישע אונטערפירערס זיינע צו דער זשורי פון דער שוועדישער נאָבעל-אַקאַדעמיע.

האָבן מיר דאָך אָבער געזען אין די פריערדיקע יאָרן, אַז שלום אַש, וואָס האָט אויך געהאַט אַ וועלט-נאָמען און פאַרבינדונגען אין די אינטערנאַציאָנאַלע ליטעראַרישע קרייזן — און ער איז דאָך אויך

ראוי געווען צו דער היכער אַנערקענונג — און האָט נישט באַ־קומען. געזאָגט האָט מען: אַ יידישער שרייבער, וואָס נישט הינ־טער זיך אַ מלוכה, אַ לאַנד, וואָס זאָל זיך פאַר אים איינשטעלן — האָט נישט קיין שאַנס (עס וואָלט געווען נאַאיוו צו מיינען, אַז ס׳דע־צידירן דערביי נאָר ריינע ליטעראַרישע מאָסן...).

דעריבער טאַקע איז די פּרעמיע פאַר באַשעוויסן געווען פאַר אונדז די אַנערקענונג פון דעם עקסטעריטאָריאַלן יידיש־לאַנד, וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן צוגעצויגן צו זיך דעם אויפמערק ווי איינע פון די וועלט־לשונות אין וועלכער עס זענען געשאַפן געוואָרן היכע קינסטלערישע ווערטן, די חשיבות וואָס יידיש האָט באַקומען אין די אַקאַדעמישע קרייזן וועט אַ דאַנק דער נאָבעל־פּרעמיע פאַר באַשע־וויסן נאָך מער פאַרשטאַרקט ווערן. עס איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז דער־פאָלג רופט ארויס דרך־ארץ. דערוואַרטן מיר עס אויך פון די יידישע קרייזן, וואָס באַציען זיך מיט אַזאַ גרינגשעצונג (איידל גערעדט) צו יידיש. אפשר וועט דאָס אויך האָבן אַ ווירקונג אויף זיי.

נאָך דעם אַלעם, וואָס איז דאָ באַטאָנט געוואָרן וועגן דער באַדיי־טונג פון דער פּרעמיע, וועלן מיר באַהאַנדלען איצט אַ ריי תוך־ענינים פון באַשעוויסעס ווערק, פון זיין שאַפן בכלל, מיט וואָס האָבן זיי זיך אַזוי קונה שם געווען אין דער וועלט און די קאָנטראָווערסיע, וואָס באַשעוויסעס ליטעראַרישער גאַנג האָט אַרויסגערופן אין אונדזער יידיש וועלטל (איך לאָז אין אַ זייט דעם רמז וועגן קנאה. עס איז מסתמא אויך נישט אויסגעשלאָסן אַזאַ געפיל, אָבער אין די אַרויס־גערוקטע טענות צו אים, איז זיכער געווען מער ווי דאָס — לויט מיין טיפער איבערצייגונג).

איך האַלט פאַר נויטיק זיך דאָ אָפּצושטעלן אויף טענות צו אים גערעכטע און נישט־גערעכטע — מחמת דורך דעם וועלן מיר קלאָרער מאַכן דעם מהות, די ריכטליניע, די שטריכן פון זיין ליטע־ראַרישן פּאָרטרעט.

ווען מיר באַהאַנדלען באַשעוויסן, הענגט דאָך אויף די ליפּן ביי אַ סך פון אונדז די פראַגע: מיט וואָס האָט ער אַזוי מרעיש־עולם געווען? מיט אַנדערע ווערטער: וועלכע עלעמענטן פון זיין שאַפן אַפּעלירן אַמ־שטאַרקסטן צום מאַסן־לייענער, דורך וועלכן זיינע ווערק זענען געוואָרן כמו „בעסט סעלערס" אויפן ביכער־מאַרק?

איך מיין, אַז דער ענטפער אויף דער פראַגע ליגט נישט אויף דער האַנט. עס איז ווייט נישט אַזוי פשוט אַנצומערקן פאַרוואָס אַ גע־וויסער שרייבער, אָדער אַ בוך נעמט אויס ביים לייענער און אַ צווייי־טער נישט, דאָך קען מען מיט אַ זיכערקייט זאָגן, אַז באַשעוויס, ווי אַ דערציילער, איז אַ מייסטער פון גאָטס גענאָד! דאָס מוזן אַנערקענען אויך די וואָס האָבן זייער שאַרף קריטיקירט זיינע דערציילונגען

מיט דעם פאָרוואָרף, אַז ער איז געבליבן שטעקן ביי „די מעשיות הינטערן אויוון״.

לפי דעתי זענען אָט די מעשיות אַ קינסטלערישע טראַנספּאָר־מאַציע פון יידישן פאָלקלאָר־אוצר, וואָס קומט ארויס דורך זיין פען מיט דער טוי־פרישקייט גלייך פון פאָלקס־מויל, איבערדערציילט אין זיין נוסח הלשון. איינצייטיק איז דאָך באַשעוויס גופא דער וואָס שאַפט איבער די פאָלקישע רייד אין זיין אייגענעם נוסח און ער ווייזט ארויס דערביי זיין גרויס־מייסטערשאַפט (טיילמאָל ווירטואָזיטעט) אין זיין שפרודלדיקער רייד־עשירות, עס איבערראַשט אַפט די פאַרביקע ניואַנסירטקייט פון זיין שרייבערישן סטיל.

מען האָט אויך באַשעוויסן פאַרגעוואָרפן, אַז אין זיינע ביכער איז דאָ אַן איבערפלוס פון סעקס־סצענקעס דורך וועלכע ער זוכט צו־ציען דעם לייענער. איז טאַקע ריכטיק, אַז ער האָט אַ סך עראָטישע אַלוזיעס אין זיינע דערציילונגען, בפרט אין די וועלכע ער האָט גע־שריבן בעת זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּעריאָדן (אין פּוילן און אין אַמעריקע). אָבער אין אַנבליק פון די סעקסועלע זייער פעטע שמאַלץ־סצענעס, וואָס דער לייענער קען געפינען היינט אין די ביכער, פיל־מען, טעאַטער — אין דער מערב־וועלט (פון דער היינטיקער „פּער־מיסיוו סאָסייעטי״), זענען באַשעוויסעס סעקס־באַשרייבונגען דאָך אויס אַ קינדער־שפּיל קעגן די פּאַרציעס וואָס דער לייענער און צושויער שלינגט אַראָפּ פון אַנדערע מקורות.

ניין, נישט אין דעם ליגט זיין אַטראַקציע פאַר זיינע יידישע און נישט־יידישע לייענערס (אגב, די יידיש־לייענערס האָבן אָבער יאָ זייער אַ באַרעכטיקטן פאָרוואָרף צו מאַכן באַשעוויסן, וואָס אים איז ביז איצט נישט אָנגעגאַנגען ארויסצוגעבן אַלע זיינע ביכער אין יידיש. פון מאַנוסקריפּט, צי פון די געדרוקטע אין דער יידישער פּרעסע, איז עס גלייך אַוועק צו דער איבערזעצונג. ניין, ער האָט נישט גע־דאַרפט וואַרטן אויף דער סומע פון דער נאָבעל־פּרעמיע צו זיין אין שטאַנד אַרויסצוגעבן אַלע זיינע ביכער אין יידיש. ס'איז אַן עוולה!)

איך מיין, אַז באַשעוויסעס אַטראַקציע־כוח שטעקט אין זיין באַ־שרייבן די עקסצענטרישע טיפּן און פאַרשוינען און קענען אין אַ גע־ווינטלעכן פּרט פון זייער לעבנסגאַנג אַריינגעבן אַ טיפערע באַדיי־טונג, וואָס דערהייבט זיך צו אַ סימבאָל און איז אַ סך מער אין דעם נאָכקלאַנג, ווי דאָס וואָס איז דאָ אויפן אויבערפלאַך פון געשילדערטן דעטאַל.

ער טרעפט אויך צו צום געמיט און מחשבה פונעם לייענער — אין אַלע וועלט־טיילן און לשונות — מיט זיין סקעפּטיציזם, טיפן פּעסימיזם, וועלכע ער האָט פאַרפלאַנצט אין אַזוי פיל סוזשעטן פון זיינע דערציילונגען.

איך האָב אויף אַן אַנדער פּלאַץ דערמאָנט וואָס לייענערס האָבן געשריבן צו סאָל בעלאָ נאָכן דורכלייענען זיין „הערצאָג". אַז זיי האָבן אין דעם ווערק זיך אַליין געזען פאַרשפּיגלט. דאָס זעלבע לאָזט זיך דאָך זאָגן וועגן באַשעוויסעס שאַפונגען, נישט וועגן אַלע פאַרשטייט זיך.

באַשעוויסעס פּעסימיזם פאַרקערפּערט אין אַזוי פיל פון זיינע טיפּן (און סוזשעטן) אָטעמען דאָך מיט דעם מצב הרוח פון דעם היינ־טיקן אוניווערסאַלן מענטש, מיט זיינע טיפע אַנטוישונגען אין דער וועלט, אין דעם „פּראָגרעס", וואָס איז אויסגעוויקט פון אַלע זייטן אין רשעות, אומרעכט, פאַרגאָסן מיט בלוט און טרערן.

איך וויל דערמאָנען דאָ אַ בילדל פון „די פאַמיליע מושקאַט", ווען עוזר העשל (דער הויפּט־העלד) שטייט אַזוי ביי זיין ביכער־שראַנק, קוקט אויף די פּראַכט־אויסגאַבעס, אַרומגעצירט מיט אַזעלכע שיינע גאָלדענע רוקנס און ער באַטראַכט אַזוי די נעמען פון די מיט וועלכע אַ וועלט האָט געקלונגען. זיי זענען דאָ אַלע איצט געשטאַנען: די גרויסע פילאָזאָפן, די פּאָעטן, די וויסנשאַפטלערס, די דערפינדערס און די אַלע אַנטדעקערס — נאָר קיין טרייסט האָט מען נישט געקענט געפינען אין זייערע רייד... די אַנטוישונג אין מענטשלעכן גייסט, אין מענטש, אין דער קולטור — וואָס איז דען פון דעם אַלעם אַרויסגעקומען? וואָס האָט מען דערגרייכט?

גראָד די אינטעלעקטועלע געשטאַלטן אין זיינע ווערק טראָגן נישט לייכט זייער אינטעלעקט. די שאלות, די זוכענישן, די ריסן אין דער נשמה, און אין דעם אמת — און וואָס איז דאָס אַזוינס אמת? זאָגט דאָך ביי אים איינער, אַז ס'איז גאָר נישטאָ אַזאַ מין זאַך ווי אמת — און דאָס איז דער אמת! און אויב עס געפינט זיך שוין יאָ ערגעץ, איז עס איינגעוויקלט, איינגעהילט ווי אַ „קרוין אין פּעדערן" (דער נאָמען פון באַשעוויסעס אַ בוך).

אונטערן טלית־קטן פון זיינע ידן, האָט ער זיך דערגראָבן צו דער ידישער און מענטשלעכער נשמה, צו איר גאַנג דורך עליות און ירידות, צו אַ הויכער דערהויבנקייט און טיפער געפאַלנקייט, וואָס ער האָט פאַרשפּיגלט אין אַ ריי פון זיינע דערציילונגען (בדרך כלל האָט ער דאָך דערגרייכט אַ סך מער מייסטערשאַפט אין די קורצע דערציילונגען ווי אין די גרויסע לייוונטן פון זיינע גרעסערע ראָמאַנען).

למען האמת וויל איך אויך ענטפערן אויף נאָך אַ טענה (און זי איז נישט נאָר צו באַשעוויסן), וועגן זיין סוזשעט און טיפּאַזש. ביידע זענען כידוע פאַרוואָרצלט טיף אין ידישקייט און אין עבר, מיט גע־ציילטע אויסנאַמען, ביים באַשרייבן די ידן וואָס זענען שוין נאָכן חורבן געקומען קיין אַמעריקע.

איך האָב דאָ אַ פריינד, ווען ער זעט ביי מיר אַ ניי בוך,

אַ יידישן, טוט ער אַ מיש די בלעטער און פרעגט: — ווידער וועגן שטעטל? די ידישע שרייבער קענען זיך גאָר נישט באַפרייען פון שטעטל און אירע יידן. פאַר וואָס נישט וועגן די היינטיקע יידן?

ווער איך דאָ דערציילן מיין ענטפער:

נישט לאַנג צוריק איז געקומען קיין אויסטראַליע אַ גאָר גרויסער שרייבער פון אינדיע. זיין נאָמען איז: ר. ק. נאַראַיעוו. געקומען איז ער צו אַ קונסט־פעסטיוואַל, און אויף אַ פרעסע־קאָנפערענץ האָבן זשורנאַליסטן אים אויך געשטעלט די זעלבע פראַגע, הלמאי זיינע צען ראָמאַנען און די הונדערטער דערציילונגען זענען סוזשעטיש און טיפּאָוויש, גאָר פון דעם שטעטל מאַלגודי (אַ שטעטל אין אינדיע)? ער האָט זיי געענטפערט:

— איך קען די לאַנדווירטשאַפט, די טאָפּאָגראַפיע. איך קען די מענטשן, כ׳בין צוגעוווינט צום שטעטל — ווי צו זיך אַליין. „מאַלגודי" איז פאַר מיר דער מיקראָקאָזם נישט נאָר פון אַ טראַדיציאָנעל שטעטל און געזעלשאַפט אין אינדיע, נייערט אויך פון דער גרויסער וועלט, וואָס איז טעכנאָלאָגיש ענלעך אין לאַנד צום צווייטן. עס איז נאָר אפשר אַנדערש די אַרכיטעקטור, די אינדוסטריע, די לאַנדווירטשאַפט, דער טראַנספּאָרט.

די טעכנאָלאָגיע קען טאַקע דאָ און דאָרט זיין אַנדערש, אָבער די מענטשלעכע נאַטורן, די מענטשלעכע סביבות, רעאַגירונגען, האַנדלונגען זענען אין מאַלגודי ווי אין באָמביי, ווי אין דער וועלט בכלל. „אַז איך שרייב וועגן מאַלגודי איז דאָך במילא וועגן דער וועלט, וועגן מענטש און זיין פסיכיק".

דאַרף מען צו דעם עפּעס נאָך צוגעבן?

אין זיין רעדע פאַר דער שוועדישער אַקאַדעמיע ביים אָפּנעמען די פּרעמיע, האָט באַשעוויס, צווישן אַנדערן, באַטאָנט דעם פּעסימיזם פונעם היינטיקן מענטש: „אַלע שוואַרצע נביאות פון אָסוואַלד שפּענגלער זענען מקוים געוואָרן זינט דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די טעכנישע דערגרייכונגען זענען נישט אין שטאַנד צו פאַרלייכטערן די אַנטוישונגען פון מאָדערנעם מענטש, זיין איינזאַמקייט, זיינע געפילן פון מינדערווערטיקייט, זיין שרעק פאַר מלחמה, רעוואָלוציע אָדער טעראָר".

גלויבט ער אָבער באמונה שלימה, אַז דער פּעסימיזם פון אַ שאַפנדיקן מענטש איז נישט קיין דעקאַדענץ, נאָר פון אַ גרויסן באַגער אויסצולייזן דעם מענטש.

מיר האָבן דאָס זעלבע געזאָגט אין שייכות מיט פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" און אויך לגבי דעם פּעסימיזם וואָס ווייעט אין די שאַפונגען פון פיל שפּעטערדיקע דיכטער (אין אַנבליק פון דעם אַלעם וואָס איז געשען אין דער עפּאָכע).

אָבער אומקערנדיק זיך צו די ווערק פון באַשעוויסן און צו די יידן וועלכע ער האָט אין זיי געשטאַלטיקט, האָט ער מיט רעכט אין זיין רעדע אונטערגעשטראָכן, אַז „נישט געקוקט אויף מיין פּע־סימיזם, אַנטוישונג און סקעפּטיציזם, גלויב איך, אַז די פעלקער פון דער וועלט קענען לערנען זייער אַ סך פון יענע יידן — — — זיי האָבן געפונען גליק דאָרט ווו אַנדערע זעען בלויז צרות און אַנטוישונגען״.

האָב איך געבראַכט דאָ די פּאָר ציטאַטן, מחמת אין די שפּיגלט זיך טאַקע אָפּ די ליטעראַרישע ריכטליניע פון באַשעוויסעס נאָוועלן און ראָמאַנען. איך האָב זיי לעצטנס נאָך אַמאָל דורכגעלייענט, צו זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק איך וועל האָבן ביים לייענען זיי דורך אַן אָפּשניט פון אַ לענגערער צייט. איך וויל גלייך זאָגן, אַז געוויסע ווערק האָבן מיך צום צווייטן מאָל נישט וויניקער אַריינגעצויגן אין זייער קרייז, ווי ביים לייענען זיי דעם ערשטן מאָל, און אַמשטאַרקסטן האָט מיך נאָך אַמאָל פאַרכאַפּט „דער קנעכט״.

לייענענדיק נאָכאַנאַנד זיינע דערציילונגען, האָב איך אויך אָבער איינגעזען די פּילצאָליקע איבערחזורונגען אין זיי, בפרט די וואָס ער האָט אין אַזאַ ראָמאַן ווי „דער קנעכט״ — איינער פון די עכטסטע און צאַרטסטע אין דער יידישער ליטעראַטור. עס גייט נישט וועגן זיין שיר השירים צו דער גרויסער ליבשאַפט פון אַ מאַן צו אַ פּרוי — פון אַ נייער רות וואָס איז געקומען צום יידישן פאָלק פון דער פּוילישער פרעמד, אין דער תקופה פון כמעלניצקיס פּאָגראָמען און שבתי צבי'ס פאַרפירערישקייט; נאָר וואָס אויפן פּאָן פון דעם אויסטער־לישן ראָמאַן האָט דאָך באַשעוויס אַרויסגעבראַכט די קשיות, וואָס עס פרעגן זיינע העלדן אין פיל דערציילונגען: וועגן לוסט און זינד, הימלישקייט און ערדישקייט; קשיות אויף דער השגחה; וועגן באַ־שערטקייט און בחירה, וועגן די כוחות אינעם מענטש, וואָס זענען שטאַרקער פון אים און טרייבן אים, שטויסן אים, צו מעשים איבער וועלכע ער האָט גאָר נישט קיין קאָנטראָל.

די דעמאָנישע כוחות אינעם מענטש, וועלכע באַשעוויס האָט באַקליידט מיט די אַלע נעמען פון דער יידישער פאָלקלאָר־דעמאָנאָ־לאָגיע. די שדים, רוחות מיט אַלע זייערע לאַפּיטוטן, זענען אין באַ־שעוויסעס שאַפונגען (דורך כל־ערליי סוזשעטן און סיפּור המעשהס) אַ פּועל יוצא פון דעם מחברס לעבנס־פילאָזאָפיע, וועלכע ער ברענגט אַרויס דורך דער אָדער אַנדער געשטאַלט. זיי אַלע מאַכן דאָך אַ חשבון מיט זיך און מיט דער וועלט — ווי דאָס האָט געטאָן יעקב („דער קנעכט״), ווען ער איז געזעסן ביים בר־מנן — פון זיין פּרוי, וואַנדאַ־שרה.

ווערן אין דעם בוך, וועלכן איך האַלט פאַר איינעם פון די בעסטע

(אפשר דער בעסטער) פון זיין פּען, אַרויסגעבראַכט טיפע אמתן, לעבנס־חכמה און מחשבה, באַגלייט מיט פּירעכץ און שטייגערישקייט, וואָס ער האָט שפּעטער פאַרפלאָנצט און צעזייט אין אַ שלל פון זיינע דער־ציילערישע מאָטיוון. און די ארויסזאָגונגען זענען תוכיקע, ווערטפולע פאַרן לייענער.

ווי ביי אַנדערע שרייבערס, האָב איך אויך אין באַשעוויסעס ווערק זיך אָנגעשטויסן אויף זייער פיל סתירות, וואָס טראָגן אין זיך אַ תפילה נאָך שלימות און גאַנצקייט.

מיר קענען נישט מסכים זיין מיט אים, דאָ און דאָרט, בנוגע זיין סקעפּטיציזם און פּעסימיזם לגבי דער מעגלעכקייט אויסצובעסערן די וועלט, דעם מענטש, די מענטשלעכע נאַטור.

זאָגט זיין עוזר העשל: „...אין ייד, משה בן עמרם האָט זיך אוועק־געשטעלט קעגן דער נאַטור, דעם מענטש, דער געשיכטע... — — —

און וואָס זענען דען שולדיק די נביאים? זיי האָבן גוט געמיינט. זיי האָבן געבעך געוואָלט צדק ומשפּט. זיי זענען געווען די איינציקע, וואָס האָבן דאָס געגאַרט אויף אַן אמת" („פאַמיליע מושקאַט").

וואָס געפינט זיך הינטער די ווערטער? אַז דעמאָלט, פּונקט ווי היינט לעבט מען אין אַ וועלט אָן חסד און אָן רחמים, אָן האָפענונג אויף צדק ומשפּט, און זי קען דאָך דעריבער קיין קיום נישט האָבן; אמת, אַז געשיכטע חזרט זיך איבער. די וואַנדערנדיקע שיפן מיט יידישע פּליטים, מיט אַ 40 יאָר צוריק, חזרן זיך איבער איצט מיט די פּליטים פון וויעטנאַם (אויף די וואַנדערנדיקע שיפן, וועלכע מען וויל בשום אופן נישט צולאָזן אַראָפּצולאָנדן זייער לעבעדיקן פראַכט!...)

אָבער אויב דער פּעסימיזם פון דעם שאַפנדיקן מענטש טראָגט אין זיך „דעם באַגער אויסצולייזן דעם מענטש", דאַרפן דאָך די שאַ־פונגען זיינע אָנטפּלעקן אָט דעם באַגער און אמונה אינעם מענטש, וואָס וועט יאָ געלייטערט ווערן דורך זיינע נסיונות און ראַנגלענישן. און דאָ קומען מיר צו איינער פון די סתירות אין באַשעוויסעס ווערק. איך וועל ברענגען אַ ביישפּיל פון זיין דער קונצנמאַכער פון לובלין, מיט זיין הויפּט־העלד, יאַשאַ מאַזור.

נאָכן אַרומרודערן אַ לעבן לאַנג, קומט מאַזור צום פּעסימיסטישן אויספיר, אַז די וועלט איז נישט באַשאַפן געוואָרן מ'זאָל האָבן אין איר מנוחה. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס פאַרצייטיקע צדיקים זענען אַוועק אָפּריכטן גלות, מחמת מען קען נישט דינען גאָט צווישן מענטשן אַפילו ווען מ'איז פון זיי אָפּגעטיילט מיט ווענט. דאָס האָט געפּרוּווט אויך טאָן יאַשאַ מאַזור, בעת ער האָט זיך אָפּגעצוימט און איבערגעלאָזט נאָר דעם קליינעם פענצטערל פאַר לופט און ליכט. אָבער דורך אָט דעם פּיטשעמאָנטשיקן פענצטערל האָט זיך דאָך

דורכגעריסן „די לשון הרע, די רכילות, די חניפה..." ר'איז פאַרבליבן שוין נאָך זיין תשובה טאָן מיט אַ ווידערווילן צו דער וועלט, צו מענטשן.

אָדער אַן אַנדער העלד, מאַקס פינגערשטיין: ער האָט שוין גע־זוכט און געגישטערט אין די ווערק פון די גרויסע, קומט ער אויף צום זעלבן ענטפער ווי עוזר העשל: טאָלסטאָי, דיקענס, באַלזאַק — מאַי קאָ משמע לן? וואָס לערנען זיי אונדז? מען קען טאַקע נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט זייער גרויסן טאַלאַנט. „אָבער זיי זענען אַזוי צעמישט ווי מיר זענען". הייסט עס דאָך: די שאַפנדיקע גאונים אין דער ליטעראַטור קענען דאָך גאָר נישט באַווירקן דעם גרויסן באַגער „אויסצוליזן דעם מענטש".

איך זע אין באַשעוויסעס שאַפן דריי גרונט־שטריכן, וואָס האָבן געלייגט אַ חותם אויף אַ סך פון זיינע טיפן און געשטאַלטן. זיי זענען: פאַטאַליזם, סקעפּטיציזם און אַ נאָגנדיקן פּעסימיזם, אַן ערגעץ אַ שטראַל פון האָפענונג, פאַרן מענטש, פאַרן ייד, פאַר דער וועלט.

די אינטעלעקטועלע יידן זיינע, די ערלעכע, די טראַכטנדיקע פרעגן אים: — שרייבסט וועגן אַלץ אונטער דער זון: רעליגיע, הייראַט, סעקס, גורל, באַשערטקייט, נשמה — איז וואָס מיינט דאָס? אַנומלט האָט דאָך אַ פּראָפעסאָר געפּרעדיקט, אַז ס'איז נישטאָ קיין גורל, קיין באַשערטקייט. דער גאַנצער אוניווערס איז נישט מער ווי אַ פיזיש־כעמישער פּראָצעס. עס איז גאָר נישט פאַראַן אַ חוץ אַטאָמען און זייערע קאָמבינאַציעס, און דאָס וואָס מען רופט נשמה איז ווידער נישט מער ווי דער סך־הכל פון דער מענטשלעכער פיזיאָלאָגיע. איז אויב קיין נשמה איז נישטאָ און דאָס לעבן איז נישט מער ווי אַ קור־צער עפּיזאָד אין אַן אייביקייט פון טויט — פאַר וואָס נישט געניסן? („יחיד און יחידה").

ווילן טאַקע זיינע יידן אַ ביסל פאַרגעניגן איידער מען פאַרשווינדט אויף אייביק... אונדזערע חז"ל האָבן דאָך שוין פון לאַנג געזאָגט, אַז דאָס לעבן איז נישט מער ווי אַ פאַרבייגייענדיקער שאָטן. פרעגט איינער: איז עס דער שאָטן פון אַ טורעם? פון אַ בוים? ניין, ענטפערט אַ צווייטער. ס'איז דער שאָטן פון אַ פויגל־פלי. דער פויגל פליט אַוועק און ס'איז נישטאָ מער קיין פויגל און נישט קיין שאָטן.

די ערדישע יידן, וואָס פרעגן שוין נישט קיינע קשיות וועגן גאָט, תורה, בחירה, פאַטאַליזם — הענגט אָבער איבער זייערע מעשים אויך דער פּעסימיסטישער שאָטן אַפילו אין זייער יאָגן זיך צו קאָנסומירן די פאַרלאַנגען און דערוואַרטונגען פון זייער עראָטיזירטער פאַרשטע־לונגס־קראַפט. אויך ביי זיי ווייַנט עפּעס אין האַרצן! אין דער אילוזיע פון דער שפּיל, פון זייער ליבע־סעקס־גע־יעג, זוכן זיי צו דערשטיקן אָט דעם געוויין...

איז לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף דעם ערשטן פון די דערמאָנטע

דריי גרונט־שטריכן פון באַשעוויסעס ליטעראַרישן פּאָרטרעט: פּאַטאַ־ליזם. אוודאי איז עס נישט דאָס זעלבע, וואָס די פּאַרציטישע אַטענישע דראַמאַטורגן האָבן עס צוגעשריבן: — דעם צוזאַמענשטויס פון מענטש־לעכן ווילן מיט די איבערנאַטירלעכע כוחות וואָס הערשן אויפן אָלימפּ (קעגן וועלכע דער מענטש איז פון פאַרויס אַ פאַרשפּילטער). אומזיסט די ראַנגלענישן זיינע קעגן דעם אַלמעכטיקן אָלימפּ, און זיינע געטער, וואָס אַנולירן די געמאַכטע מענטשלעכע פּלענער. דאָס איז, הייסט עס, די הויפּט־סיבה פון די טראַגעדיעס אין לעבן. און אַלץ וואָס געשעט איז אומפאַרמיידלעכער גורל, אַ גזר פון די אָלימפּ־געטער.

באַשעוויס, ווי אַ יידישער שרייבער, האָט אַנשטאָט די אָלימפּ־געטער גענומען די יידישע דעמאָנאָלאָגיע: דעם שטן, דעם אשמדאי, מיט זיין ווייבלעכן טייל — לילית און די אַלע לאַפּיטוטן פון טייוול, וועלכע שפּאַצירן אַרום אַזוי פראַנק און פריי איבער די בלעטער פון זיינע ביכער. זיי טוען אָפּ מיטן מענטש זייערע טייוולאַנישע שטיק, זיי מאַכן דעם מענטש צורעכט, ווי נאָר ער איז אריינגעפאַלן אין זייערע הענט.

וואָס איז דער סוף פון די אַלע פּאַרשוינען, וועלכע געניסן שוין פון די אַלע תאוות צו ווייבער, צו פרעסן און זויפן און צו כלערליי אַוואַנטורעס, מיט וואָס ענדיקט זיך דאָס אַלץ? מיט דעם שטנס גרויסן געלעכטער. ער, וואָס האָט זיי אַנגערעדט, געטריבן צו אַלע זינד, לאָזט זיי אַזוי לאַנג זיך אַרומשפּילן, אַרומרודערן אין זייער געיעג, ביז ער טוט זיי אַ כאַפּ אַן ביים קאַרק און מאַכט זיי צורעכט! לאַכט ער דאַן זיין גרויסן טייוולאַנישן געלעכטער, צוקוקנדיק זיך, ווי זיי פאַלן אַוועק אין סאַמע מיטן פון זייערע נישט באַפרידיקטע תאוות, פאַר־לאַנגען, פאַרמעסטונגען. דער קלאַפּ קומט פּלוצלינג, אומגעריכט פאַרן בן־אָדם, וואָס האָט געמיינט, אַז ער האָט אַנגעכאַפּט גאָט ביי דער באָרד, ווען ער פליט און רייט גאַלאָפּ. ווי האָט באַמערקט ערגעץ שלמה ביקל וועגן בן־אָדם, ווען ער איז יונג „און רייט אויפן פעגאַז פון נצחונות ווי אַ קינד אויף אַ שטעקן, וואָס איז אין זיין דמיון אַ פערד אין גאַלאָפּ״.

דאָס איז דאָך אייגנטלעך די „פּאָדשעווקע״ אין באַשעוויסעס דערציילונגען. אויפן אויבערפלאַך — אַ פאַראינטריגירטע סיפּור־המעשה, וואָס האָט אָבער אויסקלאַנגען און נאָכטראַכטעניש, וועלכע זענען פאַרשטעקט אין דער „פּאָדשעווקע״ פון דער מעשה. אַוודאי איז ריכטיק, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן זיין שאַפן צו אַ רעפּאָרטער (וועגן דעם כאַראַקטער פון זיינס אַ דערציילונג): „קודם מוז עס זיין מיין דער־ציילונג עס זאָל ווערט זיין צו דערציילן, דאָס הייסט אַ געשיכטע וואָס איך פיל, אַז איך קען דערציילן. עס דאַרף אָבער אויך זיין מיט באַדייטונג עס זאָל ווערט זיין צו דערציילן און עס דאַרף טאַקע

אויך האָבן אַן אינטערעסאַנטע סיפּור־המעשה צו פאַרשאַפן הנאה דעם לייענער".

ער פאַררופט זיך אויף די גרויסע פּראָזע־קינסטלער פון נייַנצנטן יאָרהונדערט טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, גאָגאָל, וועמענס ווערק זענען געשאַפן געוואָרן בכדי צו אונטערהאַלטן דעם לייענער מיט זייערע געשיכטעס און אימאַזשן.

ער האָט אָבער פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז די דערמאָנטע (און אויך אַנדערע) גרויסע קינסטלער האָבן דאָך אין זייערע ווערק (דורך די געשיכטעס און אימאַזשן), אַזוי פיל אינטעלעקטועלע אָנלאָדונגען, עמאָציאָנעלע עקספּלאָזיעס, וואָס גיבן דעם לייענער אַ חוץ אונטערהאַלטונג אויך גאָר טיפע איבערלעבונגען מיט באַדייטונג, און מיט טיפע אויסקלאַנגען: אינטעלעקטועלע, פילאָזאָפישע און בעלעטריסטיש־עסטעטישע, וואָס גייען נאָך דעם לייענער לאַנג נאָכן פאַרמאַכן דאָס בוך.

ב

איך וויל זיך איצט אָפּשטעלן אויף עטלעכע פּרטים פון באַשעוויסעס ביאָגראַפיע. ווער עס האָט נאָר געלייענט זיינע אויטאָ־ביאָגראַפישע ביכער, בפרט אין מיין טאַטנס בית־דין שטוב ווייסט, אַז פאַר זיינע געשילדערטע הימלישע יידן איז דער פאָטער זיינער, דער מורה־הוראה געווען דער מאָדעל.

איך מיין אָבער, אַז צו באַנעמען דעם פולן מהות פון באַשעוויסעס ליטעראַרישן פּאָרטרעט, איז נויטיק צו כאַפּן אַ בליק אין דער סביבה און אין דער שטוב בכלל אין וועלכער ער האָט דורכגעמאַכט זיינע קינדער־יאָרן און גאָר פריע יוגנט.

איז עס דאָך אַ כלל גדול בתורת קונסט, אַז די קינדהייט פאַרבלייבט אַן אומאויפהערלעכער קוואַל פאַרן קינסטלער (פון וואָרט, פון פענזל, פון מוזיק, ווי פאַרן סקולפּטאָר).

בכדי צו דערזען די פראַגמענטן פון באַשעוויסעס אויטאָביאָגראַפישע סימבאָלן מיט וועלכע ער האָט באַקליידט (אַ היפּשע צאָל) זיינע פּערסאָנאַזשן, אין אַ סך קורצע דערציילונגען, וועלן מיר כאַפּן אַ בליק אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע ביכער און אויך פון זיין עלטערן ברודער (י. י. זינגערס „פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער"), וועלכע פּראָזשעקטירן די שטוב, די עלטערן, וואָס „האָבן דערציילט די קינדער וועגן שדים, רוחות, מתים, צו באַווייזן, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און השארת הנפש אויף יענער וועלט".

די וועלט איז אין זייער שטוב געווען טריף! נישט קיין ווונדער דעריבער, וואָס די שטוב איז געווען אַן אומעטיקע. אין זייערע חלומות האָבן זיך די קינדער באַגעגנט מיט אָט די שדים און רוחות און

מיט די אַלע לאַפּיטוטן פון שטן, וועלכע די עלטערן האָבן אַזוי לעבע־דיק פאַרגעשטעלט פאַר די קינדער.

מיט די האַלוצינאַציעס טרעפן מיר זיך שפּעטער, מחמת זיי זענען דאָך כסדר די לעבנס־באַגלייטערס פון אַזוי פיל פּערסאָנאַזשן אין באַשעוויסעס ווערק. און אַז נישט־אויסגעלאַדענע אַנגסטן פון דער קינדהייט און יוגנט באַווירקן דעם קינסטלערס שאַפונגען, האָבן מיר נאָך אַן עדות אין וויקטאָר הוגאָ, וועלכע האָט געשילדערט זיינע קינ־דער־יאָרן, ווען איבער זיין בעט האָט געהאַנגען אַ גרויס בילד פון אַ פאַרוויסטן טורעם. עס האָט אָפּגעשפּיגלט, די אימה פון פייניקן און הענגען און דעם פחד פון אַנקומענדיקן טויט. אָט די קאָשמאַרן, שרייבט ער, האָבן יאָרן לאַנג אים פאַרפאָלגט און אַריין אין זיין שאַפן.

ווען מען לייענט באַשעוויסעס „אין טאַטנס בית־דין שטוב" זעט מען דעם גייסטיקן פּאָרטרעט פון זיין טאַטן דעם מורה־הוראה, אַ ייד אַ גרויסער צדיק, עפּעס נישט פון דער וועלט מיט זיין התנהגות און תמימות — אַ פּראָטאָטיפּ פון די הימלישע פּערסאָנאַזשן אין באַשע־וויסעס ביכער. אין שטוב ביי זיי איז די לופט געווען אָנגעזאַפּט מיט אַסקעטישקייט. זיין טאַטנס גלויבן אין גילגולים איז דערגאַנגען צו אַזעלכע אַבסורדן, וואָס איז אפילו פאַר דעם ס'גאַל צדיקישע יידן נישט געווען — שכיח (זע די באַשרייבונגען וועגן אַ גילגול ביי די געשאָכטענע גענדז, אָדער פון דער קאָץ אין זייער שטוב).

די מאַמע איז שוין געווען אַ מער פּראַקטישער מענטש, איר צו־גאַנג צום לעבן איז געווען פּראַגמאַטיש און סקעפּטיש־ראַציאָנעל. אָבער איר סקעפּטיציזם איז ווידער באַגלייט געוואָרן מיט אַ דאָזע חשד, פון אומצוטרוי און אומגלויבן אין מענטשן.

נישט קיין וווּנדער וואָס דער זון האָט פון איר געירשנט אָט די מידה, וואָס האָט אין זיינע ווערק די פינגער־צייכנס פון דעם אָנזאָג: „כבדהו וחשדהו" (רעספּעקט און חשד).

פון דער צניעותדיקער, טיף־רעליגיעזער, יידישער גייסטיקער וועלט האָט באַשעוויס נאָך יינגלווייז באַגעגנט אַן היפּוכדיקע וועלט, אין דער אַטעליע פון אַ פּוילישן מאָלער, ווו עס האָט געאַרבעט זיין עלטערער ברודער, ערב זיין שרייבערישער טעטיקייט (י. י. זינגער האָט אין זיין יוגנט אויך אַרויסגעוויזן טאַלאַנט אין צייכענען און מאָלן). וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס איז געווען פאַר דעם בר־מצוה־יינגל, קען מען זיך גוט פאָרשטעלן! און באַשעוויס דערציילט: „...וואָס פאַרא פלוצעמדיקער איבערגאַנג פון מיין טאַטנס בית־דין שטוב ביז דער דאָזיקער אַטעליע. מיר דוכט זיך, אַז דער דאָזיקער איבערשפּרונג איז אין איינקלאַנג מיט מיין כאַראַקטער. אין מיינע דערציילונגען איז אויך איין טראָט פון בית־דין שטוב ביז נאַקעטקייט און פון

נאַקעטקייט ביז דער בית־דין שטוב. איך בין געבליבן פאַראינטערעסירט מיט לייב און לעבן אין די בײדע פּאָזעס פון מענטשלעכקייט״.

אַט דער עפּיזאָד דינט ווי אַ „יעיל״־שליסל צו די אינעווייניקסטע חדרים פון באַשעוויסעס יידן, וועלכע באַוועגן זיך צווישן די צוויי וועלטן: די צניעותדיקע, די טיף־רעליגיעזע — פון איין זייט און פאַר־שייטקייט און אויסגעלאַסנקייט — פון דער צווייטער. דאָס ערדישע, דאָס פיזיש־עראָטישע — און די רוחניות־אַסקעטישע, זענען די צוויי זייטן, די „בײדע פּאָזעס פון מענטשלעכקייט״, וועלכע באַשעוויס האָט פאַרפיקסירט אין זיינע פּילצאַליקע (בערך אַ דרייסיק) ביכער.

באַשעוויס האָלט קעגנאיבער דאָס לעבן און איבער דער מענטש־לעכער פסיכיק אַ שפּיגל וואָס ווייזט, ווי אַזוי דער מענטש האַנדלט, רעאַגירט אין פאַרשידענע פּאָזעס פון זיין לעבן. ער פירט אַריין דעם לייענער אין די אינטימסטע ווינקעלעך פון דער מענטשלעכער נשמה, סיי ביי די פרומע יידן און סיי ביי די סעקולערע — אויפן פּאָן פון יידיש־פּוילישן פייזאַזש אָדער שוין פון אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד — אין אַמעריקע.

מיר באַגעגענען זיך מיט די יונגעלייט, די שאַרפע גמרא־קעפּ־לעך, די עילויס אין די ליטוויש־פּוילישע ישיבות, וואָס זענען פון די ישיבות געלאָפן צו דער וועלט, געזוכט אַ נייע תורה, אַ נייעם תוך — אַ יסוד פאַר זייער לעבן. אָבער וואָס האָבן זיי באַקומען? די אַלטע אמונה פאַרלוירן, קיין נייע נישט געפונען. גייט מען אַרום מיט אַ נאַגנ־דיקן וואָרעם אין האַרצן, וואָס גריזשעט די נשמה מיטן גוף. די חלו־מות, די האָפענונגען זענען געבליבן הענגען אין דער לופט — און צו קיין ערגעץ נישט דערגאַנגען. איר זעט זיי אונטער צענדליקער מאַסקעס, עס ענדערט זיך דער סוזשעט. דער פּייזאַזש: אַנדערע נעמען, אָבער נישט דער תוך, וואָס איז, ביי אַלע אונטערשיידן, פאַרבליבן דער זעלבער.

דער לבוש איז דורך און דורך יידיש, אָבער דאָס טיפערע, דאָס פּראָבלעמאַטישע איז דאָך אַן אוניווערסאַלע, אַן אַלמענטשלעכע: טיפע אַנטוישונגען, אַ פּעסימיזם, אַן אומגלויבן אין דער צוקונפט, אינעם מענטש, בפרט נאָך אוישוויץ, אַ נאָמען — אַ סימבאָל, פאַר וועלכן אַ שראַנק מיט ביכער אין אַלע לשונות זוכט נאָך אַלץ אַ פּתרון. און דאָס וואָס מיר האָבן פריער ציטירט פון עוזר העשלען („פאַמיליע מושקאַט״) קומט ווידער צום אויסדרוק אין פיל אַנדערע סיפור המעשהס און לאַנדשאַפטן, אָבער ס׳איז דער זעלבער אומגלויבן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער וועלט נאָך דער היטלעריסטישער ערד־ציטערניש, לדוגמא, נעמט אַן „עקסריי״ פון סאַלאָמאָן מאַרגאַליסעס פסיכיק — איינער פון זיין לעגיאָן טיפן ביי וועמען דאָס לעבן האָט

זיך צעדריוועלט, צעטרענצלט און ער איז פול מיט פּעסימיזם וועגן דער מענטשלעכער צוקונפט.

ג

באַשעוויס ווייזט אַרויס אַ גאָר שטאַרקע נטיה צום איבערנאַטיר־לעכן, צום מעטאַפיזישן און פּאַראַ־פּסיכאָלאָגישן אין די פּראָצעסן פון לעבן. ער זאָגט עס קליפּ און קלאָר דורך זיין אַהרן גריידינגער: ווער זאָגט עס, פרעגט ער, אַז אַלץ אין דער וועלט, אָדער וואָס געשעט אין לעבן קען ווערן דערקלערט מיט ווערטער און ראַציאָנעלע מאָ־טיוון? באַשעוויס דערציילט, אַז אויף איינער פון זיינע לעקציעס האָט מען אים געשטעלט פראַגן וועגן זיין נייגונג צום איבערנאַטירלעכן, צו פּאַראַ־פּסיכאָלאָגיע, צו טעלעפּאַטיע און אַלע אַנדערע מאַניפעסטאַ־ציעס פון זיין מעטאַפיזישן גלויבן. עס איז כאַראַקטעריסטיש זיין ענטפער: — „נישט געקוקט אויף דעם וואָס איך האָב נישט קיין עווי־דענץ אויף זיי אין מיינע פּערזענלעכע דערפאַרונגען, דאָך „ווערט מיין גלויבן אין גייסטער אַלץ שטאַרקער״. כאָטש ער דערציילט (אין די אויטאָביאָגראַפישע ביכער), ווי ער באַפרייט זיך פון טאַטנס וועלט, און ווערט אַ בן־בית אין דער וועלטלעכער פילאָזאָפיע און ליטעראַטור, איז אָבער דאָך געבליבן אין אים פאַרוואָרצלט דאָס ירושהדיקע פון זיין טאַטן — „מיין גלויבן אין גייסטער״.

אין דער דערציילונג „אסתר־קריינדל די צווייטע״, האָט איר אין איין שורה באַשעוויסעס לעבנס־פילאָזאָפיע: „די וועלט איז פול מיט רעטענישן, וואָס האָבן נישט קיין באַשייד״. און דאָס זאָל זיין אויך די תשובה אויף די אַלע טענות צום הימל — צום אל מלא רחמים... דער טראַפּאַרעט איז: מיר קענען נישט משיג זיין גאָטס וועגן — און הערט אַ פאַרגלייך: די השגחה, ווי להבדיל, אַ קאָרטנשפּילער דעקט בלויז אויף די קאָרטן וואָס ער מוז אויפדעקן און „וואָס יעדער איינער האָט ווייסט בלויז גאָט״ (דאָרט).

און נאָך אַ שטריך פון באַשעוויסעס אני מאמין און פון זיין דרך החיים. ער האָט באַמערקט, אַז זיין עלטערער ברודער (י. י. זינגער) „האָט זיך געקלאָמערט אין דער האָפענונג, אַז שכל וועט זיגן. אָבער איך האָב געוווּסט, אַז דער גלויבן אין שכל איז פונקט אַזאַ עבודה־זרה, ווי גלויבן אין ליימענעם געץ״. אונדזערע עלטערן און זיידעס האָבן זיך טאַקע דעריבער אין זייער אמונה נישט סומך געווען אויפן שכל. עס איז ביי זיי געווען אמונה שבלב. אָבער די וואָס האָבן עס נישט אין האַרצן, קענען זיי דאָך נישט פירן זיך, ווי זייערע אָבות, נישט פאַר־מאָגנדיק זייער אמונה, און באַשעוויס קען זיי נישט געבן דעם וועג צוריק צו אמונה! דאָס וואָס ער ווייזט זיי ערטערווייז יאָ, איז דער גע־

פעכט צווישן גוטס און שלעכטס, אויסגעדריקט אין אונדזערע טראַדי־ציאָנעלע סימבאָלן — צווישן יצר טוב און יצר הרע. ווי אַ קינסטלער האַלט ער נישט קיין מאָראַליזירנדיקע דרשות, אָדער צו געבן אַ טענ־דענציעזע באַשרייבונג מיט אַ דירעקטער קריטיק פאַר די פּערסאָ־נאַזשן, וואָס גייען נישט אין דעם דרך הישר. אָבער אין די כאַראַקטע־ריזאַציעס זענען יאָ אַריינגעוועבט עטישע נאָרמעס אַרום די אינע־וויניקסטע מלחמות אין דער מענטשלעכער נשמה, מחמת מער ווי די דרויסנדיקע נסיונות און שטרויכלונגען, זענען דאָך די וואָס קומען פונעם מענטש גופא, פון זיין מוח און האַרץ און זיי זענען דאָך זייער אָפט, פיל שטאַרקער און געפערלעכער ווי די דרויסנדיקע. איין שלעכ־טער שריט נאָר צו רשעות, רציחה, גנבה און ציניזם — און גלייך זינקט מען איין, ווי דורך אַ מאַגנעטישן כוח, אינעם שאול תחתיה.

דאָס האָט לסוף איינגעזען דער ידישער דאָן זשואַן פון לובלין („דער קונצנמאַכער פון לובלין"), ווען ער האָט אויף זיך מקבל געווען די שטראָף פאַר זיינע פריערדיקע מעשים. יאַשאַ מאַזור, און אַזוי אויך אַנ־דערע באַשעוויסעס העלדן ראַנגלען זיך מיט זייערע אינסטינקטן („יצר הרע — בלע"ז") — און ווען זיי האָבן שוין יאָ דערזען דאָס הבל־הבלימדיקע פון זייער גאַנצער מי, נאָכן אַרומרעדן אַזוי לאַנג... אַז פון זייער גאַנצער קלוגשאַפט האָט זיך אויסגעלאָזט אַן אומזין, מחמת אַזוי פירן זיך די כוחות וואָס האָבן צו שאַפן איבער מענטשן. „זיי שפּילן זיך אַזוי לאַנג מיט אים ביז זיי שליידערן אים אַרויס ווי אַן אָפּפאַל". ערשט דעמאָלט הייבט מאַזור אָן צו שטעלן קשיות: פאַר וואָס האָט עס גראָד אים געטראָפן? איז דאָס אַ צופאַל? און וואָס איז צופאַל?

די וואָס האָבן דורכגעמאַכט די מלחמה־יאָרן אין דער גיהנום־גאַס און זענען געבליבן לעבן, קענען אויך נישט דערקלערן אַט דעם צופאַל, וואָס דווקא זיי זענען לעבן געבליבן און נישט די אַנדערע. אָבער ווען באַשעוויס שילדערט זיי נאָך דעם חורבן, שוין אין ניו־יאָרק, גיט ער אַ זאָג, אַז די מענטשן זענען דאָך קרבנות נישט נאָר פון חורבן, נאָר אויך פון זייער אייגענער פערזענלעכקייט.

איך רעד דאָ וועגן זיין בוך „שונאים, אַ ליבע־געשיכטע". מיר טרעפן דאָרט דריי הויפּט־פיגורן: הערמאַן בראָדער און די דריי פרויען מיט וועלכע זיין לעבן איז געוואָרן פאַרקניפּט און פאַרפּלאָנטערט. איינע איז אַ פּוילישע פרוי, יאַדוויגאַ, אַ דינסט געווען ביי דער פאַמיליע בראָדער אין טזשיקעוו. בעת די חורבן־יאָרן האָט זי אויסבאַהאַלטן הערמאַנען, וואָס איז אַ דאַנק איר לעבן געבליבן, און נאָכן קריג זענען זיי ביידע אַוועק קיין אַמעריקע, געלעבט ווי מאַן און ווייב. ער איז געווען זיכער, אַז זיין ידישע פרוי איז אומגעקומען, אָבער געהאַט אַ טעות. זי האָט אויך איבערגעלעבט און איז געקומען קיין אַמעריקע. זוכט זי אים אויס. די דאָזיקע צופאַלן, הגם זיי פּרעזענטירן אפשר נאָר

די אויסנאַמען אינעם געשילדערטן גאַנג פון די פּאַסירונגען, זענען דאָך, ווי עס שיינט צו זיין, דער רוב מנין אינעם לעבן פון באַשע־וויסעס פּערסאָנאַזשן. אין דער ליטעראַטור, באַטאָנט ער, זענען די אויסנאַמען, די אַלע אוניקאַלע — געזעץ. מען דאַרף זיי נאָר זעען ווי אוניקאַלע קאָמבינאַציעס פון געשעענישן, וואָס פּאַסן זיך אריין אינעם אַלגעמיינעם בילד.

אין דעם סוזשעט איז הערמאַן נאָך אַריינגעפלאָכטן מיט אַ דריטער פרוי, מאַשע, אויך אַ קרבן פון די היטלער־יאָרן. דאָס איז אַ פרוי ביי וועלכער אַלע זאַכן קומען אַרויס פאַרדרייט, טעאַטראַליש און ווילד. זי האָט לגמרי נישט קיין קאָנטראָל איבער זיך, איבער אירע אויסברוכן, האַנדלונגען, און טוט זיך אַליין אָן דורך זיי אָן אַ שיעור שאָדן. ווי אין אַנדערע באַשעוויסעס דערציילונגען, איז אויך דאָ אַריינגעמישט דער שטן וואָס אַנשטאָט צו פאַרניכטן דעם מענטש מיט אַמאָל, טוט עס אויף ראַטעס, געפינענדיק אַלע מאָל אַנדערע פאַרט־לען אים צו פּייניקן, און דאָס איז דאָך טאַקע באַשעוויסעס ליטעראַ־רישע ריכטליניע; הגם אין דער סיפור המעשה זענען אַריינגעפלאָכטן אַזעלכע אויסטערלישע, ספּעציפישע סיטואַציעס, זענען זיי דאָך, לויט אים, אין זייער גאַנצער אויסנאַמלעכקייט, אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם בילד.

אין דעם ראָמאַן איז דאָ אַ מאָמענט, ווען הערמאַן בראָדער וואַרט אויף אַ צוג און ער קוקט זיך אַרום אויפן פעראָן, זעט די מענטשן וואָס וואַרטן גלייך מיט אים און זיי זעען אויס צו זיין אין דעם זעלבן מצב־הרוח ווי ער. זייערע פּנימער דריקן אויס דורכפאַל, באַדויער און אַ שולד־געפיל. טראַכט ער: מסתמא זענען זיי אויך אָפּגעריסן פון משפחות און פון דער געזעלשאַפט. הערמאַן, ווי אַנדערע זיינע פּער־סאָנאַזשן גייען כסדר אַרום מיט זייערע אומפאַרענטפערטע שאלות און טענות. זיי זענען געפּלאָגט און געפּלעפט דורך די פּאַסירונגען אין זייער לעבן, באַגלייט מיט אַזעלכע נאָגנדיקע נאָכקלערענישן, וואָס גיבן נישט קיין מנוחה. די טראַדיציאָנעלע ענטפערס, וואָס די בעלי־אמונה האָבן, קען הערמאַנען, דעם מאָדערנעם ייד נישט באַפרידיקן, אפילו ווען ער גייט שוין יאָ אַריין אין שול דאַווענען און זאָגט זיינע תפילות, איז עס ביי אים, ווי לייוויק האָט עס אויסגעדריקט אין זיין ליד „אַ תפילה״.

הערמאַן קען נישט באַפרייען זיך פון די דערפאַרונגען וואָס ער האָט דורכגעלעבט יסורימדיק אין דער עפּאָכע, און זיינע ירושה־געגנען געדענקען דאָך אויך פון אַנדערע עפּאָכעס אין דער יידישער געשיכטע. נישט אין די אַלטע הייליקע ספרים און נישט אין די היינטיקע מאָדערנע ביכער געפינט ער אַן ענטפער אויף דעם „פאַרוואָס״?.. אָפּגעריסן פיזיש און פּסיכיש פון אַלץ וואָס האָט אַמאָל פאַרגעשטעלט

מיט זיך לעבן, פאַמיליע, קינדער... לעבט ער אין אַן עולם התוהו, מיט אַנדערע אַזעלכע נע־ונד נשמות, אויסגעוואָרצלטע, וואָס זוכן צו פאַר־טומלען דעם אינעווייניקסטן וואָרעם.

צייכנט באַשעוויס אין זיינע דערציילונגען די נע־ונדניקעס פאַר וועלכע ידישקייט איז געוואָרן אַ טיף טראַגישער ענין. אַ פעקל שווער צו טראָגן אויף די פּלייצעס, אָבער נאָך שווערער איז אַראָפּצוּוואַרפן דאָס פעקל, וואָס פייניקט פון אינעווייניק. יאָ, אַמאָל האָט דאָס לעבן טאַקע געהאַט אַ טעם — אַ ידישן טעם! זענען דאָך אָבער זייערע לעבנס דורך דעם גרויסן קאַטאַקליזם געוואָרן — „אָפּגעריסן פון שטאַם״. און קיין שום כוח קען דיך מער נישט צובינדן צו דעם צווייג, פון וואַנען ביסט אַראָפּגעפאַלן („דאָס פייגעלע״). יאָ, עס זענען אָפּגעפאַלן די אי־לוזיעס פון לעבן, אין וועלכע דער מענטש האָט געשפּילט זיך...

(„די שענסטע שפּיל״).

און די וואָס פאַרבינדן חלום מיט וואָר זענען דאָך טייל־גואַל די טרייב־קראַפט פון אַזוי פיל אומראַציאָנעלע האַנדלונגען. דאָס קענטיקט זיך אין די דערציילונגען, ביי אַ סך פון זיינע טיפּן, און אויך ביי הערמאַן בראָדער, וועלכער איז פּראַגמענטאַריש גענומען דעם מחברס אַ ליטערארישע מאַסקע; אַ בן־בית אין די ידישע ספרים, ער שרייבט און איז אַנטוישט אין מענטשן, אין אידעאַלן, מעדיטירט וועגן קולטור און יושר (מ'שטיינס געזאָגט) אין דער היינטיקער וועלט: „פּראָפעסאָרן האַלטן אין איין שרייבן ביכער וועגן דער אידע־אָלאָגיע פון מאָרד, די פילאָזאָפיע פון פאַרגוואַלדיקן, די פסיכאָלאָגיע פון פייניקן, פון טעראָר, און די דערפינדערס שאַפן נייע טויט־מכשירים״. עס זענען נישט מקוים געוואָרן די דערוואַרטעטע ענדע־רונגען, וועגן וועלכע הערמאַן האָט געהאָפט דאָרטן, ווען ער איז געלעגן אויסבאַהאַלטן אין אַ סטויג היי.

אגב, איז ער נישט נאָר אין זיינע מעדיטאַציעס אַ מאַסקע פון מחבר. ער איז אויך אַ וועגעטאַריער. ווען מען האָט געפרעגט באַשע־וויסן (וואָס היט שוין אָפּ זיין וועגעטאַרישקייט בערך אַ פופצן יאָר), צי ער טוט עס צוליב זיין געזונט? האָט ער געענטפערט, צוליב דעם געזונט פון די הינער. און ער לאָזט פאַלן זיינע שאַרפע ווערטער (אין „שונאים, אַ ליבע־געשיכטע״) וועגן די פליייש־עסערס. אָבער דאָס באַמערק איך נאָר אגב אורחא. איך מיין אָבער, אַז די שאַרפע ווער־טער וואָס ער לייגט אַריין אין הערמאַנס מויל, אַז דאָס וואָס די נאַציס האָבן געטאָן צו די ידדן טוט דער מענטש צו אַנדערע בעלי־חיים אַזאַ פאַרגלייך וועלן די פליייש־עסערס זיכער נישט לייכט אַראָפּשלינגען!... איך וועל דאָ אָבער שטעלן אַ פּונקט.

באַשעוויס האָט דאָס עקסצענטרישע פון מענטשלעכן אויפפיר אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון אַ סך סוזשעטן. עס איז טאַקע אמת,

אַז מענטשן לעבן נישט תמיד לויטן שכל הישר. זיי האַנדלען אָפּט אימפּולסיוו. אָבער באַשעוויס האָט דאָך געשטעלט דעם טראָפּ נאָר אויף דאָס אומגלויבלעכע, אויף דאָס אומנאַטירלעכע! יאָ, ער באַמערקט ערגעץ, אַז דאָס אומגלייבלעכע איז היינט שוין צופיל באַגלייבט און די מעלאָדראַמע איז שוין געוואָרן אונדזער טעגלעכע דיעטע. דאָך איז דער איינדרוק, אַז זיינע עקסצענטרישע טיפּן, וועלכע ער האָט פאַרוועבט אינעם סיפּור המעשה, זענען נאָר בכדי שטאַרקער צו פאַר־אינטריגירן דעם לייענער, אָבער באַשעוויס גופא האַלט און ער אַק־צענטירט עס, אַז דורך דעם אויסנאַמלעכן פּרט, וועט מען בולטער דער־זען דעם כלל, מחמת אין דעם עקסצענטרישסטן יחיד איז אויך פאַראַן אַ ניצוץ פון דער כלל־מענטאַליטעט.

אין אַלגעמיין גענומען קען זיין ליטעראַרישער דרך כאַראַקטע־ריזירט ווערן אויף אַן אופן פון נעמען אַ דילעמע פון מענטשלעכן אויפפיר, דורכלאָזן עס דורך זיין בעלעטריסטישן פילטער און איבער־לאָזן פאַרן לייענער צו מאַכן דעם אויספיר און דעם נאָכטראַכט.

ה

פון וואַנען נעמט באַשעוויס זיין רוישטאָף? דוכט זיך, אַז אַ רע פּאָרטער האָט אים אויך געשטעלט די זעלבע פראַגע. אין זיינע ביאָ־גראַפישע שריפטן באַמערקט ער: „איך נעם פון אַלעמען, ווי אַ פייַ־געלע וואָס בויט זיך אויף אַ נעסט". זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז באַשע־וויס האָט אַ סך געשריבן וועגן דער פויגל־וועלט. ער האָט זייער שיינע דערציילונגען אין וועלכע אַ פויגל פאַרנעמט אַ צענטראַלן אָרט. אין די שילדערונגען קענטיקט זיך דער פאָרשער און אָבסערוואַטאָר פון זייערע פירונגען אין וועלכע ער איז ארייגעדרונגען מיט זיין שאַרפער באַאָבאַכטונגס־קראַפט. ווען ער באַשרייבט אַ פּאַראַקיט, אַ פּאַפּוגיי, דערקענט מען די בקיאות זיינע אין דער פויגלשער וועלט, וועלכע ער באַגלייט מיט אַ פילאָזאָפישן אויסבליק און קאָסמישן וועלט באַנעם.

וועלן מיר זיך אַ ווייל אָפּשטעלן אויף זיין דערציילונג „דאָס פייגעלע".

אַ פּאַראַקיט, אַ קאָלירט פייגעלע איז אַריינגעפאַלן אין זיין פענצ־טער, פאַרבלאָנדזשעט פון ערגעץ אין זיין וווינונג. הייבט ער אָן טראַכטן: פאַר וואָס עפּעס צו מיר? דער פּאַראַקיט גיט אים צו פאַר־שטיין, אויף זיין לשון, אַז ס'קען טרעפן מיט יעדן איינעם צו פאַר־בלאָנדזשען. איז דאָך אָבער באַשעוויס אַ מחותן מיט די שדים, לאַנ־טיכער, שרעטעלעך און אַנדערע לאַפּיטוטן פון דער ידישער דעמאָ־נאָלאָגיע איז אפשר דער פּאַראַקיט אַ גילגול פון זיינס אַ נאָענטן?

גייט דאָ אָוועק אַ גאַנג, לויט זיין שטייגער, וועגן ענינים פון אמונה און השגחה פּרטית און פאַר אַ גוטער מאָס אויך פון גאַנצן

באַשאַף, אויסרעכענענדיק דערביי אַלע גלידער און טיילן פון אַ פיי־געלע אין וועלכע די נאַטור האָט אַריינגעלייגט „אַ מאַקסימום אין אַ מינימום". איז ווי זאָל ער דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט אָן מעדיטירן וועגן דעם גאַנג פון דער עוואָלוציע ביז עס איז דערגאַנגען אַזש צו דעם פּאַראַקיט? אויב ער האָט זיך שוין מטריח געווען צו קומען צו אים צו גאַסט פּאַסט דאָך גאָר נישט ער זאָל אים ווי אַזאַ נישט באַהאַנדלען?

לסוף גיט זיך באַשעוויס אַזאַ זאָג: „אַזוי ווי איך האָב נישט געגנוג רייד צו שילדערן זיין אויסזען, אַזוי פעלט מיר לשון איבער־צוגעבן זיין קאָנצערט". און „נישט האָבנדיק לשון" גיט ער אַ שילדער אָפּ וואָס דאָס פייגעלע האָט אַלץ געטאָן, און מיט אַמאָל: געטרעלט, געפּייפט, זיך געציקלט, געצוויטשערט, געשפּילט, אַרויסגעלאָזט טענער, בייטענער געזונגען „ווי עס פּאַסט פאַר אַ משורר פון גאָטס גענאָד. אָן האָנאָראַר, אָן אַ פּובליקום, פאַר זיך אַליין און אויס דעם באַגער אָפּצוגעבן אַ לויב פאַר דעם פּריש באַגינען".

זעט איר די עשירות פון באַשעוויסעס שרייב־נוסח און איך וועל נאָך אויך צוקומען צו זיין קערנדיקן פּראָזע־סטיל אַ ביסל שפּעטער. די דערציילונג ענדיקט זיך, ווי עס קומט אַריין צו אים אַ פרוי, פון די לאַגערן, אָפּצונעמען דאָס פייגעלע וואָס האָט דאָ פאַרבלאָנדזשעט. „די נאָך־היטלער־וועלט און די פייגלשע וועלט האָבן זיך אויף אָן אויגנבליק באַגעגנט אין צימער". און אַ צוגאָב: דאָס פייגעלע איז געווען אַ שליח אויסצופירן אַ שליחות.

באַשעוויס איז אַ מייסטער ביים קאָנסטרואירן דעם קלימאַט פון אַ דערציילונג. דורך זיין שפּראַך־מאַלעריי, אין גוט־צוגעקליבענע פאַרבן און ניואַנסן, שאַפט ער די אַטמאָספער און די כאַראַקטעריזאַציע. ער שאַפט אפילו זיינע אייגענע קינסטלערישע מאָסן דורך דעם אינ־טימען איך, וואָס איז דער געוויינטלעכער דערצייל־נוסח ביי אים. די מענטשן וועלכע ער שילדערט האָבן זייער אייגענע אינדיווידועלע פאַרב אין די זיגזאַגן פון זייערע משונהדיקע פּירונגען, טייל מאָל אין אָן איבערשפּרונג, מאָמענטאַל, פון איין עקסטרעם צו אַ צווייטן. דערציילט ער דאָך אין „מיין טאַטנס בית־דין שטוב" ווי ער פלעגט זען וואָס פאַראַ קליינע טריט עס איז ביי די מענטשן צווישן קלעפּ און קושן זיך, אָדער צווישן וווּלגאַריטעט און איידלקייט. האָט ער דאָס טאַקע אין זיין שאַפן אויך.

ווען ער שילדערט זיינע יידן זעט מען נישט זייערע פּנימער אויבנאויפיק. ער ווייזט וואָס עס טוט זיך אונטער דער הויט, אין לאַ־בירינט פון דער נשמה, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שלאַכטפעלד צווישן גוטס און שלעכטס, יידישלעך גערעדט: צווישן יצר טוב און יצר הרע. אין „די טראַטוועס" מיט דעם הויפּט־העלד ר' אביגדור,

אַ ייד, אַ גרויסער עושר, וואָס האָט שוין געהאַלטן צו פאַרלירן זיין גאַנץ פאַרמעגן, טאַקע ארויסגיין נאַקעט און באָרוועס צוליב דעם ים־שטורעם אין וועלכן עס האָבן זיך פונקט געפונען זיינע טראַנס־ווערט. איז דאָס נאָך ווייניק, ווערט ער נאָך שוידערלעך צעממיתט דורך אַ באַנדע רוצחים, ממש א נוטה למות. אָבער פאַר יציאת נשמה הייבט זיך אָן ביי אים דער אינעווייניקסטער געפעכט צווישן יצר טוב און יצר הרע.

דער יצר טוב רעדט צו אים: די דאָזיקע וועלט איז דאָך נאָר אַ פּרוזדור, אַ קאָרידאָר און וואָס מען גרייט נישט אין קאָרידאָר קען מען שפּעטער נישט געניסן אין פּאַלאַץ. האָסט זיך אָנגעגעסן מיט געענוג הינער און ענדיקעס. געטרונקען גענוג וויין און מעד. האָסט שוין אַ גענוג פּעטן בויך פאַר די ווערעם... וועסט ווערן געזונט. וואַרף אַוועק די עולם־הזהדיקייט. לערן תורה...

דער יצר הרע האָט ווידער אריינגעטענהט אין אים דאָס פאַר־קערטע: האָסט אַ גאַנץ לעבן געדאַוונט, געלערנט, צדקה געגעבן און זע ווי מען צאָלט דיר אָפּ אין הימל! זעסט דאָך, די וועלט איז אַ מקרא. וואָס מ׳כאַפּט נישט אַריין פריער דאָ איז דערנאָך צו שפּעט. לאָז דעריבער זיך ווילגיין און לעב אַ גוטן טאָג ווי נאָר דו וועסט זיך צוריקשטעלן אויף די פיס.

אָט דער געפעכט געשטאַלטיקט אין אַ יידישער טראַדיציאָנעלער טערמינאָלאָגיע, גייט דאָך אָן סוזשעטיש אין זיינע דערציילונגען, וואָס שילדערן דעם אינעווייניקסטן קאָנפליקט צווישן דעם מענטשנס עטישע עלעמענטן און זיינע אינסטינקטן. און די באַווירקונגען פון די אינסטינקטן (אינעם גאַנג פון מענטשלעכן לעבן) זענען געקרוינט ביי אים מיט אַלע נעמען פון דער יידישער דעמאָנאָלאָגיע. דער אויספיר איז: די מענטשן זענען לויט זייער מהות נישט געטיילט אויף שוואַרץ און ווייס. די ווענט צווישן אויבן און אונטן אינעם מענטשלעכן איך זענען ווייט נישט אַזעלכע דיקע ווי מען מיינט. דעריבער: דער לייכטער איבערשפּרונג פון אויבערוועלט צום אונטערוועלט. עס איז אַ דין ווענטל נאָר צווישן דעם ריכטער, דעם אַדוואָקאַט, און דעם מערדער

זיי לייענען די זעלבע ביכער און ווילן אַלע די זעלבע זאַך: דאָס ביסעלע פאַרגעניגן איידער מען גייט אַוועק...

עס איז אָבער דאָך פאַרט דאָ אַן אונטערשייד צווישן זיי: מיט וואָס פאַר אַ מיטלען צו דערגרייכן דאָס ביסעלע פאַרגעניגן?

ז

„דער קנעכט" איז אַן אייגנאַרטיק בוך, אַ יחיד במינו טעמאַטיש, סוזשעטיש און פּאַלקלאָריסטיש. עס איז אַ ווערק אויף צוויי פּלאַנען, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער עפּאָכע פון כמעלניצקיס פּאָגראָמען און

דעם מצב פון די לעבנגעבליבענע ביים רעסטאַווירן די חרוב־געוואָרענע יידישע קהילות; איינציטיק, דאָס לעבן פון די פוילישע פויערים, זייער שטייגערישקייט, פאָלקלאָר און מנהגים צו יענער צייט.

אויפן פאָן פון די געשעענישן — די ליבע פון אַ פרומען ייד — וועלכן די היידאַמאַקעס האָבן פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט צו אַ פויער אין אַ דאָרף — מיט זיין טאָכטער. עס איז געשילדערט אין אַ לירישן רעאַליזם, מיט אַ צאַרטקייט און דינקייט, וואָס מאַכט דעם סוזשעט אוניקאַל אין באַשעוויסעס שאַפן.

די דעסקריפּציעס פון דעם יידס פּלאָגן און יסורים זענען באַהויכט מיט אַזאַ ליריזם פון די פּלאָגן, וואָס איז אפשר שאַרפער ווי די יסורים גופא. דער לייענער ווערט נישט קיין פּאַסיווער צושויער, מחמת ער ווערט אַזוי אריינגעצויגן אין דעם יחידישן גורל־קרייז פון דעם קנעכט יעקב מיט דער טאָכטער פון אַנדער פאָלק — אַ נייע הערלעכע אויפלאַגע פון דער ביבלישער רות.

באַשעוויס נוצט אויס דעם נאָמען יעקב דורכצופירן פאַרגלייכונגען צווישן דעם ביבלישן און זיין העלד, וועלכן די הימלישע כוחות האָבן אויסגעריסן מיטן וואָרצל בעת כמעלניצקיס הוראַגאַן, ווען ס'האָט געהערשט אין הימל דער גייסט פון מידת הדין. דער מחבר פרעגט דורכן מויל פון זיין יעקב די צייטלאָזע אומפאַרענטפערטע האַרבע שאלה, וואָס איז אין פאַרשידענע וואַריאַציעס אויך געפרעגט געוואָרן דורך די פרומע יידן אין דער היטלעריסטישער צייט: קען נישט דער באַשעפער אַנטפּלעקן זיינע מידות הדין אָן די היידאַמאַקעס?...

און דעמאָלט (ווי היינט), נאָך דעם ווי גאָטס גרימצאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין פאָלק, איז ווי נאָר יידן האָבן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט מען אויפסנייַ זיך אומגעקערט צו יידישקייט, ווי דען האָט מען געזאָלט טאָן, באַמערקט דער מחבר, אַנגעמען די אמונה פון מערדער?...

די קשיות וואָס עס פרעגן באַשעוויסעס יידן, האָבן מיר שוין פיל מאָל דערמאָנט פריער און וועלן דעריבער זיך אויף זיי מער נישט אָפּשטעלן, זיי חזרן זיך איבער (צופיל) אין אַ סך דערציילונגען, הגם זיי פאַסן זיך גוט אַריין אין דער ראַם פון דער געגעבענער נאַראַציע.

די ווערטן פון אַזאַ בוך ווי „דער קנעכט" ליגן אויך אויף גאָר אַן אַנדער פלאַך. אַ גרויסער טייל פונעם ווערק פאַרשפּיגלט דעם קאָנטראַסט צווישן די צוויי שכנותדיקע און דאָך אַזעלכע ווייטע צווישן זיך וועלטן: די יידישע און די פוילישע, וואָס איז דאָך דעמאָלט געווען, אין רוב מגין — אַ דאָרפישע, אַן אַלפאַבעטישע, אַן אָפּגעשטאַנענע ביז גאָר גייסטיק, קולטורעל — וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט צווישן דעם ייד יעקב און זיין באַלעבאָס יאַן באַזשיק!

אמת, אַזעלכע למדנים, ווי יעקב איז זענען אויך ביי יידן דעמאָלט

נישט געווען אין קיין גרויסע צאָלן, אָבער ביי די נישט־יידישע שכנים זענען דאָך קיין קליינע צאָלן אויך נישט געווען!

ווען עס קומט אָבער צו אָבערגלויבנס איז שוין נישטאָ אַזאַ מחיצה. דער גלויבן ביים פאָלק אין שדים, ווילקאָלאַקן און אַנדערע לאַפּיטוטן, וואַנדערט אַריבער פריי צווישן יידן און זייערע נישט־יידי־שע שכנים, די לעצטע גיבן נאָך צו צום פאָלקלאָר־קאָלאָריט די וואַלד־ווייבער מיט זייערע „הינטערליסטיקייטן" און נאָך אַנדערע דעמאָנישע געשטאַלטן, וואָס זענען שוין נישט אַריין אינעם רעקוויזיט פון יידישן פאָלקלאָר, אָבער באַקאַנט פונעם פוילישן פאָלקלאָר־פייזאַזש.

באַשעוויס פאַרמינערט נישט די יידישע קרומקייטן. ווייט נישט אַלע יידן זענען אַמאָל געווען (און זענען היינט) צדיקים. יעקב האָט זיי געטראָפן אין בית־המדרש — די בעלי־גאווה, די חונפים, די שווינדלערס. נאָר זייענדיק פונדערווייטנס מיט זיי „האָט ער געקענט ליב האָבן יידן מיט דער גאַנצער ליבשאַפט, פאַרגעסן די פניות, ליגנס, הינטערוועגעלעך".

גראָד צווישן פּראָסטן פאָלק, די אומגעלערנטע, וואָס האָבן אפילו נישט געקענט אליין דאַווענען האָט ער געטראָפן די לאַמעדוואָווניקעס, די עכטע צדיקים, ווי די יידענע מיטן לאַמען פוס. פון אירע אויגן, געשוואָלענע, האָט דאָך אַרויסגעקוקט אַזאַ תמימות, אַזאַ איידלקייט, אַ ווילן צו טון גוטס. און „זי איז פאַר יעקב געווען אַ צייכן, אַז ס'זענען פאַראַן העכערע נשמות, און די מידה פון חסד, פון בעסערע וועלטן".

דער מחבר שילדערט זיין הויפּט־העלד מיט אַלע זיינע שטאַר־קייטן און שוואַכקייטן. ער איז ערדיש, מאַכט דורך דראַמאַטישע גע־ראַנגלענישן אין זיך און אויסער זיך. דורך אים לאָזט באַשעוויס זיינע טענות צו דער פרומער יידישער וועלט (ער טוט עס אין פאַר־שידענע וואַריאַנטן אויך דורך אַנדערע פּערסאָנאַזשן) וואָס האָט טריף געמאַכט די וועלט פאַר די יידן, פון זיין טאַטנס שניט. ער שרייבט: „... פון יעדן דין אין דער תורה איז געוואָרן אַ טוץ אין דער משנה, אַ שאָק אין דער גמרא, אַ ים — ביי די שפּעטערדיקע פּוסקים, יעדער דור — צוגעגעבן חומרות, נייע איסורים, נייע טרפות — — — אָבער וואָס איז די קונץ פון טריף מאַכן אַ וועלט?" (ז' 414). זיין יעקב זעט זייער גוט די יידן, די פרומע, וואָס היטן בלויז אַ האַלבע תורה — די דינים שבין אדם למקום, אָבער נישט די פון בין אדם לחברו, ווייזט אויס „אַז נישט עסן חזיר איז גרינגער ווי צוימען דאָס מויל...". כאָטש די אַלע מוסר־ספרים האָבן געגעבן עצות קעגן יצר־הרע, „אָבער דער בעל־דבר האָט יעדן איינעם איבערגעקלוגט". און צום למדן האָט ער געשאָטן מיט לומדות.

פאַרשטייט זיך, אַז באַשעוויס איז דאָ נישט קיין קטיגור. ער באַ־מערקט נאָר, אַז אונטער די קליידער זענען מיר אַלע פליש און בלוט...

דעריבער איז הינטערן דין דאָ דער חסד („אָן חסד וואָלט נישט געקענט זיין קיין דין"). און ידן האָבן דאָך מיט אַלע זייערע זינד, זיך דאָך אויסגעטיילט (אמאָל), וואָס ביי זיי איז נישט געווען רציחה, זנות, מיט וועלכע די שכנים אונדזערע האָבן אין כמעלניצקיס און אין שפּעטער־דיקע צייטן „אַרויסגעגלאַנצט" אַזוי גאָר שטאַרק... דעריבער האָט יעקב, וואָס האָט „מיט אַ וויַיל צוריק געקענט זיין אין כעס אויף ידן, איצט האָט אים איבערגענומען דאָס רחמנות. אַ פאַרפּייניקט פאָלק, אַ פאָלק וואָס גאָט האָט אויסדערווײלט אויסצוגיסן אויף אים אַלע פּלאָגן פון דער תוכחה..."

באַשעוויס איז אויך אַ מייסטער צו שאַפן קאָנדענסירטע כאַראַק־טעריזאַציעס פון זיינע טיפּן און פּערסאָנאַזשן, און נישט נאָר ידישע. די כאַראַקטעריזאַציע פון דעם פּריץ פּיליצקי און פון זיין פרוי; די קורץ־שורהדיקע באַשרייבונג פון אַ פּריציש הויז, און דער קאָנטראַסט צו אַ דאָרפישער כאַטע; אָדער זיין שילדערונג פון די ידישע פּרנסות אין יענער עפּאָכע, וואָס איז אַזוי בצימצומדיק, אַז ס'איז כדאי צו ציטירן: „...ידן האָבן געצאַפּט טערפּענטין פון די ביימער, געפירט געהילץ מיט דער ווייסל קיין דאַנציג, געברויעט בראָנפן, ביר. גע־מאַכט מעד פון האָניק, געוועבט געצייג, געגאַרבט פעלן, אפילו גע־האַנדלט מיט מעטאַלן, וואָס מ'גראָבט אויס פון דער ערד.

„ווי וויל די מאָסקוויטן האָבן געשליפן די שווערדן קעגן פּוילן און דער קאָזאַק פון סטעפּ איז אָנגעפאַלן ביי יעדער געלעגנהייט, האָבן זיי פונדעסטוועגן צווישן איין איבערפאַל און דעם אַנדערן גע־קויפט פּוילישע אויסאַרבעטונגען. ידישן סוחרים האָבן געגעבן קרע־דיט, געפירט געשעפט מיט דעם רוס און דעם פּרייס, מיט בעמען און אפילו מיט דעם וויטן איטאַליע. ידן האָבן געהאַט בענק אין דאַנציג, לייפּציג, קראָקע, וואַרשע, פּראָג, פּאַדואַ, ווענעדיק. ידישע באַנקירן האָבן נישט פאַרריסן די קעפּ און נישט געהאַט קיין איבעריקע הוצאות. דער ידישער באַנקיר האָט געהאַלטן זיין קאַפּיטאַל אין אַ טאָרבע הינטערן טלית־קטן. ער איז געזעצן אין בית־המדרש און געקנעלט, אָבער ווען ער האָט עמעצן געגעבן אַ בריוו מיט אַ חתימה, האָט מען דערויף געקענט קריגן געלט אין פּאַריז און אין אַמסטערדאַם. (ז' 278).

מיר איז אַמבעסטן דאָ געפעלן זיין פאַרצייכענונג פון יענע פאַר־צייטישע ידישע באַנקירן, פון וועלכע עס זענען אַרויסגעוואַקסן די שפּעטערדיקע ראָטשילדס.

ז

אין באַשעוויסעס שאַפונגען איז תמיד פאַראַן מער ווי אַ גע־ווינטלעכער באַריר מיט סורעאַליזם, אַמשטאַרקסטן אָבער אין „דער

קנעכט". די נאַראַציעס פון דער גסיסה ביי יעקבס פרוי, וואַנדאַ־שרה און שפּעטער פון יעקבן גופא, געהערן צו די אימפּרעסיוויסטע פון באַשעוויסעס טאַלאַנטפולער פּען: „זי איז געלעגן אין אַ פאַרטוענקייט... ס'האָט אויסגעוויזן יעקבן, אַז דאָרט אַהין ווו זי גייט איצט, קאָן מען אויך נישט אָנקומען גרינג. זי האָט זיך מיט עפּעס געראַנגלט. זי האָט זיך מיט עמעצן געאַמפּערט... פון מאָל צו מאָל האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן זיפץ. די כוחות וואָס לאָזן נישט באַקומען דאָ דאָס לעבן, האָבן אויך נישט געלאָזט שטאַרבן... פון די פאַרגלייזטע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ געבעט. ס'האָט זיך געדוכט, אַז זיי זאָגן: נו, כ'קאָן נישט מער... כ'בין מיד, מיד, מיד... לאָזט מיך שוין געמאַך..."

און נאָך איר אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם: „דאָס געראַנגל האָט אויפגעהערט און די געשוואָלענע און צעהאַקטע ליפּן האָבן איצט ווי שטומערהייט געזאָגט: נו, שוין אַלץ איבערגעקומען... דאָס איז נישט געווען מער די קראַנקע, די געיאָגטע און געפּייניקטע שרה, וואָס האָט זיך געהאַט איינגעריסן מיט יידן, מיט גויים, פאַרלוירן די היים, די שפּראַך, נאָר אַ מת טהור, וואָס איז אַלעמען מוחל, וואָס קיינער קען מער נישט טאָן קיין שלעכטס, נישט קיין גוטס" (ז"ז 234, 235).

די ציטירטע סורראַליסטישע שילדערונג רופט זיך נאָך דעם איבער מיט זיין באַשרייבונג פון יעקבס גסיסה, ווו ער זעט פאַר זיך געשטאַלטן „געקומענע צו אים, וואָס זענען שוין נישט געווען קיין היגע... ס'איז ווידער אַ וויכוח צווישן אים מיט די איבערנאַטירלעכע צדדים, אָן אַמפּערניש, אָבער שוין אָן שנאה, נאָר מיט ליבשאַפט. יעדער צד איז געווען אויף זיין שטייגער גערעכט... דאָס פּלעמל פון לעבן האָט געדאַנקט און יענע פון דער אַנדערער זייט האָבן שוין געוואַרט אויף יעקבן... זיי האָבן אריבערגערופן צו אים פון דעם לאַנד, ווו זיי האָבן זיך געפונען"... אָבער ווי לאַנג ער האָט נאָך געלעבט „איז נאָך אַלץ געבליבן אַ צווישנשייד" (ז' 299).

און נישט נאָר ביים טויט, אויך ביים געבורט פון זייער קינד איז פאַראַן אָט דער סורראַליסטישער אָטעם. ביי די חבלי לידה, ווי דאָס קינד ליידט באשר פאַר אַנדערע, פאַר די פריערדיקע און די קומענדיקע דורות. ער קומט אויך מיט חשבונות „פון אַ פריערדיקן גורל" (אגב האָבן די חז"ל געגעבן אַן ענלעכן סימבאָלישן אויסטייטש פאַרוואָס אַ קינד ווערט געבוירן מיט פאַרמאַכטע הענט).

געוויסע שורות אין די שילדערונגען (פון דער פרויס טויט) האָבן אַ באַזונדערן עכאָ ביי די לייענערס, וואָס האָבן אַליין פאַרלוירן די טייערסטע, און די ווונד איז נאָך פאַרבליבן פריש... („אוי ווי מיר ווייסן נישט צו שוינען יענע וואָס מיר האָבן ליב. מיר דערוויסן זיך ערשט דעמאָלט ווען ס'איז שוין צו שפּעט...").

איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל באַמערקט וועגן די פּילצאַליקע

איבערחזרונגען זיינע, וואָס מ'טרעפט אין זיינע ביכער, בפרט וועגן די אייביקע פראַגן, וואָס זיינע פּערסאָנאַזשן שטעלן. דערציילט באַשעוויס, אַז אים האָבן די שאלות קיין מאָל נישט צורו געלאָזט. אפנים, אַז ער האָט אויך דורך זיי נישט געוואָלט צורו לאָזן זיינע לייענערס... אויך ספּינאָזאַ ווערט זייער אָפט דערמאָנט.

איך וויל נאָך זיך אָפּשטעלן אויף זיין לעצטן ווערק, וואָס הייסט אין ענגליש „שאָשע", אָבער ווען עס איז געוואָרן געדרוקט אין „פאָר־ווערטס" (1974) האָט עס געהייסן „נשמה־עקספּעדיציעס".

ווי אין זיינע פריערדיקע ווערק האָבן מיר ווידער דאָ דעם מחברס ליטעראַרישע מאַסקעס, אָבער נאָך מער בולטערע, אין די געשטאַלטן, אהרן גריידינגער און דר. פייטעלזאָן (אַן אויסטערלישער נאָמען). זיי ביידע און די קליינע שאָשע געהערן צו די הויפּט־פיגורן פונעם אינ־טערעסאַנטן ווערק און זיי ווערן באַגלייט פון פּראָפיל־געשילדערטע געשטאַלטן (און אויך פון איבערחזרונגען). עס שווימט ווידער אַרויס דער נאָמען ספּינאָזאַ, אונטער וועמענס איינפלוס דער מחבר האָט, אַפּנים, זיך אַזוי לאַנג געפונען אין זיינע פאָרמירנדיקע יאָרן. דערריי־בער רעדט ער אַזש וועגן אים אויך מיט שאָשען — ביידע זענען נאָך קינדער! היות אַ לייכטער הומאָר איז אָפט דאָ לעבן זיין פּען, פרעגט אים שאָשעלע (ווען ער, אַהרעלע, האָט איר דערציילט, אַז אַלץ איז אַ טייל פון גאָט, לויט ספּינאָזאַן), צי דעם שכנס יינגעלע, לייבעלע, איז אויך גאָט?...

„שאָשע" איז שוין זיין אַכטער ראָמאַן און איז אַ נייער וואַריאַנט אויף אַ טעמע שוין דורך אים באַהאַנדלט פריער. אָבער באַשעוויס האָט דאָך דורך דער טעמאַטיק טאַקע זיך דערוואָרבן זיין וועלט־נאָמען און די נאָבעל־פּרעמיע.

אהרן גריידינגער האָט אַן ענלעכע ביאָגראַפיע ווי זיין מחבר. ער ווערט געשילדערט אויפן פאָן פון וואַרשע, אויפן שוועל פון הײנטיקן יאָרהונדערט. ער באַפרייט זיך בעת זיין יוגנט פון זיין רבנישן טאַטן, פאַרטיפט זיך אין דער וועלטלעכער פילאָזאָפיע, ליטעראַטור, ווערט אַ שרייבער, דערוויל אין די יידישע בלעטער, ווו ער פאַרדינט נאָר וואַסער אויף קאַשע.

באַשעוויס האָט אַפּנים ליב אָנצוהייבן מיט אַ הומאָריסטיש־סאַטירישן זאָג. הייבט אָן זיין נאַראַטאָר דאָס בוך בזה הלשון: „איך בין אויפגע־בראַכט געוואָרן אויף דריי טויטע לשונות — אַראַמיש, העברעיש, יידיש, וואָס אַ טייל זאָגט דאָך, אַז יידיש איז אפילו קיין שפּראַך נישט געווען! — דערצויגן אויף אַ קולטור, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין בבל: דער תלמוד".

אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַקציע ווערט פון אַהרעלען — אהרן, ר'איז אַ קאָרעקטאָר אין אַ יידישן זשורנאַל (וועגן דעם

אַרויסגעבער פון דעם זשורנאַל האָט ער אויך אַן אַנדער דערציילונג וועגן זיין ערשטן ליטעראַרישן פּעריאָד, אין וואַרשע, אָבער אויף גאָר אַן אַנדער טעמע).

ער שילדערט בילדלעך פון וואַרשע, ווען מען פלעגט נאָך פאָרן אין דראָזשקעס. מיר טרעפן זיך מיט דער קראָכמאַלנע גאַס און אירע טיפן, קערנדיק און בילדלעך באַשריבן אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע ביכער, וועגן זיין קינדהייט און קינדהייטלאַנד.

וואָס עס טיילט אָבער יאָ אויס דאָס לעצטע ווערק איז די צאַרטע קינדער־ליבע צווישן אַרעלען און שאָשען, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ לי־רישקייט, באַגלייט מיט אַ מין מיסטישער פאַרבינדנקייט און לאָיאַלקייט צווישן זיי. אַהרעלע וואַקסט אויס, בעת זי פאַרבלייבט אָפּגעשטאַנען, אַ נישט אַנטוויקלטע, דערפאַר אָבער מיט אַזאַ וואַרעמער נשמה, וואָס מען באַגעגנט אָפט אין לעבן ביי די נישט אַנטוויקלטע, מיט זייער עכטער תמימות און רירנדיקער פשטות.

דערמיט דאַרף זיך ראַציאָנעל דערקלערן וואָס אהרן, א יונגער־מאַן, וואָס שניידט זיך אויף אַ שרייבער ביי יידן, גייט לסוף חתונה האָבן מיט דער אָפּגעשטאַנענער שאָשע — זיין האַרצליבע פון קינדער־לאַנד.

אויף דער אַקציע־סצענע איז אויך דאָ אַן אַמעריקאַנער יידישע אַקטריסע, בעטי סלאָנים. געקומען קיין וואַרשע צו ווערן אַ סטאַר אויף דער יידישער בינע, איז זי גאָר נאָענט מיט אַהרן גריידינגער, ווייל אים אריבערנעמען קיין אמעריקע (ווי איר מאַן), זי זאָגט אים צו דאָרט גאָלדענע גליקן פון ירשענען די עשירות פון איר אימפּרע־סאַריאָ, ווי נאָר ער וועט צומאַכן אַן אויג...

פאַר וואָס ער וואַרפט אָפּ די טאַלאַנטירטע שיינע ליידנשאַפטלעכע פרוי און האָט חתונה מיט דער אָפּגעשטאַנענער ליליפּוט־מיידל (שאָשע), און פאַראורטיילט זיך צו אָרעמקייט? — דאָס געהערט צו די שאלות אין זיינע ביכער, וואָס פאַרבלייבן אַמווינציקסטן פאַרענט־פערט. לאָזנדיק אין אַ זייט דעם טראַפאַרעט, אַז נישט אַלץ קען מען לאָגיש דערקלערן, קען מען נאָר אפשר אַ פתרון פאַר דער רעטעניש געפינען אין דעם, וואָס דער אהרן האָט דורך דער צייט אַ סך אַרומ־געוואַנדערט מיט פרויען און איינגעזען, ווי ווייט מען קען זיי נישט געטרויען... אוודאי קען ער שאָשען געטרויען, זי פאַרקערפּערט דאָך אַזאַ קדושה און צדקות וואָס ער האָט ביי קיין שום אַנדער פרוי נישט געקענט טרעפן! און דאָ מערקט אַן דער מחבר עפּעס וואָס רופט זיך איבער מיט אַ גרויס ווערק פון דעם אויסטראַלישן שרייבער (אויך אַ נאָבעל־לאַורעאַט) פּעטריק ווהייט, אין זיין ווערק „דער מומעס געשיכטע".

איך ווייס נישט צי באַשעוויס האָט עס געלייענט. אָבער עס איז

דאָ ביי אים, ווי ביי ווהייטן, די זעלבע הנחה, אַז גראָד אָט די טיפֿן באַ־נעמען דאָס לעבן, אויף זייער אופן, טיפער און מער דורכדרינגלע־כער, ווי די געבילדעטע, סאָפיסטיצירטע פרויען מיט וועלכע ער האָט פאַרקערט. דער גרונט־געדאַנק איז: די שוואַכע אין אינטעלעקט פאַר־מאָגן אין זייער פשטות (און צוליב דעם מאַנגל ביי זיי צו זיין עגאָ־אַנגאַזשירט און בכלל עגאָ־צענטריש) אַ סך טיפערן אריינבליק אין לעבן ווי די סאָפיסטיצירטע און גרויסע בעלי־שכלס (גענויער: זע מיין בוך „שמועסן מיט אויסטראַלישע שרייבערס").

שאָשע, אַ קינד פון אַ פראָסטן ייד, א שכן פון דער קראָכמאַלנער גאַס, האָט מער צוגעצויגן איר „סוויטהאַרד", דעם געליבטן פון איר קינדהייטלאַנד, ווי די אַנדערע, די געראָטענע, געבילדעטע מיידלעך, וועלכע דער בן־הרב האָט געקענט האָבן. איר תמימות דערגייט אַזש צו דעם, ווען ער האָט זיך מעשה־יינגל באַרימט פאַר איר, אַז מיט איין אַרויסגעזאָגטן וואָרט קאָן ער גלייך חרוב מאַכן די וועלט. בעט זי זיך ביי אים ער זאָל איר צוזאָגן דאָס וואָרט נישט אַרויסצובררענגען פון מויל.

עס איז דאָ אַ פיקאַנטער מאָמענט, ווען צו זייער חתונה קומען די אַלע ווייבלעך מיט וועלכע ער האָט זיך געליבט — זייער צאָל: אַ לעגיאָן — און ברענגען מתנות און בלומען. אַפּנים פאַר באַשעווויסן איז אַזאַ המצאה צו פּיקאַנט געווען ער זאָל עס דורכלאָזן. זייער קומען איז מסתמא נאָר געווען: דער פשוטער ווייבערישער נייגער. איך וויל דאָך זאָגן, אַז זי, שאָשע, ווערט דעם לייענערווירקלעך זייער נאָענט און סימפּאַטיש ביז גאָר, מיט אַלץ וואָס זי איז און פאַרקערפּערט.

אַזוי גייט אָן דער סיפור המעשה ביזן גרויסן בראָך — דער חורבן, וואָס איז שוין פאַרבליבן מחוץ דעם בוך.

מיר שפּירן די גאַנצע צייט — ערב קריג — די דערדריקנדיקע שטימונג, אָבער נישט דעם חורבן, וואָס קומט צום אויסדרוק נאָר אין אַן עפּילאָג, ביים דערציילן וואָס איז געשען מיט די פערסאָנאַזשן. כמעט אַלע — אומגעקומען. געבליבן לעבן זענען, דער נאַראַטאָר, גריידינ־גער, זיין געוועזענע געליבטע בעטי סלאָנים, נאָך עטלעכע פון די נעבן־פיגורן.

די צווייטע ליטעראַרישע מאַסקע פון מחבר איז דער שוין דער־מאָנטער דר. פייטעלזאָן, פאַרשטייט זיך, אויך נאָר פראַגמענטאַריש. ער איז שוין אַ וועלט אויסגעוווען, אַ מחבר פון ביכער, פּראָפעסאָר אין אַ שווייצאַרישן אוניווערסיטעט. זיין באַליבטע טעמע איז נשמה־עקספּעדיציעס (פון דעם נעמט זיך דער ערשטער טיטל פאַרן בוך). אַ חוץ אינטעלעקטועלע ענינים איז ער אויך אַ גאָר גרויסער צעליי־גער מיט פרויען... זיין נאָמען גייט פאַרויס... ר'איז נישט נאָר מלא וגדיש מיט וויסן, אויך מיט משונהדיקע פאַראַדאָקסן. ער רעדט פאַר פּיי־

ער און פּאַר וואָסער וועגן אַלץ אין דער וועלט. וועגן וואָס רעדט ער דען נישט? וועגן גאָט און אוניווערס, וועגן פילאָזאָפיע, אַ בקי אין שפּי־נאָזען, קאַנטן. דער ערשטער איז ביי אים זייער אָפּט אויף די ליפּן, און טאָמער רעדט מען וועגן ליבע, ווייזט ער גלייך אַרויס זיין עקס־פּערטיז. דאָס איז דער פּראָפיל פון דר. פּייטעלזאָן.

צווישן אים און אהרן גריידינגער זענען פאַראַן גרויסע אונטער־שיידן און זייערע געצייכנטע כאַראַקטערן זענען אַרויסגעקומען עכט און איבערצייגנדיק. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז גריידינגער האָט פּאַר זיין געליבטער (די אַמעריקאַנער יידישע אַקטריסע, בעטי סלאָנים), אָנגעהויבן שרייבן אַ פּיעסע, וואָס ער האָט שוין נישט באַוויזן צו פאַר־ענדיקן. דער נאָמען פון דער דראַמע — די לודמירער מויד, איז גראָד גוט באַקאַנט פון די חסידישע מקורות. אַ רבי — אין אַ ספּודניצע!

עס איזווירקלעך אַן אינטערעסאַנטער סוזשעט, גוט אָנגעשריבן און דראַמאַטיזירט. אַ שאָד, וואָס באַשעוויס האָט זיך אויך נישט פאַר־נומען מיט דראַמאַטורגיע. די נישט פאַרענדיקטע דראַמאַטישע אַרבעט איז דאָך אַ גוטער צוזאָג! דוכט זיך, אַז אָנהייב 1978 איז יאָ דער־שינען זיינס אַ פּיעסע „טייבעלע און איר טייוול" (דער טיטל זאָגט גלייך ווער ס'איז דער מחבר...) און ס'איז אויך געשפּילט געוואָרן אין אַ טעאַטער מיטן נאָמען „גוטהערס" אין מינעאַפּאָליס.

אין זעלבן יאָר איז דאָך אויך דערשינען זיין בוך „שאָשע", וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ. ווייזט דאָס, ווי אינטענסיוו און פּרוכטיק באַ־שעוויס איז אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט. און ער איז דאָך שוין גאָר נישט קיין יונגערמאַן... שרייבער, יינגערע פון אים, האָבן דאָס נישט באַוויזן.

אין זיינע אינטערוויוען באַמערקט ער, אַז ער שרייבט צווישן איין טעלעפאָן און אַ צווייטן. עס קלינגען צו אים אומבאַקאַנטע מענטשן, זיי קומען צו אים רעדן אין שטוב און ס'רוב וועגן זיין נטיה צום אי־בערנאַטירלעכן אין זיין שאַפן. איז ער זיך אָבער נוהג צו איבערראַשן די אינטערוויוערס מיט שטעלן גאָר זיי פראַגן און פאַרצייכענען אין זיין נאָטיץ־בוך מאַניריזמען אין זייער רעדן, אָדער עפּעס אַ פאַקט, אַ געשעעניש, וואָס באַווייזט זיך שפּעטער אין אַ בעלעטריזירטער פאָרם אין זיינע דערציילונגען.

איך האָב שוין דערמאָנט באַשעוויס דערציילט עס ווען ער איז פון וואַרשע אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק איז ער געוואָרן ליטע־ראַריש אימפּאָטענט. ער דערקלערט עס דערמיט, וואָס ער איז געווען יונג און די לייענערס אין אַמעריקע שוין אַלט. אַ צווייטע סיבה: „כ'האָב געמאַכט דעם גרויסן פעלער וואָס כ'האָב געפּרוווט שרייבן וועגן אַמעריקע איידער כ'האָב ווירקלעך עפּעס געוווּסט וועגן דעם

לאַנד און די מענטשן. זינט דעמאָלט שרייב איך נאָר וועגן מענטשן וואָס רעדן יידיש, אָדער קומען פון פוילן״.

זינט ער האָט זיך פאַרקערעוועט אויף דעם ליטעראַרישן דרך, קענטיקט זיך זיין שאַפעריש־פורעמדיקע האַנט, וואָס צייכנט מיט אַזאַ אינטימער פאַרב די יידן מיט אַלע זייערע תנועות, וואָס קענען זיך דערהייבן און זיין גאַנצע מענטשן אין זייער אמונה, מאָראַל, טראָץ זייערע ליידן.

איך וויל נאָר עפּעס באַמערקן וועגן באַשעוויסעס רייכן שפּראַך־באַנוץ, און זיין אויסגעשניצטן און פיין־אַרומגעקיזלטן דיאַלאָג. ווי אַ סטיליסט איז ער פיל מער ווי אַדעקוואַט אין זיין שפּראַך־ריטעם. ער גיט טייל מאָל אַ בליץ מיט אַ טרעפלעכן וואָרט־שפּיל, מיט אַ גראָ־טעסק־הומאָריסטישן חנדל און נאָך וויכטיקער: כ׳האָב געטראָפן ביי אים רייד, וואָס זענען כמעט שוין ווי פאַרגעסן געוואָרן אין אונדזער היינטיקן יידיש־שפּראַך־באַנוץ! זיין זאַפטיק־קערנדיקער יידיש־אידיאָם און באַזונדערס דער אינדיווידואַליזירטער לשון פון יעדן טיפּ און פאַרשוין, צוגעפּאַסט צו זיין כאַראַקטער און מהות אַלץ צוזאַמען האָט דאָך געשאַפן פאַר אים דעם אָרט אין אונדזער ליטע־ראַטור, נאָך איידער ער האָט באַקומען די אינטערנאַציאָנאַלע אָנער־קענונג אין דער וועלט.

דער לייענער איז גאָר נישט מחויב מסכים צו זיין מיט זיינע אַרויסגעבראַכטע מיינונגען און מיט די אָפּנייגנדיקע זאַכן און גע־דאַנקען, און דאָך הנאה האָבן פון זיין דערציילערישקייט און כאַראַק־טעריזאַציע. ער לאָזט טיילמאָל זיינע העלדן אַרויסברענגען באַמער־קונגען מיט אַ סאַרקאַסטיש־הומאָריסטישער פאַרב, וואָס גיבן צו עפּעס דער טעקסטור פון בוך. איך האָב פאַרצייכנט ביים לייענען אַ סך ביי־שפּילן פון וועלכע כ׳וועל נאָר איינעם דאָ דערמאָנען. זיין דר. מאָריס פייטעלזאָן טוט זיך אַ זאָג: „איך האָב די יידן ליב אפילו ווען כ׳קען זיי נישט פאַרטראָגן. קיין שום עוואָלוציע האָט זיי נישט געקענט באַ־שאַפן. פאַר מיר זענען זיי דער איינציקער באַוויז, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט״.

ווען מיר מסיים זיין די אָפּהאַנדלונג וועגן זיין שאַפן, אין די פאַרנעמיקע ראָמאַנען און אין די קורצע דערציילונגען, וואָס מיט אַלע זייערע שאָטן־זייטן וואָס כ׳האָב אָנגעמערקט, פאַרשפּיגלען זיי און באַ־לעבן מיט בלוט און פלייש דאָס יידישע פוילן פון פאַרן ערשטן וועלט־קריג און שפּעטער — צווישן ביידע וועלט־מלחמות. ווען ער קומט צו זיין קינדהייטלאַנד („קינדהייט איז פאָטערלאַנד״) איז זיין פעדער פול מיט ליבשאַפט און ווייכקייט. דער געפיל־אויסדרוק איז באַהויכט מיט תמימות און פשטות צו אָט דעם קערן, וואָס ווערט דעמאָלט דער צענטער פון דער וועלט מיט דעם אויפשריפט: „דו בינסט דאָ און

לעבסט אין מיין הארץ״. מיר זעען עס טאַקע אַזוי בולט אין אַלע באַ־שעוויסעס ווערק פאַר קינדער — פון זייער וועלט!

אין דער וועלט פון די דערוואַקסענע האָט ער ווידער בעלעט־ריסטיש פאַרשפּיגלט אַזאַ רייכע גאַלעריע טיפּן, פון אַלע שיכטן, מיט זייערע קעגנזעצלעכע נטיות, גלויבונגען: צדיקים און זינדיקע. מיס־טיקער און ראַציאָנאַליסטן, למדנים און פּראָסטע יידן, פרומע און אַפּיקורסים. די אַלע פּערסאָנאַזשן מיט זייער פּאַרפיקסירטן לעבנס־גאַנג זענען פאַר באַשעוויסן די לאַבאָראַטאָריע צו פאָרעמען זייער אויסטערלישע אינדיווידואַליטעט, די אויסנווייניקסטע און אינעווייניקסטע כוחות, וואָס האָבן פאַרקערעוועט זייער אומראַציאָנעלן לעבן אויף וועגן און אויף די זייטיקע סטעזשקעס, וואָס האָבן דעצידירט זייער גורל.

אין זיין אריינפיר צום בוך „ליידנשאַפטן און אַנדערע דערציי־לונגען״ שרייבט אַזוי באַשעוויס: „איך באַהאַנדל אוניקאַלע כאַראַק־טערן אין אוניקאַלע באַדינגונגען פון אַ גרופּע מענטשן וואָס זענען אַ רעטעניש פאַר דער וועלט און אויך אָפט פאַר זיך אַליין, — די יידן פון מזרח־אייראָפּע, ספּעציעל אָט די יידיש־רעדנדיקע, אי די אומגע־בראַכטע אין פּוילן, אי די אימיגראַנטן קיין אַמעריקע.

וואָס לענגער כ׳לעב מיט זיי, כ׳שרייב וועגן זיי, אַלץ מער בין איך נשתומם פון דער עשירות אין זייער אינדיווידואַליטעט (איך, באַמערקט ער, בין דאָך אויך איינער פון זיי מיט מיינע קאַפּריזן און ליידנשאַפטן). כאָטש איך האָף, און כ׳בין מתפלל אויף תחית־המתים און אויסלייז, וואַג איך צו זאָגן, אַז פאַר מיר לעבן נאָך איצט די אַלע מענטשן. אין דער ליטעראַטור, ווי אין אונדזערע חלומות עקזיסטירט נישט קיין טויט״.

דאָס איז דאָך אויך דעם מחברס ענטפער אויף דער תמימותדיקער פראַגע פון זיין שאַשען:

ווען מיר ווייטער לעבן אויף נומער צען?

זיכער איז שאָשע דאָרט געבליבן לעבן, אַזוי אויך זיינע אַנדערע טיפּן און געשטאַלטן, וועלכע ער האָט מיט זיינע קינסטלערישע, בעלעטריזירטע פאַרבן פאַרפיקסירט אין זיינע ביכער.

זיי זענען, ווי שאָשע, געבליבן לעבן אויף די בלעטער פון זיינע בעסערע שאַפונגען.

בעל־מחשבות און שמואל ניגער

(אַ קריטישער אַנאַליז פון אונדזער ליטעראַטור־קריטיק)

א

בעל־מחשבות

בעל־מחשבות (דר. איסידאָר ישראל עליאַשעוו) איז געווען דער ערשטער קריטיקער פון גרויסן פאַרנעם אין דער יידישער ליטעראַטור, ער האָט אַרויסגעהויבן די שעפערישע פונקציע פון ליטעראַטור־קריטיק צו געבן דעם לייענער אַ שליסל צו די אוצרות פון קינסטלערישן שאַפן, באַלויכטן פון אינעווייניק די קינסטלערישע און אינטעלעקטועלע ווערטן פון אַ בוך, זיין סטיל, אָפּקלייב, שפּראַך און טעכניק אַט דאָס אַלץ וואָס מאַכט פון אים אַ קונסט־ווערק.

שעפערישע קריטיק באַגנוגנט זיך נישט בלויז צו אילומינירן די פאַרטונקלטע טונעל־וועגן פון אַ בוך אָדער שרייבער. עס זוכט אויך שטאַרק אויסצוגעפינען די באַזונדערע לעבנס־דערפאַרונג, רעאַלע, וויזיאָנערישע, פון וועלכער דאָס ווערק איז ארויסגעוואַקסן; די שייכות צווישן שרייבער און דער עפּאָכע אין וועלכער דאָס בוך איז געשאַפן געוואָרן, די השפעות פון דער סביבה און ירושה פונעם קינסטלער אין זיין שאַפן, איינפלוסן פון זיינע פאַרגייערס און די פּאָזיציע, וואָס דאָס ווערק און דער שרייבער פאַרנעמט אין דעם אַלגעמיינעם פּראָצעס פון ליטעראַרישער אַנטוויקלונג און ריכטונג.

ב

בעל־מחשבות איז אַלט געווען 26 יאָר (1899) בעת ער איז געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור. און געקומען איז ער פון אַ פרומער יידישער היים אַ ביסל שוין משכיליש דורכמאַכנדיק

אין זיין יוגנט אַ ריי גייסטיקע טראַנספאָרמאַציעס: אָנגעהויבן ווי אַ תלמיד אין ר׳ ישראל סאַלאַנטערס באַוווּסטער ישיבה פאַר מוסר־ניקעס, איז ער שפּעטער אַוועק קיין שווייץ שטודירן און פון דאָרטן קיין היידעלבערגער אוניווערסיטעט אויף מעדיצין (געוואָרן טאַקע אַ פּראַקטיצירנדיקער דאָקטער); פאַרקערט אין די אויסלענדישע סטודענטישע קאָלאָניעס, דאָרטן זיך באַקענט און געוואָרן גאָר נאָענט מיט דר. נחמן סירקין, וועלכער האָט אים משפּיע געווען.

אַ וויטערדיקער עטאַפּ פאַר אים איז געווען דאָס ווערן אַ מיטאַרבעטער פון „ייד" — אַ יידישע צייטשריפט אונטער דער רעדאַקציע פון זיין פריינד דר. יוסף לוריע, וועלכער האָט אים אריינגעצויגן אין דער ליטעראַרישער טעטיקייט. ער האָט דעמאָלט דעביוטירט מיט אַן אָפּשאַץ וועגן דעם יידישן באַרימטן פּאָעט אין אמעריקע, מאָריס ראָזענפעלד. אגב, האָט דער רעדאַקטאָר, צוליב קאָנספּיראַציע־טעמים אויסגעקליבן פאַר אים דעם פּסעוודאָנים: בעל־מחשבות.

ג

די יידישע ליטעראַטור האָט אַרויסגעשפּראָצט פון די סאַמע געדיכטענישן פונעם יידישן פאָלקס־לעבן. איר אויפגאַנג האָט זיך אָנגעהויבן מיט כלל־מאָטיוון פון סוביעקטיוון רעאַליזם. איר אַנטוויקלונג איז געגאַנגען פון אונטן אַרויף — פּיראַמידע־פאָרם. דער יסוד איז געווען מענדעלעס כנסת ישראל — די פאָלקישע קאָלעקטיווע שטייגער־מאָטיוון, וועלכע האָבן באַקומען זייער טיפּישן פולן אויסדרוק אין מענדעלעס ווערק.

עס איז געווען אַ גליק פאַר דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, וואָס ביי איר וויגעלע איז געשטאַנען בעל־מחשבות, דער טאַלאַנטירטער פּיאָניר אין דער קונסט־קריטיק מיט אַ טיפערן אַנאַליטישן צוגאַנג צו שרייבער און ווערק. ער איז געווען דער ערשטער פון אונדזערע קריטיקער פון גרויסן פאַרנעם אין זיין צוגאַנג צו דער פונקציע און שליחות פון אַ יידישער ליטעראַטור. ער האָט ביים יידישן שרייבער און לייענער געפּלאַנצט אָט דעם באַוווּסטזיין דורך זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן אונדזערע קלאַסיקער. און נישט נאָר באַוווּסטזיין, אויך ליבשאַפט, יראת־הכבוד צו די באַזונדערע שרייבער און זייערע ווערק. ער האָט טיף געגראָבן צו זייערע וואָרצלען און געזוכט זייער קשר מיט די פּראָבלעמען און אידייען פונעם יידישן לעבן, און אַרויסגעוויזן האָט ער אַזאַ ערלעכע באַציאונג צו יעדער שאַפונג וואָס איז עכט, אַפילו אויך צו די וואָס טראָגן אין זיך דערווייל נאָר די זוימען פון אַ קינסטלערישן נאָכשפּראָץ. טרעפלעך האָט ש. ניגער כאַראַקטעריזירט בעל־מחשבותעס שעפערישע ליבשאַפט צו עכטע שרייבער און זייערע ווערק: „ער (בעל מחשבות) האָט פאַרמאָגט די קונסט

אויפצונעמען אין זיך אַ פרעמדנס ווערק מיט שעפערישער ליבע, אויפצונעמען עס, ווי די פרוכטבאַרע ערד דעם קערנדל, וואָס ווערט פאַרזייט אין איר און צוריק אים אומקערן אַן אויפגעלעבטן".

דאָס ברענגט אונדז צוריק צו דער פלוגתא וועגן דער פונקציע פונעם שעפערישן קריטיקער: צי איז ער בלויז אַ דרדקי־מלמד, וואָס לערנט דעם לייענער קמץ אלף, אָ, אָדער ער העלפט דער ליטעראַטור צו ווערן אַן אָרגאַניזם? צי איז ער אַ „פּאַראַזיט" אויפן חשבון פון שרייבער און זיין ווערק, אָדער פאַרקערט: אַ דאַנק אים ווערן ערשט די איינצלנע באַזונדערעביימער מעג יעדער פאַר זיך זיין אַ דעמב פאַרוואַנדלט אין אַ וואַלד.

שוין דאָס אַליין וואָס אַזוי פיל מאַיאָרע ענגלישע פּאָעטן זענען איבער־גענאַנגען צו קריטיק אין זייערע שעפערישסטע יאָרן (דזשאָנסאָן, קאָלע־רידזש, אַרנאָלד, דריידען, ט. ס. עליאָט א. אַנד.) באַווייזט דאָך בולט, אַז זיי האָבן קריטיק נישט באַטראַכט פאַר אַ מינדערווערטיקער ליטע־ראַרישער אַקטיוויטעט, ווי שרייבן פּאָעזיע. זיי האָבן בפירוש הנאה געהאַט פון זייער לאַנגיאָריקער קאַריערע אלס קריטיקער־פּאָעטן. איינס האָט ביי זיי דערגאַנצט דאָס צווייטע. זיי האָבן אין זייער קריטיק־טעטיקייט געזען גאָר אַ וויכטיקע פונקציע פאַר דער ליטעראַטור, ווי פאַרן לייענער מיט אַ חוב פאַרביידע צדדים.

איבעריק צו באַטאָנען, אַז אַ גוטער קריטיקער דאַרף אויך זיין אַ גוטער שרייבער. עס איז גאָר נישט קיין צופאַל ווען ער איז עס. ער איז דאָך אויך אַ שאַפער. הגם אויף אַן אַנדער אופן. עס שטעקט דאָך אַ שטיק אמת, אין דעם באַוווסטן זאָג (פון אַן ענגלישן פּאָעט און קריטיקער), אַז אַלס דיכטער שאַפט ער פון לעבן אַ בוך, און ווי אַ קריטיקער שאַפט ער פון בוך צוריק לעבן. נאַטירלעך, איז דאָס אָפּהענגיק פונעם קריטיקערס קוואַליפיקאַציעס...

בעל־מחשבותעס מעטאָד אין דער קריטיק איז בעיקר געווען צו דער־גראָבן און פאַרטיפן זיך מער אין דער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע פונעם יידישן מאַסן־לעבן און זיין מיליע, ווי אין דער פּסיכיק פון יחיד. ער האָט געשריבן גלענצנדיקע אַנאַליטיש־סינטעטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן מענ־דעלען, שלום עליכמען, זייערע ווערק סיסטעמאַטיזירט; צונויפגע־נומען די באַזונדערע טיילן און געשאַפן פון זיי אַ גאַנצקייט. דורך פאַראַלגעמיינערן זייערע ריכטליניעס און וועגן. ער האָט געשריבן אויך וועגן די יונגע אויפגייענדיקע יידישע קינסטלער: שלום אש, אי־טשע מאיר וויסענבערג און אַנדערע, געשריבן וועגן זייער שאַפן מיט אַ סך סופּערלאַטיוון, מיט התפעלות און איבערגעטריבנקייט (למשל: „וויסענבערג אונדזער גרעסטע האָפענונג"). ער האָט בעסער גע־וואָלט איבערשאַצן איידער אונטערשאַצן. און געהאַט האָט ער אַ לייכטע פעדער און אַ גאָר פליסיקע. געשריבן און געדרוקט אומעטום, ווו עס

האָט זיך נאָר געעפנט אַ שפּאַרונקע פאַר אַ יידיש וואָרט. די וואָס האָבן אים געזען ביי דער אַרבעט דערציילן, אַז אים איז אָנגעקומען לייכט דאָס שרייבן, אָן דער געוויינטלעכער חבלי לידה (ווי דאָס גייט צו ביי פיל שרייבער).

מען דאַרף אים קענען אָפּשאַצן אויף דעם הינטערגרונט פון דעם אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט (זיין ערשטער באַנד קריטיק „געקליבענע שריפטן" איז דערשינען 1900), אין דעם בראשית פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. וואָס פאַר מזל־ברכה עס איז פאַר איר געווען די דערשיינונג: בעל־מחשבות. איך וויל דאָ ציטירן שורות פון אַן אויפרוף לכבוד זיין פינף־און־צוואַנציק־יאָריקער ליטעראַרישער יובילֵיי, אַרויסגעגעבן פון אַ ספּעציעלן קאָמיטעט אין וועלכן עס זענען געווען די סאַמע פני אונדזערע אין דער ליטעראַטור. זאָגט זיך דאָרט, צווישן אַנדערן: „... ס'האָט זיך געדאַרפט באַווייזן דער קולטור־מענטש מיט דער אידיי פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זאָל צונויפּ־קלייבן די צעזייטע און צעשפּרייטע ליטעראַרישע דערשיינונגען און מיטהעלפן אונדזערע קינסטלער צו דערהייבן זיך ביז צו דער מדרגה פון נאַציאָנאַלן שאַפן, ביז צו דער קלאָרקייט פון אונדזער פאָלקס־באַוווּסטזיין, כדי מיר זאָלן דערפילן אין איינצלנע דערשיינונגען דעם לעבעדיקן אָטעם פון אַ גאַנצן נאָרמאַלן אָרגאַניזם. דאָס האָט באַוויזן אויפצוטאָן בעל־מחשבות". לאָמיר ציטירן נאָך אָט די שורות: „ער איז שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך פון אונדזער קינסטלערישן האָב און גוטס און מיט אַן אַמתן אייראָפּעאישן גוסט און ברייטן יידישן געפיל פאַר אונדזער ליטעראַרישער טראַדיציע האָט ער איינגעשלאָסן אונדזער ליטעראַטור אין דעם אַלגעמיינעם יידישן קולטור־לעבן". דע־ריבער באַטראַכטן מיר אים טאַקע פאַר דעם גרונטלייגער פון אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, וועלכער ער האָט געדינט בלב ונפש ביז די פעדער איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט (1924).

קוקנדיק היינט רעטראָספּעקטיוו אויף זיין שאַפן זע איך:

בעל־מחשבות איז געווען דער ערשטער קריטיקער ביי אונדז מיט קוואַליפיקאַציעס פון גרויס־אייראָפּעאישן שניט. ער איז געווען אויסגעבונדן מיט די פּראָבלעמען און אידייען פון דער וועלט־ליטע־ראַטור און מיט גרויס עלעגאַנץ געבראַכט זיי צום יידישן לייענער. זיין אַנאַליז פון אַ ווערק, ווי פון דעם שרייבער, איז געווען אַ דורכ־דרינגענדיקע, מיט טיפקייט און פאַרנעמיקייט; אויך געשריבן אין אַ שפּראַך און סטיל, וואָס איז אין זיין צייט געווען ניי און פריש און מיט פיינקייטן פון פּאָעטישער בילדערישקייט. ער האָט ביים שרייבן געהאַט פאַרן אויג דעם בעסערן לייענער. צו וועמען מען דאַרף רעדן:

„ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכן ער (דער קריטיקער) דאַרף אים דער־ציילן וואָס איז פאַר אים אליין די ליטעראַטור, וואָס ער שרייבט

וועגן: ווי פאַרשטייט ער זי, וואָס פאַראַ גערואַנקען און געפילן רופט זי אַרויס אין אים, וואָס פאַר אַ עסטעטישע און אַלגעמיינע באַפרידי־קונג גיט זי אים״

אָט די ציטאַטע פון בעל־מחשבותעס פעדער ווייזט די באַציאונג זיינע צום לייענער. ער האָט נישט געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן צו אים, נאָר אים אויפהייבן צו זיך. גערעדט צו אים וועגן בוך, וועגן ליטע־ראַטור מיט ענטוזיאַזם פון אַ פאַרליבטן. דערגאַנצט און צוגעלויכטן מיט זיין אייגענעם ליכט די שטעלן וואָס זענען געווען צו טונקל. דאָ און דאָרט קאָרעגירט אַ צו שאַרפן אַקצענט, אָבער בעיקר זיך אָפּגע־שטעלט אויף דעם מחברס כוונות און צילן: האָט ער באַוויזן זיי צו רעאַ־ליזירן? וואָס מיינט: בעלעטריסטיש קאָמוניקירן זיי צום לייענער. און טאָקע דער ענדגילטיקער איינדרוק, וואָס דאָס ווערק אַלס גאַנצע מאַכט, זיין שייכות צו די גרונט־שטריכן און וואָרצלען אין יידישן לעבן.

עס איז בלתי ספק, אַז בעל־מחשבות איז אין זיינע גרונטלעכע אַרבעטן געווען נישט נאָר דער מאָדערנער קריטיקער פון אונדזער קינסטלערישן שאַפן, נאָר אויך דער טרעגער פון אונדזער לעבעדיקן ליטעראַטור־באַוווסטזיין און פון איר שאַפערישן געוויסן. ער איז געווען דער מעסטער פון דעם איבערגאַנג און אַנטוויקלונג פון אַ פאָלקס־ליטעראַטור און פון אירע כלל־מאָטיוון צום אינדיווידועלן העלד מיט זיינע פסיכישע גערענגלען און ריסן. אָבער זיין גלאַנץ איז בעיקר אין די אַנאַליטישע אַרבעטן פון די כלל־מאָטיוון. אין זיי האָט ער געשלאָגן טיפע וואָרצלען. דאָס איז אַמבולטסטן געקומען צום אויסדרוק אין זיינע אַרבעטן וועגן מענדעלען אַ שלמותדיקע אין איר איינהייטס־באַלויכטונג. זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן שלום עליכמען און פּרצען פאַרמאָגן שוין נישט אָט דעם אַנאַליטישן גלאַנץ און אינער־לעכע אויפלויכטונג.

די נייע ריכטונגען אין דער יידישער ליטעראַטור, די נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישע (פּרץ־ראָמאַנטיק) מיט אירע שפּירענישן, דוכטענישן, און די ראָמאַנטיש־אינדיווידואַליסטישע מיט אירע נייע קינסטלערישע פאָרמען און מעטאָדן, זענען ערשט דורך שפּעטערדיקע קריטיקער מער געוואָרן פאַרטיפט און אַנאַליזירט אין מערערע דימענסיעס, ווי בעל־מחשבות האָט עס געקענט טאָן אין זיין צייט.

דאָס אָבער פאַרמינערט נישט זיינע גרויסע אויפטוען און דערגריי־כונגען פאַר אונדזער ליטעראַטור במשך פון אַ פערטל יאָרהונדערט. זיין פריצייטיקער טויט (1924) האָט איבערגעריסן דעם פאָדעם פון זיין שע־פערישער קריטיק אין וועלכער עס איז דאָך געווען אויך שאַפונג פון עסטעטישע, פּראָבלעמאַטישע און מאָראַליש־אידייאישע ווערטן. צום גליק פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז זיין אַרט נישט געבליבן

ליידיק און פאַריתומט. דעם איבערגעריסענעם פאָדעם פון בעל־מחשבותעס שעפערישער קריטיק, האָט אויפגעכאַפּט ש. ניגער.

ד

שמואל ניגער

ניגערס ערשטע אָפּהאַנדלונג וועגן שלום אַשס „משיחס צייטן", האָט אָנגעזאָגט, אַז ס'איז צוגעקומען אַ וואַגיקער קריטיקער מיט אַן אַנאַליטישן כוח. ער איז געווען יונג, אָבער יונג זענען אויך דאַן געווען ס'רוב יידישע שרייבער און יונג איז געווען די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט דורכגעלעבט איר פרילינגס־רויש מיט אירע גרויסע האָפענונגען און דערוואַרטונגען פון אַ רענעסאַנס. ניגערס שאַפעריש לעבן איז פון יענעם פרילינג־רענעסאַנס צונויפגעוואָקסן געוואָרן מיט דער יידישער ליטעראַטור. ער איז מיט איר מיטגעוואָקסן, מיטגעגאַנגען מיט אירע וועגן און שטעגן אַן ערך איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט. ער איז געוואָרן דער לעגיטימער יורש פון בעל־משבותן, אָבער מיט אַ ריי אָפּנויגן אין צוגאַנג און באַנעם.

ווי באַוווסט האָט בעל־מחשבות אַריינגעבראַכט אין דער קריטיק היפּאָליט טענס מיליע־טעאָריע, אַ שיטה וואָס זוכט אין דער סביבה, די השפּעות אין קונסט און אין ליטעראַרישן שאַפן. אין זיין צייט איז דאָס געווען אַ מאָדערנער אייראָפּעאישער צוגאַנג צום קינסטלערישן שאַפן מיט דעם שווערגעוויכט אויף די סביבה־איינפלוסן.

ניגער האָט אין אַ געוויסער מאָס אָפּגענויגט פון אָט דער שיטה, לייגנדיק מער אַכט אויף דעם ביאָגראַפישן עלעמענט פון שעפערישן מענטש. לאָמיר ביי דער געלעגנהייט באַמערקן, אַז דער באַגריף סביבה ענדערט זיך כסדר און טאַקע גאָר שטאַרק. אַמאָל האָט עס באַדייט: די היים, די שטאָט, דער שיכט צו וועלכן מ'געהערט. היינט מיינט עס נישט נאָר די אויסגערעכנטע פאַקטאָרן (די פּאָליטישע, רעליגיעזע און סאָציאָלאָגישע) אַרום די הויפּטהעלדן פונעם ווערק, נאָר אויך די נעוורָאָזע אין זייער פּסיכיק גופא. די טעמאַטיק קען באַהאַנדלען די פאַרשידענע באַציאונגען צווישן מענטש און דער געזעלשאַפט, אָבער דער הויפּט־טראָפּ איז אויף די אינערלעכע קאָנפליקטן, אינסטינקטן, אַנונגען, ריסן; אויף דאָס טיפע און פאַרבאָרגנסטע פון אונ־

טערבאַוווּסטזיין די אַלע עלעמענטן וואָס פאַרנעמען אַזאַ וויכטיקן אָרט אין יעדער טעמאַטיק, און גיבן אַריין אינעם ווערק די ספּע־ציפישע אינדיווידואַליטעט פון זיין כאַראַקטער.

אין דער ליטעראַטור פון אונדזער צייט איז שוין נישטאָ דער גלויבן וואָס האָט דאָמינירט אין 19טן יאָרהונדערט, דער ראַציאָ־נעלער גלויבן אינעם אוניווערס און אין דער רעליגיע פון וויסנשאַפט־לעכן פּראָגרעס און אַז דער מענטש ווערט דורך באַווירקט פון דער סביבה, באשר זי פורעמט אויס זיין גאַנצן מהות. דער פּסיכאָ־לאָגישער קאָמפּלעקס און זיין אויסווירקונג איז דאָך דעמאָלט נישט גע־נומען געוואָרן אין אַכט. בעת אין אונדזער צייט פאַרנעמט ער אַזאַ צענטראַלן אָרט אינעם קינסטלערישן שאַפן.

ניגער האָט אויך אַ סך אויפמערקזאַמקייט געלייגט אויף דעם ביאָגראַפישן עלעמענט פונעם שרייבער. ער האָט אין אים געזען, ווי ביי אַ מאָלעריש בילד, דאָס אינערלעכע פונעם מענטשן אויף זיין פּנים: אַרויסבאַקומענדיק דימענסיעס פון אינערלעכן וועזן; פּסיכישע רעפּ־לעקסן פון זיין שורש, השפּעות פון זיינע פאָרגייער. האָט ער זיי ווי באַזונדערע רינגען צונויפגעשלאָסן אין אַ קייט. ער האָט אין שרייבער געזוכט זיין קאָמפּלעקס־האַרמאָניע, וואָס איז באַשטאַנען פון פאַרשידנ־אַרטיקע ליניעס און קאָלירן, און דעם שרייבער געפּרוווט איינגלידערן אין דעם גאַנצן ליטעראַטור־אָרגאַניזם.

ניגער האָט ביים אָפּשאַצן אַ ווערק געזוכט דעם זיווג פון פאָרעם און אינהאַלט, געזוכט אידייען אין דער ליטעראַטור, געחלומט, גע־האָפט, אַז זי וועט ווערן באַהויכט מיט גרויס־טעמאַטיק. ער האָט, ווי י. ל. פּרץ, געגאַרט צו זען דעם גרויסן ראָמאַן, וואָס זאָל קינסטלעריש אַרומנעמען דעם וועלט־שטח פונעם יידישן לעבן.

געדענקען מיר פּרצס רוף צו די יידישע שרייבער:

„גייט אַרויס פון שטעטל, גיט אונדז דעם שטיינערשלייפער ספּי־נאָזע, גיט אונדז ר׳ עקיבאן...“

שפּעטער האָט ניגער אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן אַש׳ס „מערי“ נאָך שאַרפער אַקצענטירט פּרצעס רוף צום גרויסטעמאַטישן ראָמאַן, וואָס זאָל מיט ביידע לונגען אַריינאָטעמען אין זיך די לופט פון אונדזער אַלוועלטלעך יידישן לעבן.

שטייט אָבער אונטער אַ פראַגע־צייכן, צי האָבן טאַקע די גרויס־פאַרמאָסטענע ראָמאַנען, וואָס זענען יאָ דערשינען זינט יענער צייט, באמת באַרייכערט און גרויס געמאַכט אונדזער ליטעראַטור? ווי עס שטייט אונטער אַ פרעגצייכן בכלל און נישט נאָר אין דער יידישער ליטעראַטור דער באַגריף גרויס־טעמאַטיק און די אַטראַקציע פון ראָמאַן־זשאַנער.

דער ראָמאַן געהערט צו די יינגסטע פון די ליטעראַרישע פאָר־

מען, און מען שמועסט זייער שטאַרק פון זיין עקליפּס און טיפן קריזיס. לאָמיר ביי דער געלעגנהייט דאָ דערמאָנען, אַז זינט באַלזאַקן האָט דער ראָמאַן־זשאַנער שוין אַרומגענומען אויף אַזעלכע פאַקטאָרן, ווי געשיכטע און פּאָליטיק, אַנאַליז און קריטיק, פּסיכאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע, און לעצטנס נישט ווייניק עסייאיסטיק באַווירצט מיט ליריציזם. שווער פעסטצושטעלן צו זיין עקליפּס איז געקומען, ווייל ער איז געוואָרן אַ מין כל־בוניק, אַז מ'איז אַלץ — ווערט מען ווייניקער — ווערט דער עסענץ בטל בשישים; אָדער צוליב מאַנגל אין דערפינדערישקייט, דרייסטקייט און אָריגינעלקייט מיט אַ קינסטלערישן זיגל. אַ פאַקט איז, אַז ער, דער ראָמאַן, לעבט דורך אַ שווערן קריזיס. און איינע פון די סיבות איז וואָרשיינלעך, וואָס דער לייענער געפינט אין אים דאָס זעלבע טאָג־טעגלעכע לעבן, וואָס ער אַליין קען אָבסערווירן אַרום זיך.

וואָס שייך גרויס־טעמאַטיק, האָט טשעכאָוו אין דער רוסישער ליטעראַטור, און שלום עליכם אין דער יידישער באַוויזן, אַז מען קען פון קליינער טעמאַטיק שרייבן און שאַפן גרויסע ליטעראַטורן; און דווקא פון דעם קליינעם מענטש, וואָס גלאַנצט נישט אַרויס מיט זיין העלדישקייט, קען דער קינסטלער אַרויסבאַקומען אַ וועלט מיט שיינקייט. מיט איראָניע האָט טשעכאָוו געענטפערט אויף די טענות פון זיינע קריטיקער (פאַרוואָס ער שרייבט גאָרנישט וועגן גרויסער העלדישקייט), אַז „מענטשן פאָרן נישט צום נאָרד־פּאָל אַראָפּצופאַלן פון אייזבערג..."
און אַז „געוויינלעך פאָרן מענטשן צו זייערע געשעפטן און ביוראָען, זיי קריגן זיך מיט זייערע ווייבער און עסן קרויט..."

ה

אויב מיר זאָלן באַצייכענען אונדזערע קריטיקער מיט דעם צוגאַנג פון מידת הדין און מידת הרחמים, האָט ניגער געהערט צו דער צווייטער שיטה. זיין צוגאַנג צו ווערק קען ווערן כאַראַקטעריזירט מיט זיינס אַ באַמערקונג וועגן אַמעריקע:

„...איך האָב מער געזוכט וואָס אין איר איז פאַראַן און ווייניקער וואָס איר פעלט".

ער האָט טאַקע אין יעדן ווערק געזוכט קינסטלערישע און אידייאישע ווערטן און געוועזן שטאַרק צופרידן, ווען ער האָט געקענט אָנווייזן אויף קוואַליטעטן, אָבער פון פּרעטענזיעס און טענות צו אים האָט דאָס נישט געקענט אים פאַרהיטן...

אוודאי האָט ער געהאַט זיינע ליבלינגס־שרייבער, און דאָס איז אויך נישט קיין סגולה פאַר שטעכלקעס פון די אומצופרידענע שרייבער... ווי יעדער מענטש, איז ניגער אויך נישט געוועזן פריי פון טעותים אין זיינע אָפּשאַצונגען און ער האָט אַרויסגעהויבן, בעיקר די

ווערק, וואָס אַפּעלירן צו זיין טעמפּעראַמענט. נאָך ריכטיקער: די אין וועלכע ער האָט געפונען אַ מין זיך־אידענטיפיקאַציע אין פאַרשידענע דימענסיעס. האָט ער זיך דעריבער שטאַרק און ברייט צעשריבן וועגן י. ל. פרץ און וועגן ה. לייוויק, וועגן שלום אַשן און וועגן אַ לעגיאָן אַנדערע קלענערע און גרעסערע, וועלכע ער האָט אָפּגעשאַצט, אין פאַרנעם און אין פּערספּעקטיוו, לויט זייערע אינערלעכע אימאַנענטע איינגנשאַפטן.

אין זיין אַנאַליז איז געווען די הנחה, אַז דער שורש פון קונסט ליגט אין דער קינסטלערישער פערזענלעכקייט. טאָקע לגבי זיי האָט ער אַרויסגעוויזן מער ליידנשאַפט און פאַרליבטקייט. אמת, ער האָט אויך געשריבן מיט אַ געוויסער וואַרעמקייט וועגן קלענערע דערגריי־כונגען פון שרייבער און זייערע ווערק, אָבער ענטוזיאַזם האָט ער תמיד געהאַט, נאָר פאַר די אין וועלכע ער האָט געזען ברייטע האָריזאָנטן מיט דעם חותם פון אינדיווידועלער אייגנאַרטיקייט און טיפן שווונג.

ניגער איז נישט מיטגעריסן געוואָרן פון נייע מאָדעס און איזמען אין קינסטלערישן שאַפן. די שטרייטן, רעוואָלטן צווישן ליטעראַרישע ריכטונגען האָט ער אויפגענומען מיט מתנגדישער, מיושבדיקער קיל־קייט. דאָס האָט פאַרשטייט זיך אַרויסגערופן נישט ווייניק תרעומות קעגן זיין קאָנסערוואַטיזם מצד די אַפּאָסטאָלן פון די נייע איזמען אָבער. ווי האָט אַמאָל משה בראָדערזאָן געזאָגט: „אַז מען איז — איזמען! ניגער האָט געקענט פאַרקוקן אויף לעכער אין אַ ווערק, ווען דאָס איבעריקע האָט אים געגעבן עסטעטישע באַפרידיקונג און אַ גע־וויסע פּערספּעקטיוו פאַר דער ליטעראַטור. אין די פּאָזיטיווע ווערטן פון אַ בוך, האָט ער געזען די האָפענונג אויף אַ המשכדיק לעבן, וואָס אַ קונסט־ווערק קען האָבן..

ו

די פון אונדז וואָס זענען זייער גאַנץ לעבן לייענער, גיבן זיך אפשר ווייניק אָפּ אַ חשבון, וואָס פאַראַ גוואַלדיקע אויסברייטערונג פון אונדזערע וועזנס, האָבן שרייבער און ווערק גורם געווען אין לויף פון יאָרן. איך מיין עס נישט אין זין פון אונטערגראָבן די פּריווילעגיע פון אינדיווידואַליטעט, ווי עס געשעעט דורך מאַסן־עמאָציעס; נאָר דאָס ווערן באַאיינפלוסט דורך עכטע גרויסע ווערק, וואָס עפענען אויף ברייטע טירן פאַרן לייענער און די נייע דערפאַרונגען פאַרוואַנדלען מיך אין אַ טויזנט־מענטשישן יחיד און דאָך איך. די איבערלעבונג ביים לייענען איז טיילמאָל אַזאַ שטאַרקע, איינדרוקספולע געשעעניש, ווי דערפאַרונגען פון ליבע, פון מוזיק אָדער רעליגיעזע־עמאָציעס קענען מיט דעם נאָר פאַרגליכן ווערן.

און כאָטש מיר האָבן עס דורכגעלעבט מיט דער גאַנצער קראַפט,

ווילט זיך דאָך אַפילו דעם בעסערן לייענער הערן אַ מיינונג פון אַ שאַרפן קאָפּ, אַ קאָמפּעטענטע מיינונג פון אַ קריטיקער, ווי אַזוי ער שאַצט אָפּ דאָס ווערק. האָט מען זיך טאַקע צוגעהערט צו ניגערס מיינונגען, אפילו ווען מען איז מיט זיי נישט מסכים געווען. און ניגער פלעגט ביי יעדן בוך האָבן אַ ראַנדעוווּ מיטן מחבר, צו באַגעגענען זיך מיט זיינע פרוּוון און דערגרייכונגען. ער האָט געשטעלט פאָדע־רונגען און געלייגט האָפענונגען, דורך דער קינסטלערישער געשטאַל־טיקונג געזוכט קודם צו אַנטפּלעקן די שרייבערישע פּערזענלעכקייט, אירע אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע ליניעס אין זייער אָפּקריץ אויפן ווערק, אויב עס איז געווען אַ גרויס ווערק ביי וועלכן ער האָט גע־קענט פאַנאַנדערנעמען די הענט, האָט ער געשריבן ענטוזיאַסטיש מיט אַן עמאָציאָנעלער שפּראַך, באַפליגלט און אימפּולסיוו, באַנוצנ־דיק זיך מיט זיין גרויס־מייסטערישן, שפּראַכלעכן ליים און ציגל.

אין זיינע אָפּשאַצונגען איז געקומען צום וואָרט אַן אויסטייטשער און דער מדריך פון שרייבער און לייענער. נישט סתם אַ פאַרמיטלער צווישן דיביידע, נאָר בעיקר אַ לערער מיט קוואַליפיקאַציעס און מיט באַשטימטע מיינונגען וועגן קונסט וועגן די שייכותן צווישן די פונדאַמענטאַלע עלעמענטן אין דער ליטעראַטור, מיט די פּסיכאָלאָגישע און פיזיאָלאָגישע אַספּעקטן פון מענטש, די ראַציאָנעלע האַנדלונגען, די אימפּולסיווע, און אויך די טראַנזיטאָרישקייט פון באַציאונגען.

שרייבער און לייענער האָבן זיך באַציגן מיט ערנסט צו ניגערס אַן אָפּשאַצונג. גרויס וואָג האָבן דערביי צוגעגעבן זיינע אינטואיטיווע שפּירונגען פון פּולס, פון דער אינעווייניקסטער וואַרעמקייט אינעם בוך, און פון קריטיקערס אייגענעם טעמפּעראַמענט, כאַראַקטער און מאָראַל. טאַקע מאָראַל! ווי האָט גלאַטשטיין געשריבן: „אַ קריטיקער קען נישט באַהויפּטן צו זיין אַ מענטש אָן אַ גאַל. ער טאָר אָבער אויך נישט זיין אַ גאַל אָן אַ מענטש". ביי ניגערן איז דער מענטש געווען תמיד נאָענט.

דערפאַר איז ער געווען איינער פון די עטיש־וואָגיקסטע קרי־טיקער אין אונדזער ליטעראַרישן וועלטל. מען האָט זיך אויף זיין וואָרט סומך געווען, ווי אויף אַן אינסטאַנץ, הגם ער אַליין האָט נישט געוואָלט זיין קיין פּוסק אחרון אַרויסצוטראָגן דעם פּסק: כשר אָדער טריף. ער האָט אין זיין קריטישן אַנאַליז נישט געזען קיין שולחן־ערוך קאָדעקס, נאָר דעם גערטנער, וואָס פלעגט דעם גאָרטן, ער זאָל לעבן, געדייען און זיך כּסדר באַנייען מיט גרינס.

★

אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט ניגער געהאָלפן בויען אונדזער ליטעראַטור. ער איז געווען איינער פון אונדזערע פּראָדוק־

טיווסטע שרייבער, און טראָץ זיין שרייבערישער שפע, זיך געהיט נישט צו פאַרפלאַכן זיין וואָרט. אַ גרויסער חסרון איז געווען זיין צע־שפּליטערטקייט און פראַגמענטאַרישקייט (איבער זיינע פיל טויזנטער אַר־טיקלען), וועלכע האָבן דאָ און דאָרט איבערגעלאָזן לויזע עקן, איבער־געריסענע פעדים. ווי יעדער בשר ודם האָט ער געהאַפּט, אַז ער וועט נאָך באַווייזן צונויפבינדן די לויזע עקן און די פעדים צוזאַמענ־שפּינען אין גאַנצע געוועב־בנינים. געטרוימט האָט ער מסתמא אָנצו־שרייבן די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור — דאָס וואָלט זיכער געווען אַ מאָנומענטאַל ווערק, מעסטנדיק לויט זיין ערודיציע, שטרעבונג צו שלימות אין זיין אַרכיטעקטאָנישן בוי־טאַלאַנט.

באַוויזן האָט ער נאָר עטלעכע גרויסע מאָנאָגראַפיעס, ווי זעלבסט־שטענדיקע ווערק. און זיי האָט ער געפּרוווט באַלייכטן פון אַלע זייטן די גרויסע קינסטלער, זוכנדיק צו שאַפן אַ סינטעזירטן סך־הכל פון זייער שאַפן. ער האָט אָבער נאָר באַוויזן צו פאַררונדיקן און צונויפ־בינדן אין אַ גאַנצקייט זיינע פריערדיקע צעוואָרפענע אַרטיקלען וועגן דער שרייבערישער פערזענלעכקייט. אָבער עס זענען געבליבן שפּורן פון זייער פראַגמענטאַרישקייט (בעת זיי זענען געשריבן געוואָרן פאַר אַ צייטונג אָדער זשורנאַל). געוויסע שטעלן האָבן זיכער געקענט זיין אַ ביסל מער קאָנדענסירט, זיי וואָלטן דערמיט מער אַריינגעצויגן דעם לייענער. איז אָבער ניגער דער מסביר געווען אַ שטיקל מאריך מיט זיין רשי און תוספות... אויך איז קענטיק, אַז ער האָט זיך שטאַרק באַמיט (ביי זיינע באַליבטע שרייבער) נישט צו באַלייכטן חלילה זייערע שטרויכלונגען און טאָקע באַטראַכט פאַר אַ גרויסן חילול הליטעראַטור דאָס אָנרירן די פּיעטעט פון די גרויסע.

האָט ער זיך איינגעשטעלט פאַר שלום אַשן, אין די יאָרן פון זיין גרויסן טראַגישן קאָנפליקט (צוליב זיינע קריסטאָלאָגישע שאַפונגען) אין נאָמען פון פרייהייט פון קינסטלערישן שאַפן. און ניגער האָט אויך געטומען אין שוץ אַפילו אַשס לשון, וואָס איז אַפילו עובר גאָר שטאַרק אויף די עלעמענטאַרסטע גראַמאַטיק־כללים...

ווי באַוווסט, איז אַש שאַרף קריטיקירט געוואָרן פאַר זיין שפּראַך־פאַרנאַכלעסיקונג אין זיינע ווערק: זיין שלעכטער בויזאַץ, דער נישט־ריכטיקער געברויך פון ווערטער, איז אַפּט געווען אונטערן פייער פון זיינע קריטיקער. אָבער ניגער האָט אויך מלמד־זכות געווען אויף אַשס סטיל: „נישט בלויז די פּרטים פון זיין סטיל ווערן פאַרלאָזט ביי אים... דאָס מיינט נישט, אַז מען קען אַוועקמאַכן אונטערן האַנט אַשס אופן שרייבן — אַשס שפּראַך איז זייער אָפט אומבאַשטימט, זיינע באַשרייבונגען זענען אומקלאָר, נישט אַלעמאָל פּינקטלעך... אָבער אין דער אומבאַשטימטער מטושטשדיקייט און צעשווומענקייט ליגט אָפט

דער לירישער חן פון אַשס סטיל" (ש. ניגער — שלום אַש, זיין לעבן, זיינע ווערק).

קען מען באַשטימט גאַנץ שטאַרק מחולק זיין מיט ניגערס צוגאַנג צו אַשס לשון. אָבער אויסן בין איך צו אילוסטרירן דורך ניגערס ווערטער זיין פּיעטעט פאַר גרויסע שרייבער. מען זאָל חלילה נישט פּוגע זיין זייער גרויסקייט. אין אַן אַרטיקל האָט ער עס אַליין אַזוי אַמאָל באַצייכנט: „פאַראַן ליטעראַטן און האַלב־ליטעראַטן, וואָס מיינען, אַז דערנידערנדיק גרויסע שרייבער דערהייבן זיי זיך אַליין". לאָזט זיך דיסקוטירן דער אונטערשייד פון קריטיקירן ביז דערנידעריקן און טאַקע זען אויף וויפיל ניגער איז נישט גערעכט געווען... מיר איז אָבער דאָ וויכטיקער צו באַטאָנען זיין איינשטעלן זיך פאַר פּרינציפּן אין וועלכע ער האָט הייליק געגלויבט. דאָס איז געווען אַ הויפּט־שטריך פון זיין כאַראַקטער, און ביי אַ ריי מאָמענטן האָט ער דעם שטריך אַרויסגעוויזן אויף אַ שטאַרקן בולטן אופן.

ער האָט דעם עטישן פּרינציפּ אָפּגעגעבן אַ הויכע פּאָזיציע דורך די אַלע יאָרן פון זיין לעבן און שאַפן. צוערשט אין זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן, שפּעטער אין ליטעראַטור, ווו ער האָט דאָס עטישע פאַרבונדן מיט עסטעטישע ווערטן.

האָט ניגער אין זיין שמועס מיט יעקב פּאַטן באַטאָנט, אַז ליטעראַטור איז נישט בלויז פאָרם. עס מוז אויך האָבן גייסט, אַ לעבעדיקע נשמה, אַן עסטעטישן אינהאַלט. ער האָט דעריבער געזוכט דעם מזג טוב פון שיינגייסטעריי מיט אַ גרויסער לעבנס־אידיי; שיינשרייבעריי, נישט ווי אַן איזאָלירטע זאַך, נאָר געבונדן מיטן לעבן. דעריבער האָט ער אין זיין קריטיק געשטעלט טאַקע דעם טראָפּ אויף די הומאַניסטישע ווערטן, אויפן העכערן תכלית אין דעם אינדיווידועל־קינסטלערישן שאַפן. דערביי אָבער אויך באַטאָנט די וויכטיקע באַדייטונג פון ריין־עסטעטישן, וואָס איז יסוד און סוד אינעם קינסטלערישן ווערק.

✶

ניגער האָט אָנגעהויבן ווי אַ קריטיקער אין 1908 — הגם דעביוטירט נאָך פריער — האָט ער אין דעם געשיכטלעכן יאָר פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, צוזאַמען מיט א. וויטער און ש. גאָרעליק מאַניפעסטירט דורך דעם זשורנאַל „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן", (וואָס זיי האָבן דעמאָלט אַרויסגעגעבן) דעם שעפערישן כוח פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אין די פיר נומערן וואָס דער זשורנאַל איז דערשינען, האָט ער אָפּגעדרוקט פיר וואָגיקע אָפּהאַנדלונגען, וואָס זענען געווען דער פונדאַמענט פון זיין אַנאַליטישער קריטיק, צו זוכן די האַרמאָניע פון סטיל און אינהאַלט אינעם קינסטלערישן שאַפן.

פון אַ קריטיקער איז ער אין לויף פון יאָרצענדליקער געוואָרן דער קריטיקער מיט קוואַליפיקאַציעס צו קענען ווערן דער דעקאַן פון דער יידישער ליטעראַטור — ווען עס וואָלטן נאָך מעגלעך געווען די באַדינגונגען פון אַן אַקאַדעמישער קאַריערע. ווען דאָס איז נישט געווען, האָט ער זיך פאַרנומען אויך מיט פובליציסטיק. זיין נשמה־יתירה איז אָבער געווען אין דער ליטעראַטור. דאָס איז פאַר אים געווען תורה לשמה, אָבער אַלץ צוזאַמען האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם גאַנצן ניגער.

זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען דער שטאַרקער מתמיד און געלערנט האָט ער די מסכתא פון יידישן קיום, וואָס ש. ראַווידאָוויטש האָט אַזוי טרעפלעך באַצייכנט די שווערסטע מסכתא פון אונדזער ש״ס. ביזן לעצטן אָטעם איז ער פאַרבליבן דער גרויסער מאמין אין יידישן קיום און אין די דינאַמיש־שעפערישע כוחות פון דער יידישער געשיכטע. ער האָט מיט אַלע זיינע טאַלאַנטן געקעמפט קעגן די יאוש־פאַרשפרייטערס פאַרן יידישן לעבן אין די תפוצות. ווען אַנדערע האָבן דעם ווייזפינגער געהאַלטן אויף דער שקיעה און אויף איר רויטן גלאַנץביים אָפּשלוס פון אַ גרויסער תקופה, האָט ניגער געמונטערט, געשטאַרקט דעם באַגער צו שאַפן, געמאַנט און געהאָלפן באַפרוכפּערן דעם באָדן פאַרן יידיש־שעפערישן גייסט.

די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע האָט אים נישט פאַרצווייפלט. אוודאי זענען אונדזערע יידיש־העברעיש לשונות אים טייער געווען און אַזוי נאַציאָנאַל־שעפעריש באַפרוכפּערנדיק. אָבער אויב די נייע יידישע דורות אין אַמעריקע לעבן זיך אויס אין ענגליש — וועלן זיי אויך זיין און קענען בלייבן יידן אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן נאָר האַלטן הויך יידישע קולטור־ווערטן. ער האָט געגלויבט, אַז יידישע קולטור קען אַרויסוואַקסן אויך פון אַ פרעמדשפּראַכיקן באָדן, הגם זי וועט אויסזען אַנדערש ווי די אין אונדזערע אייגענע לשונות. דערביי האָט ער אומאויפהערלעך פעסט גערופן צו פאַרשטאַרקן די פּאָזיציע פון יידיש־לשון, און זיך אַליין געשטעלט צום דינסט און געראַנגל אין זיין פּובליציסטישער טעטיקייט.

ניגערס שעפערישער גייסט אין פאַרבליבן יונג מיט דעם צויבער פון רייפקייט ביז זיין לעצטן אָטעמהויך. ער איז געווען אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע פון אַ מימרא אין גמרא: „תלמידי־חכמים כל זמן שמזקינין חכמה נוספת בהין״. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין זיין טעטיקייט, ווי אַ קריטיקער, פאָרשער, זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר. אָבער די קרוין פון זיין טעטיקייט געהערט צו אונדזער ליטעראַטור־קריטיק. דאָרטן זענען זיינע פאַרדינסטן און דערגרייכונגען. מען קען מיט ניגערן אַ סך מחולק זיין אין זיינע אָפּשאַצונגען וועגן שרייבער און ווערק, מען קען מיט אים דיסקוטירן, אָבער נישט פאַרמינערן דעם

אויסדרוק פון זיין גייסטיקער קראַפט, פון איר ווערטפולקייט פאַרן שרייבער און לייענער, ווי פאַר דער יידישער ליטעראַטור. עס וואָלט געווען אַ פאַרשוועכונג אונטערצושאַצן זיין צושטייער צו איר אויפבלי און אַנטוויקלונג.

וועלן מיר פאַרענדיקן די אָפּהאַנדלונג מיט אַ זאָג פון ניגערן וועגן פּרצן, וואָס איז צוגעפּסט פאַר אים גופא.

ניגער האָט זיין גרויס ווערק וועגן פּרצן פאַרענדיקט מיט אָט די פיל־באַדייטנדיקע ווערטער:

„ער האָט אונדז בכלל געלערנט גלויבן. ער האָט אונדז אָבער אויך פאַרזאָגט נישט מורא האָבן פאַר ספקות, נישט שרעקן זיך צו פרעגן קשיות און זוכן אויף אַלטע פראַגעס נייע ענטפערס".

ייִדישע שרײַבערס אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער ליטעראַטור

— א —

דער ייִדישער צווײַג פֿון דער אַנגלאָ־זאַקסישער ליטעראַטור איז גאַנץ באַדײַטנדיק אויסגעוואַקסן אין לויף פֿון די לעצטע צענדליקער יאָרן. ער איז זייער אַנזעעוודיק לויט זײַן כמות און איכות, אײנער פֿון זײַנע רעפּרעזענטאַנטן האָט אַפֿילו מיט עטלעכע יאָר צוריק באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע (סאָל בעלאָ) און אַנדערע טאַלאַנטירטע ייִדישע שרײַבערס אין דער לאַנדשפּראַך האָבן מיט זייער שאַפֿן באַווירקט די ליטעראַרישע און קולטור־סצענע אין אַמעריקע. שטייט אָבער די פֿראַגע: מיט וואָס איז אַ ייִד וואָס שרײַבט אין פֿרעמדע לשונות אַ ייִדישער שרײַבער? לאָז איך דאָ אין אַ זײַט, וואָס דער מין שרײַבערס ווילן גאָר נישט מען זאָל זיי קלאַסיפֿיצירן אַלס ייִדישע שרײַבערס. מען הערט דאָס זאָגן נישט נאָר אַסימילאַטאָרישע ייִדן נאָר אויך אַ סך נאַציאָנאַל־געשטימטע. און ס'איז פּריקרע צו הערן עס, מחמת עס שטעקט אין דעם זאָג עפּעס, וואָס איז אונדז נישט צום האַרצן... אָבער נישט דאָס בין איך אויסן.

אויך בײַ אונדז אַליין איז נישטאָ קיין אײנשטימיקייט בנוגע דער פֿראַגע פֿון די ייִדישע שרײַבער אין פֿרעמדע לשונות: צי איז מעגלעך זיי מצרף זײַן צו דער ייִדישער ליטעראַטור? מיט אַנדערע ווערטער: צי איז טאַקע מעגלעך צו שאַפֿן אַ ייִדישע ליטעראַטור אין פֿרעמדע שפּראַכן?

די מיינונגען זענען געטײלטע. די וואָס האַלטן אַז נישט, ווײַזן אָן מיט ראיות פֿון ייִדישע שרײַבערס אין רוסיש, דײַטש, פֿראַנצויזיש און ענגליש, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן געשאַפֿן סוזשעטיש און טיפּאַזשיש ייִדישע ווערק, זענען זיי דאָך פֿאַרבליבן און צוגערעכנט צו יענע ליטעראַטורן און נישט צו אונדזערע. למשל, פֿויכטוואַנגער איז פֿאַרבליבן אַ דײַטשער שרײַבער בײַ אַלע זײַנע ביכער מיט אַזאַ אויסשליסלעכער ייִדישער טעמאַטיק. און אַזוי אויך אַנדערע.

ווידער גלאַטשטיין, למשל, האָט געהאַלטן, אַז ייִדישע ליטעראַטור נעמט אַרום אויך ייִדישע ווערק געשריבן אין פֿרעמדע לשונות. ער

האָט נאָר געמאַכט אַ באַוואָרעניש, אַז ווען אַ ייד שרייבט נישט אין ייִדיש צי העברעיִש שטייט ער פאַר אַזעלכע נסיונות, וואָס עס האָט נישט דער שרייבער אין אונדזערע נאַציאָנאַלע לשונות. רעכנט ער אויס אַ לענגערן צעטל פון די שטרויכלונגען ווען מען שטייט מיטן פּנים צו דער ניט־ייִדישער וועלט: ווי איבערבייגן דעם שטעקן אויף דער זייט, צו זוכן רק שלעכטס אויף דער ייִדישער סצענע און באַגלייטן מיט אַ ביליקן סענסאַציאָנאַליזם און וואולגאַריזאַציע אויפן חשבון פון דער ייִדישער מאַמע, ייִדישן טאַטן, ייִדישן וויץ (וועגן ייִדישן קאָמיקער — שפּעטער). דאָס זענען שטרויכלונגען, שרייבט ער, ביי וועלכע מ׳קען „קאָרומפּירט ווערן וועלנדיק (דערמיט) אויסנעמען ביי אַ ברייטערער וועלט". ער דערמאָנט פיליפּ ראָט, וואָס האָט געזוכט צו „געווינען דעם נישט־ייִדישן לייענער דורך ווייזן אים, אַז אַ ייד ׳דערהייבט׳ זיך איבער זיך אַליין און איז, כלומרשט, היפּער־גערעכט אפילו ווען ער דאַרף זיך אַליין קראַצן עפּנטלעך".

האָב איך נאָר געוואָלט דאָ דערמאָנען די חילוקי־דעות ביי אונדז אַרום דעם פּראָבלעם און שטעלן אַ פּונקט, מחמת איך פאַרנעם זיך אין דער אָפּהאַנדלונג נאָר צו אַנאַליזירן די ביכער, וועלכע איך באַטראַכט פאַר ייִדישע ווערק, געשאַפן דורך ייִדישע שרייבערס אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער ליטעראַטור. איך מיין די ווערק אין וועלכע עס קומען צום אויסדרוק עכטע ייִדן און נישט קיין קאַריקאַטורן פון ייִדישן פּנים. וועל איך דאָ דערמאָנען ווי אַזוי דער ייִדישער יונגער זעלנער, נח אַקערמאַן, (אין אירווינג שאָוס „יונגע לייבן") רעאַגירט אין דער קאַזאַרמע קעגן דעם אַנטיסעמיטישן זעלנער, בכדי צו ווערן ווי אַ ייד אַקצעפּטירט און באַהאַנדלט ווי אַ גלייכער מיט אַלע.

ב

דער וואַקסנדיקער ייִדישער באַוווּסטזיין ביי די ייִדישע שרייבערס אין דער לאַנדשפּראַך איז געקומען אונטער דער ווירקונג פון ייִדישן חורבן אין אייראָפּע און דער אַנשטייאונג פון מדינת ישראל, באַגלייט מיט די מלחמות, בפרט דעם זעקס־טאָגיקן קריג. די אַלע געשעענישן האָבן אַרויסגערופן אַ פּערמענטאַציע, אפילו ביי די דערווייטערטע, פאַרפרעמדטע ייִדן, און אויך ביי די, וואָס האָבן אין די פריערדיקע יאָרן געגלויבט, אַז זייער „לינקיזם" פאַרט זיך נישט מיט אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין און מיט ייִדישע געפילן.

עס איז אויך איינצייטיק געקומען אַ ווענדפּונקט אויף דעם אַמע־ריקאַנעם ביכער־מאַרק מיט אַ נאָכפראַגע אויף ביכער מיט אַ ייִדישער טעמאַטיק. אָבער וויכטיקער איז וואָס עס האָבן זיך באַוויזן ביכער אין ענגלישן לשון פון געשילדערטע ייִדן — שוין נישט די העסלעך־

ווולגאַרע פאַרשוינען פון אַ דזשעראָם ווײַדמאַן (פון זײַן בוך „איך קען עס פאַר דיר קריגן הורט"); נישט פון באַד שולבערגס ענלעכן מין („וואָס מאַכט סעמען לויפן?"); נישט פון יידן גענגסטערס, אויסנו־צערס און פאַרפירערס פון יונגע פרויען, ווי בען העכטס („אַ ייד אין ליבע") — נישט יענע יידישע אַנטיסעמיטישע ביכער, וואָס האָבן מיט יידישע הענט צעקרימט און פאַרשוואַרצט (פאַר דער ענגליש־לייענענדיקער וועלט) דאָס יידישע פּנים, וואָס איז געווען ביי זיי אויס־שליסלעך פון אַן אונטערוועלטניק, געלאָזן דעם איינדרוק, אַז עס זע־נען בכלל שוין נישטאָ קיין אָרנטלעכע יידן אויף דער וועלט.

די נייע גענעראַציע פון די יידישע שרייבערס אין דער לאַנד־שפּראַך, אַ פּראָדוקט פון די יאָרן בעת און נאָך דעם קאַטאַקליזם, האָט געשילדערט נאָרמאַלע יידן, וואָס זענען ווי אַלע בשר־ודמס, מיט זייערע שטאַרקייטן און שוואַכקייטן, הייליקע און זינדיקע, דערהויבענע און געפאַלענע, יידן מיט אַ בולטער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט און יידן פון געמישטע (אָפט: צעמישטע) קולטור־חתונות. דער יידישער פּייזאַזש, די יידישע פּאַבולע, די כאַראַקטעריזאַציע איז אַן עכטע, אַ שלימותדיקע, הימל־ווייט פון די קאַריקאַטורן פון די אויבנדער־מאָנטע שרייבערס פון יידישן אָפּשטאַם.

ג

מייראָן קויפמאַנס בוך „דערמאָן מיך צו גאָט" איז אַ יידיש ווערק, מיט שטאַרקע יידישע אַקצענטן. דער מחבר האָט געפרוווט אָפּשפּיגלען דעם קריזיס פון דער יידישער יוגנט אין דער אָפענער געזעלשאַפט פון דער מערב־וועלט. דער הויפּט־העלד, דער יידישער סטודענט ריי־טשאַרד, אַ זון פון אַ יידישן ריכטער, וואָס האָט דעם זון נישט אַריינ־געפירט אינעם יידישן לעבן, ליידט ער פון אַן אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס, מחמת זיינע אָבות שטאַמען (נעבעך) נישט פון די יחוס־דיקע „יענקיס". ער איז פאַרליבט אין אַ קאַטויליש מיידל און גייט צוליב איר „טוישן דאָס רעדל". הויות דאָס קומט פאַר בעתן גרויסן יידישן חורבן, געהערט דאָס זיכער צו די אוניקאַלע פאַלן, וואָס זענען שוין גאָר נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר די געמישטע חתונות אין דער מערב־וועלט. אָפּנים, אַז דער מחבר האָט סתם געזוכט אַ געלעגנהייט אַרויסצוברענגען די סיבה פון שמד צוליב אַ ליבע פון אַ יידישן בחור מיט אַ קאַטויליש מיידל פון אַ יחוסדיקן אָפּשטאַם. צו וועלכן עס קוקט אַרויף דער בחור מיט פאַרגלאָצטע אויגן; איינצייטיק, בכדי צו פּרע־זענטירן די קעגנווירקונג פון דעם ראַביי בודאַפּעשטער, וואָס רעדט אַריין אין דעם בחור, אים אויפצוווייזן, פון אַלע שטאַנדפּונקטן די שעדלעכקייט פון אַזאַ אַקט ווי שמד. (אפילו דער גלח, צו וועמען

עס קומט ריטשאַרד וועגן שמדן זיך. רעדט אים אויך אָפּ פון דעם, מחמת ער זוכט ארייַנצוקומען אין קריסטלעכן גלויבן דורך אַ הינטערטירל).

דער ראַביי בודאַפּעשטער פאַרקערפּערט דעם נאַציאָנאַלן יידישן אינטעלעקטואַל, וואָס איז באַוואָפנט מיט אַ טיפן יידישן און אַלגעמיינעם וויסן. דאָס קענטיקט זיך בולט אין זיין אַרגומענטאַציע מיט ריטשאַרדן. ער שיינט צו זיין אויך אַ ציוניסט פון אַמעריקאַנעם שניט מיט דעם נוסח פון: — דאַאיקייט. („אַמעריקע איז פאַר אונז נישט קיין גלות"). אין דעם דיאַלאָג, וואָס ער פירט מיט ריטשאַרדן, רעדט ער וועגן דער יידישער דערפאַרונג, וואָס איז אים נאָענט, אייגן מחמת זי איז מיינע. אָבער אַמעריקע איז אויך מיין היים — און ביידע טאָר מען נישט פאַרלייקענען. ער וויזט ריכטיק אים אויף, אַז ליבשאַפט, לאָיאַליטעט, און אויך וויסן, ציען יניקה פון אייגענע קוואַלן. דיין פאַמיליע, דיינע נאָענטסטע, דיינע שכנים, די מענטשן וואָס דו קענסט פון דיין אַרום זיי גיבן ערשט אריין סובסטאַנץ און דאָס נשמהדיקע אין די אַבסטראַקטע באַגריפן. און דאָס איז דאָך אַזוי נאַטירלעך ווי די לופט וואָס מען אָטעמט איין.

די אַרגומענטן פון ריטשאַרדן פאַרוואָס ער וויל זיך אַרויסרייסן פון דער יידישער ראַם געהערן צום גאַר אַלטן פאַרשימלטן אַרסענאַל און זענען נישט נויטיק פאַר יידישע לייענערס זיי דאָ איבערצוחזרן. מיר האָבן נאָך געקענט פאַרשטיין (אָבער נישט באַרעכטיקן) דעם שטאַרקן טרייב־כוח פון פּריליגגרויש אויפן שוועל פון 19טן יאָרהונדערט, וואָס האָט דערפירט (יידישע טעכטער און זין) צו „טוישן דאָס רענדל", ווי אַן איינטריטס־בילעט צו דער אויפקלערונג־תקופה. אָבער אין 20טן יאָרהונדערט? און אין אַמעריקע? ענטפערט אים טאַקע דער ראַביי אויף אַלע זיינע טענות, אַז „ווען דו שניידסט איבער דעם נאָפּלשנור מיט די וואָס פאַרבונדן דיך צו דיין שטאַם, אויב דו רייסט איבער מיט די וואָס זענען דיר אַמנאָענטסטן, איז ווי דו וואָלסט אין דיין לאַנד געלעבט אויף עמיגראַציע". ער פאַרגלייכט עס צו די אַמעריקאַנער וואָס לעבן אָפּ אין פראַנקרייך צענדליקער יאָרן און ווערן דערמיט נאָך נישט קיין פראַנצויזן. דער אויספיר: אַן אַמעריקאַנער ייד וואָס גייט פון זיך אַראָפּוואַרפן זיין נאַציאָנאַלע ירושה איז עס נישט קיין אַמעריקאַניזאַציע, נאָר אַקולטוריזאַציע. ער חזרט איבער די אַרגומענטן, וואָס מיר באַנוצן שוין יאָרן, אַז דאָס אַלגעמיינע קען מען נאָר דערגרייכן דורך דעם ספּעציפישן און דאָס אוניווערסאַלע דורכן נאַציאָנאַלן. ווייזט אויס, אַז ס'איז נאָך אַלץ נישט דערגאַנגען, און בעיקר, צו דער אָפּגעפרעמדטער יידישער יוגנט, אָט די עלעמענטאַרסטע באַגריפן פון נאַציאָנאַלער קולטור אינעם פּראָצעס פון וואַקסן און באַרייכערן זיך גייסטיק („נישט דורך מינוס קולטור נאָר דורך פּלוס קולטור"), אויב מען וויל נישט ווערן קולטור־אַנעמיש!

ד

די טיפן פון קויפמאַנס בוך געהערן דאָך שוין צו דעם אָפּשניט פונעם יידישן לעבן אין אַמעריקע, וואָס האָט נישט הינטער זיך דעם גייסטיקן קלימאַט פון דער יידישער שטוב און יידישער גאַס אין מזרח־אייראָפּע. די פרומע יידעס און באָבעס זענען שוין נישטאָ לעבן זייערע אייניקלעך, וועלכע זענען שוין דורך און דורך אַמעריקאַניזירט, ס'רוב דיפלאָמירטע שוין. דער קלימאַט פון דעם קאָלעדזש, פון אוני־ווערסיטעט־קאַמפּוס האָט שטאַרק באַווירקט אין אַלע הינזיכטן. פאַר־שטענדלעך, אַז אונדזער דיאַלאָג מיט זיי דאַרף זיין צוגעפּאַסט צו זייער אינטעלעקטועלן ניוואָ. דאָס האָט טאַקע פאַרשטאַנען דער מחבר ביים אריינלייגן אין מויל פון ראַביי בודאַפּעשטער, גוט־פאָרמולירטע און אינ־טעלעקטועל־צוגעפּאַסטע געדאַנקען, אַרגומענטן, וואָס זענען פאַר אַ ייד פון אונדזער שניט, טאַקע נישט ניי, אָבער פאַר אָט דער דערוויטערטער פון יידישע מקורות יידישער יוגנט זענען זיי, מסתמא, אַנטפּלעקנדיק.

ס'איז אָבער כדאי, גלויב איך, צו ברענגען אַן אויסצוג פון זיינע באַטאַנונגען וועגן אונדזער יידישן גאַנג אין דער וועלט, וועגן דעם יידישן זיין און יידישן באַוווסטזיין דורך וועלכע דער ראַביי בודאַ־פּעשטער פּרוּווט צו געווינען ריטשאַרדן אויף זיין זייט: פאַרוואָס ער טאָר זיך נישט אַרויסרייסן פון דער יידישער ראָם, און וועגן די שייכותן צווישן: מיר און די וועלט.

עס איז, מיין איך, אויף אונדזער ריכטלינייע, פון דעם נאַציאָנאַל־סעקולערן יידישקייט־באַנעם, זיין געדאַנקען־גאַנג. און מערקווירדיק, וואָס דער מחבר ברענגט עס גראָד דורך אַ ראַביי, וואָס געוויינטלעך הערן מיר פון אַזאַ פּערזאָן גאָר אַן אַנדער אופן רעדן. לאָמיר אָבער דאָ אונטערשטרייכן, אַז דער ראַביי בודאַפּעשטער איז נישט דער פּוי־לישער טיפּ פון אַ רב, הגם, איך מיין, אַז ער איז אויך נישט טיפּיש פאַר די אַמעריקאַנער ראַביים.

ראַביי בודאַפּעשטער זאָגט צו ריטשאַרדן:

— מיר האָבן זיך וואָס צו לערנען, פון די נישט־יידישע קולטורן, אָבער זיי האָבן אויך זיך אַ סך צו לערנען פון אונדזער יידישער קולטור, פון אונדזער פּערזענלעכן אַנטייל אין דער אַלטער און נייער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אין דעם לאַנגן שפּאַן פון דער מענטש־לעכער געשיכטע איז דאָך דער ייד אָפּט געווען אַן אַקטיווער אַנטייל־נעמער, אַמאָל אין אַ גרעסערער ראָל, אַמאָל אין אַ קלענערער, אָבער יעדעס מאָל געפינט ער זיך אויפסניי אין דער מיט פון דער דראַמע אויף דער מענטשלעכער בינע, (ווי ער איז אַ מיטשפּילער). יעדער

יחיד האָט זיין קינדהייטס־ווינקל פון אַ היים, אַ לאַנד, אַ פאָלק, אַ קולטור: דאָס זענען די רינגען וואָס פאַרבינדן אים מיט די אַנדערע פעלקער און מיט זייערע יחידים.

האָסט אין לעבן נאָר איין מאַמען און איין קינדהייט. דאָס איז דיין געבורטס־מעטריקע. אָבער אויך אַ גייסטיקע מעטריקע (אין נאַציאָנאַלן זין). דו קענסט נישט וואַקסן דורך אַמנעזיע, דורך וועלן פאַרגעסן דיין אָפּשטאַם, פון וואַנען דו קומסט? און חוץ אַ יחידישן, האָסטו אויך אַ נאַציאָנאַלן זכרון, פון אַ געשיכטע, וואָס ציט זיך פון נילוס ביזן ירדן; דורך דעם ווייסל, דורך דעם ניעמען ביזן האָדסאָן און אַנדערע טייכן ביי וועלכע מיר האָבן אויפגעשטעלט אונדזערע געצעלטן, געבויט אונדזער לעבן.

„מיר לעבן אין אַמעריקע. טראַכט נישט אַבסטראַקט וועגן אַמעריקע. יעדער יחיד, יעדער קיבוץ גיט אַריין זיין חלק אין דער אַלגעמיינער „קיטע". מען גיט און מען נעמט פון איר און דאָס איז גוט. אָבער אויב דו טראַכסט אַרויסצוגיין פון דיין עטנישער גרופּע און אַריינגיין אין אַ צווייטער, דעמאָלט ביסטו דאָך אַ נייער עמיגראַנט! קענסט נישט, פּסיכיש און נאַציאָנאַל, געהערן צו די יענקיס, וועמענס משפּחה־קייט ציט זיך פון דור־דורות. קענסט נישט אויסמעקן דעם פאַקט, אַז דיינע עלטערן, דיינע זיידעס אָדער עלטער־זיידעס זענען געקומען פון מזרח־אייראָפּע און אין דיינע ירושה־גענען זענען פון דעם דאָ אַ סך מער ווי דו מיינסט.

„ווי אַ ייד האָסטו אַ סך לענגערע געשיכטע ווי דער שכן דיינער, דער יענקי. און ווי אַ ייד קענסטו זיין גליייך מיט אים, בתנאי דו זאָלסט נישט זוכן צו דעזערטירן פון דיין פאָלק און זיין קולטור. אַזאַ דעזערציע איז דאָך אויך נאָר אַן אויסנווייניקסטע. ווי האָט געשריבן ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן: „יעדער מענטש איז אַן אָמניבוס אין וועלכן עס זיצן אַלע זיינע אָבות".

„ווילסט פאַרשן? זוכן? איז דאָס אַלץ לייכטער ווען דו האָסט אַ באַזיס, אַ היים פון וואַנען אָנצוהייבן. דאָס מיינט, צווישן אַנדערן: פילן זיך אינטים פאַרבונדן מיט דער געשיכטע, טראַדיציע און אָפּשטאַם פון דיינע אָבות און פון דיין פאָלק. ווי אַ פאָלק פירן מיר מיט גאָט אַ כסדרדיקן דיאַלאָג זינט אונדזער בראשית. דער דיאַלאָג, ווי דאָס לעבן גופא איז אַ פּראָצעס, פון ענדערונגען, פון אַנטוויקלונגען און פון: דורכפאַלן. דער היסטאָרישער ייד מיט זיין גרויסער האָפענונג און גרויסער פאַרמעסטונג אויסצובעסערן די וועלט האָט געהאָט זייער פיל וויטיקן. טראַגישע דורכפאַלן, געצאָלט פאַר זיי אַ שווערן פּרייז, אָבער נישט אויפגעגעבן זיינע אַספּיראַציעס צוליב דעם.

„ווי אַ פאָלק האָבן מיר אַ סך געגעבן צושטייער דער וועלט און בעיקר: דעם מאָראַלישן געזעץ! אונדזערע נביאים האָבן אונדז און

דער וועלט געשטראָפט ער זאָל נישט בלייבן בלויז ליגן אין אַרכיוו און דאָרט פאַרזשאַווערט ווערן... פון דעם איז אַרויסגעוואַקסן דער באַגריף פון אונדזער נאַציאָנאַלער שליחות אין דער אַלמענטשלעכער ציוויליזאַציע און קולטור. דאָס לעצטע איז דאָך דער אײזערנער אוני־ווערסאַלער פאָנד, וואָס געהערט צו אַלע פעלקער, ראַסן, שבטים. פון דעם פאָנד נעמט יעדערער, און ווערט דערמיט אַ בעל־חוב צו עמעצן אַנדערש, אָבער ער טראָגט אויך אַריין אין דער אַלגעמיינער „קיטע״ זיין נאַציאָנאַלן חלק. אַזוי אַרום באַלאַנסירט זיך דער חשבון.

דאָס זענען אומגעפער די גרונטגעדאַנקען פון ראַביי בודאַפּעש־טער, אין זיין דיאַלאָג מיט ריטשאַרדן. פאַרשטייט זיך, אַז דער מחבר האָט זיי אַריינגעפלאָכטן אינעם געוועב פון דער בעלעטריסטישער אַקציע.

אָבער וואָס מיר גייט דאָ ביים אַרויסהייבן קויפמאַנס בוך איז נישט צוליב זיינע קינסטלערישע ווערטן (וואָס פעלן), נאָר צוליב דער טראַנספאָרמאַציע וואָס יידישע שרייבער אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער ליטעראַטור האָבן דורכגעמאַכט אין לויף פון די לעצטע פופציק יאָר.

בכדי עס בולטער צו אילוסטרירן וועלן מיר אין וויטערדיקע שורות זיך גענויער אָפּשטעלן אויף דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון די יידישע שרייבערס אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

✡

זייט ביי זייט מיט דעם גאַנג און דער אַנטוויקלונג פון דער יידי־שער ליטעראַטור אין אַמעריקע, איז פאָרגעקומען די אַנטוויקלונג פון יידישער טעמאַטיק אין דער לאַנד־שפּראַך, וואָס האָט צו פאַרצייכענען עטלעכע גענעראַציעס יידישע שרייבער, וואָס שאַפן אין ענגליש. דער ערשטער דור פון יידישע שרייבער אין דער אַמעריקאַנער ליטע־ראַטור איז געווען אַן אימיגראַנטישער, געבוירן ס׳רוב אין מזרח־אייראָפּע.

פון דער יידיש־דייטשער אימיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך נאָר אַרויסגעהויבן דער באַוווסטער שרייבער לודוויק לואיסאָן, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג מיט זיין ווערק דאָס אינדזל פון אינעווייניק, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַ גרויסער צאָל עקזעמפּלאַרן און דערשינען בערך אין אַ 30 אויפלאַגעס. אין דעם ווערק שילדערט ער יידישע און נישט־יידישע טיפּן דורך עטלעכע דורות און ער פאַרשפּיגלט זיי אין ליכט פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס זיי באַ־געגענען אויך אין דער נייער וועלט און די ווידקונג, וואָס דאָס האָט אויפן יונגן דור דעם פולשטענדיק אַסימילירטן וועלכער זוכט צוריק זיינע יידישע וואָרצלען.

פון די מזרח־איראָפּעישע אימיגראַנטן האָט געמאַכט בשעתו א רושם דער רעדאַקטאָר פון פאָרווערטס, אב. קאַהאַן, מיט זיין בוך אין דער ענגלישער שפּראַך דער אויפשטייג פון דייוויד לעווינסקי. אין דעם ווערק האָט דער מחבר געגעבן אַ ברייט בילד פונעם יידישן אימיגראַנט אין אַמעריקע, מיט „פּלעשבעקס״ פון דער אַלטער היים. דאָס בוך איז אי בעלעטריסטיק און אויך סאָציאַלע געשיכטע פון די אימיגראַנטישע יידן, פון זייערע ראַנגלענישן זיך צו אַקלימאַטיזירן אינעם נייעם לאַנד, באַגלייט מיט דער ברוטאַלער באַהאַנדלונג פון די אַרבעטער אין די „שוויץ״־פאַבריקן און מיט די שטרייטן צווישן די פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס.

אינעם צענטער פון בוך שטייט דער הויפּט־העלד, לעווינסקי, וועלכער מאַכט דורך זיינע „אוניווערסיטעטן״ אין דער „שמאַטעס״־אינדוסטריע, ביז ער דערגרייכט זיין אויפשטייג צו עשירות דורך דער „ביזנעס״־עטיק פון יענער צייט. אין אַ געוויסן זין רופט זיך דאָס ווערק איבער מיט לואיס סינקלערס באַרימט ווערק בעבּיט מיט זיין פילאָזאָפיע פון „פרייער אונטערנעמונג״, מיט די אַלע סאָציאַלע טרייב־קרעפטן, וואָס האָבן געפירט צו ברוטאַליזאַציע און אויסנוצונג.

אין זיין צייט (אין די 1920־ער יאָרן) האָט אויך געהאַט דערפאָלג דער אַמעריקאַנער יידישער שרייבער לעסטער קאָהען מיט זיין בוך אהרן טרוים. ער באַהאַנדלט כמעט די זעלבע טעמאַטיק ווי אב. קאַהאַן. אָן די דויערנדיקע ווערטן פון קאַהאַנס בוך, וואָס ווערט נאָך כסדר איבערגעדרוקט אין נייע אויפלאַגעס, בעת לעסטער קאָהענס ווערק האָט אויפגעגעסן דער שטויב פון צייט. אָבער צו יענער צייט האָט מען זיין בוך גוט אויפגענומען.

✶

דער צווייטער דור פון יידישע שרייבער אין דער לאַנד־שפּראַך איז שוין אַ פּראָדוקט פון די דעפּרעסיע־יאָרן אין אַמעריקע, אי מיט די סאָציאַליסטישע, מאַרקסיסטישע און קאָמוניסטישע איינפלוסן, אי פון קלאַסן־קאַמף בכלל. אין יענער צייט איז די עקאָנאָמישע טעזע געווען ס׳רוב דער הויפּט־מאָטיוו אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער ליטע־ראַטור, און דאָס האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט ביי די אַמעריקאַנער יידישע שרייבער אין ענגליש.

הענרי ראָטה, דאַניעל פוקס, מייקל גאָלד — דאָס זענען עטלעכע נעמען פון דער צווייטער גענעראַציע, וואָס איז שוין געווען אַ פּראָ־דוקט פון דער אַמעריקאַנער „פּאַבליק־סקול״ און האָט געזוכט זיך אַרויסצורייסן פון דער איסט סייד מיטן ציל צו דערגרייכן דערפאָלג, דורך אויפלייזן זיך אינעם אַמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ.

די גרעסטע האַפּענונגען, באַמיאונגען און קרבנות פון די אימי־גראַנטישע עלטערן זענען דעמאָלט אינוועסטירט געוואָרן אין די קינדער צו באַפרייען זיי פון דער אָרעמקייט און פון שאַפּ־לעבן דורך פרייע פּראָפעסיאָנעלע קאַריערעס.

איך האָבן דערמאָנט מייקל גאָלד (זיין אמתער נאָמען: אירווינג גראניק), וועלכער איז געווען אַ ראַדיקאַלער זשורנאַליסט און רעדאַק־טאָר פון די נייע מאַסן. ער האָט מיט זיין בוך יידן אָן געלט, וואָס איז דערשינען אין מיטן די 30ער יאָרן, געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג (15 אויפלאַגעס). אין בוך זענען דאָ אויטאָביאָגראַפישע סימבאָלן פון דורכפאַלן אין ביזנעס (זיין פאָטער, אַ רומענישער ייד, אַן אונטערנע־מער פון שטובן־מאָלעריי, האָט באַשעפטיקט פיל אַרבעטער אין די גוטע צייטן און איז שפעטער אַראָפּ). ער שילדערט אויך די שפאַנונגען פון די קינדער (ביי יידישע אימיגראַנטישע עלטערן), וועלכע גייען אַוועק פונעם טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן, אָן אינטימיטעט מיט וועלכע עס איז יידישע טראַדיציעס.

מייקל גאָלד האָט געהערט צו די א״ג פּראָלעטאַרישע שרייבער פון די דרייסיקער יאָרן, פול פון זיי מיט פּאַרטיי־לעגיטימאַציעס, אָדער „מיטלויפער" פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָבער דער גרעס־טער טייל פון אָט די שרייבער האָבן, מיט זייער פּראָלעטאַרישן שטעמפּל, נישט געהאַט קיין גרויסן מאַרק פאַר זייערע ווערק. (מייקל גאָלד געהערט צו די אויסנאָמען). גרעסערע זשורנאַלן האָבן זיך אָפּט אָפּגעזאָגט צו דרוקן זייערע דערציילונגען און די שרייבער האָבן נישט איינמאָל אַליין געדאַרפט ארויסגעבן זייערע ביכער און אַרומטראָגן אַליין צו פאַרקויפן זיי (ווי יידישע שרייבער טוען היינט).

איינער פון זיי איז געווען דער שרייבער מאיר לעווין. אויך ער איז צוגעצויגן געוואָרן צום קאָמוניזם (פון וועלכן ער האָט זיך שפּע־טער לחלוטין אָפּגעטרייסלט), וועלכער איז צו יענער צייט געווען אַ זייער אַטראַקטיווער כוח ביי די יידישע אינטעלעקטואַלן און ביי דער יידישער יוגנט.

מאיר לעווין האָט בכלל דורכגעמאַכט אַן אייגנאַרטיקן וועג. אין די 20ער יאָרן איז ער געווען אין אַ קיבוץ, אין פּאַלעסטינע, און זיין ערשטלינג איז געווען אַ ראָמאַן פון דעם קיבוץ־לעבן. אין דעם בוך, ווי אין פיל פון זיינע שפּעטערדיקע ווערק, האָט ער געזוכט דעם זין פון יידישער אידענטיפיקאַציע. בכלל אָבער באַהאַנדלט ער די געמישטע שטראָמען צווישן דער ירושה פון דער יידישער שטעטל־קולטור מיט מאַרקסיזם, ציוניזם און דער אויסזיכט אויף אַסימילאַציע, באַגלייט מיט דעם אַמעריקאַנער טרוים דערפאָלג.

אין זיינע ווערק די נייע בריק, די אַלטע חברה, און זיין אויטאָביאָ־גראַפיש ווערק „אין זוכן" איז געשטאַלטיקט די פונדאַמענטאַלע אַב־

סערוואַציע פון דער אַמעריקאַנער יידישער סביבה. דאָס אָרט פון יחיד אין דער משפחה־אייִנהייט בעת די פאָרמאַטיווע יאָרן, ספּעציעל ביי קינדער פון אימיגראַנטישע עלטערן. דער מחבר האָט אין זיין שאַפן פאַרשפּיגלט דריי דורות יידן אין אמעריקע: דעם אָרטאָדאָקסישן יידן, וואָס געטרויט נישט די כשרות ביי זיין טאָכטער און ברענגט מיט זיך זיינע כשרע כלים צום עסן. ער שילדערט דעם קאָנפליקט צווישן דורות און ווי אַזוי די אַלטע יידישע טראַדיציעס זענען פאַרניכטעט געוואָרן אין דער נייער וועלט. די קינדער ציען זיך אַרויס אין אַן אַנדער געגנט און פאַרוואַרפן די דרכים פון זייערע עלטערן.

ער כאַראַקטעריזירט אויך די ענדערונג, וואָס קומט פאָר ביי איינעם פון זיינע העלדן (דזשאָ פרידמאַן), וועלכער הייבט אָן אַנדערש צו קוקן אויף זיינע אימיגראַנטישע עלטערן, איינזעענדיק, אַז זיי זענען ווייט נישט קיין קולטורעלע בראַדיאַגעס. ער אַנטדעקט דעם אידעאַליזם, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים און ער ווייזט אַרויס פאַר־שטענדעניש פאַר זייער גלויבן און אידעאַלן, מיט וועלכע זיי לעבן ווייטער. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז לעווינס ליטעראַרישע קאַריערע איז אפשר די לענגסטע פון אַלע אַנדערע אַמעריקאַנער יידישע שרייבער אין דער לאַנד־שפּראַך.

— ה —

ס'איז געווען אין אַמעריקע אַ צייט, (אין די 1930ער און אויך שפּעטער), ווען ס'איז שווער געווען צו געפינען אַן ענגלישן פאַרלאַג פאַר אַ ראָמאַן אויף אַ יידישער טעמע. און ווען עס איז שוין יאָ דער־שינען איז דער פאַרקויף געווען זייער קליין. זינט די 1950ער יאָרן איז דער ביכער־מאַרק אין אַמעריקע געוואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט אין יידישע טיפּן, אין יידישער טעמאַטיק. די באַציאונג פון די יידישע שרייבערס (אין אַ נישט יידישן אלף־בית) צום יידישן לעבן האָט זיך אין די יאָרן אויך שטאַרק געענדערט צום בעסערן. אין די 1920ער און אפילו שפּעטער האָט אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע זיך דאָרט אויסגעדרייט מיטן רוקן צום יידישן לעבן. די יידן־שרייבער, ווען זיי האָבן שוין יאָ געשילדערט די יידישע סביבה איז עס, בדרך כלל, געווען אין די שוואַרצסטע פאַרבן. דער באַקאַנטער יידישער זיך־האַס, („דער יידישער אַנטיסע־מיטיזם") האָט שטאַרק געבליט ביי די אָפּגעפרעמדטע זין פון פאָלק. כדאַי צו דערמאָנען, אַז צווישן ביידע וועלט־מלחמות איז די שרייבערישע וועלט געווען באַווירקט פון „לינקיזם". די פּראָ־קאָמוניסטן האָבן אונ־טער דעם שלייער פון דעקאַדענץ פון דער יידישער בורזשואַזיע געצייכנט כמעט אַלע זייערע יידישע טיפּן אין די העסלעכסטע פאַרבן!

מסתמא אַ פאַרענטפערונג פאַר זיך אַליין צוליב זייער נאַציאָנאַלער דערזערציע פונעם יידישן לעבן און פון יידישער אחריותדיקייט.

ערשט אין דעם קריטישסטן מאָמענט פון דער יידישער געשיכטע, סוף 1930ער און אָנהייב די פערציקער יאָרן קענטיקט זיך די ענדע־רונג. טיילווייז ווי אַ רעאַקציע קעגן דער היטלער־בעסטיאַלישקייט און דעם גרויסן יידישן חורבן; טיילווייז — די אַנטווישונג אינעם קאָמו־ניזם ווי דער אויסלייזער פון דער וועלט — אַלענפאַלס: עס האָט זיך געשאַפן גאָר אַן אַנדער קלימאַט אין די שילדערונגען פון דער יידישער ווירקלעכקייט, הגם עס איז נאָך אַלץ נישט געהאַט געקומען פאַר זיי די צייט פאַר אַ פולשטענדיקער אידענטיפיצירונג מיטן יידישן קיבוץ און יידישן גורל.

אינסטינקטיוו האָבן זיי אָבער אין די חורבן־יאָרן דערשפּירט, אַז ס'איז נויטיק טיפער אַריינצוקוקן אין דעם לעבנסקנויל פון דער יידישער פּראָבלעמאַטיק. זיי האָבן דעמאָלט אַליין איינגעזען, אַז דער אימיג־ראַנטישער דור וואָס האָט דורכגעמאַכט די ביטערע יאָרן פון שוויץ־סיסטעם אין די פאַבריקן, און אפילו די וואָס האָבן זיך שפּעטער ארויפגעהויבן אויפן עקאָנאָמישן לייטער פאַרדינען אויך אַ בעסערע באַצייכענונג ווי: דעקאַדענץ.

און נאָך אַ וויכטיקער פאַקטאָר:

דער דורכפאַל אַריינצוגיין אין דער דאָמינירנדיקער אַמעריקאַ־נער קולטור דורך אַסימילאַציע. זיי האָבן דערשפּירט אַן אַליענאַציע מחמת נאָר אויסערלעך איז דער ייד אריין אין דער אַלגעמיינער גע־זעלשאַפט, אָבער אינערלעך איז געבליבן פרעמדקייט.

(דער באַגריף אַליענאַציע האָט שפּעטער אָנגענומען פיל מער ווי אַן עטנישן כאַראַקטער. עס איז געוואָרן אַ טערמין מיט אוניווערסאַלע אימפּליקאַציעס פון אומזיכערקייט, פון פּחד אין דער וועלט אין וועלכער מיר לעבן: אַן אַנדייט פון קאַפקאַס וויזיע פון אַ מין קאַטאַקליזמישן סוף פון אַלע אונדזערע נאָרמאַלע אָנגענומענע כללים, וועלכע ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ קאָשמאַר).

ז

אייזיק ראָזענפעלדס אַ דורכגאַנג פון דער היים און אַלפרעד קעיזינס אַ גייער אין שטאָט האָבן אַרויסגעבראַכט רעמיניסצענצן פון זייערע יידישע היימען. ראָזענפעלד ווייזט ווי דאָס אייניקל פילט זיך נענטער מיטן זיידן און דערשפּירט צו אים אַן אינטימקייט, וואָס ער האָט נישט געהאַט פאַר זיין טאַטן מיט זיין סטעריילער יידישקייט פון צוויי און האַלבע טעג אין יאָר גיין אין סינאַגאָגע...

אַלפרעד קעיזין מאַכט אין זיין בוך אַן אינערלעכע רייזע פון זיין

ברייטער אַמעריקאַנער וועלט צו דעם פאַמיליע־קרייז אין אַלטן בראָנזוויל. עס איז אַ מין אינערלעכער חשבון־הנפש מיט אויטאָ־ביאָ־גראַפישע סימבאָלן פון עקזאַמינירן די דינאַמיק פון טאַטנס יידישן סאָציאַליזם. דער טאַטע — וועלטלעך פריי. די מאַמע — זייער פרום. און דער טיי־צימער פרייטאָג־צו־נאַכטס — אַ קאַפּיע פון אַדעס. ער גיט פאַקטועלע און בעלעטריסטישע פרטים פון אַמאָליקן יידישן לעבן. פון דער סינאַגאָגע, און פון דעם מלמד, וועלכער האָט נישט געקענט איינפלאַנצן אינעם קינד די פשטות און טיפקייט פון זיין אַ ייד. אַ דרך, וואָס האָט דערפירט צו דער דערמאָנטער „אַקולטוריזאַציע" ביי פיל יונגע יידישע אינטעלעקטואַלן.

אויך אין זיין בוך די ביטערע 30ער — אַ פּערזענלעכע געשיכטע פון די דעפּרעסיע־יאָרן — באַשרייבט קעיזין די דערפאַרונג פון די עלטערן און די דערפאַרונג פון די זין. דאָס איז נישט ביי אים קיין אויסערלעכע אָפּשפּיגלונג, נאָר אַן אינערלעכע אַרויסשפּיגלונג פון זיך, אַן אינערלעכע וויזיע פון דער סביבה.

ראָבערט וואַרשאָו האָט אין זיין אַ זקן איז אַוועק געגעבן אַ ווידמונג זיין פאָטער און וואָס ער האָט געזען אין אים: צערטלעכקייט, פרייד, מיטלייד און שטאָלץ צוליב זיין אָנגעהעריקייט צו אַ הויכער אידיי. ער כאַראַקטעריזירט אַזוי זיין פאָטער: „ער האָט געהערט צו דער (יידישער) סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווי איינער געהערט צו אַ געוויסן שטאַט, וואָס האָט אים געגעבן פריינד, עס האָט פאַרקערפּערט זיין קולטור".

ווער איך זיך נישט אָפּשטעלן דאָ אויף די שרייבער וואָס האָבן ווי דזשעראָם ווײַדמאַן, קאַטקאָוו און ענלעכע, אַרויסגעוויזן חוזק און האַס צו זייערע עלטערן און צום יידישן לעבן בכלל. זייער זעלבסט־האַס און ציניזם, האָט געצויגן יניקה פון זייער גייסטיקער באַדנלאָזיקייט. זייערע שילדערונגען פון יידישע כאַראַקטערן האָבן זיך נישט באַזירט אויף פאַקטישער דערפאַרונג פון די טיפן. אַליין האָבן זיי דאָך נישט געהאַט קיין שום אידענטיפיקאַציע און פּערזענלעכע פאַרבינדונג מיט דער יידישער סביבה און מיטן יידישן לעבן, פון וועלכן זיי זענען געווען הימל־ווייט.

דעריבער דאַרף מען זיך באַציען מיט גרויס רעזערוו צו דעם שרייבער (אַרניטש), וועלכער האָט געזוכט זיך צו פאַרטיידיקן (בנוגע דעם פאַרוווּרף פון „יידישן אַנטיסעמיטיזם") מיט אַזאַ זאַג: „איך ווייס, אַז מען וועט מיך רופן אַ שונא פון מיין פאָלק... אַ רענעגאַט, וואָס שפּילט אַריין אין די הענט פון די אַנטיסעמיטן... אָבער איך וויל דעם קראַנקן עגאָ פון מיין פאָלק נעמען און אים באַהאַנדלען קליניש"...

ענלעכעס האָבן מיר שפּעטער געהערט פון פיליפּ ראָט. ווען מען האָט אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער האָט צעקרומט דעם פּרצוף פון מיטל־

קלאַס ייד, אויף דעם האָט פיליפ ראָט אַזוי געענטפערט („שרייבנדיק וועגן יידן"): „איך באַנוץ זיך מיט יידישע טיפּן, כדי אַרויסצוברענגען דעם מאָראַלישן קריזיס פון אונדזער צייט". און דער ישראל־שרייבער אהרן מגד האָט גענומען אונטער זיין שוץ פיליפ ראָטן, זאָגנדיק, אַז זיין קריטיק פון דער יידישער קעגנוואַרט איז אַ המשך פון „דער גרויסער טראַדיציע פון ישעיהו". ער האָט אים ממש אַריינגעשטעלט אין דעם ברייטערן קאָנטעקסט פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור...

פיליפ ראָט געהערט צו דעם דריטן דור, וואָס זיינע עלטערן זענען שוין אויך געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע. זיי פיגורירן אין זיין פּאַרטנאָיס טענות — אַ ווערק וואָס האָט געמאַכט פאַרן מחבר אַזאַ גרויסע „פּובליסיטי".

נישט אָפּשטעלנדיק זיך דאָ אויף דעם בוך גופא, וויל איך נאָר באַמערקן, אַז ביז די 60ער יאָרן זענען דערשינען אין אַמעריקע עט־לעכע הונדערט ביכער אויף יידישע טעמעס אין דער לאַנדשפּראַך און זיי האָבן נישט מרעיש עולם געווען, הגם די ווערק האָבן אָפּגע־שפּיגלט די פּראָבלעמען, וואָס זענען געווען דאַן זייער אַקטועל: ווי ציוניזם און נאַציאָנאַליזם, אַסימילאַציע און אַנטיסעמיטיזם און אויך פּראָבלעמען פון געמישטע חתונות. זייער קנאַפּער דערפאָלג האָט דאַן אַרויסגערופן פאַרדאַכטן און באַשולדיקונגען קעגן די פאַרלעגער און רעדאַקטאָרן...

אָבער זינט די 60ער יאָרן האָט די יידישע טעמאַטיק אין שוואַרצן הומאָר אָנגענומען אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער. עס האָט פאַרקערפּערט איינזאַמקייט, איזאָלאַציע — אַ כמו היסטערישע אַטמאָספער פון נער־וועזיטעט אין דער מאָדערנער וועלט. די א"ג שוואַרצע קאָמעדיע איז געוואָרן דעמאָלט די פּאָפּולערסטע ריכטינג אין דער אַמעריקאַנער ליטע־ראַטור. אין ראָמאַן, אין דערציילונג, ווי אין דער קריטיק האָבן זיך אַרויסגערוקט אויבן־אָן אַזעלכע שרייבער, ווי: בערנאַרד מאַלאַמוד, סאָל בעלאָ, י. ד. סאַלינדזשער, אַלפרעד קעיזין, לעזלי פידלער, סוזאַן זאָנטאַג, יוסף העלער, הערבערט גאָלד און אַנדערע.

אויף אין דער דראַמאַטורגיע און פּאָעזיע האָבן אַזעלכע נעמען, ווי: אַרטור מילער, פּעדי טשאַיעווסקי, דזשעק געלבער — אַרויסגע־גלאַנצט אין דער טעאַטער־וועלט, און די פּאָעטן עלען גינזבורג, קלעמענס גרינבערג, קאַרל שאַפּיראָ און אַנדערע האָבן אויך געלאָזט פון זיך שטאַרק הערן.

עס דערמאָנט זיך, אַז דער שרייבער דזשאָן אַפּדייק האָט אַמאָל אין ניו־יאָרקער פאַרעפנטלעכט די נעמען פון אַ ריי שרייבער אין פערזן. איז בלויז איינער פון זיי נישט געווען פון יידישן אָפּשטאַם. די איבעריקע האָבן געהערט צו די אַמעריקאַנער יידישע שרייבער אין

דער לאַנד־שפּראַך. ווײַל איך נאָך אַמאָל אונטערשטרײַכן אַז ווײַט נישט פון אַלע ייִדישע שרײַבער אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור האָבן מיר געהאַט נחת. אַ באַדײַטנדיקער טייל פון זיי — דער עיקר פון צווייטן דור — האָבן פאַרשפּיגלט אין זייער שאַפן העסלעכע מוסטערן פון שפּאַט און פאַראַכטונג צו זייערע עלטערן און צום ייִדישן לעבן בכלל. אָבער בײַ אַ טייל פון זיי האָט דער היטלער־חורבן און דער אויפקום פון מדינת־ישראל ארויסגערופן אַן אַנדערע באַציאונג צו זייער אָפּשטאַם, אַ נאָסטאַלגיע צו די אימיגראַנטישע היימען פון די עלטערע דורות. זיי האָבן אָנגעהויבן אָפּשאַצן דאָס פּאָזיטיווע פון דעם אימיגראַנטישן ייִדישן דור, פון די אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וואָס ער האָט אויפגעבויט, פון דער פאַרצווייגטער ייִדישער געזעל־שאַפטלעכקייט און פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט משפּיע געווען די גאַנצע אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג אויף פיל געביטן פון פּאָליטישן און סאָציאַלן קאַמף. אָט די שרײַבער האָבן אײַנגעזען, אַז דער צווייטער ייִדישער דור, דער ענגליש־רעדנדיקער, איז ווײַט געבליבן הינטערשטעליק לגבי דעם ערשטן. אַליין האָט ער גאָרנישט געשאַפן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אים געבן דאָס רעכט צו קוקן מיט ביטול אויף זײַנע אימיגראַנטישע עלטערן.

פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו טראָגט אָבער דער ערשטער ייִדישער אַמעריקאַנער דור אַ גאָר גרויסע שולד פאַר די זינד פון זײַנע קינדער. דער מיטאָס פון אַמעריקאַנער טרוים („סוקצעס״), אַז יעדער קען ווערן דערפאָלגרײַך, האָט גורם געווען דעם פּסיכאָז בײַ די אימיגראַנטישע עלטערן, וועלכע האָבן אַלע זייערע האָפענונגען געלייגט נאָר אויף דעם קאַריעריסטישן דערפאָלג פון זייערע קינדער. זיי זענען געווען צופרידן, וואָס זייערע אייגענע חלומות צו קענען שטײַגן אויפן סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לייטער ווערן כאָטש פאַר־ווירקלעכט בײַ זייערע קינדער. דאָס איז געווען אַ מין פאַרגיטיקונג פאַרן אייגענעם שווערן לעבן.

ערשט בײַ דער דריטער גענעראַציע פון ייִדישע אַמעריקאַנער שרײַבער געפינען מיר דעם העלד, וואָס געפינט נישט קיין גליק און באַפרידיקונג אין זײַן עשירות און ער בענקט נאָך זײַן פאַרלוירענער יוגנט מיט אַ נאָסטאַלגישן צוריק־בליק, שוין נישט צו די טאַטעס, נאָר צו די זיידעס. און מיר געפינען אויך אַזאַ פּראָבלעם, ווי דער פונאַנ־דערפאַל פון דורות און פון משפּחה־צוגעבונדנקייט, וואָס איז נישט קיין ספּעציפיש־ייִדישע, נאָר אַן אַלגעמיינע דערשיינונג אין אַמע־ריקע (ווי אין אַנדערע לענדער), דאָך האָט עס אָנגענומען בײַם צווייטן ייִדיש־אַמעריקאַנעם דור אַזעלכע פאָרמען, וואָס זענען נישט געווען קענטיק בײַ אַנדערע עטנישע גרופּן.

בעלאָ, מאַלאַמוד, מעילער און נאָך אַנדערע אַמעריקאַנער ייִדישע

שרייבער האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף דעם שולד־געפיל — די שולד פון דער קריסטלעכער וועלט בעת דעם נאַצישן חורבן. מאַלאַמוד האָט אין זיינע ווערק אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן אינטערעס צו די, וואָס זוכן זיך איבערצובעטן מיט זייער יידישער ירושה. די יידן — ווי ער שילדערט זיי — זענען אַ פאָלק, אַ שבט, אָבער יעדער פון זיי איז אַן איינזאַמער וואַנדערער, און די וועלטן, וואָס ער האָט געזוכט, זענען ווייט נישט געווען די, וואָס ער האָט געזען. ער האָט געמוזט זוכן צו באַלאַנסירן צווישן דעם, וואָס ער האָט געוואָלט און וואָס ער איז געצוווּנגען געווען צו טאָן.

לעזלי פידלער, אין זיין ווערק צוריק קיין כינע, וויזט אָן אויף דעם קרענקלעכן יידישן טיפּ, וועלכער וויל זיין וואָס ווייטער פון יידן. ער שילדערט דעם ייד פינקעלשטיין, אַ לערער פון ליטעראַטור. קיין שום זאַך האָט ער נישט אַזוי פיינט, ווי זיך צו טרעפן מיט אַנדערע יידן. פון זיין רעליגיעזן עבר געדענקט ער קוים די ערשטע צוויי ווער־טער פון קדיש... יידישע קולטור איז פאַר אים אַ שטאַרבנדיקע. אָבער וואָס ער זעט נישט איז, אַז זי איז מער פון אַלץ אַ דורכדרינגענדיקע, וואָס באַליכט דאָס אינעווייניקסטע וואָס איז באַהאַלטן אין די פינצטערע ווינקעלעך. (סאָל בעלאָ באַמערקט ערגעץ, אַז די עגיפּטער זענען געווען געראָכטע, וואָס זיי האָבן אַ קאַץ געמאַכט פאַר איינעם פון זייערע געטער. זיי האָבן געוווּסט, אַז נאָר די אויגן פון אַ קאַץ קענען דערזען דאָס אינעווייניקסטע פון דער פינצטערניש...)

פון גאָר וויכטיקער באַדייטונג זענען די איצטיקע נשמה־אויפ־ברויזן ביי דעם יונגן דור. אמת, ביי אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער יידישער יוגנט פעלט נאָך דער יידישער באַוווסטזיין און עס ציט זיי אַוועק צו דער ברייטער וועלט, מחמת זיי זעען אַן ענגשאַפט אין די ראַמען פון יידישן לעבן. זיי גלויבן, אַז זייער אָרט איז אין אַ מער ברייטערער געזעלשאַפט מיט אַלמענטשלעכע אידעאַלן. די יידישע יוגנט, וואָס האָט זיך געהאַט אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין קאַמף קעגן ראַסן־דיסקרימינאַציעס, לטובת די נעגער, פאַר איר איז דאָך, יידיש פאָלק געווען נאָר אַ מין פּראָווינצער נאַציאָנאַליזם, מיט וועלכן עס איז נישט כדאי זיך צו פאַרנעמען, בעת עס איז פאַראַן אַזאַ ברייט פעלד פון פאַראינטערעסירונגען מחוץ דעם יידישן לעבן.

*

חיים פּאָטאָק האָט אין זיינע ביכער זיך פאַרנומען מיט דער יידישקייט פון וויליאַמסבורג. דער מחבר, וועלכער איז אַליין אַ פּראָ־דוקט פון צוויי קולטורן — פון דער יידיש־רעליגיעזער און פון דער מערב־קולטור — האָט געזוכט אין זיינע פּערסאָנאַזשן — אויך ביי

די, וואָס רייסן זיך אַרויס פון דער שטו־ענג־געצוימטער וויליאַמס־בורגער ייִדישקייט און זײ זוכן צו פֿאַר־אײגענען און פּאַרבינדן די מערב־קולטור מיט דער ייִדיש־רעליגיעזער. דער מחבר גלויבט, אַז אין ייִדנטום איז פֿאַראַן גענוג פּלאַץ צו מאַנעווורירן אויפֿן געביט פון אַנשויאונגען און אידייען, אַז דער מאָדערנער ייִד מוז נישט אויפּ־געבן זיין ייִדישקייט צוליב דער מערב־קולטור, מחמת זײ קענען ביידע האַרמאָניש זיך צונויפגיסן אין אַ גאַנצקייט. דאָס איז דאָך אין איינ־קלאַנג מיט דער איינשטעלונג פון דער מאָדערנער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור און דערציאונג, וועלכע מיר האָבן זיך באַמיט איינצופלאַנצן אין מזרח־אייראָפּע און דערגרייכט זייער גוטע רעזולטאַטן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

חיים פּאָטאָק שילדערט זיינע העלדן אויפן אַמעריקאַנער הינטער־גרונט, ווו די ייִדישע אָרטאָדאָקסיע האָט אין איר רעליגיעזער דער־ציאונג אויך אריינגעפּירט וועלטלעכע בילדונג. אָבער וויליאַמסבורג איז אַ באַזונדער פּלאַנעט, ווו עס האָבן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן פֿאַרשידענע חסידישע סעקטעס און רבייאישע הויפֿן. נאָכן נאַצישן חורבן האָבן די געראַטעוועטע רעשטלעך פון דער חסידישער וועלט, וועלכע זענען אַריבער דעם אָקעאַן, — מיט דעם ברען פון זעלאָטן, גענומען אויף זיך די ראָל צו קעמפן קעגן דעם 20סטן יאָרהונדערט אין די וויליאַמסבורגער שטובן און גאַסן.

דער מחבר שילדערט די שטרייטן צווישן די אונגאַרישע חסי־דים מיט אַנדערע אָרטאָדאָקסישע ייִדן, וועלכע זענען מער טאָלעראַנט און זענען נישט אַזוי פאַרביסן קעגן אַלץ, וואָס עס שטעלט מיט זיך פֿאָר די נייע צייט. אין אַ געוויסן זין האָט דער מחבר באַלויכטן נישט נאָר וויליאַמסבורג (און אַלץ וואָס דער נאָמען רעפּרעזענטירט), נאָר אויך אַנדערע סעקטאָרן פון אַמעריקאַנער ייִדנטום, אַרויסהייבנדיק די פּראָבלעמען און קאָנפליקטן צווישן די פֿאַרשידענע ריכטונגען פון ייִדישן רעליגיעזן לעבן אין אמעריקע. און אַז מען וויל קען מען זיינע שילדערונגען אויסברייטערן אויך בנוגע די פֿאַרשידענע ריכטונגען און באַנעמונגען פון ייִדישקייט בכלל ביי די אַדער אַנדערע גרופּירונגען. די כאַראַקטעריזאַציע פון דעם צדיקס זון, דעני, וועלכער ווערט ביי די נישט־ייִדן באַטראַכט ווי אַ הייליקער (אַ מין ייִדישער אַליאָשע ראַס־קאָלניקאָוו אין דעם מיט פון 20סטן יאָרהונדערט) איז דאָך אַזאַ, אַז ער גייט אויך נישט ממשיך זיין דעם פֿאָטערס ראָל און רייסט זיך אַרויס פון דער ראַבייאישער דינאַסטיע.

דער ריס צווישן דורות, האָט הייסט עס אויך נישט אויסגעמיטן אָט די אָרטאָדאָקסישע וועלט. און זי האָט נישט באַוויזן איינצוהאַלטן די קינדער אין איר גייסט. דער מחבר גופא האָט עפנטלעך דער־קלערט: „איך האַלט אַמעריקע נישט נאָר פאַר מיין פיזישן פֿאָ־

טערלאַנד, נאָר אויך פֿאַר מיין גייסטיקן" און ער האָט דעם אני מאמין געשטאַלטיקט אין זיינע יונגע העלדן, וועלכע פילן זיך ווי געטריישע זין פון יידישן פאָלק און גלייכצייטיק פון דער מערב־קולטור. ער ווייזט אָבער, ווי נישט לייכט עס איז צו זיין — און בלייבן — אַ ייד אין אונדזער צייט ביי אַלע יידישע ריכטונגען, די אָרטאָדאָקסישע אַריינגערעכנט. פּאָטאָק געהערט דאָך אויך צו די אַמעריקאַנער יידישע שרייבער אין דער לאַנדשפּראַך, וועלכע האָבן אין זייער שאַפן געשילדערט די געפאַרן און נסיונות, וואָס די יידישע יוגנט באַגעגנט אויף איר וועג, ווען זי גייט צו דער גרויסער וועלט. ער זוכט צו געפינען אַ טאָלערירטן וועג פאַר דעם יידישן גורל, וואָס קען זיך נישט אָפּשליסן אין זיך אַליין.

אין דער היינטיקער צייט איז גוט צו הערן די שטים פון אַזאַ שרייבער, וועלכער באַטאָנט (אין זיינע אינטערוויוען), אַז מיר קענען זיך נישט איזאָלירן פון דער וועלט, מחמת מיר האָבן דאָרטן אויך שונאים. דאָס, זאָגט ער, איז נישט דער וועג פון דער ספּעציפישער יידישער וועלט־אָנשויאונג פון אונדזער דור, און אויך נישט פון די פריערדיקע יידישע דורות, וועלכע האָבן געשטרעבט אַריינצודרינגען אין דער וועלט־אָנשויאונג פון מערב. איך וועל דאָ ציטירן פון זיין קאָנצעפּציע, וואָס איז אין תוך פאַרקערפּערט אין אַלע זיינע בעלעטריסטישע ווערק. ער זאָגט: „דאָס יידנטום איז פון בראשית אָן געבוירן געוואָרן ווי אַ קולטור־מאַכט, וואָס דאַרף קעמפן קעגן די קולטורן, אין וועלכע זי דרינגט אַריין. אין דעם קאַמף האָבן יידן אויסגעבויט פאַר זיך אַ נייע, רייכע יידישע וועלט־אָנשויאונג". ער גיט אַ ריי ביישפּילן פון דער געשיכטע; אין די צייטן פון די כנענים, שפּעטער דער קולטור־קאַמף קעגן העלעניזם, נאָך דעם — קעגן דער קריסטלעכער וועלט, קעגן דער איסלאַמישער, און איצט קעגן די אַסימילאַציע־איינפלוסן פון דער מערב־וועלט...

זיין אויספיר איז: מיר זענען אַ קליין פאָלק מיט אַ מעכטיקער קולטור, וואָס קעמפט קעגן פיל גרעסערע קולטור־פעלקער. פּאָקטיש געפינט זיך די גאַנצע וועלט אין דער מיט פון אַ העפטיקן קולטור־קאַמף. ווען דער איסלאַם וואָלט היינט געווען די זעלבע רייכע, שטאַרקע קולטור, ווי מיט אַ טויזנט יאָר צוריק, וואָלט צווישן אונדז מיט זיי ווייטער געווען אַ קולטור־קאַמף; אָבער ווייל ער איז היינט אין קולטורעלן זין אָפּגעשוואַכט. זענען נאָר פאַרבליבן נעאָ־פּאָליטישע אויסדרוקן פון דעם קאַמף.

חיים פּאָטאָק, וועלכער געהערט צו די מער־אינטעלעקטועלע יידישע שרייבערס אין דער לאַנדשפּראַך, האָט אין איינעם פון זיינע ווערק אויך באַהאַנדלט אַ „געמישטע" חתונה, אָבער מיט אַן אונטערשייד... דעם צדיקס זון, דעני, האָט חתונה מיט אַ מיידל שוין

נישט פון דער חסידיש־אָרטאָדאָקסישער גזע, נאָר פון דער ליבע־ראַלער רעפאָרם־ייִדישקייט — מיט רחל גאָרדאָן, די סאָפיסטיצירטע טאָכטער פון פּראָפעסאָר יוסף גאָרדאָן, וועלכער האָט מיט זיינע ווערק ארום דער סעקולאַריזאַציע פון דער יידישער רעליגיע אַרויסגערופן קעגן זיך דעם גרימצאָרן פון דער חסידיש־אָרטאָדאָקסאַלער וועלט.

בעת איך האָב געלייענט פּאָטאָק ביכער האָבן איך געזען, אַז ער האָט אויטאָביאָגראַפישע סימבאָלן פאַרקערפערט אין זיינע העלדן און אין דער פאַרבינדונג פון דניאלן מיט רחלען פאַרשפּיגלט די גראַוויטאַציע און צונויפגיסונג פון דאָס בעסטע אין דער מערב־קולטור (רחל) מיט דעם טיפערן אויסדרוק פון דער רעליגיעזער יידישקייט־פילאָזאָפיע (דניאל). ווי מיר ווייסן איז עס דאָך טאַקע געשען מיטן מחבר גופא, וואָס שטאַמט פון דער חסידישער גזע (זיין פאָטער — אַ טשאָרטקאָווער חסיד; די מאַמע — פון דער רוזשינער דינאַסטיע); און געלערנט אין דער סאַלאַנטער ישיבה, באַקומען דאָרט סמיכה; איינצייטיק שטודירט און באקומען אַ דאָקטאָראַט פון פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע.

ווייס איך נישט צי ער האָט פּראַקטיצירט שפּעטער אַלס ראַביי, אָבער מיר איז באַקאַנט, אַז ער האָט בעת דער מלחמה אין קאָרעאַ געדינט אַלס „טשעפּלעין" אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. ליגט פאַר מיר איצט אַן אָפּגעדרוקטער אינטערוויו זיינער, וואָס ער האָט געגעבן דער „ניו־יאָרקער נעישאַנאַל בראָדקאַסטינג קאָמפּאַני", אין וועלכען ער דערציילט, ווי אַזוי די איבערלעבונגען און דערפאַרונגען אין קאָרעאַ זענען פאַרפיקסירט געוואָרן בעלעטריסטיש אין זיינע ווערק, דורך אַ טראַנספּאָזיציע פון קאָרעאַ קיין וויליאַמסבורג, פאַרשפּיגלט סאָזשעטיש און טיפּאַזשיש, דורך אַ חסידישן לבוש און שטייגער־לעבן.

געקומען איז ער קיין קאָרעאַ מיט זיין גייסטיקער לעגיטימאַציע פון דער חסידישער רעליגיעזער שטוב און פון אַ יסודותדיקער יידישקייט, וואָס האָט זיך ביי אים צונויפגעגאָסן מיט זיין סעקולערער אויסבילדונג. די קולטור פון מערב־אייראָפּע און די מזרח־אייראָפּעישע יידישקייט האָבן ביי אים געהויזט צוזאַמען האַרמאָניש. דערציילט ער אָבער, וואָס פאַר אַ ווענדפּונקט עס איז אין קאָרעאַ פאָרגעקומען אין זיין לעבן, ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט די דאָרטיקע ליידן („איך גלויב עד היום נישט וואָס מיינע אויגן האָבן דאָרטן געזען"), זינלאָזע יסורים אָן אַ שום פאַרענטפערונג. איינצייטיק האָט ער זיך דאָרט אָנגעשטויסן אויף דערפאַרונגען פון פעריפעריע־עלעמענטן אין דעם טייל אַזיע, וואָס ר'האָט נישט געטראָפן אין אמעריקע און זענען אים ביז קאָרעאַ געווען נישט באַקאַנט.

דער פּראָבלעם פון ליידן און גייסטיקע קריזיסן איז שפּעטער געוואָרן אַ ווינקלשטיין אין פּאָטאָקס ווערק. און געזוכט האָט ער, ווי

ער דערציילט אין אינטערוויו, צו געבן אַ ידישלעכע פּערזאָניפיקאַציע און פּאָבולע אין זיין שאַפן, זיינע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען בעת דער מלחמה אין קאָרעאַ. פּאָטאָק האָט ביי דער געלעגנהייט אויסגעטייטשט זיינע כוונות אין דער געשטאַלטיקונג פון זיינע העלדן (אַשער לעוו, דניאל סאַנדערס און אַנדערע); ווי אַזוי ער האָט די גרויזאַמקייטן פון קאָרעאַנער פראָנט טראַנספאָרמירט און איבערגעשטאַלטיקט אויפן באָדן פון וויליאַמסבורג, מיט אירע רעליגיעזע שפּאַנונגען און מלחמות צווישן די באַזונדערע חסידיש־רעליגיעזע אַנדערע שיטות, זייערע קאָנפראָנטאַציעס, וואָס האָבן דערפירט צו אַ גרויזאַמקייט און סאַדיזם — גרויזאַמקייט קען אויך דאָך זיין אַ גייסטיקע! — אין די קאַמפן פון די ר׳ קלמנס קעגן די, וועלכע ער האָט באַטראַכט פאַר אַפּיקורסים.

אגב, דערציילט ער פון זיין פּערזענלעכן לעבן, בעת ער איז נאָך געווען אין דער ישיבה, אין רבנים־סעמינאַר, און אָנגעהויבן קריטיש זען און באַטראַכטן דעם טראַדיציאָנעל־אָרטאָדאָקסאַלן־ידישקייט־באַנעם. ווי נאָר זיין רבי האָט עס באַמערקט האָט זיך געשאַפן אַ ריס צווישן זיי, — מ׳האָט אפילו אויפגעהערט מיט אים (דעם אפּיקורס) צו רעדן! „איך האָב פאַרלוירן במשך פון אַ צענדליק יאָר פריינד — אַ גאַנצע וועלט, זייער אַ וואַרעמע, אַ באַשיצנדיקע — איז פאַרשווונדן פון מיין לעבן. ס׳איז געווען ביי מיר ווי כ׳וואָלט אויפסניי פון אָנהייב געדאַרפט אויפשטעלן מיין וועלט״.

דאָס איז מיר, פּערזענלעך, נאָענט און אייגן, טאָקע אָט די אַגאָניע. און כ׳האָב עס געזען אין דער שילדערונג וואָס ר׳ קלמן מיט זיין חברותא פירן קעגן דעם פאָטער פון זיין בעסטן תלמיד מאַלטער אין דער ישיבה (מחמת זיין אויפווייזן די פאַרגרייזטע טעקסטן, וואָס די סופרים האָבן געמאַכט ביים איבערשרייבן די ספרים).

אויף דער פראַגע פון אינטערוויוער, ווי אַזוי קען ער אַלס ראַביי אַקצעפּטירן די פילאָזאָפיע פון דער מערב־ליטעראַטור, וואָס ברעכט דאָך אימאַזשן פון געירשנטע הייליקע טראַדיציעס? ענטפערט פּאָטאָק: „איך האָב איבערגעריסן מיט דעם פונדאַמענטאַלן עלעמענט פון דער ידישער טראַדיציע און איך קען צו דער וועלט זיך מער נישט צוריקקערן״. און וועגן זיין שאַפן דערקלערט ער, אַז דער בונטאַרישער יחיד, וואָס האָט דערזען די מאַסקעס פון די מענטשן, זוכט ער, שאַפעריש, צו געבן עקספּרעסיע אין אַן עסטעטישער פאָרם (דורך וואָרט, געמעל, מוזיק, סקולפּטור), זיינע דורכגעמאַכטע אייגענע שפּאַנונגען״. אין אַ געוויסער מאָס, זאָגט ער, איז דאָך ליטעראַטור דער אינסטרומענט פונעם בונטאַר — דעם יחיד פון יעדוועדער סביבה — וואָס געפינט זיך קידער־ווידער מיט דער וועלט אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן, דערציייגן געוואָרן אין זיך דערנערט — מחמת בעת זיין וואַקסן און

אַנטוויקלונג, האָט ער באַנומען די גרעסערע און קלענערע היפּאָ־קריזיעס אירע. הגם ס'איז מעגלעך פּאָר אים צו פאַרשטיין, אַז זיי זענען נאָר „אַ פּאַרטיידיקונגס־מעכאַניזם צו קענען לעבן אין אַט דער שווערער וועלט".

זעען מיר טאַקע ווי פּאַטאָקס צענטראַלע העלדן זענען בונטאַרן און קעמפּער. און זיי ראַנגלען זיך מיט ציין און נעגל פאַר זייערע אמתן און איבערצייגונגען. האָבן מיר טאַקע אין זיינע פּערסאָנאַזשן, אין די מאָל־טערס, די אַשער לעווס, די ראובן גאָרדאָנס — אַנצורופן נאָר עטלעכע נעמען — דעם מחברס אויטאָביאָגראַפישע פראַגמענטן און סימבאָלן. דערציילט דאָך פּאַטאָק (אין דעם אינטערוויו) ווי אַזוי ער איז איבער־געגאַנגען — נאָך יאָרן פון זיינע דערפאַרונגען אינעם יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר אין אַמעריקע, — פון דער ידישער טראַדיציאָנעלער יסודותדיקייט צום מערבדיקן באַנעם פון דער ידישער טראַדיציע. איך האָב דערביי נישט איבערגעריסן מיטן עבר, נאָר פון איין שטח אַריבער צו אַן אַנדערן. איך האָב איינגעזען, ווי אַזוי מען קען אויס־נוצן בעלעטריסטיק, ווי די אַנטיקע גריכן האָבן דאָס געטאָן מיט טראַ־געדיע און עס באַהאַנדלט ווי אַ קאָנפליקט צווישן גוט און שלעכטס; און ווי אַזוי דער יחיד, איינגעקלאַמערט אין דער וועלט וואָס האָט אים געגעבן לעבן, רייסט זיך צו אַן אַנדער וועלט, אַ מער באַוועג־לעכער. און צייטנווייז מוז ער זיין אין ביידע וועלטן, הגם נישט תמיד קען ער דאָס טאָקע באַווייזן.

פּאַטאָקס דעני איז נישט אַוועק פון רעליגיע, און נישט אפילו פון דער חסידישער וועלט („עס איז מיין וועלט און איך האָב מחוץ איר נישט געזען עפּעס בעסערס"). דאָס שטודירן די וועלטלעכע לימודים, דאָס לייענען דאַרווינען, פּרוידן און דאָס אַלץ, וואָס ער האָט ווי אַ דאָקטאָר־פּסיכאָלאָג געקענט באַקומען פון דער מערב־קולטור, פון איר וויסנשאַפט, האָט אים נישט אָפּגעריסן פון דער ידישער וועלט, פונעם ידישן גייסט.

איך האָב זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף די דערקלערונגען פון פּאַטאָקן אין זיין אינטערוויו, מחמת זיי גיבן אַ שליסל צו קענען בעסער באַנעמען די פּראָבלעמען, אידייען, געראַנגלען און ריסן וואָס זענען פאַרשפּיגלט אין זיינע ביכער, און דאָס פּערזענלעכע פון אים גופא. מוז איך זיך אָבער באַגרענעצן און דורכלאָזן אַ ריי אַנדערע באַרירטע פּראָבלעמען וועגן קונסט און רעליגיע, און די דילעמע צווישן צעטיילטע לאָיאַליטעטן (אַשער לעווס דילעמע אינעם געמעל פון געקרייציקטן); וועגן זיין צוגאַנג צו ידישער געשיכטע און אירע ציוויליזאַציעס און וועגן מדינת ישראל (אירע גייסטיקע פּראָבלעמען). זיי זענען אינטערעסאַנט און אַנרעגנדיק, אָבער אויך אין אַ בוך מוז מען זיך דאָך רעכענען מיט דער גרויס פון אַן אָפּהאַנדלונג. שטעל

איך דעריבער אַ פּונקט דאָ וועגן דעם שרייבער, מאַלער און ראַביי, חיים פּאָטאָק, און כ'גיי איבער צו אַן אַנדער טיפּ פון אַ ראַביי. דאָס איז:

נח גאָרדאָנס „דער ראַביי"

גאָרדאָנס בוך „דער ראַביי", הגם פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז דאָ זייער אַ סך פאַרצוואָרפן, איז עס אָבער אויך איינע פון די ידישע ווערק אין דער לאַנדשפּראַך, וואָס וואַרפן אַ געוויסע שיין אויף אַן אָפּשניט פון ידישן רעליגיעזן לעבן אין אַמעריקע; און אויף דעם פּראָבלעם פון געמישטע חתונות, ווו דער ראַביי אַליין איז אין דעם פּערזענלעך אַנגאַזשירט; אויך וועגן די איבערלעבונגען פונעם קריסטלעכן צד בעת און נאָכן מגייר זיין זיך, בפרט ווען זי, די גרטע ווערט אַ רביצין און קומט אין אַן אָפּטן באַריר מיט דעם אַלעם וואָס קומט פאָר אין און אַרום די סינאַגאָגעס און טעמפּלען.

עס איז געוויזן פון גאָר אַן אַנדער קוקווינקל, ווי מיר זעען עס ביי חיים פּאָטאָק, און ביים לייענען די ווערק פון ביידע שרייבערס דערוועקן זיך אַ סך אַנאַלאָגיעס פון די פאַרשידענע ווינקלען פונעם ידישן רעליגיעזן לעבן אין אַמעריקע.

פאַרן צוטרעטן צום אַנאַליז פון בוך, וויל איך מאַכן אַ שטיקל דיגרעסיע וועגן דעם וואולגאַרן טיפּ פונעם ידישן קאָמיקער אין אַמע־ריקע, וואָס פיגורירט אויך, אין פּראָפיל, אין גאָרדאָנס בוך.

נישט לאַנג צוריק האָב איך געלייענט אין אַן ענגלישן זשורנאַל, אַז די פּראָפעסיאָנעלע ידן־קאָמיקערס אין אַמעריקע בילדן אַכציק פּראָצענט פון דער בראַנזשע (און ידן זענען דאָך נאָר, בערך דריי פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד). זוכן פּסיכאָלאָגן די סי־בות פון דעם און האָבן דורכגעפירט אַנקעטעס צווישן די ידישע קאָמיקערס, פון וועלכע זיי זענען געקומען צו געוויסע אויספירן. עס איז ריכטיק, אַז ביי ידן איז הומאָר, אפילו אין די שווערסטע ציטן, געווען אַ פאַרטיידיקונגס־מעכאַניזם קעגן דער אַגרעסיווער שינאה לגבי זיי. מיר האָבן וועגן דעם געשריבן, ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, וועגן דער ראָל פון ידישן וויץ פאַר די ידן אין די היטלעריסטישע געטאָס און טויט־לאַגערן (אגב, האָט אַ ידישער קאָמיקער אין זיין ענטפער אויף דער אַנקעטע דערגרייכט צו אַזאַ מין אַבסורד־בראַוואַדאַ, אַז ביים דאַרפן גיין אַפילו אין אויוון אַריין וואָלט ער אויך נישט אויפגעהערט צו דערציילן וויצן...).

כאַראַקטעריסטיש איז אָבער דער אויספיר פון אַט די פּסיכאָ־לאָגן, אַז דורך דעם זשאַנער זוכן די ידישע קאָמיקערס צו ווערן אַקצעפּטירט פונעם נישט־ידישן אַרום, און באַמערקן אגב, אַז גאָר ווי־ניק פון זיי רעדן וועגן זייער ידישקייט מיט שטאָלץ... דאָס איז צו

אידל גערעדט, מחמת, ווי איך האָב געהערט, קרייציקן זיי מיט די וווּלגאַרסטע וויצן דעם ידישן פּנים בכדי געפעלן צו ווערן („אַקצעפּ־טירט”) ביי די גוים. פאַרוואָס דערמאָן איך עס דאָ? מחמת נח גאָר־דאָן רעאַגירט אויך זייער שאַרף אין זיין בוך קעגן אָט די קאָמיקער יידן־פּרעסער, וואָס האָבן אַ ידישן אָפּשטאַם. דער מחבר טוט עס — און בכוונה — דורכן מויל פון אַ געוועזענע קריסטין, די נעכטיקע שיקסע וואָס האָט זיך מגייר געווען בכדי צו קענען חתונה האָבן מיטן ראַביי. זי איז אַ טאָכטער פון אַ פּראָטעסטאַנטישן גלח, רעווי־רענד דזשאָן ראַוליס, און ער, דער גלח, זאָגט איר—ווען זי קומט צו אים צו גאַסט — „איך קען זיך נאָך אַלץ נישט צו־גלייבן, אַז דאָס מיידל וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַזאַ פרום קריסטלעך הויז זאָל פאַרליי־קענען יעזוסן”. און יעדעס מאָל ווען זי באַזוכט אים חזרט ער איבער זיין בקשה, זי זאָל תשובה טאָן „עס גייט מיך נישט אָן ווי לאַנג עס איז שוין זינט דו האָסט מיט אים (מיטן ראַביי) חתונה געהאַט. עס איז קיין מאָל נישט צו שפּעט, פאַר קיין זאַך, פאַר יעזוסן”.

ברענג איך עס, מחמת אין אונדזער ליטעראַטור ווערט, לרוב, נאָר דערציילט וועגן די געפילן, איבערלעבונגען פונעם ידישן צד, אָבער נישט פונעם קריסטלעכן. און בכדי מ׳זאָל נישט מיינען, אַז נאָר ביי אַ רעווערענד איז דאָס אַזאַ טראַגעדיע, איז אין גאָרדאָנס פאַ־בולע אויך דאָ אַ געשיכטע מיט געוויינלעכע קריסטלעכע עלטערן, אין וועמענס טאָכטער עס האָט זיך פאַרליבט און חתונה געהאַט דער זון פון פּראָפעסאָר סידנעי לאַנדוי. אָט דער ידישער פּראָפעסאָר רעדט זיך פון האַרצן אַראָפּ פאַרן ראַביי, אויסבאַהאַלטנדיק זיינע טרערן דורך אַ וויץ, בעת ער דערציילט ווי אַזוי עס איז פאַרגעקומען זיין ערשטע באַגעגעניש מיט די קריסטלעכע מחותנים און „זיי זענען דאָך געווען פונקט אַזוי דערשלאָגן און באַזאָרגט, ווי מיר...”

מען קען זאָגן, אויפן סמך פון דעם, וואָס כ׳האָב געהערט לעצטנס דערציילן אין אַמעריקע — אַז דאָס איז היינט גאָר אַ סך גע־ענדערט געוואָרן צוליב דעם וווּקס פון דער צאָל געמישטע חתונות ביי יידן („צרת רבים”...). מיר איז אויסגעקומען ביי אַ באַקאַנטן צו זיין אַ פּרייטיק־צו־נאַכטס ביים טיש־מאָלצייט. זיין שנור — אַ גרטע, האָט געצונדן ליכט און אויף איר חשבון האָט דער באַקאַנטער מיינער זיך געחכמעט, ווי אַנגעזען זי איז אין וויצאָ און אין דער הדסה אָרגאַ־ניזאַציע, צוגעבנדיק אַ „ראַזשינקע”, ווי פרום זי היט אָפּ ידישקייט, מערער ווי די פרומסטע ידישע טעכטער. זי האָט טאָפּלטע כלים אין קיך: פאַר מילכיקס באַזונדער און באַזונדער פאַר... חזיר־פליש...

אָבער אָן די „חן־גריבעלעך” איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, וואָס איך האָב געלייענט אין נח גאָרדאָנס בוך, אין דער שילדערונג, ווען לעזלי גייט צום קינד שרייט זי ביי די געבורט־ווייען אויס:

„אַ, יעזוס״! דער ראַביי הערנדיק עס, מאַכט זי אויפמערקזאַם און באַקומט פון איר אַזאַ ענטפער: „אַ, משה! איז דאָס בעסער?! אַ פאַר־געשריטענער און אַזאַ גרויסער שוטה״! ביי אירע ווייטערדיקע ווייען שרייט זי שוין אים צו להכעיס „אַ, יעזוס קרייסט״. דאָס האָט זיך אין מיין זכרון איבערגערופן מיט פנחס גאָלדהאַרס דערציילונג „דער ברית״, ווו דער סוף פסוק איז, ווען די מאַמע קריגט צוריק שוין אין בעט דאָס ווינענדיקע קינד, נאָכן ברית מילה, צלמט זי עס איבער...

אומקערנדיק זיך צו לעזלין, האָט דער רב בעת זי איז געקומען צום אים זיך מגייר זיין, זי גאָר שטאַרק אָפּגערעדט פון דעם טאָט, געמאָלן פאַר איר אין שוואַרצע פאַרבן דעם יידישן גורל און וואָס עס מיינט צו זיין אַ ייד. כאָטש ער האָט איר עס פאַרגעשטעלט אין אַזאַ שרעקלעכן קאָשמאַר („ווי יחידים ווערן מיר פאַראַכטעט פון די קריסטן און ווי אַ פאָלק—צעטרייבערט, צעשניטן אויף פיצלעך״)! האָט עס דאָך אָבער ניט געהאָלפן און ער האָט זי מגייר געווען. שפּעטער זענען איר צו־ריקגעקומען די ווערטער פון ראַביי, זיין זאָג: „מיינסטו, אַז ס׳איז נאָר אַ קליניקייט אויסצוטוישן אַ פאָלק? אַז דאָס איז פּאָעזיע? ווען דו וועסט עלטער ווערן וועסטו ערשט אָנהייבן זען וואָס דאָס מיינט, פאַר דיר, פאַר דיינע עלטערן...״ די מעשה איז אָבער, וואָס יוגנט איז תמיד שטאַרק! שפּעטער זעט שוין לעזלין איין, אַז זי זאָל אַפילו לעבן אַ מיליאָן יאָר וועט זי זיך אויך נישט פילן ווי אַ יידישע פון געבורט (די אויסנאַמען, ווי תמיד, באַשטעטיקן דאָך דעם כלל).

עס איז דאָ אַ מאָמענט אין בוך, ווען לעזלי זאָגט צום מאַן: „איך האָב אָנגעהויבן אַריינטראַכטן וואָס וואָלט געווען פאַר דיר, דעם ראַביי, ווען איינער פון אונדזערע קינדער וואָלט זיך געשמדט און געוואָרן אַ קאַ־טאָליק״... שילדערט דער מחבר די צוזאַמענטרעפן פון דעם ראַבייס קינ־דער מיט זייער זיידן דעם פּראָטעסטאַנטישן גלח... ער באַשרייבט, בילדעריש, די צוזאַמענטרעפן פון לעזלין מיט די ווייבער פון דער „קאָנגרעגיישן״, איר באַקלאָגן זיך, ווי אַזוי זיי קוקן אויף איר, דער רביצין, די שיקסע... („איך האָב פיינט צו טרעפן זיך מיט אָט די ווייבער. זיי קומען נישט אין טעמפּל דאַוונען, אָדער הערן דעם נייעם ראַביי, נאָר זען די שיקסע... זיי מעסטן דיך אָפּ פון אויבן אַראָפּ און פרעגן אַזוי זייטיק: ווי לאַנג איז ווי דו האָסט חתונה געהאַט?... מעגסט זיין זיכער, אַז ביים פרעגן אַרבעט דערביי דער מוח ביי זיי ווי מיט קליינע קאָמפּיוטערס. — — — פאַרוואָס האָט דער ראַביי געדאַרפט מיט אַזאַ חתונה האָבן?...).

וועל איך זיך נישט אָפּשטעלן לענגער אויף דעם בוך, אין וועלכן עס זענען פאַראַן שילדערונגען וועגן דעם אונטערשייד צווישן ראַבייס — נישט נאָר אין רעליגיעזן — נאָר אויך אין סאָציאַלן זין. די צעטיילונג איז לאו דווקא אויף דער שידליניע פון דער רעלי־

גיעזער שיטה. דער אָרטאָדאָקסישער ראַביי גרינבערג מיט אַ קאָנ־גרעגאַציע פון יידישן מיטלקלאַס, לעבט זיך כיד המלך, טוישט יעדן צווייטן יאָר זיין לוקסוס־קאַר, פאַרברענגט בעת וואַקאַציעס אין די טייערסטע האָטעלן און זיין געהאַלט איז ריזעדיק גרויס. אָבער גאָר אין אַן אַנדער מצב איז דער ראַביי גראָס (אגב, אויך דער רב אין לייזער טרייסטערס לעצטן בוך „ביי די טייכן פון ניו־יאָרק" לעבט זיך אויך נישט פויגלדיק פון זיין קליין שולכל...).

ווייל איך נאָך אַמאָל אונטערשטרייכן, אַז מיין ארויסהייבן אַזאַ ווערק ווי „דער ראַביי" איז נישט צוליב די בעלעטריסטישע וואַ־ליאָרן (וועלכע פעלן), נאָר צוליב די פּראָבלעמען וועלכע ער באַהאַנדלט. איך האָב אַנדערע האַרבע טענות צום מחבר. ער קען ווייזט אויס נישט קיין יידיש. און נישט קענענדיק, בראָקט ער אַריין יידישע ווערטער, גראַמאַטיקאַליש שוידערלעך פאַרקריפּלט. זיי פאַר־לירן פּשוט זייער אייגנטלעכן זין! אַ שרייבער וואָס גיט זיך נישט די מי צו קאָנטראָלירן די ווערטער פון אַ שפּראַך וועלכע ער באַנוצט אין זיין שרייבן, און ער צעדרייט זיי, פאַרדינט מער ווי א פאָרוווּרף! און נאָך עפּעס: צו וואָס די שוין אָפּגענוצטע קיבעצאַרניע־ווערטלעך וועגן דער יידישער מאַמע וואָס באַרימט זיך מיט איר זון (אָנשטאָט דעם „זון דער דאָקטער" — דעם „זון דער ראַביי"). דאָך, נאָכן אַראָפּרע־כענען די אַלע שאָטן־זייטן איז עס דאָך אַ בוך וואָס איז כדאי צו לייע־נען — צוליב אַ ריי אַספּעקטן און מעדיטירונגען וועגן געמישטע חתונות, אי וועגן דעם ייד אין דער אָפענער געזעלשאַפט, און אויך וועגן די הינטער־קוליסן פונעם אינעווייניקסטן יידישן רעליגיעזן לעבן אין אַמעריקע.

דער הומאַניזם פון סאָל בעלאָ

א



סאָל בעלאָ

מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט דער אַמעריקאַנער־יידישער שרייבער, סאָל בעלאָ, באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור (1976). די שוועדישע אַקאַדעמיע האָט אין איר באַגריסונג אונטערגעשטראָכן, אַז אין דער היינטיקער וואַקלדיקער וועלט געהערט דער לאָורעאַט צו די וואָס ווילן נישט און קענען נישט מוותר זיי אויף זייער קרעדאָ, אַז די ווערטן פון לעבן זענען בעיקר פאַרבונדן מיט מענטשלעכער ווירדע — דאָס טאַקע וואָס סאָל בעלאָ האָט אַרויסגעבראַכט און אַרויסגעהויבן אין זיין קינסטלערישן שאַפן.

דאָס איז זייער אַ טרעפלעכע אָפּשאַצונג וועגן אים. און דערמאָנט האָט זיך מיר דער שריפט פון דער זשורי, איצט, סוף 1978, ווען באַשעוויס־זינגער האָט פאַר דעם יאָר באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע. סאָל בעלאָ איז אין אַ געוויסן זין געווען דער ערשטער ליטעראַרישער אונטערפירער פון באַשעוויסן צו דער ענגליש־לייענדיקער וועלט, דורך זיין איבערזעצונג פון באַשעוויסעס „גימפּל תם”. די איבערזעצונג האָט באַוויזן, אַז בעלאָ קען גוט יידיש און ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צוצוטראָגן דעם ענגלישן לייענער באַשעוויסעס „גימפּל תם”, וואָס איז לויט אים אַ קליין מייסטערווערק.

מיין איך דעריבער, אַז סאָל בעלאָ האָט מיט זיין איבערזעצונג העמאָלט דערפילט די ראָל פון אַ ליטעראַרישן אונטערפירער פון באַ־

שעוויסן צו דער ברייטער וועלט און צו דער שפּעטערדיקער נאָבעל־פּרעמיע (די כינעזער האָבן אַ טרעפלעך וואָרט וועגן ערשטן טריט פון וועלכן עס הייבט זיך אָן און ס'פירט צו די ווייטסטע מרחקים). דאָס האָט אַ שייכות צו באַשעוויסן.

אָבער סאָל בעלאָ האָט זיין אייגענעם יחוס עצמו פון אַ נאָבעל־לאַורעאַט. און מיר ווילן טאַקע אין די ווייטערדיקע שורות זיך אָפּשטעלן וועגן זיין שאַפן און מיט וואָס ער האָט זיך פאַרדינט אַט דעם העכסטן אינטערנאַציאָנאַלן פּריז.

סאָל בעלאָ האָט, פאַרהעלטנישמעסיק, נאָך ווי אַ יונגער שרייבער (אין זיינע דרייסיקער יאָרן) באַקומען אַנערקענונג און פּרעמיעס. זיין דריט בוך „די פּאַסירונגען פון אָגיע מאַרטש" איז געוואָרן פּרעמירט און דערגרייכט אַ צירקולאַציע פון אַ מיליאָן עקזעמפּלאַרן (בראָשירט). און אַט דער דערפּאָלג האָט באַגלייט אויך זיינע שפּעטער אַרויסגעגעבענע ווערק, באַזונדערס אַזאַ בוך ווי הערצאָג אָדער אַזאַ ווערק ווי מר. זעמלערס פּלאַנעט, אין וועלכע דער מחבר האָט געשטאַלטיקט די דילעמע פון הייַנטצייטיקן מענטש און זיך אַליין (אין אַ געוויסער מאָס) פאַרשפּיגלט אין זיינע העלדן, וואָס זוכן צו געבן פון זיך אַ חשבון־הנפש.

אין די ראַמען פון אַ קורצער אָפּהאַנדלונג, איז אוממעגלעך זיך אָפּצושטעלן און אַנאַליזירן אַלע ווערק פון דעם מחבר, אַפילו אַזעלכע ראָמאַנען, ווי הענדערסאָן דער רעגן־קעניג (1959), מאַסבים מעמוואַרן (1969) און אויך אַנדערע ווערק, וואָס זענען דערשינען אין די פריערדיקע יאָרן, ווי פאַרכאַפּ דעם טאָג (1956) דערגייענדיק ביז זיין סאַמע ערשטלינג, וואָס האָט געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון לייענער און קריטיקער.

וועלן מיר אין דער אָפּהאַנדלונג זיך נאָר קאָנצענטרירן אַרום די צוויי אויבנדערמאָנטע ווערק—הערצאָג און מר. זעמלערס פּלאַנעט. אַט די ביידע ביכער און די צענטראַלע העלדן, מיט זייערע שטאַרקייטן און שוואַכקייטן, לייכטן דורך דאָס טיף־הומאַנישע און דאָס טיף־וואָלקאַנישע, וואָס פאַרקלאַמערן זיך אין דער מאָדערנער דילעמע, אין וועלכער מיר זענען אַלע אַריינגעצויגן.

בכדי נישט צו פאַרזען דעם אויטאָ־ביאָגראַפישן עלעמענט, וועלן מיר דאָ דערמאָנען, אַז סאָל בעלאָ שטאַמט פון רוסיש־יידישע עלטערן, וואָס האָבן עטלעכע יאָר פאַרן ערשטן וועלט־קריג עמיגרירט קיין קאַנאַדע, שפּעטער זיך אַריבערגעצויגן קיין אַמעריקע, געוווינט אין שיקאַגאָ, וווּ סאָל האָט שטודירט אַנטראָפּאָלאָגיע און געוואָרן פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור אין שיקאַגער אוניווערסיטעט. אויף אַזוי פיל — די ביאָגראַפיע פון מחבר. און איצט וועלן מיר אַ שמועס טאָן

ווען זיין העלד משה אלחנן הערצאָג, אַ רוסיש־קאַנאַדישער ייד, וואָס וווינט אין אַמעריקע און איז אַ לעקטאָר פון פילאָזאָפיע.

אין אָנהייב פון בוך באַגעגענען מיר זיך מיט הערצאָגן, וועלכער וווינט אַליין אין זיינס אַן אַלט הויז און אים דאַכט זיך עפּעס, אַז ער איז נישט נאָרמאַל...

ער שלעפּט זיך אַרום אַ גאַנצן טאָג איבער די שמוציקע, איינ־פאַלנדיקע צימערן, ער טיילט זיך זיין עסן מיט די מייז און האַלט כסדר אין איין שרייבן בריוו, הגם אַנדערע פאַרפאַסט ער נאָר אין זיין מחשבה און זיי דערגייען נישט צום פּאַפּיר. ער שרייבט בריוו צו אַנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן, צו זיינע געוועזענע צוויי פרויען, צו זיין משפחה, צו פריינד און צו שונאים, און צו זיין דאָקטער־פּסי־כיאַטאָר. ער שרייבט צו לעבעדיקע און אַפילו צו טויטע און אויך צו גאָט אַליין.

צי איז משה אלחנן הערצאָג טאַקע ווירקלעך משוגע? ניין, זיין שכל־הישר איז ערגעץ פאַרטשעפּעט געוואָרן און אים דערפירט צו אַ נערוון־צוזאַמענברוך. ער פייניקט זיך צוליב דער פיין, וואָס מ׳האָט אים פאַרשאַפט און באַשולדיקט זיך אַליין אין שלעכטס טאָן אַנדערע. ער אַנאַליזירט זיך און קומט צום אויספיר, אַז ביי אים איז אַ געמיש פון וויטוזיכטיקייט און צערייצטקייט צוליב דעם, וואָס ער איז באַ־פאַלן געוואָרן אַן אַ פאַרוואָס! אָבער אין תוך־גענומען זעט ער זאַכן מיט אַלע זייערע ניואַנסירונגען מיט דער גאַנצער קלאָרקייט און ער האָט אידעלע אינספּיראַציעס.

הערצאָג אָבסערווירט מיט זיין סענסיטיווּן אויג דעם גאַנצן כאַאָס, די זינלאָזיקייט, די דיסאינטעגראַציע און פאַרצווייפלונג אין דער היינטיקער עקזיסטענץ. ער זעט פּאָעזיע און אידייען, אָבער אויך אומזין און שנאה, וואָס פאַרפלייצן דעם גאַנצן מענטשלעכן אַרום. און אין דער אָפּשאַצונג פון דער וועלט — ווי אַ ראַם — נעמט ער אַריין זיין אייגן בילד און ער דערמאָנט זיך זיין קינדהייט, זיינע צוויי אומ־גליקלעכע חתונות מיט זייערע באַגלייט־דערשיינונגען.

און אַזוי ציט זיך דער ראָמאַן אין צייט, פאָרויס און צוריק, ווען הערצאָג האָט אין זיין אָפּשאַצונג פון דער וועלט גענומען זיך אַליין אַנאַליזירן: ווען האָט זיך אָנגעהויבן זיין אייגענע פאַרצווייפלונג? און זיינע טעותים? און זיין אומגאָרמאַלקייט? ווי דער מחבר גופא, איז אויך זיין הויפּט־העלד אַן אינטעלעקטואַל, וואָס טראָגט גאָר נישט לייכט זיין אינטעלעקט און זיין וויסן. גייען פאַרביי דעם לייענערס בליק קאָנפוציוס, שפּינאָזע, העגעל, באַגלייט מיט הויך־אינטעלעק־טועלע מחשבות אַרום דער עקזיסטענץ: וואָס איז מענטש? ווי אַזוי קען ער זיך ספּראַווען מיט זיין אינטעלעקט צו הויזן בשלום מיט זיינע אינסטינקטן? אָט די מעדיטאַטיווע זוכענישן שפּאַרן דאָך אַרויס דורך

די נעט פון בעלאָס אַלע טיפערע ווערק, ווי עס גייט אָן די שפּיל פון דעם העלדס אייגענער אידענטיפיקאַציע.

גאָר באַזונדערס קענטיקט זיך סאָל בעלאָס מייסטערשאַפט פון אַרויסהייבן אַ דעטאַל, אַפילו פון אַ גאָר לייכטער פּאַסירונג, און דעם פּרט צונויפשמידן מיט אַ גרעסערן און פיל וויכטיקערן עלעמענט, וואָס אילומינירט דעם קלענערן באַשטאַנדטייל מיט עפּעס אַ ליכט פון אַ גרויסער מיסטעריע פון דעם מענטשלעכן זיין. דאָס קענען אַריינגעבן אַ מין טראַנסצענדענטאַלע קוואַליטעט פון אַן אוניווערסאַלן מי־טאָס אין פּאַסירונגען, וואָס זעען אויס אַזוי פּשוט פאַרן געוויינטלעכן אויג. דאָס איז אַ ספּעציפישע קוואַליטעט פון בעלאָס אַ בוך, בפרט אין אַזעלכע ווערק ווי הערצאָג, אָדער זעמלערס פּלאַנעט.

די קוואַליטעט פון הערצאָג באַשטייט אויך אין דעם, וואָס דאָס ווערק איז אויסערגעוויינטלעך לעבעדיק געשריבן, אַלע חושים רופן זיך אָפּ, זיי רעאַגירן און סטימולירן די מענטשלעכע פאַנטאַזיע. דער לייע־נער ווערט אַריינגעצויגן אין דעם טראַגיזם. כאָטש צייטנווייז קען זיך אויסדוכטן, אַז הערצאָג איז אַ קאָמעדיע און זיין הויפּטהעלד איז זייער אַ קאָמישער כאַראַקטער, אָבער ער איז זייער אַ טרויעריקער! דער מחבר ווייזט ארויס זיין ליבשאַפט, אָדער ס'איז דאָ ריכטיקער צו זאָגן סימפּאַטיע, פאַר אַלע זיינע כאַראַקטערן. מעג אַ העלד זיין אָפּט אַליין שולדיק אין זיין האַנדלונג, אָבער ער איז קיינמאָל דערפאַר נישט געוואָרן אומסימפּאַטיש.

עס זענען געווען קריטישע מיינונגען וועגן הערצאָג, אַז דער מחבר האָט נישט באַוויזן אַריינצוועבן מייסטעריש (בעלעטריסטיש) דאָס אינ־טעלעקטועלע. אויך וועגן געוויסע סצענעס, וואָס שטייען אויף דער גרענעץ פון לאַנגווייל (למשל, ווען הערצאָג דערמאָנט זיין קינדהייט) און אַז ער האָט נישט תמיד געוווּסט ווען צו פאַרענדיקן אַ שילדערונג).

דערמאָן איך אָט די קריטיק און כ'וויל אונטערשטרייכן מיין מיינונג, אַז הערצאָג איז מיט אַלע בראַדעוועקעס אויפן פּנים אַ גרויס־פּאָעטישע דערגרייכונג. אין דער פּאָרטרעטור — פאַרשידנאַרטיק און אַלזייטיק — איז דעם מחבר בעלעטריסטיש געלונגען גאָר שטאַרק צו אַק־צענטירן הומאַנישע גוטסקייט; און אַפילו ווען דער לייענער וועט פאַר־געסן פּרטים, וועט ער קיינמאָל לייכט נישט פאַרגעסן די וויטאַליטעט פון דעם ווערק מיט זיין ברייטער אַרומוואַנדערונג איבער די שטחים פון לעבן. עס איז דאָ עפּעס פון מאָנומענטאַלקייט אין דעם גרויסן ראָמאַן מיט זיינע שטאַרקע אָנונגען פון די לעבנס־דעטאַלן און פון דער קוואַליטעט, וואָס איז שטאַרקער ווי די סענסועלקייט; ביים פּראָזשעק־טירן די פאָרעם פון אַ פּרויס אויג, דעם ריח פון וואַסער, דאָס דער־שפּירן די הויט, און אַזוי אויך פיל אַנדערע פּרטים, וואָס שאַפן אין זייער גאַנצקייט אַ וויכטיקן באַשטאַנדטייל פון דעם ווערקס גרויסקייט.

כ

מר. זעמלערס פּלאַנעט איז אפשר נישט דער פּלאַנעט, וואָס דער העלד זיינער וואָלט זיך אַליין אויסגעקליבן.

זעמלער איז אַ פּוילישער יידן פון אַפּשטאַם און פאַרפאַלגונגען. דורך אַ צופאַל איז ער אין די היטלער־יאָרן געבליבן לעבן בעת די נאַציס האָבן דורכגעפירט אַ מאַסן־עקזעקוציע. דער טויטער קערפּער פון זיין פרוי האָט אים פאַרדעקט און אָפּגעראַטעוועט. ער גיט זיין טאָכטער אַריין אין אַ קאָנווענט און אַליין קעמפט ער מיט די פּוילישע פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער און ליידט פון זייערע אַנטיסעמיטישע שיקאַנעס.

נאָך דער באַפרייאונג ווערט ער אַריבערגענומען קיין אַמעריקע דורך זיינס אַ פּלימעניק, אַ רייכער ניו־יאָרקער גינעקאָלאָג, עליע גרונער, וועלכער האַלט אים אויס. מר. זעמלער האָט פאַרן קריג, ווען ער איז געווען יונג, געהערט צו די אינטעלעקטועלע און ליטעראַרישע קרייזן. זייענדיק אַ זשורנאַליסט אין לאָנדאָן, איז ער געווען אַ מיטגליד פון דעם ליטעראַרישן קרייז אין בלומסבערי, מיט גרויסע פּאַרבינ־דונגען און איינפלוסן, ווי אַן אינטעלעקטואַל און שרייבער.

אָבער נאָכן קריג — אַלט און צעבראָכן פון די איבערלעבונגען האָט ער ביידע זאַכן אויפגעגעבן. ער געפינט זיך שוין אויף קיצבה ביים רייכן פּלימעניק, ד״ר גרונער, וועלכער גיט אים גענוג געלט אויף צום לעבן, אָבער דאָס לעבן גופא איז פאַר אים איצט נאָר, ווי אַ שירעם בעת אַ רעגן, אָבער נישט קיין דאַך איבער אַ היים.

אין אָנהייב בוך געפינט זיך שוין ד״ר גרונער אין אַ שפּיטאָל נאָך אַן אינערלעכן בלוט־אויסגוס. מר. זעמלער איז ווידער אַרומגע־רינגלט מיט כלערליי שווערע פּראָבלעמען, צוליב וועלכע ער האָט נישט קיין מנוחה. ער האָט אין די אויטאָבוסן פון זיין געגנט געזען „אַר־בעטן" אַ קעשענע־גנב, אַ נעגער. ער ווייסט נישט צי דער נעגער האָט באַמערקט זיין אָבסערווירן אים און בכלל די פראַגע: צי זאָל ער דערציילן דער פּאָליציי? אָט דער ענין וואַקסט אויס ביי אים אין אַ מאַנקאָליע פון אַ פּערזענלעכן פּראָבלעם.

אויסער דעם האָט ער אַן ענין מיט זיין טאָכטער שורא, וואָס טראָגט זיך אַרום פון איין קעמפּוס צו אַן אַנדערן אין ניו־יאָרק, בעת איר מאַן, אַ סקולפּטאָר־לונאַטיקער געפינט זיך אין ישראל. צו אים קומט אויך זיין פּלימעניקס טאָכטער, אַנדזשעלע, זיך שואל עצה זיין מיט אירע סעקס־פּראָבלעמען, זי וויל ער זאָל זיך פאַר איר משתדל זיין ביי איר טאַטן, מחמת עס זענען דערגאַנגען צו אים זייער שלעכטע קלאַנגען וועגן איר אויפפירונג.

קיין נחת פאַרשאַפט אים אויך נישט זיין אייגענע טאָכטער, וואָס

האָט ביי אַן אינדישן פּראָפעסאָר צוגעגנבעט זיין מאַנוסקריפּט — די איינציקע קאָפּיע פון זיינס אַן עסיי וועגן פליען צו דער לבנה און וועגן דער שטאַרקער אַנטוויקלונג, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט די טעכנאָלאָגיע פון וועלסן ביז אונדזער צייט.

אויף דעם הינטערגרונט פון אַן ערע, ווען דער מענטש פליט צו דער לבנה און ער פילט זיך ווי אַ בן־בית אין די הימלישע ספערעס, וויקלען זיך אויף די פילזייטיקע פאַרפּלאָנטערטע מענטשלעכע גורלס.

זעמלער איז מסכים אַרויסצוטרעטן פאַר דער יוגנט אין קאָלומביאַ־סעמינאַר וועגן דעם ליטעראַרישן לעבן אין ענגלאַנד אין די דרייסיקער יאָרן. די לינקע יוגנט פאַרשרייט אים בעתן רעדן. וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, קען שוין דער אַלטער זיי זאָגן, אויב ער קען שוין נישט באַקומען קיין אָרגאַזם? ... זעמלער גייט אַוועק פון זיי טראַכטנדיק וועגן די נייע סטאַנדאַרטן פון דער היינטיקער יוגנט ביים אָפּשאַצן די ריכטיקייט פון אַן אַרגומענט...

אויף אַ וויזועלן אופן מאַכט זעמלער דורך אַט די זעלבע דערפאַרונג אויך מיט דעם נעגער, דעם קעשענע־גנב. ער קומט צום אויספיר, אַז „אַ סעקסועלע משוגעת האָט אַרומגעכאַפּט די מערבדיקע וועלט". ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַמאָל געהערט וועגן אַן אַמעריקאַנעם פּרעזידענט, וואָס האָט זיך „אויפן זעלבן אופן באַוויזן פאַר די פאַרשטייער פון דער פּרעסע"...

אין דער געשיכטע פון זעמלערס פּלאַנעט איז קיין שום זאַך נישט צופעליק, אי די שלווה פון דער ציוויליזאַציע פאַרשפּיגלט אין אָקספאַרד, בלומסבערי, בריטישן מוזעאום, אי די מערדערייען פון דער אומגעבראַכטער ציוויליזאַציע: אוישוויץ, דער וואַרשעווער געטאָ און ענלעכס, וואָס די פאַרויסזאָגער פון וועטער האָבן געוואָלט איגנאָרירן. און די יוגנט? זי פאַרוואַרפט די ווערטפולע ירושה פונעם עבר. אויב דאָס מיינט אַן אָנזאָג פון אַ נייער רעפאָרמאַציע, באַשטייט די וויכטיקסטע און ערשטע אַרבעט פון מר. זעמלערס פּלאַנעט צו שאַפן אַ מאָדערנע קאָנטראַ־רעפאָרמאַציע, וואָס פּרעדיקט די ווערטן פון דער געריינִיקטער טראַדיציע און די נייטיקייט איינצוהאַלטן די תקנות פון געזעצלעכקייט. „גרויסקייט אַן (פריערדיקע) מוסטערן, טראַכט זעמלער, איז נישט צו באַנעמען".

ער זוכט אַ סדר אין דעם כאַאָס פון ווערטן וואָס בושעוועט אַרום אים אומגעצוימט. זיין טאַכטער שוראַ וויל דווקא איר טאַטע זאָל באַרעכטיקן איר גנבה פון דעם מאַנוסקריפּט. „מחמת פאַר די שפּעפּערישע זענען נישט פאַראַן קיין פאַרברעכנס. ביסטו דען נישט קיין שפּעפּערישער מענטש?" דורך דער לענג און ברייט פון ווערק הענגט צוליב דעם דער פרעג־צייכן: וווהין פירט דאָס אונדז? עס איז פאַר סאָל

בעלאָ דאָ נישט קיין פראַגע וועגן דעם ריס צווישן דורות, וואָס גייט דורך אין פאַרשידענע תקופות פון דער מענטשלעכער געשיכטע. עס איז דאָך נישט דער קאָנטראַסט צווישן דעם עלטערן דור, וואָס שפּאַנט אויף דער אַלטער ערד און דעם יונגן דור, וואָס לעבט שוין אין דער ערע פון פליען אין די הימלישע רוימען. דער מחבר ווייזט גלייך אָן, אַז די־אַ יוגנט, אין וועלכער עס שלאָגט זיך אָן מר. זעמלער, איז גראָד דער היפּוך פון די מיושבדיקע טעכנאָלאָגן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט שיקן די סאַטעליטן אין קאָסמאָס...

וואָס שייך זיינע העלדן, וויל ער מיר זאָלן זיי הערן רעדן מיט אַ ליריש־מעטאַפיזישער שטים, זייער חקירה אַריינפּאַסן אין קורצע זאַצן מיט פּשוטע און דאָך אַזעלכע גראַנדיעזע ווערטער. מר. זעמלער איז אַנטוישט אין דעם אינטעלעקטואַל פון אונדזער צייט. עס איז אַ ברכה לבטלה צו דערקלערן אים און אַנאַליזירן. ער איז געוואָרן מיד פון דעם, אַז „אינטעלעקטואַלן פאַרשטייען עס נישט". ער טראַכט ביי זיך: איז וואָס קען אַרויסקומען פון רעדן, אַז מען פאַרשטייט זיך נישט איינער דעם אַנדערן? „עלטערן מיט קינדער, פּרוּוען צו מע־נער, לעקטאָרן צו זייערע צוהערער, עקספּערטן צו אומגעלערנטע מענטשן, קאָלעגן צו קאָלעגן, דאָקטוירים צו פּאַציענטן, דער מענטש צו זיין אייגענער נשמה. גיי דערקלער דעם שורש פון דעם און די סיבה פון אַנדערן, דעם מקור פון די געשעענישן און די געשיכטע, די סטרוקטור, די סיבות פאַרוואָס, אַז ס'רוב גייט עס זיי אין איין אויער אַריין און פון אַנדערן אַרויס..."

אין אַ שמועס וועגן דעם ווערק האָט דער מחבר דערקלערט, אַז „די עפּיזאָדן פון מר. זעמלער האָבן געמיינט צו זיין טיפּיש פאַר דער משוגעת פון דער ניו־יאָרקער סיטי מיטל־קלאַס". אָבער זיינע העלדן, וועלכע ער באַהאַנדלט אין דעם, ווי אין די אַנדערע ווערק זיינע, נעמען אַרום אַ ברייטערע סקאַלע, ווי איין קלאַס, פאָלק אָדער ראַסע. דורך זיינע העלדן האָט דער מחבר אַרויסגעהויבן זיין אומדערמידלעכן זוכן נאָך אַ זין, אַ שעפערישע וויזיע פאַר דער הייננטיקער עקזיס־טענץ פון מענטש, זיין גוטס און שלעכטס, וואָס האָבן זיך איינגעקלאָ־מערט איינער אין אַנדערן, ווי אין די שילדערונגען פון אַ גרעאַנגל ביי דאָסטאָיעווסקין.

מר. זעמלערס פּלאַנעט איז נישט ווייניקער, ווי אַ ריינער פּלאַץ צווישן די אַנגעוואָרפענע ציגל און שטיינער, ווו אַ מענטש זאָל קענען שטיין און קענען באַיאָען דאָס לעבן. איז סאָל בעלאָ אַ פּעסימיסט? זיכער נישט. ער ווייזט דאָך אַרויס דורך זיינע העלדן אַ פעסטע שטע־לונג קעגן פּעסימיזם. ער זאָגט דורך הערצאָגן: „מיר דאַרפן אַרויס־שלאָגן פון אונדזער געדאַנק, אַז דאָס איז אַ פאַרלוירענע צייט און מיר דאַרפן וואַרטן נאָר אויפן סוף"... ווען הערצאָג ציט זיך צוריק און

ער באַשליסט מער נישט צו שרייבן קיין בריוו, וואָרט ער דאָך אויך עס זאָל זיך אָנהויבן פאַר אים אַ גאָר ניי לעבן, מחמת דאָס לעבן, די זאַכן זענען געווען גענוג שוועד אָן דער טרויעריקער שפּיל.

אַפילו ווען דער מחבר געפינט נישט קיין באַפרידיקטן ענטפער אויף זיינע פראַגן וועגן זין פון לעבן, גיט ער אָבער אַ מעגלעכקייט פאַרן לייענער צו דערזען די גליענדיקע פונקען פון געניאַליטעט אין די כאַראַקטעריזאַציעס, אין וועלכע ער פאַרקלענערט די דיס־טאַנץ צווישן דעם, ווי דער מענטש דעפינירט זיך אַליין און וואָס ער איז פאַקטיש אין די אויגן פון אַנדערע. מאָראַלישע אינטעליגענץ, אינדיווידועלע און געזעלשאַפטלעכע אחריות ווערט אַרויסגעהויבן דורכן מחבר, וועלכער איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער התחייבות פון היינטיקן מענטש. ער האָט שטאַרקע ווערטער קעגן אַ גענעראַציע, וואָס האָט דאָס אַזוי לייכט אָפּגעוואָרפן.

ג

סאָל בעלאָס ביכער האָבן אַ גאָר ברייטן לייענער־עולם. כאַראַק־טעריסטיש איז, וואָס אַזאַ ווערק ווי הערצאָג, וואָס דער מחבר אַליין האָט געמיינט, אַז דאָס וועט נישט אינטערעסירן דעם ברייטן עולם, האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז אין משך פון לאַנגע חדשים האָט עס פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין דער ליסטע פון די „בעסט־סעלערס". ווי דער מחבר דערציילט, האָט ער פון די לייענער באַקומען נאָך דעם טויזנטער בריוו, וואָס האָבן געזאָגט: „דאָס איז מיין לעבן, אַזוי האָט עס מיר אויסגעזען".

עס דאַרף נאָך אויך ווערן אונטערגעשטראָכן, אַז סאָל בעלאָ איז אַ יידישער שרייבער, וואָס שרייבט נאָר אין דער לאַנד־שפּראַך. ער האָט נישט צעקרומט דאָס פּנים פון זיינע יידישע העלדן, ווי דאָס האָבן געטאָן נישט וויניק פון די אַמעריקאַנער יידן־שרייבער אין דער לאַנד־שפּראַך. די היים פון זיינע עלטערן איז געווען אַ יידיש־רעדנ־דיקע און ווען זיי האָבן זיך איבערגעצויגן פון מאָנטרעאָל קיין שיקאַגאָ און געוווינט אויף „דיוויזשן סטריט", האָט ער דאָרט געטראָפן אַלץ: יידיש און וועגעטאַריער, מאַרקסיסטן און אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן גע־האַלטן זייערע רעדעס אין די פּרייטיק־צונאַכטסן אין גאַס וועגן אַלץ אין דער וועלט. און מען האָט זיך צוגעהערט צו זיי.

אין דער אַטמאָספער איז פאַרגעקומען זיין אינטעלעקטועלע אַנט־וויקלונג, וואָס איז באַהויכט מיט אַ דערהויבענעם הומאַניזם. וואָס שייך זיין קינסטלערישן שעפערישן טאַלאַנט, די מוזיקאַלישקייט פון זיין סטיל און דער אופן, ווי אַזוי ער קאָנפראָנטירט די גרונט־פּראָב־לעמען מיט אַזאַ בעלעטריסטישער אוממיטלבאַרקייט און די באַדייטונג

וואָס ער גיט אַריין אין געוויינלעכע זאַכן פאַרן אויסערלעכן אויג — אָט דאָס אַלץ טאַקע האָט אים באַרימט געמאַכט פאַר צענדליקער מיליאָנען מענטשן, וואָס זענען געוואָרן זיינע פאַרערטע לייענער און די לייענער האָבן זיך געפונען אַליין אָפּגעשפּיגלט אין זיינע כאַראַקטערן. אַנדערע געפינען זיך שוין ביים ברעג משוגעת (מאָסבי) און אַנדערע פּרוּוון זיך ראַטעווען דורך אַרומלויפן איבער דער וועלט און דאַן אויסגעפינען, אַז די האָבן מיטגענומען מיט זיך אויך די אייגענע שטייג... אויף אַלע זייערע וואַנדערוועגן.

דער פּלאַנעט פון סאָל בעלאָ פאַרמאָגט אין אַ ריי ערטער אַ דורכזיכטיקע דינע באַרג־לופט, און אויף די באַרג־שפּיצן איז דער האָריזאָנט ברייט און פרעכטיק. דאָרטן קענען אַפילו געוויסע מענטשן זיך פילן נענטער צו גאָט, מיט אַלץ וואָס דער באַגריף פאַרקערפּערט און פאַרהייליקט. אָבער אויך די, וואָס וועלן עס נישט באַוויזן צו דערגרייכן, וועלן אויך זיך פילן בעסער ביים קלעטערן אויף אָט די בערג פון בעלאָס פּלאַנעט.



דוד טושינסקי — זייגערמיל

„די אָנהייבערס"

(פונעם דרום־אַפריקאַנער יידישן שרייבער — דאָן דזשייקאָבסאָן)

די יידישע עמיגראַציע אין די לענדער פון דער נייער וועלט איז ביזן ערשטן וועלט־קריג געפלאָסן מיט אַ גרויסן שטראָם בעיקר קיין אמעריקע, אָבער קליינע שטראָמעלעך זענען אויך געגאַנגען אין אַנדערע מעבר לים לענדער און צווישן זיי — דרום־אַפריקע.

אין דעם דאָזיקן לאַנד פון גאָלד און זונשיין זענען אָנגעקומען גאַנצע ליטווישע שטעטלעך פאַר און נאָכן ערשטן וועלט־קריג. זיי זענען געוואָרן די אָנהייבערס פון בויען דעם נייעם יידישן ישוב, וואָס איז זיך ביסלעכווייז צעוואַקסן מיט אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן און אויך מיט אַ צווייג פון דער יידישער ליטעראַטור.

צווישן די יונגערע יידישע דורות זענען אויך דאָ טאַלאַנטירטע פּראָזאַיקער און דיכטער וועלכע שרייבן נישט אין יידיש, אָבער זענען אין תוך יידישע שרייבערס און איינער פון זיי, דאָן דזשייקאָבסאָן, וואָס שאַפט אין דער לאַנדשפּראַך, האָט זיך דערוואָרבן אַ גוטן נאָמען מיט זיינע ווערק אויך אויסער די גרענעצן פון זיין לאַנד.

וועל איך אין די ווייטערדיקע שורות זיך אָפּשטעלן אויף זיין ווערק „די אָנהייבערס", וואָס איז טעמאַטיש און אויך לויט דער כאַראַקטעריזאַציע און פיזאָזש — אַ יידיש בוך ביזן לעצטן זייטל. אויף די בערך פינף הונדערט זייטן דערשיינען פאַר אונדז יידן פון אַזעלכע דורות, וואָס זענען געווען די אָנהייבערס פונעם ישוב. מיר באַ־קענען זיך מיט דער משפחה גליקמאַן, וואָס איז געקומען פון ליטע קיין דרום־אַפריקע און אויך מיט אַנדערע געשטאַלטן ווי דר. אַראָנס, עזריל קליין — דער אַקטיווער יידישער קולטור־טוער און שרייבער, און נאָך אַנדערע, וואָס באַפּעלקערן דעם גרויס־פּאַרנעמיקן און וואָגיקן בוך, וואָס פאַרשפּיגלט אַן עפּאָכע אין דעם צערודערטן יאָרהונדערט, מיט זיינע וועלט מלחמות, רעוואָלוציעס, מיט חורבן און אויפבוי — דער אויפקום פון מדינת־ישראל און די מלחמות מיט די אַראַבער — דאָס איז דער פיזאָזש פונעם ווערק.

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע הויפּט־פּערסאָנאַזשן (פון דער דרום־אַפריקאַנישער גליקמאַן־פאַמיליע), איז יואל, אַ יונגער מענטש, וואָס האָט זיך מיטבאַטייליקט אין די ישראל־מלחמות. נאָך דעם אַוועק קיין לאָנדאָן, ווו ער איז פאַרבונדן מיט אַ קריסטלעך מיידל, פּאַמעלאַ

קערטיס. ער גיט זי צו פאַרשטיין פאַר וואָס ער איז נישט געבליבן ווינען אין ישראל נאָך די מלחמות, און בכלל די טראַנספאָרמאַציע וואָס ער האָט דורכגעמאַכט דורך די יאָרן, זינט ער האָט פאַרלאָזט דרום־אַפריקע און וואָלאָנטירט אין דער ישראל־אַרמיי. ער ווייזט איר, אַז ער האָט זיך נישט געקענט צופּאַסן צום ישראל־לעבן, געקומען דעריבער קיין לאָנדאָן און טראָגט זיך אַרום ווידער מיט זיין אומרו, ווי דורך אים צו זוכן זיין שלווה.

דער שמועס מיט פּאַמעלאַ טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ דיאַ־לאָג, פון וועלכן איך וועל דאָ עפּעס ציטירן. עס קומט פאַר נאָך זיין אומקערן זיך פון ישראל, פון וואַנען ער איז געקומען אַ געענדערטער:

פּאַמעלאַ: — פאַר וואָס ביסטו אַוועק פון ישראל?

יואל: — אַנטוישונג אין זיך, אין לאַנד, אינערלעכער אומרו, שפּראַך־שוועריקייטן.

— האָסטו חרטה?

— צייטנווייז יאָ, ווען איך פיל זיך עפּעס שולדיק קעגן פאָלק דאָרטן און צו אַ טייל פון מיין איך. איך בין דאָך זיי שולדיק אַן ענט־פער פאַר וואָס כ'האָב פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אָבער איך מיין, אויב כ'וואָלט יאָ דאָרט געבליבן פאַרראַט איך אַן אַנדערן טייל אין מיר... און ס'איז מאָדנע עפּעס, די בײדע טיילן זענען מיר אויס זיין גלייך ייִדיש.

— כ'פאַרשטיי דיך נישט?...

— איך פאַרשטיי זיך אויך נישט. ווען איך וואָלט דאָס געקענט, וואָלט איך מסתמא געווען אַן אַנדער ייד ווי כ'בין. דו ביסט אַ קריס־טין, האָסט זיך דיינע פּראָבלעמען וואָס זענען דיר אייגן, ווי מיר — מיינע. אָבער עס איז דאָך דאָ אַן אונטערשייד, מחמת ייִדן זענען תמיד ווי געצוווּנגען צו פאַראַלגעמיינערן זייערע פּראָבלעמען, אפילו ווען זיי טראָגן אַ ריין אינדיווידועלן כאַראַקטער, ווערט עס אויך באַפאַרבט מיט אַ נאַציאָנאַלן שטריך... איך רעד וועגן אַזעלכע ייִדן, ווי איך, וואָס זענען אויפגעבראַכט געוואָרן אין אַ גויאישער וועלט און ווייסן קיין מאָל נישט, וועלכער טייל ביי זיי אין נאָר ייִדיש דורך אַ צופאַל... אוודאי, אַנדערש איז עס געווען ביי אַזעלכע ייִדן ווי מיינע זיידעס. זיי זענען געווען גאַנצע ייִדן, פון איין גוס. אַן אונדזערע אינערלעכע ריסן... דאָס אַלץ מאַכט אונדזערע פּראָבלעמען אַנדערש ווי דיינע...

פּאַמעלאַ: — מאָדנע, איך זאָל גיין פאַראַלגעמיינערן מיינע פּער־זענלעכע פּראָבלעמען, איך זאָל קענען שפּירן, אַז זיי זענען נישט נאָר מיינע פּערזענלעכע... אַז דאָס פּריוואַטע איז אַזוי אומבאַדייטנדיק קעגן די פּראָבלעמען, די אַלגעמיינע, וואָס זענען דאָ אין דער וועלט... אָבער איך זע זיי אַנדערש! איך טראַכט נאָר וועגן מיין לעבן, מיין פּערזענלעכן גליק, מיינע באַשלוסן — אַלץ נאָר וועגן זיך. און דאָ הער איך פון דיר גאָר, אַז עס פאַרמאָגט אויך אַן אַנדער טייל, אַ נאַ־

ציאָנאַלן מאָמענט. אָבער איך האָב נישט קיין אַנדערע, נאָר מיינע אייגענע...

דאָס איז, בערך, דער שמועס, וואָס רירט אָן דעם ידישן וואָרצל פונעם ידישן מענטש, דער וואָס לעבט מיט אַנדערע פּראָבלעמען, ווי דער נישט־ייד. אַז דאָס איז נישט נאָר יואלס אינדיווידועלער אופן פון זען דעם ידישן אומרו — אויך ביים היינטיקן יונגן דור — קען איך דאָס אויך אילוסטרירן מיט אַ העלד פון אַ דערציילונג פון דעם אויסטראַלישן ידישן פּראָזאַיקער, פּנחס גאָלדהאַר. זאָגט דאָך צו אים — און מיט רעכט — זיין אירלענדישער שכן, אַ'ברייען, אָבסער־ווירנדיק ווי דער ייד, וויל גאָר שאַפן, לעבן אים, אַ ידישן „סעטל־מענט", טראָגט זיך אַרום מיט אַן אידיי צו פּראָדוקטיוויזירן אויפן לאַנד דעם ידישן לופטמענטש פון מזרח־אייראָפּע:

— מאָדנע מענטשן זענט איר, יידן! אומרואיקע, שטענדיק פאַר־זאָרגטע, ערנסטע. פאַר וואָס נעמט איר נישט דאָס לעבן פּשוט, אַזוי ווי עס איז? צו וואָס פאַרלאַנגען פון זאַכן מער ווי זיי קענען געבן? אָט איר אַליין, איר זייט געוואָרן אַ פּאַרמער. דאָס איז אַלרייט, זייט אַ פאַרמער. איר מאַכט אָבער פון אייער פאַר אַקער לאַנד אַ גאַנצע פּאָליטיק. און דאָס ערגסטע וואָס די פּאָליטיק איז ביי אייך דער עיקר... („דער פּיאָניר").

נישט פּאַמעלאַ און נישט אַ'ברייען וועלן קענען משיג זיין די ידישע פּסיכיק, וואָס רעדט מיט אַן אַנדער לשון אויך אין דער לאַנדשפּראַך...

יואל רעדט אויך מיט זיין פאָטער וועגן דעם ווענדפּונקט אין זיין לעבן. עס איז געשען אין אַ געוויסער נאַכט, אין לאָנדאָן, עס האָבן זיך ביי אים דערוועקט קשיות וואָס ער האָט פריער נישט געהאַט...

פאַרקערפּערט ער דאָך דעם יונגן ידישן דור, וואָס מאַכט דורך אַלץ וואָס יוגנט גייט דורך אין דער צערודערטער צייט, זי ווערט געטראָגן דורך די שטורמישע כוואַליעס פון אונדזער צעשטורעמטן יאָרהונדערט, ביז זי זוכט אויס אַ ברעג ווו צו פאַראַנקערן, געפינען זעלישע מנוחה. יואל זוכט די וואָרצלען זיינע, די הילף, וואָס די אָנגע־העריקייט צו אַן עטנישער גרופּע קען אים געבן, דערשפּירנדיק, אַז זיין ביז איצטיק לעבן איז געווען נישט עכט, נאָר אַן אימיטאַציע, און אַ שלעכטע נאָכמאַכונג.

אַזוי פילט אויך זיין ברודער דוד, וואָס דערמאָנט מיט נאָסטאַל־גיע דער באָבען. ס'פאַרדריסט אים וואָס ער האָט זי אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט... בעת זי האָט געלעבט, האָט ער זי באַטראַכט ווי אַן אַלטע זאַך, אַן אָפּגעטראָגענע, אַן איבערבלייבעניש פון עפּעס וואָס איז שוין פאַרשימלט. זעט ער איין איצט, אַז ער האָט געקענט פון

איר לערנען, מער ווי פון דער מאַמען, וואָס האָט איר זון געשטופּט צו דער מעדיקער־פּראָפעסיע — ווי אַלע יידישע מאַמעס!...

איך האָב נאָר אַרויסגעהויבן עטלעכע מאָמענטן פון דעם בוך, וואָס איז מלא וגדיש מיט שילדערונגען פון לעבעדיקע מענטשן: יידן און קריסטן, גלויביקע און אַגנאָסטיקער, און אויסער דעם — באַשריי־בונגען פון די אַפריקאַנער שבטים, פון דעם לאַנד, וואָס דאָן דזשיי־קאָבסאָן קען דאָך לפני ולפנים. אָבער ועל כולם איז עס אַ יידיש בוך, און מיט נאָך אַ מעלה: מיר גיבן אַ ברייטן שלום־עליכם דאָ שוין נישט דעם קאַריעריסטיש־מאַטעריאַליסטישן יונגן יידישן דור, נאָר דעם וואָס זוכט שוין אַן אַנדער אינהאַלט פאַר זיין לעבן. צו ערשט געזוכט עס אין דער נישט־יידישער וועלט, מיינענדיק, אַז ייד־זיין באַטייט געטאָ־אָפּגעזונדערטקייט. ערשט שפּעטער, געגומען זוכן יידישע ווערטן פאַר זיין לעבן.

עס זעט אויס מאָדנע, וואָס די מאַמע, די בת הרב, איז נישט צופרידן מיט די דרכים פון איר יואלן. זי זאָגט גאָר צו אים — און איך ציטיר: „איך בין מיד פון די יידן — זיי אינטערעסירן מיך נישט. בלייבן אַ ייד (מיט יידישקייט) איז היינט נישט אַזאַ וויכטיקע זאַך”. ס'זעט מיר עפּעס אויס משונהדיק די רייד אירע. און ביי אַ רבס טאָכטער, וואָס איז פון ליטע אַוועק קיין דרום־אַפריקע. סיידן מען זאָל עס באַנעמען אין שייכות מיט איר אומצופרידנקייט, וואָס איר זון האָט וואָלונטירט אין דער ישראל־אַרמיי ביי עטלעכע מלחמות מיט די אַראַבער, און זי האָט, פאַרשטייט זיך, מורא פאַר זיין אומקום און נישט פאַר זיינע זוכענישן וואָס פירן אים צוריק צו די וואָרצלען.

אָבער די יואלס, וואָס האָבן ביים זוכן אָפט פאַרבלאָנדזשעט צו פרעמדע פאַרפירערישע פייערלעך, געפינען סוף־כל־סוף דעם וועג צו זיך — אַ סטעזשקע וואָס זאָל זיי אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג.

איך וואָלט געקאָנט אַרויסהייבן נאָך אַנדערע ביכער, יידישע אין דער לאַנדשפּראַך, פון אַנדערע שרייבערס, אָבער איך באַגרענעץ זיך, מחמת די אָפּהאַנדלונג וועגן יידישע שרייבער אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער ליטעראַטור פאַרציט זיך שוין צו לאַנג אין דער פּראָ־פּאָרציע פון דעם בוך. און איך וויל זיך נאָך אָפּשטעלן אויף אַ יידישן שרייבער פון ענגלאַנד.

„די באַנקראַטשיקעס"

(פונעם ענגליש־יידישן שרייבער — ברייען גלענוויל)

דער ענגליש־יידישער שרייבער ברייען גלענוויל האָט פאַרעפנט־לעכט אַ ריי ביכער. אָבער מיר ווילן דאָ באַהאַנדלען נאָר איין בוך זיינעם וואָס איז סוזשעטיש און טיפּאָזשיש כולו יידיש, כאָטש געשריבן אין ענגליש איז עס דורכאויס אָבער אַ יידיש ווערק, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער טעמע. דאָס בוך רופט זיך איבער מיט דאַן דזשייקאָבסאָנס „די אָנהייבערס" אין שייכות מיטן יונגערן דור און זיין בונטאַרישקייט קעגן די דרכים פון עלטערן דור — די גייסטיקע באַנקראַטשיקעס.

מר. פרימאַן און זיינע שותפים — אַרויפגעאַרבעטע יידישע שניי־דערס — זענען געוואָרן פאַרמעגלעכע „אַלרייטניקעס", אָבער געצאָלט הערפאַר אַ שווערן יידישן פּרייז — פאַרלאָרן זייער יידישן פּנים, געוואָרן — גייסטיק־קולטורעלע באַנקראַטשיקעס. דער פּאָרטרעט פון מר. פרימאַן דערציילט פון זיין אינערלעכער געשפּאַנטקייט, תמיד נערוועז; אין מסחר אָבער — נאָך זייער דינאַמיש. זיין ווייב — אַ דאָמינירנ־דיקע יידישע מאַמע, די סטערעאָטיפּישע אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער ליטעראַטור. דער אינהאַלט פון איר לעבן: פּאַרטיעס — נייע קליידער צירינג, קאָרטן שפּילן מיט פרויען, ענלעכע ווי זי, וואָס מאַכן ביים טאָשן די קאָרטן די „ציימונג" וועגן זייערע באַקאַנטע...

זייערע מענער געהערן צום יידישן גאָלף־קלוב פון דער „הויב־ער" יידישער געזעלשאַפט, מחמת אין דער נישט־יידישער האָבן זיי נישט קיין צוטריט. זיי זענען אָנגעזען אין רעפאָרמירטן טעמפּל, קו־מען הערן דעם „סערמאָן" פון ראַביי — ער איז דאָך אויך אַ באַ־שטאַנדטייל פון אָט דעם יידישן „עסטאַבלישמענט". איז דאָס אַ באַ־קאַנט בילד, אין לאָנדאָן, אין יאָהאַנעסבורג, אין מעלבורן און בוענאָס איירעס — און ווו נישט?

ברייען גלענוויל באַקענט אונדז אויך מיט זייערע קינדער די בונטאַרן קעגן די עלטערן, בערנאַרד קאַרטער (דוכט זיך, נישט קיין משפחה מיטן אַמעריקאַנעם פּרעזידענט) איז זייער אַ ווילער בחור, אַ סטודענט, מאַכט אַ דאָקטאָראַט אויף פילאָזאָפיע, שטודירט אויך פליסיק ליטעראַטור. ער איז אַ חתן מיט דער טאָכטער פון מר.

פרימאַן, ראַזמאַרי — אַ סנאָביש־יידיש מיידל. זי קוקט אַרויף צו די ענגלישע אַריסטאָקראַטן און אויף דעם באַדן קומען פאַר צווישן איר מיטן חתן העפטיקע וויכוחים, פון וועלכע איך וועל דאָ עפּעס נאָר ציטירן.

עס איז כדאי דאָ אָנצומערקן, אַז בערנאַרד — אַ רעפּרעזענטאַנט פון דעם זוכנדיקן יונגן יידישן דור, האָט שוין אַנטדעקט יידישע גייס־טיקע ווערטן און ער גאַרט צו באַקענען מיט זיי זיין ראַזמאַרין, און איינצייטיק אַרויסנעמען איר פון דער סנאָבישקייט און אַסימילאַטאָ־רישקייט, וואָס איז אַזוי טיפּיש פאַר איר שניט. אגב, בעת די וויכוחים טרעפן מיר אויך ראַזמאַריס אַ חברטע, עליזאַבעט.

ראַזמאַרי: — די העכערע ענגלישע געזעלשאַפט איז בעסער ווי די יידישע אין אַלע הינזיכטן.

בערנאַרד: — זי איז נישט בעסער, שענער אפשר, מיט בעסערע מאַניערן, מער טאָלעראַנט, אָבער עס פעלט איר וואַרעמקייט, פאָלקס־טימלעכקייט, פשטות פונעם פאָלקסמענטש.

ראַזמאַרי: — דער ענגלענדער קאָנטראָלירט זיך מער (עליזאַבעט רייסט איר איבער): זיי ווערן נישט אָנגעצונדן פאַר דער קלענסטער זאַך, מאַכן דיר נישט קיין סצענקעס, שרייען נישט איינער אויפן אַנ־דערן, רייסן זיך נישט אָפּ, זיכער נישט עפנטלעך.

בערנאַרד: — פאַר אַן אויסנווייניקסטן זעט דאָס אַלץ אויס שע־נער, בעסער. איך וואָלט זיך אָבער מיט זיי נישט געטוישט. דאָ (ביי יידן) קריגסטו עפּעס וואָס עס נישט בנמצא ביי זיי.

ראַזמאַרי: — וואָס אַ שטייגער?

בערנאַרד: — מער ספּאָנטאַנישקייט, ענערגיע, שעפערישקייט און פאָלקסטימלעכקייט. (ווענדט זיך צו ראַזמאַרין): דו פילסט זיך מער ענגלענדער ווי ייד. דאָס איז נישט גוט. די דייטשע יידן האָבן געמאַכט דעם זעלבן טעות, געשונדן פון זיך די יידישע הויט... זיי האָבן נאָך אַרויסגעגעבן אַ גרויסן יידישן פּאָעט (היינע), אָבער געווען זענען זיי דאָך מער דייטשן ווי יידן. וואָס איז פון דעם אַרויסגעקומען? זעסטו וואָס איז געשען?...

ראַזמאַרי: — מיר זענען דאָך נישט קיין דייטשע יידן נאָר ענגלישע.

בערנאַרד: — ניין, ראַזמאַרי, מיר זענען נישט די זעלבע ווי די ענגלענדער. זאָגסט דאָך אַליין: מיר רעדן צו הויך, מאַכן מיט די הענט, מיר האָבן זיך ליב צו באַווייזן, ווערן אָנגעצונדן („עקסייטעט"). דער ענגלישער געזעלשאַפט האָסט אָפּגעגעבן די שענסטע מעלות און ביי יידן זעסטו אַלדאָס בייז. די צרה איז וואָס דו זעסט אַלע יידן פאַרשפּיגלט אין דיינע עלטערן, צי דורך די הייזער פון דיינע חברטעס.

אָבער דאָס זענען אַלץ היימען פון יידישן מיטלקלאַס, וואָס וויל שפּילן די ראָל פון „הויכן קלאַס" („היי סאָסייעטי"). דאָס באַטראַכט איך פאַר דעם גרעסטן פעלער, וואָס זיי באַגייען לגבי זיך. זיי וואַרפן אַרויס די בעסטע קוואַליטעטן זייערע דורכן פּענצטער, פּטרן זייער ענערגיע אויף נאָכמאַלפּעווען די ענגלישע מאַניעריזמען און שטעלן זיך אויס אויף לייטיש געלעכטער. אַט די יידישע געזעלשאַפט איז מיר טאַקע שטאַרק נישט צום האַרצן. דאָך, קען נאָך אַמאָל עפּעס אַרויסקומען ביי זיי, אויב זיי וועלן נאָר די רירעוודיקייט און דינאַמישקייט, וואָס זיי האָבן אַזוי שטאַרק באַוויזן אין גייסטיג נאָך מאַטעריעלע ווערטן אַרויסווייזן אויך צו גייסטיקע יידישע ווערטן.

דערקעגן די ענגלענדער — זיי האָבן זיך צו לאַנג קאָנטראָלירט, פאַרלוירן די ענערגישקייט וואָס זיי האָבן אַמאָל געהאַט. דעם אמת געזאָגט: איך פיל זיך נישט פריי מיט זיי. נישט לייכט אין זייער געזעלשאַפט, זיי זענען צופיל אָנגעצויגן, שטייף, פאַרקראַכמאַליעט. דאָס מאַכט זיי אומנאַטירלעך, טראָץ אַלע זייערע פיינע, אויסערלעכע מאַניערן וועלכע פאַרבלענדן דיר די אויגן.

דאָס איז בערך (אין מיין פרייען יידישן אידיאָם — איבערזעצונג) דער תמצית פון די אַרגומענטן וואָס קומען אַרויס אין דעם וויכוח צווישן ביידע צדדים פונעם יונגן יידישן דור. עס איז גאָר אַ גרויסער קאָנטראַסט צווישן די ראָזמאַריס און די בערנאַרדס.

עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש וואָס סיי דזשייקאָבסאָן און גלענ־וויל האָבן אַ נעגאַטיוון איינשטעל לגבי דער רעפאָרם־יידישקייט, אין וועלכער זיי זעען: יודאַאיזם און וואַסער... זיי האַלטן אויך, אַז יידיש־קייט דאַרף זיין מער צוגעפּאַסט צו דער היינטיקער צייט, דאָס דאַרף אָבער קומען פון אינעווייניק, בעת ביי די רעפאָרם־יידן קומט עס פון אויסנווייניק, עס זאָל זיי (די גוים) געפעלן ווערן.

בערנאַרד זאָגט זיך שאַרף אַרויס קעגן דער אָרטאָדאָקסיע, וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, דאָס עטיש־יסודותדיקע אויסגעטוישט אויף — ווי ער באַצייכנט עס — פּראַטאָקאָל־ריטואַל. ער רוקט אויך אַרויס די טענה, וואָס די פרומע האָבן נישט דערלאָזט אין זייערע היימען צו אַ דעמאָקראַטישער אָפּאָזיציע. די עלטערן זענען געווען צו די קינדער — „גוטהאַרציקע דעספּאָטן"...

וועל איך נישט מאריך זיין וועגן דעם און שטעל דאָ אַ פּונקט. איך וויל נאָר אָנמערקן, אַז ברייען גלענוויל האָט אין דעם ווערק אַ ריי טיפן — נישט נאָר יידישע — וואָס האָבן טענות צו בערנאַרדן. למשל, דער דאָקטער דזשאָן קערנאַן האַלט, אַז בערנאַרד איז צו סענסי־טיוו און מאַכט אַ וועזן פון יעדן אַנטיסעמיטישן אינצידענט. אויך וועגן דעם וואָלט זיך געוואָלט עפּעס זאָגן דאָ. איך לאָז עס איבער פאַר די לייענערס.

ווער איך דעריבער נאָר, ביים סוף, מאַכן אַן אַלגעמיינעם אויס־פיר וועגן די יידישע שרייבערס אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער ליטע־ראַטור, נעמלעך: עס איז אַ געוואַלדיקער מהלך פון דעם וואָס איז גע־שריבן געוואָרן דורך די שולבערגס, די ווידמאַנס און אַנדערע פון זייער שניט, ביז די אַנאַליזירטע יידישע שרייבערס (אין דער אָפּ־האַנדלונג) און די וועלכע איך האָב, ליידער, נישט געקענט אַריינ־פּאַסן אין דעם פּלאַץ — און זיי געהערן אויך צו די טאַלאַנטירטע יידי־שע שרייבערס אין דער לאַנד־שפּראַך — אייניקע פון זיי האָבן מרעיש עולם געווען מיט זייער שאַפן; און לויט עדות־זאָגן, האָבן זייערע ווערק משפיע געווען צו פילאָסעמיטישע שטימונגען ביי זייערע קריסטלעכע לייענערס, בעת די שולבערגס האָבן צוגעשטעלט באַוויזן די אַנטי־סעמיטן (אויב אַנטיסעמיטן דאַרפן נאָך בכלל האָבן די „סחורה").

איינצייטיק וויל איך זאָגן, ווי נישט גערעכט עס איז דער ענג־ליש־יידישער שרייבער, מייקל בלאַנקפאָלד, אַז אַ ייד טאָר נישט — צוליב די אַנטיסעמיטן — אַרויסברענגען אַ נעגאַטיוון יידישן טיפּ. דאָס איז בפירוש פאַלש! יידן דאַרפן געשילדערט ווערן עכט, ווי אַלע מענטשן, מיט זייערע מעלות און חסרונות, גוטע און שלעכטע, צדיקים און רשעים. אונדזער קריטיק קעגן די ווידמאַנס איז דאָך נאָר, וואָס ביי זיי איז נאָר דאָ איין פאַרב לגבי זייערע יידישע טיפּן: פעך־שוואַרץ! זייערע שאַפונגען זענען געווען גוט פאַר שטרייכערס עקלהאַפטע — און וואָס פאַר אַ שווידערלעכע רעזולטאַטן! — קאַריקאַטורן פון יידישע פּנימער.

און לסוף: באַטאָנען די וויכטיקע, גרויסע, פּאָזיטיווע דערשיינונג נישט נאָר פון די באַרימטע און פּרעמירטע, נאָר אויך פון די קלע־נערע טאַלאַנטן, וועלכע איך באַהאַנדל, וואָס האָבן, לויט זייערע כוחות, עכט און ערלעך געשטאַלטיקט דעם יידישן מענטש, וואָס איז נישט קיין מלאך — קיין פאָלק באַשטייט נישט פון מלאכים! — אָבער ווי אַ יידיש פאָלק האָבן מיר אַ גרונט צו זיין שטאָלץ מיט אונדזער געשיכטע און דעם צושטייער — וואָס מיר האָבן געגעבן דער וועלט.

הערות

לאָטהע קאַהאַן „נאָך אַ יאָרצענדליק: דער אַמעריקאַנער ייד אין די 60ער".
סאָל ליפּצין „דער ייד אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור".
סאַלאָ וויטמייער באַראָן „די סאָציאַלע און רעליגיעזע געשיכטע פון די יידן".
עלען גוטמאַן „דער יידישער שרייבער אין אַמעריקע".
בצלאל שערמאַן „דער ייד אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט".
עמאַנועל יאַקובאָוויטש „דער פּרייז פאַרן יידישן קיום".

ווען צוויי גרויסע יידישע קינסטלער אין דער סאָוויעטישער ליטעראַטור

(מען האָט זיי „רעהאַבּיליטירט"...)

I

איסאַאַק (יצחק) באַבּעל

שפּראַך איז קלאַר און מעכטיק,
נישט ווען עס איז שוין מער נישטאָ
וואָס צוצוגעבן צום זאַץ,
נאָר ווען מען קען שוין מער גאָרנישט
פון אים אויסמעקן.
און
איך בין דער מייסטער
פונעם זשאַנער — שווייגן...
(איסאַאַק באַבּעל)

— **א** —

אָט דער מאָטאָ פונעם גרויסן רוסיש־יידישן פּראָזע־קינסטלער, איסאַאַק באַבּעל, ווייזט אָן אויף צוויי באַדייטונגספולע עלעמענטן, וואָס האָבן געלייגט אַ חותם אויף זיין שאַפן. פון איין זייט, זיין ליטעראַרישער קרעדאָ וועגן דעם מהות פון זיין קינסטלערישן שפּראַך־אינסטרומענט; פון דער צווייטער — די שווידערלעכע סטאַלין־עפּאָכע אין וועלכער עס איז אויסגעקומען צו „שאַפן" אין דעם נייעם „זשאַנער" פון שווייגן און פאַרשטומטקייט.

אויך אָט דער „זשאַנער" האָט אים נישט אָפּגעראַטעוועט פון סטאַלינס האַק... אָבער דאָס גייט שוין אַריין אינעם ביאָגראַפישן קאַפּיטל צו וועלכן מיר וועלן צוקומען שפּעטער. איצט וועלן מיר פריער באַהאַנדלען און אָפּשאַצן אין וואָס ס'האָט זיך אויסגעדריקט זיין גרויסער קינסטלערישע כוח דורך וועלכן ער איז געוואָרן באַרימט ווייט איבער די גרענעצן פון רוסלאַנד.

דער רוסיש־יידישער פּראָזע־קינסטלער איסאַאַק באַבּעל איז בלתי ספק געווען דער גרויסער מייסטער פון דעם זשאַנער: קורצע דערציילונג. זיינע ווערטער וואָס מיר ברענגען אויבן (ווי אַ מאָטאָ), זענען דאָך

אַזוי בולט פאַר אונדז. און אַזוי זיין איראָנישער רמז אויף דעם ליטעראַ־רישן מצב אין ראַטן־פאַרבאַנד בעת דעם שוידערלעכן סטאַלין־טעראָר אין די דרייסיקער יאָרן, מיט די אַלע באַקאַנטע באַגלייט־דערשיינונגען נאָך די מאָסקווער קאַשמאַר־פּראָצעסן...

אָבער צו דער פּרשה וועלן מיר זיך אומקערן שפּעטער — אין דעם ביאָגראַפישן טייל. איצט וועלן מיר פריער באַהאַנדלען און אָפּ־שאַצן אין וואָס עס האָט זיך אויסגע־דריקט זיין מייסטערשאַפט; פאַר וואָס זיינע ביכער זענען גראָד איבערגע־זעצט געוואָרן אין פיל שפּראַכן פון דער מערב־וועלט; און נישט נאָר זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, אויך די פּריוואַטע בריוו צו זיין מוטער און שוועסטער זענען דערשינען אין עטלעכע לשונות. סטודענטן האָבן געשריבן דיסערטאַציעס וועגן זיין לעבן און שאַפן אין פראַנצוי־זיש און אין אַנדערע שפּראַכן. מען אַנאַליזירט עד־היום זיינע דערציי־לונגען און מען פאַרגלייכט אים מיט טשעכאָוו און גאָרקין.

איסאַק (יצחק) באַבעל

עס הערן זיך היינט־צו־טאָג טאָג שטימען אין דער ליטעראַרישער וועלט, אַז די קורצע דערציילונג האָט שוין אויסגעדינט איר־ע יאָרן אין כבוד און אין נחת — און געהערט שוין בלויז צו דער קולטור־געשיכטע. נישט אַלע זענען פאַרשטייט זיך מסכים מיט דער מיינונג און זיי אונ־טערשטרייכן, אַז די וואָס קענען שאַפן אין דעם זשאַנער אַזוי ווי אי־סאַק באַבעל, וועלן פון ליטעראַרישן האָריזאָנט נישט פאַרשווינדן. בין איך מסכים מיט זיי אויף הונדערט פּראָצענט, און גראָדע דערפאַר, וואָס איך האָב, אָקאָרשט, אָט גאָר נישט לאַנג צוריק אויפסניי איבער־געלייענט באַבעלס דערציילונגען.

איסאַק באַבעל האָט געוווסט דעם סוד, ווי אַזוי מען קען שאַפן גרויסע קונסט אין אַ קליינער דערציילונג, וואָס איז ביי אים ארומ־גענומען מיט אַזאַ פּשטות און קינסטלערישער אמתדיקייט. ביים לייע־נען איז מיר געקומען אויפן געדאַנק אַ זאָג פון וואַן גאָג (אין איינעם פון זיינע בריוו) „ווי גרויס איז די קונסט, ווען זי איז אַזוי פּשוט אמתדיק“. (אַ באַשטעטיקונג פון דעם זאָג איז דאָך אויך אונדזער שלום־עליכם, וואָס האָט באַקומען אַ וועלטנאָמען).

— כ —

איסאַק באַבעל האָט געשריבן גיט נאָר קורצע דערציילונגען, נאָר אויך פּיעסן (זונפאַרגאַנג״, „מאַריאַ״), וואָס זענען געשפּילט געוואָרן נישט בלויז אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין אַ ריי אַנדערע לענדער. ער האָט אויך געשריבן סצענאַרן פאַר פילמען (ווען מען האָט אים אַרעסטירט אין 1939, האָט ער פּונקט געאַרבעט אויף אַ סצענאַר־סקריפּט וועגן מאַקסים גאָרקי). באַרימט איז ער אָבער געוואָרן אַ דאַנק זיינע צוויי בענד דערציילונגען „די רייטער אַרמיי״ און „אָדעסער דערציילונגען״.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר באַבעלן, וואָס נישט נאָר אַזאַ ידישע שטאָט ווי אָדעס איז געווען פאַר אים דער קוואַל פון וועלכן ער האָט געשעפּט יניקה פאַר זיינע יידישע טיפּן, סוזשעטן און קרעפטיקע כאַראַקטעריזאַציעס — און בכלל פאַר דעם גאַנצן אַרום פּוי־נעם ידישן שטיגער־לעבן ערב דער רעוואָלוציע, און שפּעטער, נאָך דער אָקטאָבער איבערקערעניש מיט אירע צוזאַמענשטויסן צווישן אַלט און ניי; אָבער אויך אפילו אַזאַ ווערק ווי די „רייטער אַרמיי״ מיט בודיאָניס קאָזאַקן, וואָס האָבן געהאַט אַ קנאַפּן שייכות מיטן ידישן לעבן אין ראַטנ־פאַרבאַנד—פאַרמאַגט אויך אַ ריי דערציילונגען מיט ידישער טעמאַטיק און חסידישע פּערסאָנאַזשן, מיט וועלכע דער מחבר האָט זיך געטראָפן אין די ידישע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע און פּוילן, בעת דעם סאָוויעטיש־פּוילישן קריג (1920), אין וועלכן ער האָט אָנטייל־גענומען און קינסטלעריש געשטאַלטיקט.

די דערציילונגען „גדליה״; „דער רבי״; „דער בית־עולם אין קאָזין״; „דעם רבינס זון״ און אַנדערע, פאַרמאָגן נישט נאָר ידישע פּערסאָנאַזשן, נאָר די גאַנצע אַטמאָספער פון אַרום איז אַ ידישע. ער האָט נישט בלויז געשילדערט, נאָר געוויזן לעבעדיקע ידן פון אַלטן און נייעם דור, חסידישע געשטאַלטן, ווי גדליה און אַנדערע, וואָס זענען פאַרן מחבר דאָך געווען ווי אַן אַנטדעקונג פון אַן אומבאַ־קאַנטער פאַר אים נייע וועלט מיט אירע עמאָציאָנעלע קוואַליטעטן און מיט אַ נייער שטיגערישקייט, וועלכע ער האָט געטראָפן אין זשיטאָמיר און אין אַנדערע ידישע שטעט.

באַבעל באַציט זיך מיט וואַרעמקייט צו דעם חסיד גדליה און צו זיינע טענות צו דער סאָוויעטישער מאַכט, בפרט צו די גוואַלדטאַטן פון די קאָזאַקן אין די ידישע מקומות. איך וויל דאָ ציטירן עפּעס פון דעם שמועס צווישן באַבעלן און גדליהן וועגן רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע:

— איך זאָג יאָ צו דער רעוואָלוציע, זאָגט גדליה, אָבער זי באַ־האַלט זיך אויס פון גדליהן, און אירע איינציקע שליחים זענען קוילן...

אויף דעם ענטפערט אים באַבעל, אַז „זונליכט קען נישט אַריינ־

גיין אין פאַרמאַכטע אויגן, אָבער מיר וועלן אויפרייסן די אויגן וואָס זענען פאַרמאַכט״. גדליה האָט פאַרשטאַנען דעם מיין פון דעם יידישן רויטאַרמייער און ער ענטפערט אים: „די פּאַליאַקן האָבן פאַרמאַכט מיינע אויגן. דער פּאַליאַק, דער רוצחישער הונט, ווי ער איז, האָט גענומען דעם ייד און אויסגעריסן זיין באָרד... איצט קריגט אָט דער רוצחישער הונט אַליין געשלאָגן. דאָס איז גוט. דאָס איז — רעוואָלוציע. אָבער די וואָס האָבן דעם פּאַליאַק צעקלאַפּט זאָגן צו מיר: גיב אונדז אַוועק דעם גראַמאָפאָן, גדליה, מיר גייען אים פאַררעגיסטרירן... מאַדאַם, זאָג איך צו דער רעוואָלוציע, איך האָב ליב מוזיק. און זי ענטפערט מיר: — דו ווייסט נישט וואָס דו האָסט ליב, גדליה, איך גיי דיך דערשיסן. און זי גיט דאָך באַלד צו: איך קען זיך נישט העלפן. איך שיס, ווייל איך בין די רעוואָלוציע...

— ווידער דער פּאַליאַק שיסט אויך אין מיר ווייל ער איז די קאָנטער־רעוואָלוציע; איר שיסט ווייל איר זייט די רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע איז דאָך זיכער פרייד. און פרייד טאָר אין שטוב נישט איבערלאָזן קיין יתומים... גוטע מענטשן טוען גוטע מעשים און די רעוואָלוציע דאַרף זיין די מעשים טובים פון אָט די גוטע מענטשן, אָבער גוטע מענטשן שיסן נישט. דעריבער ווערט דאָך די רעוואָלוציע געמאַכט פון שלעכטע מענטשן, טאָ ווער וועט זאָגן גדליהן וועלכע איז די רעוואָלוציע און וועלכע איז די — קאָנטער־רעוואָלוציע?״

די שילדערונג פון דעם שמועס ווערט פאַרענדיקט מיט גדליהס גיין אין שול אַריין צום דאַווענען פרייטיק פאַרנאַכט. פאַרן אַוועקגיין זאָגט ער נאָך צום רויטאַרמייער: ברענג עטלעכע גוטע מענטשן קיין זשיטאָמיר. ווי ווייניק זיי זענען פאַראַן אין אונדזער שטאָט, אָ, ווי ווינציק! ברענג אָט די גוטע מענטשן און מיר וועלן זיי אַוועקגעבן אַלע גראַמאָפאָנען. מיר זענען נישט קיין אָפּגעשטאַנענע... — — — מיר ווייסן וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל איז.

די דערציילונג (ווי פיל אַנדערע) איז אַרומגענומען מיט אַזאַ לירישן אומעט און אויסקלאַנג פון פאַרשידענע רעגונגען און אַסאָציאַציעס, וואָס גייען נאָך דעם לייענער לאַנג נאָכן אַוועקלייגן דאָס בוך. עס איז דאָ אַ גאַנצקייט אין דעם נאַראַטיוו און אין דער געצוימטקייט פון דער גאַנצער שילדערונג. עס איז ווי די גאַנצקייט וואָס עס פאַרמאָגט אַ בליק, אַ שמייכל פון אַ קינד צו אַ מאַמען, וואָס זאָגט אַזוי פיל צו איר אָן ווערטער.

איסאַק באַבעל האָט גלענצנדיק באַהערשט די קונסט פון קאָנצענטרירטקייט. דאָס וואָס ער טוט דערציילן, איז, ווי אַן עקסטראַקט פון דעם וואָס ער האָט געזען, געהערט, און ווייסט וואָס אַריינצונעמען און וואָס אַרויסצולאָזן. עס האָט עמעץ באַמערקט, אַז אין לעבן און אין דער ליטעראַטור שוויגן נישט אַממיינסטן די, וואָס האָבן נישט

וואָס צו זאָגן... וויפל שרייבער (און רעדנער) פאַרגעסן זיך אָפּצוהאַקן דעם ווערטער־שטראָם, וואָס גייט ביי זיי, ווי פון אַ לויפנדיקן קראַן?...

באַבעל איז געווען דער היפּוך פון אַט דער קאַטעגאָריע. דאָס וואָס ער האָט אַריינגענומען אין שריפט האָט געמוזט זיין קאָנדענסירט ביז צום סאַמע העכסטן צימצום.

אינטערעסאַנט איז, וואָס דער רוסישער שרייבער פּאַוסטאָווסקי דערציילט אין זיינע זכרונות, ווי אַזוי באַבעל פלעגט קאָנטראָלירן מיטן אויער, דורך דעקלאַמירן פאַר זיך אויפן קול איין זאַץ נאָכן צווייטן, ווי אַזוי עס קלינגט און נאָך דעם עס אָנשרייבן. זיין קריטישע באַציאונג צום געשריבענעם וואָרט איז געווען פון אַזאַ מדרגה, אַז ער פלעגט דאָס אָנגעשריבענע אויסקליינגן אויף אַ געוויסער צייט — דאָס האָט געקענט דויערן אַפילו אַ פאַר יאָר — ביז ער האָט עס נאָך אַמאָל דורכגעלייענט און געהאַלטן, אַז עס קען שוין גיין צום דרוק. ער האָט זיינע מאַנוס־קריפּטן פיל מאָל איבערגעאַרבעט. פּאַוסטאָווסקי דערציילט, אַז ער האָט געזען אין כתב־יד באַבעלס דערציילונג „ליובקאַ קאָזאַק" (פונעם בוך „אָדעסער דערציילונגען"), וואָס איז געווען די 22טע קאָפּיע! איז דען אַ וווּנדער, וואָס אין זיין קינסטלערישער פּראָזע איז יעדער זאַץ, יעדעס וואָרט געווען אויסגערעכנט צו אַזאַ פּרעציזער שלימות, נישט צוצוגעבן און גאָר נישט אַראָפּצונעמען!

מיר האָבן אויבן דערמאָנט די דערציילונג „גדליה", וועלכע חלומט צו שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַל פון גוטע מענטשן. ווי אַ טעמאַ־טישער המשך, איז די דערציילונג „דער רבי" (ר' מאָטעלע בראַצלאַוו־סקי), דער לעצטער מאָהיקאַנער פון דער טשערנאָבילער דינאַסטיע, וואָס פירט נאָך א רבייאישן „טיש" אין די ערשטע יאָרן פון נייעם רעזשים, און דער חסיד גדליה נעמט מיט דעם יידישן רויטאַרמייער פרייטיק צו נאַכטס צום רבין. עס איז די צייט פון דעם סאָוויעטיש־פּוילישן קריג. הינטער די פענצטער פון קלויז הערט מען די קאָזאַקן און דאָס הירזשען פון זייערע פערד. מען שפּירט די מלחמה־אַטמאָספער ביים רבינס טיש, וואָס ווערט נאָך בולטער אונטערגעשטראָכן מיטן אריינקום פון מיליטערישן גאַסט.

דער רבי פאַרפירט גלייך מיט אים אַ שמועס. ער ווענדעט זיך צום גבאי ער זאָל מכבד זיין דעם אורח, און דער פּיפּיקער ייד טוט אַ זאָג צו אים: „זעצט אייך און טרינקט דעם ווייַן, וואָס מען וועט אייך נישט דערלאַנגען..." דער רבי מיט זיינע חסידים, אויסגעזעצטע ביים טיש, באַטראַכטן דעם גאַסט אין זעלנערישן מונדיר און דער מחבר גיט אין קורצע, אָפּגעהאַקטע זאַצן אַזאַ דיאַלאָג:

— פון וואַנען קומט אַ ייד? פרעגט אים דער רבי.

— פון אָדעס, ענטפערט קורץ דער זעלנער.

— אַ פרומע שטאָט, מיט וואָס פאַרנעמט זיך אַ ייד?

— איך שרייב אין גראַמען מעשיות פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער. (אין 1918 האָט באַבעל געהאַט אָפּגעדרוקט אַן אַרבעט וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליערס מעשיות אין דעם מענשעוויסטישן אָרגאַן אין פּעטראָגראַד.

צו יענער צייט, איז די ערשטע יאָרן פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, איז נאָך געוואָרן טאָלערירט אַזאַ אַנטי־באָלשעוויסטישער זשורנאַל — י. ק.)

דער רבי האָט זיך צעשמייכלט און ווייטער געפרעגט: — וואָס האָט אַ ייד געלערנט?

— חומש, האָט דער גאַסט געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— און וואָס זוכט אַ ייד?

— אַ ביסעלע פרייד.

אין דעם נאַראַטיוו קענטיקט זיך בולט באַבעלס באַציאונג צו זיין אַנטדעקטער טעריטאָריע — אָט די לעבעדיקע חסידישע וועלט, וואָס ער האָט געטראָפן אין ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע. ער האָט געזען „די ליגנערס און די ערלעכע".

טאַקע אָט די הארעפּאַשנע עמך־יידן, וואָס האָבן אים אויסגעזען „ווי די אַלטע גאַליליייער פישערס און אַפּאָסטאָלן" און ביים זינגען זמירות האָבן זיי געקרעכצט איבער זייערע סידורס — זיי רעפּרעזענטירן דעם אַלטן דור, וואָס קומט אין אַ קאָליזיע מיטן נייעם דור, פאַרקערפּערט אין דעם רבינס יונגסטן זון („מיט אַן אויסזען ווי שפּינאָזע"). ער האָט שוין פרייטיק־צו־נאַכטס ביים רבין אין קלויז געראַיכערט פּאַפּיראָסן, איינס נאָכן אַנדערן, צו להכעיס זיין פאָטער און די חסידים.

מיט אָט דעם רבינס זון, „דער ווידערשפּעניקער לעצטער פאַרשאָלטענער זון" טרעפן מיר זיך נאָך אויך אין אַן אַנדער דערציילונג („דעם רבינס זון") — שוין אויפן פראָנט אין קאַוועל. די סאָוויעטישע אַרמיי ווערט צוריק געיאָגט, און פון דעם פּראָפּאַגאַנדע־צוג מיט וועלכן עס פאָרט באַבעל ווערן אַראָפּגעוואָרפן פלוגבלעטלעך פון טראָצקין צו די פּוילישע פּויערים. קיינער אָבער הייבט זיי נישט אויף, נאָר איין האַנט האָט זיך אויסגעשטרעקט נאָך אַזאַ בלעטל. עס איז איליאַ, דעם רבינס זון. אין אַ שוידערלעכן מעמד איז צו זען אָט דעם פּרינץ אַן הויזן...

מען ציט אים אַריין אין וואַגאָן (קעגן די פאַרשריפטן), ער איז שטערבלעך פאַרוואונדעט. פאַר זיין אויסגיין האָט נאָך דער מחבר מיט אים דעם פאָלגנדיקן קורצן שמועס:

— מיט אַ פיר מאָנאַטן צוריק ביסטו שוין אויך געווען אַ קאָמוניסט?

— יאָ, איך האָב אָבער נישט געקענט פאַרלאָזן מיין מאַמען.

עס איז אים אָנגעקומען שווער צו רעדן. נאָך אַ ווילע האָט ער

צוגעגעבן: „בעת אַ רעוואָלוציע איז אַ מאַמע נאָר אַן עפּיזאָד... געקר־מען מיין רייע. די אָרגאַניזאַציע האָט מיך געשיקט אויפן פראָנט. גע־ווען אין קאַוועל" — זענען זיינע לעצטע ווערטער געווען.

באַבעל פאַרענדיקט די דערציילונג מיט אַזאַ כאַראַקטעריזאַציע פון דעם לעצטן פּרינץ פון דער טשערנאָבילער דינאַסטיע: „איך האָב אים געזען איין נאַכט בעת מיין וואַנדערן. און אָט דער רויטער אַרמייער האָט צונויפגעקליבן אין אַ קעסטעלע זיינע אָפּגעקליבענע זאַכן: לע־נינס פּאָרטרעט צוזאַמען מיט אַ ספר פון רמב"ם; העברעישע שירים, און דעם שיר השירים צוזאַמען מיט קאָמוניסטישע בלעטלעך און רעוואָלו־ציעס פון 6טן קאָנגרעס... אַ לאָק פרויען־האָר, אַ באַנד פערזן, אַ פּאָר תפילין — לעבן אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער. אַזוי איז געשטאָרבן דער לעצטער פּרינץ מיט נאַגאַוויצעס אַרום זיינע פיס".

אַ קורצע דערציילונג — צוזאַמען מיט די פריער־דערמאָנטע — אָבער אָנגעהויפט מיט אַזוי פיל שטימונג, אומעט און מחשבותדיקע נאַכטראַכטענישן. די אַרכיטעקטור, דער סטיל, די לעבעדיקע אַטמאָספער פון דער צייט און דעם אָרט. אַ גאַנצער לעבנס־נוסח אין אַ קורצער פּראָזע — דאָס איז באַבעל.

גאָר פון אַן אַנדער שניט איז די הומאָריסטישע דערציילונג מיטן נאָמען „קאַרל־יאַנקל" („אָדעסער דערציילונגען"). ס'איז אַ געשיכטע פון אַ פּראָלעטאַרישער משפחה אויף דער גרענעץ־ליניע פון ערב דער רעוואָלוציע און אויך שוין שפּעטער — דער אָנהייב פון נייעם רעזשים מיט דעם צוזאַמענשטויס פון אַלט און ניי געזען דורך סאַ־טיריש־הומאָריסטישע ברילן:

יונה ברוטמאַן דער שמיד — אַ קליין געוויקסיק מענטשל, אָבער, „אַז ס'איז געקומען צום טרינקען האָט אין אים אויפגעלעבט די נשמה פון אַן אָדעסער ייד". זיין ווייב — אַ פרומע ייִדענע, מיט איר דאַווענען גיין, מיט איר צדקה געבן, און טאַקע מיט אַ ברייטער האַנט. יונה האָט אָבער נישט געמישט זיך „אין זיין ווייבס געשעפטן מיט גאָט". דאָס איז ביז דער רעוואָלוציע. שפּעטער: זיינע זין — אין דער פּאַרטיי־אָנקעגן די „ווייסע" קאַזאַקן. אַ טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ קאָמוניסט, און געבוירן אַ ייִנגל בעת דער מאַן איז געווען אויף אַ פּאַרטיי־שליחות. די פרומע באָבע פירט אַוועק דאָס אייניקל צום מוהל. דער פאָטער דערוויסט זיך פון דעם אָפּגעטאָנענעם „פאַרברעכן" און קלאָגט אָן דער שוויגער און דעם מוהל אין געריכט. עס קומט פאָר אַן עפנטלעכער פּראָצעס.

אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק — די צוויי „פאַרברעכער", דער אַלטער מוהל נפתלי גערטשיק און די 62יאָריקע באָבע פון געמלעטן אייניקל. אַ חוץ זיי — עקספּערטן און עדות.

דער פּראָקוראָר ווענדט זיך צום מוהל:

— גלויבסטו אין גאָט?

— זאָל גלייבן דער וואָס האָט געווונען די 200 טויזנט אויף דער לאָטעריע, ענטפערט דער מוהל.

— ביסטו נישט געווען איבערראַשט, ווען די בירגערין ברײַנע ברוטמאַן איז געקומען צו דיר אַזוי שפּעט בײַנאַכט אין אַ שלאַקס רעגן מיט דעם קליינעם נפשל?

— איך בין איבערראַשט, ענטפערט אים נפתלי, ווען אַ מענטש פּירט זיך אויף היינט אויף אַ לייטישן אופן, אָבער ווען ער פּירט זיך אויף משוגענערווײַז — וווּנדער איך זיך שוין מער נישט.

דער פּראָקוראָר איז נישט צופרידן פון די ענטפערס און פּירט דעם פאַרהער וועגן מציצה, וואָס קען שטעלן אין סכנה דאָס לעבן און געזונט פון קינד. דער מוהל הערט אים אויס און זאָגט מיט אַ שמייכל (אַרומקוקנדיק זיך צום עולם): „הער פּראָקוראָר, אײַער פאָטער ז״ל, הער זוסמאַן, האָט געהאַט אַ קאָפּ, וואָס אַזאַ צוויטן וועט מען אין דער גאַנצער וועלט נישט געפינען. ער האָט געגלויבט אין גאָט און האָט נישט באַקומען קיין אַפּאָפּלעקסיע, ווען ער האָט מיט אַ 30 יאָר צוריק גערופן מיך צו אײַער ברית. און מיר זעען, ווי איר זייט דאָך אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסע פּערזענלעכקייט בײַ דער סאָ־וויעטישער מאַכט. און נפתלי דער מוהל האָט מיטן אָפּגעשניטענעם פּיצל פון אײַך גאָר נישט צוגענומען, וואָס וואָלט געקאָנט אײַך צו נוץ קומען”...

נאָכן אויסהערן די עקספּערטן רופט מען אַרײַן דעם פאָטער פון קינד. ער דערציילט, ווי אַזוי ער האָט אַנטדעקט דעם „פאַרברעכן” צוריקקומענדיק פון דער פּאַרטיי־מיסיע. זײַן איבערראַשונג, ווען ער האָט געטראָפן די שכנטע וויגן דאָס קינד מיט אַ וויגליד („אַ באַווײַז פון איר קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט”), און הערנדיק, אַז זי רופט אים גאָר יאַשאַ, בעת ער האָט אַנגעזאָגט מען זאָל אים רופן קאַרל, נאָך דעם נאָמען פון זײַן לערער קאַרל מאַרקס.

מען רופט אַרײַן די מוטער פון קינד. דער פּראָקוראָר נעמט איר אויף אַ קרייץ־פאַרהער. דער פּאַרטיידיקער פרעגט זי, צי האָט זי געוווּסט פון מאַנס באַשלוס צו רופן אים קאַרל? „יאָ, זי האָט געוווּסט, נאָר איר מאַמע האָט אים אַ נאָמען געגעבן יאַנקל... עס גייט אַוועק הערבײַ אַ סדרה פראַגן בעת וועלכע עס הערט זיך פון הינטער דער טיר דאָס געוויין פון איר קינד.

„וואָס וואַרטסטו? האָט איר מאַמע, ברײַנע, זיך צעשריגן אויף דער טאָכטער. דאָס קינד האָט פון דער פרי אָן גאָר נישט געהאַט אין מויל. גיי זייג אים אָן”. אָבער דאָס באַווײַזט זי שוין נישט, מחמת זי פאַלט אַוועק אין חלשות פון אָפּגעשוואַכטקייט. עס דערבאַרעמט זיך איבערן קינד אַ קירגיזישע פרוי, וואָס זייגט אים אָן. קאַרל־יאַנקל

ציט פון אַ קירגיזישער ברוסט. און איבער אים הענגט דער פּאָרטרעט פון לענינען...

ג

אין די „אָדעסער דערציילונגען" איז דאָ אַ רייכע גאַלעריע עקסצענטרישע טיפּן פון דער יידישער אונטערוועלט אין מאָלדאַוואַנקאַ (אַ באַוווּסטע פאָרשטאָט אין אָדעס). אויסגעשניצטע און אויסגעטאָקטע פּאָרטרעטן פון די „אַריסטאָקראַטן" חיים דראָנג, פּאַפּאַ קריק, ליאָווקאַ קאַצאַפּ, סענדער אייכבוים, דער גביר טאַרטאַקאָווסקי („יידל-איינס-און-האַלבס") און באַזונדערס דער קעניג פון דער יידישער אונטערוועלט, בעניע קריק דער קרימינאַליסט (זיין פּראָטאָטיפּ זאָל האָבן געווען מישאַ יאַפּאָנטשיק, וועמען דער מחבר האָט מסתמא אַביסל צופיל אידעאַליזירט).

מאָלדאַוואַנקער גנבים, פאַסערס, קאָנטראַבאַנדיסטן האָבן זיך אויסגעלעבט אין אַן אייגענער וועלט, געהאַט אַן אייגענעם בית-המדרש און אַ חזן, אָבער מיט אַ „דיפירענץ", ווי אַן ענגלענדער באַצייכנט עס. אין באַבעלס פּיעסע „שקיעה" איז דאָ אַ פּרעכטיקע סצענקע פון אַ פּרייטיק צו נאַכטס אין זייער שול. דער חזן זינגט „לכו נרננה" און ער דערזעט פּלוצעם אַ טשטור. נישט קלערנדיק קיין סך, כאַפּט ער אַרויס אַ רעוואָלווער און לייגט אים אַוועק גלייך אויפן אָרט... ווערט דאָך אַ טומל. דער שמש, אריה לייב, רופט אים מיט די ערגסטע נעמען: כאַם, באָסיאַק. דער חזן ווערט נישט נתפעל און ער שרייט צום עולם: „איך בין געקומען דאַווענען אין אַ שיל און נישט אין אַ סקלאַד פון טשטורעס... יידן, זעט, אַז ס'איז אַ טשטור!... רופט צונויף מענטשן און זאָלן זיי אַליין זאָגן, אַז ס'איז נישט קיין קו"...

אין באַבעלס דערציילונגען פאַרנעמען אַ באַדייטנדיקן אָרט אויטאָביאָגראַפישע סימבאָלן. ווילן מיר דעריבער נאָכגיין די פּוסטריט פון זיין ביאָגראַפיע און זען די אויטענטישע עלעמענטן, וועלכע ער האָט אַרומגענומען מיט אַ שעפערישער פאַנטאַזיע און עס געמאַכט קינסטלעריש רעאַל.

איסאַק (יצחק) באַבעל איז געבוירן געוואָרן אין אָדעס (1894). ער האָט געשטאַמט פון אַ יידישער מיטלקלאַס פאַמיליע, וואָס האָט זיך פון אָדעס אַריבערגעצויגן קיין ניקאָלאַיעוו. אין 1905 האָט ער דאָרטן איבערגעלעבט אַ פּאָגראָם, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זיין געמיט און זכרון. אין איינער פון זיינע דערציילונגען („די געשיכטע פון מיין טויבן-שלאַק") איז געשילדערט דער איינדרוק פון אַ פּאָגראָם אויף אַן 11יאָריק ייִנגל. דאָס וואָס ער דערציילט וועגן זיין משפּחה איז צוגעטראַכט. אָבער די באַשרייבונג גופא, די אויפפירונג, די רייד, די שטימונג, די פּאָגראָם-אַטמאָספער אין שטאָט,

און די כאַראַקטעריזאַציע פון די ראַבירער און מערדערס, איז אַן אױ־טענטישע פאַרצייכענונג פון דעם וואָס האָט זיך פאַרשפּיגלט אין זיין נשמה.

דער יונגער איסאַק האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע ייִדישע דער־ציאונג און אויך אַ ברייטע וועלטלעכע אויסבילדונג. ער שילדערט אין דער דערציילונג „דערוואַכונג" די אַמביציע פון זיינע עלטערן — ווי ביי פיל ייִדישע עלטערן אויך היינט — צו געבן אים אויך אַ מו־זיקאַלישע אויסבילדונג און זייער דורכפאַל (נישט געהאַט קיין אויער פאַר מוזיק).

די היים פון די באַבעלס איז געווען נישט קיין שטרענג־רעלי־גיעזע, אָבער מען האָט אָפּגעהיט אַלע ייִדישע יום־טובים, באַזונדערס דעם פּסחדיקן סדר. כאַראַקטעריסטיש, אַז אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן — אין זיין באַלשעוויסטישן פּעריאָד — פלעגט באַבעל זיך באַמיען צו באַקומען פאַר זיך מצות און איז געווען צופרידן, ווען מען האָט אים פאַרבעטן צו אַ סדר.

און נישט נאָר די פּסחדיקע סדרים האָבן זיך איינגעקריצט אין זיין געמיט, אויך די ימים־נוראים, ווען ער פלעגט מיטגיין מיטן טאַטן אין שול אַריין דאַוונען, שפּעטער נאָך, ווען ער האָט שוין באַטראַכט דעם רבש"ע ווי אַן „עקס־גאָט", פלעגט ער נאָך אויך, טיילמאָל, יום־כיפּור, אַריינגיין אין אַ שול און זאָגן אַ יזכור־תּפילה (אַדרעסירט צו דעם, וואָס איז שוין ביי אים געווען אַן „עקס־גאָט").

באַבעל האָט גוט געקענט ייִדיש. געווען היימיש מיטן ייִדישן פאָלקלאָר אַ דאַנק זיין באָבען, וואָס האָט אַ לענגערע צייט געוווינט מיט זיי אין הויז. אַ חוץ איר, האָט ער דאָך אין אַזאַ ייִדישער שטאָט, ווי אָדעס, שטאַרק איינגעזאַפּט אין זיך דעם אַראָמאַט פון ייִדישן אידיאָם. געוווינט אויך אַ געוויסע צייט אין מאָלדאַוואַנקע, ווו עס האָט געלעבט אַ געדיכטע ייִדיש־רײדנדיקע באַפעלקערונג און גאָר באַזונדער, אויך אַן עלעמענט פון אַ ייִדישער אונטערוועלט.

דער יונגער באַבעל פלעגט ליב האָבן צו שפּאַצירן ביים פּאָרט, אָבסערווירן די פאַרשידענע טיפּן, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט: יידן, רוסן, גריכן, דייטשן; געוווּסט מעשיות וועגן די גנבים, „פּאַ־סערס", קאָנטראַבאַנדיסטן, וואָס האָבן באַהערשט מאָלדאַוואַנקאַ (מען שאַצט, אַז עס זענען געווען עטלעכע טויזנט אונטערוועלטניקעס אין אָדעס, איבער וועלכע עס האָט געהערשט אַ „קעניג", מישקע יאַפּאָנ־טשיק (דער בעלעטריסטיש־געשילדערטער בעניע קריק).

ד

איסאַקס פאָטער, עמנואל באַבעל, איז געווען אַ פאַרמעגלעכער ייד, אַ פאַרטרעטער פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. ער האָט גע־

געבן זיין זון אַ טראַדיציאָנעל־שטיגערישן יידישן חינוך, מיט רעליגיעזע לימודים, געלערנט אים אויך אַ מאָדערנעם העברעיש, וואָס ער האָט טאַקע גוט באַהערשט (אין 1925 זענען אַ ריי פון זיינע דערציילונגען איבער־געזעצט געוואָרן אין העברעיש און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם מאָסקווער העברעישן אַלמאַנאַך „בראשית". די רעדאַקציע האָט אויך באַמערקט — מיט אַ צושריפט, אַז דער מחבר האָט גוט אַכטונג געגעבן אויף דער איבערזעצונג פון רוסיש אויף העברעיש. מיר ווייסן אויך פון אַנדערע קוועלן, אַז ער האָט געקענט די העברעישע שפּראַך).

זיין מיטלשול בילדונג האָט ער באַקומען אין אַ האַנדלסשול און וועגן דער שול זענען פאַראַן אָפּקלאַנגען אין אייניקע דערציילונגען: באַבעל האָט געהאַט באַגאַבטקייט צו שפּראַכן, בפרט צו פראַנצויזיש — ער האָט די ערשטע דערציילונגען זיינע (צו 15 יאָר) אָנגעהויבן שרייבן אין פראַנצויזיש, און דערפאַר באַקומען אַ סך לויבווערטער פון זיין פראַנצויזישן לערער, וואָס האָט איינגעפלאַנצט אין אים ליבשאַפט בכלל צו ליטעראַטור, באַזונדערס צו דער פראַנצויזישער. באַבעל האָט אין זיין יוגנט טאַקע געחלומט צו ווערן דער רוסישער מאָפּאַסאַן, וואָס זאָל ארויסקומען פון אָדעס...

ווי אַ ייד, האָט ער געהאַט ווייניק שאַנסן אָנגענומען צו ווערן אין אָדעסער אוניווערסיטעט. צוליב דעם איז ער אָוועקגעפאָרן זיך לערנען אין אַ האַנדלס־אינסטיטוט אין קיעוו. דאָרט איז ער געוואָרן באַפריינדעט מיט אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע מיט וועלכער זיין פאָטער איז געשטאַ־נען אין האַנדלס־באַציאונגען. שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון דער פאַמיליע — יעווגעניאַ באָריסאָוונאַ בראָנפמאַן — אָבער דאָס איז ערשט געשען נאָכן קריג (1919).

אין די מלחמה־יאָרן איז ער אַוועק קיין פּעטראָגראַד, ווו יידן האָבן דעמאָלט געדאַרפט האָבן ספּעציעלע פּאַפּירן צו קענען וווי־נען. אָבער ער האָט זיך מיט דעם אויך אַן עצה געגעבן. ער שיל־דערט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע מיט אַ פיינעם הומאָר יענע יאָרן, אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ, די מורא פאַר פּאָליציי און דאָס צוהונגערן. ער פּרוווט אויס זיין ליטעראַרישן טאַלאַנט מיט עטלעכע דערציילונגען, וועלכע מען וויל אין ערגעץ נישט אָפּדרוקן. מיט אַ דערשראָקן האַרץ איז ער אַוועק צו מאַקסים גאָרקי, וואָס האָט אין יענער צייט אַרויס־געגעבן אין פּעטראָגראַד אַ זשורנאַל („לעטאָפּיס"). גאָרקי האָט ביי אים גענומען אַ צווי מאַנוסקריפּטן צו דרוקן. אָבער געוואָרנט וועגן די שוועריקייטן, וואָס דערוואַרטן אים ביז ער וועט ווערט זיין צו טראָגן דעם באַרוף: שרייבער. אגב, האָט גאָרקי אים געראָטן בעסער פריער צו דערקענען דאָס לעבן, קענען־לערנען מענטשלעכע כאַראַק־טערן, זייערע פירונגען און אריינגיין טיפער אין פאָלקס־לעבן און דעמאָלט ערשט אָנהייבן שרייבן.

אין פּעטראָגראַד האָט זיך פאַרקניפּט אַ לאַנגדויערנדיקע פריינד־שאַפט צווישן דעם עלטערן און דעם אָנפאַנג־שרייבער, וועלכן גאָרקי האָט נישט נאָר מדריך געווען, נאָר אויך באַשיצט אין די שפּעטער־דיקע טעראָר־צייטן.

נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש איז באַבעל צוריק־געפאָרן קיין אָדעס און אין 1920 וואָלונטירט אין בודיאָנניס אַרמיי. ער ווערט געשיקט אויפן פּוילישן פראָנט (ווי אַ קריגס־קאָרעספּאָנ־דענט) אין דער רייטער־אַרמיי, ווו ער ווערט קראַנק און ליידט אויף אַ שטאַרקער אַסטמע. מען באַפרייט אים פון דער אַרמיי און ר'קומט צוריק קיין אָדעס, קניפּט אויפסניי אָן אַ קאָנטאַקט מיט גאָרקין און שיקט אים זיינע דערציילונגען, וואָס ווערן תיכף שטאַרק געלויבט. גאָרקי ראָט אים צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייבער און באַבעל מיט זיין פרוי באַזעצן זיך אין מאָסקווע, ווו עס הייבט אָן שטייגן זיין נאָמען און ליטעראַרישע קאַריערע.

אין 1925 איז דערשינען זיין געראָטענער ערשטלינג — אַ קליי־נער באַנד געקליבענע דערציילונגען, וואָס האָבן דעם יונגן מחבר גלייך באַרימט געמאַכט. אַ יאָר שפּעטער האָט באַבעל פאַרעפנטלעכט זיין צווייט בוך — שוין אַ גרעסערער באַנד — וועגן זיינע אָבסער־וואַציעס אויפן קריגס־פראָנט.ביידע ווערק („אָדעסער דערציילונגען" און „די רייטער־אַרמיי") האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער לייענערשאַפט און פון דער קריטיק צוליב דער פרישקייט און אַנדערשקייט אין דער טעמאַטיק און סטיל. באַזונדערס, די כאַראַק־טעריזאַציע פון די פּערסאָנאַזשן ארויסגעבראַכט אין אַזאַ דינאַמישער, קרעפטיקער פּראָזע, באַגלייט מיט דער רייכקייט פון אויסדרוק און מיט די נישט געוויינטלעכע מעטאַפאָרן.

אַ חוץ דעם — זיין טאַלאַנט אויסצופאָרטירן פון זיינע זכרונות און אָבסערוואַציעס דאָס אינטערעסאַנטסטע — פון דאָס געוויינלעכע ביז עקסצענטרישקייט. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַן אַמאַלגאַם פון אַן אייגנאַרטיקן קינסטלער, וואָס כאַפּט אויף פון אַ באַשטימ־טער טיף אַ וואָרע באַגלויבלעכקייט פון מענטשלעכע פירונגען און רעאַגירונגען אין פאַרשידענע סיטואַציעס, דערמאָנענדיק זאַכן, דער־ציילונגען, וואָס זענען כמעט ווי שוין פאַרגעסן געוואָרן.

די הויפּט־אַקס פון זיינע דערציילונגען דרייט זיך אַרום יידן בעת דער רעוואָלוציע. הגם, ער האָט געשילדערט פיל נישט יידישע טיפּן פון פאַר און נאָך דער רעוואָלוציע, פאַרנעמען דאָך דעם צענטראַלן אָרט די יידישע פּערסאָנאַזשן. שוין אָפּגערעדט פון „אָדעסער דערציי־לונגען", וואָס איז כמעט כולו יידיש, האָט ער דאָך אין דער „רייטער־אַרמיי" אין דער אָפּטיילונג „רעוואָלוציע" אויך יידישע פּערסאָנאַזשן

מיט זייער אַנדערשקייט פון לעבנס־באַנעם, טעמפּעראַמענט, שטייגער, סביבה — פון אַ באַזונדער אייגנאַרטיקער ידישער וועלט.

די רעוואָלוציע האָט פאַר באַבעלן נישט געמיינט באַריקאַדן־קאַמפן און דאָס שיסן איינער אויפן צווייטן, נאָר דער לעבעדיקער מענטש, זיין פסיכיק, באַנעמונג; און נאָך דער רעוואָלוציע — דער קאָנפליקט אינעם מענטשן גופא צווישן די אַלטע געוווינהייטן מיט די נייע באַגריפן — אָט די נאָך נישט אויסקריסטאַליזירטע פון דער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע.

באַבעל איז נישט געוואָרן קיינמאָל קיין פּאַרטיי־מיטגליד, ער האָט אָבער סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציע, אַרויסגעוויזן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום נייעם רעזשים. הגם ער איז נישט צופרידן געווען פון די טעראָר־מעטאָדן, האָט ער דאָך געזוכט אַ זכות פאַר דעם באָלשעוויסטישן מידת הדין צוליב די אומשטענדן און געוויסע דעמאָלטיקע אומפאַרמיידלעכקייטן.

מען דאַרף געדענקען, אַז אין די צוואַנציקער יאָרן האָט דער רעזשים נאָך טאָלערירט די שרייבער, וואָס זענען נישט געגאַנגען אין שפּאַן און האָבן אַרויסגעבראַכט אין זייער שאַפן ספיקות און קריטיק בנוגע אַ ריי דערשיינונגען פון יענער צייט. אָבער באַבעלס שילדערונגען פון בודיאָנגי׳ס קאָזאַקן האָבן גראָד אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אָנפאַל אויפן מחבר. בודיאָנגי אַליין האָט באַבעלס ווערק באַצייכנט ווי אַ פּאַשקוויל אויף דער רויטער אַרמיי און דער דראַמאַטורג ווישניעווסקי האָט באַבעלן אַזש פאַרמסרט פאַר גאָרקין.

באַבעל האָט זיך נישט גענומען צום האַרצן די אַטאַקעס קעגן אים. ער האָט געהאַט מיליאָנען לייענערס. גאָרקי איז געווען זיין באַשיצער און לונאַטשאַרסקי האָט באמת אַרויסגעוויזן טאָלעראַנץ אויפן געביט פון קולטור און נישט געלייגט קיין אַכט אויף די, וואָס האָבן באַבעלן פאַרמסרט.

דאַך מיין איך, אַז באַבעלס אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד מיט זיין פרוי (אין די צוואַנציקער יאָרן) איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער קאַמפּאַניע קעגן אים, באשר ער האָט אין זיינע ווערק מיסרעפּרעזענטירט די רעוואָלוציע, נישט אָפּגעשאַצט די דערציערישע ראָל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי בעת דעם בירגער־קריג, און ער האָט ווי אַ קליינבירגער זיך אָפּגעשראָקן פאַר די „סטיכישע כוחות" פון דער רעוואָלוציע. מחמת דעם אָנפאַל אויף אים האָט באַבעל אַ געוויסע צייט געוווינט אין פראַנקרייך, ווו זיין פרוי האָט אים געבוירן אַ טאָכטער, נאַטאַשאַ.

כדאי צו באַמערקן, אַז זיין פרוי האָט נישט געוואָלט מער שוין צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד. אויך זיין מוטער און שוועסטער זענען אַוועק פון רוסלאַנד, און כאָטש ער האָט געהאַט אַלע נאָענטסטע אין

אויסלאַנד, האָט ער דאָך באַשלאָסן זיך אומצוקערן אַליין קיין רוס־לאַנד פון וואַנען ער האָט געשעפּט יניקה פאַר זיין שאַפן. און אפשר אויך בכדי אָפּצולייקענען די אינסינואַציעס, וואָס די „קאָלעגן״ האָבן פאַרשפּרייט וועגן אים אין ראַטן־פאַרבאַנד.

פון 1929 האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער קורס מיט ווייטגייענדיקע געשעענישן. לונאַטשאַרסקי איז באַזייטיקט געוואָרן און בוכאַרין מיט זיין גרופּע האָבן קאַפּיטולירט פאַר סטאַלינען. שרייבערס פון אַזאַ קאַ־ליבער, ווי פּילניאַק און זאַמיאַטין ווערן עפנטלעך באַשולדיקט, אַז זייער שאַפן איז אַנטי־סאָוויעטיש. זאַמיאַטין פאַרלאָזט דעמאָלט רוסלאַנד אָבער פּילניאַק בלייבט. יעזשאָוו ווערט באַשטימט צו זיין דער „ראַט־געבער״ און משגיח אויף פּילניאַקס כשרות... מאַיאַקאָווסקי באַגייט זעלבסטמאָרד און אין לאַנד פאַרשטאַרקט זיך דער טעראָר (בעת דער קאָלעקטיוויזאַציע). סאָוויעטישע שרייבערס ווערן עפנטלעך אָפּגעשמיסן און טעראָריזירט צו שטעלן זיך אויף די קני און קלאַפּן זיך על חטא. דאָס וואָס עס איז ווייטער געשען אין די דרייסיקער יאָרן איז אַ צו גוט באַקאַנטע טרויעריקע סדרה אויף וועלכער איך דאַרף זיך דאָ נישט אָפּשטעלן.

באַבעל איז נישט געווען פּעאיק צו גיין אין שפּאַן, ווי דאָס האָבן געטאָן אַנדערע שרייבער. נאָך אין די „גוטע צייטן״ (פון די מיט־צוואַנציקער יאָר) האָט ער אין אַ בריוו געשריבן: „ווי אַלע מיינע חברים שרייבער, שפּיר איך זיך דערנידעריקט... די ספּעציפישע אַרבעטס־באַדינגונגען... דער טומל און די עקלהאַפטע אַטמאָספער פון דינגענישן״.

אין די דרייסיקער יאָרן זענען שוין אָבער די באַדינגונגען פון פרייען שאַפן געוואָרן אומפאַרגלייכלעך שווערער און פאַר באַבעלן לגמרי אומדערטרעגלעך.

נאָך גאָרקיס טויט, איז אויך אָפּגעפאַלן זיין איינציקער באַשיצער מיט אָנזען און אויטאָריטעט.

אין 1935 האָט מען אַזעלכע צוויי דעמאָלטיקע באַרימטע נעמען ווי פּאַסטערנאַק און באַבעל ניט אויסגעקליבן אַלס דעלעגאַטן צום קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז („קאַמף קעגן פאַשיזם״). ערשט פון דער פּאַרי־זער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע איז געקומען אַ שטאַרקע פאָדערונג, אַז אָט די צוויי מוזן אומבאַדינגט זיין אין דער דעלעגאַציע. און דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע מאָל, ווען באַבעל האָט נאָך געהאַט אַן אָפענע גרענעץ אין דער פרייער וועלט. לײַדער, איז ער צוריקגע־פאָרן קיין מאָסקווע, וווּ עס איז אין גיכן געחתמעט געוואָרן זיין גורל...

אין מאָסקווע האָט ער געזאָגט צו זיין שכן, דעם אונגאַרישן שריי־בער, סינקאָ, אַז ער איז געוואָרן דער מייסטער פון דעם נייעם זשאַ־נער: שווייגן... „אַז איך שרייב נישט, וואַרפט מען מיר פאַר מיין

שווייגן. אָבער אויב איך זאָל שרייבן וועלן דאָך די באַשולדיקונגען זיין פיל גרעסערע און מער געפערלעך״.

ער האָט זיך בעסער געוואָלט פאַרנעמען מיט שרייבן סצענאַריעס פאַר פילמען און דאָס האָט אים געגעבן שיין פּרנסה. זיינע ביכער האָבן זיך אויך זייער גוט פאַרקויפט און ער האָט נאָך געקענט שטיצן זיין פאַמיליע אין אויסלאַנד. זיין ליטעראַרישער שווייגן איז אָבער ״קאָ־מענטירט״ געוואָרן אין די ״איינפלוסרייכע״ קרייזן. ער האָט דערשפּירט דעם קלעם. און אין אַ ריי בריוו צו זיינע נאָענטע, געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם דרוק, וואָס ווערט געמאַכט אויף אים ער זאָל קומען אין דער עפנטלעכקייט און שרייבן ״אידיאָטישע אַרטיקלען״. ווייזט אויס, אַז פאַרן שופלאָד״ האָט ער יאָ געשריבן (עס זענען פאַראַן באַווייזן פון קאַפּיטלען), אָבער נישט געקענט מאַכן קאָמפּראָמיסן מיט זיין קינסטלערישן געוויסן (זיך צופּאַסן... ווי עס האָבן געטאָן אַנדערע). פון די בריוו צו זיין מוטער און שוועסטער קענטיקט זיך אַ מין בראַ־וואַדאָ צו באַהאַלטן פאַר זיי זיין פּאַקטישן מצב — אָט דעם פּחד אין וועלכן ער לעבט. ער שרייבט צו זיי, אַז ער פאָרט אַרום איבער אוק־ראַיִנע, קרים, קאַווקאַז, אַז ער לייענט אַ סך, און שלום עליכמס ״טביה דער מילכיקער״ לייענט ער אין אָריגינאַל אין אונדזער פּרעכטיקן אָריגינעלן לשון. ער שרייבט צו זיי מונטערנדיקע בריוו, וועלכע זענען מסתמא נאָר בכדי צו באַרויקן די אייגענע.

זיין לעצטער בריוו צו דער מאַמען איז דאַטירט דעם 10 מאַי 1939, ווידער מערקט ער אָן זיין טעטיקייט אין שרייבן סצענאַרן, און ווען ער וועט פאַרענדיקן מיט זיי וועט ער זיך ערשט נעמען צו דער ״אמתער אַרבעט״ (ער האָט פאַרטראַכט צו שרייבן אַ ראָמאַן וועגן דער קאָלעקטיוויזאַציע. איין קאַפּיטל איז נאָך זיין טויט טאַקע געדרוקט געוואָרן אין ניו־יאָרק). מעגלעך, אַז ער האָט נאָך געהאַט אַנדערע פּראָיעקטן פאַרן... שופלאָד.

פינף טעג נאָכן אָוועקשיקן זיין לעצטן בריוו צו דער מוטער, איז ער אַרעסטירט געוואָרן און איינגעזעצט אין דער לוביאַנקער טורמע. די ג.פּ.או. האָט צוגענומען אַלע זיינע מאַנוסקריפּטן, וואָס זענען פאַר־שווונדן געוואָרן צוזאַמען מיט זייער מחבר. מען ווייסט אפילו נישט אין וואָס מען האָט אים באַשולדיקט. איין ווערסיע — פאַר שפּיאָנאַזש. לטובת יאַפּאַן (שפּיאָנאַזש פאַר אַ פרעמדער מלוכה איז געווען דעמאָלט אָנגעגעבן אין די אַלע מאָסקווער קאַשמאַר־פּראָצעסן).

נאָך סטאַלינס טויט איז באַבעלס פאַמיליע אינפאָרמירט געוואָרן, אַז דעם 26טן יאַנואַר, 1940, איז ער פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט, וואָס איז געוואָרן אויסגעפירט אין מערץ, 1941. אָבער די מיליטערישע קאָלעגיע אין העכסטן געריכט האָט שפּעטער באַשלאָסן אָפּצושאַפן דעם אורטייל צוליב ״נייע אויפגעדעקטע באַווייזן״.

נאָך אָט דער „רעהאַביליטאַציע" איז גלייך דערשינען אַ נייע אויסגאַבע פון זיינע ווערק, וואָס איז שנעל אויספאַרקויפט געוואָרן. אין 1966 איז ווידער דערשינען אַ נייע אויפלאַגע, אַ מער אויסגעברייטערטע מיט אַן אריינפיר וועגן זיין לעבן און שאַפן. אַ שאָד נאָר וואָס נאָכן רעהאַביליטירן אים פון זיין „פאַרברעכן" איז נישט אָנגעגעבן געוואָרן דאָס וואָס ער האָט געזאָגט אין לוביאַנקער טורמע — פאַר דער עקזעקוציע — צו אַ מיט־אַרעסטאַנט: „ניע דאַלי קאָנטשיט" (מען האָט נישט געלאָזט ענדיקן...).

ה

ווע‍לן מיר זיך צוריק אומקערן דאָ צו אַ ריי אינטערעסאַנטע פּרטים פון באַבעלס לעבן, וואָס זענען ערשט לעצטנס געוואָרן פאַרעפנטלעכט. איך וועל אָנהייבן פון זיין פאַרהייראַט לעבן.

ווי דערמאָנט האָט באַבעל חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ רייכן פאַבריקאַנט אין קיעוו, בראָנפמאַן. איר פאָטער האָט נישט געוואָלט דעם שידוך, זענען באַבעל און זיין פרוי יעווגעניע אַוועק ווינען אין אָדעס. אין די צוואַנציקער יאָרן איז באַבעל געוואָרן אַ באַרימטער שרייבער און זיין שווער בראָנפמאַן איז געוואָרן אַ יורד, מחמת די באַלשעוויקעס האָבן קאָנפיסקירט זיין פאַבריק. האָט ער געוואָלט זיך איבערבעטן מיט זיין איידעם און צוליב דעם איז צו באַבעלן אַראָפּגעקומען די שוויגער מיטנעמענדיק אירס אַן אייניקל, דעם אַכטיאָריקן לוציאַן. באַבעל האָט זיי אויפגענומען אויסערלעך פריינדלעך, אָבער אין האַרצן מיט אַ שטאַרקן פאַראיבל.

די שוויגער האָט ווידער געוואָלט אַרויסווייזן איר איבערגעגעבנקייט צום איידעם אויף טריט און שריט, פלעגט זי אים נאָר קאָכן אייער. ער האָט זיי נישט געוואָלט עסן.

— באַבעל — זי האָט אים גערופן ביים פאַמיליע־נאָמען — פאַר וואָס עסט איר נישט די אייער — האָט איר זיי נישט ליב, אָדער צוליב דעם, וואָס איר האָט נישט ליב די שוויגער? איך האָב דאָך ספּעציעל פאַר אייך געקאָכט זיי...

— אַ דאַנק, איך וויל זיי נישט, פלעגט ער איר אָפּענטפערן, זי זאָל זיך פון אים אָפּטשעפּען.

ערגער איז אים אָבער געווען מיט דעם יינגל לוציאַן, מיט זיינע אָנגעשטעלטע אויערן, שטענדיק רויטע, ווי זיי וואָלטן געברענט פון נייגעריקייט. פלעגט ער נאָכשפּיאָנירן באַבעלן און זיינע חברים און זיי האָבן זיך פון אים גאָר נישט געקענט אויסבאַהאַלטן. ווו זיי זענען נישט געגאַנגען איז ער אויסגעוואַקסן מיט זיינע שוואַרצע, שפּיאָנירנדיקע אויגן און גלייך פלעגט ער אָנהייבן שטעלן קלאָץ־קשיות. 30 אין אַ מינוט און קיין מאָל נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער. ער האָט קיין מינוט

נישט גערוט, סיידן אין שלאָף. אַ גאַנצן טאָג איז ער געשפּרונגען, געבראָכן זאַכן, געקלאַפּט מיט די טירן, אומגעפּאַלן און געוויינט. ער פלעגט נאָכקרומען דאָס רעדן, גערייצט דעם הונט, געריסן זיינע אייגענע האָר, אָדערביים עסן אַרויסשלעפּן פון קעשענע האַלב־טויטע ליזאַרדס מיט אָפּגעפּליקטע עקן. ער פלעגט זיי אַוועקלייגן אויפן טיש — און דאָס אַלץ צו דערגיין אַלעמען די יאָרן, באַזונדערס באַבעלן!

מען קען זיך פאָרשטעלן, וואָס באַבעל און זיינע חברים האָבן געטראַכט וועגן לוציאַנען. באַבעל פלעגט פון אים ווערן אַזוי נערוועז, אַז ער האָט נישט געקענט מער אַרבעטן. פלעגט ער פון שטוב אַנט־לויפן און קרעכצן. אַזוי פלעגט דורכגיין אַ טאָג נאָך אַ טאָג און זיין שוויגער מיטן תכשיט האָבן גאָר נישט געטראַכט וועגן צוריקפאָרן אַהיים. באַבעל האָט געזוכט אַלע מיטלען ווי אַזוי פון אים פּטור צו ווערן, אָבער עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן ביז עס איז מיט לוציאַנען געשען אַזאַ פאַל: באַבעל פלעגט שרייבן מיט אַ טושאַוון בלייער. האָט לוציאַן איין מאָל אַרויסגעריסן דעם בלייער פון זיין האַנט און איז מיט אים אַוועקגעלאָפן. שפּרינגענדיק אַזוי האָט ער אָפּגעבראָכן דעם שפּיץ פון בלייער און עס אַריינגעשטופּט אין אויער.

באַבעל מיט זיינע חברים זענען אַוועק שווימען און לוציאַן איז זיי נאָכגעלאָפן צום ים. ער האָט זיך אויך געבאָדן און צוריקגעקומען ערשט צום פרישטיק. און דאָ איז פאַר באַבעלן געקומען די ישועה! ווען די שוויגער האָט ביי די צוגעטראָגענע אייער צום פרישטיק אָפּ־געזאָגט איר טעגלעכן פּזמון („האָסט נישט ליב די שוויגער?”), האָט דער יאָט זיך אָנגעכאַפּט ביים אויער און געמאַכט אַזעלכע יעלות, אַז ס'האָט זיך געשפּאָלטן דער סופיט! ער האָט פאַר רציחה אָנגע־הויבן ברעכן אַלע כלים, וואָס זענען אים געקומען אונטער דער האַנט. אין שטוב איז געוואָרן אַ שרעקלעכע פּאַניק. אַלע זענען געווען צע־טומלט אויסער באַבעלן. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס יינגל האָט זיך געבאָדן און דאָס וואַסער וואָס איז אים אַריין אין דעם אויער מיטן בליי אינעווייניק, מאַכט אים ווילד פון ווייטיק. די שוויגער האָט גע־וויינט, געוואָלט מען זאָל אים גלייך נעמען צו אַ דאָקטער־ספּעציאַליסט.

אַן אויפגערעגטער האָט באַבעל צו איר געזאָגט: — גייסט רופן אַ דאָקטער פון אָדעס? וועסט אַוועקהרגענען דאָס קינד! אין אָדעס זענען דען דאָ דאָקטוירים? — זיי זענען שאַרלאַטאַנען, קאַליקעס! ער האָט אָנגעשטעלט אויף דער שוויגער אַן אָנגעשטרענגטן בליק פון טיפער זאָרג פאַרן באַנדיט.

— גאָט מיינער, וואָס זאָל איך טאָן? האָט די שוויגער אַן אומ־גליקלעכע געוויינט און לוציאַן האָט געריטשעט — אין שטוב איז געווען יענע סומאַטאָכע.

— ביסט אַ קיעווער, דאָרט זענען דאָ וועלט־באַרימטע ספּע־

ציאַליסטן — נעם אים גלייך קיין קיעוו. און ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער: „אין דריי שעה ארום גייט אָפּ די באַן, פּאַק איין זיין פּעקל, אים וויקל אַרום דעם אויער און איך וועל אייך גלייך אַוועקפירן צו דער באַן".

זיינע חברים און זיין פרוי האָבן זיך צוגעקוקט, ווי ער שפּילט אויס אַזוי ערנסט זיין ראָל, זיי האָבן זיך קוים איינגעהאַלטן פון געלעכטער און ווי נאָר זיי זענען מיט באַבעלן אַוועק צום באַן, איז זיין פרוי יעווגעניע אריינגעפאַלן אין אַ ספּאַזמאַטיש געלעכטער ביז טרערן. די אימפּראָוויזירטע אָפּגעשפּילטע סצענקע מיט די „באַרימטע פּראָפעסאָרן אין קיעוו", האָט באַבעל אויסגעשפּילט ממש, ווי אַן ערשטקלאַסיקער פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר.

נאָך זייער אַוועקפאָרן איז אין שטוב געוואָרן שטיל ווי אין אַן אויער. אין אַ וואָך אַרום איז אָנגעקומען אַ בריוו פון קיעוו בזה הלשון:

— וועט איר גלייבן — האָט די שוויגער געשריבן מיט אַ נערוועזער האַנטשריפט — וואָס מיינט איר האָט פּראָפעסאָר גרינפעלד געפונען? זיין דיאַגנאָז איז געווען, אַז דער קליינער טייוול האָט אין אויער אַריינגעשטופּט אַ שטיקל פון אַ טושאַוון בלייער. אויסער דעם איז ביי אים קיין שום זאַך נישטאָ, די מינדסטע זאַך נישט; האָט איר זיך אַזעלכעס פאַרגעשטעלט?!

וועגן אָט דעם עפּיזאָד האָט געשריבן באַבעלס יוגנט־חבר פאוסטאָווסקי, וועלכער האָט צו יענער צייט געלעבט אין אָדעס און יעדן טאָג פאַרבראַכט און געשמועסט מיט באַבעלן וועגן קונסט, וועגן סטיל אין דער ליטעראַטור.

— דער עיקר איז אויטענטישקייט, האָט באַבעל צו אים געטענהט. איך האַלט זיך ביי דעם, דעריבער שרייב איך אַזוי ווייניק און פּאַמעלעך... די קורצסטע דערציילונג מיינע קומט מיר דאָך אָן אַזוי שווער צו שרייבן. עס מאַכט מיך אַלט און שוואַך. ווען איך הייב אָן שרייבן גלייב איך נישט, אַז כ'וועל האָבן אין זיך כוח עס צו פאַרענדיקן... ווען איך בלייב שטעקן ביי אַ זאַץ קריג איך ספּאַזמעס. און איך בלייב דאָך זייער אָפט ביים שרייבן שטעקן ביי אַ זאַץ".

ער האָט אַרויסגענומען אפשר אַ 100 זייטן אָפּגעקלאַפּטע אויף אַ מאַשין און פאַוסטאָווסקי האָט קוקנדיק אויפן פּאַק געטראַכט: — זאָל ער טאַקע האָבן אָנגעשריבן אַזאַ גרויסע דערציילונג? זענען דאָך באַבעלס קורצע דערציילונגען שטענדיק געווען ממש ווי טעלעגראַמעס, און ער האָט דאָך באַוויזן אַלץ אַריינצופּרעסן אין דעם קלענסטן פּלאַץ. 10 זייטלעך איז שוין ביי אים געווען צו לאַנג!

אויפן טאַוול איז געווען אַ קעפּל: „ליובקע קאַזאַק".

— „איך האָב געהערט, אַז „ליובקע קאָזאַק״ איז אַ קורצע דער־ציילונג, האָט פּאַוסטאָווסקי אים געזאָגט, האָסטו געמאַכט פון איר אַ גרויסע נאָוועלע?״

לאַכנדיק האָט באַבעל אויפגעעפנט דעם מאַנוסקריפּט און געזאָגט:

„ליובקע קאָזאַק״ האָט נאָר פופצן זייטלעך. אין דעם פּאַק זענען פאַראַן 22 פאַרשידענע ווערסיעס פון דער דערציילונג — דעריבער איז דאָ פאַראַן אַ פּאָר הונדערט זייטן. איך ווייס אַפילו נישט, זאָגט באַבעל, צי די 22טע איז שוין רייף צו פאַרעפנטלעכן. עס זעט מיר אויס, אַז עס קען נאָך אַלץ געפרעסט ווערן און גלייך צוגעגעבן: איז דאָך דאָס עלימינירן, וואָס גיט אַריין קראַפט אין דער שפּראַך און אין סטיל״. „פון שפּראַך און סטיל״, האָט ער איבערגעחזרט „קענסטו אַלץ מאַכן; אַן אַנעקדאָט. אַ פּליאַטקע, קענסט עס פאַרוואַנדלען אין אַזאַ דערציילונג, וואָס דו ווייסט אליין נישט ווען עס אָפּוואַרפן מחמת עס לייכט ווי אַ צירינג... איין גאָט ווייסט, ווי אַזוי איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם טייוול און מלאך פון קונסט... עס איז מיין גליק און מיין קרייץ, מער פון אַ קרייץ מיין איך. אָבער אָן דעם וועט אַוועק־גיין פון מיר יעדן טראָפּן בלוט״.

פון דעם איז ער אַריבער אויף דער טעמע פון אַנטיסעמיטיזם און געזאָגט: „עס איז דאָך נישט געווען מיין אויסוואַל אַ ייד געבוירן צו ווערן. איך גלויב, אַז כ׳קען אַלץ פאַרשטיין, נאָר נישט די רשעות וואָס מ׳רופט: אַנטיסעמיטיזם. ווי אַ קינד בין איך אַדורך בשלום אַ פּאָגראָם. זיי האָבן נאָר אָפּגעריסן דעם קאָפּ פון מיין טויב. פאַר־וואָס?... ער האָט אָנגעהויבן רעדן שטילער: „כ׳וויל נישט יעווגעניע זאָל הערן אַזאַ שמועס. עס שרעקט איר אָפּ. זי קען פון דעם שפּע־טער אַ גאַנצע נאַכט וויינען. זי מיינט, אַז כ׳בין איינזאַם. אפשר טאַקע יאָ?״ — — —

קאָנסטאַנטין פּאַוסטאָווסקי האָט אין זיינע זכרונות געגעבן אַן אימפּרעסיאָניסטישן איבערבליק פון באַבעלס לעבן און שאַפן אין אָדעס און אין קאַווקאַז, וווּ זיי האָבן לאַנג פאַרבראַכט צוזאַמען. באַבעל האָט געזוכט זיין יידישע אידענטיטעט אין זיינע געשפּרעכן מיט זיין פריינד פּאַוסטאָווסקי און אויך אין זיינע דערציילונגען. ער האָט געקענט זען זיינע יידישע כאַראַקטערן אין אוניווערסאַלע טערמינען, גוט געקענט די יידישע ליטעראַטור ביז און בעת דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אים האָט אָבער אינטערעסירט די שייכותן צווישן דעם יידישן עבר און רעוואָלוציאָנערן הווה (די דערציילונגען „גדליה״; „דער רבי״; „דעם רבינס זון״ און אַנדערע). ער האָט געוואָלט פאַרשפּיגלען דעם פּראָבלעם פון יידישער אידענטיטעט, ווי אַן אוניווערסאַלן ענין, אַרויסגעבראַכט אין דער רוסישער שפּראַך.

ווען מיר לייענען „דעם רבינס זון", און דאָס וואָס דער נאַראַטאָר געפינט אין זיין וואַליזע, דערקלערט דאָך געגוי וואָס איליאַ איז — ער איז אידענטיש מיטן מחבר, וואָס טראָגט אויף זיינע פּלייצעס דעם דרייפאַכיקן עול: ייד, אינטעלעקטואַל און קינסטלער. און ער זוכט צו מאַכן שלום צווישן אָט די אַלע דריי עלעמענטן. די גאַנצע קאָנדענסירטע געשיכטע צווישן שטאַרבנדיקן איליאַ און נאַראַטאָר, וואָס איז געוואָרן אַרויסגעבראַכט אין די געציילטע ווערטער פון דעם סטיליזירטן שמועס, איז דאָך ממש אַן אָפּבילד פון מחבר גופא!

ווען די קאָזאַקן זענען באַזיגט געוואָרן דורך דער פּוילישער אַרמיי, נעמט דער יידישער אינטעלעקטואַל (איליאַ) איבער די העלדישקייט פון די קאָזאַקן. און העלדישקייט איז דאָך געווען זייער ספּעציפישער עלעמענט. ווען איליאַ גוססט, ווערט דער נאַראַטאָר זיין גייסטיקער יורש: „איך האָב באַקומען דעם לעצטן אָטעם פון מיין ברודער". ער אָנערקענט אים אַלס ברודער און מאַכט שלום מיט זיין יידישער ירושה.

אין באַבעלס דערציילן איז פאַראַן אָט די סובטעלע פּשטות, וואָס גיט אַריין אינעם געוויינטלעכן, אַן אָפּשיין און אויסקלאַנג פון עכטער ליריק. אין דעם זין רופט זיך זיין שרייבן איבער מיט טשעכאָווס און גאָרקיס דערציילונגען. און די וואָס האָבן נביאות געזאָגט, אַז די קורצע דערציילונג וועט נאָך טשעכאָוון פאַרשווינדן פון ליטעראַריש־קינסטלערישן האָריזאָנט, האָבן אין אַנבליק פון באַבעלס גרויס־מייסטערשאַפט געמוזט זיכער רעווידירן זייער מיינונג.

יעדע דערציילונג, וואָס איז אַרויס פון באַבעלס פּען האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט. זיינע מיטצייטלער דערציילן, אַז נאָך זיינע אָדעסער דערציילונגען איז אַ געוויסע צייט געווען אין דער מאָדע צו רעדן אַפילו אויפן לשון פון בעניע קריק (דער ראָמאַנטישער גענגסטער־„קעניג" פון דער אָדעסער יידישער אונטערוועלט).

טאָלסטאָי האָט אַמאָל שטאַרק גערימט דעם רוסישן ראָמאַניסט קורפּין פאַר זיין טאַלאַנט צו קענען זיך אַזוי גוט באַנוצן מיט דעם ממזרישן לשון פון דער רוסישער אונטערוועלט. באַבעל האָט דאָס אויף אַ בריליאַנטענעם אופן באַוויזן אין זיין ציקל: „בעניע קריק דער גענגסטער און אַנדערע דערציילונגען".

ווי שוין פריער דערמאָנט, איז בעניע קריק אַ ליטעראַרישע מאַסקע פון אַן אויטענטישן אָדעסער באַוווסטן „קעניג" פון דער אונטערוועלט (מישקע יאַפּאַנטשיק) און איז כאַראַקטעריזירט, ווי אַן איידעלער אונטערוועלטניק, אַ מין יידישער ראָבין הוד, וואָס נעמט זיך אָן די קריוודע פון די אָרעמע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט באַבעל אויך געשאַפן אַ פילם־סצענאַר פון „בעניע קריק" (אגב, האָט ער אויך געאַרבעט אויף אַ פילם־סצענאַר געשטיצט אויף שלום־עליכמס דערציילונגען). ער

האָט צו זיין אָדעסער טעמאַטיק, פון ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיך ווידער אומגעקערט אויך אין זיין פּיעסע „זונפאַרגאַנג״.

אין דער פּיעסע איז שוין פאַרשפּיגלט די טראַגעדיע פון אַן אַלטן ייד (מענדל קריק), וועלכער פלעגט אַרומפאָרן אויף ווייטע שטרעקעס מיט זיינע פראַכט־וואַגנס און ער איז דער טאַטע פונעם פריער־דער־מאָנטן ראָמאַנטישן גענגסטער בעניע קריק. אין דער פּיעסע באַווייזט ער זיך שוין אָבער אין אַ נייַ ליכט, גאָר אַנדערש, ווי אין די דערציי־לונגען (וואָס ער האָט, אגב, פאַרעפנטלעכט אין די יאָרן 1921—1924).

אין „זונפאַרגאַנג״ (1928) זוכט נישט מענדל קריק זיך אַרויסצו־רייסן פון דער מיליע פון מאָלדאַוואַנקע, דער פאָרשטאָט פון אָדעס. און דאָס, וואָס איז פריער געשילדערט געוואָרן מיט קוראַזש, גבורה, לײַדנשאַפט — בכלל ווי אַ שטיק גענגסטער־עקזאָטיק, ווערט גאָר אין דער פּיעסע פאַרוואַנדלט אין אַ קליין־בורזשואַזישע געלט־גיריקע כנופיה. — אַן אוממענטשלעכע וועלט פון פּריוואַט־אייגנטום...

צו יענער צייט האָט מען נישט תופס געווען באַבעלס געענדערטע באַציאונג צו דער מיליע, וואָס האָט אים אָנהייב די צוואָנציקער יאָרן אַזוי באַרימט געמאַכט, אָבער היינט פאַרשטייען מיר צו גוט די סיבות פון אָט דער אַנדערשקייט... דער מחבר לאָזט זיין העלד מענדל קריק, וואָס דערשיינט דאָ אַזוי מגושמדיק, גראָב און געשעפטסמעסיק — זוכן צו פאַרקויפן זיינע געשעפטן, אַוועקוואַרפן ווייב און קינדער און אַוועק־פאָרן קיין בעסעראַביע צו זיין 20־יאָריקער געליבטער מויד. די טענ־דענץ פון דער דערציילונג איז אַ קלאָרע: צאָלן — צינזן!...

אָבער אויך דאָס האָט נישט געקענט פאַרמינערן די רייכע טעקסטור און דעם עטנישן אַראָמאַט. סיי די יידישקייט פון מאָלדאַוואַנקאַ און סיי דער אוניווערסאַליזם פון דער טעמאַטיק, ווו ער שילדערט אַזוי בילדעריש די שטרעבונג פון דער נייער גענעראַציע, איר דעצי־דירטקייט צו פאַרטרעטן די אַלטע וועלט און איר שטייגער מיט אַ גע־זונטערער מיליע. אגב, ווערט אָנגעוויזן, אַז פון דער פּיעסע, וואָס איז זייער געדיכט באַשריבן אויף עלף זייטלעך, פעלט די צוועלפטע זייטל מיט דעם אָפּשלוס פון דער דערציילונג, וואָס איז גאָר עפּעס פאַרשוווּנדן געוואָרן... עס ווערט ערשט פאַרשטענדלעך די סיבה דורך אַ בריוו, וואָס באַבעל האָט אין יענער צייט געשריבן צו זיין שוועסטער, ווו ער באַקלאָגט זיך זייער שטאַרק אויף דער אַטמאָספער צו אַרבעטן אין מאָסקווע, ווו עס הערשט די „קראַנקע סביבה״... די לעצטע צוויי ווער־טער זאָגן דאָך אונדז מער ווי גאַנצע בענד.

באַבעלס דערציילונגען טיילן זיך, לרוב, אויף דריי ציקלען: אָדעסער געשיכטעס; דערציילונגען פון קינדהייט און יוגנט; און די רייטער־אַרמיי. אין יעדן פון זיי איז פאַרשפּיגלט אַ נייע פּראָזע אין וועלכער די קלענסטע פּרטים באַווייזן די שאַרפקייט פון דעם

מחברס וויזיע בנוגע די כאַראַקטערן, זייערע מאָטיוון, און דעם אופן ווי זיי זענען אַריינגעוועבט געוואָרן אין דער פאַבולע.

נעמען מיר, למשל, אַזאַ דערציילונג ווי „די געשיכטע פון מיין טויבנשלאַק", ווייזט אונדז באַבעל דעם דרוק פון געשיכטע, די היסטאָרישע כוחות, וועלכע באַוועגן דעם יחיד; די דערפאַרונג פון אַ קינד אין דער גרויסער וועלט און זיינע פאַרלאַנגען, דער היסטאָרישער און סאָציאַלער קאָנטעקסט פון דער פאַמיליע, די שפּאַנונגען צווישן פאָטער און זון. דאָס אַלץ שאַפט דאָך אין דער דערציילונג, (ווי אין אַנדערע), אַ באַשטאַנדטייל פון דעם מחברס אויטענטישער ביאָגראַפיע; עס אַנטפּלעקט זיין פערזענלעכע פאַרמירונג און שטעלונג צום לעבן און די דערפאַרונג פון די פערסאָנאַזשן.

אין די 1930־ער יאָרן, ווען עס האָט שוין שטאַרקער געבושעוועט דער טעראָר אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט איסאַק באַבעל געגעבן זיינע נאָענטע פריינד אויסצובאַהאַלטן עטלעכע קאָפּיעס פון פאַרשידענע וואַריאַנטן פון זיינע נאָך־נישט פאַרעפנטלעכטע דערציילונגען. אַזוי איז שפּעטער ארויסגעקומען אויף דער ליכטיקער שיין זיין טאָגבוך, וועלכן ער האָט געשריבן בעת דעם בירגערקריג אין רוסלאַנד, ווען ער איז געווען אַ קריגס־קאָרעספּאָנדענט אין דער רייטער אַרמיי און בייגעווווינט, ווי די רויטע קאַוואַלעריע האָט די פּאַליאַקן אַרויסגעטריבן פון אוקראַינע.

די דאַטעס פון זיין טאָגבוך נעמען אַרום פון 3־טן יוני ביזן 15־טן סעפּטעמבער, 1920. ער האָט אָפט דעמאָלט געמוזט שרייבן אויפן רוקן פון אַ פערד און דער שריפט איז טיילווייז נישט לייענבאַר. אויסער דעם פעלן אַ ריי בלעטלעך. אָבער פון דעם טאָגבוך גייען אַראָפּ לעבעדיק פון די בלעטלעך זיינע פערזענלעכע אָבסערוואַציעס פון מענטשן, פלעצער און זיינע רעאַגירונגען אין געוויסע סיטואַציעס. די פּרטים פאַרקריצן זיך אין זיין געמיט אין פאַרבינדונג מיט אידייען, זכרונות, ברעקלעך געשפרעכן, וועלכע ער האָט פאַרנאָטירט. עס חזרט זיך איבער זיין זאָג צו זיך: „פאַרשרייב"! און די פאַרנאָטירונגען זענען דאָך געווען דער רוי־מאַטעריאַל פאַר זיינע שפּעטערדיקע מייסטער־האַפטע דערציילונגען וועגן דער רויטער קאַוואַלעריע, וועגן די חסידישע געשטאַלטן, וועלכע ער האָט באַגעגנט און געשטאַלטיקט אין אַ ריי דערציילונגען.

כדאַי צו באַמערקן, אַז אַט דער „טאָגבוך" פון יענע יאָרן שטייט נאָך עד היום אַלץ אונטער אַ פראַגע־צייכן אין ראַטן־פאַרבאַנד, צי ער איז טאַקע „כשר" צו פאַרעפנטלעכן אַזוי ווי ער שטייט און גייט...

עס איז אויך קיין מאָל נישט געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין רוסיש באַבעלס דערציילונג „די יידישקע". דער מאַנוסקריפּט, געשריבן אויף אַ שרייב־מאַשינקע איז נישט געוואָרן פאַרענדיקט. אָבער אַזוי ווי זי

איז, פאַרמאָגט אויך די דערציילונג אַ פיינע קאָנסטרוקציע, וואָס איז אַזוי אַנדערש פון זיינע אַנדערע דערציילונגען, וועלכע זענען פאַר־עפנטלעכט געוואָרן און באַקאַנט דעם לייענער.

שוין דער פאַקט גופא, וואָס ער האָט געאַרבעט אויף דער דערציי־לונג אָנהייב די 1930־ער יאָרן, ווען ער האָט געזוכט צו עקספּערי־מענטירן מיט אַ סוזשעט פאַר אַ גרויסער דערציילונג — לאָזט זיך דערי־בער גלייבן, אַז די אַרבעט איז פאַרטראַכט געוואָרן, לכתחילה, ווי אַ ראָמאַן און איז אין אַ געוויסן זין אויטאָביאָגראַפיש, מחמת עס האָט אַן אינטימע שייכות צום טויט פון זיין פאָטער (1923).

אָבער עס דאַרף נישט גענומען ווערן בוכשטעבלעך, ווי זיינע פאַמיליע־זכרונות, מחמת אַ ריי פאַקטן זענען גאָר נישט קיין אויטענטישע. באַבעלס פאַמיליע האָט געלעבט אין אָדעס און נישט ערגעץ אין אַן אונטערגייענדיקן שטעטל, ווי ער שילדערט אין דעם סוזשעט. און ער איז יאָ געווען ביים פאָטערס טויט. און די דערשלאָגענע יידן פון דער שטעטלדיקער באַפעלקערונג זעען דאָך גיכער אויס צו זיין פון די שטעטלעך אין גאַליציע, וועלכע ער האָט באַשריבן אין זיין „רייטער קאַוואַלעריע".

אין „די יידישקע" שילדערט באַבעל, ווי די אַלטע פרוי אסתר ערליך איז אַוועק מיט בלומען אויפן בית־עולם, זיך אַוועקגעזעצט ביים פרישן קבר פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, זיך גוט אויסגעוויינט ביים אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן. עס איז געווען גלייך נאָך שבעה. אָנגעטאָן אין שוואַרצן, האָט זי זיך, ווי אַ שאָטן, געשלייכט צוריק אַ היים. אויפן וועג איז אַנטקעגן געגאַנגען די טאָכטער און געבעטן דער מאַמען זי זאָל זיך: האַלטן, ווייל באַריס איז דאָ אין שטוב. זי האָט געטראָפן איר זון שטיין ביים טיר אין זיין מיליטערישן אוניפאָרם, באַהאָנגען מיט פיל מעדאַלן. די מוטער האָט געקוקט אויפן זון מיט נאַסע אויגן און זיך אָפּגערופן: „ווי אַזוי האָסטו געקענט נישט זיין ביים טאַטנס טויטנבעט? ווי האָסטו צו אים געקענט טאָן אַזאַ זאַך?"

דער זון מיט דער טאָכטער האָבן דער מאַמען אַריינגעפירט אין שטוב. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, געקוקט דעם זון גלייך אין פנים אריין און ווייטער געמוסרט אים אין שייכות מיטן טאַטנס טויט. דער־ציילט אים, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען דער פאַרלויף פון דער קראַנק־הייט ביז זיין גסיסה, ווען ער האָט נישט אויפגעהערט רופן צו זיך דעם זון. זי דערציילט אים, אַז יעדעס מאָל, ווען ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען באַריס האָט זי אים געדריקט די האַנט, אָבער מיט דעם נאָמען אויף די ליפּן איז ער געשטאָרבן. „ווי האָסטו געקענט קומען אַזוי שפּעט?" — האָט די מאַמע נישט אָפּגעלאָזט איר כעס אויפן זון.

גערעדט האָט זי בעת זיי זענען אַלע געזעסן אין דער פינצטער און ער האָט געהערט ווי זי אָטעמט אויפגערעגט. גאָר נישט ענט־

פערנדיק אויף אירע טענות, האָט דער זון גענומען דעם רעוואָלווער און איז אַרויס אין גאַס. אַרומגעגאַנגען אַזוי אַ האַלבע נאַכט איבערן שטעטל, ווו ער איז געבוירן געוואָרן... דאָס שטעטל שטאַרבט אָפּ. די נייע צייט האָט געקלונגען: „איז עס דער סוף אָדער אַ נייער אָנהייב?" — האָט באָריס זיך אליין געפרעגט. די שול אין וועלכער ער האָט זיך געלערנט איז חרוב געוואָרן אין 1919... ער איז דורכגע־גאַנגען חורבות, נויט האָט ארויסגעקוקט פון די הייזער און ער האָט זיי געזעגנט מיט זיין בליק און צוריקגעגאַנגען אַ היים. דער מאַמעס שלוכצן האָט צעריסן זיין האַרץ („דאָס האַרץ פון די ערליכס"). זי האָט געוויינט אויף זיין ברוסט, וואָס איז דעקאָרירט מיט צוויי מעדאַלן פון דער „רויטער פאַן". זיי זענען נאָס געוואָרן פון אירע טרערן. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון איר קומען צו זיך...

אויף צו מאָרגנס איז געקומען די גרויסע משפחה, צווישן וועלכע עס זענען געווען אַמאָליקע סוחרים, אַוואַנטוריסטן און פּאַטעטישע רע־וואָלוציאָנערן פון דער אַמאָליקער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". באָריסעס מומע איז געווען אַ קראַנקן־שוועסטער אין פּאַריז. זי האָט נאָך גע־הערט זשאָרעסן רעדן. אַ פּעטער, אַ שלימזלדיקער שטעטלדיקער פילאָזאָף — אַ לײדיקגייער. אַנדערע פּעטערס, תבואה־סוחרים, קרע־מערס, קאָמיוואָיאַזשאָרן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע פּרנסות, איינער פון די פּעטערס, וואָס איז געווען אַמאָל אַ רייכער תבואה־הענדלער האָט געזוכט נענטער צו ווערן מיטן פלימעניק, וואָס האָט זיך אָפּגע־זונדערט פון דער פאַמיליע. זיי האָבן באָריסן געפרעגט צי זיי וואָלטן נישט געקענט אַריינגענומען ווערן אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ווען ער וואָלט זיי רעקאָמענדירט? מחמת צוליב זייער סוחרישן סטאַ־טוס פון אַמאָל האָט מען קיינעם פון די ערליכס נישט צוגעלאָזט צו אַ פאַראיין. דאָס לעבן פון אָט די זקנים איז געווען זייער טרויעריק, אַלץ אין דעם אַרום האָט אָנגעדייט אויף ירידה...

באָריס האָט שוין לאַנג געהאַלטן, אַז מען דאַרף אַלע מענטשן אַרויס־העלפן אין זייער נויט, אָבער איצט איז זיין מאַמע געווען לעבן אים, איר פּנים אַזוי ענלעך צו זיינעם. איר קערפּער איז איצט ענלעך צו דעם, וואָס זיין קערפּער וועט זיין אין עטלעכע צענדליק יאָר אַרום. ער האָט פּלוצלינג דערשפּירט אַ מין געמיינזאַמען גורל פון זייערע גופים — די גופים פון די אַלע ערליכס, וואָס זענען אויף אַ געוויסן אופן געבונדן איינער מיטן אַנדערן...

זעענדיק פריער דעם בית־עולם פון זיין געבוירן־שטעטל און איצט די באַדויערנדיקע אויגן פון זיינע פּעטערס וואָס זענען דאָך אַמאָל געווען צופרידענע וואָיאַזשאָרן. און היינט?...

— לאָמיר אַוועק פון דאַנען, האָט באָריס געזאָגט צו זיין מוטער.

— וווהין?

— קיין מאָסקווע, מאַמע.

— זענען דען דאָרטן נישט פאַראַן גענוג יידן אַן אונדז?

— נאַרישקייטן, האָט באַריס געענטפערט, הער זיך נישט צו וואָס מענטשן רעדן.

די מאַמע האָט געקוקט אויף איר איינפאַלנדיק הויז און אויף די איינגעבויגענע כאַטעס פון אירע שכנים. געזען אירע לעצטע 25 יאָר לעבן... איר גאַנצער משפחה האָט נישט צוגעשפּילט צו האָבן אַזאַ געראָטענעם זון ווי זי האָט. זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט נאָכגעבן דעם זונס פאַרלאַנג און פאָרן קיין מאָסקווע, ווו מען זאָגט, אַז מענטשן זענען דאָרט גליקלעך און לעבן מיט אַ לייכט געמיט... עס וועט איר טאַקע שווער זיין צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל, דעם מאַנס קבר און די אַלע אַנדערע קברים פון אירע אָבות — רבנים, צדיקים, תלמידי־חכמים — און ווי אַזוי וועט ער, איר זון, האַנדלען, ווען זי וועט זיך שיידן מיט דער וועלט אין אַ פרעמדער שטאָט, צווישן פרעמדע מענטשן?...

זי האָט דאָך מסכים געווען צו פאָרן קיין מאָסקווע, ווייל ס'איז נישט געווען פאַר איר ערגעץ אַנדערש ווו צו פאָרן, און זי האָט אויך נישט געוואָלט זיך שיידן מיטן זון, וואָס איז געווען אַזוי ענלעך צום טאַטן זיינעם...

עס איז נאָר געווען אַ שטרייט, וואָס די מאַמע האָט אַלץ געוואָלט מיטנעמען און באַריס האָט געוואָלט אַלץ איבערלאָזן — פאַרקויפן, וואָס עס וועט זיך לאָזן. אָבער אין קרעמעניץ איז שוין נישט געווען ווער עס זאָל וועלן קויפן... צום גליק האָט די פאַרבליבענע משפּחה זיך צעטיילט מיטן ביסל בעבעכעס...

פאַרן אַוועקפאָרן איז זי נאָך אַוועק צום בית־עולם, זיך געזעגנט מיטן מאַנס קבר: „דיין זון נעמט מיך קיין מאָסקווע. דיין זון וויל נישט איך זאָל ליגן לעבן דיר... זיי מתפלל ער זאָל דאָרט זיין גליקלעך".

דער זון מיט דער טאָכטער האָבן איר געהאָלפן אַוועקגיין.

באַריס האָט איר געפירט איבערן איבער וועג איבער וועלכן עס האָבן געהאַנגען צווייגן פון סאָסנע־ביימער. טרערן ביטערע, וועלכע ער האָט נישט געקענט איינהאַלטן האָבן פאַרגאָסן זיינע אויגן, געשטיקט אין האַלדז. דאָס איז געווען זיין ערשטער פאַרזוך פון די טרערן, וואָס גייען שוין קיין מאָל נישט אַוועק, פאַרבלייבן אינעם מענטש אויף אייביק. אויף דעם אופן האָבן די ערליכס פאַרלאָזט זייער געבוירן־שטעטל. צו דער באַן־סטאַנציע האָט זיי געפירט דער באַלעגאָלע בויטשיק. ער איז געווען באַקאַנט מיט זיינע פריילעכע מעשיות וועגן זיינע ריזיקע פערד. אָבער געבליבן איז ער איצט ביי זיין אַלטער שקאַפּע און אויך ער איז געווען אַלט מיט אַן איינגעהויקערטער פּלייצע. צום באַן איז געקומען זיך געזעגענען די משפּחה. (דאָ פעלט שוין אַ זייטל אין מאַנו־

סקריפּט, וועלכער איז פאַרבליבן — צוליב נישט אויפגעקלערטע סיבות — נישט פאַרענדיקט. עס זענען אָבער דאָ א ריי השערות...).

ו

אין וואַגאָן האָט באַריס מיט שטאָלץ אָנגעוויזן דער מאַמען פאַר־שידענע פּונקטן מיט זייערע אייגנטימלעכקייטן. אָנגעוויזן מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי דאָס גאַנצע לאַנד מיט אַלץ וואָס דאָ איז פאַראַן געהערט צו אים... אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס געווען ריכטיק: אין אַלץ, וואָס ער האָט געזען פאַרנדיק אין דעם „אינטערנאַציאָנאַלן" וואַגאָן — די איבערגעבויטע באַנסטאַנציעס, פאַבריקן — אין דעם אַלעם איז געווען אַ טראָפּן שווייס און בלוט, וואָס ער האָט צושטייער געגעבן אין דעם קאַרפּוס־קאָמיסאַריאַט פון דער רויטער קאַוואַלעריע.

די מאַמע האָט שפּעטער פון וואַגאָן אַרויסגעקוקט אין דער בלויער פינצטערניש. זיך איינגעהערט צום אָטעמען פון איר שלאָפנדיקן זון — ער האָט אין שלאָף געשריגן — און פון איר טאָכטער. זי האָט געטראַכט, אַז עמעץ וועט דאָך זיכער דאַרפן באַצאָלן פאַר דעם פאַרכישופטן פּאַלאַץ... דאָס איז געווען אַ טיפּיש יידישער געדאַנק. דאָס איז קיין מאָל נישט איינגעפאַלן באַריסן...

ז

אָנגעקומען קיין מאָסקווע. אַליאָשאַ האָט אים אָפּגעוואַרט מיט אַן אויטאָ, אַ נייער 30 טויזנט־רובלדיקער „פּאַקאַרד" — צו דער דיספּאָ־זיציע פון גענעראַל־שטאַב פון דער רויטער אַרמיי. זיי זענען געפאָרן צום שיינעם הויז, וואָס באַריס האָט פאַרויס צוגעגרייט... אַלץ איז געווען פאַנטאַסטיש! די צימערן זענען געווען אַ טייל פון דעם פּאַלאַץ, וואָס האָט פאַר דער רעוואָלוציע געהערט צום מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר (דאָ גייט אַ גענויע שילדערונג פון דער קיך, באַדצימער — אַלץ ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּרינץ).

באַריס האָט אונטערבאַוווּסטזיניק געהערט דעם באַפעל פון זיין אוראַלטן סעמיטישן בלוט. דער בית־עולם און דער קבר פון זיין נישט־מזלדיקן פאָטער האָט אַרויסגערופן אין אים דעם מעכטיקן פאַמיליען־אינסטינקט, וואָס האָט אויפגעהאַלטן זיין פאָלק דורך אַזוי פיל יאָר־הונדערטער. אין זיין דריי־און־דרייסיקסטן יאָר איז צו אים געקומען דער אַלטער רוף. ער האָט אין זיך דערפילט: אַ פאָטער, מאַן און ברו־דער, אַלץ אין איין פערזאָן — דער באַשיצער פון די צווי פרויען, זייער פּרנסה־געבער און זייער הויפּט־קוואַל. ער האָט דאָס געשפּירט מיט דער גאַנצער אינטענסיווקייט; מיט זיין אָנגעווייטיקטן, עקשנותדיקן האַרצווייטיק, וואָס קומט אַזוי אָפט צו זיין פאָלק.

עס האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק, וואָס זיין טאַטע האָט

נישט דערלעבט דאָס אַלץ צו זען. ער האָט געוואָלט, ווי פאַרגיטיקן פאַר דעם דורכפאַל, זען איצט, אַז זיין פּאַטערס ווייב און טאָכטער (זיין מאַמע און שוועסטער) זאָלן אריינקומען אין שטאַרקע הענט. אויב זייער לעבן אין די דאָזיקע נייע הענט וועט זיין בעסער, ווי ס'איז געווען זיין פּאַטערס — וועט עס נאָר זיין אַ דאַנק דעם נישט פאַרגעביקן געזעץ פון לעבן.

✶

באָריס ערליך האָט גראַדואירט אין צאַרישן רוסלאַנד פון אַזאַ העכערן אינסטיטוט, ווו עס איז נישט געווען קיין נומערוס קלאַוזוס פאַר יידן. בעת די וואַקאַציע־חדשים, 1917, האָט ער מיט זיינע עלטערן פאַרבראַכט אין שטעטל. געוואָרן אַ באָלשעוויק. אוועק איבער די דערפער אויסצולערנען די פּויערים־זין לעניִנס תורה. אַ מניעה אין זיין פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט איז געווען זיין קרומע נאָז, אָבער נאָר אַ ביסל. אין 1917 האָט דער אויסזען פון נאָז נישט באַטייט נאָך קיין סך...

אין זעלבן זומער איז אויך אַליאָשאַ צוריקגעקומען פון סיביר. ער האָט נאָכגעפאָרשט זיין אָפּשטאַם און אויסגעפונען, אַז ער שטאַמט פון די באַרימטע זאַפּאַראָזשאַנער קאָזאַקן, פון דעם פּאָלקאָווניק — סעליקאַ. אַליאָשאַס פאַראינטערעסירונג מיט זיין עבר איז פאַרבונדן געווען מיט זיין אָנגעהעריקייט צו דער ס.ר.־באַוועגונג. ער האָט זיך נאָענט באַפריינדעט מיט באָריסן, אָט דער קרומנאָזיקער, גראַדואירטער פון אינסטיטוט מיט אַזאַ קאָמישן נאָמען... ביידע זענען געוואָרן באָלשעוויקעס.

עס גייט דאָ אוועק אַ שילדערונג וועגן באָריסעס ראָל ביי די רויטע אוקראַינישע קאָזאַקן ווי אַזוי — ער האָט פון זיין שטעטלדיקער יוגנט געשאַפן אַ גאַנצע בריגאַדע קעגן פּעטליורעס און וראַנגעלס אַרמייען. אַליאָשאַ איז געוואָרן אַ קאָרפּוס־קאָמיסאַר אין בודיאָנניס אַרמייען און די צוויי חברים, באָריס און אַליאָשאַ, האָבן זיך קעגנזייטיק דערגאַנצט און געוואָרן פריינט.

אין באָריסעס הויז איז איצט געווען מנוחה. דער מאַמעס געפילטע פיש און דער סאַמאָוואַר איז תמיד אויפן טיש. ווען עמעץ איז אַריין צו זיי אין הויז האָט ער דערשפירט דעם עסענץ פון יידישן פאָלק מיט זיין פּולהאַרציקער ברוויזנדיקער פּאַסיע און בטחונדיקער שלווה.

צוליב די פיש איז שוין פאַרגעקומען אַ קאָנפליקט. דעם פּראָפעסאָרס ווייב, וואָס האָט געוווינט אין זעלבן מויער, האָט געזאָגט אין קיך, אַז דער גאַנצער פלאַץ ווערט פאַרשטונקען ביזן הימל... אַז מיטן אָנקומען פון די ערליכס האָט זיך אָנגעהויבן שפּירן אומעטום קנאָבל און געפּרעגלטע ציבעלעס... (דאָ קומט אָפּגעהאַקט דער זעקסטער קאַפּיטל).

ח

אין דעם נישט פאַרענדיקטן מאַנוסקריפּט, האָט דער מחבר געמאַכט אָט די פאָלגנדיקע באַמערקונגען: „אייביקער ייד": פאַרשטאַרקן די פאַקטועלע זייט; פאַמיליע און ערשטער נאָמען; אָרט באַשרייבונגען; מער דיאַלאָג, ווייניקער פּאַטעטישע נאַראַציע; סטיל פון גלעב אַלעקסעיעוו.

אָט די אַלע באַמערקונגען זאָגן, אַז באַבעל האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ גאַר גרויסער אַרבעט מיט אַ נייעם סטיל, וואָס איז גענויגט צו אַ דירעקטן באַשרייבערישן רעאַליזם, אָן דער אָרנאַמענטיק פון דעם נאַראַטיוון עלעמענט, וואָס איז אַזוי קענטיק אין זיינע פריערדיקע שאַפונגען (זיין הערה וועגן גלעב אַלעקסעיעוו, אַ שרייבער, וואָס האָט געשילדערט טיפּן דורך באַשרייבן זייערע פירונגען, מאַניערן — איז טאַקע פאַרבונדן מיט באַבעלס קער צו אַ נייעם סטיל).

אָט די לענגערע דערציילונג, וואָס איך האָב איבערגעגעבן דאָ דעטאַלירט, איז אַריין אין דעם בוך פון זיין טאָכטער, נאַטאַליע באַבעל, א"נ „דו דאַרפסט אַלץ וויסן" — אַ זאַמלונג פון איבערגעזעצטע קורצע דערציילונגען און סקעטשן, וואָס זי האָט פאַרעפנטלעכט אין אַמעריקע.

„די יידישקע" זעט אויס צו זיין פאַקטיש נאָר אַ פראַגמענט פון אַ גרויסן ראָמאַן, וואָס באַהאַנדלט די אַממיינסטן פערזענלעכע טעמע: די אינערלעכע קאָנפליקטן פון אַ סאָוועטישן יידן איינצוהאַלטן זיינע טראַדיציעס און איינצייטיק פאַרבלייבן אַ געטרייער בירגער פון ראַטן־פאַרבאַנד.

נאַטאַליע באַבעל, וואָס האָט רעדאַגירט די זאַמלונג פרעגט: —

פאַר וואָס האָט איר פאָטער נישט פאַרענדיקט אָט דאָס גרויסע ווערק? איז עס צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט געקענט לייזן אין זיך גופא דעם קאָנפליקט, וואָס ער האָט געזוכט צו געשטאַלטיקן אין באַריסן?... קען זיין, אַז עס וועט זיך, אפשר, נאָך אָפּגעפינען ווייטערדיקע פראַגמענטן פון דער „יידישקע", אויב ער האָט נאָר געגעבן עמעצן עס אויסצובאַהאַלטן אין יענע יאָרן...

פאַר אונדז איז זיכער נישט קיין וווּנדער פאַר וואָס אין רוסלאַנד איז די דערציילונג נישט געוואָרן פאַרעפנטלעכט: כאָטש באַבעל איז נאָך געוואָרן רעהאַביליטירט אין כרושטשאָווס צייטן, אָבער די פראַגן פון אַנטיסעמיטיזם און אַסימילאַציע, וואָס קענטיקן זיך אַזוי בולט אין דער דערציילונג, האָט די צענזור געהאַלטן, אַז ס'איז צו „קיצלדיק" צו לאָזן פאַרעפנטלעכן... און פאַרן לייענער אַנטפּלעקט זיך דאָך אין דער דערציילונג — די אוממעגלעכקייט אויסצומיידן די אייגענע יידישקייט, ווי אַן אינטימער עטנישער אויסדרוק פון היסטאָרישע באַדינגונגען און פון אייגענעם יידישן גורל און כאַראַקטער.

דער מחבר האָט דאָך געפּרוווט זיין עטנישע ירושה שטעלן צום דינסט פון דער נייער אָרדענונג. באַריס וויל זיין מאַמען און דער שוועסטער אינטעגרירן אין אַ נייער וועלט ער וויל נישט זיי זאָלן טרויערן אויפן אַלטן אופן פון לעבן, גלויבנדיק, אַז מיט איבערלאָזן זיי אויף זיך אַליין, וועלן זיי דאָך אונטערגיין. אָבער אינטעגראַציע פאָדערט מען זאָל זיי אַקצעפּטירן, ווי דעם נייעם טיפּ ייד. לאָזט זיך עס?...

באַבעל האָט, מסתמא, זייער גוט קענען געלערנט דעם אַנטיסע־מיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווי עס קענטיקט זיך אַזוי בולט אין די לעצטע שורות פון דער נישט פאַרענדיקטער דערציילונג. ער האָט וואַרשיינלעך דערשפּירט, אַז פאַר אַזאַ מענטש ווי באַריס עפנט זיך אַן אָפּגרונט, אויב ער וועט ווערן אָפּגעוואָרפן בעת ער וועט זיין קאָנ־פראָנטירט מיט די פּאַקטישע, געגעבענע סאָוויעטישע באַדינגונגען...

דער מחבר האָט, אפשר, איינגעזען אַז באַריסעס אומגעבראָכענער גלויבן אין דעם רעזשים, וואָס ער שטעלט אַוועק אין צענטער פון די ערשטע קאַפּיטלען, לאָזט זיך ווייטער נישט ממשיך זיין. זיין העלד שטייט פאַר אַ קאָנפליקט, וואָס קען אים בלויז פאַרניכטן. און זעענ־דיק, אַז ער שטייט פאַר דער איינציקער ברירה פון קאַפּיטולאַציע און טויט, האָט ער דעריבער נישט געקענט פאַרענדיקן די דערציילונג אין אַזאַ ליכט.

דער מאַנוסקריפּט האָט זיך נאָך אַ פּנים אויך געניוטיקט נישט נאָר אין אַ ווייטערדיקן אָביעקטיוון המשך, נאָר אויך אין אַ טיילווייזער סטיליזאַציע. פאַראַן טונקעלע שטעלן, זאַצן, ווערטער, וואַריאַנטן, פראַגע־צייכנס און קלאַמערן. און אין דעם זעקסטן טייל רייסט זיך עס איבער אפילו אין מיטן אַ שורה.

באַבעלס טאָכטער האָט געגעבן אַ ריי נאָטיצן און באַמערקונגען צו איר בוך וואָס זי האָט פאַרעפנטלעכט אין אַמעריקע. זי שטעלט אַ סך פראַגן, אויף וועלכע זי האָט נישט קיין ענטפערס.

וואָס עס איז אָבער יאָ קלאָר, איז דער צווייפל פון באַבעלס הויפּט־העלד, וועלכער האָט געוואָלט שטעלן זיך און זיין גייסטיקע ירושה צום דינסט פון דער נייער אָרדענונג, געהאָפט, ער וועט זיין אַ רינג, אַ פאַרבינדונג צווישן גענעראַציעס.

אָבער דער מחבר האָט אָנגעהויבן זייער שטאַרק צווייפלען, צי דאָס וועט זיך אים איינגעבן, און אויב ער האָט געהאַט אַזעלכע ספיקות, אָנהייב די דרייסיקער יאָרן, האָט ער ביים סוף פון זיי שוין קלאָר געמוזט איינזען אין וואָס פאַר אַ מצב עס געפינט זיך דער סאָוויע־טישער ייד... און זייענדיק ערלעך צו זיין שרייבערישן באַרוף, האָט ער נישט געקענט און נישט געוואָלט פעלשן די ווירקלעכקייט. באַרי־סעס דילעמע איז דאָך אויך געווען זיין אייגענע פּערזענלעכע דילעמע

און נישט עפּעס אַ ראָמאַנטיזירטע כראָניק. דעריבער האָט ער איבער־געלאָזט די דערציילונג נישט פאַרענדיקט.

*

אין זיינע זכרונות וועגן באַבעלן האָט גאָרג מונבליט אונטערגע־שטראָכן באַבעלס שאַרפזיניקייט נישט נאָר ביים שרייבן, נאָר אויך ביים דערציילן בעל־פּה אַ געשיכטע. ער האָט געהאַט אַזאַ מאַגנעטישע ווירקונג אויפן צוהערער—וועלכער האָט די געשיכטע געקענט זען דורך זיינע אויגן מיט אַלע פּיטשעווקעס. דער סוד פון זיין מאַגנעטיזם בעל־פּה איז געלעגן טאַקע אין זיינע אויגן, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַזאַ דורכדרינגלעכקייט.

אויך נאַדיעזשדאַ מאַנדעלשטאַם שטעלט זיך אָפּ אין אירע מע־מואַרן אויף איסאַק באַבעלס אויגן, וואָס האָבן פאַרשפּיגלט אַזאַ קוריאָזיטעט. און נישט נאָר די אויגן, דער אופן ווי ער האָט געהאַלטן זיין קאָפּ, זיין מויל, זיין גאָמבע. „איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, שרייבט זי, אַז זיינע טרייב־כּוחות זענען געווען דער הונגער קענען־צו־לערנען מענטשן. אויך זיין נישט פאַרשטעלטע קוריאָזיטעט מיט וועלכער ער האָט אַדורכגעדרינגען דאָס לעבן פון מענטשן".

וואָס שייך זיין שאַפן האָט ער דאָך אַרויסגעוויזן אַזאַ שטאַרקע קריטעריע צו זיין אייגן־געשריבענעם וואָרט, וועלכן ער האָט צוזאַ־מענגעפּרעסט אויף דעם ענגסטן שטח. עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן פריער וויפל מאָל ער האָט געקענט איבערשרייבן אַ דערציילונג. ער האָט פיר זייטלעך געקענט שרייבן חדשים לאַנג. „ווען אַ זאַץ ווערט געבוירן, האָט ער באַמערקט, איז ער אין דער זעלבער צייט גוט און שלעכט. דער סוד שטעקט אין געבן אים דעם ריכטיקן דריי, אַ קוים באַמערקבאַרן. דער הייבער דאַרף זיין אין דיין האַנט. ער דאַרף זיין וואַרעם. דעמאָלט טוסטו (דעם זאַץ) אַ דריי אין דער ריכטיקער זייט —נאָר איין מאָל און נישט צוויי מאָל". דאָ קענטיקט זיך וואָס ער האָט געמיינט מיטן איבעראַרבעטן אַזוי פיל מאָל זיין אופן פון דער־ציילן און האַלטן פעסט צוזאַמען די כאַראַקטעריזאַציע פון דעם אינדיווידועלן מיטן היסטאָרישן מאָמענט.

בכלל איז באַבעלס אינטערעס אין געשיכטע געווען קאָנצענט־רירט נאָר אויף אַן איינצלנעם מאָמענט אינעם לעבן פונעם מענטש, ווען ער דערשפּירט געשיכטע אַלס אינדיווידועלער אויסקלייב. ער האָט דעם מאָמענט אין זיין שאַפן אַקצעפּטירט נאָר, ווי אַ סימן פון אינדי־ווידואַליטעט און ווי אַ הומאַניש־אַנטפּלעקנדיקע קוואַליטעט. ער האָט געוווסט, אַז דער זכרון קען אונדז אָפּטאָן פאַרשידענע שפּיצלעך און וויכטיקע געשעענישן פון אַמאָל, וואָס מיר טראָגן אין געמיט און

זכרון, קענען זיין איינגעקריצט סוביעקטיוו, הגם עס שיינט אונדז דאָך צו זיין אַזוי אַקוראַט און אָביעקטיוו.

ווי ווייט קריטיש באַבעל האָט זיך באַצויגן צו זיין אייגענעם שאַפן, באַווייזט דער פאַקט, וואָס ער האָט אין זיינע „געזאַמלטע ווערק" נישט אַריינגענומען די דערציילונגען, וועלכע האָבן לויט זיין שטרענגער קריטעריע נישט געהאַט דעם הויכן סטאַנדאַרד, וואָס ער האָט זיך געשטעלט. און די דערציילונגען, וועלכע ער האָט אויסגעלאָזט, זענען איצט אויפסניי דערשינען און געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג.

עס איז דאָ אַ גרונט צו גלייבן, אַז אַ ריי דערציילונגען זיינע פון די 1920־ער יאָרן, ווו ער באַהאַנדלט קריטיש די קאָלעקטיוויזאַציע (וואָס ער האָט אָבסערווירט אין אַן אוקראַאינישן דאָרף) האָט ער אויך נישט אַריינגענומען אין זיין ציקל, ווו ער באַהאַנדלט אַ ריי פראַגמענטן פון קאָלעקטיוויזאַציע. אפשר דערפאַר וואָס ער האָט די קאָלעקטיוויזאַציע באַטראַכט פאַר אַ היסטאָרישער נויטווענדיקייט. דאָס האָט זיך אָבער געקריצט מיט זיין אייגענער קינסטלערישער נויטווענדיקייט ביים אַריינקוקן טיפער אין דער מענטשלעכער נשמה.

ער האָט אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט צווישן די פּויערים, געזען אַ סך עוולות און גראָבע דערנידעריקונגען פון זייער מענטשלעכער ווירדע. ער האָט אויף דעם רעאַגירט, געשריבן וועגן דעם אין זשורנאַל „נאָווי מיר", אָבער שוין זיין ערשטער אַרטיקל וועגן דעם פּראָבלעם האָט פאַר אים שיער נישט פאַרמאַכט די טיר צום זשורנאַל בכלל...

מען האָט דאָך אויף זיין שרייבן בכלל געקוקט מיט גרויס פאַרדאַכט און שטרענגער צענזור. דעריבער האָט ער אין די 30־ער יאָרן זיך נאָך אַלץ פאַרנומען מיט די דערציילונגען פון זיין קינדהייט, וועלכע האָבן נישט ארויסגערופן קעגן זיך דעם צאַרן פון דער סאָוויעטישער מאַכט. אָבער אין 1936 האָט ער געזאָגט צו דעם אונגאַרישען שרייבער ערווין סינקאָ (מיט וועמען ער האָט געוווינט צוזאַמען), אַז צוליב די „ענדערונגען" וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים, זאָגט ער זיך אָפּ עפּעס ווייטער צו פאַרעפנטלעכן פון זיין שרייבן.

ווי באַוווּסט, האָט ער נאָך אויפן ערשטן קאָנגרעס פון סאָוויעטישע שרייבערס (1934) געזאָגט, אַז ער איז „דער מייסטער פון דער קונסט פון שווייגן". ער האָט נאָך פונדעסטוועגן פאַרעפנטלעכט איינצלנע דערציילונגען (ווי „אויל", „גואַי דע מאָפּאַסאַן", אַ פּיעסע „מאַריאַ", „די גראַסאַ", „דער קוש", „סולאַק"), אָבער דאָס זענען געווען איזאָלירטע סוזשעטן און אויף — „אומשולדיקע" טעמעס.

ט

דורך די לעצטע יאָרן האָט מען געשריבן מער וועגן באַבעלס שאַפן, ווי ער אַליין האָט געלאָזן אין זיין ליטעראַרישער ירושה.

אַ טוץ איבערזעצערס האָבן געאַרבעט איבערצוזעצן זיינע דערציילונ־גען אין אַנדערע לשונות. מען האָט פאַרעפנטלעכט זיינע פּריוואַטע בריוו צו זיין מוטער און טאָכטער (נאַטאַליע), וועלכע האָט אָנגעשריבן אַן אַריינפיר צום באַנד — „דו דאַרפסט אַלץ וויסן״.

עס איז בלתי ספק באַבעלס אייגנאַרטיקער הויכער אָרט אין דער רוסישער פּראָזע־קונסט און פון זיין פּערפעקציע־סטיל, וואָס האָט נישט קיין גלייכן צו זיך אויסער אין די שאַפונגען פון טאָלסטאָין און טשע־כאָוון. אגב, איז אינטערעסאַנט זיין זאָג וועגן טאָלסטאָין, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ער האָט געוווּגן דריי און אַ האַלבן פּוד.

„די דריי און אַ האַלבן פּוד זענען געווען ריינע ליטעראַטור. לייענענדיק אים האָב איך דאָס געפיל, אַז די וועלט שרייבט דורך אים... זיינע ווערק גיבן איבער די עקזיסטענץ פון אַ גרויסער צאָל מענטשן — אָבער נישט נאָר מענטשן, חיות, פלאַנצן, וואָלקנס, בערג און קאָנסטעלאַציעס האָבן זיך דורך אים אויסגעגאָסן אויפן פּאַפּיר. ווי זאָל איך עס נאָך קלאָרער מאַכן? — — עס איז פאַלש צו מיינען, אַז טאַלאַנט צום שרייבן איז אַ זאַך פון קענען שרייבן גראַמען אָדער מעטאַפאָרן... האַלט זיך ביי פּושקינס גאָלדענע ווערטער: „פּרע־ציזקייט און קורצקייט זענען די הויפּט־קוואַליטעטן פון פּראָזע״... אָבער ס'איז שוין גאָר נישט אַזוי לייכט צו זיין פּרעציז און קורץ... עס איז פיל שווערער ווי שרייבן שיין״.

באַבעל האָט דוכט זיך באַנוצט די זעלבע ווערטער, ווי אַנדערע שרייבערס, אָבער ביי אים זענען זיי געוואָרן לעבעדיקער, בילדערי־שער און פרישער. אַן איבעריק וואָרט האָט ער פיזיש נישט געקענט פאַרטראָגן. ער פלעגט טאַקע מעקן מיט אַזאַ ברען, אַז ער האָט אַזש דעם פּאַפּיר צעריסן. „לערמאָנטאָוו האָט געשליידערט זיינע פּערזן אונדז אין פּנים אַריין״, האָט ער באַמערקט, אין שייכות מיט זיין זאָג וועגן סטיל און וועגן שטאַרקע פינגער אויסצוקוועטשן דאָס וואַסער פון דער פּראָזע ביז עס זאָל בלוטיקן...

✶

מען האָט זייער אַ סך געשריבן וועגן באַבעלס סטיל. עס איז אָנגעוויזן געוואָרן וויפל יידישע שפּראַך־ווענדונגען, אפילו ריין יידישע אויסדרוקן, ער האָט אַריינגענומען אין זיינע דערציילונגען. מען טרעפט אין זיין רוסיש אַזעלכע ווערטער, ווי הלוואי, זיי געזונט, וואָס געהערן לחלוטין נישט צום רוסישן אידיאָם. דאָס זאָגט עדות וועגן דער השפּעה פון יידיש לשון, וואָס ער האָט אַריבערגעטראָגן אין זיין ליטעראַרישן נוסח אין רוסיש, דורך זיין יידישער ירושה און דערציאונג. (ער האָט אגב, אויך געפּאַרשט דעם חסידיזם). די עלטערן זיינע האָבן צווישן זיך

נאָר גערעדט יידיש און די באָבע זיינע האָט קיין רוסיש בכלל נישט געקענט און גערעדט בלויז יידיש. איר השפּעה אויפן אייניקל קענטיקט זיך זייער בולט. ווידער זיין שוועסטער (זי וווינט איצט אין בריסעל), קען שוין גאָר ווייניק יידיש.

באַבעלס באַציאונג צום קאָמוניזם איז דורכגעגאַנגען פאַרשידענע פאַזעס. פון אָנהייב האָט ער געזוכט אין באָלשעוויזם דעם פאָלקס־אויפברויז, די אויפגעבונדענע, אויפגעוואַכטע פאָלקס־ענערגיע, וואָס האָט זיך אָקומילירט דורך די יאָרן פון דער צאַרישער אכזריות. דער פרומער חסידישער גדליה שטרעבט דאָך אויך צום אידעאַלן „אינ־טערנאַציאָנאַל פון גוטע מענטשן", וואָס קעמפט פאַר אמת און יושר אויף דער וועלט.

שפּעטער האָט באַבעל געמוזט איינזען, אַז גדליהס חלום איז געווען אַן אילוזיע. זיינע בריוו צו דער מוטער און שוועסטער זוכן נאָך צו פאַרדעקן דעם שאָטן פון דער גע־פּע־או, מיט דעם פאַר־שטאַרקטן טעראָר אין לאַנד אין די דרייסיקער יאָרן. און נאָך גאָרקיס טויט, האָט ער דערשפּירט, אז ער האָט איצט שוין פאַרלוירן זיין שטאַרקסטן באַשיצער אין די איינפלוסרייכע סאָוויעטישע קרייזן.

עס איז כדאי דאָ נאָך אַמאָל צו דערמאָנען, אַז נאָך אין די צוואַנ־ציקער יאָרן, ווען שרייבערישע ספיקות האָבן נאָך געקענט אַרויסגע־בראַכט ווערן פאַר דער עפנטלעכקייט, האָט שוין באַבעל דאַן אריינ־געכאַפּט א גרויסן גאָב מצד מאַרשאַל בודיאָנני און פון דעם דראַ־מאַטורג ווישניעווסקי, גאָרקי האָט אים פאַרטיידיקט, גענומען אים אונ־טער זיין שוץ קעגן די מסירות. אָבער ביים סוף פון די דרייסיקער יאָרן, שוין נאָך גאָרקיס געהיימניספולן טויט, האָט ער דערשפּירט, ווי ער פאַרלירט דעם באָדן אונטער די פיס... דעם 15־טן מאַי, 1939, ווערט ער אַרעסטירט און אין 1940 פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.

כ

וועגן אַן אינטערוויו מיט באַבעלן

דער אינטערוויו איז פאַרגעקומען פאַר אַ גרויסן עולם פון סאָ־וויעטישן שרייבער־פאַראיין. אין באַבעלס ענטפערס האָט זיך געקענ־טיקט אַ נישט דערזאָגטקייט. אָבער אויך דאָס וואָס ער האָט אויס־געמיטן צו ענטפערן, אָדער נישט דערזאָגט ביזן סוף, איז אויך געווען אַזוי באַדייטונגספול, ווי דאָס וואָס ער האָט יאָ געזאָגט.

מען האָט אים געפּרעגט וועגן זיינע געשילדערטע קאַזאַקן־טיפּן (וואָס בודיאָנני האָט אים דערפאַר שאַרף אַטאַקירט). באַבעל האָט געענטפערט מיט אַ באַמערקונג וועגן טאָלסטאָיס „האַדזשי מוראַט", וואָס איז געווען דער שעף פון די קאַווקאַזער באַרג־קלעטערערס, מיט אַלע אייגנשאַפטן און חסרונות פון אַ קריגס־פירנדיקן באַרבאַר. ער האָט וועגן דעם ווערק אַזוי געזאָגט: „איך האָב געלייענט „האַדזשי מוראַט" און געשפּירט, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט געקומען פון דער ערד, דורך די הענט, גלייך אויפן פּאַפּיר, אָן אַ שום אינטו־לאַציע. עס האָט אַראָפּגעריסן אַלע אויבערשטע שיכטן מיט אַ זין פאַרן אמת. עס איז אַן אמת באַקליידט אין אַ מלבוש, וואָס איז דורכזיכטיק און שיין".

דער עולם האָט זייער גוט פאַרשטאַנען דעם זין פון זיינע ווער־טער, וואָס האָבן געצילט צו פאַרענטפערן און באַרעכטיקן דעם אופן, ווי אַזוי ער האָט געזען און באַשריבן די קאַזאַקן אין זיין בוך. ער האָט צו דעם פאַרגלייך נאָך צוגעגעבן זיין כאַראַקטעריזאַציע וועגן טאָל־סטאָין, זאָגנדיק וועגן אים, אַז בעת מען לייענט טאָלסטאָין שפּירט מען, אַז די וועלט שרייבט דורך אים — אין אַלע אירע וואַריאַציעס און אין קאַפּיטל ביי אים געפינסטו פון אַלץ: פילאָזאָפיע און טויט.

ווי ערענבורג גיט איבער, האָט באַבעל תמיד געקענט נעמען אַ נידעריקן טאָן, בעת ער האָט געזען, אַז עס ווערט צו הייס... אין אָנ־הייב 1938 איז ער אַמאָל געקומען זיך זען מיט ערענבורגן. ער איז געווען אין אַ געדריקטער שטימונג. ווען ער האָט געזען דעם טעלע־פאָן, האָט ער אַ זאָג געטאָן: — לאָמיר ארייגייך אין אַן אַנדער צימער. ער האָט מורא געהאַט צו רעדן אין דעם צימער, וווּ עס איז געווען דער טעלעפאָן (די ג־פּע־או האָט דאָך אין זיי אינסטאַלירט באַהאַל־טענע מיקראָפאָנען). אין דעם צווייטן צימער האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן: „איך וויל דיר דערציילן איינע פון די שווידערלעכסטע זאַכן". ער האָט ערענבורגן איבערגעגעבן דעמאָלט, אַז ער האָט געזען אין אַ פאַבריק, ווי ביכער ווערן פאַרניכטעט, צעפּליקט און „דאָס איז נאָר דער אָנהייב".

ער איז באַשאָנקען געוואָרן, באַמערקט ערענבורג, ווי זעלטן ווער, צו זען דאָס לעבן אין דער טיף. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק סיי אין זיינע דערציילונגען און אויך אין זיין נייגיר אַריינצוקוקן אין דער טיף די רעטעניש פונעם מענטשנס לעבן און טויט.

ווען עס האָט אין לאַנד געבושעוועט דער שרעקלעכער טעראָר, וואָס איז באַצייכנט אַלס יעזשאָווטשיזנאַ (1936—1938), הגם ער האָט גוט געוווּסט, אַז ער דאַרף נישט זיין קיין צו אָפטער גאַסט אין יעזשאָווס הויז, דאָך האָט עס צו אים געצויגן אַהין צו שמועסן מיט יעזשאָווס

פרוי, וועלכער ער האָט גוט געקענט אזוי פיל יאָרן. ער האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף קלאַנגען, אַז יעזשאָוו איז נאָר דער אינסטרומענט פון דעם הויפּט־תלין אין קרעמל. ער האָט דאָס אויפגעפאַרשט און איז געקומען צו ערענבורגן עס דערציילן. דאָס איז געווען שוין זייער לעצטער צוזאַמענטרעף (מחמת ערענבורג איז שפּעטער אַוועק־געפאָרן צום שפּאַנישן פראָנט. „זיי האָבן מיך ענדלעך געלאָזט פאָרן קיין שפּאַניע" — ערענבורג).

זיי זענען געזעסן אין מעטראָפּאָל האָטעל. אַן אָרקעסטער האָט געשפּילט, מענטשן האָבן געטאַנצט. באַבעל האָט זיך צוגעבויגן צו ערענבורגן און אַ שעפּטשע געטאָן: „יעזשאָוו איז נאָר דער אינסטרו־מענט". ער איז צו דעם אויספיר געקומען נאָך זיינע אָפטע באַזוכן אין יעזשאָווס הויז. ער האָט זיכער געוווּסט, אַז ער שפּילט זיך מיט פייער און קען פאַר זיין נייגיר באַצאָלן זייער טייער... דאָך האָט עס אים נישט אָפּגעהאַלט עס צו טאָן.

ערענבורג זאָגט וועגן באַבעלן, אַז ער האָט בעסער געזען און פאַר־שטאַנען, וואָס עס קומט פאָר, ווי יעדער פון אונדז. ער האָט קיין מאָל נישט געטראַכט אין אַבסטראַקציעס, נאָר אין טערמינען פון לעבע־דיקע מענטשן.

ווען מען האָט אים געפרעגט: פאַר וואָס באַנוצט ער נאָר דעם זשאַנער פון דער קורצער דערציילונג? האָט ער דעם ענטפער אילוס־טרירט מיט אַזאַ ביישפּיל: טאָלסטאָי האָט געקענט באַשרייבן, וואָס ס'איז געשען מיט אים פון מינוט צו מינוט דורכן מעת־לעת. ער האָט אַלץ געדענקט. „איך, זאָגט באַבעל, קען נאָר באַשרייבן די אינטערעסאַנטסטע פינף מינוט, וואָס כ'האָב געהאַט אין די 24 שעה. צוליב דעם — די קורצע דערציילונג".

ביי דער געלעגנהייט האָט ער געגעבן אַ שטאָך די שרייבערס, וואָס פאַרנעמען זיך גרויס, מיינענדיק, אַז זיי וועלן מרעיש עולם זיין מיט זייערע ראָמאַנען: „ביי געוויסע קאָלעגן, כאָטש זיי האָבן נישט אָנגעזאַמלט מער אינטערעסאַנטע פאַקטן און סיטואַציעס פון מיר. דאָך טוען זיי שרייבן אין אַ טאָלסטאָיאַנישן" אופן. אָבער וואָס עס געשעט מיט אַזעלכע קרבנות"?...

ווען אַ קאָלעגע פלעגט פאַרלייענען פאַר אים זיינס אַ שאַפונג, פלעגט ער זאָגן: — עס דאַרף זיין אַ ביסל טיפער. ער האָט נאָר גע־וואָלט זען דאָס, וואָס האָט אין זיך: פאַרטיפונג! באַבעל האָט געוווּסט, אַז דאָס מענטשלעכע אויג קען נישט אויפכאַפּן אַלץ, דערזען דאָס אומענדלעכע, דעריבער האָט ער געהאַט אַ נעגאַטיווע מיינונג וועגן די שרייבערס — ווי טאַלאַנטירט זיי זאָלן נישט זיין — אויב זיי האָבן געוואָלט אַלץ באַשרייבן.

ביי דעם אַלעם האָט ער דאָך געצילט צו פשטות, צו דער פשטות,

וואָס איז אַרויסגעקומען פון קאָמפּלעקסן. פון דער נאַטור איז ער געווען אַ גאַר פריינדלעכער מענטש, אַ גוטער מענטש. עס האָט גע־נעסטיקט אין אים אַן אומעט, אָבער ער האָט געקענט אַ לאַך טאָן. ערענבורג פלעגט אים אין שפּאַס רופן „דער אַלטער חכמהדיקער רבי״. און געווען איז ער דאָך יונגער פאַר ערענבורגן, דאָך האָט ער אויף אים געקוקט, ווי אויף אַן עלטערן מענטש מיט אַזאַ אויסגע־ציטיקטער חכמה.

און ער איז טאַקע געווען אַ ייד אַ חכם, וואָס האָט אַ חוץ חכמה פאַרמאָגט אויך אַן אומגעזעטיקטן הונגער נאָך מענטשן. צווישן זיינע פריינט זענען געווען, אַ חוץ שרייבערס, אויך אינזשינירן, פאַבריקס־דירעקטאָרן, אַרבעטער, זעלנער.

ער האָט פון זיינע שאַפונגען גוט פאַרדינט, דאָך קיין מאָל נישט געהאַט קיין סך געלט, און איז נישט געווען קיין פאַרשווענדער. אָבער אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געדאַרפט מאַטעריעל העלפן דער מאַמען און אַ שוועסטער און אויך אויסהאַלטן אַ פרוי און אַ טאָכטער (פון זיין ערשטער פרוי). אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער געדאַרפט אויס־האַלטן זיין צווייטע פאַמיליע אין מאָסקווע.

ווי באַקאַנט האָט זיין ערשטע פרוי מיט דער טאָכטער געלעבט אין אויסלאַנד נאָך פון די צוואַנציקער יאָרן. און ווען ער האָט אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן איינגעזען, אַז מען וועט אים פון ראַטן־פאַרבאַנד מער שוין נישט אַרויסלאָזן, האָט ער, לויטן סאָוויעטישן געזעץ, חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער פרוי (אַנטאָנינאַ ניקאָלאַיעוונאַ פּיראָזש־קאָווע), ער האָט געהאַט מיט איר אַ טאָכטער — לידיאַ — אין 1937. זי און איר מאַמע לעבן נאָך היינט אין מאָסקווע.

ל

פאַראַן שרייבערס מיט אויסגעקלונגענע נעמען בעת זייער לעבן, וואָס שטאַרבן אָבער אָפּ מיט זייער טויט אין גאַנצן. און אַנדערע וואָס בלייבן אומשטערבלעך. זיי ווערן נאָך זייער טויט און יאָרן שפּעטער נאָך מער באַרימט, ווי זיי זענען עס געווען ביים לעבן.

איסאַק באַבעל געהערט צו אָט די יחידים. ער האָט נאָך בעת זיין לעבן באַקומען פאַר זיין קינסטלערישן שאַפן אַזוי פיל סופּער־לאַטיוון. און איצט, נאָך בערך אַ פיר צענדליק יאָר נאָך זיין דער־מאָרדונג שרייבט אַן ענגלישער ליטעראַטור־קריטיקער וועגן אים אין אַ זשורנאַל („ליר״): „זינט שעקספּיר, איז באַבעל דער ערשטער אויטאָר, וואָס קען אין עטלעכע זייטן שילדערן די מאַיעסטעטישקייט און די געהיימנישן פון דער מענטשלעכער נשמה״.

און אינטערעסאַנט: — דער הלל גדול, וואָס מען זאָגט וועגן אים שטיצט זיך בערך אויף אַ פּופציק דערציילונגען, וואָס זענען

איינגעזאַמלט צווישן טאָוולען. אָבער זיי פאַרשפּיגלען דאָך זיין כוח פון קענען שאַפן גרויסע קונסט אין אַ קליינער דערציילונג.

מיט דעם כוח האָט ער פאַרזיגלט זיין אומשטערבלעכקייט אין דער וועלט־ליטעראַטור!

הערות

נאטאליע באבעל: „איסאק באבעלס — „דו דארפסט אלץ וויסן" (דזשאנסטאן, קייפ. לאנדאן)

קאנסטאנטין פאוסטאווסקי: „אייניקע ווערטער וועגן באבעלן"

געארג מונבליט: „רעמינעסצענצן וועגן באבעלן"

לעוו ניקולין: „יארן פון אונדזער לעבן"

„באבעל ענטפערט אויף פראגעס"...

„בלעטער פון מיין נאטיץ־בוך"

איסאק באבעל: די איינזאמע יארן".



II

אָסיפּ (יוסף) און נאַדזיעזשדאַ מאַנדעלשטאַם

(שטריכן צו זייערע פּאָרטרעטן)

א


אָסיפּ מאַנדעלשטאַם

דער פּאָעט אָסיפּ עמילעוויטש מאַנדעלשטאַם געהערט בלב ונפש צו דער רוסישער ליטעראַטור, ווו ער פאַרנעמט איינע פון די אָנגעזעענסטע ערטער אין דער רוסישער פּאָעזיע צווישן בײדע וועלט־מלחמות. מען קען אים לגמרי נישט צורעכענען צו די יידישע שרייבערס, וועלכע שאַפן אין דער לאַנדשפּראַך, אָבער זייערע ווערק זענען — סוזשעטיש און טיפּאַזשיש — כולו יידישע.

מאַנדעלשטאַם איז נישט נאָר שפּראַכלעך פאַרוואָרצלט אין דער רוסישער פּאָעזיע. אויך נאַציאָנאַל־קולטורעל איז ער געווען ווייט פון אונדז, הגם ר'איז זיכער נישט דערגאַנגען צו אַזאַ טאָטאַלער פרעמדקייט, ווי זיין בן־גיל, באָריס פּאַסטערנאַק, וועלכער האָט געהאַט איבערגעריסן אויך די לעצטע פעדעם מיט זיין פאָלק.

איז א קליינער אונטערשייד פאר אונדז, צי ס'איז אמת געווען די שמועה, אַז פּאַסטערנאַק האָט „געטוישט דאָס רענדל" אָדער ער האָט עס נישט געטאָן (פאָרמעל). אַ פאַקט איז, אַז ער האָט זיך צוגעטוליעט צום פּראַוואָסלאַוויזם און פון דאָרט געגעבן אונדז עצות וועגן יידישן „אַנאַכראָניזם". איך האָב וועגן דעם געשריבן (אין מיין אָפּהאַנדלונג וועגן פּאַסטערנאַקן) און וועל דעריבער דאָ נישט מאריך זיין וועגן אים.

מאַנדעלשטאַם האָט נישט איבערגעריסן זיין פאַרבינדונג מיטן

פאָלק פון זיין אָפּשטאַם (ווי פּאַסטערנאַק). ער איז אויסגעוואַקסן אין אַ ייִדישער שטוב, אין אַ ייִדישער סביבה, פון ליטווישן גזע, און דורך זיין פאַרצווייגטער משפחה זיך אָפּט געטראָפן מיט ייִדן, וואָס זענען געווען איינגעטונקען אין אַ געדיכטער ייִדישקייט. להיפּוך צו פּאַסטערנאַק, האָט ער אין זיין יוגנט אויך באַקומען אַ ייִדישע דערציאונג. דער טאַטע זיינער האָט אין שטוב אַריינגענומען אַ לערער, וואָס האָט אים מחנך געווען אין ייִדישקייט, געלערנט אים ייִדישע געשיכטע און העברעיש. דער לערער איז געווען אַ משכיל און מאַנדעלשטאַם האָט פון אים פאַרצייכנט אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך, וואָס איז טיפּיש פאַר די משכילים. ער שרייבט: „...איך האָב אין דעם לערער געזען עפּעס וואָס איז געווען פאַר מיר איבעראַשנדיק—זיין ייִדישע נאַציאָנאַלע שטאָלצקייט! ער האָט גערעדט וועגן ייִדן, ווי אַ פראַנצויזקע רעדט וועגן וויקטאָר הוגאָ און נאַפּאָלעאָנען". איז דאָך ווויל און גוט? טאָ הערט ווייטער: „ביי אים האָט עס אָבער געקלונגען נישט נאַטירלעך, אפשר דערפאַר, וואָס כ'האָב באַמערקט, אַז ער באַהאַלט אויס זיין שטאָלצקייט גלייך ווען ער גייט אַרויס אין גאַס. דעריבער האָב איך אים נישט געגלויבט".

האָט מען אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע ווי אַזוי אַ סענסיטיוו ייִנגל האָט אויפגענומען — וויזועל־דערפאַרנדיק — דעם משכילישן דרך: „ייִד אין שטוב — מענטש אין גאַס".

וואָס שייך זיין ייִדישקייט־וויסן האָט מאַנדעלשטאַם עס קענען געלערנט פון אונדזערע ייִדישע מקורות, בעת פּאַסטערנאַק האָט נאָר פונעם נייעם טעסטאַמענט גענומען זיין ייִדישקייט־וויסן, איז וואָס האָט מען געקאָנט דערוואַרטן ?...

וויל איך זיך קודם אָפּשטעלן אויף אייניקע פּרטים פון מאַנדעלשטאַמס ביאָגראַפיע, פאַרצייכנט אין זיינע שריפטן און אויך פון דעם וואָס כ'האָב וועגן אים געלייענט ביי אַנדערע שרייבערס.

ב

ער איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע (1891). זיין פאָטער האָט געשטאַמט פון קורלאַנד, די מאַמע — פון ווילנע. די שטוב זייערע האָט זיך גערעכנט פאַר אַ משכילישע. זיין טאַטע איז נאָך יונגערהייט אַוועק פון דער ישיבה קיין בערלין, זיך געלערנט אין דער רעפאָרמיסטישער ראַבינער־שול. פאַר אַ משכילישן בחור איז דאָס געווען דער העכסטער ציל צו יענער צייט. ער איז אָבער צו גאַרנישט דערגאַנגען, האָט ער זיך גענומען צו מסחר — אויך ביי דעם נישט מצליח געווען.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, ווי אַזוי דער זון כאַראַקטעריזירט דעם טאַטן. ער שרייבט: — ביי זיין גאַנצן וועלטלעכן באַנעם,

מיט דער גאַנצער פילאָזאָפיע וואָס ער האָט אַריינגעזאַפּט, איז ער אָבער געבליבן שטעקן ערגעץ אין „אַ קאָמפּליצירטן תלמודישן פּאַנ־טעאיזם. ר׳איז שוין פאַרבליבן אַן אויטאָ־דידאַקט־תלמודיסט, וואָס טראַכט נאָר אין פּאַרצייטישע פילאָזאָפישע טערמינען אויף אַ סכע־מאַטישן אופן״.

נאָך ווייניקער גוטס האָט ער צו זאָגן וועגן דעם טאַטנס אופן פון רעדן, פון קענען עפּעס דערקלערן. „דער פאָטער האָט עפּעס אין גאַנצן נישט געהאַט קיין לשון... אין זיין רעדן איז בכלל געווען אַ מין צוגעטראַכטע שפּראַך״...

להיפוך צום טאַטן, האָט די שפּראַך פון דער מאַמען געהאַט אין זיך קלאָרקייט „דאָס איז געווען אַ לשון, וואָרצלדיק און זיכער״. אין שטוב האָבן די עלטערן גערעדט יידיש, אָבער נישט אין זיין אַנוועזנ־הייט. „איך האָב אין מיינע פריע קינדער־יאָרן קיין מאָל נישט געהערט קיין זשאַרגאָן (ער שרייבט זשאַרגאָן און נישט: יידיש). ערשט שפּע־טער האָב איך זיך אָנגעהערט אַט דעם זינגעוודיקן, תמיד פאַרוווּנ־דערטן, אַנטוישטן און פרעגנדיקן לשון, מיט זיינע שאַרפע אַקצענטי־רונגען אויף האַלבע טענער״. ער באַמערקט, אַז דאָס איז געווען „דעם טאַטנס און דער מאַמעס לשון״.

דער יונגער אָסיפּ פלעגט אָפט פאָרן קיין ריגע צו באָבע־זיידע (פון זיין פאָטערס צד) און ביי זיי שוין געהערט נאָר יידיש רעדן (זיי האָבן ווידער קיין רוסיש נישט געקענט). זיך באַקענט מיט יידישקייט אין דער געשטאַלט פונעם זיידנס פאַרגעלטן טלית און פון נישט־פריילעכע יום־טובים, אַזעלכע אויסטערלישע, וואָס האָבן גע־שניטן דאָס געהער מיט ווילדע נעמען, ווי ראש־השנה און יום־כיפור.

דאָס זענען געווען די איינדרוקן, איינגעקריצט אין זיין געמיט און זכרון פון זיינע באַזוכן אין ריגע בעת די קינדער־יאָרן. שפּעטער, ווען ער האָט געלעבט אין פּעטערבורג און בייגעוווינט אין די איינ־דרוקספולע קאַטעדראַל־קלויסטערס, די פּראַוואָסלאַווע גאָטדינסטן און פאַרגליכן דעם פּראַוואָסלאַווּנעם קאַטעדראַל מיט דעם וואָס ער האָט פאַרגעדענקט פון ריגע, קען מען זיך פאָרשטעלן וואָס ער האָט זיך געטראַכט...

ג

מיר וועלן ציען ווייטער דעם פאָדעם פון זיין ביאָגראַפישן געוועב דורך די מעמואַרן פון זיין פרוי נאַדיעזשדאַ (פאַרקירצט אויף נאַדיאַ), וואָס גיבן אַ שליסל צו דעם גאַנג זיינעם אין דער רוסישער פּאָעזיע, פאַרנעמענדיק אין איר אַן אויבן־אָן פּאָזיציע נעבן פּאַסטערנאַקן, צוועטאַיעוואַ און אַכמאַטאָוואַ).

מיר וועלן זיך נישט אָפּשטעלן אויף די יאָרן ביז דער אָקטאָ־

בער־רעוואָלוציע, פון דעם פעריאָד ווען ער האָט שטודירט אין פעטערבורג, אין היידעלבערג (דייטשלאַנד), און צוריקקומענדיק קיין רוסלאַנד (נאָך אַ קורצער צייט אין פּאַריז) זיך פאַרבונדן מיט אַ גרופּע יונגע פּאָעטן („אַקמעיסטן״); אויך נישט וועגן די אַנדערע פּאָעטישע שולן און ריכטונגען ערב און אָנהייב די רעוואָלוציע־יאָרן („סימבאָליזם״, „פוטוריזם״, די „שעראַפּיאָן־ברודערס״, „לעף״).

אָסיפּ מאַנדעלשטאַם איז לויט זיין נאַטור געווען צאַרט און גוואַלדיק מוראדיק. דערציילט נאַדיאַ, אַז ער פלעגט אַנלייגןביים גיין אַ שטיק וועג, כדי אויסצומיידן די קאָמיסאַריאַטן... און דאָס נאָך איידער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שוידערלעכע טעראָר־אַקטן בימי סטאַלין.

די ערשטע „גוטע יאָרן״ באַצייכנט זי ווי „די קאַרניוואַל־יאָרן״ און שילדערנדיק די יעזשאָוו־צייט מיט די שפּיאָנען און די מוסרים פרעגט זי: ווי אַזוי קען מען דערקענען אַ מענטשלעכן כאַראַקטער? האָט דאָך אויך יעזשאָוו געמאַכט אַזאַ גוטן איינדרוק, ווען זיי האָבן זיך מיט אים געטראָפן (אויף אַ דאַטשע) בעת די צוואַנציקער יאָרן? צי האָט ווער אויף זיין פּנים געקענט זיך דערטראַכטן אויף וואָס פאַר אַ פאַרברעכנס דער מענטש וועט פעיק זיין?

אָבער לאָמיר צוריקגיין צו דער צייט ווען נאַדיאַ האָט זיך באַ־קענט מיט אָסיפּן אין קיעוו (1919), ער איז געווען אַ יונגער פּאָעט און געהאַט שוין פאַרעפנטלעכט זיין ערשטלינג־בוך („שטיין״ — 1913). אין זיין ערשטן בוך קענטיקט זיך שוין זיין אַריינדרינגונג אין היסטאָריאָזאָפישע ענינים, זוכנדיק אַ זין אין דער וועלט, אין מענטש־לעכן לעבן און אין דער געזעלשאַפט. גלייך פון די ערשטע יאָרן האָט ער זיך אָבער געשטעלט מחוץ למחנה פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דעריבער איז ער פאַר די באָלשעוויסטישע אָנפירערס געווען נישט קיין אייגענער מענטש, נייערט אַ „פּראָגרעסיווער מיטל־קלאַס אינטע־לעקטואַל״, וואָס איז נאָך אין די „קאַרניוואַל״־יאָרן געוואָרן טאָלערירט.

שפּעטער ווען דער רעזשים האָט געפאָדערט ביים שרייבער זיין נשמה, האָט אָסיפּ נישט געקענט אויף דעם איינגיין, בשום אופן נישט געקענט מאַכן קאָמפּראָמיסן מיט זיין מענטשלעכן געוויסן (דער „קאָמפּראָמיס״ האָט לויט אים באַטייט: פאַרקויפן דעם גוף מיט דער נשמה צום...). דעריבער האָט ער אַזוי ווינציק באַוויזן אָפּצודרוקן פון זיין שאַפן. זיין לעצטער לידער־בוך וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט („פּאָ־עמעס״) איז געווען אין 1928. נאָך דעם איז פון זיינע זאַכן מער גאָר נישט געדרוקט געוואָרן. ערשט מיט אַ צוויי צענדליק יאָרן צוריק האָבן צוויי רוסישע שרייבער אויף עמיגראַציע (פּראָפעסאָר גלעב סטרוווע און באָריס פיליפּאָוו) צונויפגעזאַמלט אַלע זיינע נישט־געדרוקטע מאַנוסקריפּטן און אַרויסגעגעבן זיי צוזאַמען מיט זיינע

פריערדיקע אָפּגעדרוקטע ווערק. דאָס איז פאַרגעקומען אין אַמעריקע. אָבער אין ראַטן־פאַרבאַנד, טראָץ דעם וואָס זיין נאָמען איז זינט 1928 פאַרשוווּנדן פון דער עפנטלעכקייט, איז ער דאָרט אַזוי באַרימט, אַז ווען עס וואָלטן היינט יאָ הערשינען דאָרטן די לידער און פּאָעמעס זיינע וואָלטן זיי גליך צעכאַפּט געוואָרן.

נאַדיאַ דערציילט פון אַן אוונט פאַר אָסיפּס פּאָעזיע. זי איז גע־קומען און זיך צוגעהערט. צווישן די רעדנערס איז אויך געווען איליאַ ערענבורג. ער האָט אין זיין וואָרט דערמאָנט איר אָנוועזנהייט אין זאַל און באַטאָנט, אַז „זי האָט דורכגעלעבט מיט אים די שווערסטע יאָרן, געווען מיט אים אויף פאַרשיקונג און אָפּגעראַטעוועט אַלע זיינע פּאָעמעס" נאָך איידער ער האָט פאַרענדיקט וועגן איר ראָל אין זיין לעבן, איז ספּאָנטאַניש אויסגעבראָכן אַזאַ שטאַרקע אָוואַציע (אַ שטיי־ענדיקע), אַז ס'האָט געדויערט אַ צייט ביז ער האָט געקענט ווייטער רעדן.

וויל איך דאָ באַמערקן, אַז נאַדיאַ איז אין די מעמואַרן וועגן זיך אַליין זייער צוריקגעהאַלטן און באַשיידן. עס האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן, ווי געצוימט זי רעדט וועגן זייערע שווידערלעכע אָרע־מאַנסקע צייטן, דורך די אַלע ביטערע יאָרן פון נויט און קראַנקייטן. זי איז יאָרן־לאַנג געווען קראַנק אויף טובערקולאָז, צוליב דעם געמוזט, ווען נאָר מעגלעך, אַרויספאָרן אויף דרום. שרייבט זי וועגן די נסיעות און די מענטשן וואָס זיי האָבן געטראָפן, אָבער וועגן זיך, איר קראַנ־קייט, נאָר מיט אַ פּאָר קאָרגע שורות!

אויף אַן אַנדער אָרט, דערמאָנענדיק אַ סקולפּטור־ביוסט, וואָס דער שפּעטערדיקער וועלט־באַרימטער סקולפּטאָר עפּשטיין האָט גע־מאַכט פון איר אין זיין יוגנט (און אים אַריינגעגעבן אין קיעווער קונסט־מוזעאום), איז עס נאָר בכדי צו שילדערן זיין שאַרפע אָרעמ־קייט, וואָס זי —אַ מיידל פון אַ פאַרמעגלעך הויז, איר מוטער — אַ דאָקטאָרין — האָט צום ערשטן מאָל דערזען אין איר לעבן (ערשט שפּעטער אַליין געטיילט דעם גורל).

איך וויל אויך אונטערשטרייכן, אַז ביים שילדערן דעם גייס־טיקן פּאָרטרעט פון איר מאַן, זיינע נייגונגען, לעבנס־בליקן, ליבעס און זיין פּאָעטישע אַנטוויקלונג, (זי איז, אגב, קעגן דעם טערמין „אַנטוויקלונג" ביים צייכענען אָסיפּס שאַפערישן פּראָצעס, מחמת זי טייטשט אויס אַנטוויקלונג, ווי אַן איבערגאַנג פון נידעריקע צו העכערע פאָרמען: „אָסיפּ, שרייבט זי, האָט גערעדט וועגן וואַקסן, אייג־האַלטנדיק דורך אַלע ענדערונגען די איינהייטלעכקייט, די גאַנצקייט פון דער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט"). זי באַמערקט ווי אָסיפּ האָט אין זיין עסיי „אַ שמועס וועגן דאַנטע" — און אויך אין אַנדערע זיינע אַרבעטן — למשל וועגן יונגן געטע — אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז טראָץ

די געענדערטע איינשטעלונגען פון דער פּערזענלעכקייט. ביים אַרײַ־בערגיין פון איין שטופּע צו אַ צווייטער — איז ער אָבער אַלץ אויפן זעלבן וועג — צו זיך! צו זײַן אינערלעכן מהות. און די אַלע עפּיזאָדן, זענען נאָר טיפּיש פאַר דעם פּאָעטישן וווּקס זײַנעם.

איך האָב אָנגעמערקט אויבן זײַנע ליבעס (זייטיקע), בעת זייער צוזאַמענלעבן, וועלכע זי שילדערט מיט פּאַרשטענדעניש. אָן אויס־נאָם מאַכט זי פאַר זײַן ליבע מיט אַלגאַ וואַקסעל. נישט נאָר עס פאַר־שווינדט דאָ איר אומגעצוימטקייט פון לשון, נאָר זי גיסט אויס אויף איר ממש אַ שעפל וויטריאָל! פון יעדער שורה שפּריצט אַרויס אַזוי פיל האַס און בייזקייט, אַז ס'איז ממש נישט צו דערקענען די אינער־לעך געצוימטע סאָפיסטיצירטע פרוי, וואָס גלאַנצט אַזוי שטאַרק אַרויס פון אירע מעמואַרן־ביכער. גיט מען אַ טראַכט, אַז דאָס שרייבט זי וועגן איפּערזוכט־סצענקעס פון אַ פערציק יאָר צוריק, און די קאָנקורענטקע ליגט שוין לאַנג אויף אַ נאָרוועגישן בית־עולם (זיך גענומען דאָס לעבן נאָך איר חתונה מיט אַ נאָרוועגיער), און דאָך!... סיידן דערקלערן עס מיט נאַדיאַס אייגענע ווערטער, אַז „ליבע איז נישט נאָר דער מקור פון פרייד, שפּיל און פאַרווײַלונג, נאָר ס'איז אויך אַ טייל פון דער אומ־אויפהערלעכער טראַגעדיע פון לעבן. עס איז די אייביקע קללה און דער איבערוועגנדיקער כוח וואָס גיט אַ זין דאָס לעבן".

(אגב, וועגן איר קאָנקורענטקע האָט זי געשריבן בעת זי איז שוין אַליין אַלט געווען אַ זיבעציק יאָר!).

וויל איך מיט דעם עפּיזאָד נישט פאַרמינערן אַפילו אויף אַ האָר די וואָגיקייט פון נאַדיעזשדאַ מאַנדעלשטאַמס מעמואַרן־בענד, וואָס זע־נען, אין אַ זין, מאָנומענטאַל — און דווקא אין איר אייגענעם זכות — און נישט מחמת זי איז די פרוי פון דעם באַרימטן רוסישן פּאָעט אָסיפּ מאַנדעלשטאַם. נאַדיאַ איז אַ שרײַבערין, באַשאַנקען נישט נאָר מיט טאַלאַנט און אינטעלעקט, נאָר איז אויך איינע פון די געשטאַלטן, וואָס זענען געפורעמט געוואָרן דורך די פיינסטע אייראָפּעישע ליטע־ראַרישע טראַדיציעס. דאָס קענטיקט זיך אַזוי בולט אין אירע צוויי ביכער וואָס האָבן אין רוסישן אָריגינאַל געהייסן: בוך איינס און בוך צוויי און אין דער ענגלישער איבערזעצונג משנה השם געוואָרן אויף האָפענונג קעגן האָפענונג און אויפגעגעבענע האָפענונג.

אָט די ענדערונג ווערט פאַרשטענדלעך דעם לייענער, בעת ער אָטעמט אַרײַן אין זיך די לופט און דערשפּירט דעם אינעווייניקסטן קלימאַט פון די שילדערונגען וועגן די סאָוויעטישע טעראָר־קרבנות, איר דורכלייכטונג פון דעם באָלשעוויסטישן סיסטעם מיט זײַן גאַנג און „געזאַנג", וואָס האָט די רעוואָלוציע דערפירט צו דעם תהום, וואָס זי איז געוואָרן פאַר אַזוי פיל צענדליקער מיליאָנען פון אירע בירגער און קרבנות.

ווײַל איך דערבײַ באַמערקן, אַז נאַדיאַ איז נישט קיין היסטאָ־ריקערין, וואָס גייט צו געשיכטלעכע פּראָצעסן צו אַנאַליטיש־אָביעק־טיוו. זי איז אויך נישט קיין נאָוועליסטין, וואָס באַהעפט שאַפֿערישע פֿאַנטאַזיע מיט וואָר. און נישט זייענדיק דאָס אַלץ, האָט זי דאָך באַוויזן צו שילדערן און דורכלייכטן געשעעענישן און פּערסאָנאַזשן מיט אַן אייגענעם פּראָזשעקטאָר און מיט אַזאַ טאַלאַנטירטער פּעדער, בפרט, וועגן איר אייגענעם מאַן, דעם קינסטלער, דעם מענטש, דעם מאַר־טירער־פּאָעט, אויף וועמען דער יאַרהונדערט האָט זיך אַרויפגעוואָרפן ווי — דער וואָלפהונט (אַ באַצייכענונג פון אָסיפּן אין איינס פון זיינע טראַגישע לידער). אירע אַנגעהויפטע שטריכן פון זיין פּאָרטרעט און פון זיין שטאַרקן ווילן צום לעבן (אין 1930: „איך וויל נישט שטאַרבן"! — רופט ער אויס אין זיינס אַ ליד, געשריבן אין יענער צייט).

אָבער אין 1937 האָט ער שוין נישט געזען פאַר זיך קיין שום זין ממשיך זיין ווייטער אַזאַ אוממענטשלעך לעבן. ער האָט שוין דע־מאָלט געוואָרט אויף די תליינים, זיי זאָלן אים נעמען. און זיי האָבן אים נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן...

זיין ערשטער אַרעסט אין 1934 איז געווען צוליב זיינס אַ פּאָעמע מיט אַ לייכט־פאַרמאַסקירטער קריטיק קעגן סטאַלינען. הגם ער האָט זי געלייענט אין אַ שטוב פון אַ פריינד און נאָר פאַר עטלעכע קאָלעגן, איז אָבער גלייך געווען דאָרט איינער וואָס האָט עס צוגעטראָגן...

די אינטערווענץ פון בוכאַרין און פּאַסטערנאַק האָבן נאָך דעמאָלט באַוויזן אָפּצוראַטעווען אים פון אומקום. ער איז בלויז אָפּגעקומען מיט פאַרשיקונג אין אַ פּראָווינץ־שטאָט אָן אַ טויט־אורטייל.

אָבער אין 1938, בעת זיין צווייטן אַרעסט, איז ער שוין קיין לעבעדיקער נישט אַרויס. נאַדיאַ שילדערט ווי אַזוי עס איז צוגעג־גאַנגען די נאַכט ווען מען האָט אים צוגענומען. געווײנטלעך אין יע־נער צייט האָט מען זיך געדריכט אויף די געסט שפּעט ביינאַכט, און מיט אַנגעשפּיצטע אויערן האָט מען זיך איינגעהערט אין יעדן טריט און שאָרך. אָסיפּ האָט עפּעס געהאַלטן אין דערציילן נאַדיאַן, וואָס איז פאַר אים איצט קלאָר געוואָרן. ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן, ווען מען האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר... מיר זענען ביידע וואַך געווען. אָסיפּ האָט צונויפגענומען די זאַכן, זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער... איך בין געווען אַזוי דערשיטערט, אַז כיהאָב אים נישט געקענט זאָגן אַפילו אַ ריכטיקן „גוטן טאָג"... ווען מען נעמט אַוועק אַ מאַן פון אַ פרוי ווערט זי פאַרוואַנדלט אין אַ שטיין, אין אַן אויטאָ־מאַט... דעם פאַרשטיינערטן אויסדרוק אויף מיין פּנים, וואָס כיהאָב מסתמא געהאַט אין די לעצטע מינוטן, האָב איך נאָר געזען אויף די פּנימער פון אַנדערע פרויען, וועמענס מענער מען האָט אַרעסטירט. דאָס איז דאָך געווען שוין דער סוף פון אַלץ...

ד

אין די מעמואַרן זענען פאַראַן אַ סך יידישע אַקצענטן און נאָכ־קלאַנגען וועגן דעם יידישן גורל. זי שרייבט: „...אַ ייד און אַ רוסישער פּאָעט (אָסיפּ) האָט געמוזט באַצאָלן פאַר אַלץ א טאָפּלטן פּרייז... איך (נאַדיאַ) בין גרייט צו ענטפערן אויף אַלץ וואָס כ'בין שולדיק: פאַר גע־הערן צו אַ מיסטעריעזן שבט, וואָס איז געבליבן לעבן טראָץ אַלע געזעצן פון געשיכטע און לאָגיק; פאַר נישט פאַרלירן מיין זכרון, פאַר אָפּהיטן מ'ם פערזן (נאַדיאַ רופט אָן איר מאַן אין די מעמואַרן, נאָר ביים ערשטן אות פון פאַמיליע־נאָמען — מ); פאַר מיין גלויבן אין העכערן געזעץ און פאַרן גלויבן, אַז דער גייסט פאַרשווינדט נישט צוזאַמען מיטן קערפּער".

אויף אַן אַנדער אָרט באַמערקט זי, אַז די אַנטיסעמיטישע רוסישע שרייבערס האָט באַטראַכט מ'ם שאַפן ווי „אַ געשוויר אויפן ריינעם קערפּער פון דער רוסישער פּאָעזיע". זי דערמאָנט אויך אָפט אָסיפּס יידישע וואָרצלען און אַז זיין יידישער אָפּשטאַם און די קינסטלערישע אימפּליקאַציעס פון זיין יידישקייט האָבן אויסגעפורעמט זיין כאַראַק־טער, זיין אינטערעס פאַר יידישע ענינים, און זיין באַגייסטערונג פאַרן יידישן בינע־קינסטלער ש. מיכאָעלס (אָסיפּ האָט אויך געשריבן מאַמרים וועגן טעאַטער און אַרטיסטן).

זי שטעלט זיך אָפּ אויף זיין אַגאָניע ביים באַהאַנדלען עטישע, רעליגיעזע און היסטאָריאָזאָפישע פּראָבלעמען און ביים זוכן סאָציאַלן יושר — דאָס אַלץ צוזאַמען שרייבט זי צו זיין יידישער קולטור־ירושה. ווי אַן אילוסטראַציע ברענגט זי ציטאַטן פון אָסיפּס אַ פּאָעמע אין וועלכער ער באַזינגט די טאָכטער, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ ייד און איז באַשטימט צו ווערן אין אים אויפגעלייזט. נישט האָבנדיק אונטער דער האַנט די פּאָעמע, וועל איך דאָ ציטירן אירע ווערטער וועגן דער פרוי (וואָס הייסט לאה און נישט העלען): „...ניין, דו וועסט ליב האָבן אַ יידן, אין אים פאַרשווינדן און גאָט וועט זיין מיט דיר". זי גיט צו, אַז זיין פּאָעמע איז „געקומען פון די טיפענישן פון זיין באַוווּסטזיין, ס'איז געקומען ווי אַ סורפּריז".

באַמערקט זי אויך, אַז מ'האָט קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייד, הגם אין זיין געבוירן־מעטריקע איז פאַרשריבן נישט יוסף נאָר אָסיפּ. זי דערציילט, אַז בעת דער פאַרשיקונג זיינער קיין וואָראָ־נייעזש איז אים אויסגעקומען צו לייענען וועגן אַ שפּאַנישן ייד, אַ פּאָעט, וואָס האָט געשאַפן סאָנעטן בעת די אינקוויזיציע האָט אים געהאַלטן געשמידט אין קייטן. וועגן אָט דעם פּאָעט האָט אָסיפּ שפּע־טער געשריבן, אַז „מען האָט ביי אים (דעם פּאָעט) נישט געקענט צונעמען די באַוועגלעכע ליפּן". ער האָט זיך גופא באַטראַכט פאַר

אַ גייסטיקן קרוב פון אַט דעם שפּאַנישן פּאָעט, פון אים געירשנט „אַ טראָפּן פון זיין בלוט".

איך האָב ביים לייענען אירע מעמוארן געטראַכט, אַז מאָדנע זעט אויס זיין פרעמדשאַפט צו די יידישע פּאָעטן פון זיין צייט (און כ'מיין נישט נאָר פון ראַטן־פאַרבאַנד), און אַז ר'האָט נאָר געשפּירט אַ גייס־טיקע קרובהשאַפט צו די יידישע פּאָעטן (און פילאָזאָפן) פון שפּאַניע און אַלעקסאַנדריע (דאָס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך יידי־שע אַסימילאַטאָרן!).

אַפילו זיין בענקשאַפט און רייזעס צו די רוסישע דרום־געביטן האָט ער אויך צוגעשריבן זיין ביבלישן קשר מיטן מיטללענדישן ים. אָסיפּ דערמאָנט די ביבלישע אָבות, וואָס האָבן באָדן געקויפט לעבן פרעמדע שטעט און לענדער, דאָרטן מקבר צו זיין זייערע מתים. אָבער, די באַליבטע זין פון די ביבלישע פּאַטריאַרכן האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייער שבט, געוואָרן אַ טייל פון די פרעמדע קולטורן, דאָך זענען זיי פאַרבליבן יידן.

די רמזים פון ביבלישן יוסף אויף זיך זענען דאָ גאַנץ בולט...

מיט אַ כוונה דערמאָן איך דאָס אַלץ, מחמת מיר זעען דאָך אויך אין זיין דיכטונג, ווי ער חנדלט זיך גאָר שטאַרק צום אימאַזש פון קריסטנטום און צו דער רוסישער איקאָנע, „באַזונדערס, פון נאָוואָ־גאָראָד־פּסקאָוו, ווו ר'האָט געשפּירט די איינציקע פרייד און פרייהייט פונעם קינסטלער". נאַדיאַ גיט אויף דעם איר פּירוש, אַז דער קריסט־לעכער אימאַזש איז פאַר אים געווען דער מקור פון אַלע אייראָפּעישע אידייען און קאָנצעפּציעס פון וועלכע פּאָעזיע ציט איר יניקה. היות דער ענין איז פאַרבונדן מיט אַ טעמע, וואָס פאָדערט זיכער אַ לענ־גערע באַהאַנדלונג, שטעל איך דאָ אַ פּונקט און מיר וועלן איבערגיין צו אַנדערע טיילן פון נאַדיאַס זכרונות־ביכער.

ביים דערמאָנען די די פּרשה פון די יידישע דאָקטוירים־מערדער און סטאַלינס פּלאַן צו פאַרשיקן די רוסישע יידן, דערמאָנט זי נישט אַפילו מיט קיין וואָרט דעם מאָרד איבער די סאָוועטישע יידישע שריי־בערס און אינטעלעקטואַלן. דאָס ווייזט דאָך ווי הימל־ווייט זי איז געווען (און איז) פון דעם אַלעם, וואָס גייט אַריין אין גבול פון דער יידישער קולטור.

עס וועט לפי דעתי זיין דאָ אויפן אָרט צו דערמאָנען אויך אירע ווערטער וועגן די יידן־אינטעלעקטואַלן, בפרט די יונגע, „וואָס זענען (לויט איר באַצייכענונג) געוואָרן קריסטן, אָדער זייער דענקען איז אַרויף אויף אַ רעליגיעזער ליניע". דערציילט זי וועגן דער לוויה פון דער פּאָעטין, אַנאַ אַכמאַטאָוואַ, צו וועלכער עס זענען געקומען גאָר אַ סך יידן, „זייער צאָל איז געווען, פּראָפּאָרציאָנעל, זייער גרויס (און) דער

פאַקט, וואָס די אויפגעלעבטע אינטעליגענץ באַשטייט איצט לרוב פון יידן און האַלבע יידן".

די ווערטער זאָגן אונדז זייער אַ סך...

✶

אין צענטער פון נאַדיאַס מעמואַרן־ביכער טורעמט איר מאַן, אָסיפּ — דער פּאָעט און מענטש — מיט זיין גרויס־מייסטערשאַפט אין דער רוסישער פּאָעזיע און אין רוסישן לשון. ער איז טאַקע געווען נאָר איינער פון די פיר גרויסע פּאָעטן (די אַנדערע דריי: פּאַסטערנאַק, אַכמאַטאָוואַ און צוועטאַיעוואַ), וואָס איז געשטאָרבן אויף פאַרשיקונג. הגם די אַנדערע דריי זענען פיזיש נישט אומגעבראַכט געוואָרן, אָבער זיי זענען געשטאָרבן, פּסיכיש, מיט אַ סך טויטן...

אָסיפּס באַציאונג צום טויט אילוסטרירט זי מיט ביישפּילן פון זיין פּאָעזיע, הן בעת זיין יוגנט און שפּעטער, ווען ער האָט געהאַלטן, אַז דער טויט פון אַ קינסטלער איז זיין לעצטער שאַפערישער אַקט. געזאָגט האָט ער עס אין דער צייט בעת מיר זענען אַלע שוין געווען באַשטימט אויף הורט־אומקום. דער חידוש איז שוין מער נישט געווען וואָס אַזוי פיל פון אונדז זענען פאַרשיקט געוואָרן און אויסגעשטאָרבן אין די לאַגערן, נאָר וואָס געוויסע פון אונדז זענען געבליבן לעבן. פאַרזיכטיקייט האָט דאָ נישט געהאָלפן, אַ צופעליקער שאַנס האָט נאָר געקענט אָפּראַטעווען פון זיי („זיי" — מיינט דאָ: דער רעזשים און זיינע באַדינערס).

דערציילט זי וועגן זעלבסטמאָרד־צוגרייטונגען. אָסיפּ האָט געהאַט באַהאַלטן אונטער די פּאָדעשוועס פון זיינע שיך אַ ראַזיר־מעסערל איבערצושניידן זיך די אָדערן. די וואָס האָבן נישט געוואָלט לעבע־דיקערהייט אַריינפאַלן אין דער ענקאַוועדע, האָבן עס דאָך נישט באַ־וויזן צוליב דער פּלוצלונגקייט פון דעם (דערוואַרטעטן) „וויזיט". דאָס איז אויך געשען מיט מאַנדעלשטאַמען.

אגב, באַמערקט זי, אַז נאָך פאַר זיין לעצטן אַרעסט, ווען עס איז שוין געווען פאַר זיי אוממעגלעך אויסצוהאַלטן דעם קלעם און די שטיקנדיקע לופט, האָט זי פאַרגעלייגט זיי זאָלן ביידע צוזאַמען זיך נעמען דאָס לעבן. אָסיפּ איז נישט מסכים געווען און מאָטיווירט, אַז לעבן איז אַ געשאַנק וואָס מען טאָר נישט אַוועקוואַרפן, האָט זי ווידער באַטאָנט, אַז עס איז אוממעגלעך אַזוי ווייטער אָנצוגיין מיט זייער אומגליקלעך לעבן. זיין ענטפער איז געווען: „פאַר וואָס מיינסטו, אַז דו מוזט טאַקע זיין גליקלעך?". שרייבט זי דאָס אַלץ בכדי צו ווייזן, אַז אַלצדינג וואָס איר מאַן האָט געטאָן אין זיין לעבן (און שאַפן) איז געווען ציל־באַוווסטזיניק און צוליב זיין נאָן־קאָנפאָרמיזם האָט

ער דאָך אויך פאַרויסגעזען די קאָנסעקווענצן פאַר אים. פריער נישט צו קענען דרוקן זיינע שאַפונגען אויפן שוועל פון די דרייסיקער יאָרן; שפּעטער, ווען דער טעראָר האָט געבושעוועט אויף רעכטס און אויף לינקס, האָט ער זיך געגרייט צום טויט אָן שום פאַרצווייפלונג. ער פלעגט מיט איראָניע רעדן וועגן טויט, אַז „דאָס איז דאָס איינציק געווער פון די שוצלאָזע"...

צווישן אירע שטריכן פון אָסיפּס פאָרטרעט איז פאַראַן אַזאַ פאַר־צייכענונג וועגן זייערס אַ שכנטע, אַ פראָסטיטוטקע: ער פלעגט זי באַ־גריסן אין גאַס, ווי פיל אַנדערע אים באַקאַנטע, הגם ער האָט גע־ווּסט פון איר פּראָפעסיע... אויס דאַנקבאַרקייט פלעגט זי קומען צו זיי אין וווינונג מיט אַ טעפל וואַסער אויסצוואַשן דעם דיל. זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט דערפאַר נעמען געלט, „איך טו עס, האָט זי געזאָגט צו אים, ווייל דו געפעלסט מיר". דערציילט נאַדיאַ, ביי דער געלעגנהייט, אַז אַ באַלעבאָס האָט געוואָלט פּטור ווערן פון זיין יידי־שער לאַקאַטאַרקע, אַן אַלטע יידישע פרוי, האָט ער געשיקט אויף איר אַ מסירה, אַז זי פאַרנעמט זיך מיט פּראָסטיטוציע — דאָס מסרן איז דאָך געווען דעמאָלט אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג אין לאַנד — ס'האָבן נישט געהאָלפן אַלע טענות פון דער אַלטער צעבראָכענער יידי־שער פרוי, וואָס האָט זיך מיט ציין און נעגל געראַנגלט צו האָבן אַ ברעקל פון אַ צימער, ווו דעם קאָפּ אָנועקצולייגן. און נאַדיאַ באַ־מערקט, אַז די קומענדיקע דורות וועלן בשום אופן נישט קענען באַגרייפן, וואָס עס האָט געמיינט אין יענע יאָרן אַ ווינקל פון אַ צימער וויפל פאַרברעכנס עס זענען באַגאַנגען געוואָרן צוליב אָט דעם שטיקל „לעבנס־שטח"! פרייוויליק האָט דאָך קיינער נישט געוואָלט אָפּטרעטן, האָט מען זיך ארומגעריסן: מענער און פרויען, שוויגערס און איידעמס; די זין און טעכטער האָבן זיך פאַר די קעפּ געריסן צוליב אָט די גע־ציילטע קוואַדראַט־מעטערס. אפילו די דינסטן האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן (אויך נאָכן פאַרלירן די אַרבעט) פון זייער ווינקל אין קיך. פאַר אַ פּיצל ווינקל אין אַ דירה האָט מען אַלץ אַוועקגעגעבן!...

ז

איבער די ביידע בענד פון נאַדיעזשדאַס מעמואַרן זענען צעזייט צענדליקער עפּיזאָדן, שטריכן, קנייטשן, ריסן פון מענטשלעכע כאַ־ראַקטערן: פון די אינטעלעקטועלע — אָן אַ רוקנביין און פון פּשוטע פאָלקסמענטשן וואָס האָבן זיך דערהויבן און אַרויסגעשיינט מיט זייער טיפער מענטשלעכקייט, מיט אויסשטרעקן אַ וואַרעמע האַנט אַן אומ־באַקאַנטן מענטש אין זיין נויט (די געשיכטע פון דעם שוסטער וואָס האָט פאַר איר צוזאַמענגעשטוקעוועט אַ פּאָר שיך, זעענדיק וואָס זי

טראַגט אויף אירע פּיס...). נאָר „אַ דאַנק אַזעלכע לאַמעדוואָוניקעס, שרייבט זי, האָט זיך נישט אויסגעלאָשן ביי מיר דאָס פלעמל פון גלויבן אין מענטש. אַזוי לאַנג ווי עס געפינען זיך אַזעלכע (ווי ער) האָט נאָך דאָס לעבן אַ ביסל וואַרעמקייט, און מענטשלעכע קוואַליטעטן שיינען אַרויס פון דער פינצטערניש״...

דאָס זענען אָבער נאָר די אָאַזיסן אין איר געשילדערטן מדבר אַרום די מענטשן, געשעענישן... זי דערמאָנט צום גוטן פאַסטערנאַקן, זיין מוט צו קומען איר זען — דער איינציקער מענטש דעמאָלט! — נאָך איר מאַנס טויט. אַנדערע פריינד האָבן דאָך איר אויסגעמיטן!...

וועגן איליאַ ערנבורגן באַמערקט זי, אַז „ער האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ גלייכגילט צו אַלע קרבנות״, מיטן אויסנאַם, אפשר, צו מאַנדעל־שטאַמען, און זי האָט אויך ווייניק גוטס צו דערציילן וועגן אַנדערע פּערסאָנאַזשן.

איר ווערק פאַרמאָגט בלתי ספק זייער אַ סך ווערטן און נישט נאָר אין אירע ביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען און אָפּשאַצונגען פון מענטשן; טיילמאָל נאָר דורך עטלעכע פיינע פּראָפיל־שטריכן (וועגן נאַבאָקאָוון, פאַסטערנאַקן אָדער כלעבניקאָוון); וועגן זיין אינערלעכער פאַרשלאָסנקייט. אין געוויסע מאָמענטן נאָר, האָט ער אַ שאַרפל געטאָן מיטן קאָפּ („אין וועלכן ס׳איז אַנגעזאַגנגען אַן איבערחזורונג פון ריט־מישע שורות, פון אַ טיפן פּאָעטישן זין״). באַוווסטע נעמען פון דער רוסישע ליטעראַטור, זענען אין אירע ביכער גוט קאַרדיאָגראַפירט, אַזוי אויך פון סאָוויעטיש־פּאָליטישן לעבן. צו דעם — אירע באַלערנ־דיקע מחשבות, מעדיטירונגען וועגן דעם מהות פון פּאָעזיע, וועגן קונסט בכלל, וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע (זי האָט גאָר ווייניק גוטס פון איר צו דערציילן...) און בעיקר וועגן אָסיפּס שאַפונגען.

אין שייכות מיט אים זענען די קאַפּיטלען וועגן דעם זין פון פּאָעזיע: וואָס עס זוכט, און די מניעות אויפן וועג צו עכטער יצירה. וויל איך טאַקע צו איר שבח זאָגן, אַז זי קען די קאָמפּליצירטסטע פילאָזאָפישע און עסטעטישע פּראָבלעמען באַהאַנדלען אויף אַן אופן, וואָס מאַכט זיי לייכטער צו פאַרדייען, טייל מאָל דורך אריינגעבן אין זיי אַ געוויסע אַנעקדאָטישע באַאַרבונג. אייניקע קאַפּיטלען זענען (כמו) דאָקומענטאַל און — זיי וועלן דינען דעם היסטאָריקער ביים אָפּשאַצן אָט די עפּאָכע אין גרויסן ראַטן־פאַרבאַנד, זינט דער אָקטאָ־בער איבערקערעניש. איר שרייבן פאַרמאָגט אין זיך אַ שטאַרקן מאַג־נעטיזם, אויך פאַר די וואָס זענען מיט איר, דאָ און דאָרט, נישט מסכים (איבערהויפּט מיט איר טיפן פּעסימיזם וועגן דער צוקונפט).

כאַראַקטעריזאַציעס פון אירע מיטצייטלערס לייענען זיך מיט גרויס אינטערעס. איך מיין סיי די ליטעראַרישע פּאָרטרעטן (און פּראָ־פילן) און סיי פון אַנדערע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אין די שווי־

דערלעכסטע באַדינגונגען איינגעהאַלטן זייער מענטשלעכער ווירדע און זיך נישט געגעבן פאַרן תליך. בפרט, איר שילדערונג פון ערענבורגס סעקרעטאַרין, נאַטאַשאַ סטאַלאַראָווא (וועגן איר האָב איך אויך געלייענט ביי יעווגעניאַ גינזבורג, וואָס באַשרייבט די אויסערגעווינלעכע מוטיקע האַלטונג פון דאָס מיידל מיט וועלכער זי איז געווען פאַרשפּאַרט אין אַ געמיינזאַמען טורמע־קאַמער).

עס איז ווירקלעך צו באַוואונדערן ווי אַזוי אַ יונג יידיש מיידל האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער מאַכטיקער ענקאַווועדע־מאַשין! נאַדיאַס שילדערונג פּראָזשעקטירט גאָר בולט די פעסטקייט פון אַזאַ אומאָפּהענגיקן כאַראַקטער, ווי נאַטאַשאַ סטאַלאַראָוואַס אין לוביאַנקאַ.

די פראַגע איז: וויפל זענען געווען אַזעלכע נאַטאַשאַ סטאַלאַראָוואַס?... נאַדיאַ באַרירט די פראַגע פון זאָגן ליגנט, צי איז עס באַרעכטיקט, ווען ס'האַנדלט זיך אין ראַטעווען אַ מענטשן פון אומקום? פאַרשטענדלעך, וועגן וועלכן לאַנד עס רעדט זיך און זי זאָגט: „...איך האָב געליגנערט מיין גאַנץ לעבן, פאַר מיינע סטודענטן, פאַר קאָלעגן און אויך די גוטע פריינד האָב איך דאָך נישט געקענט געטרויען און זיי — מיך נישט. דאָס זענען געווען די נאָרמאַלע ליגנס פון די צייטן...". אילוסטרירט זי דעם ענין ליגנס מיט דעם פאַל פון אַסיפס ערשטן אַרעסט. בעת זי איז געגאַנגען צו בוכאַרינען ער זאָל איר העלפן, זי האָט געוווסט, אַז בוכאַרין האַלט גאָר שטאַרק פון איר מאַנס שאַפן און געווען איז נאָך בוכאַרין דעמאָלט „אין די פעדערן"... שילדערט זי ווי ער איז פון איר באַזוך אין זיין ביורא אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער. זיין ערשטע פראַגע צו איר איז געווען: האָט נישט אָסיפּ אויף דער הייסער מינוט עפּעס אָנגעשריבן אַזעלכעס?... זי האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן: ניין. דאָס איז, ווי מיר ווייסן, געווען אַ ליגנט, אָבער אויב איך וואָלט אים געזאָגט דעם אמת, וואָלט דאָך נישט געווען די אַטעם־פויזע פאַר אונדז אין וואָראָניעזש!. די באַדינגונגען פון יענעם לאַנד האָבן געגעבן דעם ענטפער אויף דער פראַגע וועגן ליגנס, ביי פּיקוח נפש.

ביים לייענען אירע מעמוארן האָב איך זיך אָפּט אָנגעשטויסן אויף איר באַמערקונג, אַז אָסיפּ האָט פּאַרויסגעפילט די אומגליקן און זיי פאַרשפּיגלט אין זיינע פּאָעמעס. זי ציטירט זיין פּאָעמע מאַרינאַ מיט דער באַשרייבונג פון גוואַלדאַקטן און ווי ער אַליין שטאַרבט מיט אַ שוידערלעכן טויט.

עס קומט אויס צו הערן פון אַ סך מענטשן וועגן זייערע פאָרגעפילן, וואָס ווערן שפּעטער רעאַליטעט. נישטאָ דערוויייל נאָך קיין וויסנשאַפטלעכע דערקלערונג פאַר אינטואיטיווע שפּירונגען, פאַר דערשיינונגען וואָס זענען פאַרבונדן מיט אַ זעקסטן חוש, הגם מען שרייבט אַזוי פיל וועגן פּאַראַפּסיכאָלאָגיע, איז עס נאָך אַלץ פאַרבליבן אַן

„אומבאַקאַנט לאַנד״, ביי אַלע געבראַכטע פּאַקטן. אויב עס רעדט זיך וועגן גרויסע קינסטלער, ווייסן מיר, אַז זיי קענען פאָרויסגיין זייער צייט מיט אָנונגען און פאָרויסזעאונגען, וואָס זעען אויס, ווי נביאות זאָגן. מאַנדעלשטאַם האָט אוודאי זיין שוידערלעכן אומקום געקענט דערשפירן, הגם נישט וויסנדיק, אַז דאָס וועט געשען בעת די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס אין די סיבירער טייגעס. דאָסטאָיעווסקיס ווערק זענען דאָך פול מיט דעמאָנישקייט, מיט די איראַציאָנעלע עלעמענטן און מיט דעם דואַליזם ביים מענטש. ער האָט פאָרויסגעזען דעם טיפּ פון אַ סווידריגאַילאָוו־סטאַלין און די פּאַרצווייפלטע אויסקרימונג פון אונדזער עפּאָכע. דאָסטאָיעווסקיס טיפּן זענען דאָך געוואָרן די פירערס פון פעלקער פאַר וועלכע די וועלט ציטערט און שטעלט זיך אויף די קני... און בעת מען לייענט נאַדיאַס מעמואַרן (אויך ביי אַנדערע) דאַכט זיך, אַז מען זעט פאַר זיך די קאַשמאַר־וועלט פון פראַנץ קאַפקאַס ווערק, דעם פחד פון מענטש ווען ער שטייט ביים טעלעפאָן, הערט זיך צו ווי עס קלינגט, אָבער ר׳האָט טויט־מורא צו נעמען דאָס טרייבל אין האַנט...

נאַדיאַ שטעלט זיך אָפּ אויף אַנאַ אַכמאַטאָוואַס דראַמע „דער פּראָלאָג״, אין וועלכער זי האָט אַליין געשפּילט די הויפּט־ראָל. זי באַ־וויזט זיך אין געריכט־זאַל אין אַ נאַכט־העמד, מחמת נאָך האַלבער נאַכט איז געווייִנטלעך געווען די צייט צו ווערן אַרעסטירט. דערציילט זי פאַר די ריכטער, ווי די שעהן פון שלאָף און ליבע ווערן איבער־געריסן, ווען מען קלינגט און מען קלאַפּט אין טיר. נאָך פאַרן קלינג זענען די אויערן געווען דאָך צוגעשפּיצט צו דעם קלענסטן שאָרך ביים פאַרן פון אַן אויטאָ; וועט ער זיך אָפּשטעלן אָדער ר׳פאָרט ווייטער? ווען עמעץ איז געגאַנגען אויף די טרעפּ האָט מען זיך געשפּאַנט איינ־געהערט, צי דאָס זענען נישט קיין זעלנערישע טריט... דאָס איז געווען אין יענער צייט אַזאַ אַקטועל־ברענענדיקע דראַמע, וואָס זי האָט נאַטירלעך נישט געקענט אויספירן בימי סטאַלין...

אַכמאַטאָוואַ האָט געהאַט אירע פּערזענלעכע טראַגעדיעס, זי איז אָבער אַליין געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט... אַנדערש איז צוגעגאַנ־גען מיט דער פּאָעטעסע מאַרינאַ איוואַנאָוואַ צוועטאַיעוואַ — וועלכע איז געווען פונעם זעלבן הויכן פּאָעטישן קאַליבער, ווי פּאַסטערנאַק, אַכ־מאַטאָוואַ, מאַנדעלשטאַם. איר מאַן, סערגיי עפראָן, איז בעת דעם בירגער־קריג געווען אַן אָפיציר ביי די „ווייסע״. דעריבער זענען זיי נאָכן פאַרענדיקטן בירגער־קריג אַוועק פון רוסלאַנד קיין פראַנקרייך, זיך באַזעצט אין פּאַריז און אַרומגעפאָרן איבער אייראָפּע. אין 1939 איז עפראָן אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פראַנקרייך (צוליבן חשד, אַז ער איז אַן אַגענט פון ענקאַוועדע). האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין רוס־לאַנד. ער איז תיכף דערשאָסן געוואָרן. זייער טאָכטער איז געוואָרן

פאַרשיקט אין אַ ווייטן צפון־לאַגער... מאַרינא צוועטאַיעוואַ האָט נישט געקענט מער איבערטראָגן אירע ליידן און זיך גענומען דאָס לעבן (1941).

אַכמאַטאָוואַ האָט געהאַט מער מזל נאָכן אַרעסט פון איר מאַן, פונין און איר שטיפזון, לעוו גומילאָוו. מען האָט זי נאָר אויסגעשלאָסן פון סאָוויעטישן שרייבער־פאַראיין און זשדאַנאָוו האָט איר „מכבד" געווען מיט אַ שמעקעוודיקן אָנפאַל, רופנדיק איר: „די האַלבע מאָנאַכין און האַלבע זונה"...

וועל איך זיך נישט אָפּשטעלן אויף אַ ריי נעמען, וואָס ווערן אַרויסגעהויבן אין נאַדיעזשדאַס מעמואַרן, ווי דער באַרימטער בינע־קינסטלער מייערכאָלד (געשטאָרבן אין טורמע); דער באַוווסטער ליטע־ראַטור־קריטיקער און לעקטאָר פון לאָנדאָנער אוניווערסיטעט, פּרינץ שוויאַטאָפּאָלק־מירסקי, אַ מיטגליד פון דער ענגלישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד אין 1932 און איז אומ־געקומען אויף פאַרשיקונג. אַזוי גייט אין גרויסער נאָמען נאָכן אַנ־דערן, פון באַרימטע גייסט־מענטשן, פאַרשיקטע, אומגעבראַכטע...

זיך אויסבאַהאַלטן איז געווען אוממעגלעך. האָט דערציילט דער באַ־רימטער זאָשטשענקאָ פאַרגעלייגט צו מאַכן באַהעלטענישן אין וואַלד און שרייען דאָרט אין די נאָרעס ווי ווילדע חיות... דער אָפּגרונט האָט אַרויסגעקוקט פון אומעטום און מיר זעען אים אין די אַלע מאַקאַברישע בילדער פון אירע שילדערונגען וואָס זענען אין גרויסע פּאַראָרטיי־לונג פון דעם רעזשים, וואָס האָט פאַרניכטעט אַזוי פיל מיליאָנען.

זי שטעלט זיך אַ פראַגע: פאַרוואָס האָבן מיר זיך נישט קעגנ־געשטעלט בעת די אַרעסטן? מורא געהאַט? וואָס האָט מען שוין געקענט פאַרלירן? דער סוף איז דאָך געווען יעדן איינעם קלאָר. נישט געווען מער פאַר וואָס מורא צו האָבן. נישט געווען מער קיינע אילוזיעס. ס'איז געווען נישט דער פחד־געפיל „נאָר אַ פּאַראַליז־געפיל פון אונ־דזער הילפלאָזיקייט פון וועלכער מיר זענען אַלע געווען די קרבנות". רופט עס זיך דאָך איבער מיט דעם פסיכישן מצב אין די געטאָס אין פוילן, מיט דעם אונטערשייד, וואָס אין רוסלאַנד, פאַר די וואָס האָבן גע־גלויבט אינעם אָקטאָבער־קולט, איז עס געווען מיט די פירערס. ריכ־טיקער: מיט דעם פירער... דער היפּנאָז פון „היסטאָרישער נויטווענ־דיקייט" האָט פסיכאָלאָגיש פריער צוגעגרייט די קרבנות צום כלאָראָ־פאָרם פאַר דער אָפּעראַציע...

מיר ווייסן אַלע וועגן סטאַלין־קולט. עס זענען אָבער ווייניק באַקאַנט די לעגענדעס אין רוסלאַנד וועגן סטאַלינען דעם בעל־רחמים... ווי אַן אילוסטראַציע דינט מאַנדעלשטאַמס ערשטער אַרעסט און בוכאַ־רינס מיט פּאַסטערנאַקס אינטערווענץ ביי סטאַלינען. די געשיכטע גייט אַזוי: נאָכן דערהאַלטן פּאַסטערנאַקס בריוו, האָט סטאַלין צו אים אָנגע־

קלונגען און געזאָגט: „...ווען איך וואָלט געווען אַ פּאָעט און אַ פּאָעט־קאָלעגע וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַן אומגליק, וואָלט איך דאָך גלייך אַלץ געטאָן אין דער וועלט אים אָפּצוראַטעווען און איר האָט ביז איצט געשוויגן?״

אָט די ביטרע מעשה איז גלייך צעטראָגן געוואָרן אין שטאָט און דער אויפמערק פון קרבן איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דעם בעל־חסד — דעם רעטער און זיין גוטהאַרציקייט!... די געשיכטע איז זייער סימפּטאָמאַטיש! אַפּילו די פּאַסטערנאַקס האָבן אַרויפגעקוקט צו סטאַלינען ווי צו דעם געזאַלבטן פירער פון לאַנד, פון זיין צוקונפט און האָפענונג. פּאַסטערנאַקס פרוי פלעגן זאָגן: מיינע קינדער האָבן אַמשטאַרקסטן ליב סטאַלינען. איך גיי אויפן צווייטן אָרט. שילדערט נאַדיאַ בעת סטאַלינס טויט, די כליפּעריי אויף די טרויער־אָונטן פאַר אים („וואָס וועט מיט אונדז אַצינד געשען?״). און אין נאָמען פון דעם גרויסן „גליק״ וואָס דאָס לאַנד האָט געהאַט מיט אָט דעם „פּאַרכישופטן״ פירער זענען פאָרגעקומען די יחידישע און הורט־מאָרדן. דער געוועב פון דער געזעלשאַפט איז געוואָרן צעפליקט, צעשטויבט, מענטשלעכע באַציאונגען — אונטערגעגראָבן, פאַרניכטעט דורך חשד און מסירה — און דאָס איז דאָך, אין תוך גענומען, דער פולער גייסטיקער און פּסיכאָלאָגישער קאַרדיאָגראַף פון נאַדיעזשדאַ מאַנדעלשטאַמס ביידע ביכער.

זי קלערט אויף אַ ריי זאַכן, למשל, פאַרוואָס אַזאַ דערפאָלגרייכער דערציילער, ווי איסאַק באַבעל האָט זיך געוואָרפן אויף דראַמאַטורגיע (אין די דרייסיקער יאָרן). דאָס שרייבן פּיעסן האָט שטאַרק זיך געצאָלט! דער באַוווסטער דראַמאַטורג, קאַטאַיעוו האָט צו דערציילן אַן אַ צאָל געשיכטעס וועגן די, וועלכע ס׳איז געלונגען צו שטעלן אַ פּיעסע אין קונסט־טעאַטער — דער האָט גלייך צוגעקראָגן אַ נייע ווייב!... אַן אַקטריסע אויף דער בינע, אָדער אין פילם, פאַר באַקומען אַ מאָל אין אַ יובל אַ ראָל צו שפּילן, האָט נאָר אויסגעקוקט צו טרעפן זיך מיט אַ „צייטווייליקן מאַן״, וואָס זאָל איר שפּייזן און קליידן. דראַמאַטורגן האָבן דאָך געהערט צו דער עליטע! נאָך זיי — די שרייבערס־נאָוועליסטן. און ביים סאַמע דנאָ — די איבערזעצערס פון פּאָעזיע.

זי דערציילט פון פאַרשידענע מאַקאַברישע פאָרמען, דיקטירט דורכן אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג, וועגן דער צעשטערונגס־קראַפט וואָס מאַכט האָט איבערן מענטש און אַז די „צאָל קליינע טיראַנען וואַקסן מיטן אַפּעטיט״...

צוריק וועגן סטאַלינען, וועגן אַ פאַל, וואָס ערענבורג דערציילט: סטאַלין האָט געזען די פאָרשטעלונג אין וועלכער דער גרויסער אוקראַאינישער אַקטיאָר, בוכמאַ, האָט אויסגעשפּילט דעם כאַראַקטער־ראָל

פון אַ פאַררעטער. נאָך דער פאַרשטעלונג האָט סטאַלין געזאָגט: אויב אַ פאַררעטער־ראַל קען ווערן אויסגעשפּילט אויף אַזאַ איבערציַיגנ־דיקן אופן איז זיכער דער אַקטיאָר אַליין אַ פאַררעטער! ער האָט מאַלענקאָוון און כרושטשעוון געגעבן די געהעריקע אינסטרוקציעס... זיי האָבן אים איבערציַיגט אָפּצוּוואַרטן מיט דער עקזעקוציע, מחמת זיי ווילן אים כאַפּן אויף „דער הייסער מינוט" מיט אַלע זיַינע פאַרבינ־דעטע... איז ער אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון טויט. מסתמא איז סטאַלין פריער געשטאָרבן... נישט שייך צו רעפלעקטירן דאָ איבער דעם, וואָס איז דאָך נאָר אַ קליין שטריכעלע פון דעם סטאַלין־פּאָרטרעט.

בכלל קען אונדז שוין קיין שום פאַקט מער נישט איבערראַשן, הגם, עס וווּנדערט, ווי אַזוי האָט אויסאַק באַבעל זיך איינגעשטעלט צו וווינען אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן אין אַ הויז, ווו ס'האָבן געוווינט אויסלענדער? אַזאַ האַנדלונג אין יענער צייט איז געווען אַבסאָלוט קעגן שכל הישר! דערקלערט מען עס מיט זיַין גוואַלדיקער קוריאָזיטעט קענען צו לערנען פון דער ערשטער קוועלע. צוליב דעם איז ער געגאַנגען אויף אַ „טרונק" מיט מיליציאַנטן (אַ יופּעמיזם פאַר... טשעקיסטן). מ'האָט דערציילט, אַז ביים טרינקען מיט דעם מאָסקווער פּאָליציי־שעף זאָל באַבעל האָבן געזאָגט: „דער וואָס לעבט מיט דער שווערד וועט אומקומען פון איר". לויט נאַדיאַן, האָט אַסיפּ טאַקע געהאַט געפרעגט באַבעלן, וואָס ער זוכט ביי יענע חברה־לייט? וואָס פאַר אַ קוריאָזיטעט איז צו זיַין דאָרטן ווו דער מסחר איז טויט?... אויף דעם האָט באַבעל געענטפערט, אַז ער וויל עס נישט אָנרירן מיט די פינגער, אָבער אַ שמעק טאָן, יאָ, צו דערפילן דעם ריח... מ'פלעגט דערציילן צווישן די שרייבערס, אַז ער (באַבעל) איז אַפילו אַן אַריינגיי־ער צו יעזשאָוון אין הויז. און קאַטאַיעוו און שקלאָווסקי האָבן נאָך זיַין אַרעסט דערציילט, אַז ער איז נישט געגאַנגען צוליב בראַוואַדע, נאָר צו־ליב פחד... קען מען אַזאַ האַנדלונג דערקלערן לאָגיש? ער און מאַנדעל־שטאַם, אַזעלכע גרויסע קינסטלער, און דאָך געווען אַזעלכע נאַאיווע מענטשן!

אַסיפּס תמימות האָט געקענט דערגיין צו אַזאַ אויסטערלישן קוריאָז, וואָס עס דערציילט נאַדיאַ. זיי האָבן געהאַלטן (אין די „קאַר־ניוואַל"־יאָרן) ביים פאָרן קיין קאַווקאַז. פאַר דעם איז ער אַריין אין אַ קליניק אויף אונטערזוכונגען. מען האָט אים גלייך אָפּגעשיקט צו אַ פּסיכיאַטאָר, וועלכער האָט נאָך דעם אַרויסגערופן נאַדיעזשדאַן און איר געזאָגט: אַסיפּ האָט אילוזיעס, אַז ער איז אַ פּאָעט, שרייבט פערזן, בעת פאַקטיש זיצט ער אויף אַ קליינעם פּאָסטן, אָן שום פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט און טראָגט זיך אַרום מיט כלערליי עוולות קעגן אים. צו דעם רעדט ער שלעכטס אויף די שרייבער־אָרגאַניזאַציעס.

זיַין דיאַגנאָז איז דעריבער, אַז אַסיפּ ליידט פון אַ גוט־באַקאַנטן

פּסיכאָז, אַ פֿאַרפֿאָלגונגס־מאַניע, וואָס באַזירט זיך אויף אַן איבערגע־טריבענער מיינונג וועגן זיין אייגענער גרויסקייט. דער פּסיכיאַטאָר האָט צו דעם נאָך צוגעגעבן, אַז אין דעם קליניק זענען דורכגעגאַנגען אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געטראַכט, אַז זיי זענען נאַפּאָלעאָנס (געמיינט האָט ער, נאָר מורא געהאַט צו ברענגען פֿאַרן מויל: „מיטגלידער פֿון פּאָליט־ביוראָ").

דער געשפּרעך איז פֿאַרגעקומען מיט אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונ־דערט צוריק, ווען מען האָט אין סאָוועט־רוסלאַנד נאָך נישט געהאַט „דערפֿינדן" דעם הײַנטיקן „היילונגס־מיטל" אַוועקצושיקן די סאָוועט־טישע דיסידענטן אין אַ משוגעים־הויז אויף „קוראַציע". דאָס געהערט שוין צו דעם „פּראָגרעס" פֿון דער סאָוועטישער פּסיכיאַטריע אין די לעצטע יאָרן. אָבער אין נאַדיעזשדאָס געשיכטע איז נאָך דאָ אַזאַ פֿינאַל: ווען זי האָט דערציילט איר מאַן, וואָס דער דאָקטער־אידיאָט האָט צו איר געזאָגט, האָט ער זיך אָפּגערופֿן: דער דאָקטער איז אפשר נישט אינגאַנצן אומגערעכט. איך האָב נישט געדאַרפֿט מאַכן פֿון זיך, אַז כ'בין דער פּאָעט אָסיפּ מאַנדעלשטאַם.

מיט שפּאַנונג לייענט זיך איר שילדערונג פֿון דעם פֿאַרלויף פֿון זיין צווייטן אַרעסט, ווי אַזוי די ענקאַוועדע האָט אַראַנזשירט אַן „אָפּרו־היים" פֿאַר אים מ'זאָל אים נישט דאַרפֿן אַרומזוכן... די „הילף" וואָס אַ מיטגליד פֿון שרײַבער־פֿאַראיין מיטן נאָמען סטאַווסקי האָט זיי געגעבן און די לעצטע טעג אויף דער „דאַטשע" פֿאַר זיין אַרעסט — דאָס איז שטאָף פֿאַר אַ גרויסער דראַמע!

ער איז פֿאַרשיקט געוואָרן לעבן ווּלאַדיוואָסטאָק אינעם לאַגער „פּטאַראַיאַ רעטשקאַ". דאָס איז געווען נאָר אַ טראַנזיט־פּונקט, אָבער זיין צושטאַנד איז שוין דאָרט געווען אַזאַ, אַז ער איז שוין נישט מיט־געגאַנגען מיטן טראַנספּאָרט קיין קאָלומאַ. אין אַ בריוו צו נאַדיאַן האָט ער מודיע געווען, אַז אַ „ספּעציעלער טריבונאַל האָט אים פֿאַרמשפּט אויף פֿינף יאָר פֿאַר זיין קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט". ער האָט געוווסט, אַז ס'לוינט שוין נישט זי זאָל אים שיקן מלבושים, שפּייז אָדער געלט. איז ער דאָרט אויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט אַנדערע — און וואָס פֿאַר זין איז דען געווען צו קלאַמערן זיך אין אַזאַ לעבן? אין דעם גהינום? וואָס פֿאַר אַ גוטס איז שוין געווען, למשל, פֿאַר מאַרגוליסן, צי שוויאַטאָפּאָלק־מירסקי, וואָס האָבן זיך אַ ביסל לענגער געמאַטערט ביז זייער אויסגיין?...

נאָך איידער עס איז אָנגעקומען די באַשטעטיקונג וועגן מאַנדעל־שטאַמס טויט, האָט זיין פֿרוי אָנגעשריבן צו אים אַ בריוו, פֿון וועלכן מיר וועלן דאָ ציטירן. זי שרײַבט:

„אָסיאַ, מיין באַליבטער, האַרציקער, וואָס איז זייער ווייט! איך האָב נישט קיין ווערטער, טײַערער, צו שרײַבן דיר דעם בריוו, וועלכן

דו וועסט אפשר קיין מאָל נישט לייענען. איך שרייב צום לייִדיקן רוים, אפשר ווענסטו זיך אומקערן און מיך דאָ נישט טרעפן, ווערט דאָס בלייבן צום געדענקען... אַסיאַ, וואָס פאַראַ פרייד איז געווען צו לעבן צוזאַמען, ווי קינדער, ביי אַלע אונדזערע וויכוחים און שפּאַרעניישן? געדענקסט דעם אופן, ווי מיר האָבן זיך פאַרשאַפט שפּיז פאַר אונדזערע אָרעמע מאָלצייטן? און די פלעצער, ווו מיר האָבן אויפגעשטעלט אונדזערע געצעלטן, ווי נאָמאַדן? געדענקסטו דעם געשמאַקן טעם פון ברויט, וואָס מיר האָבן דורך אַ נס געקראָגן און געגעסן צוזאַמען?

און אונדזער לעצטן ווינטער אין וואַראַניעזש, אונדזער גליק־לעכע אָרעמקייט און די פּאָעזיע וואָס דו האָסט געשריבן. יאָ, פון אַלץ וואָס כ׳דערמאָן זיך איצט פון די לײַדן און פּיין. אָבער אויך די דאָזיקע ווינטערטעג (דאָס פרירן אין קעלט) מיט אַלע זאָרגן זענען געווען די גליקלעכסטע טעג, וואָס זענען אונדז געגעבן געוואָרן אין לעבן. יעדער געדאַנק מיינער איז וועגן דיר. יעדער טרער און שמייכל איז פאַר דיר. איך בענטש יעדן טאָג, יעדער שעה פון אונדזער ביטערן צוזאַמענלעבן... דאָס לעבן קען געדויערן אַזוי לאַנג, ווי שווער עס זאָל נאָר נישט זיין... און ווי שווער עס איז פאַר יעדן פון אונדז צו שטאַרבן אַליין. קען טאַקע זיין אַזאַ גורל פאַר אונדז, וועלכע זענען אַזוי אומצעשיידבאַר?

יעדער נאַכט קומסטו צו מיר אין שלאָף און איך האַלט אין איין פרעגן, וואָס איז געשען? אָבער דו ענטפערסט נישט.

אין מיין לעצטן חלום האָב איך געקויפט פאַר דיר עסן אין אַ שמוציקן האָטעל־רעסטאָראַן און די מענטשן זענען מיר געווען אין גאַנצן פרעמד. נאָכן קויפן, האָב איך איינגעזען, אַז כ׳ווייס נישט ווו עס אַרויסצוטראָגן, כ׳ווייס נישט ווו דו ביסט דאָ. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האָב איך געזאָגט צו שוראַן (אָסיפּס ברודער): „אַסיאַ איז טויט״.

ז

אירע מעמואַרן זענען אָנגעזאַפּט מיט אַ סך צער און טרערן, און איבער דעם טורעמט די מסירת־נפשדיקע אַרבעט פון אַ קראַנקער, אויסגעפּייניקטער פרוי וואָס האָט נאָכן אומקום פון איר מאַן זיך גע־ווידמעט (דורך אַלערליי מיטלען) אָפּצוראַטעווען זיין גייסטיקע ירושה. וואָס דאָס האָט פאַרלאַנגט פון איר כדי עס צו דערגרייכן — און זי האָט עס באַוויזן — לאָזט זיך מיט פּראָזאַישע ווערטער נישט איבערגעבן. און זי זאָגט דאָך וועגן זיך, אַז זי איז נישט געווען די איינציקע פרוי. עס זענען פיל פרויען געווען, ווי איך, וואָס האָבן במשך פון יאָרן פאַרבראַכט שלאָפלאָזע נעכט, איבערחזרנדיק די ווערטער פון זייערע טויטע מענער.

כּיטון פּנים צו דער וועלט

נייע ווערק וועגן אַלטע שרייבערס

א

לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי —

צו זיין 150סטן געבוירנטאָג (1828 — 1978)

דער באַוווסטער ענגלישער שרייבער און אַקאַדעמיקער ס. פּ. סנאָו האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אַן אינטערעסאַנטן בוך „די רעאַליסטן", וואָס באַשטייט פון אַן אַכט עסייען, צווישן זיי אַ גרונטאָוונע ביאָגראַפישע אָפּהאַנדלונג פון דעם מענטש און קינסטלער, ל. נ. טאָלסטאָי.

דער מחבר באַנוצט זיך מיט פרישע ארויסגעשווומענע מאַטעריאַלן וועגן טאָלסטאָיס עלטערן און ברידער, און די מאַטעריאַלן זענען מוסיף צו דעם, וואָס מיר האָבן שוין געלייענט פריער אין טאָלסטאָיס באַקאַנטער אויטאָ־ביאָגראַפישער טרילאָגיע: „קינדהייט", „יינגלשאַפט", „יוגנט".

פון סנאָוס ברייטערער ביאָגראַפישער אָפּהאַנדלונג באַקומט זיך אַ מער פאַרטיפטע פּסיכאָלאָגישע אַריינדרינגונג אין טאָלסטאָיס פּסיכיק, די השפּעה פון זיין שורש און אָפּשטאַם, וואָס האָט באַקומען אַ קינסטלערישן תיקון און זיין שאַפן, בפרט אין זיינע צוויי גרעסטע ראָמאַנען: „קריג און פרידן" און „אַנאַ קאַרענינאַ".

איך דאַרף זיכער נישט אונטערשטרייכן, אַז אויף אָט די צוויי מייסטערווערק פון אַן אומגעהויערער גרויסקייט האָט דער שטויב פון צייטגאַנג נישט געהאַט קיין שליטה. עס זענען גוט באַקאַנט די לויבגעזאַנגען פאַר זיי פון די גרויסע נעמען אין דער וועלט־ליטעראַטור, למשל, פּראָוסט האָט וועגן זיי געשריבן, אַז זיי זענען פון אַזאַ קראַפט ווי גאָט אַליין וואָלט זיי געשאַפן מיט זיין פען און דורך זיי געמישפּט דעם הומאַניזם.

אויב מ'איז מסכים אַפילו מיט אָט דעם הויכן סופּערלאַטיוון אויסדרוק (פון פּראָוסט), מוז מען אָבער אויך מסכים זיין מיט סנאָוס צוגאָב, אַז לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי איז אין זיין פערזענלעכער פירונג ווייט געווען צו זיין נישט נאָר גאָט, נאָר אַפילו נישט ווי אַ מענטש וואָלט געדאַרפט און געקענט זיך אויפפירן אין זיין דרך החיים.

צו באַגריינדן עס ברענגט סנאָו אַ ציטאַט פון טאָלסטאָיס פען, געשריבן ווען ער איז אַלט געווען אַ 25 יאָר. „איך מוז זיך צוגעווינען צום געדאַנק, זאָגט טאָלסטאָי, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז איך בין עפּעס אַן אויסנאַם־וועזן, אַ מענטש וואָס איז פאַרויס פון זיין צייט, אָדער איך פאַרמאָג אַן אומאָפּיציעלע, אַן אומסאָציאַלע, אַן אוממעגלעכע נאַטור, וועלכער איז לייכט צו ווערן אומצופרידן...״ און נאָך דעם זאָגט ער אַזוי וועגן זיך: „איך האָב נישט געטראָפן קיין איין מענטש וואָס זאָל זיין מאָראַליש אַזוי גוט ווי איך בין, אָדער גרייט זיין אַלצדינג מקריב צו זיין פאַר זיינע אידייען ווי איך. צוליב דעם האָב איך נישט קיין סביבה אין וועלכער זיך צו פילן גוט״. אָבער אַט די ווערטן, וואָס ער האָט ביי קיין אַנדערע נישט געפונען, האָבן אים נישט געשטערט צו די זינד וואָס ער איז באַגאַנגען און נאָך דעם די אַגאָניע זיינע ביים תשובה טאָן, ביים קלאַפּן זיך על חטא אויף זיינע באַגאַנגענע עבירות.

אין זיין טאָגבוך האָט ער פאַרצייכנט זיינע זינד: אויסגעלאַסנקייט, האַזאַרד־שפּילן און די שלעכטע באַהאַנדלונג צו זיין באַדינערשאַפט, וואָס איז, אגב, געווען אַ היפּש גרויסע. ער האָט ווי אַ רוסישער פּריץ געקענט אַזוי זיך, צווישן אַ יאָ און אַ ניין, שמייסן זיינע קנעכט, ווי עס איז געווען דער מינהג צו יענער צייט.

יעדער וואָס האָט געליינט טאָלסטאָיס טאָגביכער מיט דעם צוגאָב פון זיין פרויס, געפינט אין זיי גענוג באַווייזן און פאַקטן וועגן טאָלסטאָיס לעבנס־דרך, אַנהייבנדיק פון זיין קינדהייט, וואָס איז דאָך געווען אַן אויסערגעווייגלעך פּריווילעגירטע. זיין טאַטע איז פאַר דער חתונה געווען אַ קבצן אין זיבן פאַלעס, כאָטש ער האָט אַפילו געהאַט אַ באַרימטן רוסישן נאָמען. האָט אים אָבער אָפּגעגליקט חתונה צו האָבן מיט אַ יורשטע פון אַ ריזיקער עשירות: אַ נחלה פון טויזנטער אַקער לאַנד, אַ סך דערפער און אַ מאַסע קנעכט; אויך דער פּריצישער גוט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, אין וועלכן ער האָט זיך באַזעצט גלייך נאָך דער חתונה. אַ חוץ דער גרויסער עשירות האָט אים אויך די פרוי געגעבן אין נדן אַריין איר גרויסן פּריצישן יחוס. מיט איין וואָרט: עס איז געווען פאַר אים אַ גאָלדענער שידוך.

אַ טשעקאַווער פּרט: בעת טאָלסטאָיס קינדהייט זענען די קנעכט אַרומגעגאַנגען שרעקלעך אָפּגעלאָזן און שמוציק, פאַרלייזיקט. אָבער דאָס עסן צום טיש האָבן זיי דערלאַנגט אין ווייסע הענטשקעס. און נאָך עפּעס: אין דעם פּריצישן גוט פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ זענען נישט געווען גענוג בעטן פאַר די ברידער טאָלסטאָיס (ער איז געווען דער יינגסטער פון זיי). אַנשטאָט צו ליגן צוזאַמענגעדריקט אין די פּאַר פּאַראַנענע בעטן פלעגן זיי בעסער שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע. אַ פּרט וואָס וואַרפט אַ שיין אויף די פירונגען אין די רוסישע פּריצישע היי־

זער. אַפילו ווען טאָלסטאָי איז שוין געווען וועלט־באַרימט האָט ער נאָך אַלץ נישט געהאַט אָט די באַקוועמלעכקייטן, וואָס האָבן שוין אין יענער צייט געהאַט אין מערב־אייראָפּע מענטשן פון מיטלקלאַס (למשל טשאַרלס דיקענס אין ענגלאַנד). גיט דאָס נאָכצוטראַכטן וועגן רוסישן מענטש אויך היינט. אָבער איך שטעל דאָ אַ פּונקט.

בעסערע אָדער ערגערע באַקוועמלעכקייטן, דאָס קינד טאָלסטאָי האָט געהאַט אַ גליקלעך זוניקע צייט. הגם די מאַמע איז אים גע־שטאָרבן ווען ער איז אַלט געווען נאָר צוויי יאָר, האָט ער אָבער נישט געשפּירט קיין שום פאַריתומקייט. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט צערטלעכקייט און ליבשאַפט, בעיקר, פון זיין מומע טאַינעט און פון די אַנדערע מומעס און ווי דער מוזינעק אין שטוב האָבן דאָך אַלע, דער טאַטע, די ברידער, זיך באַצויגן צו אים מיט אַ באַזונדער צאַרט־קייט און געקעכלטקייט. סנאָו שטעלט זיך אָפּ אויף דער ספּעציפיש־קייט וואָס עס באַדייט צערטלעכקייט ביים רוסישן מענטש, אויך אין דעם פאַקט, וואָס אַ טעכטערל, אַן אומגעזעצלעך קינד פון אַ ידיד פון טאָלסטאָיס טאַטן איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער פאַמיליע ווי אַן איין קינד, געווען גלייך מיט אַלע אַנדערע קינדער אויך אין דעם טאָג־פּלאַן פון אַ באַשטימטן נוסח: אין דער פרי זענען געווען לעק־ציעס פאַר די קינדער, וואָס האָט זיי געגעבן אַן אַלטער דייטשער לערער. און ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז רוסיש ווי אַן אומגאַנגס־שפּראַך איז נישט געווען אָנגענומען אין די פּריצישע הייזער. די משפּחה האָט צו די קינדער גערעדט פראַנצויזיש.

טאָלסטאָי האָט גוט באַהערשט פראַנצויזיש און אויך אַנדערע אייראָפּעישע שפּראַכן. כדי נישט צו מיינען, אַז מ׳האָט אים פאַרמאַטערט מיט די לעקציעס זעט מען גלייך וואָס פאַר אַ גן־עדן עס איז שוין געווען פאַרן קינד בייטאָג אין דער שמעקעוודיקער ריינער לופט אין וואַלד, די דופטיקע ריחות פון די ביימער און דאָס באָדן זיך אין טייך. מיט איין וואָרט: אַן אידיליע פאַרן קינד אין זומערלעב און אין ווינטער־צייט דאָס שליטלען זיך איבער דעם באַרג.

טאָלסטאָי האָט דאָס פאַרצייכנט אין זיין אויטאָביאָגראַפישער טרילאָגיע מיט דער וואַרהאַפטיקייט, וואָס איז געווען פאַר טאָלסטאָין אַ חוק שלא יעבור. וואָר איז ביי אים געווען דאָס קאַרדינאַלסטע וואָס ער האָט שטרענג געפאָדערט פון זיך און פון יעדן אַנדערן שרייבער וואָס איז ווערט צו טראָגן אָזאַ נאָמען.

טאָלסטאָי האָט נישט געהאַלטן, אַז אַ שרייבער קען זיך באַנוצן אין זיין שאַפן מיט פאַנטאַזיע, מיט אַ שעפערישער אימאַגינאַציע. זיין צוגאַנג צו ליטעראַטור איז געווען: שטרענגע אָבסערוואַציע פון דער רעאַליטעט און זי באַשרייבן. דאָס איז פאַר אים געווען די גאַראַנטיע און זיכערקייט פון זיין קינסטלערישער פרייהייט, באַגלייט מיט אַן

אינטענסיווער פּערזענלעכער וויזיע פון לעבן, פון מענטשן מיט זייערע פירונגען.

האָבנדיק אָט דעם אני מאמין, ווייסן מיר דעריבער וועגן זיין קינדהייט נישט נאָר דאָס וואָס ער האָט אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע ביכער פאַרנאָטירט, נאָר אויך פון זיין „קריג און פרידן".

ווי יעדער גוטער שרייבער פון אַזאַ ברייט־פּאַרמאַסטענער עפּיק, האָט אויך טאָלסטאָי געזוכט און געפאָרשט יעדן מקור פון וועלכן ער האָט געקענט עפּעס לערנען פאַר זיין ווערק. דער הויפּט־מקור איז אָבער פאַר אים געווען די אייגענע משפחה פון וועלכער ער האָט אַ סך זיך דערוווסט, קענען געלערנט און אַבסאָרבירט פאַרן ווערק. אין הסכם מיט זיין אויבנדערמאַנטן קרעדאָ האָט ער אין דעם ווערק נישט צוגע־טראַכט פון דער אייגענער פאַנטאַזיע, אפשר דאָ און דאָרט עפּעס אַ קאָ־מישן עפעקט, כאָטש ביי טאָלסטאָין, דעם מענטש און שרייבער, איז הומאָר נישט געווען זיין ספּעציאַליטעט, סיידן אויף אַ גראָבן שאָקירנדיקן אופן... דערלויבט האָט ער זיך נאָר עפּעס צו ענדערן דעם נאָמען פון זיין מאַמען און ביים טאָן עס, מסתמא זיך צוגעשמייכלט פון דער המצאה. זיין מוטערס נאָמען איז געווען פּרינצעסין מאַריע וואָלקאָנסקי האָט ער געענדערט אויף באָלקאָנסקי (אין „קריג און פרידן"); ווידער אַ נאָמען פון אַ באַקאַנטן אין טאָלסטאָיס משפחה, האָט ער פון דאָראָ־כאָוו געענדערט אויף דאָלאָכאָוו. און די טאָלסטאָיס גופא זענען דאָך פאַר־קערפּערט אין דער פאַמיליע ראָסטאָוו, און ניקאָליי ראָסטאָוו איז טאָל־סטאָיס פאָטער, וואָס איז זייער וואָרהאַפטיק פאַרשפּיגלט אינעם ווערק, אפשר נאָר אים אַ ביסעלע פאַרווייכט. געטריי דער וואָר איז אויך די שילדערונג פון זיינע עלטערנס חתונה האָבן, הגם, מסתמא, איז אין לעבן דער שידוך צוגעגאַנגען מערער ווי אַ סוחרישער משא ומתן און ווייניקער ראָמאַנטיש ווי אין בוך. אָבער אין לעבן, ווי אין בוך, האָט דער שידוך גוט געקלאַפּט אָן די היינטיקע באַוווסטע קריזיסן.

טאָלסטאָי האָט זיין טאַטן זייער ליב געהאַט. ער איז געווען אַ גוט־מוטיקער, צוגעלאָזענער פּריץ וואָס האָט ליב געהאַט אַ סך שנאַפּס... ער איז געשטאָרבן ווען טאָלסטאָי איז אַלט געווען אַ ניין יאָר און דאָס געהערט צו די שאָטן־זייטן פון טאָלסטאָיס זוניקער קינדהייט און יינגל־שאַפט. ער שילדערט די ווירקונג פון זיין פאָטערס טויט אויף אים און דאָס רופט זיך איבער מיט טשאַרלס דיקענס באַשרייבונג פון דייוויד קאָפּערפילדס מאַמע בעת איר שטאַרבן. אגב, ביי טאָלסטאָין איז דאָ אַ פּרט וואָס דערמאָנט אין אונדזער מאָטל פּייסי דעם חזנס („מיר איז גוט איך בין אַ יתום"). בעת דאָס אָפּריכטן דער רעקוויע האָט טאָלסטאָי געטראָגן די טרויער־קליידער און דערשפּירט דעם שטאַרקן אינטערעס פון די אַרומיקע צו אים מחמת ער איז שוין איצט אַ קיילעכדיקער יתום — אָן טאַטע־מאַמע ווען ער איז נאָך אַזוי יונג. אָבער זיין לעבן איז זיך

ווייטער געפלאָסן פון אַ פריציש קינד וואָס געהערט צו דער פּריווילע־גירטער קאַסטע.

די טאָלסטאָי פאַמיליע האָט אויך געהאַט אַ הויז אין מאָסקווע. צייטנווייז דאָרט פאַרבראַכט אָדער געפאָרן צו ווילן זיך ביי משפּחה אין קאַזאַן. מיט דעם דערקלערט זיך וואָס טאָלסטאָי איז אַריין אין אַ קאַ־זאַנער אוניווערסיטעט, וווּ ער האָט געלערנט עטלעכע סעמעסטערס. ער האָט אָבער איבערגעריסן זיין אוניווערסיטעט־לערע האַלטנדיק, אַז ער וועט אַליין זיך מער אויסלערנען ווי פון זיינע לערערס אין אוני־ווערסיטעט. געוואָרן אַן אויטאָדידאַקט און זיך פאַראינטערעסירט מיט פילאָזאָפיע און געשיכטע און אויך מיט יוריספּרודענץ, נאָר מיט מאַ־טעמאַטיק האָט ער זיך עפּעס נישט געקענט קיין עצה געבן. עס זעט אויס, אַז דאָס איז אפשר דער שוואַכסטער פּונקט אין דער שרייבע־רישער פּראָפעסיע בכלל, נאַטירלעך, מיט אויסנאַמען — למשל, סטענדהאַל. דערפאַר האָט ער זיך לייכט אַן עצה געגעבן מיט שפּראַכן און באַהערשט פראַנצויזיש, דייטש, ענגליש און זיך באַקענט מיט די ווערק אין אָריגינאַל פון יענע לענדער.

ווען ער איז אַלט געוואָרן ניינצן יאָר האָבן די טאָלסטאָי ברי־דער זיך צעטיילט מיט דער ירושה אויף אַ גאַנץ יושרדיקן אופן. למשל, אין ענגלאַנד בכדי אַ ירושה פון אַ לאַנד־נחלה זאָל נישט ווערן צעשפּליטערט ירשנט עס נאָר דער בכור פון דער פאַמיליע. אַזוי אַרום בלייבט די נחלה אין טאַקט. דאָס איז נישט געווען אינעם רוסישן שטייגער.

ביים צעטיילן זיך האָט דער יונגסטער, לעוו, געוואָלט האָבן דעם גוט פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און די ברידער האָבן עס אים געגעבן. טאָל־סטאָי איז געוואָרן דער באַלעבאָס איבער דער נחלה דאָרט מיט אַ 330 קנעכט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז די צעטיילטע גרויסע נחלה צוריק געוואָרן פאַראייניקט אין רשות פון טאָלסטאָין. געשען איז עס ווען זיינע ברידער זענען געשטאָרבן אומפאַרהייראַט. דער עלטסטער פון די ברידער, ניקאָליי, איז אַוועק אין דער אַרמיי און געווען דאָרט אַ גאַנץ גוטער אָפיציר ביז ער האָט זיך נישט צוגעכאַפּט צום פלעשל (די נטיה אַפּנים געירשנט פון טאַטן). די צרה זיינע איז נאָר געווען וואָס ער האָט ביים טרינקען נישט געוווּסט ווען אויפצוהערן. אָבער ניכטערערהייט איז ער געווען, ווי דער טאַטע, אַ צוגעלאָזענער און טאָלסטאָי האָט צו אים אַרויפגעקוקט. נישט געקענט נאָר פאַרטראָגן וואָס ער וואַשט זיך נישט די הענט, היט נישט אָפּ היגיענע. טאָלסטאָי אַליין האָט פּעדאַנטיש אָפּגעהיט ריינקייט. ערשט אויף דער עלטער האָט ער נאָכגעטאָן די פּויערים.

בכלל זענען די ברידער טאָלסטאָיס געווען טיפּיש רוסיש: ציל־לאָז אין לעבן און ברייטהאַרציק. דער צווייטער ברודער סערגיי, וויער

אַן עלעגאַנטער, געפּילט זיך דערפאַר העכער פון די אַנדערע, האָט געלעבט מיט אַ ציגײַנערין, וואַרשײַנלעך, אַ פּראָסטיטוטקע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן מיט איר חתונה געהאַט און אויף דער עלטער גע־וואָרן אַן אויטאָקראַט, אַ שטרענג קאָנסערוואַטיווער. ווידער דימיטרי האָט געפּרוווט פירן אַ קריסטלעך לעבן צוזאַמען מיט אַ פּראָסטיטוטקע — די איינציקע פרוי וואָס ער האָט געהאַט אין זײַן לעבן. דער יונג־סטער, לעוו טאָלסטאָי, זײַענדיק אַ גוט־באַזיצער שוין בײַ זײַנע 19 יאָר, און געװנוג רײַך געווען צו קענען פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ פאָרן אָפט קיין מאָסקווע און דאָרטן הוליען ווי אַ פּריץ.

אייגנטלעך האָט ער נאָך אין קאַזאַן שוין געפירט אַ הולטייסקן לעבן, בפרט מיט פרויען. אויך געטרונקען אַ סך, האַזאַרד געשפּילט, אָבער די דאָמינירנדיקע לײַדנשאַפט זײַנע איז געווען צו פרויען. זײַנע ביאָגראַפן באַצײכענען אים ווי היפּער־סעקסועל און ער האָט ממש געליטן פון אַ שולד־געפיל... און נאָך יעדן פאַל — זײַער צאָל ווערט געשאַצט דורך די ביאָגראַפן אין לעגיאָנען — זיך פאַרגעוואָרפן דאָס ערגסטע און ער פלעגט דורכמאַכן אַן אַגאָניע בײַ זײַן קלאַפּן זיך על חטא.

זײַענדיק שוין אויף דער עלטער האָט ער דערציילט טשעכאָוון און גאָרקין, אַז ער איז סעקסועל קיין מאָל ניט געווען געזעטיקט. בײַם דערציילן האָט ער באַנוצט אַ גראָבע פּויערישע שפּראַך מיט אומגעוואָ־שענע רייד, וואָס האָבן שאָקירט נישט נאָר דעם אַזוי אײדעלן אין לשון, טשעכאָוון, נאָר אויך גאָרקין, וואָס איז יאָ געוווינט געווען אַזעלכעס צו הערן, אָבער נישט דערוואַרט עס פון טאָלסטאָין.

וועט דאָ זײַן אויפן אָרט צו באַמערקן, אַז אין די מאָמענטן פון ווערן אַ בעל־תשובה — אויף אַ ווײַל — געהאַט אַ סך אַזעלכע מאָמענטן — האָט טאָלסטאָי באַשטימט פאַר זיך פּרינציפּן לגבי פרויען, וואָס וואָלטן היינט באַצײכנט געוואָרן ווי: מאַן־שאָוויניזם! דהיינו: פרויען — נאָר פאַר דער בעט, פאַר האָבן קינדער. אַ געזעצלעכע חתונה, אַ מוז־זאַך, אָבער אויך אין דעם איז סעקס נאָר צוליב פּריה ורביה (קינדער האָבן און טאָקע אַ סך און די מאַמע מוז זיי אַליין זייגן. זײַן פרוי האָט צוליב דעם געהאַט גרויסע שוועריקייטן מיט אירע קינדער). די פרוי, אויך פאַר דער קיך, דאַרף אַכטונג געבן אויף דער באַדינערשאַפט גוט צו קאָכן און באַקן. עס שײַנט, אַז נאַטאַשע אין „קריג און פרידן" איז אַ קאָנקרעטער געמעל פון זײַן אידעאַלער פרוי.

עס קען קלינגען אפשר ווי אַ פאַרשוועכונג, אַז דער גרויסער מײַסטער, וועלכער האָט געשאַפן די צאַרטסטע פרויען־געשטאַלט אין דער וועלט־ליטעראַטור (אַנאַ קאַרענינאַ) איז אין זײַן פּערזענלעכן לעבן, אין זײַן באַציאונג צו פרויען געווען הימל ווײַט פון צאַרטקייט, ליב־שאַפט, וואַרעמקייט, צוגעבונדנקייט, אָט די אַלע פײַנע וואַליאָרן וועלכע ער האָט באַשאָנקען זײַנע אויסגעקלונגענע פרויען־געשטאַלטן. אָבער

דאָס איז דער ריינער אמת, וואָס ווערט באַטאָנט דורך אַלע זיינע ביאָ־גראַפן. די פּרשה איז: ליטעראַטור און לעבן...

זיין ערשטע סעקס־דערפאַרונג האָט ער געהאַט צו 16 יאָר אין קאַזאַן. צוזאַמען מיט די סטודענטן איז ער אַוועק אין אַ באָרדעל און פון דעם פאַרזוך צוריקגעקומען מיט שרעק און חרטה. אויף אַ קורצער ווייל האָט עס אים אָפּגעהאַלטן, אָבער ווען ער איז אַזוי יונג געוואָרן דער פריץ אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, האָט ער זיך געפירט ווי אַלע אַנדערע פּריצישע יונגעלייט מיט וועלכע ער האָט זיך געחברט. זיינע ביאָגראַפן רעכענען אויס די כלערליי פרויען וועלכע ער האָט גענומען אין בעט אַריין: פּראָסטיטוטקעס, ציגיינערקעס, אָבער אַממיינסטן די מיידלעך פון זיין פאָלוואַרק, די טעכטער פון זיינע קנעכט, די יונגעטשקע און די עלטערע. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי ביי אים ביז ער האָט חתונה געהאַט, זייענדיק שוין אַלט אַ 34 יאָר — זייער שפּעט פאַר אַ מענטש פון זיין ס׳גאַל.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַט די פּריצים וואָס זיי האָבן נישט געהאַט קיין סעקס באַציאונגען מיט די פרויען פון אייגענעם קלאַס. די וועלכע ער האָט גענומען זענען געווען פון אַ נידעריקערן שיכט. בכלל האָט טאָלסטאָי געקוקט אויף דער הויכער געזעלשאַפט אין מאָסקווע און פּעטערבורג מיט פאַראַכטונג, דאָך פאַרקערט אַ סך צווישן זיי און גלייך ביי זיינע ליטעראַרישע אָנהייבן באַקומען באַרימטקייט. דערצו נאָך אַ געבוירענער פון אַדל און זיין אויסערגעוויינלעכע מענלעכקייט, וואָס איז געווען אַ שם דבר! זיכער זענען די אויגן פון פיל פרויען פון דער געזעלשאַפט געווען געווענדעט צו אים. עס האָט נישט געמינערט וואָס ער איז געווען פון גידעריקן ווקס, פונקט ווי דאָסטאָיעווסקי, אָבער נישט געווען גאָר נידעריק, זייענדיק גוט מוסקולירט, שטאַרק געבויט. אַפילו אין זיינע מיטעלע יאָרן האָט ער געקענט אָוועקלייגן דעם שטאַרקסטן אויף די לאָפּאַטקעס. אויך אויף די פעלדער האָט ער געקענט אַרויסווייזן מער אויסדויער ווי זיינע קנעכט. געקענט ליגן אויף דער פּלייצע, אויפהייבן און האַלטן אַ פולן דערוואַקסענעם מענטש מיט זיינע הענט. זיינע קנעכט פלעגן זיך צוקוקן מיט התפעלות אויף זיינע קונצן.

ער האָט געהאַט אַ שטענדיקע קנעכט־פרוי פאַר אַ מעטרעסע, ווי אַ ביילאַגע צו די אַלע אַנדערע פון זיין פאָלוואַרק. איר נאָמען איז געווען אַקסיניאַ. געהאַט מיט איר אַ זון, וואָס האָט אויסגעזען מער ענ־לעך צו טאָלסטאָיען ווי אַלע זיינע געזעצלעכע קינדער. אָבער טאָלסטאָי האָט אויף אים קיין שום אַכט נישט געלייגט, גאָר נישט געטאָן פאַר אים, געלאָזן אים אָן בילדונג און פאַרבליבן שוין אַ באַלעגאָלע אויפן פאָלוואַרק. טשעקאַווע איז, וואָס אַט דער זון האָט זיין טאַטן גערופן: באַלעבאָס. זיי האָבן צווישן זיך קיין מאָל קיין וואָרט נישט אַרויס־גערעדט. ערשט ווען טאָלסטאָי איז שוין געווען ביי די אַכציק האָט ער

געטראַכט, אַז ער וואָלט אפשר פאַר אים געדאַרפט זיך אַנטשולדיקן פאַר דער שלעכטער באַהאַנדלונג.

★

הגם טאָלסטאָי האָט נאָך ייִנגלווייז באַטאָנט וועגן זיינע ליטעראַרישע פּלענער, אָבער אין אָנהייב פון זיינע צוואַנציקער יאָרן האָט ער בכלל נישט געהאַט קיין ציל אין זיין לעבן. ער האָט נאָר געהאַלטן אין שאַפן זיך פּרינציפּן (וועלכע ער האָט נישט אָפּגעהיט) און פאַרטוילט: פּרויען, קאָרטן, שיכורן. פאַר זיך האָט ער נאָר געוואָלט באַקומען אַ גוטע אָפיציעלע פּאָזיציע. הגם ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום פּסיכישן געלענק פאַר אַ פּאָסטן.

זיינע ביאָגראַפן שטרייכן אונטער, אַז זיין ליטעראַרישער באַרוף איז דורך זיין גאַנץ לעבן געווען אַ מין צייטווייליקע זאַך. עס האָט אים אויסגעזען צו זיין מער צייטווייליק, ווי ביי הונדערטער מינאָרע שרייבערס. זיין שאַפן איז צוגעגאַנגען מיט איבעררייסן, ביז ער האָט זיך שוין געקענט אָפּגעבן דער קונסט ווי אַ וואָרטפולע אַקטיוויטעט פון אַן ערנסטן מענטשן, ריכטיקער, ווי לעוו טאָלסטאָי. בעת די שפּעטערדיקע יאָרן זיינע האָט ער דערציילט דער וועלט, אַז ער האָט גאָר נישט געטראַכט פון קונסט און ער האָט דאָך עס טאַקע אָפּגעוואָרפן. עס איז נישט געווען עפּעס אַ צופאַל אין דעם וואָס ער האָט געפונען זיין אייגנטלעכע שליחות: ווי אַ נביא, אָבער דאָס געהערט שוין צו אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל.

דערווייל האַלטן מיר נאָך ביי זיינע יונגערע יאָרן, ווי אַ רייכער יונגער פּריץ, הגם נישט אַזוי רייך ווי די מיט וועלכע ער האָט געשפּילט האַזאַרד. ער איז אויך נישט געווען אַזוי רייך ווי טורגעניעוו, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פינף טויזנט קנעכט. אויסער דעם האָט דאָך טאָלסטאָי באַלד באַוויזן צו פאַרטאַכליעווען אַ טייל פון זיין פאַרמעגן. עפּעס האָט ער נישט געהאַט קיין מזל ביים שפּילן, פּונקט ווי דאָסטאָיעווסקי. מסתמא, האָט זיין סאָציאַלע הייך באַטייט מער ווי זיין פאַרמעג. אַ דאַנק דעם האָט ער אויסגעמיטן קאָנסעקווענצן צוליב חובות, אָבער די חשבונות האָט מען אים צוגעשטעלט און צוליב דעם האָט ער געדאַרפט פאַרקויפן אַ דאָרף אָדער צוויי אפילו צוזאַמען מיט די קנעכט. און דאָס האָט דאָך נישט געקענט אַזוי כסדר אָנגיין. ביי זיינע 22 יאָר האָט ער שוין געהאַט פאַרטאַכליעוועט אַ פערטל פון זיין ירושה.

אין זיינע „קאָזאַקן" שילדערט ער אַן אויטאָביאָגראַפישן העלד וואָס האָט געהאַט פאַרטאַכליעוועט שוין יונגערהייט אַ העלפט פון זיין פאַרמעג — מסתמא האָט ער, ציפערמעסיק, אַ ביסל מגזם געווען. אָבער ווי זיין אויטאָביאָגראַפישער העלד אַליין האָט אויך טאָלסטאָי העצי־

דירט, אַז ס׳איז געקומען די צייט ער זאָל זיך נעמען אין די הענט אַריין. באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי לעבן זיין ברודער ניקאָליי. און דאָס וואָלט אים געגעבן דאָך אויך אַ שאַנס צו דינען אין קאַווקאַז, וואָס האָט תמיד פאַרמאָגט אַזאַ ראָמאַנטישן רייץ פאַר דער רוסישער יוגנט. האָט ער אַזוי געטאָן און געדינט אין דער אַרטילעריע, ווו ער איז געווען העלדיש און קאָמפּעטענט אין דער מיליטערישער עבודה.

די רוסן האָבן דעמאָלט געקעמפט מיט מוסלמענישע שבטים. עס איז געווען אַן אמתער קריג און אַ ריזיקאַלישער. טאָלסטאָי האָט אָנטייל־גענומען אין פיל שלאַכטן, געוואָרן פון זיינע העכערע רעקאָמענדירט פאַר זיין קוראַזש צו באַקומען אויסצייכענונגען, אָבער נישט געקראָגן מחמת ער איז נישט געווען גאָר פאַרשריבן אין די אַרמיי־ביכער. צו דעם איז טאָלסטאָי לויט זיין נאַטור נישט געווען פּאָפּולער ביי דער מיליטערישער אָנפירונג און קיין מעדאַלן נישט געקראָגן.

אינעם קאָזאַקישן ישוב האָט טאָלסטאָי געלעבט אַזוי ווי ער באַ־שרייבט אין זיין בוך. אין זיין נאַטור זענען נישט פאָרגעקומען קיינע ענדערונגען, ער האָט זיך געפירט ווי פריער, געוואָרן נאָענט מיט אַ ווילד קאָזאַקיש מיידל און אויך געשלאָפן מיט אַנדערע. די קאָזאַקישע מיידלעך, לויטן רוסישן שטייגער, זענען דאָך בכלל געווען פרייע פייגל, פרייע נשמות און פרייע קערפּערס ביז צו דער חתונה. דאָס איז געווען אַ מין גרענעץ־געזעלשאַפט, אַ נאָך נישט־באַרירטע פון דער אינדוסטריעלער עפּאָכע. דאָס קענטיקט זיך אפילו אין אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד, ווי מיר זעען עס אין שאָלאָכאָווס „דער שטילער דאָן", וואָס באַהאַנדלט שוין אַ שפּעטערדיקן יאָרהונדערט פון דעם וואָס טאָלסטאָי האָט געשילדערט.

ער איז געוואָרן מיד פון דעם אופן לעבן און באַזונדערס זיין שאַרף אויג פאַר דעם ליגן אינעם לעבן, איינזעענדיק, אַז די זאַכן זענען נישט אַזוי ווי מ׳זעט זיי. דער אויבערפלאַך נאַרט אָפּ. מ׳זעט נישט דאָס תוכיקע, דאָס טיפערע. עס איז דער אַלטער קאָנפליקט צווישן דעם וואָס שיינט צו זיין וואָר לויטן אויסערלעכן אויסזען און דאָס וואָס איז אין דערווירקלעכקייט.

ווי געזאָגט איז ער געוואָרן מיד פון דעם אַלעם און נישט האָבנדיק הערוויל קיין אַנדער זאַך מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען האָט ער זיך אַוועקגעזעצט שרייבן זיין „קינדהייט" און גלייך איינגעזען, אַז ער וועט דאָס קענען טאָן און אַרויסברענגען די אידילישע צייט פון זיין פרייע קינדהייט, בתנאי נישט צו מאַכן קיין שום קאָמפּראָמיס מיטן אמת. אויב ער האָט געמוזט אַפילו איבערחזרן אַ וואָרט, אַ זאַץ כדי נישט צו דאַרפן מקריב זיין דעם אמת, האָט ער דאָס געטאָן. הגם דער קינסט־לער אין אים האָט שוין געזאָרגט וועגן סטיל און ווערטער, אָבער דאָס אַלץ נאָר אויף וויפל עס איז נישט געשטאַנען אויפן וועג צום אמת.

פאַרטיק געמאַכט זיין ערשטלינג האָט ער עס אָפּגעשיקט צו אַ חודש־

זשורנאַל, איינע פון די וואָס זענען דערשינען אין רוסלאַנד אין מיטן 19טן יאָרהונדערט. טאָלסטאָי איז דעמאָלט אַלט געווען 24 יאָר. דער זשורנאַל א״נ „היינטצייטיקער״ האָט געהאַט אַ גאָר גרויסן פּרעסטיזש. דער רעדאַקטאָר איז געווען דער באַוווסטער רוסישער פּאָעט נעקראַסאָוו, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַ הומאַניזשן און ליטעראַרישן צוגאַנג צו אַן אַנדערן פּיינעם פּאָעט, אַזוי ווי ס׳איז געווען טוואַרדאָווסקי אין „נאָווי מיר״ אין אונדזער צייט.

נעקראַסאָווס ענטפער איז געווען, אַז ער וועט פאַרעפנטלעכן דעם מאַנוסקריפּט. ער איז גלייך געווען זיכער, אַז דער מחבר איז אַן אויסערגעוויינטלעכער טאַלאַנט און ער וועט זיך אָפּגעבן בלויז מיט ליטעראַטור. אוודאי איז טאָלסטאָי געווען צופרידן פון פּאָזיטיוון ענטפער און מיט דעם אינסטינקט פון אַן אמתן קינסטלער האָט ער אָנגעפרעגט, ווען ער וועט באַקומען האָנאָראַר? אָבער נישט צוליב דער אָנפראַגע האָבן, פאַרשטייט זיך, נעקראַסאָוו און זיינע מקורבים געוווסט, אַז זיי האָבן געפונען אַ נייעם שרייבער פון דער העכסטער אָריגינעלקייט און זיך מיט אים דערפרייט, אים צוגעזאָגט אַ גרויסע קאַריערע און אָנערקענונג. דאָס לעצטע איז אָבער נישט געקומען (נאָכן דערשיינען) פון אַלע קרייזן און שרייבערס אין רוסלאַנד און אויסלאַנד (למשל, טשאַרלס דיקענס פון ענגלאַנד). אָבער די ערנסטע רוסישע מיינונג אין דער רוסישער ליטעראַרישער וועלט איז יאָ געווען אַ פּאָזיטיווע צום מחבר פון „קינדהייט״. דאָס לאַנד איז גרייט געווען פאַרן נייעם מייסטער.

אָט די מיינונג איז מער נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן ווען ס׳איז דערשינען דער צווייטער טייל פון דער טרילאָגיע וועגן טאָלסטאָיס יינגלשער יוגנט, און אויך פון טאָלסטאָיס באַשרייבונגען פון די שלאַכטן ביי סעוואַסטאָפּאָל. די לייענערס האָבן גלייך ביי טאָלסטאָיס ערשטע ווערק דערקענט זיין גרויסן טאַלאַנט, אָבער נאָך מער פון טאַלאַנט זיין אופן פון דערציילן און נישט שאַנעווען דעם אמת, וואָס קיינער פאַר אים האָט אַזוי פיל נישט געקענט אָדער געוואָלט עס טאָן.

בעת די מיט־פופציקער יאָרן האָט טאָלסטאָי געמאַכט זיין רעפּוטאַציע אין די רוסישע ליטעראַרישע סאַלאָנען. ער איז געקומען קיין פּעטערבורג נאָך אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם און איינגעשטאַנען מיט טורגעניעוון, וואָס האָט אים שיין באַהאַנדלט. טורגעניעוו איז דאָך געווען אַ מענטש מיט אייראָפּעישן פאַרנעם פון קולטור און ציוויליזירטקייט, וואָס האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין שיינע מאַנירן, מיטגעבראַכטע פון מערב. טאָלסטאָי וואָס איז לויטן געבורט געווען מער אַריסטאָקראַטיש פון טורגעניעוון, אָבער אין זיינע פירונגען איז ער געווען דער היפּוך פון אים. נישט אַרויסגעוויזן צו טורגעניעוון די פריינדלעכקייט און הדרת־פּנימדיקייט, און צו דעם פלעגט ער אויך אין שטוב אַריינברענגען פּראָסטי־

טוטקעס ביינאַכט אָדער גאָר זיך אָנשיכורן, האַזאַרדעווען און אָפּט אַלע דריי זאַכן צוזאַמען.

טורגעניעוון איז דער יונגערמאַן נישט געפעלן געוואָרן, זעענדיק זיין טאַקטלאָזיקייט, בעת ער אַליין האָט געהאַט אַזעלכע זיידענע מאַניערן. פלעגט ער דעריבער זיין גאַסט באַצייכענען אַלס פּרע־היסטאָרישע באַשעפעניש... זיי האָבן זיך צעקריגט, זיך איבערגעבעטן און ווידער צווישן זיך געוואָרן ברוגז און דאָס האָט שוין אָנגעהאַלטן כמעט ביזן סאַמע סוף פון טורגעניעווס לעבן.

ווען טאָלסטאָי וואָלט טאַקע דעמאָלט געהאַט באַשלאָסן צו ווידמען זיך דער ליטעראַטור, אַפילו בלויז אין כוונה דערווייל, וואָלט זיין וועג אויך געווען אַ גאַנץ דייטלעכער. דאָסטאָיעווסקי איז נאָך דעמאָלט געווען אין סיבירער סאָלדאַטסוואָ און טאָלסטאָי איז דאָך שוין געווען אַן אָנגעזעענער יונגער פּראָזע־שרייבער, וואָס איז אָקאָרשט אַרויף אויף דער ליטעראַרישער סצענע. אַלץ וואָס ער האָט איצט געדאַרפט נאָר טאָן איז: שרייבן. ער האָט אָבער דאָס נישט געטאָן. ער איז אַוועק אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און דאָרט געעפנט אַ שול פאַר די קינדער פון די פויערים און גענומען זיי לערנען לויט די פּרינציפּן פון זשאַן זשאַק רוסאָ: אַז מענטשן זענען בטבע גוט, זיי ווערן נאָר קאָרומפּירט צוליב זייערע באַדינגונגען.

דאָ פאָדערט זיך אַ שטיקל דיגרעסיע: טאָלסטאָי, ווי ס'רוב סלאַוואָפילן, בעת ער האָט אויף זיינע רייזעס קיין אויסלאַנד געזען דאָס לעבן אין דער מערב־וועלט, האָט עס אים, אַזוי צו זאָגן, קראַנק געמאַכט פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. עס האָט אין זיינע אויגן, (דאָס וואָס ער האָט געזען אין ענגלאַנד) אויסגעזען מוקצה מחמת מיאוס. פון דעם איז ביי אים געקומען זיין פאַראַכטונג צו קונסט און דאָס לערנען די פויערים־קינדער איז געווען ביי אים אַן אויסדרוק אויך פון זיין נעגירן קונסט, דאָס וואָס איז געוואָרן שפּעטער אַ באַשטאַנדטייל פון זיין שליחות, ווען ער האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל פון אַ נביא. אָבער אין זיינע גרויסע ראָמאַנען האָט ער זיין נעגאַציע פון קונסט נישט אַריינגענומען.

וואָס שייך זיין באַציאונג צו די פויערים דאַרף מען געדענקען, אַז זייער עמאַנציפּאַציע פון לייב־אייגנטום איז אין רוסלאַנד געקומען אין 1861. טאָלסטאָי האָט עס אויסגענוצט און געגעבן זיינע נעכטיקע קנעכט די בעסטע באַדינגונגען, געגעבן זיי חזקה אויף זייער באַאַרבעטער ערד און פאַר זיי אויפגעקלערט זייער געענדערטן מצב. אָבער די פויערים האָבן די נייע „פאַזשאַנדקעס” אויפגענומען מיט חשד, עפּעס מוז דאָך דאָ זיין אַ כיטלער שפּיצל קעגן זיי! טאָלסטאָי, וועלכער האָט אין רוסישן פויערטום געזען אַ קוואַל פון גוטסקייט, וואָס איז איינאיינציק אין דער וועלט, האָט אָבער אויך דערזען די אַנדערע זייט פון פויער... און ער האָט דאָך נישט געקענט מאַכן קאָמפּראָמיסן מיטן אמת!

דערמאָנט זיך ווי אַזוי ער באַשרייבט אין „אַנאַ קאַרענינאַ" די סצענע ווען לעווין גייט זיינע פויערים באַפרייען פון קנעכטשאַפט. טאָלסטאָי האָט די סצענקע נישט צוגעטראַכט, דאָס איז דאָך געשען ביי אים גופא. ער וואָס האָט אַזוי טיף געקענט אַריינקוקן אין דער מענטשלעכער נשמה, האָט ביי דעם קאָנקרעטן פאַל, אין באַפרייען די פויערים, ביי דער גאַנצער אידעאַליזאַציע זיינע פאַרן רוסישן פויער־טום נישט געקענט אָבער פאַרנייגן דעם אמת און עס דורכלאָזן אומ־באַמערקט. דאָס וואָלט דאָך געווען אין סתירה מיט זיין אני מאמין נישט צו שווינען ביי קיין פאַל דעם ליגן פון לעבן.

פונקט אין דער צייט האָט ער באַשלאָסן חתונה צו האָבן זייענדיק שוין אַ 34 יאָריקער בחור. אַנגענומען די דעציזיע — ס'האָט אַפּנים גענומען צייט ביז זי האָט זיך ביי אים קריסטאַליזירט — איז ער אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע און זיך באַקענט מיט אַ פאַמיליע, ווו דער פאָטער איז געווען דער הויפּט־דאָקטער פון קרעמל. זיין נאָמען: בעהרס.

געווען איז דאָס אַ פאַרמעגלעכע פאַמיליע מיט דריי טעכטער גע־רוקט צו צוויי יאָר (16, 18 און 20). זייענדיק ראָמאַנטישע און אידע־אַליסטישע מיידלעך האָט טאָלסטאָי געהאַט ביי זיי דעם גלאַמאַר: אַ העל־דישער זעלנער און שוין אַ באַרימטער שרייבער — האָבן זיך אַלע דריי שוועסטערס גלייך אין אים פאַרליבט. דאָס איז אים נישט געווען צום האַרצן, מחמת ער האָט זיך פאַרליבט נאָר אין דער מיטלסטער, אין סאָניען. זיי זענען געוואָרן חתן־כלה. די מאַמע האָט גלייך אַק־צעפּטירט, אָבער דער טאַטע — נישט. זייענדיק אַ שטאַרק־קאָנסער־וואַטיווער מענטש, האָט ער געקוקט קרום אויף טאָלסטאָיס אומ־קאָנווענציאָנעלע דרכים און אויך, הלמאי ער נעמט נישט די עלטסטע טאָכטער, ווי עס פּירט זיך אין אַ באַלעבאַטישער טראַדיציאָנעלער פאַמיליע, אַז חתונה האָבן דאַרף גיין לויט דער ריי, בפרט, אַז די עלט־סטע איז געווען פאַרליבט אין אים איבער די אויערן.

זענען פאַרגעקומען צוליב דעם אין דער שטוב סצענקעס אין וועלכע עס האָבן זיך אַלע באַטייליקט. לסוף האָט דער פאָטער געמוזט נאָכגעבן, זיך בייגן פאַר דער רעאַליטעט און געבן זיין ברכה צום שידוך מיט דער מיטלסטער, מיט סאָניען.

פאַר דער חתונה זענען אויך נאָך פאַרגעקומען אַנדערע סצענקעס, דאָס מאָל צווישן טאָלסטאָין און סאָניען צוליב איפּערזוכט. זי איז שוין פריער געהאַט געווען אַ כלה צו אַ יונגן אָפיציר. ער האָט זי חושד געווען און זי אים — אַרום אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו זיי ביידע. פון דעם איז אַרויסגעוואַקסן ביי זיי אַן אָבצעסיע צו אַנאַליזירן די אויפפירונגען זייערע און זיך דערציילן דעם אמת. עס איז טאַקע גוט געווען וואָס איינער דעם צווייטן האָט געגלויבט אין אַבסאָלוטער

אויפריכטיקייט, אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט עס זיי דערפירט צו עקספּלאָזיעס ביים אויפעפענען זיך, ווי מיר וועלן עס ווייטער זען.

ווען טאָלסטאָי האָט חתונה געהאָט מיט סאָניען האָט ער געוווּסט, אַז זי איז אַן אינטעליגענט מיידל אָבער ווייסט גאָר נישט וועגן סעקס־סועלן לעבן. איר אומדערפאַרנקייט פון איין זייט און זייער אָפּמאַך צו זיין אויפריכטיק — פון דער צווייטער, האָט אים באַוויגן ער זאָל איר געבן לייענען זיינע טאָגביכער. עס איז שווער צו דערקלערן די לאָגיק פון דער דאָזיקער האַנדלונג. אַלע טאָלסטאָי־ביאָגראַפן שטעלן זיך אָפּ אויף אָט דער מערקווירדיקער געשיכטע און שטעלן די פראַגע: פאַרוואָס?

ער וואָס האָט אַבסערווירט די מענטשלעכע נשמה אין אַלע אירע אַספּעקטן, מיט זיין אַריינדרינגונג אין די דינסטע ניואַנסן פון מענטש־לעכן געפיל, וואָס פאַר אַ פאָרם עס נעמט אָן אין פאַרשידענע סיטואַציעס; איז וואָס האָט ער דערוואַרט צו דערגרייכן מיט געבן איר לייענען זיינע טאָגביכער מיט די לאַנגע, אויספירלעכע באַריכטן פון זיין שיכורן: פאַרשפּילן אין קאָרטן פאַנטאַסטישע סומעס געלט און זנות מיט ציגיינקעס, פּראָסטיטוטקעס און מיט די מיידלעך פון זיינע קנעכט, וועלכע ער האָט קאַטאַלאָגירט און מיט דער גראָבסטער שפּראַך באַ־שריבן זיין געניוס צום פלייש, צום פלעשל און האַזאַרד?... נאָך דעם זיין ברענענדיקע חרטה און דאָס תשובה־טאָן, און נאָכן גאַנצן קלאַפּן זיך על חטא — ווידער צוריק צום בעט און די איבעריקע זאַכן...

האָט פאַר איר דאָס לייענען אַזאַ באַריכט געקענט גוט זיין מיט איר הויך־שטיין און נשמה־ריינקייט און אומשולד? ברענגט דען נישט מער שאָדן אַזאַ מין נשמה־אַנטפּלעקונג? איז אין זיין האַנדלונג נישט געווען אַמאָל אַזאַ עגאָ־צענטרישקייט וואָס קען דערגיין צום פּונקט פון גרויזאַמקייט?

זי האָט געליטן זיינע טאָגביכער אַ פּאָר טעג נאָך זייער חתונה האָבן, האָט געזאָגט צו אים, אַז זי וועט דאָס אים אַלץ פאַרגעבן, און ער האָט געמיינט אַז זי איז באמת גליקלעך און געמאַכט אַ שרעקלעכן טעות! מחמת נישט נאָר זיין עבר האָט אָנגעוואָרפן אויף איר אַ פּחד, אויך דער אופן, ווען ער האָט זי איצט גענומען (צו זאָגן עס אין אַ קורצן זאַץ), נישט זייענדיק געוווינט צו דאַרפן צערטלען אומשולדיקע בתולות — אַפילו אַ יאָר נאָך דער חתונה איז זי נאָך אַלץ פון דעם געווען אין אַ טיפער פּאַניק.

זי האָט עס באַשריבן אין איר אייגענעם טאָגבוך, ווו זי האָט זיך אויפגעעפנט, בעת ווען זי איז געווען מיט אים האָט זי געפּרוווט אויס־באַהאַלטן דאָס אָפּשטויסנדיקע פאַר איר בעת ער נעמט זי. כאָטש זיי האָבן געמאַכט אַ מין „דזשענטלמען אַגרימענט“ צו ווייזן איינער דעם אַנדערן די טאָגביכער — צוליב נשמה־ריניקונג — האָט עס זיכער

נישט געקענט זיין ביי בײדע דער זעלבער אופן פון רעאַגירן און פון קענען פאַרשטיין אײנער דעם אַנדערן.

טאָלסטאָי מיט זײן ריזיקן כוח גברא, מיט זײן היפּער־סענסועל־קייט; און סאָניע מיט איר אַטראָפירטן סעקס־דראַנג, וואָס האָט ווידער די פיזישע זייט פון ליבע אויפגענומען מיט אַן איבעוויניקסטער, מיט אַ פּסיכישער פּאַניק. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער טראַגישער דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישן מאַן און ווייב! און זייער הייראַט איז דאָך די אַממיינסטן באַרימטע און באַשריבענע אין דער ליטעראַטור־געשיכטע. מיר ווייסן די קלענסטע פּרטים און אַלע פיזישע און פּסיכישע שילדערונגען פון זייער סעקסועלן לעבן. עס איז אַלץ אַרויסגעשריבן און מען דאַרף זיך גאָר נישט משער זיין. די ביאָגראַפן האָבן געטיילטע מיינונגען: ווער איז אין די מאַן־און־ווייב־באַציאונגען געווען מער שולדיק אין דעם צעשטערטן שלום־בית?

ס׳רוב האַלטן אים אַ סך מער שולדיק ווי זי. הלמאַי ער האָט נישט אַרויסגעוויזן מער פאַרשטענדעניש פאַר סאָניען, טאַקע צו קענען איר בעסער פאַרשטיין און עס אַרויסווייזן דורך צערטלעכקייט, בעסער זיך באַציען צו איר ווען זי איז יאָ געוואָרן באַפרידיקט. בעת זי האָט געלייענט דעם כתב־יד פון זיין „קרייצער סאָנאַטע" (זי האָט עס איבערגעשריבן אויף ריין און צוגעגרייט דעם מאַנוסקריפּט צום דרוק. וויפל מי עס האָט איר געקאָסט אָט די אַרבעט — וועגן דעם שפּעטער), האָט זי ערשט אַרויסגעליִיענט זיינע מחשבות וועגן פרויען וואָס זענען גורם די מענער צו גרויסע נסיונות און זינד, און ווי ער האָט געזוכט אַרויסצושפּרינגען פון זיין הויט און זיך געפּייניקט זענדיק אין אַ פרוי דעם שונא וואָס דערפירט די מענער צו אַלדאָס בייז. דאָס איז פאַר איר געווען ניי. די דאָזיקע טעמע האָט טאָלסטאָי אַרויסגעבראַכט אויך אין זיין דערציילונג „דער טייוול" און אין אַנדערע דערציילונגען — דעמאַנסטרירנדיק דעם שונא — די פרוי מיט איר דעמאָנישקייט פון סענסואַליזם, וואָס קען דערפירן אַ מענטשן צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

נאָר אין איין פּעריאָד האָט טאָלסטאָי און סאָניע געהאַט אַ מין שלום־בית. געווען איז עס בעת ער האָט געשריבן „קריג און פרידן" (1863־69). זי און ער האָבן גלייך איינגעזען, אַז דער פאַרנעם איז אויף אַ גראַנדיעזער עפּיק מיט פאַרשונגען אויף אַ גיגאַנטישער סקאַלע און דאָס ווערק דאַרף מרעיש עולם זיין. צו באַפרייען אים פון אַלע ענינים וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיט זיין עפּיק־אַרבעט, האָט זי איבער־גענומען די באַלעבאַטישקייט פון גאַנצן פאָלוואַרק און זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ געניטע אַנפירערין און מער סוחריש־מעסיק ווי ער. ווען עס איז נויטיק צו מאַכן אַ דעציזיע. און פונקט ווי דאָסטאָיעווסקיס פרוי האָט אויך סאָניע אַנגעפירט מיט איר מאַנס ליטעראַרישע ענינים און

טאָקע מיט געניטקייט, ווי זי האָט עס שפּעטער באַוויזן, שוין צוליב אַן אַנדער סיבה.

נישט אָבער דאָס נאָכקוקן יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ איז געווען איר פאַרגעניגן נאָר דאָס לייענען זיינע כתב־ידן, וואָס זי פּלעגט טאָן יעדער נאַכט אין ברענגען זיי אין אָרדענונג. און דאָ קום איך טאָקע צו — וואָס דאָס האָט געמיינט:

טאָלסטאָיס אַ כתב־יד קען מען נאָר פאַרגלייכן מיט באַלזאַקס. אַ געמאַכטע קאָרעקטע איז באַשטאַנען פון אַן אַ שיער צוגעשריבענע אונטער־שורות און אויסבעסערונגען, וואָס האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט איינע אויף דער אַנדערער. די שורות האָבן זיך געצויגן איבער דער ברייט און לענג, וואָס האָבן דעם פּאַפּיר געמאַכט שוואַרץ. אויסבעסערונגען זענען געווען אויך אויף דער זייט־לענג פון פּאַפּיר און געשריבן מיט אַ האַנטשריפט צו וועלכן זי האָט געמוזט באַניצן פאַרגרעסער־גלעזער. אַריינצודרינגען און באַנעמען קלאָר טאָלסטאָיס כוונות האָט זיך געפאָדערט אין אַ גאָר גרויסער מאָס טעקסט־באַגאַבונג און איבער־געגעבנקייט אָן גרענעצן, און טאָקע ליבשאַפט — אָט דאָס אַלץ וואָס סאָניע האָט טאָקע געהאַט אין זיך אין באַצוג צו אים.

זי האָט גוט געקענט צורעכטמאַכן אַ מאַנוסקריפּט ביים איבערשרייבן אים און דאָס האָט איר געמאַכט זיך פילן גליקלעך נאָך אָט דער אָפּגעטוענער אַרבעט, אין איר גרויסער אָנשטרענגונג. זי האָט געהאַט הויכע בילדונג, אַ סך זיך אָנגעלייענט און פאַרמאָגט אַ געוויסע סענ־סיוויטעט פאַר ווערטער; אַ טיפּע ליטעראַרישע אַריינדרינגונג אין אַ ווערק און נישט מורא געהאַט צו קריטיקירן איינצלהייטן — ווען ער האָט זיך צו איר צוגעהערט, מחמת לרוב, האָט ער זיך נישט צוגעהערט צו אירע אָנווייזונגען און אויסבעסערונגען. אָבער זי האָט זיי סיי ווי אַריינגענומען אין דעם פאַרריכטן מאַנוסקריפּט.

גלייך נאָכן דערשיינען, האָט „קריג און פרידן" געהאַט אַ געמישטע פּרעסע. אייניקע האָבן דאָס ווערק צונישט געמאַכט, פּריוואַט און עפנטלעך (למשל, טורגעניעוו, הגם שפּעטער האָט ער זיין מיינונג געענדערט). דער טומל האָט זיך שפּעטער איינגעשטילט און זיין רעפּו־טאַציע איז געשטיגן ווייט איבער די גרענעצן פון רוסלאַנד. מיט זיבן יאָר שפּעטער ווען ס'איז דערשינען זיין אַנאַ קאַרענינאַ איז טאָלסטאָי אָנערקענט געוואָרן, ווי דער גרעסטער לעבעדיקער שרייבער פון דער עפּאָכע. עס איז געווען אַן אַלגעמיינע אָנערקענונג, אַן די חלוקי דעות ווי בעת ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין „קריג און פרידן". מען האָט זיך צוגעהערט צו אים, צו די מאָראַל־לעקציעס, וואָס ער האָט געגעבן דער וועלט און האָבן געהאַט די פינגער־צייכנס פון זיין פּערזענלעכקייט. די לייענער און די קריטיקער האָבן באַוואונדערט און הנאה געהאַט פון דעם ווערק מער ווי פון דעם פריערדיקן. אָבער טאָלסטאָי גופא האָט

גראַד „קריג און פרידן" געשאַפן אין אַ בעסערן מצב הרות ווי אַנאַ קאַרענינאַ.

לאָמיר דאָ באַמערקן אַז די טעמע ביי אַ מחבר איז נישט קיין צופאַל. עס זענען פאַראַן אינעווייניקסטע סיבות ביי אים פון וועלכע עס שאַפט זיך די גראַוויטאַציע צו אַ געוויסער טעמע. אין „אַנאַ קאַרענינאַ" ווייזן מיר, אַז די שפּאַנונגען, וואָס קענטיקן זיך אַזוי לרוב אין דעם ווערק זענען בלתי ספק אַן אָפּשפּיגלונג פון טאָלסטאָיס פער־זענלעכן געמיט־צושטאַנד אין יענער צייט ווען ער האָט עס געשריבן.

ביים פאַרענדיקן דאָס ווערק איז שוין טאָלסטאָי אַלט געווען ביי 50 יאָר און אָנגעהויבן וואָס א מאָל מער פאַרלירן רעספּעקט פאַר קונסט; הגם ער האָט אין זיין שרייבערישער קראַפט פון דעם נישט געקענט זיך באַפרייען, דעריבער די צאַלרייכע סתירות פון זיין נאַטור, וועלכע קומען צום אויסדרוק מיט אַזאַ ריזיקער קראַפט און זיינע צאָל־רייכע שאַפונגען. די סתירות האָבן אים נישט באַאומרואיקט, פאַרקערט, ער קומט נאָך צום אויספיר אַז „דער פונדאַמענטאַלער ווידערשפּרוך וואָס עקזיסטירט צווישן דעם מצב פון מענטש און מאָ־ראַלער טעטיקייט איז דער בעסטער סימן פון אמת". אָט די קאָנפליקטן זענען שטענדיקע, ווי די צופלוסן און אָפּפלוסן פון די ים־ברעגעס.

ווען מען רעדט וועגן סתירות און קאָנפליקטן, איז דאָך זיין גאַנצע שאַפונג איין גרויסער שלאַכטפעלד פון געשעענישן — היסטאָרישע, געזעלשאַפטלעכע און פּסיכאָלאָגישע — אין דער נשמה פון יחיד גופא. ראָמען ראָלאַן האָט אין זיין בוך וועגן טאָלסטאָין באַמערקט, אַז הגם טאָל־סטאָיס אידייען זענען נישט ניי און נישט אָריגינעל, אָבער וואָס עס ווירקט אויף אונדז איז די קינסטלערישע קראַפט מיט וועלכער ער ברענגט זיי אַרויס אויף דער ליטעראַרישער שיין.

טאָלסטאָי איז איינציקייטיק ביידע: דער גרויסער מאָלער־פּלאַסטיקער און דער טיפער פּסיכאָלאָג. זיינע געשילדערטע טיפּן און געשטאַלטן, הגם אין אַ רוסישן לבוש איינגעהילט, זענען דאָך אַלגעמיין־מענטש־לעכע. אַנאַ קאַרענינאַ און ווראָנסקי מיט זייער ליידנשאַפטלעכער ליבע, אין קאָנטראַסט צום רואיקן, טרוקענעם, ביוראָקראַט קאַרענין, וועלכער האָט נישט פאַרשטאַנען און זיך נישט געגעבן די מי צו פּרוּוון אפילו באַנעמען דעם מהות פון זיין שיינער, רייצנדיקער אַנאַ, וואָס האָט געגאַרט נאָך אַן אַנדערן מאַן — ווי וורואָנסקי, וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו איר ערדישער עראָטישקייט. אַנאַ קאַרענינאַ האָט, לויט דעם באַנעם נישט עובר געווען אויף דעם געבאָט פון „לא תחמוד". זי איז נישט באַגאַנגען קיין זינד מיטן פאַרראַטן איר מאַן, מחמת עס האָט געדאַרפט פאַרריכט ווערן אַ פעלער, וואָס עס האָבן געמאַכט: נאַטור, מענטש און גורל. דער קרעדאָ פון טאָלסטאָין: אַלץ האָט גאָט געמאַכט פאַר דעם פאַרגעניגן פון זיין יצירה. נישטאָ דעריבער קיין שום זינד אין

דעם, וואָס אַ מענטש איז געטריי זיך נאַטור און גייט אויסגלייכן אַ קרומע זאַך, ווי עס איז געווען דער שידוך פון אַנאַ מיט איר מאַן, וועלכע זענען געווען צוויי גאַר באַזונדערע וועלטן. טאָלסטאָי האָט נישט נאָר געהאַט ווייניק סימפּאַטיע פאַר איר מאַן קאַרענין (אויסער דעם מאָמענט, ווען ער זעט אים אין זיין אַגאָניע), אויך אפשר נישט פאַר איר געליבטן און אויסדערוויילטן ווראָנסקי, וועלכער איז צו פיל שטאָטיש און צעטומלט אין זיינע האַנדלונגען. דאָס איז נישט געווען אין טאָלסטאָיס געשמאַק און איינשטעל. מחמת אין דער שטאָטישער נייער ציוויליזאַציע האָט טאָלסטאָי דאָך געזען אַלדאָס שלעכטס. דעריבער האָט ער אין זיין דערציילונג „אַ פּריצס פרימאָרגן" געלאָזט דעם פירשט ניעכלודאָוו מקנא זיין דעם אַלטן קוטשער מיט זיין זאָרגלאָזיקייט אין די טעג און מיט זיין רואיקן שלאָף אין די נעכט. ער גייט טאַקע לסוף אַוועק פון שטאָט, צו זיין פון איר וואָס ווייטער.

וואָס שייך זיינע צוויי גרעסטע ראָמאַנען, שיינט פון זיי אַרויס די גרויסע פּקחותדיקייט און טיפע מענטש־קענטעניש פון טאָלסטאָין, ביים זען די וועלט, זי באַגרייפן און דערפילן אַלע אירע גוטע און שלעכטע צווייפאַרבונגען אין לעבן. ואלו הן: דאָס דערהויבענע מיטן געפאַלענעם, דאָס טראַגישע מיטן קאָמישן, דאָס קאָמפּליצירטסטע מיטן איינפאַכסטן און דאָס גרויסע און וויכטיקע מיטן קליינס און נישטיקס פונעם לעבן.

עס איז באַוווסט דער אָפּקלאַנג פון „אַנאַ קאַרענינאַ" אין אייראָפּע. אַ ווערק וואָס איז געוואָרן אַ מין ריכטליניע פאַר אַ גרויסן ראָמאַן, פון טיפע ליידנשאַפטן, געמאָלן דורך מאָטיווירונגען און באַשרייבונגען, וואָס באַצווינגען דעם לייענער מיט דעם רוח החיים און מיט דעם ריח פון לעבן. ווי דערמאָנט האָט טאָלסטאָיס עפּיק „קריג און פרידן" מיט אירע היסטאָרישע געשטאַלטן שוין נישט געהאַט — בפרט גלייך נאָכן דערשיינען — אַזאַ איינהייטלעכן דעת הקהל ווי „אַנאַ קאַרענינאַ". עס זענען געווען פאַרבאַהאַלטן צו זיין צוגאַנג צו געשיכטע און צו דעם גרויסן סטראַטעג נאַפּאָלעאָן, וועלכער איז לויט טאָלסטאָין צופעליק אַרויף צום סאַמע שפּיץ פון א הויכן לייטער, אָבער געבליבן קליין — אַ קליין מענטשל אַפילו ווען ער איז שוין געווען ביים סאַמע זעניט. לויט טאָלסטאָיס באַנעם קען מען אַרויסוואַקסן נאָר פון אַ נאַטירלעכן באָדן, און פון אַ געווויסער טיף, און דאָס אויך נאָר בהדרגהדיק, נישט אַזוי גאָר ראַשיק ווי ס'איז געשען מיט נאַפּאָלעאָנס שטייגן. ער האָט, הייסט עס, נאָר געקענט אַרויפקלעטערן, אָבער נישט אַרויסוואַקסן.

ווי אַזוי טאָלסטאָי האָט נישט געהאַלטן שטאַרק פון געשיכטע קען מען זען סיי אין דעם ריזן־ווערק „קריג און פרידן" און אויך אין אַנדערע פון זיינע קלענערע שאַפונגען. ער האָט באַטראַכט די מענטשלעכע געשיכטע דורך די אַספּעקטן פון אירע נאַרישקייטן, פעלערן און באַגאַנגענער אכזריות, וואָס האָבן פאַרקריפּלט און צעדריוועט די

נשמה פון דער מענטשהייט. די שאַרפסטע פיילן האָט ער איבערגעלאָזט פאַר דער ציוויליזאַציע און אַזוי־גערופענעם פּראָגרעס. ער זאָגט: „...אַך, די עלעקטריע, דער טעלעפאָן, די אויסשטעלונגען, די קאָנצערטן, די טעאַטערס... דאָס אַלץ איז וווּנדערלעך! אָבער פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן אויף אייביק! נישט בלויז זיי, אויך די אייזנבאַנען, די טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען אויף דער גאַנצער וועלט. אויב צוליב זיי מוזן ניין און ניינציק פּראָצענט פון דער מענטשהייט לעבן פאַרשקלאַפט און שטאַרבן טויזנטערווייז אין די פאַבריקן”.

נאָר אויף דער שויס פון דער נאַטור, הייסט עס, פילט זיך אַ מענטש פריי. עס קומט אים אָן נישט נאָר דאָס לעבן לייכטער, נאָר אויך דער טויט. אין זיין דערציילונג „דריי טויטן” שילדערט ער דעם רויִקן טויט פון אַ בוים און אויך דעם נאַטירלעכן טויט פון דעם פויער. אָבער דער פּריצטעס טויט איז שוין ווייט נישט אַזאַ רויִקער. מחמת זי האָט געלעבט ווייט פון דער נאַטור, איז נישט נאָר איר לעבן געווען שווערער נאָר אויך דאָס שטאַרבן.

אויב בכלל האָט טאָלסטאָי געהאַט מיטן אַלטן איינגעפונדעווען און נאַטירלעכן לעבנס־שטייגער מער איינזען ווי מיטן נייעם אויפגעקומענעם (וואָס איז אים ווייט נישט געווען צום האַרצן) האָט ער אָבער אין באַצוג צום איבערגאַנג פון דורות געוואָלט מען זאָל מער זיך פאַראינטערעסירן מיט דעם יונגן אויפשפּראָץ ווי מיטן אַלטן שטאַם. ער דערציילט וועגן זיין גאָרטן ווו „...כ׳האָב געהייסן אויסהאַקן די יונגע טאָפּאָל־ביימלעך מחמת מיר האָט זיך געוואָלט דאָס אָרט זאָל זיין אַ פריילעכס. און מער נאָך האָב איך דאָך געוואָלט מאַכן לייכטער דעם אַלטן טאָפּאָל, טראַכטנדיק: אַט די אַלע יונגע ביימלעך שטאַמען דאָך פון אים און ציִען פון אים זייער זאַפט”. וואָס איז אָבער געשען? דער אַלטער טאָפּאָל, וואָס האָט שוין פריער געהאַלטן ביים שטאַרבן האָט געוואָלט אַריינגעבן זיינע זאַפטן אין די יונגע. דורך אויסהאַקן זיי זענען אים קיין יורשים נישט פאַרבליבן...

דאָך, נישט געקוקט אויף דער אַלעגאָריע און סימבאָליק פון דער באַשרייבונג, ווייסן מיר, אַז ביי טאָלסטאָין איז געווען מער געפיל פאַר דאָס אַלטע, שטאַמיקע, ווי פאַר דעם נייעם אויפשפּראָץ פון די יונגע מיט זייערע נייע דרכים. דעריבער איז ביי אים דאָס עכטע דאָרפישע לעבן, ווו עס איז אַלץ אַזוי שטייגעריש־שטאַמיק אים נענטער צום האַרצן, ווי דאָס נייע שטאָטישע מיט זיין פּראָגרעס.

געטריי זיין קינסטלערישן מהות, האָט טאָלסטאָי געצייכנט און געמאָלן בהדרגהדיק אַ שטריך נאָך אַ שטריך, אָן איילעניש, אַ פּרט נאָך אַ פּרט און זיי צונויפגעוועבט מיט איבערווייניקסטע פעסטע פעדים אין איין מאָזאיק. זיין ברייטע פּלעיאַדע העלדן מאַכן דורך אין גאַנג פון זייער לעבן פאַרענדערונגען, וואָס טראַנספאָרמירט זייער מהות

און ווערן. דער קינסטלער פאָלגט נאָך דעם פּראָצעס פון זייער איבער־געשטאַלטיקונג און פאַרשפּיגלט עס אין זיין שאַפן. אַזוי אַרום זעען מיר ווי דער פריערדיקער אומרואיקער אמת־זיכער פּיער (פון „קריג און פרידן") ווערט צום סוף אַ גאַנץ־רואיק, צופרידן מענטשל, דער היפוך פון זיין פריערדיקן קאַנוווּלסיוון אויפברויז; אַזוי אויך די קליינע, באַחנטע נאַטאַשע ווערט שפּעטער אַ קליין־באַגרענעצטע פרוי, און פאַרטאָן ביי די שמוציקע ווינדעלעך אין אירע הענט. מחמת אַזוי איז דאָס לעבן אין דעם אייביקן גאַנג פון זיינע פאַרשידענע אַנטפּלעקונגען: פון שיינקייט און העסלעכקייט, גרויסקייט און קליינקייט וואָס באַווייזן זיך פאַר אונדזערע אויגן.

טאָלסטאָי האָט פאַרעפנטלעכט זיין לעצטן ראָמאַן „תחית המתים" שוין זייענדיק אַ זיבעציקער. עס איז געווען אויך אַ פּראַקטישע סיבה וואָס ער האָט נאָך אַזאַ לאַנגן איבעררייס זיך צוריק אומגעקערט צו שרייבן ראָמאַנען. ער האָט געוואָלט שאַפן דורך זיי אַ גרויסע סומע געלט פאַר די פאַרפאָלגטע „דוכאָבאָרס" (אַ רעליגיעזע סעקטע אין רוסלאַנד).

וואָס שייך דעם ראָמאַן גופא, האָבן מיר ווידער דעם מחברס אַן אויטאָ־ביאָגראַפישע מאַסקע אין געשטאַלט פון ניעכלאַדאָוו (פּונקט ווי דאָס איז געווען לעווין אין „אַנאַ קאַרענינאַ"), אָבער ווייניקער שוין רעאַל. טאָלסטאָי האָט שוין נישט געקענט באַווייזן איצט צו שאַפן די שלימות דורך די אַלטע סתירות, אַ שלימות וואָס האָט אַריינגעגעבן אַ רוח חיים, אַן אָטעם פון לעבן צו זיינע גרויסע העלדן פון די פריערדיקע ראָמאַנען, וועלכע מיר האָבן אויבן אַנאַליזירט.

אין דעם ראָמאַן איז דאָ די פּאַנאָראַמע פון אַלע שלעכטע זאַכן און אומגערעכטיקייטן אין רוסלאַנד פון ניינצנטן יאָרהונדערט, אָבער עס פעלט אין אים די ברילאַנטישקייט פון געשטאַלטיקונג אין זיינע פריערדיקע ווערק. טאָלסטאָי ציט דאָ די זעלבע ליניע פון גוט און שלעכט: גוט זענען אַלע אָרעמע און ליידנדיקע. שלעכט איז אומעטום ווו יעטוועדער אויטאָריטעט, וואָס איז פאַרדאַרבן, זוכט נאָר אויסצונוצן איר מאַכט. פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט זענען נאָר די געשילדערטע פּיזישע באַדינגונגען געצייכנט מיט זיין אַמאָליקער מייסטער־קראַפט, וואָס איז אַזוי בולט אין זיין פריערדיקן שאַפן.

בעת די לעצטע דרייסיק יאָר פון זיין לעבן איז דער קינסטלער אין טאָלסטאָין אָפּגעטראָטן פאַר דעם פילאָזאָף און פּרעדיקער פון רעליגיעזער פילאָזאָפיע. אין „קרייצער סאָנאַטע" און אין „תחית המתים" האָבן מיר שוין פאַר זיך דעם ויתרוצצו צווישן דעם דראַנג צום לעבן און דעם פּחד פאַרן טויט. עס איז אין תוך־גענומען דער געראַנגל צווישן די צוויי עלעמענטן, וואָס האָבן אין טאָלסטאָין זיך כסדר אַרומגעקריגט: די נאַטור־סטיכיע און די ציוויליזאַציע־קולטור, וואָס האָט

שוין, לויט זיין אני מאמין, באַוויזן צו צעשטערן די באַלאַנסירטע האַרמאָניע, וועלכע ער האָט נאָר געזען אין דעם נישט־קולטור־מענטש בעת זיין לעבן און טויט. שלווה הייסט עס, איז נאָר געווען ביים א״ג נאַטור־מענטש. אָבער ביים קולטור־מענטש? זעט די שווידערלעכעליידן ביים שטאַרבן, דאָס שרעקלעכע גוססן פאַרן טויט פון זיינע העלדן („דער טויט פון איוואַן איליטש״; דער „זעלבסטמאָרד פון אַנאַ קאַ־רענינאַ״, „פאָליקושקאַ״ און אַנדערע). איך גלויב אָבער נישט, ווי אַנדערע האָבן אָנגעמערקט, אַז טאָלסטאָי זאָל פשוט האָבן געהאַט אַ מין סאַדיסטישע הנאה פון שילדערן זיינע טויט־יסורים.

אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר פון זיין לעבן האָט שוין טאָלסטאָי אויף אַ לענגערער צייט, נישט געקענט געפינען קיין מאָראַ־לישע רו. אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן האָט ער עס דאָך כסדר געזוכט ביים אָפדעקן דעם שקר פון לעבן, וואָס ליגט אויסבאַהאַלטן אונטער אַ מאַסקע, בעת ער האָט געזוכט אמת און גוטסקייט. דאָס האָט אים געגעבן דעם כוח צו ווערן אַ וועלט־עוואַנגעליסט און פאַר פיל מענטשן איבער די קאָנטינענטן, איז ער געוואָרן דער סימבאָל פון מאָראַלישער האָפענונג און אויסלייז. זיין שטים האָט הערגרייכט צו די פאַר־וואָרפנסטע ווינקעלעך פון כדור הארץ און איז דערגאַנגען קיין דרום־אַפריקע צו א יונגן אַדוואָקאַט, וועלכער איז געווען אַ הינדוס. זיין נאָמען איז געווען: גאַנדי.

די וואָס האָבן געגאַרט נאָך אַ סעקולערע רעליגיע, אָדער בכלל נאָך אַן עטישן, פּראַקטישן קאָדעקס מיט וועלכן צו קענען לעבן—פאַר זיי איז טאָלסטאָי געוואָרן דער מדריך און לערער. אַ וועגווייזער און אַ פירער מיט דעם מאַנטל פון אַ מין הייליקן. ביים סוף נייַנצנטן און אָנהייב דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זענען געווען פיל סענסיטיווע מענטשן, וואָס האָבן אויסגעקוקט, ווי מיט ליכט, צו קומען אין באַריר מיט אַזאַ הייליקן. אפשר איז דאָס געקומען ביי זיי פון אַ פאַרגעפיל, וואָס פאַר אַ אומגליקן און ליידן אָט דער יאָרהונדערט וועט נאָך צושטעלן דער וועלט. זיי האָבן אין טאָלסטאָין דעם נביא און פּרעדיקער געזען א רע־טונג און משיח פאַר דער וועלט. זיין גרויסקייט איז געווען אַן אָפּשיין פון זיין פּערזענלעכקייט און פון דער פּאָזיציע וואָס ער האָט פאַרנומען מיט זיין געשריבענעם פשוטן וואָרט; אַ וואָרט וואָס האָט גערעדט צום האַרצן, קלאָר און דייטלעך און אַזוי אוממיטלבאַר, ווי עס קען נאָר זיין אין אַ שריפט.

און געהאַט האָט ער דאָך אַזאַ אַריסטאָקראַטישע זיכערקייט אין די עטישע געזעצן פון לעבן און אַזאַ טיפע פאַראַכטונג פאַרן שקר פון לעבן. ער האָט דער וועלט געוואָרפן דעם אויסגעשריי: איך קאָן מער נישט שווייגן! מיט זיין עטישער אומגעצוימטער דרייסטקייט דורך וועלכער ער איז דורכגעגאַנגען אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן,

פאָראורטיילנדיק די צביעות פון קלויסטער, פון דער מלוכה און געזעל־שאַפט, פון די אַלע וואָס האָבן אים איזאָלירט. ער איז געבליבן נאָר אויף דעם אַאַזיס פון זיינע פּילצאַליקע תלמידים און פאַרערער.

טאָלסטאָי, דער גרויסער קינסטלער, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אויף דער טאָגליכט די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון די נשמות פון זיין פלעיאַדע גרעסערע און קלענערע פיגורן און געשטאַלטן; און טאָלסטאָי דער קריסטלעכער רעפאָרמאַטאָר, דער אַפּאָסטאָל מיט זיין פנים פון אַ הייליקן; דער מאָראַליסט, וואָס האָט לויט גאָרקיס עדות זאָגן, געשטרעבט צו ליידן פאַר זיין עטיש־פילאָזאָפישן אמת און קרעדאָ. אַ לעבן לאַנג האָט ער געטראָגן אַ שווערן יאָך פון אינערלעכער צעריסנקייט און שטרייטן. און לסוף, ווי אַ פרוש אין זיין „יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ״, פאַרגלייבט געוועזן אין דעם עטישן פרינציפּ פון די וועלט־געזעצן, וואָס מוזן סוף כל סוף באַווירקן דעם מענטש, אויב ער וויל נאָר ווערט זיין צו טראָגן אָט דעם נאָמען.

✶

אויף דער עלטער האָט טאָלסטאָי אַמאָל זיך אָראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר זיין פריינד א. ב. גאָלדענווייזער, וועלכער האָט פאַר אים געשפּילט שאָפּענען. דערציילנדיק אים פון זיינע שלעכטע שטימונגען האָט ער אַזוי באַמערקט: אפשר ווייל כ׳בין נישט געזונט. אָבער אין געוויסע מאָמענטן כאַפּט מיך אַרום אַ פאַרצווייפלונג וואָס גייט אָן היינט אין דער וועלט. און הערט צוליב וואָס: „די נייע שבועה, די פּראָקלאַמאַציע וועגן אוניווערסיטעט־סטודענטן, אַז זיי דאַרפן אויך דינען אין דער אַרמיי; דער ענין דרייפוס. די לאַגע אין סערביע, די קראַנקייטן און די טויטפאַלן אין די קוועקזילבער וואַרשטאַטן... איך ווייס נישט ווי אַזוי די מענטשהייט וועט זיין בכוח אַזוי אָנגיין מיטן לעבן זעענדיק די אַלע שוידערלעכע זאַכן אַרום זיך״.

וואָס וואָלט שוין טאָלסטאָי געזאָגט נאָך דעם נאַציש „האָלאָקאָסט?!...

ב

הענרי טראָיאַטס ביאָגראַפיע פון טאָלסטאָין

וועגן טאָלסטאָי, דעם זשעני און דעם מענטש, זענען פאַראַן גאַנצע פּאַליצעס מיט אַנאַליטישע און ביאָגראַפישע ווערק. עס דוכט זיך, אַז מען קען שוין וועגן אים גאָר נישט צוגעבן. איז געקומען דער באַוווּסטער ביאָגראַף הענרי טראָיאַט און אָנגעשריבן אַ ניי וואָגיק בוך — אין כמות און אין איכות — מיט אַנאַליטישע און ביאָגראַפישע

פאַרשונגען אויף אַ 760 זייטן, וואָס שטייגן איבער אין פאַרנעם און טיפקייט אַט דאָס אַלץ, וואָס איז ב״ז אים געשריבן געוואָרן וועגן טאָלסטאָין.

טראַיאַט אַנאַליזירט יעדן מאָמענט פון טאָלסטאָיס עקזיסטענץ, אָנהייבנדיק פון זיין געבורט (1828) ביז זיין לעצטן אָטעם־הויך מיט 82 יאָר שפּעטער. דער מחבר פירט אריין דעם לייענער אין טאָל־סטאָיס פּאַלוואַרק, אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און באַגלייט אים דורך אַלע קריזיסן מיט וועלכע דער פּריצישער הויף האָט זיך נאָכאַנאַנד גע־טומלט. פון דעם געקאָך דאָרט איז דאָ דער איינדרוק, אַז טאָלסטאָי איז גאָר נישט איין מענטש, נאָר אַ גאַנצער שבט און זיין גוף איז אַ שלאַכטפעלד פאַר צענדליקער קעגנזעצלעכע מענטשן, וואָס האָבן איינער דעם אַנדערן פיינט געהאַט בתכלית השינאה, באַקעמפט זיך, בכדי צו באַקומען די אויבערהאַנט און באַסטווען איבערן שלאַכטפעלד. און ועל כולם — זענען זיי אַלע געווען צעפּייניקטע מענטשן, פול מיט ליידן.

און טאָלסטאָי גופא, דער גראַף, וואָס האָט אָנשטאָט אַ פריץ בעסער געוואָלט זיין אַ מוזשיק (עס איז מעגלעך, אַז נאָר אין טעאָריע); אַן אַגנאָסטיקער, וואָס האָט כמעט געגרינדעט אַ נייע רעליגיע מיט אַנהענגערס און נאָכפאָלגערס פון זיין לערע; אַ פּאַציפיסט, וועלכער האָט ווי אַ זעלנער אין דער אַרמיי געדאַרפט דעקאָרירט ווערן מיט מע־דאַלן פאַר זיין העלדישקייט; אַ פּרעדיקער פון סעקסועלער צוריקגע־האַלטנקייט, וואָס איז געוואָרן אַ טאַטע מיט אַ קאַפּעטע קינדער (14) און אַן אומגעזעצלעכן בתוכם. ער איז געווען אַן איבערצייגטער וועגע־טאַריער און דאָך נישט אויפגעגעבן זיין פאַרגעניגן פון גיין אויף יאַגד; דער מחבר פון קרייצער סאָנאַטע מיט אַזאַ אומחן אויף בעט־האָוועגען: אַליין אַ גרויסער קינסטלער און פאַראורטיילט לסוף אַלע קונסטווערק, מחמת זיי זענען נאָר געקינצלט. מיט איין וואָרט: אַ מענטש וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל סתירותדיקע עלעמענטן אין זיין לעבן, אַ צעריסנקייט, דורך וועלכער ער האָט געזוכט שלימותדיקייט, גאַנצקייט.

מען קען זאָגן, אַז טראַיאַטס ביאָגראַפיע איז ראוי צו זיין אַ ראָ־מאַן געשריבן פון טאָלסטאָין גופא. און פאַקטיש שוועבט טאָלסטאָי כסדר אַרום איבער די בלעטער פון בוך. ער ווערט כסדר ציטירט און נישטאָ קיין איין אויספאַנטאַזירטער, נישט באַגרינדעטער אַפּזאַץ, אָדער צוגעטראַכטער דיאַלאָג. טאָלסטאָי האָט אַלץ דאָקומענטירט און נישט נאָר אין זיינע עפנטלעך־„פּריוואַטע״ טאָגביכער, נאָר אויך יעדן באַ־וועג און קער, אָפּגערעדט שוין פון זיינע פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזן און גריבלענישן אין דער אייגענער נשמה. זיינע בעלעטריסטישע ווערק זענען דאָך אויך געווען באַזירט אויף אויטענטישע געשעענישן פון

זיך פערזענלעכן לעבן. ס׳רוב, אַפילו נישט געפּרוווט גאָר שטאַרק זיי מאַסקירן.

ווייסן מיר, אַז כמעט אַלע בעלעטריסטן שרייבן וועגן זיך און וועגן די, וואָס זיי קענען אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם, דעריבער די באַקאַנטע באַוואָרעניש, אַז יעדע ענלעכקייט צו אַזאַ אָדער אַנדערן פּערזאָן, איז בלויז אַ צופאַל — אַן אַסעקוראַציע קעגן אַן עווענטועלן „לייבל״-פּראָצעס. (אגב אורחא, מיט היפשע יאָרן צוריק איז אויסטראַליע אויפגערודערט געוואָרן פון אַזאַ פּראָצעס. דער שרייבער האָט געוווּנען און באַקומען די בעסטע פּובליסיטי פאַר אַ שוואַך ווערק).

ביים רוב בעלעטריסטן זענען טאַקע פאַקטיש זייערע העלדן אַזוי פאַרשלייערט, אַז די מאָדעל-פּראָטאָטיפּן קענען זיך זעלטן אין זיי פאַרשפּיגלען. אַנדערש איז אָבער ביי טאָלסטאָין. נאַטאַשאַ פון „קריג און פרידן״ איז זיין ווייבס יונגערע שוועסטער און די מחשבות פון פּרינץ אַנדרעי, בעת ער איז געוואָרן פאַרווונדעט ביי אַסטערליץ און באָראָדינאָ, זענען טאָלסטאָיס אייגענע איבערלעבונגען און מחשבות אויף אַן אַנדער שלאַכטפעלד. אויך די שילדערונגען אין אַנאַ קאַרענינאַ, זענען אַן אָפּבילד פון זיינע ערשטע יאָרן גלייך נאָך דער חתונה מיט דער שטאַרק-עמפּינדלעכער, 18-יאָריקער סאָניאַ.

ביים לייענען איז דאָ דער איינדרוק, אַז פון אַלע פריערדיקע טאָלסטאָי-ביאָגראַפן, האָט קיינער נישט אַזוי בולט פּראָזשעקטירט די קריזיסן פון זיין פאַרהייראַט לעבן, ווי טראָיאַט. אמת, ער האָט געהאַט פאַר זיך אַזאַ רייכע דאָקומענטאַציע פון זיינע פאָרגייערס מיט זייערע באַהאַנדלונגען. אָבער זיינע איז מער פון דער פּערזענלעכער זייט. עס קענטיקט זיך אָט די אַנדערשקייט ביים פאַרגלייכן איר מיט די פריערדיקע ביאָגראַפיעס.

אַ וויכטיקער מאָמענט איז, וואָס טראָיאַט גיט דעם לייענער די מעגלעכקייט בייצווזיין ביי טאָלסטאָיס קינסטלערישער יצירה, אָנהייבנדיק פון זיין „פאַרשוואָנגערן״ ביז די געבורט-ווייען, באַגלייט מיט די אַלע פּיינלעכע אַמפּוטאַציעס (און אָפּעראַציעס), אַן וועלכע זיינס אַ ווערק איז נישט אַרויסגעקומען אויף דער ליכטיקער שיין. אינטערעסאַנט זענען די פאַרגלייכונגען,וואָס טראָיאַט מאַכט צווישן טאָלסטאָיס רעאַליזם און דאָסטאָיעווסקיס אויספאַנטאַזירטן מיסטיציזם, אויך וועגן טאָלסטאָיס פּרטימדיקער מעטאָדיק צו באַשרייבן די גאַנצע פּערזענלעכקייט מיט אַלע ניואַנסן פון ליכט און שאָטן. קיין שום העלד איז ביי אים נישט אַרויסגעקומען שוואַרץ אָדער כולו ווייס, נאָר אַ געמיש פוןביידע, מיט די בראָדעווקעס אויפן פּנים...

וואָס שייך די מאַן-און-ווייב באַציאונגען, איז טראָיאַט מער אויף סאָניאַס זייט, לויט די באַווייזן וואָס ער ברענגט. סאָניאַ האָט

אויך געפירט אַ טאָגבוך אין וועלכן זי האָט אַלץ פאַרצייכנט. עס וואָלט מסתמא געווען ביי זיי א בעסערער שלום־בית, מיט אַ סך ווייניקער היסטערישע קריגערייען, ווען בײדע וואָלטן נישט אַרויסגעטראָגן ברשות הרבים די פאַרדרוסן, די טענות און שווערע פאַרווורפן פון אײנעם קעגן אַנדערן. און עס וואָלט זיכער פאַר בײדע געווען געזונ־טער, ווען זיי וואָלטן אָט די טענות נישט אַזוי דראַמאַטיזירט און באַגלייט מיט היסטעריע... אָבער אַזוי זענען זיי געווען אין זייער לעבן, און זייער נישט צוגעפאַסטקייט איז מסתמא געווען מער פאַרבונדן מיט זייער סעקסועלער אומגלייכקייט, ווי מיט אַנדערע זאַכן.

טראַיאַט באַטאַנט אויך טאָלסטאָיס היפּערסעקסואַליזירטקייט, און בכלל נישט פעיק פאַר צאַרטקייט לגבי אַ צווייטן. און סאָניאַ—סעקסועל אַטראַפירט. מער פון אַלץ אַ מין אײביקע בתולה־טיפּ. דערפאַר אָבער האָט זי יאָ פאַרמאָגט צאַרטע געפילן לגבי אַ צווייטן און די פעיקייט צו ליבן ביז גאָר. געווען איז זי אויך פּראַקטישער פאַר אים אין לעבן, און זעענ־דיק, ווי ער פאַרטאַכליעוועט זיין רייכן ירושה־פאַרמעג צוליב זיין האַזאַרד־שפּילן און עס דראָט זיי צו בלייבן אָן די גיטער, האָט זי אָנ־געהויבן אַליין צוריקקויפן זיין נחלה. געבראַכט דאָס הויז אין אָרדענונג און געזען ער זאָל האָבן גענוג פרייע צייט צו שרייבן.

מיר האָבן שוין פריער באַמערקט, אַז זי פלעגט דאַרפן איבערשרייבן זיינע כתבים — מיט דער האַנט פאַרשטייט זיך, און זיך געמאַטערט צו דעשיפרירן זיין אומלייענעוודיקן האַנט־שריפט. וואָס איז באַגלייט געווען מיט אַן אַ שיר איבערמאַ־כונגען, געשריבן איינע אויף דער אַנדערער. זי פלעגט מיט אַ פאַר־גרעסער־גלאַז, ביי אַ ליכטל, איבערשרייבן אויף ריין צום ווייפלטן מאָל („מלחמה און שלום" — 7 מאָל). עס איז בלי ספק, אַז אָן איר הילף און דערמוטיקונג, וואָלט ער אפשר קיין מאָל נישט דערגאַנגען צו כאַרענדיקן זיינע באַדייטנדיקסטע ווערק.

ווי אַ פּראַקטישע פרוי האָט זי גענומען אַ ביישפּיל פון דאָס־טאָיעווסקיס אַלמנה און געוואָרן זיין דערפאַלגרייכער אַרויסגעבער. און ער האָט אין זיין לעצטער צוואה פאַר איר נישט איבערגעלאָזט קיין פּרוטה!

ווי טראַגיש איז געווען פאַר איר אַנצוקומען צו דער רעגירונג נאָך אַ פּענסיע, אָדער איר פאָרן צו דער סטאַנציע אַסטאַפּאָוואָ, ווו ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, אָבער איר האָט מען אין זיין צימער נישט אַריינגעלאָזט... און ווען זי האָט אַריינגעקוקט דורכן פענצטער, האָט מען פון אינעווייניק אַראָפּגעלאָזט די ראָלעטן, זי זאָל אים נישט קענען זען.

אין דעם איז, אפשר, דאָ אויך אַן עלעמענט פון טראַגי־קאָמיזם, אָבער זיכער איז דאָס נישט געווען דעמאָלט פאַר סאָניען.

טראַיאַט האַלט, אַז טאָלסטאָיִן האָט געפעלט אַ געפיל פאַר קאָמיזם, לגמרי נישט פאַרמאָגט קיין חוש פאַר הומאָר, צו קענען אַ לאַך טאָן מיט אַ פול מויל. ער דערמאָנט טורגעניעוון, ווען ער איז צוריקגעקומען פון פאַריז און געוויזן, ווי אַזוי מען טאַנצט דאָרט „קאַן־קאַן". דורך זיינע גראָבע פיס איז דאָס אַרויסגעקומען אַזוי קאָמיש, אַז אַלע האָבן זיך צעלאַכט, מער פון זיינע אומגעלומפּערטקייטן, ווי פון טאַנץ, און טורגעניעוו האָט האַרציק געלאַכט צוזאַמען מיט זיי.

ווען איך האָב געלייענט וועגן סאָניעס פאָרן קיין אַסטאַפּאָוואָ און טאָלסטאָיס בלינדע עקשנות, האָט זיך מיר דערמאָנט די געשיכטע פונעם אַמעריקאַנעם באַרימטן פּאָעט ראָבערט פראָסט און די באַציִונגען מיט זיין פרוי, וואָס האָט נישט גערעדט מיט אים זינט ער האָט וואָלונטירט אין דער אַרמיי בעתן ערשטן וועלט־קריג. זי האָט דעם „שטרייק" אָנגעהאַלטן מיט אים אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט. ווען זי האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, איז ער אַריין אין צימער און געפּרוּווט מיט איר רעדן, אָבער זי האָט עקשנותדיק געשוויגן און אַזוי ביז איר לעצטן אָטעם. אַ באַוויז, אַז אַט די בלינדע פאַרעקשנטקייט געהערט נישט בלויז צום מענלעכן מין.

איך האָב פריער דערמאָנט טאָלסטאָיס היפּערסעקסועלטקייט. איז כדאי צו דערמאָנען, וואָס גאָרקי דערציילט וועגן זיינע באַגעגענישן מיט טאָלסטאָיען און זיין איבעראַשונג, ווען ער האָט פון אים דערהערט אַזוי פיל „אומגעוואַשענע" פּעטע אויסדרוקן. גאָרקי דער עמך־מענטש האָט פון טאָלסטאָיִן, דעם אַריסטאָקראַט און פּריץ, דערוואַרט אַן „איידעלן" אַרט רעדן און דאָ הערט ער אַזעלכע גראָבע רייד... ווידער טאָלסטאָי האָט דורך דעם געזוכט צו ווערן נענטער מיט גאָרקין, דעם פאָלקישן טיפּ, וואָס האָט דורכגעמאַכט זיינע „אוניווערסיטעטן" מיט די בראָדיאַגעס אויף זיינע אַרומוואַנדערונגען איבער דער לענג און ברייט פון רוסלאַנד.

אין דער באַהאַנדלטער ביאָגראַפיע איז אויך דאָ אַ פאַרגלייך צווישן טאָלסטאָיִן און טשעכאָוון,ביידע גרויסע קינסטלער מיט אַזעלכע פאַרשידענע טעמפּעראַמענטן. זיי, וואָס האָבן אויך געהערט צו באַזונדערע גענעראַציעס, האָבן דאָך פאַרמאָגט אַ סך געמיינזאַמס. קודם, דער ווילן צו דערציילן דעם פולן אמת, עס זאָל זיין, אַזוי צו זאָגן, פון דער ערשטער האַנט, אויך די באַמיאונגען צו קענען אַרומנעמען דאָס גאַנצע לעבן. ביי זיי ביידע איז געווען א מין בייגעשמאַק צו דאָס אומגעווינלעכע, וואָס ווערט דורך אַ שרייבער פאַנאַנדערגעבלאָזן. זיי האָבן נישט געטרויט דער פאַנטאַזיע, און ועל כולם — באַטראַכט דעם ציל פון קונסט, ווי אַ מעדיום צו ראַנגלען זיך מיט זייער געוויסן.

טראַיאַט — און אויך די אַנדערע טאָלסטאָי־ביאָגראַפן — שטעלן זיך אָפּ אויף דעם פאַקט, וואָס די געשיכטלעכע באַהאַנדלונג פון זיין

„קריג און פרידן״ שטימט נישט מיט דערווירקלעכקייט. עס איז די באַוווּסטע צעטיילונג צווישן דעם פאַקטועלן און קינסטלערישן אמת.

טאָלסטאָיס נאַפּאָלעאָן, שרייבט טראָיאַט, איז מער ענלעך צו גאָיאָס „דער פּירשט פון וועלינגטאָן״ אָדער צו שעקספּירס „העינרי דער 5־טער״ ווי צו דעם היסטאָרישן נאַפּאָלעאָן.

וויל איך דאָ לסוף באַמערקן, אַז טראָיאַט האָט אין זיינע שילדערונגען פון טאָלסטאָיס כאַראַקטער־אייגנשאַפטן, מיט אַלע זייערע סתירות און ריסן, אויף קיין האָר נישט פאַרמינערט טאָלסטאָיס גענ יאַליטעט און זיינע הויכע קינסטלערישע דערגרייכונגען. ער וואַקסט אויס אין דעם בוך ווי אַ מאָנומענטאַלער דעמב, וואָס האָט זיך צעבליט און צעוואַקסן צו דעם גיגאַנטישן ריז אין דער רוסישער און וועלט־ליטעראַטור.

★

מיניאַטורן

טשאַרלס דיקענס

אַן אַלטער גריכישער שרייבער האָט אַמאָל באַשריבן אַזאַ געשיכטע: אַ געוויסער טהאַראַציון איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער עקשן. האָט ער איין מאָל באַקומען אַ וואָרנונג פון זיין דאָקטער, אַז אויב ער וועט אויסטרינקען די גאַנצע פלאַש וויין, וועט ער זיך גלייך אָוועקהרגענען.

האָט דער עקשן אויסגעטרונקען אַזאַ פלאַש וויין און באַלד אַרויסגעשפּרונגען פון פענצטער און איז אומגעקומען. „אַזוי אַרום, האָט ער געזאָגט, וועל איך באַווייזן, אַז דער וויין האָט מיך נישט דערהרגעט״...

דער אַלטער גריך האָט די מעשה דערציילט אין זעקס שורות אָבער טשאַרלס דיקענס האָט עס אין זיינע „פּיקוויק־פּאַפּירן״ באַשריבן שוין אין אַ טויזנט ווערטער (מען האָט אים באַשולדיקט אין פּלאַגיאַט פון דער מעשה — באַוווּסטזיניק אָדער אומבאַוווּסטזיניק). איידער נאָך ער קומט צו צו דער עצם מעשה, דערציילט ער אונדז וועגן דעם פּאַציענטס מלבושים, זיינע מאַניערן, מאכלים, די צייטונגען, וואָס ער האָט געלייענט, און ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די קאַטש פון זיין דאָקטער, און אַז דעם באַלעגאָלעס הויזן האָבן נישט געפּאַסט צו זיין מאַרינאַרקע. אונטער די אַלע פּרטים ווערט, לסוף, באַגראָבן די אָריגינעלע געשיכטע.

דיקענס האָט געהערט צו די שרייבער, ביי וועלכע די טיילן זענען

וויכטיקער און גרעסער, ווי דאָס גאַנצע, וואָס ער האָט וועגן דעם צו דערציילן. ער איז געווען כולו פראַגמענטאַציע און האָט זיך פאַרלוירן אין פּרטים. פונדעסטוועגן איז ער געווען אַ גרויסער שרייבער און עס איז מיר דעריבער שווער מסכים צו זיין מיט דעם זאָג פון ד. ה. לאָ־רענץ וועגן באַלזאַק און דיקענס, אַז זיי זענען געווען „ריזן־ליליפּוטן". וועגן ערשטן האָט לאָרענץ נאָך צוגעגעבן, אַז ער האָט נישט געוווסט וועגן גאַנצע וועלטן, אָדער ער האָט זיי נישט געוואָלט דערמאָנען.

באַלזאַק געהערט דאָ נישט צו דער טעמע, אָבער לגבי טשאַרלס דיקענס איז אַזאַ כאַראַקטעריזאַציע נישט באַגרינדעט. זיכער זענען פאַראַן גרויסע שטחים פון מענטשלעכן געדאַנק צו וועלכע דיקענס האָט זיך נישט צוגערירט. מען קען אַפילו זאָגן, אַז אין זיינע ווערק פעלן אויך עכטע פּאָעטיש־לירישע געפילן און אין די געשילדערטע טראַגעדיעס פעלט נאַטירלעכקייט, שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס סעקס־ליבע איז ביי אים געבליבן אין דרויסן (צו דערמאָנען נאָר אַ טייל פון דעם, וואָס ס'פעלט אַלץ אין זיינע ווערק). אָבער מען קען נישט צונעמען פון אים זיין כוח אַרויסצוהייבן וויזועלע אימאַזשן — אין דער הינזיכט קענען, וואַרשיינלעך, ווייניק שרייבער צו אים זיך גלייכן! און נאָך עפּעס: דער וואָס האָט דיקענס' באַשרייבונגען גע־לייענט, זעט זיי שוין פאַר די אויגן זיין גאַנץ לעבן. ער באַשרייבט ווונדערלעך דעם אויסזען פון מענטשן און זאַכן. ער מאָלט בילדער, וואָס קריצן זיך איין אין זכרון. און ער האָט אַ שטאַרקן מאָראַלישן חוש פאַרן מענטשלעכן לעבן. ווען דיקענס רעדט וועגן מענטשלעכן פאַרשריט, מיינט ער דעם מאָראַלישן און נישט דעם טעכנאָלאָגיש־וויסנשאַפטלעכן (ווי ביי וועלסן).

קיין שום ענגלישער שרייבער האָט זיך נישט געקענט פאַר־גלייכן מיט דיקענסן אין שילדערן קינדער. ער האָט, ווי זעלטן ווער, געקענט אריינדרינגען אין דער פּסיכיק פונעם קינד און רעקאָרדירן דעם מעכאַניזם פון אַ קינדישן מוחל. ווען אַ קינד לייענט עס, מיינט ער, אַז אַ קינד האָט עס, מסתמא, געשריבן. ווען עס לייענט אַ דערוואָקסענער וועגן דיקענס' קינדער־געשטאַלטן, זעט ער זיי לעבעדיק אַראָפּגיין פון די בלעטער.

דיקענס האָט געקענט אַרויסברענגען די סענסיטיווקייט פונעם קינד (למשל, „די גרויסע דערוואַרטונגען") אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן. עס לאָזט איבער אויף אונדז אַ לעבעדיקן איינדרוק, ווי מיר וואָלטן זיי געקענט פון אונדזערע אייגענע קינדער־יאָרן.

מיט זיין גאַנצער שאַרפקייט האָט ער אַטאַקירט די ענגלישע דער־ציאונג אינעם 19טן יאָרהונדערט, וואָס איז געווען באַזירט פון איין זייט אויף דעם לאַטייניש לעקסיקאָן און פון דער צווייטער — אויפן קאַנטשיק. פאַר אַ טעות אין לאַטיין האָט דער לערער געשלאָגן אַ קינד

ביז בלוט. דיקענס האָט דערזען דעם סאַדיזם פון שלאָגן אין די פּריוואַטע שולן, שוין אָפּגערעדט פון די קלעפּ און דער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטנדיקע, קליינע, אָרעמקייטס־קינדער אין די ענגלישע קוילנגרובנס און טעקסטיל־פאַבריקן, אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט.

דיקענס האָט אַטאַקירט די ענגלישע אינסטיטוציעס מיט אַזאַ שאַרפקייט, וואָס איז נישט געהערט געוואָרן פון אַן ענגלישן שרייבער ביז אים (אין „אָליווערס טוויסט", „דער קליינער דאָריט", „שווערע צייטן" און אַנדערע ווערק). ער האָט פיינט געהאַט טיראַניע, אָבער איינגעזען, אַז תמיד געפינט זיך אַ נייער טיראַן, וואָס וואַרט איבערצונעמען פון אַלטן.

דעריבער האָט ער זיך בעיקר אָפּגעשטעלט, ווי אַזוי מען קען אויסבעסערן די מענטשלעכע נאַטור. דיקענס, וועלכער האָט אַקצענטירט די מאָראַלישע זייט פון דער מענטשלעכער נאַטור, האָט געשטאַלטיקט זיינע וויזיעס, וואָס האָבן אַריבערגעקוקט זיין צייט צו די מאָרגנדיקע האָריזאָנטן. עס האָט אים געמאַטערט דער פּראָבלעם, ווי אַזוי פאַרהיט מען, אַז מאַכט זאָל נישט מיסברויכן? ער גרייפט אָן געזעצן, דערציאונג און רעגירונגען.

איך וויל דאָ אונטערשטרייכן — דאָס אייגענע העמד איז דאָך אַמנאָענטסטן — אַז ער האָט נישט געהאַט קיין פאַראורטיילן לגבי יידן. מיר וויסן זייער גוט, אַז ער האָט אָנגענומען פאַר אמתדיק, אַז דער „פאַסער" פון געגנבעטע זאַכן דאַרף זיין אַ ייד. ער האָט געוווסט פון אַ יידישן פּראָטאָטיפּ. מען דאַרף אויך דערמאָנען, אַז דער „ייד־וויץ" האָט אַרומגעשפּאַצירט אין דער ענגלישער ליטעראַטור נישט נאָר אין דיקענס' צייטן, נאָר אויך אַ סך שפּעטער, פּאַקטיש, ביז היטלערס קומען צו דער מאַכט. אין זיינע ווערק פיגורירט ער נישט. ער האָט בכלל אין זיין שאַפן זיך נישט געוויצלט איבער אַ פאָלק, ווי אַנדערע שרייבער. ער רעדט נישט וועגן קאַמישן אירלענדער, שאָטלענדער אָדער וועלשמאַן. ער האָט פעלקער נישט באַטראַכט פון אַ יחידישן אַספּעקט. זיין טיפּאַזש איז באַשטאַנען פון: אַנגעשטעלטע, האַנטווערקער, קרעטשמער, דינסטן און אַנדערע פון דער סביבה. דאָ און דאָרט האָט ער אַרויסגעפירט אַ כאַראַקטער, וואָס פירט זיך אויף אָרנטלעך, און אין דער פערזענלעכער גוטסקייט פונעם יחיד, האָט ער געזוכט די רפואה פאַר דער קראַנקער געזעלשאַפט פון זיין צייט.

דיקענס האָט געקענט שרייבן וועגן פּשוטע פאָלקס־מענטשן. אין זייער וועלט געפילט זיך ווי ביי זיך אין דער היים. אמת, דער טיפּישער ראָמאַן ביי דיקענסן פאַרמאָגט אַ מעלאָדראַמאַטישע ראַם. אָבער ער איז ווייט נישט געווען קיין מעלאָדראַמע־שרייבער. אין סוזשעט באַהאַנדלט ער די מאָטיוון פון ליבע, נקמה, אַמביציע און אַנדערע אייגנשאַפטן, וועלכע ער באַגלייט מיט אינטריגעס, פאַרמאַסקירונ־

גען, מערדער, פאַרברענטע צוואות. דאָס איז דאָך געווען דער פאַק־טועלער מאַטעריאַל, וועלכן ער האָט באַאַרבעט אַרום זיינע העלדן. און געזען האָט ער מענטשן מיט אַ שטאַרקער קלאָרקייט, תמיד אין זייער פּריוואַטן לעבן, ווי אַזוי זיי פירן זיך. ער האָט זיי באַשריבן אין אַ סטאַטישן צושטאַנד און נישט ווי אַ פּראָצעס — און מענטשן זענען דאָך פּראָצעסן! ער האָט זיי געזען אין אַן אַפּרו־מאָמענט, אין אַ קאַפע, קרעטשמע, אָדער דורך אַ פענצטער פון קאַטש. ער האָט געזען אויך דאָס אינעווייניקסטע פון די שטובן, קראָמען, שפייז, קליידער און פנימער. ערשט ווער ער פירט זיינע העלדן אַריין אין אַקציע, הייבט ער אָן צו ווערן מעלאָדראַמאַטיש... כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס זיינע העלדן זעט מען ווייניק אָן ביי זייער אַרבעט. צו די אויסנאַמען געהערט דייוויד קאָפּערפילד, ווען ער באַשרייבט ווי דייוויד וואַשט די פלעשער אין וואַרנהויז פון מערדיסטאָן און גרינבי. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אויטאָביאָגראַפישער מאַטעריאַל. דיקענס האָט געאַרבעט אין וואָרענס פאַבריק און עס איז אים פאַרבליבן אַ שווידערלעכע דער־אינערונג פון זיין יוגנט־לעבן. בכלל געהערט דיקענס צו דער ענג־לישער פּוריטאַנישער טראַדיציע. אָבער אַ קעגנער פון „דזשענטלמענער".

וויל איך פאַרענדיקן וועגן טשאַרלס דיקענס מיט אַ ציטאַט פון זיין „דייוויד קאָפּערפילד" — אַ רמז אויף זיין אייגענעם אַמאָל:

„אַפילו איצט בין איך איבערראַשט, ווי אַזוי כ'האָב געקענט אַרויספאַלן אין אַזאַ עלטער. אַ קינד מיט אויסגעצייכנטע פעאיקייטן, מיט אַ שטאַרקן ווילן און אָבסערוואַציע־קראַפט, פלינק, דעליקאַט, איז געטראָפן געוואָרן שווער, פיזיש און פסיכיש. ביי 10 יאָר בין איך געוואָרן אַ קליינער אַרבעטנדיקער נאָכשלעפּער אין דינסט פון מער־דיסטאָן און גרינבי.

„קיינע ווערטער קענען נישט אויסדריקן די אַגאָניע פון מיין נשמה, ווען כ'בין געזונקען אין דער געזעלשאַפט... געשפּירט, ווי עס ווערט צעריבן אין מיין ברוסט די האָפענונג אויסצווואַקסן אַ געביל־דעטער און ווערן אויסגעטיילט"...

דורך דייוויד קאָפּערפילדס מויל, רעדט דאָ דיקענס אַליין. כמעט די זעלבע ווערטער נוצט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרייבן און לסוף עס אויפגעגעבן.

אין פיר שורות — אַ פּאָר ביאָגראַפישע נאָטיצן

טשאַרלס דיקענס פאָטער איז געווען אַ רעגירונגס־באַאַמטער. זיין מוטערס משפחה איז געווען פאַרבונדן מיט דער אַרמיי און פלאָט. דער יונגער טשאַרלס האָט געלעבט אין לאָנדאָן (פון 9 יאָר אָן) אין אַן אַטמאָספער פון אַ שוועך־ראַנגלענדיקער אָרעמקייט.

ניקאָליי וואַסילעוויטש גאָגאָל: געניאַל און...

(1809—1852)

גאָגאָלס לעבן פֿאַראינטריגירט כסדר זיינע לייענער און ביאָ־גראַפֿן. עס גייט אין דעם, וואָס מען ווייסט נישט וואָס יאָ און וואָס נישט צו קלייבן. בעת זיין גרוילהאַפֿטיקן טויט, האָט טאָלסטאָי אים כאַראַקטעריזירט, ווי „אַ קליינער מוראדיקער מוח". זיין ביאָגראַף, הענרי טראָיאַט, ווייזט אָן, אַז ס'איז טרעפֿלעך פֿאַר אים טאָלסטאָיס באַצייכענונג: פחד פֿון אַזאַ אָדער אַנדערן כאַראַקטער האָט דאָמינירט אין זיין לעבן פֿון אָנהייב ביזן סוף.

מורא איז אַ דערשיינונג, וואָס מען טרעפֿט ביי אַ סך קינדער אין פֿאַרשידענעם עלטער. אָבער ביי גאָגאָלן האָט עס גורם געווען ער זאָל זאָגן ליגן זיין גאַנץ לעבן. (זיינע פֿריינד האָבן עס באַצייכנט אידל: זיין געוווינהייט פֿון מיסטיפֿיקאַציע).

איז ווידער באַוווּסט, אַז קינדער זאָגן ליגן צו זייערע מאַמעס און ציטנווייז אַנטרינען זיי אין אַ וועלט פֿון פֿאַנטאַזיע. אָבער גאָגאָל האָט דורך די דריי און פֿערציק יאָר פֿון זיין לעבן (ער איז געשטאָרבן אין דעם עלטער) — ממש פֿון זיין געבורט ביזן טויט — נישט גע־קענט רעדן אָן אַ ליגן. ער האָט אַ באַקאַנטן מענטש געקענט אָפּנאַרן מיט אַ געענדערטן נאָמען. ער האָט געקענט זיין מאַמען זאָגן, אַז ער איז אין טריעסט, בעת ער איז גאָר געווען אין מאָסקווע.

דער לעצטער ליגן זיינער, שוין אויפֿן טויטן בעט, איז געווען, אַז ער האָט על פּי טעות פֿאַרניכטעט אַלע זיינע מאַנוסקריפּטן. זיינע אַפּאָלאָגעטיקער האָבן אים אין דעם פֿאַל געגלייבט, מחמת ער האָט אַמאָל געהאַט פֿאַרברענט — צוויי מאָל — זיינע ווערק.

עס איז געווען ביי אים אַ מין פחד, וואָס האָט אים באַווירקט ער זאָל אַנטלויפֿן פֿון יעדן אָרט, ווו ער האָט זיך דערפֿילט אומבאַקוועם. ער איז פֿון רוסלאַנד אַנטלאָפֿן און געלעבט 12 יאָר מחוץ די רוסישע גרענעצן. מורא האָט אים געטריבן אין די אָרעמס פֿון די פּריסטער ביים סוף פֿון זיין לעבן, אָבער זיי האָבן אים מוחל געווען די טובה...

בלתי ספק, אַז גאָגאָל האָט פֿאַרמאָגט אַ קראַנקע נשמה. זיין ביאָ־גראַף טראָיאַט דערמאָנט נאָר אין אַ הערה, אַז באַזענהאָף האָט טאַקע געפֿאָרשט די קראַנקייט און דעם טויט פֿון גאָגאָלן. כאָטש באַזענהאָפֿס דיאַגנאָז איז געשריבן געוואָרן מיט אַ דרייפֿערטל יאָרהונדערט צוריק, איז עס נאָך אַלץ מער איבערצייגנדיק, ווי די, וואָס מען האָט וועגן אים לעצטנס פֿאַרעפֿנטלעכט. זיין שילדערונג פֿון דעם מענטשנס פּיי־ניקונגען אין זיינע לעצטע שעהן, ווען די דאָקטוירים האָבן געטאָן אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, ער זאָל נישט לעבן און וואָס שנעלער שטאַרבן — רופֿט אַרויס גרויס רחמנות אויף גאָגאָלן.

און באַזונהאָף קומט צום אויספּיר, אַז גאָגאָל איז געווען, אין דער שאַפערישער ערשטער העלפט פון זיין לעבן, אַ נעווראַסטיקער און אַ היפּאָכאָנדראָק. אין דער צווייטער העלפט איז ער געווען, וואַרשיינלעך, אין אַ מאַניע־דעפּרעסיע. באַזונהאָף האָט געמיינט, אַז ער האָט עס גע ירשנט פון זיין מוטער, אָבער טראָיאַט ווייזט אָן, אַז זיין מוטער איז געווען פולשטענדיק נאָרמאַל, אָבער איר זון — נישט... און דאָך האָט ער געשאַפן אַזעלכע געניאַלע, אומשטערבלעכע ווערק!

יאַראָסלאַוו האַשעק

אין ענגליש זענען לעצטנס דערשינען זייער אינטערעסאַנטע ווערק וועגן אַ ריי גרויסע שרייבער פון 19טן און 20טן יאָרהונדערט. אַט זענען אַרויסגעקומען נייע ווערק וועגן דעם באַרימטן אַמעריקאַנער הומאָריסט מאַרק טוועין און וועגן לעוו טאָלסטאָי. אויף אַן אַנדער אָרט דאָ אין בוך האָב איך אַנאַליזירט די ווערק וועגן זיי, געשריבן דורך באַוווסטע ביאָגראַפן אין וואָגיקע ביכער (אין כמות און אין איכות. הענרי טראָיאַטס ביאָגראַפיש בוך וועגן טאָלסטאָיען האָט 760 זייטן).

נישט לאַנג צוריק האָב איך געלייענט אַ ניי בוך וועגן טאָלסטאָין געשריבן דורך זיין עלטסטער טאָכטער טאַטיאַנאַ א״נ געדענקענדיק טאָלסטאָין, מיט אַן אריינפיר פון פראָפעסאָר דזשאָן בעילאַיי. פאַרן לייענען דאָס בוך האָב איך געמיינט, אַז מען האָט שוין וועגן אים אַלץ געשריבן אין אַזוי פיל אַנאַליטישע און ביאָגראַפישע ביכער. דאָך קומען אַרויס נייע צוגאָבן, וואָס וואַרפן אַ שיין אויף די טונקעלע מאָמענטן פון זיין לעבן און טויט (איין קאַפּיטל אין טאַטיאַנאַס בוך הייסט: מיין טאַטנס טויט), אגב, איז זי אָקאָרשט געשטאָרבן אין טיפן עלטער.

לעצטנס איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אַ בוך וועגן יאַראָסלאַוו האַשעק — מחבר פון דעם אומשטערבלעכן ווערק דער בראַווער סאָלדאַט שווייק. דער ביאָגראַף איז סער סעסיל פּאַראַט, וועלכער האָט געהאַט א צוטריט צו די רוסישע און טשעכישע פּאָליציייאישע אַרכיוון און אויפן סמך פון די באַריכטן דאָרטן האָט ער געצייכנט דעם פולן פּאָרטרעט פון האַשעקן.

דערציילט אונדז דער ביאָגראַף וועגן די פּערציק טראַגי־קאָמישע יאָרן פון האַשעקן, דעם נאָן־קאָנפאָרמיסט־פּרינץ, וועלכער האָט געהאַט נאָך מזל צו שטאַרבן אין 1923 און דעריבער איז ער פאַרצייכנט אַלס „העלד פון קאָמוניזם״. וואָלט ער געלעבט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, וואָלט ער זיכער געוואָרן אַ „פּאַציענט״ אין די פּסיכיאַטרישע שפּיטאָלן...

שוין דער טיטל פון בוך (דער שלעכטער באַהעמיקער) איז דאָך

מרמז אויף זיין אויפפירונג. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז געווען פאַר־בונדן מיט די אַנאַרכיסטן פאַרן ערשטן וועלט־קריג און ער האָט זיך אַליין געשאַפן אַן אייגענע פּאַרטיי, וואָס האָט זיכער געפּאַסט פאַר זיין העלד שווייק — די מעסיק פּראָגרעסיווע פּאַרטיי לויטן געזעץ. מיט אַ צוזאָג, אַז דער, וואָס וועט שטימען פאַר איר, באַקומט אַ מתנה — אַן אַקוואַר(יום).

בעתן קריג האָט ער דעזערטירט פון טשעכישן פראָנט — צו די רוסן, געוואָלט העלפן דעם צאַר קעגן זיין אייגן לאַנד! געוואָרן נאָך דעם אַ באָלשעוויק און — אַ קאָמיסאַר. דאָס איז געווען דער איינציקער פּעריאָד אין זיין לעבן, ווען ער האָט געצוימט דעם אַלקאָהאָליקער אין זיך...

קעגן זיין ווילן האָבן זיי אים משלח געווען קיין טשעכיע ער זאָל דאָרט צוהעלפן צו דער רעוואָלוציע. אָבער אַנשטאָט דעם האָט ער זיך פאַרנומען שרייבן זיין אומפאַרגלייכלעכן שווייק, וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט. די צרה מיט אים איז געווען זיין ווערן אַ זולל וסובא — געזויפט און זיך איבערגעפרעסן צום טויט (געוויגן קנאַפּע 300 פונט). און ווען ער איז געשטאָרבן האָט מען זיין קערפּער נישט געקאָנט אַראָפּטראָגן פון גאָרן אונטן. מען האָט דעם מת געמוזט אַראָפּלאָזן דורך אַ פענצטער.

אַחוץ זיין קאָמיסאַרעווען אין רוסלאַנד, האָט ער קיין טשעכיע אויך מיטגעבראַכט פאַר זיך אַ צווייטע פרוי, שוראַ, וואָס איז געוואָרן ביי אים אין שטוב מער אַ הויז־באַדינערין, ווי אַ ווייב. און געהאַט האָט ער אַ פרוי אַ טשעכישע (יאַרמילאַ), וואָס ער זייער ליב געהאַט — אפשר די איינציקע ליבע אין זיין לעבן בכלל. ווען זי האָט אים געבוירן אַ זון, איז ער געגאַנגען קויפן ·משקה לכבוד דער שמחה און... צוריקגעקומען יאָרן שפּעטער. דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן אַזאַ צאַרטקייט צו יאַרמילאַן, ווי מ'לייענט עס אין זיינע בריוו צו איר...

היינריך און טאָמאַס מאַן

(1871—1950 און 1875—1955)

דער מחבר פון דעם ביאָגראַפישן ווערק, ניגעל האַמילטאָן, באַ־טראַכט ביידע ברידער פאַר די גרעסטע פיגורן אין דער דייטשער געשיכטע פון דעם 20טן יאָרהונדערט. זיי זענען געבוירן געוואָרן אין לובעק — דער עלטערער, היינריך, אין 1871 און טאָמאַס אין 1875. זייער פאָטער — אַ רייכער סוחר און אַ סענאַטאָר, די גאַנצע פאַמיליע — אַ בורזשואַזישע מיט אַ הויכן סטאַטוס. די ביידע זין האָבן שוין אָנהייב דעם 20טן יאָרהונדערט אַרויסגערופן קעגן זיך דעם גרימצאָרן

פון זייער מיטלקלאַס־אָפּשטאַם. היינריך איז באַרימט געוואָרן פון דער דערציילונג זיינער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ פיינער פילם, „דער בלויער מלאך" און האָט מאַרלען דיטריך אַרויסגעהויבן ווי אַ זייער טאַלאַנטירטע פילם־אַקטריסע. היינריך פלעגט זיך שפּעטער חכמע־ען, אַז דער גרויסער דערפאָלג איז צו פאַרדאַנקען „מיין קאָפּ און מאַר־לען דיטריכס פיס". געווען איז ער פּאָליטיש אַ ראַדיקאַל זיין גאַנץ לעבן.

טאָמאַס איז שוין געווען אַן אַנדערער. בעתן ערשטן וועלטקריג איז ער געווען אַ דייטשער פּאַטריאָט (היינריך האָט זיך שטאַרק קעגנ־געשטעלט דעם פּאַטריאָטיזם). געלויבט די קריגס־אָפּעראַציעס, אָבער אַליין אויסגעמיטן מיליטער־דינסט דורך כּאַבאַר און פאַמיליע־איינ־פלוסן... ערשט נאָכן קריג זענען שוין ביידע ברידער געווען איינ־שטימיק און האָבן ממש ווי נביאות געזאָגט וועגן אויפשטייג פון נאַציזם, אַזוי פרי ווי 1922, צוליב דער דעמאָלטיקער ריזיקער איינ־פלאַציע אין דייטשלאַנד. היינריך האָט געוואָרנט, אַז דער מיטלקלאַס איז מער געפערלעך פאַרן שלום און דעמאָקראַטיע, ווי די באַפרייטע קייזערלעכע אַרבעטסלאָזע אַרמיי־אָפיצירן.

טראָץ דעם, וואָס די ברידער זענען געווען פּאָליטיש אַריינגע־צויגן אין די געשעענישן, האָט עס אָבער לגמרי נישט באַווירקט זייער ליטעראַרישע אַרבעט, וואָס איז געווען דער תמצית פון זייער לעבן און שאַפן. טאָמאַסעס ראָמאַן די בודענברוקס האָט בשעתו געעפנט אַ ברייט פענצטער (גלייכצייטיק א שטורעם...) צו זען פון אינעווייניק די בכבודיקע משפחות פון לובעק — זיין אייגענע בתוכם. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז דערפאַר באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ פסול אין דער משפחה („געבראַכט חרפות זיין היימשטאָט, פון א שלעכט דערצוי־גענעם זון, רעספּעקטלאָז און א שגץ"...) אַ פעטער זיינער האָט פון עגמת־נפש אַנאָנסירט מיט קידוש־לבנה־שריפט אין דער פּרעסע זיין זידלעריי פאַר דעם שלאַנג, דעם פּלימעניק זיינעם.

איז דאָס נישט קיין נייעס אין דער ליטעראַרישער וועלט — נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער פאַל פון חרפּות נעבעך אין דער משפּחה...

דער ביאָגראַף האָט געהאַט אַ שווערן „דזשאָב" צוזאַמענצושטעלן אַ געלונגענע ביאָגראַפיע וועגן צוויי אַזעלכע פאַרשידענע שרייבער — און אין איין בוך. ער ווייזט מיט ביישפּילן וואָס פאַר אַ שטאַרקן איינ־פלוס איין ברודער האָט געהאַט אויפן אַנדערן. זיי זענען קינסטלעריש רייף געוואָרן אויף פאַרשידענע אופנים און אויך נישט מיט דעם זעלבן טעמפּאָ. זייערע באַציאונגען האָבן נישט אויסגעמיטן קנאה, דאָך האָט זיי שטאַרק געבונדן די פאַמיליאַרע נאָענטקייט. איינער האָט זיך געגווי־טיקט אין אַנדערן. אָן דעם וואָלט אפשר יעדער פון די ברידער געווען

מסתמא אַנדערש און ווייניקער. דער אָפּשטאַם, די געירשנטע אייגנ־שאַפטן האָט זיי געמאַכט פאר די ברידער מאַן און נישט צווי באַזונ־דערע „ליטעראַרישע אַטאַמען” (האַמילטאַן).

דער נאַציזם האָט גורם געווען ביידע זאָלן אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע. האַרוואַרד־אוניווערסיטעט האָט טאַמאַסן באַערט (מיט אַ דאַקטאָראַט פון ליטעראַטור) און ער האָט אויך באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע.

אָבער היינריך איז, מסתמא, צוליב טאַמאַסעס גרויסן קינסטלערישן דערפּאָלג, ביסלעכוויז פאַרזען געוואָרן און געבליבן שוין אין שאָטן.

דער ביאָגראַף צייכנט זיינע געשטאַלטן נישט בלויז ווען זיי זענען פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך, נאָר אויך אין שלאַפראָק און שטעק־לאַטשן. ער ווייזט די בראָדעווקעס אויף זייערע פּנימער, שטריכן פון נעוווראָזע (היינריך) און פון אַן אַלטן זיך באַהערשטן נודניק (טאַמאַס). איינצייטיק, שאַצט ער הויך אָפּ זיינע גרויסע ווערק.

מאַרק טוועין

דער באַרימטער אַמעריקאַנער הומאָריסט מאַרק טוועין געהערט אויך צו די אַלטע שרייבערס. און אָט האָבן זיך לעצטנס באַוויזן נייע אָפּהאַנדלונגען וועגן אים; אַן איבעריקער באַווייז, אַז ביי די אומות העולם איז נישט חל אָט דער „געזעץ” פון שכחה, וועגן וועלכער מען באַקלאָגט זיך אָפט אין אונדזער יידיש וועלטל.

אינטערעסאַנט, אַז מאַרק טוועין האָט אין זיינע אויטאָביאָגראַ־פישע נאָטיצן אָנגעמערקט, אַז ווען מען באַנוצט דעם טראַפּאַרעט לגבי אַ שרייבער „אַז ער וועט לעבן אייביק” מיינט עס פּאַקטיש, אומ־געפער, בערך אַ דרייסיק יאָר, און אַ לענגערע קינסטלערישע איי־ביקייט איז גאָר נישט בנימצא. זעט זיך פון דעם, אַז ער איז געווען אַ גרויסער סקעפּטיקער און זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז מען וועט וועגן אים שרייבן אין אַזוי פיל צייט און יאָרן נאָך זיין טויט.

וויל איך אים טאָן אויך אַ חסד של אמת און געבן דאָ אייניקע פאַרצייכענונגען וועגן זיין לעבן און שאַפן, אָפּפרישן זיין אָנדענק אויף פאַרן יידישן לייענער. (אגב, וויל איך דאָ באַמערקן, אַז מיר קומט אויס צו האָבן אַ שקלאָ וטריא מיט רעדאַקטאָרן, וואָס האַלטן, אַז מיר דאַרפן היינט נאָר זיך אָפּשטעלן אויף יידישע שרייבערס און ווערק און נישט אויף די גויאישע. אַן אויסנאַם — אויב זיי שרייבן אויף אויף אַ יידישער טעמע).

זיין לעבן איז פאָרגעקומען אין אַ צייט פון דער גרעסטער עקס־פּאַנסיע אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. ווען ער איז געשטאָרבן

זענען שוין די פאראייניקטע שטאַטן געווען אין פולן טעכנאָלאָגישן שווונג. דער עראָפּלאַן איז שוין געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג און אַזוי אויך אַנדערע דערפינדונגען. אָבער אין זיין קינדהייט איז ער געווען נאָך אַן עדות פון דער שקלאַפעריי און פון דעם פאַרביטערטן קאַמף, וואָס איז אַנגעגאַנגען עס אָפּצושאַפן. ער דערציילט, אַז זיינע עלטערן אַליין האָבן געהאַט צוויי שקלאַפן און ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, פלעגט ער גיין, ווי צו אַ „פּיקניק", זען ווי מען הענגט מענטשן (שקלאַפן).

זייענדיק געבוירן אין די דרום־שטאַטן פון אַמעריקע (1835), איז ער געווען אַן עדות פון זיינע פריסטע־יאָרן פון די אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן פון אַקומולירטע רייכטימער אַ דאַנק די געעפנטע נייע שטחים, וואָס האָבן אין יענעם פעריאָד אויסגעברייטערט די גרענעצן פון די פאראייניקטע שטאַטן.

און די פּיאָנערן זענען נישט געווען קיין אויבערמענטשן און ווייט נישט אַזוי העלדיש, ווי זיי ווערן פאַרגעשטעלט אין די האָליוואודער פילמען, — שטעט זענען טעראָריזירט געוואָרן (געשיכטע, ווי מיר זעען חזרט זיך איבער...) און די איינוווינערס, פאַרהאַרטעוועטע גאָלד־גרעבערס, האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט די אָנפאַלערס, ווי מען ווייזט אונדז אין דעם שיינעם פילם „אין מיטן העלן טאָג" („היי נון").

מאַרק טוועין האָט געזוכט צו געשטאַלטיקן אין זיינע ווערק („לעבן אויף דער מיסיסיפּי"; „די אומשולדיקע אין דער היים"; „האָקלעבערי פין"; „טאָם סאוער") דעם גאָלדפיבער און דעם אַמעריקאַנער טרוים גיך רייך צו ווערן — א חלום, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַלע און אַלע־מען — אים בתוכם — אַ פאַקטועלער בילד פון זיין צייט און דור.

ער גופא האָט, ווי אַנדערע, געמאַכט און פאַרלוירן גרויסע סומעס געלט און ווידער געפּרוווט זיין מזל, געשטעקט זיינע פינגער אין פייער, אַפילו ווען ער האָט זיך אָפּגעבריט... דערמאָנט עס דאָך אין אונדזער מנחם מענדל, אָבער מיט אַן אונטערשייד פון דעם אַמעריקאַנער שווונג.

זיינע ווערק זענען א וויכטיקער צושטייער פון סאָציאַלער גע־שיכטע, אָבער מיט קינסטלערישע דויערנדיקע ווערטן. זיינע סאָציאַלע באַשרייבונגען פאַרמאָגן ערנסט און בורלעסק, דורך וועלכע זיינע מיט־צייטלערס ווערן סאַטיריש פאַרשפּיגלט. זיין הומאָר און סאַטירע האָט זיך צעטראָגן איבער דער וועלט, וואָס האָט דערקענט אין אים נישט סתם אַ כראָניקער פון מיסיסיפּי און פון גאָלדגעיעג, נאָר א גרויסן הומאָריסט („דער אַמעריקאַנער שלום עליכם"...) און שטאַרקן סאַטירי־קער. זיינע לעקציעס פלעגן ציען גרויסע מאַסן און זיינע ווערטלעך און וויצן זענען אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל.

היינט זעען אויס זיינע ווערטלעך גאַנץ ווייניק קאָמיש, אָבער,

בשעתו, האָט ער געהאַט אַ שם פון אַ „קאָמיק־לעקטשורער" און געהאַט דערפאָלג נישט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין איראָפּע (געווען מיט זיינע לעקציעס אין לאָנדאָן, בערלין, ווין, אַנגעשפּאַרט קיין קאַל־קוטאַ און אַזש ביזן ווייטן מעלבורן, אין אויסטראַליע).

עס איז, אפשר, כאַראַקטעריסטיש, וואָס זיינע לעקציעס פלעגן האָבן דעם גרעסטן דערפאָלג ביי דעם אַנגלאָ־זאַקסישן און דייטשן עולם. אָבער נישט זיין אַרומפאָרן מיט לעקציעס, נאָר דאָס וואָס זיינע ווערק האָבן געלאָזן: דאָס וואָס בלייבט! ער האָט דורך פאַרשידענע מאַסקעס פאַרשפּיגלט די מענטשלעכע נאַטור, אַנגעוויזן ווי אַזוי דער מאַטער־יעלער דרוק אויפן מענטשן (און אויך אַנדערע פאַקטאָרן) זענען גורם צו אַ מאָראַלישער ירידה פון זיין אינדיווידואַליטעט, ווען טראַדיציע פאַרלירט איר קראַפט, אָדער ווערט באַזייטיקט אין גאַנצן. ער שטעלט אַפּט אַוועק די פראַגע: ווי אַזוי וואָלטן מענטשן זיך אויפגעפירט, ווען זיי האָבן נישט מורא אָפּגעזאָגט צו ווערן פון זייער אַרבעט און דער־שפּירן נישט דעם אויסערלעכן דרוק אין זייער לעבן?

ער האָט פּרעטענדירט צו זיין אַ סאָציאַלער קריטיקער מיט אַ פילאָזאָפישער באַפאַרבונג. זייענדיק אַ גייסטיק קינד פון וואָלטער, האָט ער געהאַט אַן איראָניש־סקעפּטישן בליק אויפן לעבן, אַן איינ־געבוירענעם פּעסימיזם אונטער אַ מאַסקע פון פריילעך זיין. אָבער הינטער זיין קאָמיזם איז געווען אויסבאַהאַלטן זיין אייגן טראַגיש לעבן, זייענדיק אַליין אַ שווער־געפּרוּווטער, דורך די שווערע טראַ־געדיעס אין זיין פאַמיליע. אָבער דעם אינערלעכן טרויער האָט ער קיין מאָל נישט אַריינגעלאָזט אין זיינע ווערק. זיין אַקסיאָמע איז געווען: „לערן זיך ווי אַ צושויער צו שמייכלען איבער דער אייגענער אַגאָניע".

אין זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך „לעבן אויף דער מיסיסיפּי", באַ־מערקט ער, אַז דאָס אינערלעכע לעבן פון מענטש קען מען נישט באַשרייבן. געמיינט האָט ער וועגן זיין אייגן לעבן, וואָס רופט זיך איבער מיט דעם באַרימטן עפּיטאַף פון אונדזער שלום עליכם. ער האָט אין ערשטן טייל פון דעם בוך מיט אַ כוונה געענדערט אפילו דאַטעס, ערטער, און אויך אַנדערע פּרטים. ביאָגראַפן דערציילן, ווי זיין פרוי פלעגט אים טיראַניזירן. זי פלעגט יעדן פרימאָרגן דורכגיין מיט אַ בלויען בלייפעדער איבער זיינע אַנגעשריבענע זייטלעך און אויסמעקן אַלץ, וואָס איז איר נישט געפעלן געוואָרן. דעריבער ווערט זי באַשולדיקט, אַז צוליב איר האָט ער נישט אַנגעשריבן די ווערק, וואָס האָבן געדאַרפט און געקענט דורך אים געשאַפן ווערן.

און געווען איז ער אַ מענטש מיט זייער אַ שוואַכן כאַראַקטער און דאָס קענטיקט זיך בולט. ער האָט שנעל געקענט טוישן זיינע סימפּאַטיעס (אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג אין אַמעריקע),

געווען ביי אים אַ געוויסע טענדענץ צו זיין תמיד מיטן שטאַרקסטן צד. עס איז דאָך געווען אַ טראַנזיט־צייט: די שטאַטן — שוואַך, די קירכע שוואַך, אַ חוץ דעם האָט זי (די קירכע) געערדט מיט פאַרשידענע שטי־מען, אַנדערש אין דרום און אַנדערש אין צפון — ווי אַזוי עס האָט איר אויפן מאָמענט געלוינט...

אויך סעמיועל קלעמענס (זיין ריכטיקער נאָמען) האָט עס מיט־געמאַכט און דאָס ווערט שטאַרק אונטערגעשטראָכן דורך זיינע ביאָגראַפן.

וואָס שייך, צי טאָקע צוליב דער דעספּאָטישקייט פון זיין ווייב האָט ער נישט געקענט אָנשרייבן די ווערק וואָס ער האָט געוואָלט? באַטאָנען אַנדערע, אַז קיין שום שרייבער איז נישט קיין אינטעלעקטועלער שקלאַף פון זיין ווייב. זי קען אים נישט אָפּשטעלן צו שרייבן דאָס, וואָס ער וויל ווירקלעך.

שטעלן מיר ביי דעם אַ פּונקט, נישט אַריינגייענדיק אין די חלוקי דעות אַרום דעם. וואָס איז מיר יאָ וויכטיק, איז דער אינטערעס, וואָס ביי די אומות העולם ווייזט מען באַשיינפּערלעך אַרויס צו די אַלטע שרייבערס, וועלכע מען טייטשט אויס אויפסניי פאַר יעדן דור און מען שרייבט וועגן זיי תוכיקע, וואַגיקע ביכער, ווו זיי ווערן באַלעבט און אויסגעלופטערט פון דעם שטויב, וואָס די צייט האָט זיי באַדעקט...

אַ ניי ליכט אויף פּאַסטערנאַקס לעצטע יאָרן

(זיין שטאַרקע ליבע)

עס איז אָקאָרשט דערשינען אין ענגליש דאָס בוך אַ געפאַנגענע אין צייט — מיינע יאָרן מיט פּאַסטערנאַקן — פון אָלגאַ איווינסקאַיאַ (וואָס איז דער פּראָטאָטיפּ פון לאַראַ אין פּאַסטערנאַקס דאָקטאָר זשיוואַגאָ). אין בוך דערציילט זי, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן זייער הייסע ליבע (1946), און אָנגעהאַלטן דורך די יאָרן אויך בעת אירע צוויי מאָל זיצן אין טורמע (און אויף פאַרשיקונג), ביז זיין טויט (1960). זי איז געווען זיין לעבנס־האַרץ־באַגלייטערין במשך פון 14 יאָר און ער האָט, ווי באַוווסט, איר געווידמעט דעם ראָמאַן, וואָס האָט אים און איר פאַרשאַפט אַזוי פיל צרות און האַרצווייטיק.

וועגן דר. זשיוואַגאָ גופא האָב איך בשעתו פאַרעפנטלעכט אַ גרע־סערע אָפּהאַנדלונג אין מיין בוך פונקען און פלאַמען. וועל איך איצט נאָר זיך אָפּשטעלן אויף די שילדערונגען פון איווינסקאַיאַס בוך, וואָס איז אַ מין נאָכשריפט צו די שוין באַקאַנטע טראַגישע נאָכווייענישן נאָכן דערשיינען פון דר. זשיוואַגאָ. אירע ליבע נאָכוויייענישן האָבן זיך

אָבער נאָך אָנגעהויבן מיט בערך אַ צענטליק יאָר פאַרן דערשיינען פונעם בוך, ווען זי איז געוואָרן אַרעסטירט, געזעסן אין טורמע און פאַרשיקט געוואָרן צוליב אירע באַציאונגען מיט דעם גרויסן, און נאָן־קאָנפאָרמיסטישן פּאָעט, שוין דאַן זייער באַרימטן באָריס לעאָנידאָוויטש פּאַסטערנאַק.

איווינסקאַיאַ האָט זיך מיט אים באַקענט אין דער ביוראָ פון באַוווּסטן סאָוויעטישן ליטעראַרישן זשורנאַל נאָווי מיר. זי האָט געאַרבעט אין דער רעדאַקציע און ער איז אַריינגעקומען אַהין אין שייכות מיט זיין ליטעראַרישער אַרבעט. איר לעבן איז שוין געווען פול מיט טראַגיק. איר ערשטער מאַן האָט זיך גענומען דאָס לעבן, דער צווייטער איז געשטאָרבן פון אַן אומהיילבאַרער קראַנקייט אויף אירע הענט אין שפּיטאָל. פוןביידע מענער זענען איר געבליבן צוויי קינדער, אַ מיידל און אַ יינגל. געוווינט האָט זי צוזאַמען מיט דער מאַמען און אַ שטיפפאָטער אין אַן ענגער וווינונג — דאָס איז געווען דער הינטערגרונט בעת פּאַסטערנאַק איז אַריין אין איר לעבן.

גייען שילדערונגען פון אירע סטודענטישע יאָרן, ווען זי איז נאָך געווען אין דעם פאַקולטעט פאַר ליטעראַטור און זי האָט געהערט פּאַסטערנאַקן רעציטירן זיין פּאָעזיע, אָהער די איבערזעצונגען זיינע פון די פּערל אין דער וועלט־פּאָעזיע. (כאַראַקטעריסטיש ווי אַזוי מען האָט צו אים אָרויפגעקוקט: ווען זי איז איין מאָל אויסגעפּרעגט געוואָרן פון איר מאַמען וועגן זיין לייענען — נאָכן צוריקקומען פון אַ פּאָעזיע־טראַנס — האָט זי געזאָגט צו דער מאַמען: „לאָז מיך צורו. כ׳האָב אָקאָרשט גערעדט צו גאָט”). ווועלן מיר נישט דורכגיין די קאַפּיטלען וועגן די פאַרשידענע פּאַזעס — פריידיקע און ווייטיקדיקע. ער האָט דאָך געהאַט אַ פרוי מיט קינדער — ווען זייער ליבע איז געוואָרן אַן אָפענע און ער האָט אויפגעהאַלטן צוויי וווינונגען אין פּערעדעלקינאָ (הינטער מאָסקווע — אַ דאַטשע־אָרט פאַר שרייבער) — די גרעסערע פאַר דער פרוי און קינדער, אַ קלענערע — פאַר זיי ביידע.

אין דירהלע האָבן זיי געאַרבעט צוזאַמען אויף איבערזעצונגען. ביז איינמאָל האָבן זיי, זיצנדיק אין אַן עפנטלעכן פּאַרק און געשמועסט וועגן זיין אַרבעט אויף דעם ראָמאַן (זשיוואַגאָ), דערזען לעבן זיך אַ מאַן, וואָס האָט זיי דורכגעשפּיזט מיט זיין שפּיזיקן בליק. ווען זי איז אַוועק אַהיים, איז ער איר נאָכגעגאַנגען און א ביסל שפּעטער האָט מען זיך אַריינגעריסן אין איר דירה און אָנגעהויבן נישטערן. דורכגעוואָרפן אַלע ביכער און פּאַפּירן און מיטגענומען אַלץ (פּאַפּירן, מאַנוסקריפּטן) פון פּאַסטערנאַקן. מען האָט זי אַוועקגעפירט, אָבער די רעוויזיע איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען. אין שטוב זענען געווען די קינדער און איר מאַמע. די דאַטע: 6טער אָקטאָבער 1949.

געזעסן אין לוביאַנקאַ און במשך פון צוויי חדשים האָבן צוויי אויספאָרשונגס־ריכטער איר געפּייניקט, אַז זי זאָל באַשמוצן פּאַסטער־נאַקן מיט אַ צוגעטראַכטער שפּיאָנאַזש־אַקציע, פאַרבונדן מיט דער בריטישער געהיים־פּאָליציי און זי זאָל אויך זיין אין דעם פאַרמישט! דערציילט זי, אַז זי האָט דעמאָלט געשוואַנגערט מיט פּאַסטערנאַקס אַ קינד און געבעטן דערלויבן אים צו באַזוכן איר אין טורמע. שיל־דערט זי אַזאַ מאַקאַבריש בילד: פּרעטענדירנדיק, אַז זיי גייען איר בקשה אַנטקעגנקומען, האָט מען זי געפירט דורך אַ ריי קאָרידאָרן און דורך אַ טיר אַריינגעוואָרפן אין — מתים־שטיבל פון לוביאַנקע. זי האָט געמפּילט. און נאָך דעם האָט מען זי פאַרשיקט אויף 4 יאָר אין אַ שקלאַפנלאַגער.

פּאַסטערנאַק האָט דורך די יאָרן געשטיצט איר מאַמען מיט די קינדער. נאָך סטאַלינס טויט איז זי באַפרייט געוואָרן. אָבער זייער מצב האָט זיך גאַנץ ווייניק פאַרבעסערט. דערציילט זי ווייטער ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען מיט דר. זשיוואַגאָ, ווען די סאָוויעטישע פאַר־לאַגן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן דאָס ווערק און דער מאַנוסקריפּט איז געוואָרן אַרויסגעשמוגלט קיין אויסלאַנד. נאָכן דערשיינען דאָרט איז עס געוואָרן אַ „בעסטסעלער״.

שילדערט זי וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען פּאַסטערנאַק האָט באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע — אַ טראַגישע פּרשה, וואָס איז גוט באַקאַנט. אָבער זי וואַרפט אַ שיין אויף דער דערשטיקנדיקער אַטמאָס־פער אַרום זיי און די געשיכטע מיט איינגעמאָנטירטע מיקראָפאָנען אין זייערע ווענט.

זי באַמערקט, אַז פּאַסטערנאַק פלעגט ביים אַריינקומען זיך באַ־גריסן, שפּאַסנדיק, מיט דעם שאָטן פון די מיקראָפאָנען. כסדר גע־גלויבט, אַז אין שטוב איז ביי זיי כסדר דאָ אַ „דריטער״ — אַן אומ־געזעענער שותף בעת זייערע שמועסן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען די קלענסטע בייז. ערגער איז געווען מיט דער העצע פון מאָ־ראַלישן טעראָר — אויך אויף איר — צו באַווירקן אים זיך אָפּצוזאָגן פון דער נאָבעל־פּרעמיע. עס דערמאָנט זיך — זי באַטאָנט עס — ווי פּאַסטערנאַק האָט געזאָגט פאַר אויסלענדישע זשורנאַליסטן: „זיי ווילן איך זאָל האָסן דאָס, וואָס איך האָב ליב און האָבן דאָס, וואָס איך האָב פיינט״. און פאַרוואָס נישט דערמאָנען ווי אַזוי דער פירער פון דער „יונג קאָמוניסטישער ליגע״ האָט פּאַסטערנאַקן באַזידלט מיט: „חזיר, דער וואָס האָט פאַרחזרט די ערד פון זיין לאַנד״. פּאַסטערנאַק האָט איר דעמאָלט פאַרגעלייגט צוזאַמען זיך נעמען דאָס לעבן. זי האָט עס אָפּגעוואָרפן און אַכטונג געגעבן ער זאָל עס אַליין נישט רעאַליזירן.

סוף 1958 האָט ער געוווּסט, אַז ער איז שטערבלעך קראַנק. געווען

שטאַרק באַזאָרגט וועגן איר גורל און וועגן איר טאָכטער (אירינאַ). אין דעם פיזישן און פסיכישן צושטאַנד האָט ער זיך געלאָזט ברעכן און אָפּגעוואָרפן די נאָבעל־פּרעמיע. מיר דערמאָנען זיך זיין בריוו צו כרושטשעוון (איבערגעדרוקט אויך אין פּראַוודאַ). און דאָ קומט פון איווינסקאַיאַ אַן אומבאַקאַנטער פאַר מיר פאַקט. מען האָט זי געצוווּנגען נאָכצומאַכן זיין אייגנהאַנטיקע האַנטשריפט און איבערשרייבן זיין טעקסט. עס זאָל הייסן: ער אַליין האָט געשריבן צו דער פּראַוודאַ. שפּעטער האָבן זיי ביידע שטאַרק באַדויערט זייער האַנדלונג, געמאַכט אין אַ מאָמענט פון שטאַרקער פאַרצווייפלונג. אויך דער געפּעלשטער בריוו האָט איווינסקאַיאַן נישט אָפּגעראַטעוועט פון ווייטערדיקע יסורים. דריי חדשים נאָך זיין טויט האָט מען זי אַרעסטירט מיט איר טאָכטער — איצט, אַ שפּאָגל־נייע אויסגעטראַכטע וואַלוטע שפּעקולאַציע.

איר טאָכטער איז באַלד באַפרייט געוואָרן, אָבער זי אַליין איז פאַרשיקט געוואָרן און אָפּגעפּינצערט נאָך 4 יאָר אין טאַישענט — אַ גרויסער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין סיביר. דערציילט זי וועגן דער נסיעה אַהין: „איך קאָן זיך אפילו היינט פּסיכיש נישט באַפרייען פון די שוידערלעכע באַדינגונגען בעת דער רייזע. די לעצטע פּאַזע — געצוווּנגען געווען צו גיין צו פוס ביז שפּעט ביינאַכט אין אַ ברענענדיקן פראָסט, וואָס איז מסתמא פאַר די סיביריאַקעס נישט געווען אַזוי שרעקלעך, ווי פאַר אונדז מאָסקווער. דער פראָסט האָט אַדורכגעדרונגען דעם מאַרך פון די ביינער״. און דאַן שילדערט זי דעם אָריינקום אין לאַגער, ווו זי האָט זיך געטראָפן מיט פיל אַנדערע אַרעסטאַנטן. באַפרייט איז זי געוואָרן אין 1964 און צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, ווו זי וווינט עד היום אַן אָפּגעזונדערטע, אַן איינזאַמע...

אָלגאַ איווינסקאַיאַ איז איצט אַלט 63 יאָר (ווען זי האָט זיך באַקענט מיט פּאַסטערנאַקן איז ער אַלט געווען 56 יאָר און זי 34). אירע מעמואָרן (איבער 500 זייטן) אַרויסגעשמוגלט פון רוסלאַנד האָבן נישט געדאַרפט זוכן קיין פאַרלעגער. 4 פאַרלאַגן, אַמעריקאַנער און אייראָפּעאישע, האָבן עס אויסגעכאַפּט. די פראַגע איז: צי וועט זיך נישט אָנהייבן איצט אַ נייע העץ־קאַמפּאַניע קעגן איר?

— די צייט וועט ווייזן...

שפּריצן פון ליטעראַטור און לעבן...

— I —

ליטעראַטור און לעבן זענען גאַנץ נאָענטע מחותנים. און זיי טרעפן זיך נישט איין מאָל צונויף, דורך פאַרשידענע אופנים, אויף א געמיינזאַמען באָדן. אָבער אויף אַזאַ אופן, ווי עס איז מיט אַ צייט צוריק געשען אין מעלבורן, באַגעגענען זיי זיך זייער זעלטן. עס איז אָן ספק כדאי וועגן דעם צו דערציילן, נישט בלויז צוליב דער ביזאַרער פאַסירונג, נאָר אויך צו ליב איר מאָראַל, אין וועלכער מען קען אַ סך אַריינטייטשן און אויסטייטשן.

מיט אַ געוויסער צייט צוריק, האָט אין מעלבורן גאַסטראָלירט אַן ענגלישע טרופּע, וואָס האָט אויפגעפירט העגריק איבסענס דראַמע „העדדאַ גאַבלער", אין וועלכער עס האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל די באַוווּסטע פילם־אַקטריסע גלענדאַ דזשעקסאָן. די דראַמע ענדיקט זיך ווי באַוווּסט מיט אַ רעוואָלווער־שאָס פון העדדאַ גאַבלער, וואָס נעמט זיך דאָס לעבן.

וועל איך זיך נישט אָפּשטעלן אויף די פּראָבלעמען, וועלכע איבסען באַרירט אין דער דראַמע, און די רייד דאָרט וועגן דעם קוראַזש וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן צו לעבן און שטאַרבן ווי אַזוי ער וויל, און די באַגייסטערונג, וואָס העדדא ווייזט ארויס פאר דעם מאַן (איילערט לאַווּבאָרג), וועלכער האָט געהאַט דעם כוח אין זיך און דעם ווילן איבערצורייסן די סעודה פון לעבן... און אַזוי פּריציטיק, ווי דערמאָנט, פאָלגט זי נאָך זיין ביישפּיל און דער פאַרהאַנג פאַלט... דאָס איז די דראַמע, און איצט — פון לעבן.

אין איינעם אַ טאָג האָט אַ געוויסער הינדוס אין מעלבורן מיטן נאָמען סאַנדאַראַ ראַדזשאַן וואַסודעוואַן, באַשטעלט אַ גרעסערע צאָל טעאַטער־בילעטן פאר זיינע פריינד צו זען אָט די פאָרשטעלונג מיט גלענדאַ דזשעקסאָן. ער אַליין איז שוין צו דער פאָרשטעלונג נישט געקומען, ווייל אין דעם זעלבן טאָג (אין די פאַרטאָגשעהן) האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן — אויסגעליידיקט אַ פלעשל סם און פאַר אַ „גוטער מאָס" זיך אַריינגעשאָסן אַ קויל אין האַרצן...

אין דעם זעלבן פרימאָרגן, ווען דער רעווערענד פון אַ געוויסער מעלבורנער קירכע איז געקומען אין דער פרי מתפּלל זיין, האָט ער לעבן זיין קניען געפונען אַ בריוול פון דעם הינדוס, אין וועלכן עס איז געווען געשריבן: „טייערער פאָטער. איך בין באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ביטע רוף די פּאָליציי. כ'לייג דאָ ביי דעם שליסל פון מיין

ווינונג. רייסט נישט איבער דאָס דאַוועגען, אַ האַלבע שעה פריער אָדער שפּעטער, וועט נישט מאַכן קיין אונטערשייד". אונטערן בריוול איז געווען אונטערגעשריבן דער פולער נאָמען זיינער.

דער רעוועראַנד מיט זיין געהילף זענען אַוועק אויפן אָנגעגעבענעם אַדרעס. אין באָד־צימער איז געלעגן דער טויטער קערפּער, לעבן אים דער רעוואָלווער און דאָס אויסגעליידיקטע פלעשל פון סם... און פּונקט ווי די האַנטשריפט פון בריוול האָט עדות געזאָגט ווי רואיק די האַנט איז געווען ביים שרייבן די אויסגעציקלטע שורות (נישט געווען קיין שפּור פון נערוועזיטעט און אומאָרדענונג), אַזוי האָט דער רעוועראַנד אויך געטראָפן אין דער ווינונג. אַלץ איז געווען אין בעסטער אָרדענונג. אַלע זאַכן זענען געלעגן אויף זייערע ערטער מיט אָנווייזונגען, וואָס צו טאָן מיט זיי. די אינסטרוקציעס זענען געווען געשריבן מיט דער זעלבער פעסטער האַנט, ווי דאָס בריוול צום רעוועראַנד אין קירכע. צווישן די איבערגעלאָזטע פּאַפּירן איז געווען אַ צוואה, מיט אַ דאַטע פון אַ צען טעג פריער. אַ דאָקומענט פון אַ זיבן זייטן פאַר דעם פּאָליציי־„קאָמישיאָנער", געשריבן מיט דער זעלבער פּרעציזער האַנטשריפט.

די הויפּט־רעטעניש פאַר אַלע זיינע פריינד איז געווען: צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן? אָבער אידער מיר וועלן פּרוּוון אויפוויקלען און לייזן די רעטעניש, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ וויילע ביי אַ צווייטן גרויסן קינסטלער, וואָס האָט אין איינעם פון זיינע ווערק געשטאַלטיקט אַ מיסטעריעזן זעלבסטמאָרד, אמת, צוליב אַנדערע מאָטיוון, ווי אין איבסענס דראַמע, אָבער די ביידע קינסטלערישע שאַפונגען, האָבן זיך איבערגערופן אין מעלבורן, באַגלייט און פאַרשפּיגלט אינעם זעלבסטמאָרד פון דעם הינדוס. ליטעראַטור און לעבן האָבן זיך צונויפגעגאָסן, און אַרויסגערופן אַן ענלעכע מיסטעריע פון סאָציאַלע, פּסיכאָלאָגישע און נאָך אַנדערע מאָטיוון, פאַרבאָרגענע און אָפענע, וואָס גיבן שטאָף פאַר אַ נייער דראַמע און דערציילונג, אויפן פּאָן פון אונדזער צייט.

איך האָב דאָ אין זינען דוד בערגעלסאָנס דערציילונג „אָפּגאַנג", וואָס באַוועגט זיך אַרום דעם מיסטעריעזן טויט פון אַ יונגן בחור, מלך, וועלכער האָט זיך גענומען דאָס לעבן און געלאָזן נאָך זיך אַ גרויסן פאַרפּלאָנטערטן קנויל פון פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון, וועלכע דער מחבר זוכט קינסטלעריש אויפצובינדן.

אין „אָפּגאַנג", ווי אין דער מעלבורנער לעבנס־דראַמע, איז דער אָנהייב און סוף פאַרנעפּלט. און אפשר איז גערעכט בערגעלסאָן, ווען ער באַמערקט ערגעץ אין זיינס אַ ווערק („ביים דניעפּער"), אַז „אַלע זאַכן (אין לעבן) הייבן זיך אָן אין מיטן — מסתמא איז עס דערפאַר, וואָס איך ווייס בכלל נאָך נישט, וווּ אין לעבן איז אַן אָנהייב און וווּ

— אַ סוף"... אין לעבן זענען דאָ אַ סך פאַרנעפּלטע זאַכן און צווישן זיי — זעלבסטמאָרדן.

זעלבסטמאָרד איז נאָר דער פיזישער סוף פון אַ מענטשלעכן לעבן, אָבער נישט דער פּסיכאָלאָגישער. דער ליטעראַרישער סוזשעט ביי בערגעלסאָנען, און דער לעבנס־סוזשעט פון דעם דערמאָנטן הינ־דוס, זענען אַרומגעוועבט מיט רמזים, מיט האַלב ראָמאַנטישע ליכט־פלעקן, און ביידע געשטאַלטן — אין דער ליטעראַטור און אין לעבן — באַווייזן זיך אין פּראָפיל־שאָטנס, מטושטושדיקע, אימפּרעסיאָניס־טישע, געצייכנט אין אָפּגעהאַקטע שטריכן און אין ווייכע ליניעס, אַנדייטנדיקע אויף איבערלעבונגען און אינערלעכע ראַנגלענישן, וואָס האָבן פאַרצוקט ביידע פּראָטאַגאָניסטן אין דעם גרויסן וויכוח מיט זיך אַליין. זייערע נישט־דערזאָגטקייטן פאַרשפּיגלען מער, ווי די אַרויסגעבראַכטע רייד... מער נאָך: די פרוסטראַציעס און ריסן פון דעם יחיד פאַרקערפּערן אַ דור, וואָס זוכט נייע וועגן, נייע לעבנס־פאָרמען, און געפינט נישט...

— II —

אָבער לאָמיר נישט רעדן אין אַבסטראַקטע טערמינען, און פונקט ווי איבסען און בערגעלסאָן פאָלגן נאָך זייערע העלדן אין זייער אויסגעוועבטן דראַמאַטישן סוזשעט, אַזוי וועלן מיר אויך נאָכפאָלגן אונדזער העלד און שאַפן אַ געוויסן סוזשעט אויפן סמך פון די באַקאַנטע מאַטעריאַלן, וואָס זענען וועגן אים פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּרעסע.

מיט פיר יאָר צוריק איז דער הינדוס געקומען קיין מעלבורן ווי אַ סטודענט, אַ גראַדואירטער אין כעמישער אינזשענירונג. ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ גרויסער פירמע, וואָס האָט אים פאַר־אויסגעזאָגט אַ גרויסע קאַריערע מיט גאָר הויכע שכירות. אָבער מאַטער־יעלע פּראָפּיטן האָבן אים נישט אינטערעסירט, האָט ער געוואָרפן די אַרבעט און געוואָרן אַ לערער אין אַ טעכנישן קאָלעדזש און אַליין אָנגעהויבן שטודירן אין אוניווערסיטעט צו באַקומען אַ דיפּלאָם פון דערציאונג. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן אויך שטודירן טעאָלאָגיע — און דאָס איז זייער אַ וויכטיקער שליסל צו דער מיסטעריע פון זיין זעלבסטמאָרד.

ער איז געקומען קיין אויסטראַליע ווי אַ טיף רעליגיעזער מענטש און מיט שטאָלץ גערעדט וועגן זיין גלויבן אין איינער פון די אָריענ־טאַלישער רעליגיעס. ער האָט אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, וואָס ער איז אַ הינדוס, אַ בראַהאַמינער, און איז ממשיך די אמונה פון זיינע אבות, און זייער גאַנצע לעבנס־פילאָזאָפיע, וואָס גיט אים זעלישע

מנוחה. שפּעטער האָט ער אַנגעהויבן צווייפלען אין זיינע רעליגיעזע גלויבונגען, זאָגנדיק צו זיינע פריינד, אַז ער זעט איין, דאָס די אמונה פאַרנעמט זיך נאָר מיט דער נשמה פונעם יחיד און נישט פון דער מענטשהייט. אַפּנים ער האָט איבערגעלעבט אַ רעליגיעזן קריזיס און אין רעזולטאַט איז ער געוואָרן אַן אַטעאיסט.

אין דעם מאָמענט דאַרף אַריינקומען אין סוזשעט אַ ליבע מיט אַ קריסטלעך מיידל, וועלכע איז אַ מיטגליד פון אַ „טשוירטש־אָף אינגלענד״־קאָנגרעגאַציע. זי איז זייער פרום און אין אַ געוויסן פּרימאָרגן באַווירקט זי אים, ער זאָל איר באַגלייטן אין קירכע צו די תפילות.

פון דער באַגלייטונג איז ער דערגאַנגען, דורך אַ בליץ־שנעלן פּראָצעס, צו ווערן אַ קריסט, און ווי עס טרעפט מיט נעאָפיטן, איז ער געוואָרן פאַנאַטיש פרום און איבערגעגעבן צו זיין נייער רעליגיע. געוואָלט האָט ער אויך געהערן צו כלי־קודש, געהאָלפן ביים עמוד, ביי די תפילות, און געוואָרן אַ קאַנדידאַט אויף אַ פּריסט... ער האָט דאָס אָנגעהאַלטן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, און אפילו אַ נאַכט פאַרן טויט נאָך אָנגעפירט מיט די תפילות אין זיין קאָנגרעגאַציע־קירכע.

ער האָט די עלטערן אין אינדיע נישט צו וויסן געגעבן וועגן זיין רעליגיעזער טראַנספאָרמאַציע, און בכלל איבערגעריסן יעדע קאָ־מוניקאַציע מיט זיין פאַמיליע דאָרטן.

אויסערלעך, תמיד אַ צעשמייכלטער, אויסערגעוויינלעך אינטע־ליגענט און ליבלעך מיט מענטשן — האָט מען אים גערן אויפגע־נומען צווישן פריינד, בפרט אין הויז פון אַ געוויסער פאַמיליע, מיטן נאָמען טיילאָר, מיט וועלכער ער פלעגט אָפט פאַרברענגען.

אָט די פאַמיליע דאַרף ווערן אַריינגעפלאָכטן אין דעם סוזשעט, ווייל זי איז געווען דער הויפּט־פאַקטאָר, אַחוץ זיין מיידל, וועלכע האָט אים באַווירקט ער זאָל איבערגיין צום קריסטנטום, באַאיינפלוסט ער זאָל אַוועקגיין פון דער אמונה פון זיינע אָבות און געפינען גליק אין דעם קריסטלעכן אויסלייזער.

איך האָב דערמאָנט זיין מיידל, אָבער וועגן איר, בפרט זייערע ליבע־באַציאונגען, איז צו דער עפנטלעכקייט גאָר נישט דערגאַנגען. איך וואָלט, נאַטירלעך, געקענט אויסנוצן מיין אייגענע פאַנטאַזיע און שפּינען דעם ראָמאַן צווישן זיי און די באַציאונגען זייערע, וואָס האָבן זיך געהויבן און געפאַלן, ווי די כוואַליעס ביי די ים־ברעגעס. אָבער דאָס וואָלט געמיינט ציען דעם פאָדעם פון אַן אויסגעשריבענער און צום ווייפלטן מאָל איבערגעחזרטער, שוין באַנאַלער טעמע.

עס איז בלתי ספק דערגאַנגען צו אַ שאַרפן קריזיס, אָבער נישט דער ליבע־קריזיס האָט דערפירט צו דער טאַט, וואָס ער איז באַגאַנגען, מחמת דאָס איז נאָר געווען פאַרבונדן מיט אַ שאַרפן רעליגיעז־פילאָזאָפישן

קריזיס, וואָס זיינע פריינד האָבן נישט באַמערקט, אָבער ער האָט עס טיף דורכגעלעבט.

אַן אינטערעסאַנטער פּרט: אַ יאָר פאַר זיין טויט איז פאָרגע־קומען אין הויז פון דער פאַמיליע טיילאָר אַ צוזאַמענטרעף צווישן דעם הינדוס מיט אַ געוויסן רעווערענד, דזשאָרדזש מאַרטין. דער שמועס דאָרט איז געווען אויפן רעליגיעזן באָדן אין פאָרם פון אַן אינטערוויו. דער הינדוס האָט אָנגעגעבן די מאָטיוון, וואָס האָבן גורם געווען, אַז ער זאָל אָננעמען קריסטנטום און דורך זיי האָט זיך אַנטפּלעקט דער סאָציאָ־רעליגיעז־פילאָזאָפישער קריזיס, וואָס עס מאַכן דורך מענטשן, עמפינדלעכע און ערלעכע, וואָס גלויבן, אַז מען קען לייכט טוישן קול־טורן, לעבנס־באַנעמונגען, נטיות, טראַדיציעס, אָן פסיכישע ווונדן און פאַטאַלע רעזולטאַטן...

אַזוי האָט אויך געמיינט אונדזער העלד. לאָמיר אים דאָ אָנרופן ביי זיין פולן נאָמען: סאַנדאַראַ ראַדזשאַן וואַסודעוואַן. מיר זעען אים אַריינגעכאַפּט צווישן צוויי ציוויליזאַציעס מיט זייערע ספּעציפישע פילאָזאָפיעס.

דער רעווערענד מאַרטין, וואָס האָט דעם הינדוס אינטערוויואירט, איז אַליין געקומען צום זעלבן אויספיר און געזאָגט: „ער האָט נאָר אָנגענומען אַ טייל פון דער מערבדיקער ציוויליזאַציע. אָבער אַ טייל פון אים איז פאַרבליבן אין דער מזרחדיקער“. אינעם זעלבן מצב געפי־נען זיך נאָך פיל ענלעכע ווי ער, וואָס טרעפן זיך אָן מיט דעם זעלבן טיפן אינעווייניקסטן געראַנגל: „ער האָט די קריסטלעכע רעליגיע נאָר אינטעלעקטועל אָנגענומען, אָבער עמאָציאָנעל האָט ער זי נישט גע־קענט אַרומנעמען“... אויף אַזוי פיל דער רעווערענד אין זיין אַנאַליז פון אינטערוויו.

אָט די געשיכטע מיט איר מוסר השכל גיט אַ סך נאָכצוטראַכטן און נישט נאָר וועגן מענטשן פון אָריענט, נאָר אויך פון נאָענטערע מענטשן, וואָס רייסן לחלוטין איבער מיט דער קולטור־ירושה פון זייערע אָבות, הינטער וועלכע עס שטייען הונדערטער דורות, און זיי זוכן צו זיין דער בראשית פון עפּעס אַ גייסטיק־קולטורעלער קרקע בתולה; אַנשטאָט צו זוכן נייע אידעען, נייע שטרעמונגען, וואָס זאָלן זיך האַרמאָניש באַהעפטן מיט די עלעמענטן פון זייער דורות־דיקער קולטור און טראַדיציע, רייסן זיי אין גאַנצן איבער מיט אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט זייער נעכטן.

— III —

עס זענען פאַראַן אויך פון אַן אַנדערער קאַטעגאָריע — אומ־רואיקע גייסטיקע זוכערס. אַזעלכע זוכנדיקע גייסט־מענטשן זענען

נישט קיין איבערלויפערס. זיי ווילן און זוכן „אָפענע פענצטער” צו אַנדערע קולטורן און ציוויליזאַציעס; אָפענע טירן, וואָס זאָלן נישט פאַר־פירן צו אַסימילאַציע־וועגן און אָפּוואַרפן דאָס אייגענע פון דער דורותדיקער ירושה, נאָר צו קענען שאַפן אַ סינטעז פון דאָס אַלטע און דאָס נייע.

אָט דער הינדוס איז דאָך געווען פאַרוואַרצלט מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים אין זיין נאַציאָנאַלער קולטור. זיין פּרווו זי לחלוטין אָפּצוואַרפן און זיך איינגלידערן אין דער פרעמדער מערבדיקער קולטור, מיט אַלע אירע באַגלייט־דערשיינונגען, האָט אים דערפירט צו דער טאַט, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרן איינציקן אויסוועג...

אין בערגעלסאָנס דערציילונג, איז דער זעלבסטמאָרד פונעם יונגען בחור, מלך, אויך איינגעהילט אין אַ רייכער גאַמע פון מיסטעריעזע עלעמענטן: אַ יאָרצייט־ליכט, וואָס אַ געהיימע האַנט האָט אָנגעצונדן אין זיין וווינונג. וועמענס האַנט איז דאָס געווען? איז דאָס געווען פון דער צעפּיעשטשעטער מיידל, חוה פּויזנער, מיט וועמען ער האָט זיך פאַר־פלאָנטערט אין אַ געהיימער ליבע? דער פּלוצלונגער טויט פון דעם יונגן בחור ווערט אַרומגענומען מיט פאַרנעפּלטע שולד־געפילן, חלומות, בענקשאַפטן, ראָמאַנטישע זוכענישן, מענטש־לעכע קאָנטראַסטן, אָבער דאָס אַלץ — פון איין און דער זעלבער וועלט, פון דעם זעלבן נאַציאָנאַלן און קולטורעלן אָפּשטאַם.

אַנדערש איז עס צוגעגאַנגען ביי אונדזער דערמאָנטן הינדוס. איך מיין נישט נאָר זיין רעליגיעז־פילאָזאָפישע טראַנספאָרמאַציע, נאָר אויך זיין צוגאַנג צום געדאַנק פון זעלבסטמאָרד, וואָס טראָגט מיט זיך די אָריענטאַלישע פינגער־צייכנס. ער איז צוגעגאַנגען צום זעלבסט־מאָרד געדאַנק, ווי ער וואָלט געמאַכט וועגן עמעצן אַ גוטן וויץ... דאָס האָט ער אַרויסגעבראַכט אין זיין שמועס מיט דעם דערמאָנטן רעווערענד, מאַרטין, נאָך מיט אַ יאָר פריער פאַרן אויספירן דעם אַקט. אַ חודש פאַרן טויט האָט ער זיך געחכמעט מיט זיינע פריינד, באַזונ־דערס מיט זיין באַקאַנט מיידל, וועגן טויט; געמאַכט וויצן, אַז ער גייט זיך נעמען דאָס לעבן, טאַקע קליפּ און קלאָר געזאָגט, אַז ער גייט זיך שיסן און די פריינד האָבן אָנגעשריגן אויף אים, ער זאָל נישט מאַכן אַזעלכע וויצן...

אין זיין בריוו צום „פּאָליציי־קאָמישיאָנער” באַטאָנט ער, אַז ער האָט שוין געפּרווט באַגיין זעלבסטמאָרד מיט 11 טעג פריער, זיך דאַן איבערגעשניטן די אָדערן, נאָר עס איז אים די טאַט נישט גע־לונגען... איצט אָבער נעמט ער אָן אַלע נויטיקע מיטלען עס דורכ־צופירן מיט דערפאָלג... און ער גיט אָן זיינע סיבות: נישט צוליב ליבע, אָדער פינאַנציעלע שוועריקייטן; צי גאָר צוליב אַ נישט דערגרייכטער קאַריערע. ניין, נישט צוליב די אַלע סיבות, נאָר: איך האָב באַשלאָסן

צו נעמען זיך דאָס לעבן, נאָך אַ פּאָרזיכטיקער איבערטראַכטונג פון מיין פערזענלעכן לעבן און וועגן לעבן אין אַלגעמיינע טערמינען. די מאָטיוון קענען ממשיך זיין האָבן איבערגעוויגן די מאָטיוון פאַר, און טויט האָט אויסגעזען, ווי אַ מער־דערטרעגלעכער אַלטערנאַטיוו. **דער פאַרעפנטלעכטער בריוו צו דער פּאָליציי איז זייער אַ לאַנגער און אויספירלעכער: וואָס צו טאָן מיט זיינע זאַכן, און אַנדערע ענינים, גאַנץ פּראַקטישע.**

עס איז אינטערעסאַנט געווען צו לייענען דעם דאָקומענט, צו זען זיין רואיקן סטאָאיציזם ביים צוגרייטן זיך צום לעצטן אַקט. עס האָט דערמאָנט אין די רוימישע סטאָאיקער מיט זייער צוגרייטן זיך צום טויט. ער פאַרגעסט נישט, למשל, אַז אַ פרוי אין דעם פּרעטענער מאַרק האָט באַוואונדערט זיין שיין העמד, וואָס ער האָט געטראָגן, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו איר טישל קויפן פּרוכט. אַט דאָס העמד זאָל מען איר אָוועקגעבן. דער קליינער פּרט זאָגט אויך זייער פיל וועגן דעם מענטש, זיין כאַראַקטער, די אָרגאַניזירטקייט און פּרעציזקייט פון זיין גאַנצן מהות בכלל. זיין בריוו זאָגט אַ סך זאַכן, אויף וועלכע איך קען דאָ זיך נישט מער אָפּשטעלן, אָבער וואָס איך וויל יאָ באַטאָנען איז זיין אָריענטאַלישע מענטאַליטעט און פילאָזאָפיע אַרום דער אידיי — זעלבסטמאָרד.

— IV —

עס האָט זיך פונקט צוזאַמענגעטראָפן די געשיכטע אין מעל־בורן (וועגן וועלכער כ'האָב געלייענט אין דער כראָניק פון אונדז טאָג־פּרעסע), מיט אַ בוך אין וועלכן כ'האָב דעמאָלט מעיין געווען וועגן דעם יאַפּאַנישן שרייבער מישימאַ. אויך ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן אויף אַ... יאַפּאַנישן אופן דורך —כאַראַקירי...

ער איז דאַן אַלט געווען ביי 46 יאָר און געווען באַרימט אין דער וועלט ווי דער מחבר פון אַ 40 ראָמאַנען, 18 פּיעסן, אַ 20 בענד קורצע דערציילונגען און פיל ליטעראַרישע עסייען.

געווען איז ער אַן אַלזייטיק טאַלאַנטירטער מענטש, דיריגירט אַ סימ־פאָנישן אָרקעסטער און געווען אויך אַן אַקטיאָר. פאַר זיינע ווערק איז זיין נאָמען נאָמינירט געוואָרן עטלעכע מאָל צו דער נאָבעל־פּרעמיע. לעצטנס איז דערשינען אַ ביאָגראַפיש בוך וועגן אים פון דזשאָן נאַטאַן, וועלכער האָט אים איבערגעזעצט און אים אויך נעענטער, פּער־זענלעך, דערקענט לפני ולפנים, ווען ער האָט אַנגעהויבן איבערזעצן איינס פון זיינע ביכער אין ענגליש.

גיי איך דאָ נישט אַריין אין די ביאָגראַפישע פּרטים, נאָר בלויז אין שייכות מיט אונדזער טעמע, אָנמערקן, ווי אַט דער יאַפּאַנישער

שרייבער און גרויסער קינסטלער, האָט אויסגעקליבן דעם פּאַנאַ־טישסטן טויט, לויט אונדזערע באַגריפן. אָבער פאַר יאַפּאַנישע מענטשן, איז דאָס געווען דער ריכטיקסטער סאָרט טויט, מחמת עס איז יאַפּאַניש.

אפשר געהערן אויך צו דער יאַפּאַנישער טראַדיציע זיינע רעפּע־טיציעס מיט עטלעכע טעג פריער, צו אַט דעם לעצטן אַקט, וועלכן ער האָט דורכגעפירט דעם 25סטן אָקטאָבער, 1970. עס איז אין יענער צייט געווען אַ באַשרייבונג אין דער פּרעסע, ווי אַזוי דער נאָוועליסט מיט זיינע פיר קאַדעטן האָבן אויסגעפירט איבער זיך אַ לעבעדיקן טויט־ספּעקטאַקל... יעדער פון די זעלבסטמערדער האָט געדאַרפט אָנ־שרייבן אַ טראַדיציאַנעלע פּאָעמע — אַ „לעצט־געלט" פאַר דער וועלט. דער ביאָגראַף דערמאָנט, ווי אַזוי די גרופּע, מיט מישימאַן בראש האָבן פאַרן אַקט פון זעלבסטמאָרד אויף אַ מעלאָדראַמאַטישן אופן גערופן צו אַן אויפשטאַנד אַ רעגימענט פון 800 זעלנער. ער, מישימאַ, האָט פון אַ באַלקאָן געהאַלטן אַ גאַנץ פייערדיקע טיראַדע קעגן דער נאָך־מלחמהדיקער דעמאָקראַטיע אין יאַפּאַן צוליב וועלכער די אַרמיי אין יאַפּאַן האָט פאַרלוירן איר נשמה...

האָב איך נישט בדעה זיך דאָ אָפּצושטעלן אויף דער פּסיכאָ־פּאַטיע, אויף דעם קראַנקן גייסט פון דעם גרויסן קינסטלער. האָבן מיר דען ווינציק גרויסע קינסטלערס, וואָס זענען פּסיכיש־קראַנקע מענטשן?... האָבן מיר דען וויניק בײַשפּילן מיט אונדזערע „אייגענע" און נעענטערע קינסטלערס? איך מיין די עזרא פּאַונדס, וואָס האָבן געשענ־דעט דיערע אייגענע נעמען מיט די אַנטיסעמיטישע און פאַשיסטישע „קאַנטאָס" אין די היטלער־יאָרן (און אפשר פריער נאָך, ווען פּאַונד האָט מיטגעאַרבעט אין אַן אַנטיסעמיטישן טרויעריק־באַרימטן זשורנאַל „זילבערנע העמדלעך", וואָס ס'האָט אַרויסגעגעבן דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדיסט, פּעלי, וועלכער איז אויך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרמשפּט געוואָרן ווי אַ שענדלעכער פאַררעטער).

מישימאַ איז געווען אַ גרויסער שאָוויניסט. ער האָט געפּאַכעט און ליב געהאַט דאָס שווערדל און דעם מיליטאַריסטישן גייסט. גע־שאַפן זיך אַליין אַ פּריוואַטע אַרמיי, וואָס האָט געגעבן אַ שבועה צו פאַרטיידיקן דעם אימפּעראַטאָר—„דער קוואַל און הויפּט־מקור פון דער יאַפּאַנישער קולטור און לעבנס־נשמה". אָבער אַט די אולטראַ־נאַציאָ־נאַליסטישע שטריכן פון מישימאַס פּסיכיק, גיבן נאָך נישט קיין פולן ענטפער אויף די סיבות פון זיין זעלבסטמאָרד. מחמת ביי אים, פּונקט ווי ביי דעם אויבנדערמאָנטן הינדוס, איז דער פּראָבלעם טויט געווען אַ שטאַרק פאַסצינירנדיקער ענין.

ביי דעם הינדוס אין מעלבורן איז דאָס געווען אַ פּועל־יוצא פון אינערלעכע קאָנפליקטן צווישן צוויי ציוויליזאַציעס און קולטורן,

באַגלייט מיט דער איבערפלאַנצונג אויף אַ פרעמדן באָדן, אויף וועלכן ער האָט אייליק אַדאַפּטירט די קריסטלעכע רעליגיע און ריטואַל.

ביים יאַפּאַנישן שרייבער איז דער קאָנפליקט געווען נישט קיין אינזיכיסטישער, נאָר מיטן נייעם פּאָליטישן סיסטעם פון דעמאָקראַטיע אין יאַפּאַן און מיט די איבערגענומענע מערב־טראַדיציעס

ביידע פון אונדזערע באַהאַנדלטע העלדן האָבן זיך געשפּילט און געפלירטעוועט מיטן טויט צוליב זייערע ספּעציפישע פסיכיש־נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, און צוליב זייערע אינדיווידועלע סיבות, וואָס מיר האָבן געפּרווּט דעפינירן און אויסטייטשן, לויט אונדזערע בליקן, לעבנדיק אין דער מערב־וועלט.

איך האָב עס געזען אויך מיט יידישע אויגן, אַזוי ווי פּרץ האָט אונדז געלערנט צו זען די וועלט.

בנוגע דעם יאַפּאַנישן שרייבער קען מען אויך מסכים זיין מיט דעם, וואָס עס שרייבט זיין ביאָגראַף, אַז מישימאַ האָטליידנשאַפטלעך געוואָלט שטאַרבן זיין גאַנץ לעבן, און ער האָט גאַנץ באַוווּסטזיניק אויסגעקליבן פּאַטריאָטיזם (ריכטיקער: שאָוויניזם — י. ק.) ווי אַ מיטל צו אַ פיינלעכן יהעראָישן׳ טויט, וואָס איז געווען זיין לעבנס־לענגלעכע פאַנטאַזיע.

קום איך, ביים סוף, צוריק צום קעפּל פון מיין אָפּהאַנדלונג וועגן שפּריצן פון ליטעראַטור און לעבן, זייערע שייכותן, באַווירקונגען, און דאָס גופא איז אויך אַ טעמע פאַר אַ גרויסן ראָמאַן.

וועגן ערנעסט העמינגוועי און בערטראַנד ראַסעל

העמינגוועי דערציילט, ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ קאַטאָליק. געשען איז עס נאָכן אָנשרייבן זיין בוך „די זון גייט אויך אויף”, מיט דעם אימפּאָטענטן העלד דזשעק באַרנעס. איז פּונקט ביי אים געשען, אַז ער האָט נישט געקענט האָבן קיין סעקסועלע באַציאונגען מיט זיין צווייטער פרוי, מיט וועלכער ער האָט נישט לאַנג געהאַט געהייראַט. זי איז געווען קאַטוילישׂ, האָט זי אים פאַרגעלייגט ער זאָל מתפלל זיין. — „איך בין נישט געווען רעליגיעז, דערציילט ער, אָבער זי איז געווען אַזוי גוט צו מיר און דאָס איז דאָך געווען צום ווייניקסטן, וואָס איך האָב געקענט טאָן פאַר איר”. צוויי הייזער ווייטער איז געווען אַ קליינע קירכע, איז ער אַריין אַהין און געזאָגט אַ קורצע תפילה. נאָך דעם — מער נישט געהאַט קיין שטערונגען...

וועל איך דאָ נישט צוגעבן קיינע קאָמענטאַרן וועגן דעם כוח פון גלויבן און דעם כוח פון „נס”, וואָס באַקרעפטיקט דעם גלויביקן אין זיין באַשיינפערלעכקייט.

✶

מיר ווען לאָזן דערוויייל העמינגגוועין און איצט דערציילן עפּעס וועגן בערטראַנד ראַסעל, וואָס וואַרפט אַ געוויסע ליכט אויף דעם איראַציאָנעלן כוח, אפילו אויף דעם שטאַרקסטן לאָגישן מוח. וואָס קען נאָך זיין מער באַוויז, ווי דער זשעני פון בערטראַנד ראַסעל? וועל איך דאָ ציטירן וואָס ער שרייבט אינעם דריטן באַנד פון זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע, וועגן זיינס אַ וויזיט, שוין אין טיפן עלטער, אין גריכנלאַנד:

„איך בין פריער קיין מאָל נישט געווען אין גריכנלאַנד, שרייבט ראַסעל. עס איז פאַר מיר אַליין, איז אַ געוויסער הינזיכט, געווען אַ סורפּריז. נאָך די אימפּרעסיעס פון די גאַר גרויסע סאָלידע דער־גרייכונגען איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין אַ קליינער קירכע, וואָס האָט נאָך געהערט צו די צייטן ווען גריכנלאַנד איז געווען אַ טייל פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע. צו מיין פאַרווּנדערונג האָב איך זיך געפילט מער אין דער היים אין אָט דער קירכע, ווי אין דעם פּאַנטעאָן. איך האָב איינגעזען, אַז דער קירכלעכער אויסבליק באַ־ווירקט מיך מער, ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט. די ווירקונג איז נישט געווען אויף מיינע גלויבונגען, נאָר אויף מיינע געפילן".

דאַרף איך דאָ אונטערשטרייכן, אַז בערטראַנד ראַסעל האָט לחלוטין אָפּגעוואָרפן דעם קריסטלעכן גלויבן. אָבער דאָס האָט געטאָן ראַסעל דער גרויסער אינטעלעקטואַל, פילאָזאָף און וויסנשאַפטלער. אָבער זייענדיק אַ מענטש מיט אַ טיפער, תוכיקער ערלעכקייט, האָט ער אין דער געגעבענער סיטואַציע געהאַלטן פאַר נויטיק אָפּצוטיילן צווישן זיין אינטעלעקט און זיינע געפילן. ביזן סוף פון זיין לעבן איז ער שוין פאַרבליבן דער פילאָזאָפישער ראַציאָנאַליסט, אַן אומגלוי־ביקער אין דער קריסטלעכער רעליגיעזער דאָגמע, אָבער אין זיינע געפילן האָט ער געקענט באַווירקט ווערן דורך אַ צופעליקן באַזוך אין אַ קירכע.

ברענג איך דאָס ווי אַן אילוסטראַציע לגבי אים (און פיל אַנ־דערע), ביי וועלכע די געפילן און דער אינטעלעקט זענען זיך פאַ־נאַנדערגעגאַנגען אין אַ ריי פאַלן, ווען די שטים פון בלוט האָט דאָמי־נירט איבער דער שטים פון זייער אינטעלעקט.

עס איז מיר געווען אינטערעסאַנט צו לייענען, וואָס זיין טאָכטער, קעטערין טאַיט, שרייבט אין איר בוך וועגן פאָטער („מיין פאָטער, בערטראַנד ראַסעל"), וואָס איז בלתי ספק געווען איינער פון די גרעסטע מוחות אין ענגלאַנד און אין דער וועלט.

זי שרייבט מיט אַ סך פאַרערונג און ליבשאַפט, אָבער אויך מיט אַ קריטישן אויג וועגן איר טאַטן, דעם פילאָזאָף, וואָס האָט אין זיינע

ווערק אויפגעשטעלט אַזעלכע גיגאַנטישע אינטעלעקטועלע בנינים, געשטיצט אויף לאָגיק, און גראָד אויף דער עלטער, אין זיין 95טן יאָר, האָט ער ערשט באַמערקט, ווי ער האָט דאָס געפּיל, אַז די ערשטע העלפט פון זיין לעבן קומט צו אַן אָפּשלוס.

די טאָכטער האַלט, אַז ער האָט זיין גאַנץ לעבן געזוכט גאָט. זי האָט אים — געפונען, איר טאַטע — נישט. אפשר דערפאַר, שרייבט זי, וואָס „ער האָט געקענט צופיל בלינדע קריסטן און וויסטע מאָראַ־ליסטן, וואָס האָבן פון לעבן אויסגעקוועטשט יעדע פרייד און פאַר־פּאַלגט זייערע קעגנער".

די טאָכטער שרייבט וועגן איר טאַטן מיט אַזוי פיל יראת־הכבוד, פיעטעט און ליבשאַפט, וואָס יעדער טאַטע וואָלט זיך גע־ווינטשן צו הערן פון זיינס אַ קינד אפילו נאָכן טויט („ער איז געווען דער צום מערסטן באַצויבערנדיקער מענטש, וואָס כ'האָב ווען עס איז געקענט אין מיין לעבן. דער איינציקער מענטש, וועלכן איך האָב תמיד געליבט, דער איינציקער מענטש אין גרויסקייט... דער שאַרפ־זיניקסטער, דער פריילעכסטער, פול מיט שאַרם. עס איז געווען אַ פּריי־ווילעגיע צו קענען אים. און איך דאַנק גאָט וואָס ער איז געווען מיין טאַטע").

קעטערינס מאַמע — איינע פון די פרויען, מיט וועלכע ער האָט זיך צעשיידט — האָט וועגן איר מאַן נישט אַזאַ געהויבענע מיינונג ווי איר טאָכטער. די 82־יאָריקע מאַמע פון קעטערין האָט נאָך דעם, ווי עס איז דערשינען איר טאָכטערס בוך, אַזוי געשריבן: „בערטיע (בערטראַנד) האָט באַקומען מער ליבע, ווי ער אַליין האָט געקענט עמעצן געבן... זיין אמת איז געלעגן מער אין מאַטעמאַטיק און פילאָ־זאָפיע, ווי אין זיינע אינטימע פּערזענלעכע באַציאונגען".

צו דעם דאַרף מען צוגעבן, אַז די פיינע ציווילע טאָלעראַנץ, וואָס ראַסעל האָט ארויסגעוויזן לגבי אינטעלעקטועלע ענינים, האָט זיך נישט באַצויגן צו זיין אייגן הויז. ער איז, למשל, אין די פאַרער־גערטע באַציאונגען מיט זיין פרוי (קעטערינס מוטער) דערגאַנגען צו אַזאַ פונקט, אַז זיי האָבן גערעדט איינער צום אַנדערן נאָך דורך זייערע אַדוואָקאַטן. די קלענסטע זאַכן זענען אויסגעוואַקסן צו דער גרעסטער וויכטיקייט פון אַ קאָנפליקט.

אינטערעסאַנט איז אויך, וואָס די טאָכטער דערציילט וועגן דער באַרימטער „ביקאָן היל סקול", וואָס אירע עלטערן האָבן געפּרוּווט במשך פון 16 יאָר דערפירן צו אַ דערפאָלג. דער פּרינציפּ פון דער שול איז געווען באַזירט אויף „פרייהייט אָן מורא", מיט דער האָפ־נונג, אַז דאָס וועט די שילער געבן „ברייטערע און דרייסטערע האָפענונגען" אויסצוּוואַקסן מענער און פרויען, אומבאַפלעקט מיט

אַבסעסיעס פון שיטות און דאָקטרינעס. זיי וועלן לעבן אין אַ צושטאַנד פון „ליבע, באַגלייט מיט מאָדערנעם וויסן".

קעטערין באַהאַנדלט זייער קריטיש די רעזולטאַטן פון אירע עלטערנס מאָדערנער שול, וואָס האָט בלויז טעאָרעטיש געגעבן די שילער אַבסאָלוטע פרייהייט פון פאָרשן און פרעגן. הגם זיי האָבן אויך זייערע שאלות באַקומען וואָרהאַפטיקע ענטפערס, אָבער אין תוך גענומען האָט בערטראַנד ראַסעל געפרוווט פורעמען זיינע תלמידים נאָכצופאָלגן נאָר זיין אופן פון דענקען.

ביי איר גאַנצן קריטישן איינשטעל, האָט אָבער דאָך די טאָכטער אַזאַ אויסערגעוויינלעכע פאַרערונג פאַר איר גרויסן טאַטן, וועלכן זי באַטראַכט, ווי אַן איינזאַמען מאַרטירער פאַר דער זאַך פון דער מענטשהייט. „געפירט דורך זיין קלוגשאַפט אויסצושרייען ווי אַ נביא, וואָס האָפט צו ראַטעווען די בני ישראל פון דעם חורבן צוליב זייער פאַרדאַרבנקייט" און זי גיט דערביי צו: „אין אַן אַנדער ערא מיט מער גלויבן וואָלט ער (ראַסעל) געווען אַ הייליקער".

✶

שרייבנדיק אויבן וועגן העמינגוועיס עפּיזאָד, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איליאַ ערענבורג האָט ערגעץ געשריבן וועגן צוויי שריי־בער, וואָס האָבן אים געהאָלפן צו באַפרייען זיך נישט בלויז פון סענטימענטאַליזם, נאָר אויך פון לאַנגע ראַציאָנאַליזירונגען און קורצע פערספּעקטיוון. פון זיי האָט ער געלערנט אינטענסיוו צו אַרבעטן און — אויסהאַלטן. די צוויי שרייבער זענען: איסאַק באַבעל און ערנעסט העמינגוועי.

✶

יעדער מענטש קען האָבן זיין באַליבטן שרייבער, טייל מאָל אַפילו אָן אַ סיבה. פאַרוואָס דווקא דער שרייבער? עס איז פונקט ווי ביי געליבטע. אָבער לגבי העמינגוועין ווייסט מען, אַז זיין אויפן פון באַשרייבן האָט צוגעצויגן. עס איז דאָ אַ מין ראָמאַנטישער שאַרם אין זיין שילדערן די קליינע פאַרגעניגנס פון טעגלעכן לעבן, ווי גיין אין גאַס, אַ מאָלצייט, אַ געשפּרעך. ער דערציילט בפרטימדיק וועגן דעם סאָרט וויין און וויפל גלעזער די העלדן האָבן אויסגעטרונקען און אויך פון זייערע אומבאַדייטנדיקע שמועסן. אָבער די דאָזיקע אויבנאויי־פיקע פּרטים נעמען פּלוצעם אָן אַ זין דורך אַ באַריר פון זיין פעדער. מיר דערקענען זיך, אונדזער אייגענע אומבאַקאַנטע וועלט.

ערנעסט העמינגוועי האָט באַוויזן אַריינצוגעבן אין פיזישע

אָביעקטן אַן אויסערגעוויינטלעכע רעאַליטעט און נאָר דערפּאַר, ווייל זיי זענען קיין מאָל נישט אָפּגעטיילט געוואָרן פון דער אַקציע, אין וועלכער זיינע העלדן זענען אַריינגעצויגן. מאָדנע: אין מיטן דערציילן וועגן אַ גרויסן פיש, אָדער אָקסן־קאַמף, רייסט ער פּלוצעם איבער מיט אַ זאָג: — „אַלצאיינס, ווייסט, דאָס לעבן האָט אַ זין". די לעצטע זייטלעך פון זיין בוך „פאַר וועמען דער גלאָק קלינגט" פאַרענדיקט ער מיט אַפירמאַציע פון לעבן, פון קוראַזש און מקריב זיין זיך. עס איז אַ טראַגישע געשיכטע פון העראָאיזם פון אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג אין שפּאַנישן בירגער־קריג, אַ פאַראורטיילטע אידעלע ליבע, אָבער ועל כולם — גלויבן אין מענטש.

העמינגוועי איז צוגעצויגן געוואָרן צו שפּאַניע דורך סכנה, טויט און העלדישקייט. ער האָט געזען דעם העראָאיזם פון די פרייוויליקע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע און אויך דאָס נעוראָטישע, ווי פון דעם רויטן קאָמיסאַר, אַנדרעי מאַרטין, וואָס האָט ווירקלעך אויסגעזען ווי אַ נעוראָטיקער און ער האָט יעדן איינעם חושד געווען אין פאַרראַט, ווייל ער אַליין איז געווען אַ פּסיכיש־קראַנקער. אָבער די פרייוויליקע פון אַלע לענדער, וואָס זענען געקומען קיין שפּאַניע, האָבן געפילט, אַז „קיין מענטש איז נישט קיין אינדזל". דער גורל פון מענטש איז פאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן — און אַלע צוזאַמען מיט דעם, וואָס מיר רופן: הומאַניזם.

די טעמעס פון העמינגוועין זענען די, וואָס שרייבער פון אַלע צייטן האָבן באַהאַנדלט, הגם אין פאַרשידענע סוזשעטן און פאָרמען: ליבע, טויט, קאַמף, פרייהייט. ביי אים איז אין דעם אויך אַריין מלחמה און ים, פאַרבונדן מיט פרייהייט — די טייערסטע מתנה, וואָס די הימלען האָבן געשענקט דעם מענטש און ער גיט דערפאַר אַוועק זיין לעבן.

העמינגוועי האָט ערגעץ באַמערקט, אַז אַ שרייבער דאַרף קענען איבערגעבן דאָס אַלגעמיינע דורך אַ פּרט. דעריבער שרייבט ער נאָר וועגן פּרטים פון עמאָציעס, געדאַנקען און אַ — קורצן דיאַלאָג. כאַראַקטעריסטיש: העמינגוועי, וועלכער האָט אַזוי פיל באַשריבן די וואָס שטאַרבן מיט ווירדע, ווען ער האָט דערשפּירט, אַז דער קינסטלער אין אים געפינט זיך אין אַ ירידה, האָט ער אַליין מיט אַ קויל אין קאָפּ אָפּגעהאַקט זיין לעבן. (וועגן העמינגוועיס לעבן און שאַפן האָב איך ברייטער געשריבן און אַנאַליזירט אין אַן אָפּהאַנדלונג פון מיין בוך „פונקען און פלאַמען").

פאַרצייכענונגען פון אַ שפּיטאָל־בעטל

אַ

געוויינטלעך ווען מען ליגט אין שפּיטאָל זענען די געדאַנקען און שמועסן פאַרבונדן מיט קראַנקייטן, אָדער מיטן פּערזענלעכן לעבן.

מיר איז גראָד אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט אַ קראַנקן, וואָס האָט נישט געוואָלט רעדן מיט מיר וועגן קיין שום קראַנקייט, נאָר גראָד וועגן ביכער און שרייבערס. טאָמאַס מאַן איז פאַר אים געווען דער גרעסטער זשעני און זיין „יוסף און זיינע ברידער", דאָס גרעסטע ווערק פון 20סטן יאָרהונדערט. היות איך האָב וועגן די יוסף־ביכער אַליין געשריבן אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג (אין מיין בוך „פונקען און פלאַמען"), איז פאַר מיר געווען אַן אָפּפרישונג צו שמועסן מיט אים אויף דער טעמע און זיך טיילן מיט אונדזערע מיינונגען.

אין אָוונט, ביי אַ געדעמפּט ליכט, האָבן מיר זיך אַזוי צעשמועסט וועגן די ביבלישע אָבות, ווי אַזוי טאָמאַס מאַן האָט זיי פאַרשפּיגלט. צוערשט האָט ער זיך צוגעהערט צו מיינע אַרויסזאָגונגען און אַליין געשוויגן. מאָמענטוויז האָט זיך מיר אפילו אויסגעדאַכט, אַז זיין געדאַנק איז ערגעץ וווייט, וויט פון מיינע רייד און בלויז צוליב דער ענגלישער העפלעכקייט זיצט ער געדולדיק און רייסט מיך נישט איבער. דאָס איז אָבער געווען פון מיין זייט אַ טעות. מחמת נאָך אַ שטיקל הפסקה, האָט ער אָנגעהויבן פאַרקניפּן מיין איבערגעריסענעם געדאַנקען־פאָדעם און אַזוי, שטילערהייט, ווי ער וואָלט פאַר זיך אַליין אין עפּעס זיך דערמאָנט, צו מיר זיך אָפּגערופן:

— אונדזער אַלעמענס אור־פאָטער אברהם ווערט הייליק געהאַלטן און אַרויסגעזאָגט מיט גרויס יראת־הכבוד דורך אַלע מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס. ביי יידן, ביי קריסטן, ביי מאַכמעדאַנער, ביי די פּערסיער און ביי די אַראַבער, איז דער נאָמען אברהם פאַרבונדן מיט דעם אורשטאַם און וויגעלע פון דער מענטשלעכער געשיכטע. דעריבער טאַקע האָט טאָמאַס מאַן דערזען אין די ביבלישע אָבות די ראשונים פון אונדזער קולטור־טראַדיציע און בכלל האָט ער אין דער עברים־געשיכטע געפונען דעם יסוד פון דער מערב־ציוויליזאַציע".

עס איז אַריינגעקומען אַ קראַנקן־שוועסטער אין צימער און ער איז אַ ווייל שטיל געבליבן. ווען זי איז אַרויס פון צימער האָט ער ווייטער געצויגן זיין פריערדיקן געדאַנקען־גאַנג און אַלץ אַרום דעם ערשטן פון די חומש־אָבות:

„לאָמיר זען אַ ביסל נענטער און בולטער דעם פאַרנעפּלטן,

ווײַטן, פּאַרצײַטיש־ן עבר און אים פּאַרגלײַכן צום הײַנטצײַטיקן רעאַ־ליזם — האָט ער צו מיר אויסגערופן מיט אַ געהעכערטן טאָן. — אברהם איז נישט געווען קיין מיליטערישער העלד, נישט קיין גרינ־דער פון אימפּעריעס, פון מלוכות און שטעט. ער איז געווען אַ וואַנ־דערער, אַ פּאַסטעך, ווײַט שוין נישט יונג, אַ זיבעציק יאָר אַלט, ווען ער האָט דערהערט אַן אינערלעכע שטים, דעם רוף פון גאָט, וואָס האָט אים געהייסן פאַרלאָזן אַלע זײַנע פאַרבינדונגען און פאַרבינדעטע און אָנהייבן זײַן ווײַטערדיקן וועג. ער איז געווען דער ערשטער עמיגראַנט, וועמען די השגחה האָט אָנפאַרטרויט אַ היסטאָרישע שלי־חות (אין פאָרעם פון אַ רוף), וואָס איז געוואָרן פאַר אים דער אימפּולס צו ווערן דער ערשטער נאָן־קאָנפאָרמיסט. ער איז נישט געווען אַמבי־ציעז צו דעראָבערן נײַע טעריטאָריעס. ער איז נישט געווען מאַכט־דורשטיק — אַ דערשײַנונג, וואָס פאַרנעמט אַזאַ צענטראַלן אָרט אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע און האָט אויסגעווייקט אירע בלעטער מיט אַזוי פיל בלוט.

„אברהמס אימפּולסן זענען געווען גייסטיקע, צו זוכן אַ טיפערן זין און אינהאַלט פאַר זײַן פערזענלעך לעבן, וואָס ער זאָל קאָנען איבערלאָזן אַלס ירושה פאַר די קומענדיקע דורות. דאָס איז געווען דער כוח וואָס האָט אים געשטאַרקט אויף זײַנע ווײַטערדיקע וואַנדער־וועגן און דערפאַר איז ער פאַרבליבן אין דער געשיכטע, ווי דער אורפאָטער פון די אימיגראַנטן וואָס ווערן געטריבן אין זייער נע־ונד צו זוכן נײַע האָריזאָנטן פון גייסט און וויסן".

איך האָב, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געהאַט עפּעס צו דערווידערן קעגן זײַנע אַרויסזאָגונגען וועגן די ביבלישע אָבות. עס האָט מיך נאָר פאַראינטריגירט צו וויסן ווער ער איז. זײַן אַקצענט איז נישט געווען קיין אויסטראַלישער, עס איז געווען נענטער צו אַן אָקספאָרדער ענג־ליש. ער האָט אָבער גאָר נישט אויסגעזען צו זײַן אַן ענגלענדער. האָב איך נישט געוואָגט אים צו פרעגן פּרטים וועגן זײַן אָפּשטאַם ביז ער האָט פאַרענדיקט זײַנע אַרויסזאָגונגען וועגן די ביבלישע געשטאַלטן, יעקב און יוסף, וועלכע עקזיסטירן פאַר אים און וועלן לעבן שטענדיק אין אַלע צײַטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע, ווײַל זיי האָבן אַזוי אינטענסיוו געלעבט אין זייער צײַט.

ווען ער איז שטיל געבליבן האָב איך אַ פרעג געטאָן: — צי ווייסטו אַז איך בין אַ ייִד, וואָס שטאַמט פון פּוילן און כ'האָב דאָרט אַלץ פאַר־לוירן... און טאָמאָס מאָן איז אַ דײַטשער שרײַבער? איך האָב זײַנע יוסף־ביכער געלייענט נאָכן גרויסן חורבן און ביים לייענען געפירט מיט אים אַן אומאויפהערלעכן „שמועס", וועגן אַלץ וואָס איז מיר געלעגן אויפן האַרצן אין דעמאָלטיקן געמיט־צושטאַנד מײַנעם. וואָס טראַכסטו וועגן דײַטשישן פאָלק?...

איך שטאַם פון אַ דייטשער מוטער און פון אַ פראַנצויזישן פאַטער — האָט ער מיר געענטפערט אויף מיין פראַגע — בכלל פאַר־מאָג איך אַ סך קאָסמאָפּאָליטיש בלוט פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלי־טעטן — האָט ער מיט אַ שמייכל צוגעגעבן און האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן פון זיין יוגנט, ווען ער האָט שטודירט אין אָקספאָרד, שפּע־טער געלעבט פיל יאָרן אין איטאַליע. די קאַטעדראַלן און די קונסט־גאַלעריעס זענען געווען זיין היים. ער האָט געהאַט משפחה־פאַר־בינדונגען מיט טאָמאַס מאַנס אָבות. דערביי האָט ער מיר אויך דערציילט איניקע פּערזענלעכע פּרטים, אויך ווי אַזוי די טאָכטער פון טאָמאַס מאַן איז אין די דרייסיקער יאָרן אַוועק פון דייטשלאַנד קיין ענגלאַנד דורך אַ פיקטיווער חתונה־באַשטעטיקונג מיט אַן ענגלישן באַרימטן פּאָעט.

פון די פּערזענלעכע פּרטים איז ער צוריק אַריבער צו באַטראַכטן, מעסטן און פאַרגלייכן דעם קינסטלערישן כוח פון טאָמאַס מאַן, וועלכער קען, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, באַשרייבן אַ רגע וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַן אייביקייט.

✶

ער איז אויסגעשריבן געוואָרן פון שפּיטאָל פאַר מיר און זיך גע־זעגנט מיט מיר מיט אַזאַ אינטימיטעט און נאָענטקייט, מחמת „איך האַלט אויך אַ וועלט פון טאָמאַס מאַנען און האָב געשריבן וועגן אים״... ער האָט מיר איבערגעלאָזט זיין אַדרעס פון לאָנדאָן, גענומען מיינעם און געבעטן מיך צו שרייבן אים וועגן מיין געזונט־צושטאַנד און אויב איך וועל קומען אויף אַ באַזוך אין לאָנדאָן — זאָל איך אומבאַדינגט אים באַזוכן!

טראַכט איך אָפט וועגן אַזעלכע צופעליקע באַגעגענישן אין לעבן און ביי וואָס פאַראַ אומשטענדן און עס גייט מיר נאָך דער איינדרוק פון דעם מין אינטעלעקטואַלן, וואָס באַצייכענען זיך אַלס קאָס־מאָפּאָליטישע, און זייער היים איז נישט נאָר רוים, לאָנדאָן, פּאַריז (אָבער נישט בערלין, האָט ער מיר געזאָגט מיט באַטאָנונג). מער נאָך: דער לעגענדאַריש־פאַרצייטישער אַמאָל מיט יענע פּאַסירונגען, וואָס קומען דאָך כסדר פאָר אונטער אַנדערע טערמינען און דיאַלעקטן, און ווי אַזוי אַזאַ מענטש זעט פאַר זיך די מיסטעריע פון דער צייטלאָזער געשיכטע, וואָס ווערט דורך דעם קינסטלערישן כוח פון די טאָמאַס מאַנס פאַר־שפּיגלט און רעפלעקטירט אין אונדזערע צייט־ספּאַזמען.

אין זעלבן שפּיטאָל איז מיר אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט גאָר אַן אַנדער טיפּ, אַן אירלענדער (זייער צאָל איז אַ גאַנץ באַדייטנ־דיקע אין אויסטראַליע און ווו נישט?). אויך ער האָט איבערגע־

לאָזט אויף מיר אַן איינדרוק מיט זיין אופן פון רעדן, מיט זיינע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען וועגן לעבן און וועגן אירלענדישן כאַראַק־טער און וועגן אים דערצייל איך דאָ אין די ווייטערדיקע שורות.

ב

גלייבסטו אין גאָט?...

פּעטריק (דאָס איז נישט זיין נאָמען) איז אַן אירלענדער פון דור־דורות. זיין טאַטע איז געקומען קיין אויסטראַליע אָנהייב די צוואַנ־ציקער יאָרן. ער איז אומגעקומען אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, ווען פּעטריק איז נאָך געווען אַ קליין יינגל.

ער האָט מיר דערציילט אין וואָס פאַראַ באַדינגונגען אים און זיין מאַמען איז אויסגעקומען צו לעבן — דאָס זענען געווען די יאָרן פון דער שוידערלעכער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע — און ווי אַזוי ער האָט „גראַדואירט" פון דער טיפסטער אָרעמקייט. ער האָט ארויס־געוויזן פעאיקייטן צו מאָלן און אַ לערער פון דער קאַטוילישער שול האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן יינגל, אים געשיקט צו לערנען זיך מאָלעריי אין אַ מעלבורנער „טעכנישער אָוונט־שול". זיין מאַמע איז דעמאָלט קראַנק געוואָרן אויף קענסער. אַ פּאָר יאָר זיך געמאָטערט ביז זי איז אויסגעגאַנגען.

ער האָט נאָך דאַן געלערנט אין דער קאַטוילישער שול, האָט ער דעם גלח־לערער געפרעגט: — ווי אַזוי קענסטו גלייבן אין אַ גאָט, וואָס האָט אומגעבראַכט דיין מאַמען פאַר דיינע אויגן? ווי אַזוי קען איך האָב אמונה אין אַזאַ גאָט? דער גלח האָט אים געגעבן אַ לאַנגן „סערמאָן" וועגן דעם זין פון ליידן און פּיין, און וואָס שייך אמונה — דאַרפסטו אַקצעפּטירן גאָט אָן קיין שום שאלות. „ווי די פייגל אויף די ביימער און ווי דער גראָז וואָס וואַקסט אונטער דיינע פיס". דער ענטפער האָט נישט געקאָנט באַפרידיקן פּעטריקן, וואָס האָט שוין אַרויסגעוויזן אַ רעוואָלטירנדיקן, אומרואיקן גייסט פון זיין פריסטער יוגנט.

ער איז אַוועק פון דער קאַטוילישער שול. זיין מאָלערישער טאַ־לאַנט האָט זיך דורך דער צייט שטאַרק אַנטוויקלט. מען האָט אים פאַרויסגעזאָגט, אַ גרויסע קאַריערע, און צו קענען דערווייל אויסקו־מען, איז ער געוואָרן אַ קאָמערציעלער מאָלער. יונג, געזונט איז ער געווען, האָט ער געקענט אַרבעטן 24 שעה אָן עסן און שלאָפן. גע־אַרבעט און געהאַט חלומות צו ווערן אַ צווייטער על גרעקאָ. אויס־געלאָזט האָט זיך זיין גרויסקייט־חלום דערמיט, וואָס ער איז שוין פאַרבליבן אַ פּשוטער, הגם דערפאָלגרייכער, קאָמערציעלער מאָלער.

דאָס האָט אַרויסגערופן ביי אים דעם געפיל פון דעגראַדאַציע. ער האָט אָנגעהויבן טרינקען, צו פאַרגיסן זיינע פרוסטראַציעס און פאַרביטערונג, און אין די שענקען („פּאַבס") זיך צונויפגעטראָפן מיט נאָך אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין אַן עקזיסטענץ פון מורא און אומזיכערקייט. ער האָט געזען, ווי די אָממיינסטנס געוויסנהאַפטיקע האָבן געשפּירט, אַז זיי האָבן זיך אליין פאַרראַטן, פאַרראַטן זייער באַשעפער, וואָס האָט זיי באַשאַפן צו אַן אַנדער עקזיסטענץ... ווען ער פלעגט אַן אויסגעניכטערטער זיך אויפכאַפּן פון אַ שיכרות־אַרגיע, פלעגט ער זיך אַליין פרעגן: — וואָס זענען מיר געוואָרן? אַלקאָהאָליקערס? אַ כאַפּטע שיכורים? און וואָס מער דער געדאַנק האָט אים גענאַגט, אַלץ מער האָט ער מיט זיינע פריינד געטרונקען און פאַרגאָסן דעם וואָרעם מיט ביר און וויסקי...

ער האָט זיך דאָך איין מאָל גענומען אין די הענט אַריין און זיך אַרויסגעצויגן אין אַ וויטן „סובורב", אָנגעהויבן אַרבעטן מיט אַזאַ פיבער, געוואָלט מאָלן זיינע וויזיעס. געוואָלט זיין ביז־איצטיקע משוגעת זאָל אַוועק פון זיינע אויגן. עס איז אים אָבער דאָס נישט געלונגען. זיין קאַטוילישע דערציאונג איז אויך אַוועק מיטן רויך. „איך האָב נישט געזאָגט 'האַלאָ' צו מיין גאָט יאָרן לאַנג. כ'האָב געפילט, אַז כ'האָב פאַרלוירן מיין אומשטערבלעכע נשמה — אַזוי האָב איך דערקלערט דעם גלח פון דער פּאַראַפיע, וואָס איז געקומען מיך אַרויספירן אויפן דרך הישר".

די גאַנצע צייט, וואָס פּעטריק האָט צו מיר גערעדט, האָב איך אים נישט געוואָלט איבעררייסן מיט קיין איין וואָרט. איך האָב פון זיינע רייד — און דעם אופן פון זיין אינטאָנאַציע — געפילט, ווי ער וויל אַ קלאַפּ טאָן דער וועלט אין די ציין אריין, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן אין דעם גוט־באַקאַנטן אירלענדישן לשון. די קראַנקן־שוועסטערס אין שפּיטאָל פלעגן אים אַרומזוכן, מחמת ער האָט נאָר געזוכט כסדר פרישע מענטשן (זיי פלעגן זאָגן: „קרבנות"), זיי זאָלן וועלן אויסהערן זיינע מאָנאָלאָגן, אין זיין „זאַפּטיקן" אירלענדישן אידיאָם. היות ער האָט זיך מיט מיר באַקענט אין קאָרידאָר פון שפּיטאָל אַ טאָג פאַר מיין פאַרלאָזן, איז ער שוין פון מיר דעם טאָג נישט אָפּגעטראָטן, זיך אָפּט אַריינגעכאַפּט צו מיר אין צימער און מיך נישט וועלן „אַרויסלאָזן" פון זיין האַנט, ביז עמעץ איז געקומען צו מיר.

ווען איך האָב אַ פּאָר מאָל געפּרוווט אַרויפפירן דעם שמועס וועגן דער קעגנזייטיקער אויסמאָרדונג, וואָס גייט אָן אין צפון־אירלאַנד, האָט ער בכוונה אויסגעמיטן אַריינצולאָזן זיך אין דעם. ער האָט ווידער פאַרקניפּט זיין איבערגעריסענעם מאָנאָלאָג מיט דעם קלאַפּן זיך „על חטא" וועגן זיין פאַרראַט: „האָסט טאַלאַנט, דאָס איז

דער הייליקער גייסט. און אויב דו הרגעסט אָוועק דיין טאַלאַנט, ברענגסטו אום דעם הייליקן גייסט". פון זיין דערציילן האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט זיין אינדיווידואַליזם און עגאָ־צענטריזם, וואָס האָבן אים אין גאַנצן באַהערשט און האָבן גורם געווען צו די עקסצענטרישקייטן פון זיין אויפפירונג, וואָס קענען נאַטירלעך זיי נישט געבן קיין זעלישע רו.

איך זיינע צוזאַמענטרעפן מיט מענטשן, וואָס האָבן געטרוימט, ווי ער, זייערע נישט דערגרייכבאַרע חלומות און געטרונקען וויסקי, ווי דער מאַמעס מילך, האָבן אים אויף אַ מאָמענט נאָר געגעבן פריינט־שאַפט. ער איז געוואָרן אַריינגעצויגן אין זייערע לעבנס, אין יעדנס אומגליק און טראַגעדיע. ער האָט מיט ביטערניש דערפאַרן, אַז די אַרומיקע מענטשן זענען פאַר אים אַ שפּיגל צו דערקענען זיך אַליין, מחמת זיי זענען פונקט ווי ער נישט דערגאַנגען צו קיין ערגעץ.

ער האָט געהאַלטן אין איין אריינרעדן אין מיר, אַז דאָס לעבן האָט נישט קיין זין! יעדע האָפענונג אויף דערפאָלג און דערגרייכונג ענדיקט זיך נאָר מיט אַ דורכפאַל און ווי פאַרנאַרט ער איז געווען אין זיינע יונגע, נאַרישע יאָרן, ווען ער האָט געמיינט, אַז ער איז דער מייסטער און קאַפּיטאַן פון זיין גורל. עס האָט מיך דערדריקט זיין טאָן פון רעדן, זיין צאַרנדיק, פאַרצווייפלט געזיכט, ווי יעדע האָ־פענונג וואָלט פון אים אויסגערונען געוואָרן.

ווען איך האָב אים אַ פרעג געטאָן וועגן זיין קראַנקייט, האָט ער מיך גלייך אָפּגעהאַקט: — קראַנק? קראַנק איז מיין נשמה, וואָס איז שוואַרץ ווי די נאַכט און האָט דעם קערפּער פאַרברענט אויף אַש. ער האָט דערביי אָנגעהויבן דערציילן מיר וועגן זיין פאַרהאַלטן זיך מיט פרויען, אַז ער איז געווען תמיד מיט זיי אין פיינטלעכע באַציאונגען. זיי האָבן אים פאַרגעטערט און ער האָט זיי ווי געטאָן, ווי ער וואָלט געוואָלט אַליין נקמה נעמען, זיי באַשטראָפן פאַר עפּעס אַ שווערע זינד, וואָס דאָס פרויענטום איז באַגאַנגען קעגן זיין נשמה. דאָך, כאָטש ער האָט זיי ווי געטאָן מיט אַזאַ רשעות, זענען זיי נישט אָוועק פון אים, ווי ער האָט נישט געקענט אָוועקגיין פון זיי... געווען ציי־טן ווען ער האָט געטרוימט צו האָבן אַ היים, אַ קינד, און נישט געקענט זיך פאַרבינדן מיט קיין איין פרוי: „איך האָב פאַרראַטן אירלאַנד, פאַר־ראַטן די קירכע, דעם טאַלאַנט, דער פרוי, און געבליבן שוין הענגען אין דער לופטן. נישט געווען ביי וואָס צו פאַראַנקערן".

ווען ער האָט געהערט, אַז איך גיי דעם נאָענטסטן טאָג ארויס פון שפּיטאָל, האָט ער מיר ביינאַכט, צו מיין גרויסער איבעררא־שונג, אַריינגעבראַכט זיינס אַ ליד מיטן נאָמען „פאַרנאַכט". עס איז נישט געווען אין דעם קיין פּאָעזיע, נאָר אַ מין זיך מתוודה זיין פאַר דעם

פאַרנאַכט פון זיין לעבן. איך בין געווען אַ ביסל פאַרוואונדערט, ווען ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער „זינדיקט" צו מיט שרייבן לידער.

„פאַרוואָס גיסטו זיך בעסער נישט אָפּ מיט דיין מאַלעריי?" — ער האָט אויף מיין פראַגע גאַרנישט געענטפערט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַרויס פון צימער. איך בין געווען דעם אָונט זייער מיד פון זיין אַריינרעדן אין מיר אַזוי פיל שעהן און פרי איינגעשלאָפן. אויף צו מאָרגן אין דער פרי האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער האָט די פאַבריק נאַכט זיך גענומען דאָס לעבן, דורך אַ היפּשער צאָל פּילן...

מיטן פנים — צו זיך

יידישע קולטור

ווער עס קוקט זיך צו פון דער נאָענט, ווי אַזוי עס זעט אויס היינט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, מוז זיך אָנשטויסן אויף דעם פאַקט, וואָס פילאַנטראָפּיע, אין אַלע פאָרמען, איז געוואָרן דער הויפּט־פּראָגראַם אין דער יידישער וועלט. דאָס האָט אַרויסגערופן די נעגאַטיווע באַגלייט־דערשיינונג, וואָס נישט דעם יידישן גייסט־מענטש, נאָר דעם גביר־אַדיר גיט מען אָפּ דעם אויבן־אָן. דער גרויסער געלט־געבער באַקומט די חשיבות. שרייבער ווערן באַטראַכט פאַר בטלנים ביי די פילאַנטראָפּישע עסקנים. און צו יידן אינטעלעקטואַלן איז דאָ אַ ביטול־באַציאונג, מחמת זיי פאַרנעמען זיך נישט מיט דער היינטיקער צענטראַלער אויפגאַבע צו פירן קאַמפּיינס און זאַמלען געלט.

גייט נישט אין נעגירן די וויכטיקייט פון די קאַמפּיינס צו שאַפן געלט אי פאַר ישראלס נויטן און פאַר די לאָקאַלע הילף־אינסטיטוציעס. עס דאַרף אָבער דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דאָס פּינטעלע גייסטיקע יידישקייט געניסט ווייניק פון דעם. (די אויסנאַמען באַשטעטיקן דעם כּלל).

ביי יידן האָט מען אַמאָל נישט געוווּסט, אַז מען דאַרף דינגען מענטשן צו טאָן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. עס איז געווען די מידה, וואָס הייסט היינט: וואָלונטאַריזם. עס איז געווען דער פרייער ווילן פונעם יחיד, וואָס איז דורך קיינעם נישט געצוווּנגען געוואָרן צו זיין פאַרבונדן מיטן יידישן כּלל. ער האָט נישט גענדאַרפט האָבן קיין דערמאָנער און מאָנער. די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, די „עוסקים בצרכי ציבור באמונה" האָבן פאַרביטן אַ מלוכה מיט אָנגעשטעלטע. אַלץ פלעגט געטאָן ווערן אָן באַצאָלט, נאָר לשם מצווה. לויט אונדזער

טראַדיציאָנעלער טערמינאָלאָגיע. און עס האָבן קיין מאָל נישט אויס־געפּעלט עסקנים פאַר די נויטן און אויפגאַבן פון יידישן לעבן.

✱

יידישע קולטור־טוער ווערן וואָס אַמאָל ווייניקער. עס ווירקן קודם ביאָלאָגישע סיבות. אַחוץ דעם גרויסן חלק, וואָס דער מלאך־המוות האָט אין דעם, שפּילט נישט קיין קליינע ראָל דער אָנקום פון על־טער. מען ווערט מידער און דאָס איז דאָך אַ נאַטירלעכע דערשיי־נונג. צו די סיבות דאַרף מען נאָך צוגעבן, וואָס יידיש־קולטור־אַרבעט קען נישט געבן די כיבודים, וואָס עס גיבן רעליגיע אָדער די מדינה, דעריבער זעען מיר, ווי ס'פאַלן כסדר אָפּ די פּריוווילעקע טוער, וואָס פלעגן זיך פאַרנעמען מיט פאַרשפּרייטן אַ יידיש בוך, אַ זשורנאַל, אָדער קומען הערן אַ רעפעראַט און זיך באַטייליקן אין אַ קולטור־אָוונט.

פונדעסטוועגן זענען נאָך פאַראַן גענוג פּאָטענציעלע כוחות וואָס וואָלטן געקענט אַקטיוויזירט ווערן. אין דער יידישער געשיכטע זענען דאָך געשען אַ סך ניסים, אפשר וועט אויך געשען דער נס מיטן יידישן וואָרט! עס זענען דאָ אַזעלכע טערמינען, ווי לאָיאַליטעטן, געטריישאַפט, צוגעבונדנקייט. דאָס באַציט זיך צום אייגענעם קרייז פון דער משפּחה און אויך צו דער קולטור־סביבה.

אונדזער יידיש־רעדנדיקע סביבה געהערט נישט צום „עסטאַב־לישמענט", ווו עס רעגירט דער אַנגליזירטער אַסימילאַטאָרישער עלעמענט, וועלכער ווייזט אַרויס אַזאַ ביטול־באַציאונג צו דער יידישער קולטור און אירע נאַציאָנאַלע ווערטן.

און קולטור איז אַ וואָרט, וואָס האָט מער ווי איין זין און מיין. טויזנ־טער בענד זענען שוין געשריבן געוואָרן אויף דער טעמע — קולטור, וואָס פאַראייניקט מענטשן אין זייער ציבור־לעבן. קולטור האָט פאַר־שידענע פּנימער און זיי מאַכן דורך אין גאַנג פון דורות ענדערונגען. אָבער ביי דעם אַלעם — דאָס וואָס קומט צום אויסדרוק ביי דעם געענ־דערטן גייסטיקן קלימאַט פון יעדן דור מיט זיין נוסח און פּירונגען — זענען דאָך אַלץ פאַראַן געמיינזאַמע טיפע וואָרצלען, וואָס ציען זיך פון לאַנד צו לאַנד, פון דור צו דור, דורך אַלע תקופות, מיט זייער ספּע־ציפישן חותם.

עס זענען שוין אַדורך טויזנטער יאָרן זינט משה רבינו האָט געלעבט. אָבער עס ווירקן נאָך אַלץ זיינע ווערטער, וואָס זענען פאַר־שריבן אין חומש: „דאָס געבאָט, וואָס איך גיב דיר, איז נישט ווייט פון דיר... פון די לעפצן דיינע און פון דעם האַרץ דיינעם איז גע־וועגדט עס מקיים צו זיין".

✡

יעדער מענטש איז היינט, אין אַ געוויסן זין, אַ פאַראיינזאַמטער מענטש. אָבער ווען איך איינזאַמקייט באַגעגנט זיך מיט אַ צווייטער, ווערט ביי בײדע וואַרעמער אויף דער נשמה... דער געזעץ פון גראַוויטאַציע ווירקט נישט בלויז אין דער פיזישער וועלט. נאָר אויך אין דער גייסטיקער. אַ סך נאָך פילן און גלייבן, אַז יידיש לשון, יידישע קולטור איז מיינס, מחמת איך געהער צו דעם מיט לייב און לעבן, און אַזוי לאַנג, ווי איך וועל נאָר קענען, וועל איך טאָן מיין אַרבעט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און נישט אונטערגעבן זיך דער אַפּאַטיע און די פּעסימיסטישע שטימונגען.

לאָמיר איגנאָרירן די „קלוגעטשקע" און „פּראַקטישע", וואָס טענהן, אַז מיר זענען דאָן קיכאָטן און קעמפן מיט ווינט־מילן. די געשיכטע לערנט אונדז, אַז די פּראַקטישע, וואָס האָבן געקוקט „רעאַל", האָבן אויך אַ לענגערע מעטע נישט געקענט באַגרייפן דעם זיג־זאַגישן וועג, וואָס די מענטשלעכע געשיכטע מאַכט דורך. נאָך אַלע פאָרשונגען פון היסטאָריאָזאָפן, איז נאָך אַלץ פאַר אונדז נישט קלאָר די הויפּט־סיבה פונעם אונטערגאַנג און אויפקום פון קולטורן.

קומען דאָך לעבעדיקע באַווייזן פון יידישע יוגנטלעכע, וואָס קומען צו דער יידישער קולטור, מחמת זיי ווילן פון איר לערנען, ווי אַזוי זיך אַליין צו געפינען, זייער אייגענעם אָרט, אין דער גרויסער וועלט. און זיי קענען ביי אונדז אַ סך לערנען, אַז מיר האָבן אָפענע טיר און פענצטער צו אַנדערע קולטורן, אָבער זיי פאַרפירן אונדז נישט אויף די וועגן פון אַסימילאַציע, נאָר צו אַ קעגנזייטיקער קולטור־אַנערקענונג.

מיר זוכן נישט אויפצושטעלן אַ כינעזישע מויער צווישן אונדז און דער וועלט, נאָר דורך דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור איינגלידערן דאָס יידישע פאָלק אין דער פעלקער־משפחה. מיר קענען זיי ווייזן, ווי פּרץ איז געווען פאַרוואָרצלט אין דער יידישער קולטור פון אַלע צייטן, אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט צו זיין פאַרוואָרצלט אין די אוצרות פון דער אַלגעמיינער מענטשלעכער קולטור, וואָס איז דאָס אייגנטום פון דער גאַנצער מענטשהייט.

דורך יידישער קולטור און יידיש לשון, וועלן זיי קענען לייכטער געפינען זייער אָרט אין דער וועלט, געפינען די רינגען, וואָס פאַרבינדן: מענטש, פאָלק, וועלט. זיי וועלן דאָן בולט איינזען, ווי אַזוי אַ פאָלק זוכט פריער פאַר אַלץ אָפּצושפּיגלען זיין נאַציאָנאַלן פּנים אין טערמינען, וואָס זענען אינדיווידועל, אָבער גלייכצייטיק פאַרמאָגט אַ פאָלק אויך זיינע אוניווערסאַלע עלעמענטן.

די יידישע ליטעראַטור נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה
(אַן איבערבליק)

די גרונטשטריכן פון דער נאָך־מלחמהדיקער יידישער ליטעראַטור קענטיקן זיך אין פאַרשידענע דימענסיעס און קודם כל, אין דעם חורבן פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום.

נישט אין דער העברעישער ליטעראַטור און אַוודאי נישט אין די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער האָט דער גרויסער יידישער חורבן דאָמינירט ווי אַ צענטראַלער מאָטיוו אין דעם נאָך־מלחמהדיקן שאַפן, ווי עס איז געשען אין דער יידישער ליטעראַטור: אין איר פּראָזע און פּאָעזיע, אין דאָקומענטאַציע און מעמואַרן, אין רעגיאָנעלע יזכור־ביכער, ווי אין זכרונות פון עד ראיה. דער גרויסער „האָלאָקאָסט" איז געוואָרן די דאָמינאַנטע אין דעם יידישן בוך.

עס איז אָבער פאַראַן אַ וויכטיקער אונטערשייד צווישן דער קינסטלערישער יידישער חורבן־ליטעראַטור מיט די אַנדערע איבן־דערמאָנטע ווערק. אַ קינסטלעריש פּראָזע־ווערק אָדער אַ לידער־בוך האָט זיך ווייניקער אָפּגעשטעלט אויף די גרויליזאַמע פאַרברעכנס פון מערדערלעכן שונא, מחמת דער מחבר האָט געזוכט בעיקר צו באַהאַנדלען דעם פסיכישן צושטאַנד פון דעם נאַצישן קרבן; ווי אַזוי האָט ער דורכגעלעבט, אויסגעבלוטיקט אין דער נשמה זיינע יסורים? און נישט נאָר די צאַפּלענישן פון זיין נשמה בעת די שוידערלעכע ענויים, נאָר אויך בעת איר אויסגיין?

אָט די נשמה־דערקענטעניש פונעם יידישן קרבן איז דער אין תוך־צענטראַלער מאָטיוו אין די שילדערונגען און בילדער פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אין אייראָפּע, און אויך פון שפּעטער, ווען עס האָט זיך געעפנט דער בלוטיקער פאָרהאַנג און די נישט־דערברענטע און די נישט־פאַרגאַזטע זענען צוריקגעקומען פון דער גיהנום־גאַס און דערזען דעם פאַרנעם פון יידישן אומקום...

אונדזער קינסטלערישע חורבן־ליטעראַטור האָט קודם געשטאַלטיקט דעם ייד, געוויזן זיין מענטשלעכע דעגראַדירונג דורך רוצחישע הענט; און דורך אָט די געשטאַלטיקטע יחידים דורכגעלויכטן פון אינעווייניק די יידישע פאָלקס־נשמה אין נאַצישן גיהנום.

אין די קינסטלערישע חורבן־מאָטיוון פון דער יידישער ליטעראַטור, אין וועלכע עס זענען געשילדערט און געצייכנט די אינדיווידועלע פּנימער פון די טיפן און געשטאַלטן, פון זייער כאַראַקטער און גורלדיקייט — און גורל ווערט אַוועקגעשטעלט ווי אַ פּראָבלעם,

וואָס פאָדערט פון קינסטלער אַ ספּעציפישע באַהאַנדלונג, מחמת אַן אַט דער ספּעציפישער פּראָבלעמאַטישקייט איז דאָך יעטוועדע פּאַסי־רונג און געשעעניש נאָר אַ צופאַל פון אַ פאַראיינצלטן געגעבענעם פאַל — אויך טאַקע דער גורל־עלעמענט טילט אויס די קינסטלערישע באַהאַנדלונג פון דער פּובליציסטישער. דער קינסטלער זעט אין דער גורלדיקער פּאַסירונג ביים יחיד עפּעס פון פאָלקס־גורל, פון אייגג־שאַפטן וואָס דאַרפן געזען ווערן פון אַ נאַציאָנאַלער דימענסיע (האָפער).

עס איז כדאי דאָ צו דערמאָנען אַ מערקווירדיקן שטריך: מיר געדענקען ווי נאָך דעם קריג האָט דער וועלט־ליטעראַטור אַרומגע־כאַפּט אַזאַ מין קאַפקאַישע מרה־שחורהדיקייט, אַ טענדענץ פון אַפּ־העניטיקייט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אַזאַ מין זאָג: צי קען מען נאָך אוישוויץ, שאַפן פּאָעזיע?... און גראָד די ידישע ליטעראַטור האָט זיך נישט געלאָזט פון אָט די יאוש שטימונגען באַהערשן. זי, וואָס איז סוזשעטיש און טיפּאָזשיש געשטאַנען ביים סאַמע תהום פון דער פאָלקס־טראַגעדיע, האָט באַנדאַזשירט די צעבלוטיקטע פאָלקס־נשמה און ביים פּראָצעס פון איבערוווּנדן, גערופן צו דער באַיאָונג פון לעבן, צו זיין ווידעראויפבוי. טאַקע אָט דורך דעם גערעַנגל פון נאַציאָנאַלן ווייטערדיקן קיום, סטימולירן דעם גייסטיקן כח פונעם פּאַרשניטע־נעם נעכטן — אַריינצוגעבן אים אין אונדזער היינט, אין דעם ידישן זיין אין דער נייער וועלט.

אָט די באַיאָונג איז קרעפטיק פאַרשפּיגלט אין דער נאָך־מלחמה־דיקער קינסטלערישער ידישער פּראָזע און פּאָעזיע.

דער פּאָעט אברהם סוצקעווער, וואָס האָט אַזוי קינסטלעריש באַזונגען די קאַנאַליאַדע פון דער ווילנער גיהנום־גאַס, נעמט פאַר עדות די אומגעבראַכטע אין דער קאַנאַליאַדע, וואָס האָבן אים אָנגע־זאָגט אין זייער נישט־געשריבענער און נישט־איבערגעלאָזטער צוואה אויף זייער לעצטן וועג: דו חבר דיכטער, באַזון אונדזער טרויער מיט לידער. אויף אַן אַנדער אָרט דערציילט ער: און די וואָס גליווערן פאַרלאָשן,/ און קיינער הערט נישט זייער קול — זיי האָבן מיר געגעבן לשון / ווי שנייאיק אָנגעגליטן שטאָל.

יענעוועלטיקע שטים האָט דער נאָך־מלחמהדיקער ידישער לי־טעראַטור געגעבן נישט נאָר לשון, נאָר אויך אמונה אין לעבן. די צוריקגעקומענע פון טאָל האָבן אָנגעהויבן אויפסניי צוריק אויפשטעלן זייער לעבן, דעם יחידישן און דעם כלל־לעבן. טאַקע אָט די באַיאָונג וועגן וועלכער עס זינגט סוצקעווער, קומט ווידער די זון אין מיין טונקל געמיט / און גלויבן נעמט שטאַרקן מיין אָרעם / אויב אַ ווערעמל גיט זיך נישט אונטער דעם שניט, / ביסטו ווינציקער דען פון אַ וואָרעם?...

עס קענטיקט זיך ביי אונדז אַ גאָר גרויסע דיספּראָפּאָרציע צווישן

די דערשינענע פּראָזע־ווערק און לידער־ביכער. אָן אומגעהויער אי־בערוווקס פון פּאָעטישע ווערק אין פאַרגלייך צו די פּראָזע־שאַפונגען.

ווען מיר זאָגן פּראָזע־שאַפונגען מיינען מיר דאָך די ווערק, וואָס זאָלן זיי ראו צו טראָגן אָט דעם נאָמען (ווי קינסטלערישע ווערק). דאָס זעלבע באַציט זיך אויך צו די לידער־ביכער. אמת, די גרענעץ־ווענטל, וואָס טיילט אָפּ פּאָעזיע פון פּראָזע איז, אָפּט, זייער אַ דינע, אויך אַ באַ־וועגלעכע. דעריבער טרעפט מען אין אַ סך פּאָעטישע שאַפונגען פּראָ־זאַישע עלעמענטן און פאַרקערט: אין גוטע פּראָזע־ווערק — פּאָעטישע פיינקייטן.

אָבער וואָס מיר זענען דאָ אויסן מיטן טערמין: פּראָזע־ווערק, איז די קינסטלערישע לאַנג־אָטעמדיקייט פון די שילדערונגען, פון די כאַראַקטעריזאַציעס און בילדער; פון די געמאָלענע פּיזאַזשן און פון די ברייטערע האָריזאָנטן, וואָס געפונען זיך הינטער זיי; באַגלייט מיט די קינסטלערישע אויסקלאַנגען און סימבאָלן, וועלכע זענען אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן מיט דער פאַבולע. אַזעלכע קינסטלערישע רייפע פּראָזע־ווערק זענען, זינט דעם צווייטן וועלט־קריג, אומפאַרגלייכלעך ווייניקער דערשינען, ווי פּאָעטישע ווערק.

צי דאַרף איך דען דערמאָנען, אַז זינט איר אייגנטלעכער אַנט־שטייאונג איז די ידישע ליטעראַטור גורלדיק און אָרגאַניש אויסגע־בונדן מיטן ידישן פאָלקס־לעבן? און אַז אונדזער בעלעטריסטישע פּראָזע האָט אַרויסגעהויבן און אויסגעטיילט דעם ידישן יחיד, זיינע נשמה־ראַנגלענישן אין דעם קאָמפּליצירטן פּראָצעס פון זיך־רעאַלי־זירונג? אָבער וויפל געלונגענע פּראָזע־ווערק האָבן נאָכן חורבן באַ־וויזן קינסטלעריש צו צייכענען, צו געשטאַלטיקן דעם ידישן מענטש אין דער נייער וועלט? אָט שטייט פאַר דער ידישער ליטעראַטור היינט אַזאַ צענטראַלער פּראָבלעם, ווי די אַסימילאַציע־פּראָצעסן פון איין זייט און דער אינסטינקטיווער קיום־דראַנג — דער געראַנגל פאַרן נאַציאָנאַלן אויפהאַלט — פון דער צווייטער. קומט דאָס אַלץ טאַקע צום קינסטלערישן אויסדרוק אין אונדזערע היינטיקע פּראָזע־ווערק?

בכלל קען מען די גוטע דערשינענע קינסטלערישע פּראָזע־ביכער אַנציילן אויף די פינגער (איך זאָג עס אויפן סמך פון מיינע פּערזענ־לעכע דערפאַרונגען, ווי אַ לייענער און קריטיקער), זיכער אַ סך ווײ־ניקער, ווי די דערשינענע פּאָעטישע שאַפונגען. און איך מיין נאָר די קינסטלעריש־קרעפטיקע (מחמת אַ גאַנץ היפּשע צאָל פון זיי איז אויך נאָר אַ מין שעטנז...), מיט זייערע זינגענדיקע און מאָלערישע פּערזן.

די סיבות פון דער דערמאָנטער דיספּראָפּאָרציע זענען באַוווּסט: פּראָזע פאַרלאַנגט אַ מיליע וואָס איז שטייגערדיש טיף איינגעוואָרצלט אין אַ פעסטן באָדן, און דאָס נייע ידישע לעבן איז נאָך אין אַ פּליי־סיקן צושטאַנד. עס דאַרף זיך ערשט סטאַביליזירן, אויסשטיין און

קריסטאַליזירן זיך אין באַשטימטע סאָלידע איינגעבירגערטע פאָרמען. פּראָזע פאַרלאַנגט אויך אַ סך געדולד, אויסדויער — די אַלע עלע־מענטן, וואָס זענען אין פּאָעזיע נישט אָבליגאַטאָריש. דעריבער איז דער מצב אַזאַ ווי ער איז.

דאָס וויסן די אַלע זאַכן ענדערט אָבער נישט דעם פאַקטישן צו־שטאַנד אויף וועלכן מיר האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן.

★

אין דער נאָך־מלחמהדיקער יידישער ליטעראַטור קומט פאַר דער פּראָצעס פון אַ קינסטלערישער רעסטאַווראַירונג פונעם פאַרשניטענעם יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע אידער די האַק פונעם רוצח האָט זיך אויף אים מיט אַזאַ מערדערלעכקייט אַראָפּגעלאָזט. איך רעד דאָ פון בעלעטריסטיש־עפּישע שילדערונגען פונעם יידישן שטעטל מיט זיין שבת און וואָך, פון לאַנגן דורותדיקן יידישן שטייגער־לעבן.

האָט דער פּראָזע־קינסטלער י. י. טרונק נאָכן קריג זיך קונה שם געווען מיט זיינע פאַרנעמיקע זיבן בענד „פּוילן" — אַן עפּאָס פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום. אין זיין גרויס־פאָרמאַטיקן ווערק האָט טרונק געזוכט צו רעסטאַווריךן, דורך זיינע אייגנאַרטיקע בעלעטריס־טישע פאַרבן, דאָס פּוילן של מטה און דאָס פּוילן של מעלה, מיט דעם טיפערן געשיכטלעכן אָטעם פון העכערן תכלית. דאָס קענטיקט זיך אין זיינע בילדער פון די פאַרשידענע סביבות, גייסטיקע נטיות, טעמ־פּעראַמענטן, שטרעמונגען און אידייען. זיי זענען אַ מאָזאַיק פונעם יידישן זיין אין דעם ניינצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און נישט נאָר אין פּוילן, נאָר איבער גאַנץ מזרח־אייראָפּע.

אין די זיבן בענד האָט זייער מחבר פאַרשפּיגלט אי דאָס שטיי־גערישע פונעם יידישן לעבן, אי זיינע חלומות, גערנגלען, האָפענונ־גען — אַן אַמאַלגאַם וואָס האָט פון דער פאַרשידנאַרטיקייט און צע־שפּליטערטקייט געשאַפן אַ גאַנצקייט פון אַ יידישן לעבנסוועג. דער מהות פונעם פּוילישן ייד — פאַקטיש פונעם מזרח־אייראָפּעישן — האָט אין זיך, ווי אַ שוואָם איינגעזאַפּט און כולל געווען: גאַנצקייט און צעריסנקייט, טיפע אמונה און דעם באַקאַנטן יידישן סקעפּטיציזם, חסידישן ברען און מתנגדישע קילקייט און אַלץ צוזאַמען — אַזאַ אייגנאַרטיקע לעבנס־פירונג, וואָס האָט געקוקט אויף דער וועלט מיט יידישע אויגן, טייל מאָל נאַאיווע, תמיד גלויביקע, — אָבער תמימות־דיקע; און געווען זענען דאָס אויגן, וואָס האָבן נישט בלויז געזען דאָס אויבנאויפיקע, נאָר געזוכט צו דערזען דאָס טיפערע, און נישט בלויז עס דערזען, נאָר אויך עס דורכלעבן מיט חסידישער התלהבות, מיט דער געהעכערטער טעמפּעראַטור, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש גע־ווען פאַר דעם דאָזיקן טיפּ ייד.

טרונק האָט אָפּגעגראָבן דעם היסטאָרישן ייד. ווען מען לעבן האָט זיך אָנגעהאַלטן ביי דעם סימבאָלישן אויסטייטש פון דעם פּסוק אין חומש וועגן יעקבס חלום, וועגן דעם לייטער וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ גרייכט אין הימל אַריין. טאָקע אָט די פאַר־מעסטונג צו גרייכן הימלישע הויכקייטן האָט דער מחבר געזוכט צו געשטאַלטיקן אין „פּוילן". ער האָט אויף דעם רעאַליסטיש־ערדישן יסוד פון דער אַלטער יידישער שטיגערישקייט געזען די פליגל וואָס האָבן זיך גייסטיק געריסן צו מעטאַפיזישע הויכקייטן. דעריבער האָט דאָך דער היסטאָרישער ייד געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דער וועלט־דראַמע — און כ'ציטיר טרונקס ווערטער — די אייביקע דראַמע פון דער וועלט־געשיכטע אין וועלכער יידן האָבן געשפּילט אַ הויפּט־ראָל מיט ציטווייליקע פּויזעס. (אָבער) אין גרויסע דראַמעס זענען פּויזעס אַ טייל פון שפּיל, אַ המשך און פאַרטיפונג פון פריערדיקן אַקט (בעת אין זאָל איז נאָך דאָ דער עכאָ פון וויזיעס, פון געשיכטלעכע מעשים און חלומות.

צו די גרויסע פּראָזע־קינסטלער אין דער נאָך־מלחמהדיקער יידישער ליטעראַטור געהערט חיים גראַדע, וועלכן מיר האָבן געקענט פריער, נאָר ווי אַ פּאָעט בחסד עליון, ביז ער האָט זיך אַנטפּלעקט אויך ווי אַ קרעפטיקער פּראָזאַיקער.

גראַדע האָט דערגרייכט הויך־קינסטלערישע מאָמענטן אין זיין פּראָזע (ווי אין זיין פּאָעזיע). ער איז גלייך ביים ערשטלינג אַריין מיט דער רעכטער פוס, און איך דערמאָן זיך מיין איינדרוק, פאַרן קריג נאָך, ווען כ'האָב געליינט זיינע פּאָעמעס מיט סימבאָלישע אַלוזיעס. ווען ער האָט אַ זאָג געטאָן — פאַרן חורבן — „אָ, פאַרשווענק אונדז נישט נאַרעווו!" (1938).

ווען מיר רעדן וועגן סימבאָלישע אַלוזיעס אין דער יידישער ליטעראַטור, אונטערשיידן זיי זיך אויך פון אַנדערע ליטעראַטורן דער־מיט, וואָס ביי זיי האָט סימבאָליזם געדייעט און געפלאַטערט אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק, פאַרזיכערטער וועלט, בעת דער יידישער סימ־באָליזם האָט נישט געהאַט אונטער זיך אָט דעם פאַרזיכערטן באָדן און די פאַרזיכערטע עקזיסטענץ. דאָס איז דאָ אָבער נאָר אַן אַגב־אורחאַדיקע באַמערקונג אין שייכות צו דער יידישער ליטעראַטור, ווי אַ גאַנצע.

וואָס שייך חיים גראַדעס פּראָזע־ווערק, איז נייטיק צו באַמערקן, אַז זיינע ערשטע שאַפונגען זענען גאָר שטאַרק אונטערגעשפּאַרט גע־וואָרן דורך אַ סך פּאָעטישע עלעמענטן, אין וועלכע ער האָט זיך גע־פילט מער „ביי זיך אין דער היים", ווי אין זיין נייער פּראָזע־באַלע־באַטישקייט. ערשט בהדרגהדיק איז ער אַריינגעוואַקסן אין דער פּראָזע־קונסט, כאָטש שוין זיין געראָטענער ערשטלינג („מיין מאַמעס שבתים")

האָט גלייך אָנגעזאָגט אויף אַ קערנדיקן נייעם פּראָזאַיקער אין דער יידישער ליטעראַטור.

די שפּעטער דערשינענע ווערק זיינע: „דער שולהויף"; „די עגונה" און זיינע צווי בענד „צמח אַטלאַס" און גאָר לעצטנס „די קלויז און די גאַס"; און „דער שטומער מנין" האָבן שטאַרק אויסגעברייטערט דעם דיאַפּאַזאָן פון זיין פּראָזע-לייוונט אויף וועלכן ער האָט געצייכנט, באַלעבט און מחיה מתים געווען אַ גאַנצע יידישע וועלט פון נאָענטן עבר; באַלעבט בעלעטריסטיש דאָס פּאַרשניטענע יידישע לעבן מיט זיינע פּילפּאַרביקע און עקסצענטרישע טיפּן און געשטאַלטן, אַרומגע־נומען מיט אייגענע פאַרבן זייערע לעבנס און גורלות, די דראַמאַטישע געראַנגלען זייערע און די מלחמות צוליב מענטשלעכער רחמים און האַרבן דין.

הגם ער האָט דאָס אַלץ געצייכנט אויף אַ רעגיאָנעלן אָפּשניט פונעם יידישן לעבן און כמעט נאָר פון דער פרומער יידישער וועלט, האָט ער אָבער דורך זיינע גלענצנדיקע און קרעפטיקע כאַראַקטערי־זאַציעס פאַרשפּיגלט גורלדיקע און היסטאָרישע שטריכן פונעם יידישן זיין, אויף וועלכן עס האָבן זיך פאַרמירט אָט די ספּעציפישע יידישע טיפּן מיט זייער מענטאַליטעט און לעבנספּיר.

גראַדע האָט זיך אַנטפּלעקט, אין בידע קונסט-זשאַנערן, ווי אַ געשיכטע-קינסטלער-רעסטאַוראַטאָר, וועלכער באַלעבט און פּאַראיי־ביקט זיינע פערסאָנאַזשן דורך געבן זיי אַן אייביק לעבן אין דער לי־טעראַטור. און זיינע געצייכנטע פּאָרטרעטן און פּראָפילן פאַרשפּיגלען דאָך כאַראַקטער-שטריכן נישט נאָר פון אַ געוויסן געאָגראַפישן און טאָפּאָגראַפישן אָפּשניט פון יידישן לעבן. דעריבער פאַרנעמט היינט צו טאָג חיים גראַדע אַן אָרט אויף דער סאַמע אויבן-אָן פון דער יידי־שער פּראָזע-קונסט און אַזוי דאָך אויך אין זיין פּאָעטישן שאַפן.

מיט יעדן נייעם בוך זיינעם גיט ער נאָר צו חדרים און גאַרנס צו זיינע סאָלידע ליטעראַרישע בנינים, וועלכע ער האָט אויפגעשטעלט אין דער נאָך-מלחמהדיקער יידישער ליטעראַטור.

וועגן באַשעפער־זינגער האָט מען זינט זיין נאָבעל־פּרעמיע זייער אַ סך געשריבן וועגן אים און זיינע ווערק. דעריבער וועלן מיר דאָ נאָר באַמערקן, אַז זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען זענען כמעט אויסשליסלעך פונעם יידישן לעבן, וואָס איז געווען אין דער אַלטער היים, אָדער פון די פּוילישע יידן נאָכן חורבן אין אַמעריקע, וואָס טראָגן נאָך אין זייער געמיט און זכרון דעם פאַרמלחמהדיקן פּוילישן פּייזאַזש פון דער אַלטער שטייגערישקייט. במילא געהערט ער דאָך אויך צו דעם טיפּ פונעם יידישן קינסטלער-רעסטאַוראַטאָר, ווי טרונק און גראַדע—צו דערמאָנען נאָר עטלעכע פון די פּראָזאַאיקער — וועלכע

האָבן נאָך דער מלחמה בעלעטריסטיש מחיה־מתים געווען ברייטע געשיכטלעכע שטחים מזרח־איראָפּעישן יידנטום.

הגם טעמאַטיש, פיזאָנאָמיש און טיפּאָלאָגיש רעדט זיך ביי די דערמאָנטע יידישע קינסטלער וועגן רעגיאָנעלע און טאָפּאָגראַפישע אָפּשניטן פונעם יידישן נעכטן אין ווילנע, וואַרשע און אַנדערע מקומות פונעם יידישן פּוילן, אָבער דורך זיי לייכט זיך דורך די גאַנצע אַלטע יידן־וועלט אין אַ קינסטלערישער געשטאַלטיקונג. דאָס דאַרף מען געדענקען ווען מען לייענט אויך די נאָך־מלחמהדיקע שאַפונגען פון יחיאל האָפער („אַ הויף אויף פּאָקאָרנע״; „אַ הויף אויף מוראַנאָוו״; „ר׳ זלמן״ און „ר׳ תנחום״) — ווערק וואָס האָבן באַלעבט דעם חסידיש־נגידישן טייל פון יידישן פּוילן, ווי טרונק האָט עס געטאָן אויף זיין אופן אין זיינע ווערק. צוזאַמען מיט די מחברים מאַכן מיר דאָך אויך ליטעראַרישע עקסקורסיעס אין דער אַלטער היים און הערן זיך צו צו די מענטשן מיט זייער לשון, וואָס פאַרשפּיגלט זייער אינערלעכע גייסטיקע וועלט מיט איר ליכט און ניגון, צו וועלכן די נייע דורות האָבן שוין צוגעגעבן אַנדערע ווערטער...

איך האָב אויבן באַנוצט דאָס וואָרט תחית־המתים. אויף אַ געוויסן אָרט טוט יחיאל האָפער אַ זאָג: — וואָס, איר גלויבט נישט אין תחית־המתים? אַ נאַרישקייט! אין זין פון קולטור איז בכלל קיין טויט נישטאָ. און נאָך אַ זאָג פון זעלבן מחבר וועגן דער קינסטלערישער רעסטאַווּרירונג:... אַזוי האָט גאָט גענומען דאָס אַש פון חורבן יידישן לעבן, פון די חרובע יידישע שטעט און היימען און עס אַרונטערגעלייגט דעם יידישן שרייבער צופוסנס און געזאָגט: דיר גיב איך איבער דאָס אַש, אַז דו זאָלסט אין שריפט אויפבויען צוריק דאָס, וואָס איז אין לעבן חרוב געוואָרן.

דער חורבן־מאָטיוו פאַרנעמט בלתי ספק אַ צווייטדריטל (אפשר מער נאָך) פון דער נאָך־מלחמהדיקער יידישער פּראָזע און פּאָעזיע. דער יידישער גערנגל אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן איז פאַרשפּיגלט אין די פּראָזע־ווערק און לידער־ביכער פון, כמעט, אַלע יידישע שרייבערס. אין דער ליריק און עפּיק איז געשטאַלטיקט געוואָרן דער בלוטיקער מבול מיט די אַלע שוידערלעכע בילדער און שילדערונגען פון דעם עמק הבכא; די סוביעקטיווע איבערלעבונגען און זייער גורל־דערקענטעניש. אין אָט דער אָנגעגליטער אַטמאָספער, ווו טראַגיק און פאַרלוירנקייט פון מענטש איז געווען די דאָמינאַנטע—און דאָך איז אין דעם אָקעאַן פון דער שוידערלעכער יידישער פּיין אָנגעגאַנגען אַזאַ אויסערגעוויינלעך מסירת־נפשדיקע הילף־ און קולטור־אַרבעט אויפצוהאַלטן דעם גוף און די נשמה פונעם געפּייניקטן יידישן מענטש.

וואָס עס האָט געפאָדערט אויפצוהאַלטן די פונקען פון מענטשלעכקייט אין אַ ים פון אוממענטשלעכקייט — אָט די גייסטיקע גבורה

איז געשטאַלטיקט געוואָרן ביי ישעיה שפּיגעל, חוה ראָזענפאַרב, לייב ראָכמאַן, יהודה עלבערג — אָנצורופן נאָר אייניקע נעמען פון די פילצאָליקע יידישע שרייבערס, וועלכע האָבן אין דער פּראָזע־קונסט געשטאַלטיקט די נשמה־איבערלעבונגען פון די געטאָ־יידן, וואָס זענען פאַרן קריג, ס'רוב דאָך געווען געוויינטלעכע יידן. אָבער די טראַגיש־אומגעוויינטלעכע צייט, האָט אַ גאָר גרויסן טייל פון זיי פאַרוואַנדלט אין גייסטיקע גבורים, וואָס האָבן אויפגעבליצט מיט אַ מענטש־דער־קענטעניש און נשמהדיקער גרויסקייט, וועלכע דאַרפן פאַראייביקט ווערן לדור דורות. אָט די שליחות האָט טאַקע דערפילט די קינסטלע־רישע יידישע חורבן־ליטעראַטור. יהודה עלבערג האָט איז זיין בוך „אויפן שפּיץ פון מאַסט" און אין דער דערציילונג „ורעק" געשילדערט פּלאַסטיש די פּיין און יסורים פון יידישן קינד אויף דער אַרישער זייט און אין געטאָ־גאַס. דער געראַנגל פאַרן נאַקעטן לעבן האָט דעם יידישן קינד געצוווּנגען אָנצוטאָן מאַסקעס פון הפקרדיקע גאַסן־יינגלעך, וואָס שטייען נישט אָפּ פון דעם פּוילישן טיפּ גאַסניינגל אין הפקרות און אין לשון, אָבער זיי טיילן זיך אויס פון די פּוילישע מיט דער הילף, וואָס זיי גיבן געהיים איינער דעם אַנדערן נישט אַריינצופאַלן צו די וואָס לויערן אויף די יידישע קרבנות.

ווי־העך אין געטאָ, וווּ די לופט איז געדיכט געווען מיט טעראָר און פּחד, שמוגלען די יידישע קינדער אַריין אַ ביסל שפּייז פון דער אַרישער זייט, אויסשטייענדיק די גרעסטע סכנות אַריינצופאַלן אין די הענט פון די וואָס פירן זיך אויף ערגער ווי חיות. אונדזער קינסטלערישע חורבן ליטעראַטור האָט אין אַ סך ווערק פאַראייביקט אָט די פּסיכישע אַנגסט־לעכע צאַפּלענישן פונעם יידישן קינד און זיינע טאַטע־מאַמע — פּנים אל פּנים מיט די רוצחים אין געטאָ־גאַס, ווי אין אויסבאַהאַלטענישן אויף דער אַרישער זייט.

דער יידישער ווידערשטאַנד דעם נאַצישן שונא איז בעלעטריסטיש פאַרשפּיגלט אין פיל פון די חורבן־שאַפונגען. און דערביי טאָר מען דאָך נישט אַרויסלאָזן פון אויג דאָס וואָס עס האָט דיכטעריש געפרעגט דער פריער דערמאָנטער פּאָעט און פּראָזע־קינסטלער חיים גראַדע. ער הערט די שאלה פון זיין פאַרטיליקטער מאַמען: „ווער האָט עס דיין האַרצן מיט שקר פאַרדאַרבן, /צו מאָנען בלויז ירושה און ווען בלויז אַרבן — /די גבורה פון העלד, נישט דעם צער פון קרבן?"

די יידישע חורבן־ליטעראַטור, אין איר קינסטלערישן לבוש, האָט געצונדן גאָר א סך נשמה־ליכט פאַר די פאַרשניטענע, פאַרטיליקטע און פאַראַשטע יידן, און אָט די נר תמידס האָבן נישט צו זיך קיין שום גלייכן נישט נאָר אין די ליטעראַטורן פון די אומות העולם, נאָר אויך נישט אין דער העברעישער ליטעראַטור, וואָס האָט נאָר אַ קליי־נעם חלק, און דאָס אויך ס'רוב איבערגעזעצט פון דער יידישער

קינסטלערישער פּראָזע און פּאָעזיע. דעריבער וועט דער קינסטלערישער אויסגעשריי: ממעקים קראַתיך פון דער יידישער ליטעראַטור אָפּקלינגען פאַר די קומענדיקע דורות.

שרייבט טאַקע דער פּאָעט אַהרן גלאַנץ לעיעלעס, אַרויסרופנדיק דעם גרויסן נביא ירמיהו פון עלטסטן ספר, ער זאָל אַריינגעבן דעם יידן־קלאָגנג אין אַ וועלט־געקלאָג און עס זאָל אָפּהילכן אויף באַרג און ברעג און שליאַך. און זאָל מיר דערלויבט זיין צו ציטירן אַ זיבן שורות נאָך פון זעלבן פּאָעט: הערכט, איר דורות נייע, איר פון צייטן העלע, וואָס וועלן עסן ברויט אין רו און טרינקען זון ווי וויין — / ביי דעם האָדסאָן, ביי דער ווייסל, אויך ביים דייטשן רהיין; / אין די טעג צעפלאַצטן קף־הקלע / האָט אַ ייד געשעמט זיך, וואָס עס שיינט די שיין, / און ביינאַכט דעם טויט גערופן, ווי אַ טרייסט און ברכה, / קעגן דעם פאַרראַט פון דער עפּאָכע. (אַ פּולישער ייד ביים האָדסאָן, ז' 19).

די חורבן־מאָטיוון אין דער יידישער פּאָעזיע זענען, אין כמות און איכות, אומפאַרגלייכלעך מערער און קרעפטיקער ווי אין דער קינסטלערישער פּראָזע. מיר וועלן דאָ נאָר אָנמערקן, אָנרופן בלויז די נעמען פון די מאַיאָרע יידישע דיכטער ווי: לייוויק, גלאַטשטיין, סוצקעווער, רחל קאָרן, חיים גראַדע און דער אויבן ציטירטער, גלאַנץ לעיעלעס און אהרן ציטלין — נאָר צו דערמאָנען געציילטע יידישע פּאָעטן פון אַ גרויסער פּלעיאַדע, וואָס האָבן אין פערזן געפורעמט און געשטאַלטיקט דעם יידישן בראָך אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע און אויך דעם חורבן אין רוסלאַנד (אויף די ליפּן איז דאָ איצט דער נאָמען פון יוסף רובינשטיין).

ביי די דערמאָנטע דיכטער איז אויסגעזונגען דער טרויער־ניגון פון חורבן־דור מיט אַזאַ קינסטלערישער געצוימטקייט, כדי די לופט פון די גריבער מיט די הרוגים און זייער געיאָמער זאָל נישט פאַרכליפּען דעם לעבנגעבליבענעם ייד. דעריבער איז דאָך דער אומקום־מאָטיוו אַרומגענומען געוואָרן מיט אַן עסטעטיזירטער דימענסיע צו סובלימירן דאָס מאָנסטרועלע. אין אַנבליק פון דער נעאָ־נאַצישער פאַרלייקענונג פון אונדזער „האָלאָקאָסט" קלינגען נביאיש־וויזיאָנעריש היינט גלאַטשטיינס שורות, געשריבן נאָך אין די צייטן איידער עס האָבן זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט די נאַצישע נעאָ־פּראָפעסאָרן. דער דיכטער זאָגט:

אונדזער אומגליק וואַקסט מיט יעדער שעה / און מען גלייבט אונדז אַלץ נישט / אַז מיר זענען נישטאָ. / מע וויל נישט הערן אונדזער קלאָגן, / אונדזער טויט האָט קיין וואָרצלען נישט געשלאָגן.

ווען מיר קוקן זיך אַרום אין דער היינטיקער וועלט און זעען, אַז ס'איז נישט אויסגעראָטן געוואָרן דער ווילדער האַס צוליב וועלכן עס

איז דאָך פאַרגאָסן געוואָרן אַזוי פיל יידיש און מענטשלעך בלוט, ווערט טאָקע אונדז אומהיימלעך אויפן האַרצן...

✶

דער אינסטינקטיווער אימפּולס ביים יחיד און ביי אַ פאָלק איז מתחייב די לעבנגעבליבענע צום ווידעראויפבוי פון דאָס פאַרניכטעטע. מיר זעען עס דאָך בעת נאָך אַן ערד־ציטערניש ווי פיבערהאַפט עס גייט אָן די אַרבעט צוריק אויפצושטעלן און באַנייען דאָס איבערגעגע־ריסענע יחידישע און פאָלקס־לעבן. און דאָס איז נאַטירלעך ביי אַלע פעלקער און אויך ביים יידישן פאָלק.

לייוויק האָט דעם אינסטינקטיוון אימפּולס געבראַכט צום קינסט־לערישן אויסדרוק אין זיין „אַ חתונה אין פערנוואַלד״, אויפצובויען אויפסניי דאָס חרוב־געוואָרענע יידישע הויז. דער דיכטער האָט אין זיין דראַמע געלאָזט זיך באַגעגענען די געשיכטלעכע צייט פון — מיינץ מיט דאַכאַו, צו ווייזן אי דעם קשר פון די תקופות אין דער יידישער געשיכטע און מאַרטיראָלאָגיע, און אַז די פאַרניכטונג און דער ווידעראויפבוי זענען געגאַנגען ביינאַנד אַמאָל, ווי אין אונדזער צייט. און לייוויק באַמערקט דאָרט נאָך: „דאָס וואָס יידישע ליפּן גיבן נאָך היינט אַ שמייכל איז פאַר זיך אַליין אַ גאולה־דראַמע״.

איך וויל דאָ אויך דערמאָנען דעם דיכטערס לידער, וואָס זענען אַריין אין דעם בוך „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים״, וועלכן ער האָט געשריבן אין די יאָרן 1946 ־ 1954. אין דעם אריינפיר צום לידערבוך שרייבט לייוויק אַזוי וועגן עפּלבוים: איך הער ווי ער זאָגט צו יעדן עפּל זיינעם און צו יעדן בלאַט זיינעם: האָט נישט קיין מורא וואָס איר דאַרפט סוף זומער אַרונטערפאַלן. איבעראַיאָר וועט איר צוריקקומען.

נישט אונטערגאַנג־שטימונגען, נאָר דער ווידעראויפבוי פון דאָס חרוב־געוואָרענע, איז דער געבאָט פון דער יידישער געשיכטע! נאָכן טרויעריקן האַרבסט מוז דער יידישער עפּלבוים צוריק באַנייט ווערן מיט נייע בלעטער און פרוכטן. און מען קען זאָגן, אַז בדרך כלל זענען מיט די חורבן מאָטיוון אין דער נאָך־מלחמהדיקער יידישער ליטע־ראַטור געגאַנגען פּאַראַלעל דער אימפּעראַטיוו פון ווידעראויפלעבונג און באַיאָונג פון די נייע יידישע ישובים אין דער מערב־וועלט. דער פּראָצעס איז גאָר נישט קיין לייכטער, מחמת די וואָס זענען צוריקגע־קומען פון טאַל זענען דאָך געווען פיזיש און פּסיכיש צעבראָכן און גייסטיק צעטומלט. אַ צעריסנקייט האָט געבושעוועט אין זייער יידישער און מענטשלעכער אינעווייניקייט. און פאַר דער ליטעראַטור איז געשטאַנען די האַרבסטע דילעמע: ווי אַזוי קען מען אָטעמען די לופט פון די לעבעדיקע און דערביי זיין דער אינסטרומענט פון די אומגע־בראַכטע? (אלי וויזעל).

איז געקומען אַזאַ פּראָזע־קינסטלער ווי יוסף אַפּאַטאָשו און האָט

אין זיינע נאָך־מלחמהדיקע היסטאָרישע ווערק געוויזן, ווי אַזוי דער ייד טראָגט אין זיך שטיקער יידישע געשיכטע און חרובע יידישע וועלטן, אָבער פּסיכיש האָט ער בשום אופן זיך קיין מאָל נישט אונטערגעבן דעם חורבן. (נאָך אַן אילוסטראַציע צו אַ־דעם געדאַנק: אַ ייד האָט געלערנט אין דער מסכתא זבחים וועגן מקריב זיין די קרבנות נישט אנערקענענדיק, פּסיכיש, רוימס פאַרניכטונג פון בית־המקדש — י. ק.)

דער געשיכטלעכער יידישער זיין און באַוווסטזיין האָט זיך אָנגע־שפּאַרט אויף דער הנחה, אַז גורלדיק פאַרן יידישן וועלט־פאָלק איז קיין מאָל נישט געווען דאָס וואָס איז חרוב געוואָרן, נאָר דאָס וואָס איז צוריק שפּעטער געוואָרן אויפגעבויט. דאָס איז געווען דער רעזער־וואַר וואָס האָט אויפגעהאַלטן דאָס פאָלק און דעם היסטאָרישן ייד. וועלכער האָט מיט זיין גלויבן און האָפענונג אויף בעסערע צייטן, נאָך יעדן קאַטאַקליזם, צוריק אויפגעשטעלט זיינע געצעלטן.

די היסטאָרישע ראָמאַנען פון שמואל איזבאַן מערקן אויך אָן אָט די אינעווייניקסטע דערקענטעניש פון די יידישע געשיכטלעכע געשעענישן, וואָס קענען אַריינגעבן אין אונדזער היינטיקן לעבן די וויטאַלע כוחות אויפצוהאַלטן דעם פאָלקס־קיום. מחמת, ווי מיר זעען היינט, שטייט דאָך אין צענטער פון דער נאָך־מלחמהדיקער יידישער וועלט דער צוזאַמענשטויס צווישן קיום־דראַנג — אינעם עכטן תוכיקן נאַציאָנאַלן זין — און די סטיכישע (נישט אידעאָלאָגישע) אַסי־מילאַציע־טענדענצן, וואָס געפינען זיך אין אַ פּערמאַנענטן „דיאַלאָג".

איר זעט עס אויך אין ש. אַפּטערס ראָמאַן די פרייסינגערס אַרום די קאָנפליקטן און שטרויכלונגען פונעם נייעם יידישן לעבן און אין אַמעריקע צווישן די וואָס דערווייטערן זיך פון יידישן שטאַם און די וואָס אידענטיפיצירן זיך מיט אים.

אמת, אַז אָט די צוזאַמענשטויסן האָבן זיך שוין בולט געקענטיקט נאָך פאַרן קריג אין פּוילן און מזרח־אייראָפּע (פון מערב־אייראָפּע — שוין אָפּגערעדט). אָבער דאָ ווו דער שטאָם האָט געהאַט אַזעלכע טיפע וואָרצלען, האָט די סכנה פון קיום פאַרן פאָלק נישט אַזוי שאַרף באַדראָט, ווי היינט אין די נייע ישובים. דער יידיש־שרייבער וואָס איז נאָך דער מלחמה מיטגעוואַנדערט מיטן פאָלק פון לאַנד צו לאַנד, האָט זיך צוגע־קוקט צו די שווערע פּראָצעסן פון איינוואָרצלען זיך אינעם נייעם באָדן און פון קענען צונויפשמעלצן דאָס נייע מיטן אַלטן, וואָס דער ייד האָט מיטגעבראַכט פון זיין חרוב־געוואָרענער אַלטער היים.

אָט דער „דיאַלאָג" וואָס גייט אָן אומאויפהערלעך צווישן נעכטן און היינט, און ווי אַזוי איבערצוּוואונדן די קולטורעלע און שפּראַכלעכע אָפּגעפרעמדקייט ביי די יונגע יידישע דורות אין דער נייער וועלט — דאָס איז דער סאַמע תמצית פון די גרונט־פּראָבלעמען אין דער

נאָך־מלחמהדיקער יידישער ליטעראַטור און פון אונדזער היינטיקן לעבן.

פאַר אונדז איז קיום נאָר אַ יידישער פּראָבלעם פון גרויסער נאַ־ציאָנאַלער באַדייטונג. אָבער, אין אַ געוויסן זין, איז עס דאָך אַן אוניווערסאַלער פּראָבלעם, וואָס באַגלייט דעם גייסטיקן און מאָראַלישן צושטאַנד פון דער נאָך־מלחמהדיקער וועלט. אויפן געדאַנק קומט מיר איצט אַ ציטאַט פון סאַלינדזשערס בוך „דער כאַפּער אין קאָרן!", וואָס שילדערט די היינטיקע יוגנט אין אַמעריקע. עס איז דאָ אַ מאָמענט ווען דער שילער, דער יונגער תלמיד האָלדען קאולפילד, עפנט זיך אויף פאַר זיין געוועזענעם לערער, וועלכער ענטפערט אַזוי זיין תלמיד: ... פיל, פיל מענטשן ווי דו האָבן זיך געזאָרגט צוליבן גייס־טיקן און מאָראַלישן צושטאַנד... אויב דו ווילסט קענסטו פון זיי לערנען, מחמת זיי האָבן רעקאָרדירט און אָפּגעהיט זייערע זאָרגן, ספקות און זוכענישן. דאָס איז געשיכטע. דאָס איז פּאָעזיע.

די ליטעראַטור אין דער מערב־וועלט איז נאָכן לעצטן קריג פול געוואָרן מיט די פּראָבלעמען פון אַליענאַציע, פאַרלוירנקייט און איינ־זאַמקייט, וואָס האָבן נישט, לרוב, קיין אויסגעשפּראָכענע ספּעציפישע און נאַציאָנאַלע פאַרב, מחמת זיי זענען אין תוך גענומען אוניווערסאַלע פּייזאַזשן פון אונדזער ווירקלעכקייט. אָבער אינעם נאָך־מלחמהדיקן יידישן לעבן זענען אַליענאַציע און אַסימילאַציע־טענדענצן געוואָרן שטאַרק גורלדיק פאַר אונדזער קיום. דערביי האָבן מיר דאָך נישט צו טאָן מיט אַן אַסימילאַציע אַלס אַ באַוועגונג, ווי בעת דער יידישער עמאַנציפּאַציע־פּאַזע (ריכטיקער: פּאַזעס) אין דייטשלאַנד, וועלכע איז דעמאָלט האָך געווען אויסשליסלעך דער אויסדרוק פון אַ דעגענעראַ־ציע־פּראָצעס, פונעם אַטראָפירטן יידישן געפיל און באַוווסטזיין.

גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער טראָגן היינט די אַסימילאַציע־שטראָמען אין אונדזער צייט און אין דער מערבדיקער וועלט. זיי בושעווען, אָבער אָן די אידעאָלאָגישע פּרינציפּן און שטרייטן, ווי אין די אַמאָליקע צייטן. די נאָך־מלחמהדיקע וועלט איז אַן אָפענע און ס'איז געוואָרן פאַרן יונגן דור זייער לייכט אַריבערצושפּאַנען, נאַציאָנאַל־קולטורעל, די גרענעץ־ליניע, וואָס טיילט אָפּ די יידישע סביבה פון דער אַרומיקער אין לאַנד, אין וועלכער מען פאַרשווינדט פונעם אייגענעם פאָלק. דער אַטראָפירטער יידישקייט־געפיל ביים רוב מנין פון אונדזערע נייע דורות איז טעמאַטיש געשטאַלטיקט געוואָרן אין די ווערק פון שלום אַש, יוסף אָפּאַטאָשו, משה דלוזשנאָווסקי — אַנצורופן נאָר עטלעכע נעמען פון צענדליקער נאָוועליסטן און דערציילערס, וועלכע האָבן אין זייער נאָך־מלחמהדיקן שאַפן אַרויסגעהויבן דעם ריס צווישן דורות אינעם נאַציאָנאַלן זין.

איך האָב אין שייכות מיט דעם קינסטלערישן תחית המתים פון חרוב־געוואָרענעם יידישן שטייגער־לעבן אין פּוילן דערמאָנט די רע־

גיאָנעל־געאָגראַפישע שאַפונגען, וואָס זענען אין תוך געגומען כאַראַקטעריסטיש פאַרן מזרח־אייראָפּעישן אַלגעמיינעם יידישן לעבן. דאָס זעלבע לאָזט זיך דאָך זאָגן וועגן די ווערק, למשל, פון הערץ בערג־נער אין אויסטראַליע, אָדער פון אהרן פייערמאַן אין אַרגענטינע וועגן די נייע יידישע ישובים.

די לאָקאַלע פאַרב פאַרדעקט נישט דעם אַלגעמיינעם פּראָבלעמאַטישן כאַראַקטער פון כמעט אַלע יידישע ווינלעגדער אין דער נאָך־מלחמה־דיקער וועלט. נאָר די נאַטור־לאַנדשאַפטן און פּייזאַזשן זענען אַנדערש אין דרום־אַמעריקע, צי אין דרום־אַפריקע אָדער אויסטראַליע, אָבער די נשמה־פּייזאַזשן פונעם יידישן לעבן זענען די זעלבע.

רעדן מיר דאָ נישט סתם וועגן יוצא־דופנדיקע פאַרשווינען, וואָס זענען נישט כאַראַקטעריסטיש פאַרן כלל, נאָר וועגן דעם ייד ווי אַזעלכן מיט זיינע אַנגעלאָדענע געדיכטע פּראָבלעמען אין זיין משפּחה; זיינע געראַנגלען ביים צופּאַסן זיך צו דער נייער סביבה און דערביי זאָרגן פאַרן יידישן אויפהאַלט אין אָט דער נייער וועלט; מיטן „אויס־גריינען" זיך זאָל נישט פאַרשווינדן זיין צוגעבונדנקייט צום אייגנס, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט איבער שבעה ימים. אָט דער פּראָבלעם פון איינוואָרצלונג קאָנטראָ אויסיידישונג — וואָס האָט פּאַקטיש באַגלייט דער יידישער געשיכטע אין אַזוי פיל תקופות און קרייצוועגן אויף דעם יידישן וויטערגאַנג — איז טעמאַטיש, טיפּאַזשיש און נשמה־פּייזאַ־זשיזש דער דראַמאַטישסטער אין אונדזער הייניטיקער יידישער ליטע־ראַטור.

אין די אימיגראַציע לענדער איז אויפגעגאַנגען אַ ניי יידיש לעבן, וואָס וויל נאַציאָנאַל שלאָגן וואָרצלען. און אָט די טאָפּאָגראַפישע און געאָגראַפישע נייע אָרטשאַפטן זענען געשטאַלטיקט און געפורעמט, בעט־לעטעריסטיש, אויף ברייטע און שמאָלע לייוונטן, אויף וועלכע עס וויקלען זיך אויף יידישע און מענטשלעכע גורלות — מיט מער אָדער ווייניקער קינסטלערישער הצלחה. אָט די תוכיקע טעמאַטיק איז באַ־האַנדלט געוואָרן אין פאַרשידנפאַרביקע ווערק, פון יידישע שרייבערס, וואָס לעבן און שאַפן אויף פאַרשידענע קאָנטינענטן און ווינלענדער פון דער נייער וועלט. זיי אָפּערירן מיט אַ פאַרשידנאַרטיקער בעלעטריסטישער טעכניק, אָבער אַלץ איבער אַן אוניווערסאַלער היינט־צו־טאָג יידישער הויפּט־פּראָבלעמאַטיק, וועלכער מיר האָבן אויבן באַרירט.

דאָס ברענגט אונדז איצט צו דער פערטער דימענסיע פון דער נאָך־מלחמהדיקער יידישער ליטעראַטור צום אויפקום און צו די פּראָבלעמען פון מדינת ישראל.

איך מיין נישט די שטאַמפּאַוונע, מליצהדיקע, רעטאָריק און פּאַטעטיק, וואָס מיר טרעפן אין קורצע אָדער לענגערע שורות דורך

שטאַרקע שטימבעבדער... איך האָב דאָ אין זינען די קינסטלערישע ווערק — אין פּראָזע און פּאָעזיע — מיט אַ ישראל־טעמאַטיק פון דויערנדיקע ווערטן.

איך וואָלט דאָ געקענט אָנרופן אַ גאַנץ היפּשע פּלעיאַדע נעמען פון גרויסע יידישע פּאָעטן און אויך פּראָזע־קינסטלער, וועלכע האָבן געשטאַלטיקט אין זייער שאַפן די „גייסטיקע ערד" פון ישראל (אברהם סוצקעווער) און די מענטשן פון לאַנד, די אַלט־איינגעזעסענע און די נייע עולים און די פאַרשידענע שבטים מיט זייערע פּראָבלעמען, ראַנג־לענישן, דורכפאַלן און דערגרייכונגען. אָבער דאָס איז אַ טעמע פאַר אַ באַזונדער גרעסערער אָפּהאַנדלונג.

און טאַקע מחמת דעם, וואָס כ'וויל דאָ נישט אַריינפּאַקן אין אַ סדום־בעטל דאָס געאָ־פּאָליטישע און דעם גייסטיקן פּנים פון לאַנד, פון דער יוגנט, און פון דעם קאָנפליקט — יידן און אַראַבער — אָנצו־מערקן בלויז אַ טייל פון די פּראָבלעמען מיט וועלכע עס ראַנגלט זיך די מדינה זינט איר אַנטשטייאונג.

לשבח פון דער יידישער ליטעראַטור, דאַרף מען דאָ באַטאָנען, וואָס זי האָט זיך שאַפעריש אָפּגערופן אויף ליכט און שאָטן־זייטן פון לאַנד, זינט דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה. שוין אָפּגערעדט, וואָס נאָך פאַר דעם, האָט אַ יידישער שרייבער פון אַזאַ קאַליבער, ווי שלום אַש, אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור „דאָס געזאַנג פון טאָל".

יידישע שרייבערס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר די „אַנטדעקערס פון ישראל־פּייזאַזש" (לדוגמא, מענדל מאַן). יידיש לשון איז צוגעגאַנגען צו דער אוראַלטער און נייער ישראל־לאַנדשאַפט, אויפצונעמען איר ניגון און לשון, די ענלעכקייטן אין די דרכים פון מענטש און פלאַנץ. אויך די טראַנספאָרמאַציע לגבי יידיש לשון, אָנהייבנדיק פון אַמאָל, ווען מ'האָט יידיש פאַרגעוואָרפן, אַז זי איז „די שפּראַך פון איטשע מאיר — דעם הפקר־מענטש" (זע: „פון אָנהייב אָן" פון יעקב צבי שאַרגעל), ביז דעם העברעישן טאַלענטירטן יונגן שרייבער עמוס עוז, וואָס האָט געזאָגט צו מענדל מאַן: „איך וועל מיין פאָטער קיין מאָל נישט שענקען הלמאי ער האָט נישט געהאַט קיין גוט וואָרט פאַר יידיש. איך באַדויער דאָס אַזוי... ווי אַזוי קען מען זיין אַ פולער ייד אויב מען קען נישט קיין יידיש?" („פון גולן ביז שאַרם־אַ־שייך").

האָב איך נאָר דאָ אָנגעמערקט די ראשי פּרקים פון דער ישראל־דימענסיע אין דער יידישער ליטעראַטור. און אָט די אַלע דימענסיעס צוזאַמען, וועלכע איך האָב אַרויסגעהויבן אין דעם איבערבליק, זענען פאַרבונדן און דורכגעדרונגען מיט די נאַציאָנאַלע קיום־פּראָבלעמען זינט אונדזער גרויסן חורבן, און מיט דעם פאָלקסווילן, וואָס זאָגט: איך וויל ממשיך זיין ווייטער!